STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00286

# DOS MAYSE-BUKH FUN MAYN LEBEN

Melech Ravitch

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Eliot & Susan Black*
*in memory of*
*Louis Black*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ ל ך  ר אַ ו ו י ט ש

# דאָס מעשה־בוך פון מיין לעבן

ביכער-סעריע

# דאָס פּוילישע ייִדנטום

## 161

רעדאַקטאָר:
מאַרק טורקאָוו
פאַרלאַגס-לייטער:
אברהם מיטלבערג

מ. פייגענבלום

די רשימה פון די דערשינענע ביכער צום סוף פון בוך

מלך ראַוויטש

# דאָס מעשה־בוך פון מײַן לעבן

פון די יאָרן:

1893 ביז 1908

אילוסטרירט מיט האָלץ־שניטן

פון

אַדרי בערגנער

*

ארויסגעגעבן דורכן

צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע

בוענאָס־איירעס, 1962 — התשכ"ב

MELECH RAVITCH

# Dos Ma'aseh-Buch fun main Lebn

**1893 - 1908**

**(The Ma'aseh-Book of my Life)**

M. RAVITCH, 11 Cote Ste Catherine, Montreal, Canada

# אַ דאַנק

מיינע לאַנג־יאָריקע פריינד
לייב און מאַשאַ ראָסקעס
פאַר זייער איניציאַטיווע אַרויסצוגעבן
אין עטלעכע בענד
„דאָס מעשה־בוך פון מיין לעבן".
זייער איניציאַטיווע איז אויך צו פאַרדאַנקען
דאָס דערשיינען פון דריי בענד
„מיין לעקסיקאָן"
און „די לידער פון מיינע לידער".
אַ דאַנק אַלע אינסטיטוציעס און
יחידים, וואָס האָבן ביגעטראָגן
זייער חלק.

מאָנטרעאָל, דעצעמבער 1961.

דער מחבר

# אינהאַלט


אמר המחבר — — — — — — — — — — — — — — — — 9
קליינער משפּחה־חשבון... — — — — — — — — — — — 13
אַ מעשה מיט אַ קינד, וואָס איז געבוירן געוואָרן מיט געזאַנג 19
ואמר לך — בדמיך חיי — — — — — — — — — — — 22
זיגמונט — — — — — — — — — — — — — — — — 26
מיין סאָמע — סאָמע ערשטע ליבע — — — — — — — — — 32
איינמאָל אין מיין לעבן געווען שיכור און די מעשה דערפון 35
אַ רויט, סאָמעטן קליידעלע — — — — — — — — — — 39
מיין ערשטע רייזע אין דער וועלט אַריין — — — — — — — 42
שדים און שרעקלעכע געשטאַלטן — — — — — — — — — 46
ויקרא — און ער האָט גערופן... — — — — — — — — — 51
צוויי מאַראַנצן — — — — — — — — — — — — — — 57
אַ הזכרה נאָך אַ קייזערין — — — — — — — — — — — 62
דער קליינער ראַכמיסטש — — — — — — — — — — — 67
יאַנעק — דזבאַנעק — — — — — — — — — — — — — 73
אַ גרייצער און אַ צוקערל — — — — — — — — — — — 78
שאַרלעך — — — — — — — — — — — — — — — — 83
מיין ערשטער עפנטלעכער אויפטריט — — — — — — — — 88
דער ערשטער טאָג מיינער אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט 91
דער קייזער... אין אַ פּאַרטאָג — — — — — — — — — — 94
די סצענע אין דער אַלטאַנקע — — — — — — — — — — 100
נאַפּטאַלקאָ — — — — — — — — — — — — — — — 105
דער חתן — אַן אַלטער מלמד, די כלה — אַ יונגער בעלפער 113
פאַנדזיאָ — — — — — — — — — — — — — — — — 118
דאָס ערשטע ליד מיינס — — — — — — — — — — — 125
די לערערין מאַריאָ מאַטקאָווסקאָ — — — — — — — — 133
טאַדזשקאָ און אַוואַלדי — — — — — — — — — — — 139
גייסטער־טישעלעך — — — — — — — — — — — — — 144
אַ געשריי און אַ פלעמל אַרום אַ ברונעם — — — — — — 153
דער לערער שטרייכער — — — — — — — — — — — — 160
אַ וויסטער חלום — — — — — — — — — — — — — 165
די קאַמעניצע — — — — — — — — — — — — — — 169
פּעפּאָ — — — — — — — — — — — — — — — — — 174

אַ מלחמה אויף דער פּאַטשינע — 181
אַ געשלעג אין דער משפּחה — 188
גימנאַזיע — 195
סרולי דער גלעזער — 201
אורחים אויף שבת — 206
די שריפה פון דער גרויסער שיל — 214
חנה — 223
ווייסע הענער — 228
אַלטע מטבעות — 233
בוזיאַ, שוניאַ, ניוניאַ און רוזיאַ — 240
מיין טאַטנס קליידער־שאַפע — 247
דריי מאָל האָב איך מיין טאַטן נישט דערקענט — 256
די ווינער לאָטעריע — 260
דריי יינגלעך און אַ זון־אויפגאַנג — 266
דער סאַן — 272
אַן אומהיימלעכע מעשה — 280
די פויגלשטייג — 284
שיכורע לערערס — 290
די קלוגמאַנס — 298
דגל יהודה — 307
מאָטע — 315
קשיוואָנאָס — 319
מיין טאַטנס און מיין מאַמעס ניגונים — 325
באַנקן, וועקסלען און פּראָטעסטן — 331
אַ שבת מיט געזאַנג און מיט טויט — 337
זילבערנע סדרים, וואָס זענען געוואָרן שוואַרץ — 340
מיין באָבע בלימע, דער מלאך המות און איך — 348
אַ ברודער ווערט מיר געבוירן — 352
דער באַלקאָן — 360
יעווקאַ, קאַראָלאַ און מאַלאַ — 367
דער זיידע רב יאָסל וויל ווערן אַ חתן צו 78 — 374
„דו וועסט זיין אַ באַנק־דירעקטאָר!"... — 382

Polały się łzy me, czyste, rzęsiste,
Na moje dzieciństwo, sielskie, anielskie,
Na moją młodość burną i chmurną,
Na mój wiek męski, wiek klęski.
Polały się łzy me, czyste, rzęsiste.

(Adam Mickiewicz)

## אמר המחבר;

אַ בוך אָן אַ הקדמה איז ווי אַ גוף אָן אַ נשמה — זאָגט אַ פאָלקס־ווערטל, איז זאָל־זשע כאָטש זײַן אַ קורצע הקדמה.

די זון פון לעבן זינקט גיך און גיכער אונטערן האָריזאָנט. דער גילגול ענדיקט זיך. שוין איז דאָ אין אים די הרגשה פון נײַעם גילגול, נײַעם אויפגאַנג, נײַעם טאָג. ווײַל אָבער יעדער גילגול איבערלאָזן נאָך זיך די סימנים פון זײַן קרײַז, זײַן וואַנדערונג, זײַן געווען דאָ־זײַן.

יעדן יחידס לעבן איז אַ בוך, אַמאָל אַפילו אַ ספר. דער חילוק איז נאָר, אַז אַ שרײַבערס לעבנס־בוך קען אויך זײַן אַ געשריבן בוך. האָב איך מײַנס צום טייל שוין אָנגעשריבן — און אויב דער בורא־וממית־גילגולים וועט באַוויליקן, וועל איך עס אויך דערשרײַבן.

דערווײַל דערלאַנג איך צווישן אָט די טאָוולען די ערשטע יאָרן — 1893 ביז 1908 — צעטיילט אויף 64 מעשיות. זיי זענען אַזוי געשריבן, אַז יעדע מעשה איז אַ מעשה פאַר זיך. פונקט ווי יעדער טייל איז און וועט זײַן אַ בוך פאַר זיך. צוזאַמען: דאָס מעשה־בוך פון מײַן לעבן.

אַלע געשטאַלטן אין דעם בוך זענען אין אים דאָ מיט זייערע אמתע נעמען און זייערע מעשים, אַזוי ווי איך האָב זיי געזען, אויפגענומען, גע־פילט און פאַרשטאַנען לויט מײַן בעסטן וויסן און געוויסן בשעת מעשה

אַמאָל און בשעת מעשה — דערציילן — היינט. די דיאַלאָגן זענען, נאַטיר־לעך, רעקאָנסטרויִרט אַרום די אַקסן פון איינצלנע פּאַרגעדענקטע ווערטער.

הערנדיק און פילנדיק — און אויך האָרכנדיק — די אויסערלעכע פליכט און דעם אינערלעכן צוואַנג דאָס מעשה־בוך פון מיין לעבן צו שרייבן — טו איך עס. בין מיך מצרף צו די פיל מנינים ייִדישע זכרונות־שרייבער פון איינער אַ וועלט, וואָס איז נישטאָ מער — ווי י. י. זינגער ז״ל האָט עס פאָרמולירט — און אַ צווייטער, ווייטערדיקער, וואָס פאַרגייט גיך און גיכער, איידער די נייע קומט אויף.

אַלץ פליסט און פאַרגייט — קען זיין אַן אַ ציל, אפשר צו אַן אומבאַ־קאַנטן געטלעכן ציל. טאָמער וועט אַמאָל עמעץ פרעגן: ווי אַזוי האָט אויס־געזען דאָס אייביקע פליסן, דער גאַנג און פאַרגאַנג פון דורות? איז נאָר און איינציק מיט דער הילף פון אותיות און פּאַפּיר קען אים אַמאָל גע־געבן ווערן אַן ענטפער. ווייל פּאַפּיר איז נישט נאָר געדולדיק, נאָר אַפילו אייביק.

ווי מען דאַרף זיך נישט פאַרענטפערן פאַר שעפּן אַ טרונק וואַסער פון גאָטס אַ ברונעם — אַזוי דאַרף מען זיך נישט פאַרענטפערן פאַר נע־מען דעם נאָמען פון **דעם** בוך, פון דעם שוין כמעט פיר הונדערט יאָר אַלטן ייִדישן „מעשה־בוך״.

***

גיי דיר געזונט, דו מעשה־בוך פון מיין לעבן, מיין איצטיקן גילגול, גיי אַוועק פון מיר און בלייב — אַליין שטאָט מיין לעבן און מיין לייב. עפן דיך, בלעטער דיך, ווער געלייענט, ווער איבערגעלעבט.

***

פאַרשידן זענען געווען און זענען די מזלות פון די צענדליקער — און אפשר הונדערטער — איך האָב זיי נישט געציילט — געשטאַלטן פון דעם מעשה־בוך.

אוי, ווי פאַרשידן!

הערט לדוגמא. די סאַמע נאָענטסטע משפחה: דער טאַטע מיינער איז נפטר געוואָרן אויף זיין בעט מיט אַ נאַטירלעכן טויט קנאַפּ ערב דעם דריטן חורבן. די מאַמע איז אומגעקומען אין בעלזשעץ אין יאָר 1942. דער

עלטערער ברודער איז אַוועק מיט זיין אייגענעם ווילן, צו זיינע 28, אין ווין — אין יאָר 1921. דער יינגערער ברודער לעבט און שרייבט אין אויס־טראַליע. און איך זיץ אין קאַנאַדע — נאָך אַ לעבן פון וואַנדערן און וווינען אין אַלע פינף טיילן פון דער וועלט — און שרייב דאָס מעשה־בוך.

***

ווי אַלע מיינע ביכער שוין זינט צוויי צענדליק יאָרן — איז אויך דאָס בוך מיט ליבשאַפט צוגעטראָגן מיין לעבנס־באַגלייטערין ר ח ל א יי ז ע נ ב ע ר ג.

מ. ר.

מאָנטרעאָל, דעצעמבער 1961.

# קליינער משפחה־חשבון...

## דער זיידע פון דער מאַמעס צד

בין איך אַזוי געזעסן דאָ אַנומלט אויף אַ גאָרטן־באַנק און עס איז מיר איינגעפאַלן צו טראַכטן וועגן מיינע זיידעס. געוויינטלעך — צוויי. איינער פון דעם טאַטנס צד און איינער פון דער מאַמעס. און עס איז מיר איינגעפאַלן, אַז נאָך אָפּליגן איבער פערציק יאָר אין די קברים — דער ערשטער אין סטאַניסלע און דער צווייטער אין רעדים, ביידע אין גאַליציע — זענען זיי אויפגעשטאַנען אַ קוק טאָן אויף דעם תכלית און נחת פון זייערע משפחות. דער ערשטער האָט געהייסן זעליג און דער צווייטער יאָסל. אַ מאָדנער ריטעם איז געווען אין זייערע משפחות. ביידע האָבן זיי נאָר איינמאָל אין לעבן חתונה געהאַט. זיידע זעליק האָט געהאַט פיר זין און פיר טעכטער. זיידע יאָסל האָט געהאַט דריי זין און דריי טעכטער. דאָס זענען די קינדער, וואָס האָבן זיך אויפגעכאָוועט. חוץ דעם האָט יעדער פון זיי נאָך געהאַט צו אַנדערטהאַלבן מאָל אַזויפיל קינדער, וואָס האָבן זיך נישט געכאָוועט. אַזוי איז דאָס געווען אַמאָליקע צייטן — עפּעס אַזוי ווי פלעווע אויף די בייטן, וואָס דער מלאך־המות אַליין האָט געפלעגט אויסצויעטן אין פאַרלויף פון די ערשטע יאָרן פון די פאַרמשפטע קינ־דערלעך... אָבער דאָס וואָלט אונדז אַוועקגעפירט צו ווייט, ווען איך וואָלט אין דעם קליינעם משפחה־חשבון געמאַכט אַ חשבון פון אַלע מיינע צוועלף פעטערס און צוועלף מומעס. איך וועל נאָר מאַכן, בכן, אַ חשבון פון דעם נאָכוווקס פון די זעקס קינדער פון מיין זיידן יאָסל ראָזענבלאַט פון רעדים. און אויב איך וועל דאָ, אָדער דאָרט מאַכן אַ טעות, איז נישט במזיד. אָט איז דער חשבון, זיידע יאָסל פון דער מאַמעס צד: (נישט אַלץ וועל איך דיר אויסזאָגן. אַביסל וועל איך דיר זאָגן בלויז ברמיזה. עס איז דאָך אַ חשבון בפרהסיא...).

## די מומע מירל

די מומע מירל איז געווען די עלטסטע פון זיידע יאָסל, געבוירן אין יאָר 1847, ווען דער זיידע איז קוים זיבעצן יאָר אַלט געוועזן. צו די 13 האָט זי חתונה געהאַט און געהאַט 24 קינדער. צוועלף זענען געבליבן. 7 זין און 5 טעכטער. די זין האָבן זיך צעשאָטן איבער דער וועלט. אייניקע האָבן חתונה געהאַט מיט נישט יידישע טעכטער. איינער איז געפאַלן אויף דעם איטאַליענישן פראָנט אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. אַנדערע זע־נען געשטאָרבן אָן קינדער צווישן די צוויי וועלט־מלחמות. ערגעץ ווו איז אָן אייניקל פון דער מומע מירל אין אויסטראַליע — דאַכט זיך. פון די פינף טעכטער האָט בלויז די יינגסטע חתונה געהאַט און קינדער געהאַט. און ערגעץ־ווו, דאַכט זיך, איז אירער אַ זון אין דרום־אַמעריקע. פיר טעכ־טער זענען פאַרזעסן און שוין מיט גרויע צעפּ זיך דערוואָרט אויף דער קרעמאַטאָריע. איין טאָכטער איז אין די יונגע יאָרן אינגאַנצן אַרויס לתרבות רעה. און נאָר פון איין זון דעם ראשית אונה איז געווען אַ סך נחת. ער האָט געהאַט אַ סך קינדער. אַריינגעפאַלן אַליין אין אַ „שמאַלצגרוב״ און זיך שפּעטער מתחתן געווען מיט דייטשע רבנים, און ערגעץ־ווו זענען זיינע קינדער און קינדס־קינדער אין מדינת־ישראל. און דער גענויער חשבון פון דער משפּחה איז מיר אינגאַנצן נעלם געוואָרן. קיין איין אַדרעס פון זיי אַלע האָב איך נישט.

## דער פעטער נח

נח איז געווען דער צווייטער אין דער רייע. אַ קליינער מיט אַ באָרד ביזן גאַרטל. צוויי זין און איין טאָכטער זיין אייגנס. איינער — אַביסל אַ חסר־דעה. די אַנדערע האָבן חתונה געהאַט. די טאָכטער האָט געוווינט אין לעמבערג. פאַרלענדט געוואָרן אין די קרעמאַטאָריעס אָן אַ שפּור און אָן אַ סימן. אַזוי ווי זייער פאָטער, אַזוי זענען אויך זיי נאָכגעגאַנגען איי־ביקע אומגליקן. זיי זענען געווען שעמעוודיקע מענטשן, זייטיק געגאַנגען און זייטיק ערגעץ נעלם געוואָרן. אַלע.

## די מומע לייטשע

צוויי זין און צוויי טעכטער האָט די מומע לייטשע געהאַט. די ער־

שטע טאָכטער פון ערשטן מאַן, וועלכער איז געשטאָרבן באַלד נאָך דער חתונה, האָט געהאַט אַ סך קינדער. און אַט איז דער סך־הכל פון דער מומע לייטשעס אייניקלעך. זייערע אַלע מזלות זענען מיר געווען באַקאַנט. די פיר קינדער זענען אַלע אומגעקומען אין די נאַצי־יאָרן. געווען אַלע אין גאַליציע. איינער פון אירע זין, אינזשעניער גוט, איז געווען צווישן די 400 אומגעבראַכטע אינטעליגענטן אין פשעמישל ביים נאַצישן אַריינ־מאַרש. דער סאַמע ערשטער נאַצי־קרבן אין אונדזער משפחה. סעפּטעמ־בער 1939. זיין זון — די שוואַרצהנעוודיקע שיינקייט אַליין — איז דורכ־געגאַנגען שבעה מדורי גיהנום און איז היינט אַן אינזשעניער אין ענג־לאַנד. פון דער עלטסטער טאָכטערס אַלע קינדער האָבן דריי איבערגעלעבט דעם דריטן חורבן, איינער איז אַ רעדאַקטאָר אין וואַרשע און האָט אַ זינדל. אַ טאָכטער, אַן אַלמנה איז אַ ספּעציאַליסטין פון דיעטעס אין אָקס־פאָרד. איין זון איז נאָכן פאַרענדיקן אַ גרויסן עלעקטרישן וואַסער־פּראָ־יעקט אין פּוילן, דערטרונקען געוואָרן אין זיין אייגענער וואַסער־דאַמבע. משפחה־ריווח לדורות — אַן אייניקל און צוויי אוראייניקלעך אין לאָנ־דאָן, אַן אוראייניקל אין וואַרשע. אַלץ איבעריקע נעלם.

## דער פּעטער נתן־נטע

דריי טעכטער און דריי זין זענען אויף דער וועלט געקומען. דער סך־הכל: אַ זון האָט קינדוויז דאָס לעבן פאַרלוירן אונטער די רעדער פון אַ וואָגן. אַ זון האָט זיך יונגערהייט אין דער שווייץ דאָס לעבן גענו־מען דורך דערטרינקען, דער דריטער, אַן אָפיציר פון דער פּוילישער אַרמיי, געשטאָרבן אין תל־אביב, באַלד נאָך דעם סוף פון דער צווייטער מלחמה, איין טאָכטער — אומגעקומען ביי די נאַציס, איינע ווינט אין ירושלים, איינע — אין דער שווייץ. פון דער גאַנצער משפחה — די איינציקע, וואָס האָט קינדער, צוויי זין. וווּנדערלעך שיינע מענטשן. האַלב־יידן נאָר. איי־נער איז אַן אוניווערזיטעטס־פּראָפעסאָר, איינער אַ פאַבריקאַנט. ביידע ערשטראַנגיקע אינטעלעקטואַלן. ביידע טיפנייגעריק צו וויסן וואָס מער וועגן זייער שטאַם פון דער מוטערס צד. און איך האָב זיי דאָ אַנומלט — אין יאָר 1956 — געמוזט אַ סך דערציילן וועגן דיר — עלטער־זיידע זייע־

דער, זיידע מיינער — יאָסל. דו ביסט פאַר זיי אַ מיסטעריע, אַ סוד, אַ געהיימע קראַפט, וואָס פליסט אין זייער בלוט. איינער איז ענלעך צו דיר — זיידע יאָסל — ווי אַ טראָפּן צו אַ טראָפּן. פון דעם טאַטנס צד שטאַמען זיי פון שווייצערישע גענעראַלן, דיינע מחותנים — זיידע יאָסל... ריווח פאַר משפחה לדורות און דערווייל פון פעטער נטעס דריי זין און דריי טעכטער — נישטאָ.

## דער פעטער מרדכי

דער פעטער מרדכי האָט „דערלעבט" דעם גאַז־אויוון אין בעלזשעץ. פון זיינע דריי טעכטער וווינען צוויי אין דער שווייץ. איינע האָט אַ זון.ביידע באַלאַנגען נישט מער צום יידישן שטאַם, נאָכגעגאַנגען נאָך די מענער זייערע. די דריטע האָט דורכגעמאַכט סיביר אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט עטלעכע קינדערלעך און וווינט אין אַ גרויסער אַמעריקאַנישער שטאָט. נהנה געווען פון דעם חסדר פון דער ספּעציעלער אַמעריקאַנישער קוואָטע אויף צו ליקווידירן די לעצטע יידן־לאַגערן אין דייטשלאַנד אין וועלכן זי האָט זיך געפונען נאָכן אומקערן זיך פון רוסלאַנד. ריווח לדורות — עטלעכע קינדער אין אַמעריקע.

## מיין מאַמע — הינדע

די דריטע טאָכטער פון מיין זיידן איז געווען הינדע — מיין מאַמע. געאָרעמט מיט איר אייביק־אומגליקלעכן ברודער מרדכי איז זי צוזאַמען מיט אים אַוועק אין דער קרעמאַטאָריע פון בעלזשעץ אין יאָר 1942 — צו אירע 72. דריי זין — איר אייגנס. דער עלטסטער האָט צו זיינע 28 — אין יאָר 1921, אין וויך, אָפּגעשלאָסן מיט זיין אייגענעם ווילן דעם חשבון מיט דער וועלט. צען יאָר איז ער פאַר דעם געווען אין ארץ־ישראל. ער איז געווען אַ מאָלער און נאָר־וואָס געהאַט אָנגעהויבן זיינע סטודיעס אין דער ווינער אַקאַדעמיע, נאָכן פאַרענדיקן די בצלאל־אַקאַדעמיע אין ירושלים. דער צווייטער זון מיין מאַמעס — איז דער שרייבער פון די שורות. ער האָט אַ טאָכטער אין אויסטראַליע און אַ זון אין מדינת־ישראל. און דער יינגסטער פון מיין מאַמעס דריי זין — וווינט אין אויסטראַליע.

דער דערציילער הערץ בערגנער. אונדזער מאַמע האָט געהייסן הינדע און דער טאַטע האָט געהייסן אפרים. און איינמאָל האָב איך ביי מיין זון, דעם מאָלער יאָסל בערגנער אין מדינת־ישראל (זיידע, מיר דאַכט זיך, אַז דער איינציקער נאָמען נאָך דיר אין אונדזער משפחה איז טאַקע מיין זון — יאָסל) געזען אַ בריוו פון זיין פעטער הערץ. איז אין דעם בריוו געווען אַ צושריפט פון הערצס איינציקן, דעמאָלט עלף־יאָריקן, זון אפרים צו זיין פלימעניצע הינדעלע — דעם טעכטערל פון מיין זון און זיין ווייב, אַדרי — פון אויסטראַלישן, נישט־יידישן אָפשטאַם. הינדעלע איז מיין איינ־ציק אייניקל. מיין מאַמעס איינציק אוראייניקל פון אירע דריי אייניקלעך. איך האָב דעם נאָר־וואָס דערמאָנטן בריוו געזען און די צושריפט דאָרט צען מאָל געלייענט מיט די אויגן; און שפּעטער האָט זי טויזנט מאָל ווי אַ רעפריין געזונגען אין מיין האַרץ: ווידער איז דאָ אַן אפרימל און טאַקע אפרים בערגנער, און ווידער איז דאָ אַ הינדעלע, און טאַקע הינדע בערגנער און זיי שיקן איינס דעם אַנדערן אַ גרוס. תחית המתים.

## סך־הכל פון קליינעם משפחה־חשבון

סטאַטיסטיש — ווייס איך נישט גענוי. אפשר אַ מנין און אפשר צוויי מנינים איז דער ריינער ריווח. מחמת אין מיין בילאַנץ איז דאָ איין גרויסע אומבאַקאַנטע פּאָזיציע. די ערשטע, די מומע מירל. יאָ, איין מנין איז אָבער זיכער. און געאָגראַפיש — ווערסטו זיי, זיידע יאָסל, דאַרפן זוכן אין אַזיע, אייראָפּע, אַמעריקע, אויסטראַליע. אפשר אויך אין אַפרי־קע, נאָר איך ווייס נישט דערפון. עטלעכע אוראייניקלעך דיינע טראָגן די קאָפּיע פון דיין פּנים, ווי אַ לעבעדיקע ירושה־מאַסקע, קיינער נישט דיין וואונדערלעכע באָרד. קיינער האָט אויך נישט געירשנט דיין פּאַטריאַר־כאַלישע רו, דיין גלויבן אין מאָרגן, איבערמאָרגן. האָב איך דיר געבראַכט אַ גרוס פון דיין מאָרגן, דיין איבער־איבערמאָרגן, זיידע יאָסל ראָזענבלאַט, פאָטער מיין מאַמעס.



# אַ מעשה מיט אַ קינד, וואָס איז געבוירן געוואָרן מיט געזאַנג

מיין טייער מאַמעלע איז קיינמאָל נישט מיד געווען מיר נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל צו דערציילן די מעשה, וויאַזוי איך בין געבוירן געוואָרן מיט געזאַנג. און איך בין קיינמאָל נישט מיד געוואָרן די מעשה צו הערן — צום טויזנטסטן מאָל — פונקט ווי צום ערשטן מאָל. און די מעשה איז געווען אַזאַ:

מיין מאַמע האָט נישט צו־יונג חתונה געהאַט — אירע צוויי שוועסטער צו פערצן יאָר און זי צו גאַנצע צוואַנציק — און אין יענע יאָרן האָט דאָס געהייסן שוין כמעט אַ פאַרזעסן מיידל. אָבער זי איז נישט געווען קיין פאַרזעסענע, ווייל זי איז געווען אַ שיינע און אַ געבילדעטע. זי איז נאָר געווען אַן איבערקלייבערין. זי האָט אונדז אַלעמאָל געזאָגט — אונדז, די דריי זין אירע — אַז זי האָט אונדז געזען אין אירע חלומות און זי האָט נישט געוואָלט, אַז אַבי־ווער זאָל זיין אונדזער טאַטע, נאָר זי האָט געוואָלט, אַז טאַקע אונדזער טאַטע זאָל זיין אונדזער טאַטע — און זי האָט אויסגעפירט. זי האָט אונדז אָפט — פון אונדזערע פראָנט־פענצטער אויף דעם ערשטן שטאָק פון דער קאָמעניצע, וווּ מיר האָבן געוווינט אין אונדזער שטעטל רעדים — אָנגעוויזן אויף פאַרבייגייענדיקע ייִדן מיט קאָלטענעוואַטע בערד און פאַרבלאָטיקטע קאָפּאָטעס, אַז זיי האָבן זיך געשדכנט צו איר, און שיר־שיר זענען זיי געוואָרן אונדזערע טאַטעס. אָבער זי האָט אויסגעפירט און האָט אונדז אויסגעקליבן אונדזער טייערן גוטן טאַטן, מיט די פלאַמענדיקע שוואַרצע אויגן און מיט זיין אַליוור־פאַרביקער הויט. וואָס „אַליוור־פאַרביקע” הויט איז, ווייס איך נאָך ביז היינט נישט, אָבער אַזוי האָט אונדזער מאַמע באַצייכנט דעם קאָליר פון אונדזער טאַטנס פנים. די אַנדערע נישט־דערגאַנגענע חתנים פון אונדזער מאַמען האָבן מיך נישט שטאַרק געאַרט — און נאָר פאַר איינעם האָב איך מיך

אַלעמאָל אַביסל געשראָקן — דער עיקר, ווען איך בין שוין געווען אַ וועג־געטאַריער. ער איז געווען אַ קצב...

אָבער וועגן וואָס דערצייל איך דאָ? איך דערצייל דאָ די מעשה מיט אַ קינד, וואָס איז געבוירן געוואָרן מיט געזאַנג...

איך בין געווען דער צווייטער אין דער ריי פון די דריי זין פון מיין מאַמען צום געבוירן ווערן. משה, מיין עלטערער ברודער, איז מיט דרייצן חדשים עלטער געווען פון מיר און הערץ, מיין ייִנגערער ברודער — מיט דרייצן יאָר ייִנגער. אַזאַ חשבון געווען ביי גאָט.

און משה איז געקומען אויף דער וועלט זייער שווער — כמעט אַ וואָך האָט ער געקלאַפּט אין די טויערן פון ד ע ר וועלט. אַז ער איז געבוירן געוואָרן, איז די מאַמע געווען אינגאַנצן שטום פון הייזעריקייט נאָך די טעג און נעכט פון שרייען און זיך בעטן ביים דאָקטאָר, אַז ער זאָל זי סמען. ערשט שטאָלערנע געבוירן־צוואַנגען האָבן זי באַפרייט פון אירע ליידן.

אָבער מיין טאַטע האָט געהאַט שוואַרצע ברענענדיקע אויגן און מיין מאַמען האָט ער זייער ליב געהאַט, און זי אים אויך, און עס האָט לאַנג נישט געדויערט און דאָס צווייטע קינד איז שוין געווען אויף די טרעפּלעך פון הימל אויף דער ערד אַראָפּ.... און אַז עס איז געקומען די שעה פון די ערשטע ווייען, האָט זיך מיין מאַמעלע שטאַרק געשראָקן. כאָטש די באָבע שיינדל, די געבורט־העלפערין פון אונדזער גאַנצן שטעטל, וואָס איז — אַזוי האָט זיך געדאַכט — קיינמאָל נישט יונג געווען און געהאַט אַ פּנים פון דער זאָרג פון דער גאַנצער וועלט — האָט דער מאַמען געזאָגט, אַז דאָסמאָל וועט זי לייכט האָבן — האָט זיך אָבער די מאַמע נישט גע־גלייבט.

מיר האָבן דעמאָלט נאָך געוווינט אין אַ פּאַרטער־הויז, אַ האָלצערן אַלטפרענקיש הויז — מיט אַ גרויסן סאַלאָן, מיט אַ קלענערן שלאָפצי־מער און אַ גרויסער קיך. עס איז געווען פיר טעג פאַר חנוכה אין יאָר 1893. אַז די ווייען האָבן אָנגעהויבן צו קומען צו דער מאַמען, און געווען איז עס ביינאַכט, האָט דער טאַטע אָנגעצונדן אַלע לאָמפּן און אַלע לייכ־טער אין הויז און די מאַמע איז געגאַנגען פון איין שטוב אין דער אַנדע־רער. האָט זיך משה אָדער מוניאָ אויפגעוועקט און נישט אַנדערש, נאָר

געוואָלט מיטגיין מיט דער מאַמען — שוועל־איין־שוועל־אויס. שרייען האָט די מאַמע נאָך נישט געקענט, ווייל די ווייען זענען געווען זייער קליי־נע. האָט זי אָנגעהויבן אונטערצוברומען אַ ניגון, אָבער די ווערטער זענען געווען „אוי־אוי — אוי־אוי״ — עס האָט איר דאָך נישט געפּאַסט אין אַזאַ סיטואַציע צו זינגען אַ ליד מיט ווערטער. און אַפילו אַ ניגון צו אַט דעם ליד האָט זיך פון זיך אַליין צוגעפּאַסט. און איך קען דעם ניגון זייער גוט.

איז משה, מיין ברודער, געגאַנגען מיט איר צוזאַמען און האָט זיך אויסגעלערנט דעם ניגון און אים אויך מיטגעזונגען. איז די מאַמע בייז געוואָרן אויף אים און האָט אים געוואָלט אַריינטרייבן אין וויגל אַריין. איז ער אַנטלאָפן אין אַ ווינקל אַריין און האָט פון דאָרטן זיך נאָכגע־קרימט דער מאַמען „אוי־אוי — אוי־אוי״. מיט דעם זעלבן ניגון. האָט די מאַמע געוואָלט ווערן אין כעס פאַר זיין נאָכקרימען, האָט זי נישט געקענט ווערן אין כעס, ווייל אין איר איז געווען די פרייד פון אַ גרינג האָבן — וואָס זי האָט שוין איצט פאַראויסגעפילט — און זי האָט אָנגע־הויבן צו לאַכן. אָבער זי האָט שוין נישט געוואָלט מער אָננעמען דעם עלטערן זון ביים הענטל צו שפּאַצירן מיט אים צוזאַמען שוועל־איין, שוועל־אויס. איז ער געגאַנגען אַליין. געהאַלטן זיך אויך ביים בייכל און געזונ־גען — אוי־אוי. איז דער טאַטע אויך אַריינגעפאַלן אין אַ גוטער שטימונג און אויך ער האָט גענומען מיטזינגען. און די באָבע שיינדל האָט אויך גענומען אונטערברומען — אוי־אוי — איז אַזוי די גאַנצע שטוב מיט מענטשן געגאַנגען שוועל־איין, שוועל־אויס און געזונגען — און פּלוצלינג האָט די מאַמע אַ שטאַרקערן זונג געטאָן — אוי־אוי! — אוי־אוי! — און איז אַריינגעלאָפן אין דער שלאָפשטוב מיט דעם בלויען לאָמפּ, וואָס מען האָט גערופן „אַמפּל״ און האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דעם בעט און האָט גענומען זינגען מיט אַלע כוחות — אוי־אוי! — און זי האָט מיך געבראַכט אויף דער וועלט.

און דאָס איז דער סוף פון דער מעשה מיט אַ קינד, וואָס איז גע־בוירן געוואָרן מיט געזאַנג און דער אָנהייב פון דער לאַנגער מעשה פון מיין לעבן, נישט אַלע מאָל מיט געזאַנג.

# ואמר לך — בדמיך חיי — — —

ווי שיין און צעזונגען עס איז געווען די מעשה פון מיין געבוירן ווערן — פון מיין ווערן אויס מלאך אין הימל, ווערן מענטש אויף דער ערד — אַזוי אומעטיק און פאַרוויינט און פאַרבלוטיקט איז די מעשה, וואָס איך גיי דאָ דערציילן, די מעשה פון מיין ווערן אויס סתם מענטש, און ווערן ייִד־מענטש.

מיין ברית איז פאָרגעקומען אין פערטן טאָג חנוכה, אַזוי האָט מיר מיין מאַמע געפלעגט דערציילן. און נישט אין אַ וועלכן נישט איז 27סטן נאָוועמבער, נאָר אין אַ פערטן טאָג חנוכה דאַרף איך פראַווען מיינע געבוירן־טעג. צוליב אַ סך סיבות, פלעגט מיין מאַמע זאָגן: ערשטנס, דאַרף אַ ייִד געדענקען נאָר די ייִדישע דאַטעס אין שייכות מיט זיין אינטימען לעבן. צווייטנס, דאַרף אַ ייִד פראַווען זיין געבורטס־טאָג פונעם טאָג פון זיין ברית. דריטנס, בין איך אין דעם טאָג אין דער אמתן נאָך אַמאָל געבוירן געוואָרן — אויב איך בין לעבן געבליבן... און דאָ פלעגט די מאַמע תמיד אָנרופן דעם נאָמען „מלך שמש״. און מלך שמש איז געווען אַ באַקאַנטע געשטאַלט אין שטעטל. און איך האָב אים גוט געקענט פון מיין פריסטער קינדהייט אָן. זינט איך האָב געקענט „אונטערשיידן צווישן אַ וואָלף און אַ הונט״ אין דעם פריִען פאַרטאָג פון מיין ערשטן באַוווסטזיין... פון קענען אונטערשיידן צווישן מיין טאַטן און אַן אַנדערן מענטש. ווייל אַז מען האָט איינמאָל געזען מלך שמש, האָט מען אים נישט געקענט פאַרגעסן. ער איז געווען הויך און שיין און האָט געהאַט אַ לאַנגע און פילפאַרביקע באָרד — און די פאַרבן זענען געגאַנגען אין אַזעלכע מיני רינגען אַרום זיינע וואָנצעס, וואָס זענען אויך געווען זייער לאַנג: געל, ברויק, רויטלעך, טונקל־ברוין ביז שוואַרץ. אין די שפּעטערדיקע יאָרן זענען נאָך צוגעקומען עטלעכע שאַטירונגען פון גרוי. מלך שמש איז געווען דער שמש אין דער גרויסער שיל, וואָס איז ערגעץ, אַרום דעם יאָר 1903, אָפּגעברענט געוואָרן, און צוזאַמען מיט איר די גרויסע מאַכט פון

מלך שמש. ווארום ערשטנס האָט עס לאַנג געדויערט ביז מען האָט אויפ־געבויט אַ נייע שיל — און צווייטנס איז עס שוין מער נישט געווען דאָס.

אַז איך האָב אָנגעהויבן צו לערנען חומש (מיט דייטשער איבערזע־צונג האָב איך דעם חומש געלערנט), האָב איך מיך באַלד, נאַטירלעך, אָנ־געטראָפן מיט אברהם אבינו — „אבראהאם, אונדזער פאָרפאַטער”. און אַז איך האָב מיר נאָך געוואָלט פאָרשטעלן דאָס אויסזען פון אָט דעם „פאָרפאַטער”, האָט מיין פאַנטאַזיע באַלד דערזען מלך שמש... און אַזוי ביזן היינטיקן טאָג. און אַזוי גיך ווי מיין מאַמע האָט מיר דערציילט, וואָס פאַר אַ ראָל אָט דער מלך שמש האָט געשפּילט אין מיין לעבן, האָט זיך אָט די אידענטיפיציר‏ונג נאָך מער פאָרשטאַרקט. מלך שמש איז געווען אויך דער בעסטער מוהל פון שטעטל און פון דער גאַנצער געגנט, און אויך מיין מוהל. ווי ביי יעדן מוהל — זענען אויך ביי מלך שמש עטלעכע קליינע ייִדעלעך נישט אַרויס אינגאַנצן לעבעדיק פון אונטער דעם מוהל־מעסער. און אויך מיט מיר איז עס שיר, שיר דאָס זעלבע געשען.

וויפל בלוט איך האָב אין מיין נפשל געהאַט ביי מיין זינגענדיקן גע־בוירן ווערן — אַזוי פיל האָב איך פאַרלוירן נאָך דעם אַביסל צו ענטור־זיאַסטישן שניט פון מלך שמש. די סעודה פון ברית איז געגאַנגען איר וועג און מען האָט זיך גאָר פיין משמח געווען, אָבער אין צימער פון דער קימפּעטאָרן האָט זיך געטאָן חושך. וואָס ווייניקער דאָס קינד האָט פון מינוט צו מינוט געוויינט, אַלץ מער האָט די קימפּעטאָרן געוויינט. ווייל וואָס ווייניקער דאָס קינד האָט געוויינט — אַלץ בלאַסער און בלאַסער איז געוואָרן דאָס קינד. און אַז מען האָט אַ רוף געטאָן, לויטן באַפעל פון דער קימפּעטאָרן, אַלע דריי דאָקטוירים פון שטעטל און איינער פון זיי אין אַ מיליטערישער אוניפאָרם — האָבן זיך די געסט פון ברית אָנגעהויבן אומעטיקע פונאַנדערצוגיין, אָבער מלך שמש איז אַנטלאָפן.. ער איז בלי שום ספק נישט געווען שולדיק אין גאָרנישט, נייערט די נאַטור פון דעם קינד. און אַז ער האָט געזאָגט — פון צווישן זיין פילפאַרביקער באָרד און זיינע וואָנצעס, מיט זיין שיינער שטימע: ואמר לך בדמיך חיי — האָט ער חלילה אין די ווערטער פון יחזקאל, דעם נביא נישט אַריינגע־לייגט קיין אַנדערן טייטש. ער האָט געמיינט: חיי — אָבער אַנדערע כו־חות האָבן אַנדערש געוואָלט. איז וואָסזשע האָט ער שוין דאָ צו טאָן —

איז ער אַנטלאָפֿן אין שיל אַריין און אפֿשר אויך דאָרט געזאָגט אַ קאַפּיטל תהילים אויך. און עפּעס האָט, ווייזט אויס, געהאָלפֿן, אויך דער תהילים פֿון דעם מזומן דאָקטוירים — וואָרום איך בין געבליבן לעבן.

נאָר אַ בלאַס קינד בין איך שוין שטענדיק געווען. בלאַס און קרענק־לעך. און איידער איך האָב מיר אַליין געגעבן דעם פּסעוודאָנים „מלך ראַ־וויטש" — האָבן מיר די קינדער געגעבן אַ פּסעוודאָנים: גרינע זשאַבע, ווייסע נאָז, שוואַרץ אויג... זעקס ווערטער. פֿאַרוואָס איך האָב מיר גע־געבן אַ נאָמען „מלך ראַוויטש" איז אַ מעשה פֿאַר זיך. איינס וויל איך אָבער אויך דאָ שוין זאָגן: נישט צוליב מיין מוהל. און — אָגב — איצט איז שוין קלאָר, פֿאַרוואָס איך האָב אים אין מיין פֿאַנטאַזיע אַזוי אידענ־טיפֿיצירט מיט אברהם אבינו — ווי נאָר איך האָב געלערנט וועגן זיין גרעמיאַלער מילה, וואָס ער האָט דורכגעפֿירט ביים סוף פֿון דער סדרה לך לך — האָב איך באַלד פֿאַר די אויגן געזען די פּאַטריאַרכאַלישע געשטאַלט פֿון מלך שמש.

אַז איך בין עלטער געוואָרן, גענומען אַביסל אַריינקוקן אין פֿילאָזאָ־פֿישע ספֿרים, גענומען אַריינטראַכטן וועגן לעבן און גורל און פּאַטום, גע־פֿלעגט קומען אין מיין שטעטל, שוין אַ דערוואַקסענער, געזען דעם גרוי־געוואָרענעם מלך שמש, ווי אברהם אבינו אויף דער עלטער — איז מיך נישט איינמאָל באַפֿאַלן עפּעס אַ מיסטישע שרעק פֿאַר אָט דעם מילדן זקן... עס איז טאַקע אמת, אַז לא אחד בלבד עמד עלינו לכלותנו — אין אַלער־ליי באַדינגונגען, אין אַלערליי שטעט און לענדער אין לאַנגן און אָפּטמאָל קאָמפּליצירטן לעבן — אָבער אין זיינע הענט איז דאָך מיין יונג לעבן געווען בפּועל ממש — אין זיינע הענט און אין זיין באָרד און דערצו איז ער געווען באַוואָפֿנט מיט דעם געווער פֿון דעם מלאך מיט די טויזנט אויגן — כאָטש רופֿן רופֿט מען אין די הענט פֿון דעם י י ד י ש ע ר דעם דאָזיקן אינסטרומענט נישט חלף, נאָר מוהל־מעסער.

שרעק פֿאַר בלוט גייט דורך — ווי אַ ווייסער פֿאָדעם (מען קען דאָך דאָ נישט זאָגן „רויטער פֿאָדעם"...) דורך אַלע מיינע לידער.

וועגעטאַריזם פֿון דער פֿריִער יוגנט אָן.

שרעק בכלל — אין אַן איבעריקער מאָס.

קען זיין, אַז די אַלע זאַכן האָבן יאָ אַ שייכות צו יענעם פערטן טאָג חנוכה אין מיין שטעטל און צו מלך שמש — און קען זיין, אַז נישט.

אַ ליכטיקער גן־עדן אויף דיר, מלך שמש, סיי ווי. אַ ליכטיקער גן־עדן אויף דיר, דו מיין אייגענער אברהם אבינו.

# זיגמונט

ערגעץ־ווו אין פופצענטן יאָרהונדערט איז געווען אַ ד יי ט ש ע ר קייזער, וואָס האָט זיך גערופן „זיגיסמונד", און איבער דער פוילישער געשיכטע פון די ווייטערדיקע יאָרהונדערטער בלאָנדזשען אויך אַ פּאָר מלכים מיט דעם זעלבן נאָמען, אָבער שוין פאַרפּוילישט: זיגמונט. דאָס וואָרט אַליין איז אַן אַלט־דייטש וואָרט, און עס באַטייט: נצחון, באַטייט: שוץ.

נאָר וואָס פּאַר אַ שייכות האָט דאָס וואָרט צו מיר?

עס האָט: פון מיין פריסטער קינדהייט אָן ביז אין די יאָרן פון מיין עלטער. שוין דאָס זיבעטע צענדליק יאָרן גייט עס מיר נאָך. אַמאָל אויף דער אויבערפלאַך און אַמאָל אונטער דער אויבערפלאַך פון מיין אָפענעם און פון מיין באַוווסטן לעבן.

וואָס זענען ווערטער? אָפטמאָל זענען זיי אַלץ און אָפטמאָל זענען זיי גאָרנישט, אַזוי אומבאַדייטנדיק ווי שטויב. נאָר ווי דער שטויב פאַלן זיי און פאַלן אָן אָן אויפהער בייטאָג און ביינאַכט, זומער און ווינטער, ווען דו לעבסט און ווען דו האָסט נאָך נישט געלעבט און ווען דו וועסט שוין זיין טויט. ווייל ווי דער שטויב פאַלט נישט נאָר פון דער אַטמאָספערע, נאָר פון אוניווערס, אַזוי פאַלן ווערטער ערגעץ פון די אייביקייטן, זיי פאַלן פון דער צייט אַליין.

אַז איך בין געבוירן געוואָרן אין יאָר 1893 פלעגן נאָך מענטשן נישט אַזוי אָפט שטאַרבן ווי זיי שטאַרבן אַצינד. יעדנפאַלס אַזאַ אילוזיע האָב איך היינט, כאָטש איך ווייס, אַז דאָס איז אַ נאָנסענס און די יידישע משפחות זענען נאָך נישט געווען אַזוי צעשליידערט און אַזוי צעוואָרפן איבער דער וועלט און אויך עפעס נישט אַזוי צאָלרייך. איז אַלעמאָל געווען אַ פּראָבלעם מיט געבן אַ נאָמען, אַז אַ קינד איז געבוירן געוואָרן. עס איז ממש אָפט נישט געווען נאָך וועמען...

און אַז איך בין געבוירן געוואָרן איז — ווייזט אויס — גאָר געווען

אַ צערודערונג. אין יענע צייטן האָט מען די נעמען שטאַרק באַלאַנסירט — חצי שלי וחצי שלך — איין נאָמען פון דער מאַמעס צד און אַ צווייטער נאָמען פון טאַטנס צד. איך בין געווען דער צווייטער אין מיין טאַטע־מאַמעס שטוב, און עפּעס איז געווען אַ געפּיל, אַז די דאָזיקע משפחה וועט צו גרויס נישט וואַקסן. אפשר שוין צוליב דעם אַליין, וואָס מיין מאַמע האָט קיין שייטל נישט אָנגעטאָן — די ערשטע פּרוי אין גאַנצן שטעטל זינט הונדערטער יאָרן. האָט מען שוין געוווסט, אַז גאָט וועט די דאָזיקע משפחה שטאַרק נישט פּרוכפּערן. אַ צוויי־דריי נפשות האָט ער יאָ איינגעשטעלט, כביכול, אפשר — מען קען נישט וויסן... אפשר וועט די מאַמע פאָרט נאָך אָנטאָן אַ שייטל.

אַז מיין עלטערער ברודער איז געבוירן געוואָרן, האָט ער באַקומען אַ נאָמען נאָך זיין עלטער־זיידן, דעם ייִד, דעם גבר און גביר משה ראָזענבלאַט, דער מאַמעס זיידן. דער עלטער־זיידע משה איז נאָר וואָס געהאַט געשטאָרבן — ערגעץ אין דער מיט פון 1892 — און מיין ברודער איז געבוירן געוואָרן יום כיפּור אין זעלבן יאָר. איז דאָס נאָך נאַטירלעך געווען, אַז דער טאַטע האָט מוותר געווען זיין משפחה־פּריאָריטעט צו אַ נאָמען און מיין ברודער איז באַקרוינט געוואָרן בלויז מיט איין נאָמען אָן אַ פּאָדשעווקע: משה.

אָבער אַז איך בין געבוירן געוואָרן, איז שוין גאָר קיין פּראָבלעם נישט געווען פון וועלכן צד צו ציִען דעם נאָמען — פונעם טאַטנס, נאַטירלעך. און עס האָבן זיך אין יענע יאָרן צו דעם צוועק מרחם געווען דעם טאַטנס צוויי פּעטערס אַזש — מיינע עלטער־פּעטערס פונעם טאַטנס צד: מיט אַ פּאָר יאָר פריִער איז געשטאָרבן דער עלטער־פּעטער זכריה, און אָט נאָר וואָס פאַר מיין געבוירן ווערן, אַזוי ווי מיר וואָלטן זיך ממש אין מיטן וועג פון דער פמליה של מעלה צו דער פמליה של מטה און פון דער פמליה של מטה צו דער פמליה של מעלה געביטן מיט די נשמות, איז געשטאָרבן דער עלטער־פּעטער חנה. נישט חנינא, נישט חננאל, נישט חנני, נישט חנניה, נישט אלחנן, נישט חנן, נישט חנא — און נאָר חנה מיט אַ „ה" ביים סוף. אַזוי לייגט זיך אויס מיין פּאָדשעווקע־נאָמען. אָט דעם פּעטער האָט דער טאַטע מיינער אַפילו כמעט נישט געקענט און אַוודאי נישט ליב געהאַט. געקענט און ליב געהאַט האָט ער דעם פּעטער זכריה, מיין על־

טער־פעטער. האָט מען געקלאַפּט דעפּעשעס קיין קרעכאָוויץ, דעם גוט ביי סטאַניסלעו, ווו עס האָט געוווינט מיין זיידע פון טאַטנס צד — און ער איז געוועזן אַ ייִד וואָס האָט ליב געהאַט, אַז די משפּחה פרעגט ביי אים אַן עצה און פאָלגט טאַקע אויך. און דער טאַטע מיינער איז געווען אַ לאָ־יאַלער זון. איז געבליבן, אַז הייסן וועל איך זכריה און מיין פאָדשעווקע־נאָמען וועט זיין חנה. און אַזוי הייס איך: זכריה חנה. (מלך ראַוויטש איז נאַטירלעך מיין פּסעוודאָנים).

דאָ אָבער האָט זיך דאָס פּראָבלעם מיט מיינע נעמען נישט געענ־דיקט. עס האָט זיך ערשט אָנגעהויבן. און די מעשה איז געווען אַזאַ: מיין מאַמע האָט מיך נאָר אַ קורצע צייט געזויגן און מיך גאָר באַלד, צוליב איר געזונט, אַנטוויינט. בין איך טאַקע גאַנץ פיין קראַנק געוואָרן און מען האָט צו מיר צוגענומען אַן אַם פון דאָרף, צוזאַמען מיט איר קינד.

עפּעס אַ נאָמען האָב איך ביז דעמאָלט אויך שוין געהאַט אין שטוב. אָבער קיינער האָט עס מיר קיינמאָל נישט געקענט זאָגן געענוי. קיינער האָט זיך קיינמאָל נישט דערמאָנט. איין זאַך איז זיכער, אַז זכריהלע האָט מיך קיינער קיינמאָל נישט גערופן. מען האָט מיך גערופן וואַרשיינלעך סתם אַזוי פאַרצויגן: זוזיו, אָדער זוזיא.

אַז די אַם איז געקומען און האָט אָנגעהויבן מיט מיר איינצוקנעלן, די שוין אין פאַרלויף פון אַ פּאָר וואָכן פאַרגעסענע חכמה פון זייגן, האָט זי געדאַרפט האָבן אַ נאָמען. אָבער נישט זכריה — אויף פּויליש זאַכאַ־ריאַש — האָט איר געפּאַסט און נישט פון חנה האָט ווער געדענקט. אַז איך הייס אויך אַזוי. און זוזיא — ווידער — איז פּאָר דער אַם געוועזן נישט אַהין און נישט אַהער. האָט זי מיר געגעבן דעם פּריצישן נאָמען „זיגמונט". פּריציש — מחמת קיין פּויערים אין דאָרף מיט אָט דעם נאָ־מען זענען נישט געוועזן. דאָס איז געוועזן אַ שטאָטישער נאָמען.

כאָטש האַק און בראָק — זי וועט מיר קיין אַנדערן נאָמען נישט געבן און מיך מיט קיין אַנדערן נאָמען נישט רופן. האָט אָט דער „זיגמונט" אָנגעהויבן דורכצודרינגען די גאַנצע משפּחה, טאַטע־מאַמע, זיידע־באָבע, אַלע פעטערס־מומעס און אַלע קינדער: זיגמונט. אין די דאָקומענטן איז געבליבן זאַכאַריאַש — אָבער אין לעבן איז געוואָרן: זיגמונט.

און אַז איך בין אַלט געוואָרן 16 יאָר און אָפּגעדרוקט דאָס ערשטע

ליד מיינס, איז ערשט צוגעקומען נאָך אַ צרה. איך האָב מיר געגעבן אַ פסעוודאָנים „מלך ראַוויטש". פאַרוואָס „מלך ראַוויטש" און נישט... „יאַנ־קא כמעלניצקי" איז אַן אולטראַ־נאַרישע מעשה פאַר זיך, און זי ווערט ערגעץ אַנדערש אין דעם מעשה־בוך פון מיין לעבן דערציילט.

און די יאָרן זענען געגאַנגען איבער מיר און איבער מיינע נעמען. נישט איינמאָל אין מיטן דער נאַכט, פאַרטיפט אין מיינע פאַפּירן, שרייב איך אויף אויף אַ בלאַט דריי נעמען:

זכריה חנה, זוזיא־זיגמונט, מלך ראַוויטש — — —

און איך קוק אויף אָט די אותיות, וואָס באַגלייטן מיך דאָס גאַנצע לעבן מיינס. וואָס פאַר אַ שייכות האָבן זיי צו מיר?

וועגן דעם עלטער־פעטער זכריה, וואָס איך גיב אים אַ תיקון מיט מיין ווייטער־טראָגן דאָס געדעכעניש זיינס, האָב איך קיין אַנונג נישט; וועגן דעם עלטער־פעטער חנה האָב איך געהערט נישט קיין צופיל גוטס; זיגמונט איז אַ פרעמדער נאָמען, דערמאָנט אומהיימלעכקייטן אין דער געשיכטע, און מלך ראַוויטש איז ערשט גאָר עפּעס אַ מעטעאָר, וואָס איז אַרויפגעפאַלן אויף מיין טיש כמעט פון חלל פון אַ טויזנט און ערשטן צו־פאַל און אַ טויזנט און צווייטער נאַרישקייט.

אַז איך שרייב אַ בריוו צו די שאריתן פון מיין גרויסער משפּחה פון מיין טאַטנס און מיין מאַמעס צד אין דער שווייץ, אין ענגלאַנד, אין ניו־יאָרק, אין וואַרשע, אין מדינת־ישראל, און דאַרף דעם בריוו פאַרענדיקן און מיך אונטערשרייבן — בלייב איך מיט אַ פרעג־צייכן: זכריה חנה, זוזיאַ, זיגמונט, מלך ראַוויטש? און אויטאָמאַטיש שרייב איך מיך אונטער „זיגמונט" — דעם נאָמען, וואָס עס האָט מיר געגעבן האַנקאַ, מיין אַם...

אַז איך שרייב צו מיין ברודער הערץ בערגנער, האָב איך נישט קיין פּראָב־לעם ווי זיך אונטערצושרייבן, מחמת איך האָב דאָס פּראָבלעם געלייזט. ער איז מיין איינציק געבליבענער ברודער — שרייב איך מיך אונטער: „ברודער" — קען קיין טענות נישט זיין. אים רוף איך אין בריוו: הערץ. ער אָבער רופט מיך קיינמאָל מיט קיין נאָמען נישט אָן, און וואָלט ער מיך יאָ גערופן — וואָלט ער זיכער גערופן „זיגמונט".

איינמאָל זענען מיר געזעסן אין אַ געזעלשאַפט אין וואַרשעווער לי־טעראַטן־פאַראיין, טלאָמאַצקע 13. הערץ האָט דאַן ביי מיר געוווינט. 16

יאָר איז ער דעמאָלט אַלט געווען. האָט ער מיך צוליב עפּעס אַ סיבה אויף גיך געדאַרפט אַ רוף טאָן, האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל פון קלוב, און איבערן גאַנצן זאַל אַ רוף געטאָן: זיגמונט — קום  ש ו י ן  אַהיים. מיי־נע פריינט האָבן זיך אַזש דערשראָקן. איז דאָס ייִנגל אַראָפּ פון זינען? וועמען רופט ער איבערן גאַנצן זאַל?

— ווער איז זיגמונט?

— זיגמונט בין איך...

**
*

און לאָמיך פאַרענדיקן די מעשה מיט אַ קליין שייכותדיק מעשהלע פון ערגעץ אַרום 1903. מסתמא בין איך שוין אַ צען יאָר דעמאָלט אַלט געווען, ווייל איך געדענק דעם פּרט אָט ווי היינט. עס איז גראָד געווען אַ געדיכטער האַרבסטיקער יאַריד אין שטעטל און די מאַמע איז מיט מיר אַרומגעגאַנגען איבערן געדיכטן מאַרק. די מאַמע האָט ליב געהאַט אָט די שפּיל פון אויסמישן זיך מיט דעם יאַריד־עולם און האַנדלען, האַנדלען, סתם אַזוי און אַפילו איינקויפן אַ פּאָר ביליקע צוקערלעך און לעקעכלעך און שפּילעכלעך, און דערווייל אָבסערווירן די אַלערליי מענטשן. זי האָט עס ליב געהאַט ס׳לעבן. שטייען מיר אַזוי ביי אַזאַ מין לאָדע און מיר האַנד־לען איין.

קומט צו אַ פּויערטע, גרויס און הויך און מיט אַ מין ראָנדעל פון האָר אויפן קאָפּ און אַ פּויערים־ייִנגל ביי דער זייט. זי דערקענט מיין מאַמען און — לויט דער מאַמען — דערקענט זי מיך. און זי גיט מיך אַ כאַפּ אויף אירע הענט און באַלייגט מיין פאַרגרינט פּנימל מיט נאַסע, קאַלטע קושן און זי שרייט פון שמחה:

— אָ טאָ טי זיגמונטשיע? אָט דאָס ביסטו, זיגמונט?

קוים וואָס זי האָט מיך אַראָפּגעלאָזן און אָנגעוויזן אויף  א י ר  זינדל ביי איר זייט, האָט זי געפּאָדערט, אַז נאָר מיר זאָלן אַלע אַריינגיין אין אַ שענק און אויסטרינקען אַלע צוזאַמען לכבוד אַזאַ גוטער באַגעגע־ניש. מיין מאַמע האָט זיך אָבער אָפּגעבעטן, אַז אין שענק קען זי נישט גיין, אָבער זאָל מען בעסער דאָ באַלד אויפן אָרט אויסטרינקען אַ ווייבע־רישן לחיים. האָט מען ביי אַ לאָדע עפּעס אַ זיס וואַסער, מיט אַנילין גע־

פאַרבט, אויסגעטרונקען און צוגעביסן אַ פּאָר לעקעכלעך און די מאַמע האָט זיך מיט האַנקען אַדורכגערעדט וועגן אַלערליי זאַכן און זי אויסגע־פּרעגט אויף איר דאַליע, וואָס איז גראָד געווען אַ גוטע און דאַרפיש גע־זונטע. און איך האָב מיך עפּעס בשום אופן נישט געקענט צוזאַמענריידן מיט מיין דאַרפישן מילך־ברודער. מיר האָבן שוין ביידע געדאַנקט גאָט, אַז די מאַמעס האָבן זיך צעזעגנט.

*****

נישט איינמאָל אין מיטן דער נאַכט, פאַרטיפט אין מיינע פּאַפּירן — די עדות פון מיין אַוועקגעגאַנגענעם לעבן — שרייב איך אויף אַ בלאַט דריי נעמען:

זכריה חנה, זוזיאַ־זיגמונט, מלך ראַוויטש — — —

און איך דערמאָן די פּרוי, וואָס האָט מיר געגעבן דעם נאָמען, וואָס איז מיר אפשר דער פרעמדסטער פון אַלע, און דאָך דער אייגנסטער פון אַלע:

זיגמונט —

און דעמאָלט פאַלט מיר איין, אַז טעאָרעטיש און פּראַקטיש איז עס דאָך מעגלעך, אַז ערגעץ ווו לעבט זי נאָך, די זקנה־פויערטע האַנקאַ, אין אַ דאָרף נישט ווייט פון רעדים מיין שטעטל, און אפשר דערמאָנט זי אויך מיך אַמאָל — זי האָט דאָך מיר געראַטעוועט דאָס לעבן און מיך איבער־געצייגט ווידעראַמאָל אָנצוהייבן צו זייגן, בשעת איך בין שוין אַ נוטה למות געווען.

— זיגמונטשיע, זיגמושיו — פּיי מלעטשקאָ, פּיי —

און איך האָב געפאָלגט און געטרונקען — און גאָר באַלד זי אָנגעהויבן צו רופן דייטלעך, אַזוי דערציילט מיין מאַמע אין אירע זכרונות:

— האַנקאַ —

דאָס איז געווען דאָס ערשטע וואָרט, וואָס איך האָב אין מיין לעבן דייטלעך אַרויסגערעדט. איך — זיגמונט...

ווען נישט האַנקאַ, ווער ווייסט צי איך וואָלט ביז היינט דערצייגן און די מעשה דאָ אויפגעשריבן.

מאָדנע איז דאָס לעבן.

# מיין סאַמע — סאַמע ערשטע ליבע

ווי יעדער פּאָעט — ניין, ווי יעדער אָרעמער בר נש, האָב אויך איך אַ סך, אַ סך מאָל ליב געהאַט אין מיין לעבן. נישט אַלעמאָל גלייך. אַמאָל קורץ און אַמאָל לאַנג, אַמאָל שטאַרק ווי אַ פעלדז און אַמאָל לייכט ווי אַ וואָלקנדל. אָבער שטאַרק און ליידנשאַפטלעך איז געווען מיין סאַמע — סאַמע ערשטע ליבע. נאָר — איך מוז מודה זיין — מיין ערשטע ליבע געדענק איך נישט. איך בין נאָך דעמאָלט געווען צו יונג. איך האָב נאָך דעמאָלט נישט געקענט גיין אַליין. מען האָט מיך נאָך אַרומגעפירט אין אַ שיין, הויך, הילצערן, געפלאָכטן קינדערוועגעלע. דאָס קינדערוועגעלע געדענק איך יאָ. עס איז געשטאַנען אויף אונדזער גרויסן בוידעם ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה. און פון דעסטוועגן וועל איך דערציילן וועגן מיין ערשטער ליבע, איך וועל עס דערציילן מיט די ווערטער פון מיין מאַמען, וואָס האָט מיר די מעשה זייער אָפט דערציילט. אַלעמאָל, ווען זי האָט באַמערקט, אַז איך „פאַרליב מיך שוין ווידער" — האָט זי מיר דערציילט די מעשה פון מיין ערשטער ליבע. עס איז דאָ אַ ראָמאַנטישע סיבה דער־ביי. מיין מאַמע איז אויך געווען אַ דיכטערין, כאָטש זי האָט אירע לידער נישט אויסגעזונגען, נאָר אויסגעשוויגן.

איך האָב געהאַט אַ פעטער, אייגנטלעך איז עס נישט געווען קיין פעטער, נאָר מיין טאַטנס שוועסטערקינד. נאָר מיר האָבן אים גערופֿן פעטער. ער האָט געהייסן ברוך־בענגאָ בערגלאַס. ער איז געווען אַ הויכער, אייביק לאַכנדיקער, האָט געטראָגן אַ צוויקער אויף די לאַכנדיקע אויגן און דער צוויקער פלעגט אויך לאַכן מיט אַ זעלבשטענדיק געלעכטער. ער האָט געהאַט אַ פראַנצויזיש געשוירן בערדל און האָט זיך געקליידט לויט דער נייסטער ווינער מאָדע. ער האָט זייער שפּעט חתונה געהאַט, אפשר צו עטלעכע און דרייסיק יאָר. זיין פאַך איז געווען אַ טראַפיק. אויסגע־פוצט און זויבער איז געווען זיין טראַפיק און האָט געשמעקט מיט פיי־נעם ציגאַרן־ריח און דערצו מיט זייפלעך און פּערפומען און די גאַנצע קראָם

איז געווען באַהאַנגען און באַקלאַנגען מיט אַלערליי פאַרביקע בילדער, וואָס טייל פון זיי זענען געווען רעקלאַמע־בילדער פון ציגאַרן, טיטון און ציגאַרעטן און אַנדערע פלעגט ער קויפן אַליין.

און אַזוי ווי דער פעטער ברוך איז געווען אַן „אַלטער בחור", פלעגט ער אָפט איבערזיצן ביי אונדז, טרינקען טיי, רויכערן דינע ווינער ציגאַרעטלעך און דערציילן דינע ווינער וויצן און אַלעמאָל געלאַכט דער לעצטער פון זיינע וויצן — און ערשט דעמאָלט, ווען אַלע האָבן זיך שוין געקאַטשעט און געהאַלטן ביי די זייטן. ער האָט געוווסט, אַז מיין מאַמע האָט זייער ליב גוטע דינע וויצן, מיט אַ ליטעראַרישן אַראָמאַט פון וויץ, אָבער האָט זייער פיינט גראָבע וויצן, וואָס האָבן דעם ריח פון מאַכאָרקע. און אַז דער פעטער ברוך פלעגט ווויליינגעריש אָנהויבן דערציילן אַזאַ מאַכאָרקע־וויץ, פלעגט ער אַ קוק טאָן אויף מיין מאַמען און זיך פאַררויטלען און די מאַמע פלעגט אַ קוק טאָן אויף אים און זיך אויך פאַררויטלען — און דער וויץ איז געבליבן אין מיטן וועג. מיין פעטער ברוך איז חלילה נישט געווען קיין דריטער דרייעק־ווינקל אין מיין טאַטע־מאַמעס היים, ווייל עס איז דאָרט קיינמאָל קיין דרייעק נישט געווען — נאָר סתם אַזוי פלעגן זיי זיך אָפט פאַררויטלען, ווען זיי פלעגן ריידן איינער צום אַנדערן.

און איינמאָל, אַז איך בין אַלט געווען דריי־פערטל יאָר, האָט מיך די מאַמע אַרויסגעפירט אויף אַ שפּאַציר. און עס איז געווען אַ שיינער שוועלבעלעך ־ צעצוויטשערטער בלוי־הימלדיקער זומער נאָכמיטיק, און איך בין מיר געלעגן אין קינדערוועגעלע און געדריגעט מיט די הענטלעך און פיסלעך. האָט מיר דער פעטער ברוך געבראַכט אַ מתנה — אַ פּאָר־ביקע רעקלאַמע־פּאַנגע פון אַ נייעם ווינער ציגאַרעט. אַ לאַכנדיק פּנים, לעקעלעך שוואַרצע, אויגן בלויע, חן־גריבלעך און אַרום איר קאָפּ אַ גרויסער, שטרויענער שעפּער־הוט מיט בלויע, פלאַטערנדיקע בענדער. און אָט דאָס בילד האָט דער פעטער קונציק צוגעטשעפּעט צום הענטל פון מיין וועגעלע, אַזוי אַז דאָס גרויסע בילד האָט דירעקט געקוקט אויף מיר. און מער האָט דעם ראָמאַנטיקער אין קינדער־וועגעלע נישט געפעלט. איך האָב באַלד אָנגעהויבן זינגען מיט אַ דייטלעכן לאַ־לאַ־לאַ — און אַזוי אַלץ העכער און העכער — לאַ־לאַ־לאַ! און נאָך העכער: לאַ־לאַ־לאַ! די מאַמע איז אַנגעלאָפן און דער פעטער ברוך האָט טריומפירט. און אַלע האָבן מיר נאָכגעמאַכט.

און איך האָב געזונגען לאַ־לאַ־לאַ — אין דאַקטילישן ריטעם. נאָר דעמאָלט האָב איך נאָך נישט געוווּסט, אַז דאָס איז געווען דאַקטילישער ריטעם.

עס איז געווען אַ ליבע אויפן ערשטן בליק — פאַרשטייט איר שוין אַליין. און איך האָב געזונגען און געזונגען — אַלץ העכער און נאָך העכער. אָבער ווי לאַנג קענען זיך דערוואַקסענע מענטשן אַנטציקן מיט אַ קינדערישער קונץ? איז זיי נמאס געוואָרן און זיי האָבן געוואָלט צונעמען די פאַננע. איז דאָך אָבער עזה כמות אהבה — האָב איך אָנגעהויבן צו וויינען מיט אַלע כוחות. האָט מען מיר צוריקגעגעבן די פאַננע — האָב איך ווידער אָנגעהויבן צו זינגען מיט נאָך שטאַרקערע כוחות — ווייל שוין געמישט מיט בענקשאַפט און מיט ערשטער ליבע־שרעק: לאַ־לאַ־לאַ!

זענען זיי געשטאַנען פאַרלוירענע ביי מיין וועגעלע — מיין פעטער ברוך, וואָס מען האָט גערופן בעננאָ, און מיין מאַמע. וואָס האָט ער דאָ אויפגעטאָן — דער פעטער? געמיינט אַ שפּאַס, אָבער דער קליינער ראַ־מאַנטיקער מיינט עס ערנסט. נישט אַהין און נישט אַהער. און דער שיי־נער בלוי־הימלישער נאַכמיטיק איז שוין געוואָרן קילער און די שוועלבע־לעך האָבן שוין געצוויטשערט נענטער צו די נעסטן און איך האָב שוין אויך געצוויטשערט מיט די לעצטע כוחות מיין ערשט ליבע־געזאַנג: לאַ־לאַ־לאַ! און שוין איצט אין אַ מיד־געוואָרענעם דאַקטילישן ריטעם.

ווי אַזוי די מעשה האָט זיך געענדיקט אין דעם ערשטן נאָכמיטיק מיינעם מיט דער פאַננע — האָט מיין מאַמע זיך אויך קיינמאָל נישט גע־קענט דערמאָנען גענוי. ווי אַזוי מען האָט מיך איבערצייגט, אַז די פאַננע וועט מען מיר נישט צונעמען און איך מעג אַביסל אויפהערן צו זינגען. נאָר עפּעס איז — ווייזט אויס — געשען און איך בין ווי נישט איז אַהיימגעקומען. אָבער חדשים און חדשים פלעג איך יעדן טאָג אָפּזינגען מיין ליד צו דער פאַננע. צוערשט איז זי געהאַנגען אויפן הענטל פון וועגעלע, שפּעטער אויף דער וואַנט אין אונדזער גרויסער קיך. אויף דער וואַנט איז די פאַננע געבליבן הענגען נאָך לאַנג, לאַנג. איך געדענק זי גוט פון די שפּעטערדיקע יאָרן. זי איז נאָך דאָרט — אַן אָפּגעבליאַקעווע־טע, ווי יעדע שטורמישע געליבטע נאָך יאָרן — אויף דער וואַנט אין קיך געהאַנגען אַפילו דאַן, ווען איך בין שוין פיר יאָר אַלט געווען און שוין געפירט אַן אַנדערע ליבע אויף לעבן און טויט.

# איינמאָל אין מיין לעבן געוועזן שיכור
# און די מעשה דערפון

יעדער מענטש איז בטבע אַ שטיקל זאַמלער און אויך איך בין אַ זמלער פון מיינע אַלערליי אַבסטינענצן... איך בין אַ וועגעטאַריער און נישט־רויכערער און אַ נישט־שפּילער און אַ נישט־טרינקער. אָבער ביז יין אַכצנטן לעבנס־יאָר האָב איך געגעסן פליייש און נאָך לענגער האָב יך גערויכערט און אין דער ק י נ ד ה יי ט פלעג איך שפּילן זייער יציק אין קאָרטן. און נאָר געטרונקען האָב איך קיינמאָל נישט. אַפילו יים טאַטנס שבת־ און יום־טוב־טיש פלעג איך נאָר מיט אַ שפּיץ צונג אַ יר טאָן אַ שפּיץ בעכער נאָך אַ קידוש. אַפילו ווען דאָקטוירים האָבן אין ער קינדהייט פאַרשריבן וויין, אָדער ביר צוליב שטאַרקונג — אַזוי איז עוועזן אַמאָל די מאָדע אין דער מעדיצין — פלעג איך אויסגיסן די מש־אות אין שעפּל אַריין, ווען נאָר מעגלעך.

איך האַלט מיך אָן מיין ניכטערנקייט מיט אַ מוראדיקער שיכורער קשנות... איך האָב קיינמאָל אין מיין לאַנגן לעבן נישט פאַרלוירן דאָס אַוווסטזיין אויף אַ רגע אַפילו, נישט צוליב שיכור זיין, נישט צוליב לשן און נישט צוליב פאַרשלעפערונג צוליב אַן אָפּעראַציע. איינמאָל האָט ען מיך אָפּערירט — אָבער אָן אַלגעמיינער פאַרשלעפערונג. איך האָב טלעכע מאָל געשריבן טרינק־לידער צו... וואַסער. נאָר אַזוי ווי יעדער ענטש איז פאַרט אַ שטיקל שיכור — זוכט אויך מיין שיכרות וועגן זיך ויסצושוימען, אויסצולעבן. און זי געפינט — אָבער נישט דאָס בין איך ויסן.

איך וויל דאָ דערציילן די מעשה וויאַזוי איך בין איינמאָל אין לעבן אָרט געוועזן שיכור, און נישט גלאַט שיכור, נאָר ממש טויט־שיכור און י מעשה דערפון איז אַזאַ:

דאָס איז געווען ווינטער 1894 און איך בין דעמאָלט אַלט געווען אַ אָר און מיין עלטערער ברודער — צוויי. און עס איז דעמאָלט געווען אַ

גוטע צייט אין לעבן פון מיינע יונגע טאַטע־מאַמע און זיי זענען געגאַנגען צו גאַסט און עס איז געווען חנוכה און זיי האָבן זיך פאַרגאַסטעט ביז לאַנג נאָך חצות און געכאַפּט אַ קערטל און געכאַפּט אַ גלעזל און פריילע־כע זענען זיי געגאַנגען אַהיים. נאָר שוין פון דער ווייטן, פון יענער זייט שטילן, פאַרשנייטן מאַרק, האָט פון צווישן די פאַרמאַכטע לאָדנס פון אונ־דזער הויז אַ ווונק געטאָן אומגליק. פון די שפּאַרונעס האָט געשפּאַרט ליכט. זענען זיי שוין גיך צוגעלאָפן און גענומען קלאַפּן און געהערט די קינדער קייכן אינעווייניק. גאָר גיך האָט מען נישט געעפנט. געעפנט האָט מען — די אַם — ערשט דעמאָלט, ווען עס איז קלאָר געוואָרן, אַז דורך דער הינטער־טיר איז עמעץ אַנטלאָפן. אָבער נישט דאָס דאָזיקע אַנט־לויפן איז געווען וויכטיק איצט. וויכטיק איז געווען, וואָס די קינדער זע־נען זיך פאַרגאַנגען אין הויכע קולות. דעם עלטערן — שוין לאַנג אַנט־ווייינטן — האָט מען גיך איינגעשטילט און ער איז אַנטשלאָפן געוואָרן, און נאָר דער יינגערער, וואָס איז נאָך געווען אַ יונק, האָט געקייכט און זיך פאַרגאַנגען און איז געווען האַלב־טויט. און די אַם איז געזעסן אין אַ ווינקל און געוויינט און געציטערט פאַר שרעק און קיין וואָרט נישט גע־ענטפערט.

איז דער טאַטע געלאָפן אין איין אָטעם אויפצוועקן דעם איינציקן דעמאָלט דאָקטאָר אין שטעטל, דעם מיליטער־דאָקטאָר פון די קאַזאַרמעס פון די אולאַנער. ער האָט אים קוים צוגענומען פון אַן אָפּיצערישער הו־ליאַנקע און אָט איז ער שוין דאָ אין שטוב און — — קוים וואָס ער האַלט זיך אויף זיינע פיס — און ער באַטראַכט דאָס האַלב־טויטע קינד, טאַקע מיך, און ער פאַרמאַכט די אויגן, און אויך דער קאָפּ וואַקלט זיך ביי אים, און די צונג דרייט זיך אין מויל און ער דערצידירט: — דאָס קינד איז שיכור — דאָס קינד איז טויט־שיכור...

דער טאַטע האָט געוואָרפן אַ פאַרצווייפלט־בייזן בליק, ניין אַ בליץ פון זיינע ברען־שוואַרצע אויגן אויפן דאָקטאָר און נאָר די מאַמע מיינע, וואָס האָט געהאַט אַ שאַרפן זין אי פאַר הומאָר און אי פאַר טראַגיק און אי פאַר טראַגי־קאָמעדיע, האָט זיך צעלאַכט אויף אַ קול: — אָבער הער דאָקטאָר, הער מאַיאָר, וואָס רעדט איר, וויאַזוי קען דאָס קינד זיין שיכור?

צו באַליידיקן די ערע פון אַן עסטרייכישן אָפּיציר אין די צייטן, ווען

די קייזער־קעניגלעכע עסטרייכיש־אונגאַרישע אימפעריע האָט געהערשט איבער אַ דריטל אייראָפּע, איז נישט געווען פון די גרינגע זאַכן. און אַז אַ געלאָדענעם רעוואָלווער און אַז די לאַנגע, געל־גאָלדענע קוואַסטן אַרום זיין שווערד, האָט זיך אַפילו אַ מיליטער־דאָקטער, און אַפילו אין מיטן נאַכט, און אַפילו שיכורערהייט, נישט אַ ריר געטאָן... אָבער ער איז גע־ווען אַ גוטמוטיקער, דער דאָקטער, און שטאָט צו שיסן — האָט ער זיך פלוצלינג אויסגעניכטערט און געגאַנגען ראַטעווען זיין דאָקטער־ווירדע צו דער... אַם. די אָרעמע איז אויפגעשפּרונגען אויף אירע פיס און גע־וואַרט. און דער דאָקטער האָט באַפוילן: — מאַך אויף דאָס מויל! און זי האָט דאָס מויל נאָך מער פאַרהאַקט. און אַזוי זענען ביידע שיכורים גע־שטאַנען, אויסגעניכטערטע, איינער אַנטקעגן אַנדערן מיט אַ קאַלטער רציחה. איינע צו באַווייזן איר געטריישאַפט צו די קינדער, וואָס האָט אין יענער נאַכט זיך אַ שטאַרקן וואַקל געטאָן, און איינער צו באַווייזן זיין מעדיצינישע אויטאָריטעט.

האָט זיך די מאַמע, מיט איר אינטעליגענץ מאָמענטאַן אָריענטירט אין דער ווילדער סיטואַציע און דערשפּירט געפאַר. זי איז צוגעגאַנגען צו דער אַם און זי מיט גוטן איינגענומען און איר צוגעזאָגט פאַרגעבונג און זי האָט געטאָן דעם ווילן פון דעם אָפּיציר און אויפגעמאַכט דאָס מויל און עס האָט אַ שפּאַר געטאָן דער ריח פון אַ גאַנצער קרעטשמע פון דאָרט. אויך זי האָט זיך געלאָזט ווילגיין אין דער צעלאָזענער, שטילער, שטעטל־דיקער ווינטערנאַכט מיט איר געליבטן אולאַנער און אַז דאָס קינד האָט געוויינט, האָט זי עס אָנגעזויגן מיט איר מילך וואָס איז געווען איצט פול מיט אַלקאָהאָל, און דאָס קינד איז שיכור געוואָרן דערפון — מער טויט ווי שיכור...

דער דאָקטער־מאַיאָר האָט געראַטעוועט זיין כבוד און דעם כבוד פון אונדזער קיר'ה, די אַם האָט זיך מתוודה געווען און געראַטעוועט איר פּאָסטן ביי מיין גוטער מאַמען און דאָס קינד האָט מען אויך ווי נישט איז אָפּגעראַטעוועט — אַ סימן, אַז „עס״ דערציילט די דראַמאַטישע מעשה פון זיין איינציק מאָל שיכור זיין, אָט פונקט ווי זיין מאַמע האָט עס אים דערציילט נישט איינמאָל.

פון יענעם שיכורן אָוונט אין 1894 ביז די ניכטער־שיכורע ספּינאָזאַ־

## מלך ראַוויטש

לידער אין 1918 און ניכטער־שיכורע מעדיטאַציעס וועגן גאָט, גוי און
ייִד דאָס גאַנצע לעבן לאַנג איז פאָלג מיך אַ גאַנג, און דאָך — אין די
טיפענישן פון מיין באַוווסטזיין און אונטערבאַוווּסטזיין פיל איך עס —
אַ גלייכע ליניע.

# אַ רויט, סאַמעטן קליידעלע

ערגעץ טיף־טיף אין מיין נשמה, טיפער ווי אַלע מיינע באַוווסט־זיניקע איבערלעבונגען, ליגט זיך אַ מעשהלע, אַ מוראדיק דראַמאַטיש מעשהלע מיט אַ רויט, סאַמעטן קליידעלע. אפשר האָב איך אַ סך אַזעלכע איבערלעבונגען געהאַט, נאָר די איינע איז מיר געבליבן אין זכרון. אַמאָל געדענקט מען זאַכן פון דער ווייטער, ערשטער קינדהייט, אַמאָל אַפילו פונעם ערשטן לעבנס־יאָר, נאָר דערפאַר ווייל דער טאַטע, אָדער די מאַמע פלעגט עס אַזויפיל מאָל נאָכדערציילן, אַז סוף־כל־סוף דאַכט זיך איינעם, אַז מען געדענקט עס אַליין... דאָס מעשהלע מיט דעם רויטן קליידעלע פלעגט אָבער קיינער נישט נאָכדערציילן אין מיין נאָענטסטער משפחה, ווייל קיינער האָט עס נישט געזען — חוץ אונדזער אָם, די געשטופלטע יעווקע און איך. און דערצו האָט זי עס נישט באַמערקט און גאָרנישט פאַרגעדענקט. און די מעשה איז זיך אַזאַ:

היינטיקע צייטן טוט מען גאָר גיך קליינע יינגעלעך אָן הייזלעך, אָבער אַמאָל פלעגן יינגלעך, אָפט ביז דעם דריטן־פערטן לעבנס־יאָר, ביזן גיין אין חדר, אָדער צו אַ דרדקי־מלמד, טראָגן קליידלעך. און אין אונדזער משפּחה האָט מען לאַנגע יאָרן, ביזן ערשטן וועלט־קריג, אָפּגעהיטן אַ גאָר ראַזקאָשנע רויט, סאַמעטן קליידל, וואָס איינע פון די באָבעס האָט עס איבערגעמאַכט פון אירס אַ צעפאַלן חופּה־קלייד, און עס געשענקט מיין — מיט אַ יאָר עלטערן, ברודער. נאָר פונקט ווי אונדזער מאַמע האָט אָט דאָס קליידל ליב געהאַט, האָבן מיר, קינדער, עס פיינט געהאַט. עס איז געווען גרויס און שטייף און מיט אַ סך פעלדעלעך און פול מיט פלי־טערלעך, און אַז מען האָט עס געטראָגן איז „דאָ קלעק דיך נישט, און דאָ מעק דיך נישט” און דערצו, אַז מען האָט עס געגלעט, האָט עס זיך אויפ־געשטעלט מיט די הערעלעך קאַפּויער און האָט אַרויסגערופן אַ ציטער אין די נערוון. נאָך היינט קען איך קיין סאַמעט נישט אָנרירן, ווייל עס דער־מאָנט זיך מיר באַלד דאָס רויט־סאַמעטענע קליידעלע...

מיין עלטערער ברודער איז שוין אַלט געווען איבער דריי יאָר, ווען דאָס מעשהלע מיינס פון איצט האָט געטראָפן, און ער איז שוין געווען באַפרייט פון דער פליכט פון צייט צו צייט צו פּאַראַדירן אין דעם רויט־סאַמעטענעם קליידעלע און אַזוי אַרום אָפּצוגעבן כבוד אונדזער באָבען. די פליכט איז איצט איבערגעאַנגען אויף מיר. און אָט איז אַ הערלעכער, אָסיענדיקער פרימאָרגן, און די זון שיינט און די פייגעלעך שפּילן און די קאַשטאַנביימער שטייען אין גאָלד, און אונטער זייערע שווערע שטאַמען ליגט אַ גאָלדענער טעפּיך פון בלעטער און צווישן די בלעטער ליגן גרויסע, גרינע קוילן מיט מילדע, ווייכע דערנער, און מען קען זיי גרינג אויפ־שפּאַלטן און אַרויסנעמען פון זיי די ברוינע קאַשטאַנעס, האַרט ווי שטיינ־דלעך, אָבער נישט אַזוי שווער. און מיט אַזעלכע קאַשטאַנעס — אַז מען האָט אַ פול קעסטל — איז מען צווישן קינדער אַ מיליאָנער... און איך האָב דאָס אַלץ געוווסט און איך האָב מיך געריסן צו אַ מאָרגן־שפּאַציר. און די מאַמע באַפרייט פון דער אַרבעט אונדזער לאַנגיעריקע אַם. די דזשיאָבאַטע יעווקע, די הויכע און גוטע, און געטרייע מיט די גרויסע ביינערדיקע הענט און פיס און מיט פונקט אַזאַ פּנים, און זי טוט מיך אָן און די מאַמע קאָמאַנדירט: דאָס רויטע, סאַמעטענע קליידל... איך האָב נאַטירלעך אַ ביסל געוויינט און זיך אונטערגעגעבן, אָבער גיין אויף די פיס האָב איך שוין נישט געוואָלט און נאָר געבעטן, אַז מען זאָל מיך טראָגן. פאַר יעווקען איז דאָס גאָר קיין אָנשטרענגונג נישט געווען.

און אָט זענען מיר שוין אין דרויסן. יעווקע פּרוווט מיך אַראָפּשטעלן אויף דער ערד, אָבער מיינע פיס טראָגן מיך נישט. דער שפּאַציר איז מיר נישט ניחא. וועגן די קאַשטאַנעס געדענק איך נישט מער און אין מיינע אויגן פלאַמט דאָס רויטע סאַמעט־קליידעלע און אין מיין הערצל אַ ווייטיק און אַ בושה. קיין חברימלעך וויל איך נישט זען — און אַזוי ווי איך שווים הויך אויף די הענט פון דער הויכער יעווקע, קען איך זיי גאָרנישט זען און זיי מיך אויך נישט. צו רעדן צו יעווקען וועגן מיין אומגליק האָט קיין זינען נישט. און איך זוך עמעצן, וועמען צו פאַרטרויען מיין טרויער. און איך זוך אים אויבן. און אויף די צווייגן פון די קאַשטאַנביימער זענען דאָ אַ סך פייגעלעך און זיי זענען אַזוי נאָענט — אָט מיט דער האַנט צו דער־גרייכן. און איך הייב אויף די פּאָלעס פון מייַן אומגליקלעך קליידל אַזוי

הויך ווי איך קען נאָר, זיצנדיק אין די שטאַרקע אָרעמס פון דער אָם, און איך זינג אויס מיט אַ וויינענדיקן ניגון: „פּאַטש, פּאַטש פּטאַשקי — פּאַטש, טי מוי קאָכאַני פּטאַשקו! מיר פלעגן אין דער קינדהייט ריידן פויליש, און אין ייִדיש הייסן די ווערטער: קוק, קוק פייגעלע — קוק, דו מיין געליבט פייגעלע! און זינגענדיק, האָב איך מיך אַזוי געריסן צו די פייגעלעך, אַז איך בין שיר נישט אַרויסגעפאַלן פון יעווקעס אָרעמס. און אַזוי כמעט אויפן גאַנצן שפּאַציר. קיין קאַשטאַנעס האָב איך נישט גע־קליבן און אַזוי זענען מיר אַהיימגעקומען.

און אַז מיר זענען אַהיימגעקומען, האָט זיך מיר זייער שטאַרק גע־גלוסט, אַז יעווקע זאָל דערציילן דער מאַמען וועגן מיין זינגען צו די פּיי־געלעך און אויפהייבן צו זיי די פּאַלעס פון דעם קליידעלע, אָבער זי האָט נאָר טרוקן און קאַלט דערציילט, אַז דאָס קינד האָט כמעט דעם גאַנצן וועג געוויינט, און די מאַמע האָט באַלד גענומען טאַפּן מיין שטערן, צי איך האָב היץ. דאָס קליידל האָט מען מיר נאַטירלעך אויסגעטאָן. אָבער אין מיר איז געבליבן אַ טאָפּלטער טרויער, אַ טאָפּלטע באַליידיקונג. ערשטנס פאַר דעם מוז צו טראָגן דאָס קליידעלע און צווייטנס, וואָס מיין ליד צום פייגעלע, וואָס איך האָב עס אויסגעזונגען מיט אַזויפיל געפיל, אַז איך געדענק נאָך היינט אי די ווערטער און אי דעם ניגון, איז פון קיי־נעם נישט באַמערקט געוואָרן... אָט אַזוי איז דאָס ערשטע ליד פון מיין לעבן אַוועק צו די גרינע בלעטער, צו די פייגעלעך אויף די צווייגן, צו אַ בלויען, קלאָרן האַרבסט־הימל, אָבער נישט צו די נאָענטע מענטשן מיינע, צו וועלכע עס האָט אין דער אמתן געוואָלט דערגרייכן. שפּעטער זענען אַ סך, אַ סך לידער מיינע — און אפשר אַפילו בעסערע ווי „פּאַטש, פּאַטש פּטאַשקו...״ אַוועק צו די צווייגן און די פייגל און נישט באַמערקט גע־וואָרן פון קיינעם. אָבער איך בין נישט איינער אַזאַ, און דאָס איז אַ טרייסט. אָט דאָס רויטע קליידעלע האָט מיט פערצן יאָר שפּעטער מיין ייִנגערער ברודער הערץ געטראָגן, ער איז אויך אַ שרייבער, אפשר וועט ער אויך אַמאָל דערציילן זיין דראַמאַטיש מעשהלע וועגן אָט דעם קליידעלע.

# מיין ערשטע רייזע אין דער וועלט אַריין

פיר און אַ האַלבן יאָר בין איך דעמאָלט אַלט געווען. און געוווינט האָבן מיר דעמאָלט אין אַ גרויס, שיין, הילצערן הויז, וואָס האָט געהאַט אַ שטאָק — איבער אונדז, אונטערן דאַך — און דאָרט האָט געוווינט די טאָכטער פון דעם באַלעבאָס פון דעם הויז און דאָרט אויבן איז געווען אַ גאַנעק מיט אַ שיינעם, האָלצערנעם געלענדער. אונדזער דירה איז געווען אונטן — האָט געהאַט אַ סאַלאָן און אַ שלאָף־שטוב, וואָס זייערע פענצ־טער זענען אַרויסגעגאַנגען אין דער ברייטער גאַס, וואָס האָט געפירט פון יעריסלעוו קיין ריישע, פון ריישע קיין טאַרנע, פון טאַרנע קיין קראָקע, פון קראָקע קיין ווין, פון ווין קיין רוים און רוים איז די גרעסטע שטאָט פון דער וועלט, ווייל דאָרט וווינט דער פויפסט און דער פויפסט איז אי־בער אַלע קייזאָרים פון דער וועלט — און דאָס האָב איך אַלץ געוווּסט. דער טאַטע האָט עס אונדז קינדער דערציילט, די מאַמע האָט עס אונדז גענוי אויפגעקלערט. נאָר אונדזערע פענצטער זענען געווען נידעריקע און פון זיי האָט מען געקענט זען בלויז פון איין זייט דאָס ראָטהויז מיטן טורעם און מיט די פיר זייגערס צו אַלע פיר זייטן פון דער וועלט און אַנטקעגן — דעם קאַסטיאַל, וואָס איז געווען זייער אַלט און האָט געהאַט אַ הויכן טורעם מיט אַ קליין, שנעל גלעקל, און אַ באַזונדערן, שווערן, נישט צו הויכן גלאָקן־טורעם ביים אַריינגאַנג אין קלויסטער־הויף. און אַט די גלאָקן פלעגן קלינגען זייער לאַנגזאַם און זייער שווער און זייער אומעטיק און וועקן בענקשאַפטן, בענקשאַפטן צו די ווייטן, ביז קיין רוים — דער... גרעסטער שטאָט פון דער וועלט. און אין אַט־דעם גלאָקן־טורעם האָבן געוווינט סאָוועס. און אַז מען איז געשטאַנען לאַנג, לאַנג אונטער דעם טורעם, האָט מען געהערט ווי זיי רעדן צווישן זיך מיט מענטשלעכע קולות און מען האָט געקענט זען דעם קעצישן בליץ פון זייערע אויגן. אָבער אַז מען איז אַרויפגעגאַנגען אויף דעם גאַנעקל, ווו די טאָכטער פון דעם באַ־לעבאָס פון אונדזער הויז האָט געוווינט — האָט מען געקענט זען לאַנקעס

און אַ שטיק פון גלייכן וועג, וואָס פירט קיין יעריסלעוו און דער קלויס־טער פון אַנטקעגן האָט אין אָט דער פּערספּעקטיוו באַקומען גאָר אַן אַנדער פּנים און די נשמה האָט פון דאָ אויס געקענט אַרויספליִען אויף זיין טור־רעם און פון דאָרט האָט מען אפשר געקענט זען ביז ווין, אפשר ביז רוים. בין איך אָפט געשטאַנען אויף אָט דעם גאַנעק און זיך אָנגעהאַלטן אַן די האָלצערנע פּאַרענטשעס און געחלומט פון די ווייטן...

און איינמאָל האָב איך מיך עפּעס פאַרזינדיקט מיט איינגעשפּאַרט־קייט און דער טאַטע האָט מיך געשטראָפט און געסטראַשעט און... נישט געשלאָגן; ער האָט מיך בכלל כמעט קיינמאָל נישט געשלאָגן. האָב איך זייער לאַנג און זייער שטיל און זייער טיף געוויינט און אַז איך האָב באַ־מערקט, אַז אַלע אין שטוב האָבן מיך שוין פאַרגעסן מיט מיין געוויין, בין איך צוגעגאַנגען צו דער טיר און אָנגעכאַפּט דעם גרויסן שליסל, ווייל די קליאַמקע האָב איך נישט געקענט גרינג דערגרייכן נאָך דעמאָלט. און איך האָב געשלוקערצט און געזאָגט זייער הויך: אָ יאָק יאָ פּוידע — און אַז איך וועל אַוועק... און אין מיין מיניאַטור־פאַנטאַזיעלע — און דאָס געדענק איך אַזוי גוט — האָב איך מיך געזען גיין, גיין, גיין אין דער ריכטונג פון יעריסלעוו אויף דעם גלייכן וועג מיט די הויכע ווערבעס ביים וועג־ראַנד און אומענדלעכע לאָנקעס פוןביידע זייטן.

קיינער האָט מיין דראָונג נישט דערהערט. האָב איך זי געזאָגט נאָך אַמאָל און שטאַרקער, און נאָך אַמאָל און נאָך שטאַרקער — ביז די מאַמע איז צוגעלאָפן צו מיר און מיך געכאַפּט אויף די הענט און מיך געפרעגט: און ווו ווּעסטו גיין? האָב איך מיך צעשלוקערצט נאָך האַרציקער און גע־זאָגט; וו־שוויאַט — אין דער וועלט אַריין... קיינער האָט עס ערנסט נישט גענומען, אָבער איך יאָ.

און אַ פּאָר טעג שפּעטער זענען ביי אונדז געווען אַ סך קינדער, שכנים און אייגענע. און איך בין דעמאָלט געווען זייער פאַרליבט אין מיין קוזינע סידאַניע, וואָס מען האָט גערופן סידקע, און וואָס איז געווען עלטער פון מיר מיט אַ יאָר און האָט געהאַט זייער שיינע חן־גריבלעך און האָט זייער אַ סך געלאַכט. און איך האָב באַשלאָסן צו אַנטלויפן אין דער וועלט אַריין מיט סידקען. און איך האָב מיך דעמאָלט וויינִיק געשפּילט מיט די קינדער און אַוועק מיט סידקען אין דער אַלטאַנע פון אונדזער גאָרטן און

איר פּאָרטרויט מיין פּלאַן. זי האָט דעם פּלאַן נישט גענומען שטאַרק ערנסט און דערפאַר באַלד איינגעוויליקט. מיר האָבן געמאַכט אַ קליין פּעקעלע מיט עטלעכע שטיקלעך ברויט און מיר זענען אַוועק. דער זומער־פּאַרנאַכט האָט געבליט מיט אַלע ריחות און געקלונגען מיט אַלע טענער פון די זאַטע גרינקייטן אונטן ביז די סאַמעטענע בלויקייטן אויבן. אַז מיר זענען שוין געווען אַביסל אַרויס פון שטאָט און שוין ביי די לאָנקעס — האָט מען פּונקט אָנגעהויבן די גרויסע סטאַדעס קי אַראָפּצוטרייבן פון דער פּאַשע. האָבן מיר זיך צוגעשטעלט צו אַ דיקן שטאָם פון אַ וועג־ווערבע און איבערגעוואַרט די סטאַדע. סידקע האָט אָנגעהויבן צו וויינען פון שרעק, אָבער איך בין געבליבן פעסט. איך האָב געהאַט אַ ציל — די ווייטקייט — און מיך האָט געטריבן אַן אייפער נקמה צו נעמען פאַר דער שטראָף. אפשר בין איך אויך אומשולדיק געשטראָפט געוואָרן.

און אַז די סטאַדעס קי זענען אַוועק, זענען מיר אַוועק ווייטער אין דער... וועלט אַריין. נאָר אַז אַ צווייטע סטאַדע קי איז אָנגעקומען איז סידקע אַנטלאָפן אַהיים. איך האָב איר נאָכגעשריגן וויפיל כּוח איך האָב געהאַט און אַוועק איינער אַליין פאַרויס און פאַרויס. צוערשט בין איך געלאָפן, שפּעטער בין איך געגאַנגען זייער שנעל, שפּעטער האָב איך פאַר־לאַנגזאַמט דעם שריט און נאָר נאָך שרעק און איינגעשפּאַרטקייט האָט מיך איצט געטריבן פאָרויס און פאָרויס. נאָר געגאַנגען בין איך לאַנגזאַם. און כאָטש איך בין געגאַנגען לאַנגזאַם — האָט זיך מיר געדאַכט, אַז די ביימער פון ביידע זייטן וועג לויפן שנעל צוריק, צוריק, און כאָטש עס איז געווען אַ שטילער פאַרנאַכט, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז די ביימער פאָכען מיט די צווייגן ווי אין אַ שטורעם־ווינט. די זון איז פאַרזונקען, עס האָט גענומען טונקלען און מיר האָט זיך גענומען דאַכטן, אַז איך גיי נישט מער, נאָר איך פלי. איך האָב געוווּסט איין זאַך, אַז קיין צוריק איז נישטאָ, קיין פאָרויס איז שוין אויך מער נישט געווען נאָר עפּעס אַ תהום פון שרעק, וואָס האָט נישט געהאַט קיין קאָליר און נישט קיין ליכט און נישט קיין פינצטערניש.

און פּלוצלינג האָב איך דערהערט אַ וועגעלע האָצקען אויפן וועג און אַ: וויאָ־וויאָ — אָט איז ער, רב פראַים — אָט איז ער! און אַ מינוט שפּע־טער אין דער היים — און אַז דער טאַטע האָט אָנגעהויבן ווידער גרייטן

אַ שטראָף און האָט אָנגעהויבן סימבאָליש אַרויסצוּזען אַ ריטל פון גרויסן בעזים און ווייקן עס אין וואַסער און שפּעטער זאַלצן — גענוצט האָט ער די סימבאָלישע שטראָף־מכשירים קיינמאָל נישט, קיינמאָל נישט — האָט מיך די מאַמע גענומען אויף די הענט און אַוועק מיט מיר אין דער שלאָף־שטוב. די שטוב איז געווען שוין גאַנץ טונקל. פון קיך האָבן זיך געהערט די קולות פון די קינדער, וואָס מען האָט געטיילט אַ טרונק מילך איידער מען האָט זיי פונאַנדערגעשיקט אין די היימען. עפּעס איז אַזוי געשען, אַז די קינדער האָבן די גאַנצע סצענע נישט באַמערקט און סידקע איז שוין אַוועק אַהיים פריִער.

די מאַמע האָט מיך געטוליעט צו זיך און געשעפּטשעט: איך פאַר־שטיי דיך, קינד — איך פאַרשטיי דיך — — — ביז איך בין אַנטשלאָפן געוואָרן.

נאָר וואָס די מאַמע האָט דעמאָלט געמיינט מיט איר „איך פאַרשטיי דיך, קינד“ — האָב איך נאָך דעמאָלט נישט פאַרשטאַנען. איך האָב עס פאַרשטאַנען אַ סך, אַ סך שפּעטער. ערשט דעמאָלט, ווען איך האָב אָנגעהויבן די מאַמען פאַרשטיין — און די מאַמע מיך — ווייניקער.

אָט אַזוי האָט זיך געענדיקט מיין ערשטע רייזע אין דער וועלט אַריין. זי איז געווען די ערשטע, אָבער נישט די לעצטע.

# שדים און שרעקלעכע געשטאַלטן

פונקט ווי איך ווייס נישט פון וואַנעט עס האָט זיך אַזויפיל מוט גע־נומען צו מיין קליינעם און נישט צו שטאַרקן טאַטעלע — אַזוי ווייס איך נישט, פון וואַנעט עס האָט זיך צו מיר גענומען אַזויפיל שרעק.

און אפשר האָט זיך די שרעק אין מיר גענומען פון יענער נאַכט אָן, וועגן וועלכער איך וועל דאָ ווייטער דערציילן אַ מעשה. אָבער די מעשה וועט זיין ערשט ביים סוף.

קינדער און שרעקלעכע מעשיות — מעשיות וועגן שדים און רוחות און שרעטעלעך און גילגולים און מתים צו חצות אין שיל און רויטע מיצ־לעך ביי די אָפּטריטן ביינאַכט און גולם־געשטאַלטן אויף בוידעמער און נשמות פון געשטאָרבענע באָבעס און פעטערס און זיידעס און מומעס — זענען באַגלייטערס פון יעדן מענטשס פריִע און ערשטע יאָרן. און וויפל מיין אויפגעקלערטער טאַטע און נאָך מער אויפגעקלערטע מאַמע, וואָס זענען געווען גרויסע קעגנערס פון זאַבאָבאָנעס, האָבן זיך געמיט פון מיר אָט די מעשיות ווייטצוהאַלטן און מיר און מיין עלטערן ברודער צו פאַר־ביטן די מעשיות צו דערציילן — געווירקט האָט אָט דער פּאַרבאָט בלויז אויף מיין ברודער. איך האָב — אַזוי גיך ווי איך האָב נאָר ערגעץ געהערט דערציילן אַ שרעקלעכע מעשה — באַלד אויסגעקיילעכדיקט מיינע גרויסע אויגן און אָנגעשפּיצט מיינע שטענדיק בלייבע אויערן, און די מעשיות זענען געזונקען טיף אין מיר און מיך באַגלייט אין שלאָף אַריין; און נישט איינמאָל האָט מיך, אַפילו שוין אין מיין זעקסטן און זיבעטן יאָר, מיין מאַמע געמוזט אין מיטן דער נאַכט נעמען צו זיך אין בעט אַריין און מיך באַרויִקן און איינשלעפערן מיט איבערדערציילן מיר אַ ליד, אָדער אַ דער־ציילונג פון דער וועלט־ליטעראַטור, וואָס זי האָט היפּשלעך גוט געקענט.

ביז צו מיין אַכטן־ניינטן יאָר האָבן מיר געוווינט אין אַ פּאַרטער־הויז מיט זייער נידעריקע פענצטער און די לאָדנס פלעגט מען נישט אַלע־

מאָל פאַרמאַכן. האָט מען הינטער די פענצטער אַלעמאָל געהערט שריט — שריט אין דער נאַכט... דערצו איז אין צווייטן הויז געווען די שטאָטישע אַפּטייק און אָפּטמאָל האָט מען געהערט דאָס פאַרצווייפלטע קלאַפּן אין די פענצטער פון אָט דער אַפּטייק — און נישט סתם אַ קלאַפּן, נאָר אויך אַ בלוטיק וויינען און שרייען, ווייל מען פלעגט דאָ אָפט ברענגען פאַרוווּנדעטע פון געשלעגן און צופאַלן.

כאָטש די לאָדנס פלעגט מען נישט אַלעמאָל ביי אונדז פאַרקלאַפּן, פלעגט מען אָבער אַלעמאָל אויף ביינאַכט אַראָפּלאָזן די לייוונטענע ראָלעטן. און קוים פלעג איך נאָר הערן אַ שאָרך אין דער נאַכט — פלעג איך שוין שטילערהייט אַ שפּרונג טון צום פענצטער, אַ הייב טון די ראָלעטן און זען — זען — זאַכן און געשטאַלטן, וואָס זענען דאָרט יאָ געווען הינטער די פענצטער און זאַכן און געשטאַלטן, וואָס זענען דאָרט נישט געווען...

דאָס זענען געווען די שרעק־געשטאַלטן פון די פראָנט־פענצטער. אָבער אין איין שיינעם אָוונט זענען צוגעקומען די שרעק־געשטאַלטן פון דעם קיך־פענצטער, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אויף אַ שיינעם, ריינעם הויף, מיט אַ שיין גערטנדל, מיט אַן אַלטאַנע. אָבער ביים סוף פון הויף, אין אַ וויטן ווינקל, איז געווען דער אָפּטריט, אויך זייער ריין, אָבער גראָד דאָס האָט — לויט דער מעשה פון מיין קינדהייט־חבר בנימין — נאָך מער צוגעצויגן דעם שד מיט דעם רויטן מיצל... ער האָט אים נישט איינמאָל געזען, ווען ער פלעגט „אַרויסגיין" שפּעט אין אָוונט. מער האָב איך נישט געדאַרפט. אָפט פלעג איך מיך אַרונטערשטעלן הינטער די ראָלעטן פון קיך־פענצטער און וואַרטן אויף דער דערשיינונג פון שד מיטן רויטן מיצל. און איך האָב אים טאַקע נישט איינמאָל געזען...

וואָלט איך כאָטש געהאַט מיט וועמען זיך צו טיילן מיט די שרעק־איבערלעבונגען און די מעשיות וועגן די געשטאַלטן... האָב איך דאָס אַלץ געמוזט שטיקן אין זיך. מיין עלטערער ברודער מאָניע — עלטער מיט דרייצן חדשים — האָט פון אַלע די מעשיות נישט געוואָלט הערן און געדענקען, נישט נאָר האָט ער — דער אייביק־איינגעשפּאַרטער און ווידערשפּעניקער צו די באַפעלן פון טאַטע־מאַמע — אין דעם פאַל זייער פאַר־

באַט געהערט, נאָר ער איז אויך געווען איבערגעצייגט אין דער נישט־ריכטיקייט פון די געשיכטעס. ער איז פון דער פריסטער קינדהייט געווען אַ פאַנאַטיקער פון אמת און ער איז געווען נאָך זיבן מאָל דרייסטער און שרעקלאָזער ווי דער טאַטע. אַזוי שוין פון דער פריִער קינדהייט אָן. ער פלעגט אַריינגיין אָן שרעק צווישן אַ טשאַטע הינט. ער פלעגט דורכגיין דורך סטאַדעס בהמות, וואָס זענען הונדערטערווייז דורכגעגאַנגען יעדן פריי־מאָרגן און פאַרנאַכט דורך דעם שטעטל צו און פון דער לאָנקע. דאָס זע־נען געווען די בהמות פון דעם גרויסן גוט פון שטעטל. ער פלעגט זיך צו־שטעלן נאָענט צו די גרעסטע געשלעגן פון שיכורע פויערים בשעת אַ יאַ־ריד. ער האָט זיך ממש געבעטן, אַז מען זאָל אים שיקן שליחותן אין שפּעטן אָוונט. און פון מעשיות האָט ער ממש נישט געוואָלט הערן און געדענקען.

האָב איך מיין שרעק און די מעשיות געשטיקט אין זיך, אין זיך...

און איינמאָל, און געווען איז עס ווינטער־צייט, האָב איך געהערט געלעכטערס הינטערן פענצטער, שטילע, פאַרשטיקטע געלעכטערס. איך האָב געהאַט דעם שלאָף פון אַ האָז — אַזוי פלעגט מיין מאַמע זאָגן, פון צימער, ווו טאַטע־מאַמע שלאָפן, הער איך אַ ריטמיש כראָפּען. מייַן על־טערער ברודער אין אַנטקעגנאיבערדיקן בעט — שלאָפט. איך הער זיין אָטעם דייטלעך אַריין און אַרויס. און דאָ צעקלינגט זיך דער זייגער. ער קלינגט אויס דין די פערטל־שעהן און שפּעטער: בום־בום־בום. דריי! איך בין פאַרגליווערט געוואָרן פון פחד. דריי — דריי ביינאַכט איז די סאַמע געפערלעכסטע שדים־שעה, און דערצו נאָך ווינטער־צייט. דאָס איז די שעה, ווען דער אויבער־שד הייבט אָן צונויפרופן זיין קאַפּעליע — ווען אויפן בית־עולם צוריק און וועמען אונטער דער ערד, אין גיהנום אַריין. און אין אָט דער שעה — ריכטיקער, אין אָט דער מינוט צווישן צוויי שעהן — וואָיעווען זיי צום ווילדסטן. און אַ כישוף איז מיר אָפּגעטאָן געוואָרן — און נאָך היינט כאַפּ איך אַ ציטער ביים דערמאָנען עס — איך האָב גע־געבן אַ לויף צום פענצטער און אָפּגעדעקט אַ ווינקל פון דער ראָלעטע כדי אַלץ צו זען — זאָל עס מיך אַפילו קאָסטן דאָס לעבן.

און איך האָב טאַקע געזען —

איך האָב געזען הויכע, הויכע געשטאַלטן אויף פיס פון הענער, צי הי־

נער — געשטאַלטן, אַזוי גרויס ווי מענטשן און די הענער־פיס אַנט־שפּרעכנדיק דיק. און נישט נאָר הויכע געשטאַלטן האָב איך געזען, נאָר זיי זענען געוואַקסן אויך. דאָ זענען זיי געוואַקסן און דאָ זענען זיי קלענער געוואָרן — און זייערע קעפּ מוראדיק גרויס און זייערע אויגן און זייערע מיילער לייכטן זיך — יאָ דאָס האָב איך בפירוש געזען...

וואָס ווייטער איז געשען — איז גרינג צו פאַרשטיין. איך האָב אַרויסגעלאָזן אַזאַ קוויטש, אַז די גאַנצע שטוב איז באַלד געווען אויף די פיס און ביי מיר ביים פענצטער, געחלשט האָב איך נישט. איך האָב קיינמאָל נישט געהאַט די טבע. האָב קיינמאָל נישט פאַרלוירן דאָס באַ־ווּסטזיין. אויך נישט אין מיינע דערוואַקסענע יאָרן.

כאָטש עס איז געווען ווינטער, האָט דער טאַטע באַלד אויפגעפּראַלט דאָס פענצטער און אַ רוף־געטאָן די שדים. און זיי זענען צוגעקומען אויך. עס זענען געווען אַביסל שיכורלעכע באַקאַנטע יונגע שקצים, וואָס האָבן — עס איז געווען די צייט פון קאַרנאַוואַל — זיך פאַרווײַלט גייענדיק אויף שטאָלצן און טראָגנדיק אַזעלכע מיני מיטלאַלטערלעכע פיגורן אויף שטעקנס איבער זיך, און אין די קעפּ פון אַט די פיגורן — געמאַכט פון אויסגעהוילטע דיניעס — ליכטלעך. די יונגע שקצים האָבן געקענט דעם טאַטן און מען האָט זיי אַפילו אַרויסדערלאַנגט כיבוד דורך דעם אָפענעם פענצטער, אַז זיי זאָלן געגנוי ווייזן זייער קונץ דעם דערשראָקענעם קינד. און זיי האָבן גערן געפאָלגט. און אַ פערטל שעה שפּעטער איז די שטוב ווידער געשלאָפן — — — אָבער נישט מיין פאַנטאַזיע.

איך בין אָפּגעלעגן ביז אין דער פרי. אַלע פערטל שעה האָב איך איצט געהערט דעם זייגער אין שטוב און דאָס פייפל פון די נאַכט־פּאָלי־ציאַנטן אין דרויסן. א יי נ ס, צ וו יי, ד ר ר ר יי — אַזוי האָט גע־קלונגען זייער פייפל. זיי פלעגן אַרומגיין איבער אַלע גאַסן מיט לאַנגע פּיקעס — אַזוי איז געווען דער מנהג מקדמונים. אַזוי — דאַכט זיך — ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה. שפּעטער זענען זיי שוין געגאַנגען מיט ביקסן.

איך בין אויך געבליבן ליגן דעם גאַנצן טאָג שפּעטער און נאָך עט־לעכע טעג און נעכט. מען האָט געלאַכט פון מיין נאַכט־שרעק און איך האָב

מיטגעלאַכט. אָבער אין דער אמתן האָב איך נישט מיטגעלאַכט. איך האָב מיך בלויז געשעמט פאַר מיין שרעקלאָזן עלטערן ברודער און איך האָב געשפּילט, אַז איך לאַך מיט.

איך וואָלט נאָך געקענט דערציילן אַ סך מעשיות וועגן שדים און שרעק־געשטאַלטן פון מיין קינדהייט. אָבער צו וואָס, אַז איך האָב דאָ דערציילט די סאַמע שרעקלעכסטע?

# ויקרא — און ער האָט גערופן...

מיין מאַמעס טאַטע, יאָסעלע ראָזענבלאַט, איז געווען אַ פּשוטער, אָבער זייער אַ סטאַטעטשנער ייִד, וואָס איז פון דלות, דורך מזל און פלייסיקייט, אַריבער צו גרויס עשירות, ניין, טאָקע צום גרעסטן גביר אין שטעטל. אויף פּויליש האָט ער זיך קוים געקענט אונטערשרייבן. מיין טאַטנס טאַטע, זעליק בערגנער האָט געשטאַמט פון אַ פאַרמעגלעכער משפחה, אַ משכיל און מתנגד בן משכיל, וואָס האָט גוט געקענט די דייטשע קלאַסישע ליטעראַטור און נישט ווייניק גוט לערנען. און מיין מאַמען האָט עס געצויגן צו פּוילישער אַסימילאַציע און מיין טאַטן צו דייטשער אַסימילאַציע, מחמת אַ העלפט פון זיין משפחה האָט געוווינט אין ווין. און אונדז, קינדער, האָבן זיי, אין ייִדישן זינען, געגעבן אַ זייער נישט דעצידירטע דערציִונג. אין חדר זענען מיר — צוויי ייִנגלעך — נישט געגאַנגען.

און — לויט דעם ווילן פון מיין פאָטער — האָט מען ביי מיין, איין יאָר עלטערן, ברודער נישט דורכגעפירט די צערעמאָניע פון אָנהייבן חומש. אָבער, אַז איך בין אַלט געוואָרן 5 יאָר, האָט מיין זיידע פון דער מאַמעס צד אָנגעהויבן אַן אָפּענסיווע אויף אונדזער שטוב, אַז איך זאָל יאָ אָנהייבן חומש ווי עס פירט זיך ביי לייטן. צוערשט האָט דער זיידע מיך איינגענומען מיט דער הילף פון מלאכים. מיר האָבן שוין געלערנט טראָף און אויך שוין עברי מיט אַ דרדקי־מלמד, מיט אַ לאַנגער, צוויי־שפּיציקער, פּעכשוואַרצער באָרד — און זיין נאָמען איז געווען אייזיק. גערעדט האָט ער מיט אונדז אויף פּויליש, געהאַט אַ קונציק געשניצטן ביינערנעם טייטל און נאָך אַט דעם טייטל אויפן בלעטל פון סידורל מיט די גרויסע אותיות איז כסדר נאָכגעגאַנגען זיין בעטן זיך ביי אונדז אויף פּויליש „מאָווזשע" — זאָג שוין. מאָווזשע — קמץ־אלף — אָ; פּתח־גימל — גאַ. בשעת אַט די לאַנגווייליקע טייטל־לעקציעס פלעגט דער זיידע אַריינקומען, שטעלן זיך הינטער מיר צוקאָפּנס און עס האָבן אָנגעהויבן

פאַלן פון אויבן אויפן סידורל בלאַנקענדיקע גרייצערס און אָפּטמאָל גריי־טע צוקערלעך, איינגעוויקלט אין זילבער־פּאַפּיר. אַז די גרייצערס קומען טאַקע פון הימל איז קיין ספק נישט געווען, ווייל זיי זענען אַלע געווען פרישע און בלאַנקענדיקע ווי גאָלד. אַט דער טייל פון דער אָפּענסיווע אויף מיין נשמה האָט דער זיידע דורכגעפירט מיט דער הילף פון מלאכים, וואָס פלעגן וואַרפן גרייצערס פון הימל — ווייל זיי האָבן געוווסט, אַז אַ ליאַדע טאָג דאַרף איך אָנהייבן חומש, און אַז איך וועל אָנהייבן חומש — האָט דער זיידע פאַרזיכערט — וועלן אָנהייבן פאַלן גאַנצע זילבערנע „קראָנען".

שווערער איז דעם זיידן אָנגעקומען די אָפּענסיווע אויף מיין טאַטן און מיין מאַמען, אַז איך זאָל אָנהייבן חומש ווי ביי לייטן, מיט אַ דרשה און אַ סעודה אין אַ שבת־נאָכמיטיק. ביי אַט דער אָפּענסיווע פלעגן פאַלן פון מיין זיידנס אויגן הייסע טרערן אויף זיין זילבערנער באָרד — ער איז שוין דעמאָלט אַלט געווען נאָענט צו די שבעים. די ערשטע האָט מסכים געווען די מאַמע און זי האָט פון איר זייט פאַרגעזעצט די אָפּענסיווע ביי מיין איינגעשפּאַרטן בן־משכיל־טאַטן — מיט אירע אייגענע טרערן. און אויף איין שיינעם שבת נאָכמיטיק האָט מען באַשטימט די צערעמאָניע.

צו די לעקציעס פון אייזיק מלמד פלעגן איצט קומען נאָך צוויי יינגלעך, אַביסל עלטערע פון מיר — משהלע און בנימין. משהלע איז געווען דער פרעגער און בנימין דער בענטשער. יידיש רעדן האָב איך נישט געקענט און אויך נישט געטאָרט — כאָטש טאַטע־מאַמע האָבן צווישן זיך גערעדט יידיש. אַפילו מיין זיידע האָט מיט מיר גערעדט פּויליש, דער מלמד און די חברים — אוודאי. און איצט איז פּלוצלינג מיין מויל און מיין קאָפּ געוואָרן פול מיט פרעמדע ווערטער, וואָס איך האָב אינגאַנצן זייער טייטש נישט פאַרשטאַנען און נאָך ווייניקער די גאַנצע צור־גרייטונגען. עס האָט זיך אין שטוב באַוויזן אַ גרויסער זילבערנער ברוסט־שילד אויף קייטעלעך, וואָס האָט געהאַט אין מיטן אַ טויערל מיט צוויי טירעלעך, אַ מין זילבערן ארון־קודשל. אַט דער ברוסט־שילד, וואָס מען האָט אים גערופן „ציץ כלי קודש", אָדער „חושן ואפד", האָט דער זיידע ספּעציעל געקויפט צו דער געלעגנהייט פון מיין חומש־אָנהייבן און שפּע־טער האָט אַט דער חפץ געדינט דער גאַנצער שטאָט. אַרעם און רייך

פלעגן עס באַרגן צו ענלעכע געלעגנהייטן. צו מיינע פּראָבעס פון חומש־אָנהייבן פלעגט קומען דער זיידע אַליין און פלעגט מיר צו די פּראָבעס אָנטאָן דעם ציץ כּלי קודש. ער האָט ליב געהאַט זיך צו שפּילן מיט גאָלד און מיט זילבער און האָט אַפילו זיך אַליין נישט איינמאָל אָנגעמאָסטן דעם חפץ, אָבער זיין לאַנגע זילבערנע באָרד האָט אינגאַנצן פאַרשטעלט דעם חושן ואפוד. און ער פלעגט לאַכן מיט זיין נאַיוו געלעכטערל, אַז ער קען נישט זען ווי עס פּאַסט אים.

און אָט איז געקומען דער שבת נאָכמיטיק פון דער צערעמאָניע. אַלע פּעטערס און גוטע פריינט אַרום טיש, וואָס מען האָט פאַרלענגערט מיט נאָך אַ סך טישן. און דער טיש בלאַנקט מיט די ווייסע טישטעכער און גליצערט מיט טאַצן און מיט פלאַשן און מיט כּל־טוב אין אַלע פאַרבן און אין אַלע ריחות. מען האָט אַזאַ טיש גערופן „אַ זיסער טיש" — כאָטש אויך ביר און ניסלעך האָבן נישט געפעלט. און דער זיידע זיצט אויבן־אָן — דער טאַטע אָן אָנגעכמורעטער — אַנטקעגן. אַ געדיכטער קראַנץ ייִדן אין שטריימלען אַרום טיש און אַ געדיכטער קראַנץ מומעס און געסט, באַלעבאָסטעס און שוועסטער־קינדער — שטייענדיק אַרום. און אָט טראָגט מען מיך פון ערגעץ אַרויס און איך שטיי שוין אין מיטן טיש. אַ גראַנאַט־אַנצוג, ווי די מאַטראָזן טראָגן, האָט מיר דער זיידע ספּעציעל געקויפט צום חומש אָנהייבן און אויפן קאָפּ — אַ מאַטראָזן־היטל מיט בענדער און מיט דער אויפשריפט „טריעסט". אויף דער ברוסט דער ציץ כּלי קודש און אין יעדער קעשענע אַ גאָלדן זייגערל און פון די זעקס זייגערלעך אַ פלאַנטער פון גאָלדענע קייטן אַרום מיר — און אין מויל אַ פלאָנטער פון ווערטער, וואָס איך האָב זייער טייטש נישט געקענט, נאָר זיי געקענט זייער גוט פון אויסנווייניק. און משהלע דער פרעגער הייבט אָן צו פרעגן:

— זאָג מיר נאָר ייִנגעלע, ייִנגעלע — וואָס גייסטו איצט טאָן?

— איך גיי אָנהייבן חומש לערנען, אַזוי ווי גאָט און משה־רבינו האָבן אונדז געבאָטן!

— ייִנגעלע, ייִנגעלע — וואָס הייסט חומש?

— חומש הייסט פינעף.

— וואָס פינעף? אפשר האָסטו געגעסן פינעף בייגל אומגעוואַשן?

— ניין, פינעף הייליקע ספרים זענען דאָ אין דער הייליקער תורה,

וואָס דער רבונו־של־עולם האָט אונדז געגעבן אויפֿן הר־סיני!

— ייִנגעלע, ייִנגעלע — און וועלכן פֿון די פֿינעף חומשים וועסטו אָנהייבן לערנען?

— דעם חומש ויקרא וועל איך אָנהייבן לערנען!

— ויקרא, ויקרא — וואָס הייסט ויקרא?

— ויקרא — און ער האָט גערופֿן!

— ווער האָט גערופֿן? אפֿשר דער בעלפֿער אין חדר אַריין? אפֿשר דער שמש אין שיל אַריין?

— ניין. ויקרא — און גאָט האָט גערופֿן — אל — צו — משה — משהן — גאָט האָט גערופֿן צו משהן — אאַז״וו.

אַז דער טייל האָט זיך געענדיקט האָב איך אָנגעבויגן דעם קאָפּ און בנימין האָט אַרויפֿגעלייגט זיינע הענט אויף מיין מאַטראָזן־היטל און האָט מיך געבענטשט. ער איז געווען זייער דערשראָקן און האָט געמאָלן שנעל, שנעל זיין בענטשונג און נאָר דאָס וואָרט „כלה״, וואָס איז דאָרט דאָ אין דער בענטשונג, האָט ער אַרויסגערעדט זייער הויך און מיט אַ קוויטש. און אַז איך האָב אָנגעבויגן דעם קאָפּ, האָב איך געזען מיין טאַטנס אויגן אויף מיר און זיי זענען געווען בייז און אָנגעכמורעט. כאָטש איך האָב געוווּסט, אַז איך בין דאָ עפּעס אַן אומזיסטער קרבן, ווייל איך בין גאָט די נשמה שולדיק. נאָר אַז בנימין האָט עטלעכע מאָל איבערגעחזרט דאָס וואָרט כלה, מיט אַ קוויטש, און אַז אַ סך ביים טיש און אַרום דעם טיש האָבן זיך צעלאַכט — און סיי ווי האָב אויך איך געוווּסט, אַז דאָס איז נישט קיין שיין וואָרט — און אַביסל שיכור בין איך נאָך דערצו אויך געווען, ווייל מיין זיידע האָט ליב געהאַט צו מאַכן שפּאַס מיט קינדער און זיי צו געבן וויין צו טרינקען — האָב איך מיך שוין נישט געקענט באַהערשן און אויסגעבראָכן אין אַ ספּאַזמאַטיש און היסטעריש געוויין.

דער טאַטע האָט מיך באַלד אַ כאַפּ־געטאָן פֿון טיש ווי פֿון אַ שריפֿה אַרויס. אַלע זייגערלעך האָט ער מיט ציטערדיקע הענט אָפּגעשפּיליעט פֿון מיר און דעם ציץ כלי קודש האָט ער מיט כעס אַריבערדערלאַנגט צו זיין באַזיצער דעם זיידן. און איך האָב נאָך אַלץ געוויינט און געוויינט. די סעודה האָט מען נישט איבערגעריסן — מילא, אַ קינד צעוויינט זיך דאָרט.

איין מינוט שפּעטער בין איך שוין געלעגן אין בעט און דער טאַטע איז נישט אָפּגעטרעטן פון מיר. ער האָט געהאַט אַ גוטן אויסרייד נישט מיטצוזיין מער אויף דער סעודה. דער זיידע האָט זיך נאָך פריילעך געמאַכט, נאָר ער האָט שוין געוווּסט, אַז ער האָט פאַרשפּילט און זיין הויפּט־צוועק וועט ער נישט דערגרייכן. אין חדר אַריין, צו לערנען חומש, וועט מען מיך נישט שיקן. חומש וועל איך לערנען מיטן ביאור פון משה מענדלסאָן ימח שמו... און אין דער היים.

אויף צו מאָרגנס איז דער טאַטע געפאָרן קיין קראָקע און געבראַכט פון דאָרט אַ „לעהרער" — תורה, סחורה און געפּוצטע שטיוול — מיטן נאָמען יוסף היילמאַן און ער האָט נישט אָנגעהויבן מיט ויקרא און נאָר מיט בראשית — בראשית, אַם אַנפאַנגע, ברא ערשוף, אלהים, גאָט — את השמים, דען היממעל, ואת הארץ, אונד די ערדע.

נאָר דאָס לערנען ביי יוסף היילמאַן איז אַ מעשה פאַר זיך. עס לוינט זי באַזונדער צו דערציילן.



# צוויי מאַראַנצן

מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק זענען מאַראַנצן געווען זעלטענע געסט אויף טישן אין קליינע שטעטלעך, אַפילו אויף נגידישע טישן. איינמאָל אין אַ ווינטער־אָוונט איז מיין טאַטע געקומען צו פאָרן פון אַ גרויסער שטאָט, פון לעמבערג. מיין עלטערער ברודער — אַ יאָר עלטער — און איך האָבן דעם טאָטן שיין באַגריסט און מכלומרשט אַוועק זיך שפּילן, אָבער אין דער אמתן איז אונדזער געדאַנק געווען פאַרנומען מיט דעם גרויסן, שיינעם רענצל פון אונדזער טאַטן. מיר האָבן געוווסט, אַז דאָרט מוז עפּעס זיין פאַר אונדז. פינף יאָר און זעקס יאָר זענען מיר דעמאָלט אַלט געווען. אָבער אונדזער טאַטע האָט זיך קיינמאָל נישט געאיילט. און שפּילעכלעך פלעגט ער אַלעמאָל געבן מיטן גאַנצן האַרץ, און אַפילו פרעמדע קינדער פלעגט ער אָפט ברענגען שפּילעכלעך, אָבער אַלעמאָל פּאַוואָליע און אַלעמאָל מיט אַביסל מוסר און מיט אַ מאָראַל...

ענדלעך האָט דער טאַטע זיך גענומען אויספּאַקן דאָס רענצל. אין גאַליציע האָט אַ טשעמאָדאַן געהייסן „רענצל”. אונדזער טאַטע האָט זיך קיינמאָל נישט געאיילט און האָט אויך פיינט געהאַט, ווען אַנדערע איילן זיך. האָבן מיר זיך טאַקע ווייטער געשפּילט, אָבער מיר האָבן שוין אינגאַנצן נישט געוווסט מער אין וואָס מיר שפּילן זיך, ווייל אונדזערע קליינע געדאַנקעלעך זענען געווען אין טאַטנס רענצל און דאָרט געהאָלפן עס אויספּאַקן...

און אָט ליגן אויפן טיש צוויי גרויסע, רויטלעך־גאָלדענע קוילן. גרעסער ווי די גרעסטע עפּל. אַז דאָס זענען נישט קיין שפּיל־באַלעמס איז געווען קלאָר. די אַמאָליקע מאַראַנצן זענען געווען גרויסע מיוחסים און יעדע מאַראַנץ איז געווען שיין און געקליבן. דער טאַטע רופט אַריין פון קיך די מאַמען און הייסט אונדז אַלע זיך אַוועקזעצן ביים טיש. מיר האָבן דערפילט, אַז די רויטלעך־גאָלדענע קוילן שמעקן מיט אַ ריח, וואָס דער־

מאָנט אתרוג און מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז עפּעס וואָס איז צום בענטשן און צום מיטנעמען אין שיל אַריין. און אפשר עפּעס נאָך מער וואונדערלעכס. די מאַמע האָט זיך נישט געוווּנדערט, ווייל — הײַנט ווייס איך... ווייל זי האָט שוין פריִער געהאַט געזען מאַראַנצן. דער טאַטע האָט אָנגעהויבן. דאָסמאָל איז געווען אַ לענגערע מאָראַל ווי אַלעמאָל:

— דאָס זענען פּירות. זיי וואַקסן אין וואַרעמע לענדער און מען ברענגט זיי אויף שיפן און אויף באַנען און זיי הייסן: מאַראַנצן. פּירות זענען — פאַרשטייט זיך — צום עסן. אָבער דאָס זענען צו שיינע פּירות, מען זאָל זיי אַזוי גיך אויפעסן. אָט די מאַראַנץ איז דײַנע — מאָניע — און די מאַראַנץ, וואָס איז אַביסעלע קלענער, איז דײַנע — זוזיע — ווייל דו ביסט דער ייִנגערער. (מײַן ברודער און איך האָבן זיך זייער ליב געהאַט און מיר האָבן קיינמאָל נישט געפילט קיין קנאה, אַפילו פאַר וויכטיקערע זאַכן ווי דאָסמאָל).

באַקומענדיק רשות — האָבן מיר צוגערוקט די מאַראַנצן, יעדער צו זיך. אָבער מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז די צערעמאָניע איז נאָך נישט געענדיקט און מיר האָבן ווייטער געוואַרט. און דער טאַטע האָט ווייטער גערעדט:

— אַז מען וויל עסן אַ מאַראַנץ שניידט מען איין די דיקע שאָל אָט אַזוי — דער טאַטע האָט געוויזן — ווי אַזוי — מיט זײַן מעסערל, וואָס האָט געהאַט אפשר אַ טוץ שאַרפע קלינגלעך — און דאַן שיילט מען אָפּ. דאָס אינעווייניקסטע צענעמט זיך דאַן לײַכט אין נאַטירלעכע פּעני־צלעך. צענעמט מען און מען עסט. עס איז זאַפטיק און זיס — און אַן אתרוג האָט איר דאָך שוין געזען ווי מען צענעמט אויף איינגעמאַכטס. אָט אַזוי איז עס אַן ערך. און איצט — קינדער — טוט מיט די מאַראַנצן, וואָס איר ווילט אַליין. זיי זענען אײַערע. אינגאַנצן אײַערע. וואָס איר וועט טאָן מיט זיי וועט זײַן גוט. נאָר איר זאָלט מיר זאָגן, וואָס איר האָט געטאָן. שפּעטער, אין אַ וואָך, אין צוויי.

מיר זענען אויפגעשטאַנען פון טיש, צוגעגאַנגען צום טאַטן און גע־קושט מיט דאַנק זײַן אייביק וואַרעמע און אייביק גוטע רעכטע האַנט און זענען אַוועק אין דער שלאָף־שטוב, וווּ עס זענען געשטאַנען אונדזערע קו־פערטלעך. מײַן ברודער האָט געהאַט אַ גרעסער קופערטל און איך אַ קלע־

נערס. צו די קופּערטלעך האָבן מיר געהאַט שליסלען און נאָר די מאַמע האָט געהאַט אַ רעכט צו בעטן אונדז, אַז מיר זאָלן זיי עפענען, אָבער זי האָט דאָס רעכט קיינמאָל נישט אויסגענוצט. מיר האָבן זיך אין יענעם אָוונט מער צוזאַמען נישט געשפּילט און נאָר געזוכט אַ גוט אָרט פאַר אונדזערע מאַראַנצן אין אונדזערע קופּערטלעך. איין זאַך איז געווען זיכער, אַז באַלד אין ערשטן טאָג וועלן מיר די מאַראַנצן נישט עסן.

אַ שעה שפּעטער זענען מיר שוין געשלאָפן אין בלוילעכן שיין פון דעם אַבאַזשור פון נאַכטלאָמפּ, וואָס איז געהאָנגען אין דער מיט פון דער שלאָף־שטוב. און יעדער האָט אויף זיין אופן געחלומט אַ רויטגאָלדענעם און אַ שמעקעדיקן חלום.

מיר האָבן קיינמאָל נישט געהאַט קיין סך חברים, און ווינטערצייט — נאָך ווייניקער. דאָך זענען יינגלעך געוואָר געוואָרן וועגן אונדזער אוצר און זענען אַריינגעקומען אים זען און מיר האָבן דעם אוצר באַוויזן, אָבער בשעת מיין ברודער האָט געשוויגן אַ סך און גערעדט נאָר וועגן דעם, וועגן וואָס ער האָט געגעבן געוווּסט, האָב איך ליב געהאַט צו פאַנטאַזירן און אויסגעטראַכטן האָב איך דערציילט גרויסע וווּנדער וועגן דער רויטלעך־גאָלדיקער פּרי.

אַ דריי טעג זענען אַוועק און איך בין זאַט געוואָרן פון שפּילן זיך מיט מיין מאַראַנץ. דער טאַטע איז דערווייל ווידער אַוועקגעפאָרן צו זיינע געשעפטן, אין זיינע וועלדער און זיינע טאַרטאַקעס. און איך האָב געגרייט אַ קליין טישל און אַריינגערופן צוויי פון די בעסטע חברים און די מאַמע און מאַניען, מיין עלטערן ברודער, און אונדזער גוטע דינסט חנה, און איך האָב געבעטן, אַז די מאַמע זאָל מיר העלפן ביים אויפשניידן די מאַראַנץ. אַ פערטל שעה שפּעטער איז שוין נאָר די שאָלעכץ געבליבן.

וואָס עס זענען מאַניעס פּלענער מיט זיין מאַראַנץ — נישט ער האָט געזאָגט און נישט מיר האָבן געפרעגט. און אודזער מאַמע האָט זיך דאָך קיינמאָל נישט באַנוצט מיט דעם רעכט צו עפענען און צו קאָנטראָלירן אונדזערע קופּערטלעך.

ווידער איז אַוועק אַ וואָך און דער טאַטע איז צוריקגעקומען פון זיינע וועלדער. מען האָט אָפּגעגעסן וועטשערע ביי דער שיין פון גרויסן לאָמפּ מיט דעם ריזיקן אַבאַזשור פון מילך־גלאָז. נאָכן עסן האָט די מאַמע דער־

ציילט וועגן דער קליינער סעודה מיט זוזיעס — מיינער — מאַראַנץ. און אַז די מאַמע האָט געענדיקט און עס האָט אַ שוועב־געטאָן אין דער לופט די פראַגע וועגן מאַניעס מאַראַנץ — האָט ער זיך שווייגנדיק אויפֿגעהויבן און אַריין אין דער איצט טונקעלער שלאָף־שטוב און דאָרט געעפנט זיין קופערטל און איז מיט טריומף אַריינגעקומען מיט זיין מאַראַנץ איןביידע הענטלעך. ער האָט זיך געוואָלט פאַר אונדז אַלע, און באַזונדערס פאַרן טאַטן, באַרימען מיט זיין איינגעהאַלטנקייט און זיין פעסטן ווילן און, אגב, געוואָלט, אַז די סעודה מיט זיין מאַראַנץ זאָל פאַרקומען מיט דעם טאַטן צוזאַמען.

אָבער — די גרויסע מאַראַנץ אין זיינע הענטלעך איז נישט מער געווען גאָלדיק־רויטלעך, נאָר טוכלע־גרינלעך און פאַרשימלט און ווייך...

מאַניע האָט קיינמאָל נישט געוויינט. ער האָט דערזען און באַלד פאַרשטאַנען וואָס דאָ איז געשען. הילפלאָז איז ער געשטאַנען מיט דער מאַראַנץ אין די הענט. זיינע גרויסע, שוואַרצע אויגן האָבן זיך געעפנט אַלץ ברייטער און זענען נאָך שוואַרצער און גלאַנציקער געוואָרן אין זיין פנים, וואָס איז איצט געווען ווייס ווי קרייד.

דער טאַטע איז צוגעלאָפן, אַרויסגענומען די מאַראַנץ, געלייגט זי אויפן טיש און — נאָך אַ רגע שווייגן — האָט ער געזאָגט:

— דו, זוזיע האָסט געטון ג ו ט , אָבער דו מאַניע האָסט געטאָן ש יי ן.

כאָטש גוט איז אויך אַ ווילער קאָמפּלימענט פון אַ טאַטן און קיין קנאה האָבן מיר, ברידער, קיינמאָל נישט געפילט, האָב איך מיך דאָך באַלד זייער צעוויינט. מאַניע האָט, ווי אַלעמאָל, געשוויגן. און אַז איך בין שטילער געוואָרן און אויפגעהויבן דעם קאָפּ, האָט דער טאַטע געזאָגט:

— אָבער צום בעסטן און צום שענסטן וואָלט געווען שיין א ו ן גוט.

און די מאַמע האָט צוגעגעבן:

— ווען איר וואָלט זיך אַ דריי טעג געשפּילט מיט די מאַראַנצן און זיי געהאַלטן אין די קופערטלעך און שפּעטער ג ע פ ר ע ג ט ביי דער מאַמען, וואָס מיט זיי צו טאָן, דעמאָלט וואָלט אויך דיין מאַראַנץ נישט פאַרשימלט געוואָרן, מאַניע.

און כאָטש עס איז שוין אַ סך מער ווי אַ האַלב יאָרהונדערט פאַרביי זינט יענעם ווינטער־אָוונט, קוקן נאָך היינט אויף מיר מיין ברודער מאָ־ניעס שוואַרצע, גרויסע אויגן. די אויגן קוקן און ער שווייגט, פונקט ווי ער האָט געשוויגן אין יענער שעה, ווען מיר האָבן פון אונדזער טאַטן באַקומען די ערשטע אין לעבן לעקציע וועגן שיין און גוט.

# אַ הזכּרה נאָך אַ קייזערין

ווייל בין איך אין מיין לאַנג לעבן נישט איינמאָל בייגעווען אויף אַ הזכּרה — אָבער עס זענען כּמעט אַלעמאָל געווען הזכּרות נאָך שרייבער. נאָר די סאַמע ערשטע הזכּרה וואָס איך האָב איבערגעלעבט, און נאָך ווי איבערגעלעבט! — איז געווען די הזכּרה נאָך אַ קייזערין. נאָך מיין קייזערין עליזאַבעט, וואָס איר מאַן איז געווען פראַנץ יאָזעף דער ערשטער, קיר״ה. און זי איז נישט סתם געשטאָרבן, זי איז אין איר 61סטן יאָר דערשטאָכן געוואָרן צום טויט אין דער שווייץ דורך אַן אַנאַרכיסט מיט דעם נאָמען לויִדזשי לוקשעני. און געווען איז עס אין יאָר 1898 און איך בין דעמאָלט עפּעס איבער פיר יאָר אַלט געווען. אַז מיר, גאַליציאַנער ייִדן, האָבן ליב געהאַט אונדזער קייזער — ווייסט די וועלט. אָבער נאָך מער האָבן מיר ליב געהאַט אונדזער קייזערין עליזאַבעט. ערשטנס — צוליב איר שיינקייט; צווייטנס צוליב מיטלייד — ווייל זי האָט פאַרלוירן איר זון, דעם שיינעם קרוינפּרינץ רודאָלף, וואָס איז אין יאָר 1889, אין שלאָס מייערלינג, באַגאַנגען זעלבסטמאָרד מיט זיין געליבטער, דער פרוי פון באַראָן וועטשערא; דריטנס, ווייל די גאַליציאַנער ייִדן זענען געווען אויסגעקאָכט אין אַלע ליבעס פון דער זעלביקער קייזערין אונדזערער און מען האָט געוווסט, אַז אַפילו דער קייזער קוקט דורך די פינגער אויף אָט די ליבעס, ווייל ער איז אַזוי פאַרליבט אין איר. און אַז דער קייזער קוקט דורך די פינגער — האָבן מיר, גאַליציאַנער ייִדן, אויך געקוקט דורך די פינגער... פערטנס, ווייל מיר האָבן געוווסט, אַז די קייזערין עליזאַבעט פירט אַ מחלוקה מיט קייזער ווילהעלם, דעם צווייטן, פון פּרייסן — און ווילהעלם איז נישט געווען קיין אוהב ישׂראל; פינפטנס — ווייל עס איז געווען באַוווסט, אַז אַזוי ווי אַ פרומער ייִד אָן אַ תּהילימל — רירט זיך אונדזער קייזערין נישט אַרויס פון שטוב, אויב אירע קאַמערדינערס טראָגן איר נישט נאָך היינריך היינעס „בוך דער לידער“. אָבער די אַלע מעלות פון אונדזער קייזערין בין איך ערשט געוואָר געוואָרן אַז זי האָט שוין נישט

געלעבט. אויף איר הזכרה האָב איך נאָך דאָס אַלץ נישט געוווּסט, איך האָב נאָר געוווּסט, אַז זי איז די שענסטע פרוי פון אַלע פרויען פון דער וועלט. איך האָב נאָר געוווּסט, און דאָס האָט מיר מיין זיידע כסדר גע־חזרט, ווען ער האָט מיך געהאַלטן אויף זיינע קני̇ען, אַז פרי̇ער גאָט און שפּעטער דער קייזער און די קייזערין און שפּעטער דער טאַטע און די מאַמע, און שפּעטער דער זיידע און די באָבע. און צווישן גאָט און מיין מאַמען איז געווען די קייזערין... דאָס בילד פון דער קייזערין, מיט איר הערלעכן פּנים, דער הויכער צעפּ־פריזור אַרום איר קאָפּ, ווי אַ נאַטירלעכע קרוין, און די חן־פּאַהלעך אויף די זייטן פון איר פּנים, איז געהאָנגען אויף אַן אָנזעעוודיק אָרט אין אונדזער שטוב. די קייזערין איז אַפילו אַביסל ענלעך געווען צו מיין מאַמען — אַז די מאַמע האָט זיך אַמאָל פאַרקעמט ווי די קייזערין און אַרויסגעלאָזט חן־פּאַהלעך נעבן אירע שיינע, קליינע אויערן.

און איינמאָל אין אַן אָוונט אין יאָר 1898 איז אונדזער טאַטע געקו־מען צו פאָרן פון דער נאָענטער פעסטונג־שטאָט פּשעמישל, ווו עס איז געשטאַנען זייער אַ סך קייזער־מיליטער פון אַלע מינים, און ער איז געווען שטום און דערשראָקן, און ער האָט זיך נישט געוואָלט צורירן צום נאַכט־מאָל, וואָס איז געווען פאַר אים גרייט און ער האָט אונדז אַלע אויסגע־זעצט ביים טיש און געהייסן אַריינרופן אויך די דינסטן און ער האָט מיט־געטיילט, אַז עס איז געשען אַ גרויס אומגליק — די קייזערין איז אין דער שווייץ דערשטאָכן געוואָרן. דער מערדער איז אַן אַנאַרכיסט און אַזוי ווי זיין פּאַרטיי האָט אים געהייסן באַגיין אַן אַטענטאַט, און קיין אַנדערן געקרוינטן קאָפּ האָט ער נישט געקענט דערגרייכן — האָט ער אומגע־בראַכט די שענסטע און בעסטע פרוי פון דער וועלט, ווייל זי איז געגאַנ־גען אומבאַשיצט און האָט זיך געמישט צווישן פאָלק — אונדזער קייזערין איז אויסגעגאַנגען אין איר בלוט אויף די שטיינער פון דער גאַס... איך האָב נאָך דעמאָלט נישט געוווּסט, וואָס עס הייסט אַנאַרכיסט און וואָס עס הייסט אַטענטאַט און ווו עס איז די שווייץ און איך האָב אַפילו נאָך רעכט נישט געוווּסט, וואָס דאָס הייסט זיין טויט. מיין עלטערער ברודער האָט אָבער אַ סך פון די זאַכן שוין פאַרשטאַנען, און וואָס ער האָט נישט פאַר־שטאַנען האָט ער געפרעגט — נאָר מיך האָט באַלד די פאַנטאַזיע אַ כאַפּ־

געטאָן אויף אירע פליגל און איך האָב געשוויגן און געציטערט פון שרעק און געחלומט מיינע אייגענע אויסטייטשונגען פון דער גרויסער געשעע־ניש, וועגן וועלכער ד׳ער טאַטע האָט נאָר־וואָס ד׳ערציילט.

עסטרייך איז געווען אַ מלוכה פון פערצן פעלקערשאַפטן. און אין שווערע מינוטן פון דער מלוכה — פלעגן זיך די פעלקערשאַפטן און זייערע גלויבנשאַפטן איבעריאָגן אין די אויסדרוקן פון דער לאָיאַליטעט. אוז אין אַ טאָג־צוויי איז אין דער גרויסער שיל פאָרגעקומען די הזכרה נאָך דער קייזערין. אַז דער טאַטע איז געקומען מיט דער בשורה פון דער הזכרה און ער האָט מיטגעטיילט, אַז ער גייט מיטנעמען ביידע קינדער, און דער־צו איז נאָך געווען אַ קאַלטער און רעגנדיקער דרויסן — האָט זיך די מאַמע שטאַרק אַנטקעגנגעשטעלט. אָבער דער טאַטע האָט געטענהט — און דאָס געדענק איך ווי היינט — אַז ווען זיינע קינדער וועלן אויסוואַקסן, וועלן זיי אים קיינמאָל נישט מוחל זיין, וואָס ער האָט זיי נישט געלאָזט מיטזיין אויף אַזאַ געשעעניש, וואָס זיי וועלן געדענקען ווי לאַנג זיי וועלן לעבן.

די הזכרה איז פאָרגעקומען אין אַ פרימאָרגן נאָך שחרית אין אַ וואָ־כעדיקן טאָג. מען האָט אונדז גוט וואַרעם איינגעפּאַקט און מיר זענען אַלע געגאַנגען אין שיל אַריין. די מאַמע אין ווייבער־שיל און דער טאַטע מיט אונדז. מיר האָט זיך דעמאָלט געדאַכט, און עס דאַכט זיך מיר נאָך היינט, אַז דאָס געוועלב פון דער גרויסער האַלצערנער שיל איז געווען אַזוי הויך ווי אַ רעגנבויגן... ערשטנס, ווייל דאָרט איז טאַקע געווען אָנגעמאָלט אַ רעגנבויגן, צווייטנס, ווייל אָפּט זענען אין די הויכע, האַלצערנע געוועלבן אירע אַרומגעפלויגן פייגל און דריטנס, ווייל ווען מען האָט אַרויפגעקוקט אויבן — איז מען פאַרבלענדט געוואָרן פון אַלערליי קאָלירן.

און כאָטש מיר זענען געקומען היפּשלעך פרי — האָט זיך שוין דער טאַטע נישט געקענט דערשלאָגן צו זיינע „שטעט” און ער איז שטיין גע־בליבן אין מיטן שיל מיט אונדז. די שיל איז באַלד געוואָרן אַזוי געפּאַקט, אַז איך האָב אָנגעהויבן וויינען פון שרעק. שטייענדיק ביים טאַטנס פיס, בין איך געווען ווי באַגראָבן אין הויכע שטיוול. לאַנגע בעקעשעס און אַז אַ שיעור ביינערדיקע פיס, אויף וועלכע עס הענגען אַראָפּ ציצית. מיין ברו־דער האָט זיך נישט געלאָזט אויפהייבן דורכן טאַטן, ער וויל בלייבן שטיין,

ווי אַלע מענער; נאָר מיך האָט דער טאַטע אויפגעהויבן און אַרויפגעזעצט רייטנדיק אויף זיין האַלדז.

איך האָב נאָך קיינמאָל אַזאַ ים פון קעפּ נישט געזען פון דער הייך — און מיר איז אויסגעקומען, אַז איך בין איינער אַליין אין שיל. נאָר איך האָב מיך ביי דער איינזאַמקייט געפילט זייער זיכער, ווייל איך האָב מיך פעסט געהאַלטן אָן דעם טאַטנס וואַרעמען האַלדז. און אָט האָט זיך די גאַנצע שיל אַ טרייסל געטאָן פון אַן אל מלא רחמים, וואָס דער רב האָט אינטאָנירט. און תפילות נאָך און נאָך — און באַלד איז דער רב אַרויפגעשוווּמען אויף די הויכע טרעפּ ביים אָרון קודש און איך האָב דאָס ערשטע מאָל דערזען דעם אָרון קודש אַזוי ברייט צעעפנט — און ליכט זענען געווען אַריינגעשטעלט ממש אין אָרון קודש — און די גאָלד־געהאָפטענע מענטעלעך האָבן שימערירט. וואָס דער רב רעדט, האָב איך נישט פאַרשטאַנען — נישט דאָס לשון און נישט דעם אינהאַלט. איך האָב נאָך דעמאָלט נישט פאַרשטאַנען יידיש. און מיין פאַנטאַזיע האָט געמאָלן און געמאָלן — דער אָרון קודש איז דער טויער פון הימל — און דער רב מיט דער לאַנגער ווייסער באָרד איז גאָט — און די יינגלעך אויפן באַלעמער זענען מלאכים — און אָט קומט די קייזערין עליזאַבעט אַליין — זי גייט, אַנגעטאָן אין לויטער גאָלד, אויף אַ שוואַרצן, סאַמעטענעם קאָבריץ, וואָס וויגט זיך אונטער אירע פיס, ווי ער וואָלט געפלויגן. און זי גייט אַריין אין הימל, און איך זע דאָרט טרעפּ און טרעפּ אַרויף און גאָט גייט הינטער איר... און אַזוי ווי דער אַלטער רב האָט לאַנג, לאַנג גערעדט, און די היץ איז געווען געדיכט און שווער — האָב איך אַנגעבויגן מיין קאָפּ אויפן טאַטנס גוטן קאָפּ און בין אַנטשלאָפן געוואָרן — און די קייזערין איז געגאַנגען און געגאַנגען אין הימל אַריין — מיט יעדן וויג פון דעם טאַטנס קאָפּ — אַ טרעפּ אַרויף, אַרויף —

אונדזער טאַטע איז אַלעמאָל גערעכט געווען, ער האָט געהאַט אַ זינען פאַר געשיכטלעכן פּאַטאָס. והא ראיה — אָט דערצייל איך נאָך הייַנט, נאָך אַזויפיל יאָרן, די מעשה וויאַזוי איך בין דאָס ערשטע מאָל געווען אויף אַ הזכרה — און דערצו אַ הזכרה נאָך מיין קייזערין. און ווי אָפט איך האָב אין שפּעטערדיקע יאָרן געלייענט דעם אמת וועגן דעם ענטוזיאַזם פון מיין קייזערין עליזאַבעט פאַר די לידער פון דער וועלטס שענסטן לי־

בעס-ליריקער, און וויאַזוי זי האָט אין איר שלאָס אין קאָרפו אויפגע־שטעלט אַ היינע־דענקמאָל — בין איך דאַנקבאַר געווען מיין טאַטן פאַר זיין וויזיע. און ווי אָפט עס איז מיך ביי מיינע כתבי־יד באַפאַלן די וואַרגנ־דיקע האַנט פון דעם געפיל פון אומזין — האָב איך מיך דערמאָנט. אַז אפשר זענען זיי פאָרט קיין אומזין נישט — לידער — לידער. אויב דער שענסטער, געקרוינטער פרויען־קאָפּ פון אַ גרויסער מלוכה פילט נישט דעם אומזין — —

אויף דעם פריוואַטן היינע־דענקמאָל אין קאָרפו האָט מיין קייזערין עליזאַבעט געלאָזט אויסקריצן איר באַליבטסטן סטראָף פון איר באַ־ליבטסטן דיכטער:

וואַס וויל די איינזאַמע טרערנע —
וואַס טריבט זי מיר דען בליק?
זי בליב אַוס אוראַלטען צייטען —
אין מיינעם אַוגע צוריק.

# דער קליינער ראַכמיסטש

„ראַכמיסטש" איז אַ פּויליש וואָרט און באַטייט: רעכנמייסטער. איך ווייס נישט צי באַנוצט מען נאָך היינט אין פּוילן דאָס וואָרט צום באַצייכענען אַ פירער פון חשבונות אין אַן אַמט פון דער רעגירונג, שטייעראַמט, אָדער געריכט, אָדער פּאָסט. עטלעכע אַזעלכע ראַכמיסטשעס אין אונדזער שטעטל רעדים געדענק איך נאָך פון די צייטן פון קייזער פראַנץ יאָזעף, וואָס בלויז אויף צו ציילן זיינע יאָרן האָט ער שוין געדאַרפט האָבן אַן אייגענעם ראַכמיסטש. ער האָט רעגירט 68 יאָר, און געלעבט 86.

אַנטקעגן וואָס די הקדמה? אַנטקעגן דעם, וואָס מיר אַליין האָט מען אין מיין פריער קינדהייט פאָרויסגעזאָגט די קאַריערע פון אַ ראַכמיסטש. און נישט אומזיסט. איך האָב דעמאָלט געקענט אַזוי פלינק רעכענען, אַט אַזוי ווי איך וואָלט געבוירן געוואָרן מיט אַ „ליטשידלאָ" אין מוח. ווילט איר אַוודאי וויסן וואָס ד אָ ס וואָרט ווידער באַטייט. די רוסישע און די ליטווישע ייִדן רופן עס „שטשאָט". און זיין איז עס אַ מין מאַשינקע צום רעכענען, וואָס באַשטייט פון אַ הילצערן רעמל מיט אַ צוויי צענדליק דראָטן, און אויף יעדן דראָט צען אויפגעשטאָכענע האָלצערנע גאַלקעלעך אין דער גרויס פון טערקישע ניסלעך. הקיצור, דאָס איז עס און מיט אַזאַ מאַשינקע קען מען רעכענען מיליאָנען. נאָר איך האָב אַזאַ מאַשינקע נישט געדאַרפט, ווייל איך האָב געקענט רעכענען אַ סך אויף אויסנווייניק, און אַן אַ שיעור אויף פּאַפּיר.

קוים פינף יאָר אַלט פלעג איך אַרומגיין מיט אַ שוואַרצן טאָוול און מיט אַ שוואַרצן „רישיק",ביידע פון עפּעס אַזאַ שטיין־האַרטן מאַטעריאַל געמאַכט — און איך האָב גערעכנט. שפּעטער האָט מען מיר שוין פאַרטרויט צו שרייבן מיט אַ בלייער אויף פּאַפּיר. און פונקט ווי איך פרעס היינט פודן פּאַפּיר אויף מיינע אַרטיקלען, און מעשיות און לידער, אַזוי האָב איך דעמאָלט, אין מיין קינדהייט, געפרעסן פּאַפּיר פאַר מיינע פאַנטאַסטישע חשבונות.

דעם גרעסטן נחת פון מיין רעכן־קונסט האָט געשעפּט מיין זיידע יאָסעלע ראָזענבלאַט מיט דער זילבערנער באָרד, וואָס איז אַליין געווען אַ קנאַפּער בעל־חשבון. פון דעסטוועגן האָט ער אין פאַרלויף פון יאָרן עט־לעכע הונדערט טויזנט גילדן אַריינגעציילט אין זיינע טיפע הויזן־קעשע־נעס. אַזוי טיף, אַז ווען ער פלעגט אין זיי אַריינלייגן זיין רעכטע האַנט — האָט ער ערשט דעם דנאָ געמוזט מיט דער אַנדערער האַנט אַרויפּציִען, כדי עפּעס אַרויסצונעמען פון דאָרט. מיין זיידע האָט אַגב געלעבט גענוי די זעלבע יאָרן ווי דער קייזער. אָבער ממש די זעלבע — פון 1830 ביז 1916.

ווי יעדער גביר — פלעגט מיין זיידע נישט גערן ענטפערן אויף שאלות וועגן זיין פאַרמעגן. אָבער פאַר מיר האָט ער אין דעם זינען קיין סודות נישט געהאַט. איינמאָל איז אים איינגעפאַלן מיך צו פרעגן: זיג־מושיו, מאָם סטאָ טישיענצי גולדענאָוו — זיגמושיו — איך האָב הונדערט טויזנט גילדן — אילע מאָם צענטאָוו — וויפל האָב איך גרייצערס? (כאָטש אַ קנאַפּער פויליש־קענער, האָט ער זיך געמוזט צופּאַסן, און מיט די מיינסטע אייניקלען רעדן פויליש).

דער זיידע האָט געמיינט, אַז אויף דער פראַגע, וועל איך נישט ענט־פערן אַזוי גיך און אפשר בכלל נישט, מחמת ער אַליין וואָלט זיך מיט דער שאלה קיין עצה נישט געגעבן. אָבער איך האָב אַפילו קיין פּאַפּיר נישט געדאַרפט אָנרירן און תיכף געענטפערט: דזיעשיענטש מיליאָנאָוו — צען מיליאָנען... דערהערט אַזאַ פאַנטאַסטישע ציפער אין שייכות מיט זיין פאַרמעגן און דערצו דעם מאָמענטאַנעם ענטפער פון זיין אייניקל — האָט זיך דער זיידע — ער איז געווען גרינג אויף טרערן — צעוויינט און האָט מיר געגעבן אַ גאַנצן גולדן און דערצו באַלד אַ צווייטע פראַגע: און וויפל האָב איך איצט? און איך האָב ווידער מאָמענטאַן געענטפערט: ניין מיליאָנען, ניינהונדערט ניין און ניינציק טויזנט און נייןהונדערט גרייצערס... דער זיידע האָט מיר געגעבן נאָך אַ גולדן, אָבער — פאָרזיכ־טיק ווי ער איז געווען מיט זיין פאַרמעגן — האָט ער שוין מער קיין שאַ־לות נישט געשטעלט...

לויט דעם צוואַנג־שול־געזעץ אין עסטרייך, האָבן קינדער געדאַרפט פאַרשריבן ווערן אין דער ערשטער קלאַס פון דער פיר־יעריקער פאָלקס־

שולע ערשט ווען זיי זענען פולע זעקס יאָר אַלט. און אַזוי האָט מען מיך צום אָנהייב שול־יאָר אין סעפּטעמבער 1899 נאָך נישט געקענט פאַר־שרייבן, ווייל ערשט סוף יאָר בין איך אַלט געוואָרן זעקס. האָב איך אָבער אַליין אויסגעטראַכט אַ טריק ווי אַזוי מען זאָל מיך פאָרט אַריינגעמען אין שולע און אין דעצעמבער: מען זאָל גיין צום דירעקטאָר און אים זאָגן, אַז איך בין שוין איצט זעקס יאָר אַלט און מען זאָל מיך עקזאַמענירן און אַריינגעמען. און אַזוי איז געשען. דער דירעקטאָר האָט ביים עקזאַמען געזאָגט, אַז נישט נאָר אין דער ערשטער, נאָר אַפילו אין דער צווייטער קלאַס קען מען מיך שוין אַריינגעמען. אַלץ צוליב דעם רעכענען.

אַז מען האָט מיך געפרעגט ווי אַלט איך בין — האָב איך געענט־פערט, אַז 2190 טעג. און איך האָב צוגעגעבן, אַז איך קען דאָס אויסרע־כענען אויף שעהן אויך. צי וואָלט איך עס געקענט דעמאָלט — ווייס איך נישט. אָבער וואָס פאַר אַ גרויסער פּחדן איך בין געווען ביי די געשלעגן מיט די קינדער און בכלל, אַזוי דרייסט בין איך געווען מיט די לערערס און בכלל מיט עלטערע מענטשן.

ווי יעדעס קינד, פלעג איך ליב האָבן אַ גאַלאַנטעריע־קראָם. דאָרט האָט עס געשמעקט מיט זייפלעך און מיט עקזאָטיק פון גרויסע שטעט; און סתם איז דאָרט אין יעדן קעסטעלע עפּעס אַנדערש געווען און עפּעס פאַרביקס און עפּעס אַזוינס וואָס נישט אַלעמאָל האָב איך געוווסט צו וואָס מען דאַרף דאָס — כאָטש מען האָט עס געקויפט. און דער עיקר האָט מיך אין אָט אַזאַ קראָם געצויגן צו דער אָפּטיילונג, ווו מען האָט פאַר־קויפט בייגעלעך פּאַפּיר און העפטן און ביכלעך און שטאָלענע פעדערן און פלעשלעך טינט. די קרעמערס פון דער גרעסטער גאַלאַנטעריע־קראָם אין שטעטל זענען געווען קינדערלאָזע און זיי האָבן שטאַרק ליב געהאַט מיינע באַזוכן ביי זיי. איך פלעג זיי צוהעלפן מיט מיינע פלינקע חשבונות. דאָס פאַר־פאָלק האָט מיר אַזוי ליב געהאַט, אַז מיין מאַמע איז אַזש אייפער־זיכטיק געוואָרן און האָט זיך אַפילו עפּעס דערשראָקן פאַר „אַן עין־הרע אָדער נאָך עפּעס ערגערס". אַזעלכע ווערטער ווען דעם פלעג איך איבער־כאַפּן פון שמועסן פון מיין מאַמען מיט מיין טאַטן. נאָר וואָס דאָס „עפּעס ערגערס" האָט געקענט זיין ווייס איך נאָך אַפילו ביז היינט נישט. און שוין נישטאָ ביי וועמען צו פרעגן.

אין יענע יאָרן פלעגן סוחרים אין קראָם האָבן אַ זאַץ געהיימע שריפט־סימנים, וואָס זיי האָבן געצייכנט אויף סחורות צו וויסן זייער אַליין־קאָסט־פּרייז. און אויך די גאַלאַנטעריע־סוחרים צו וועלכע איך פלעג אַריינ־קומען, האָבן געהאַט אַזאַ זאַץ סימנים, וואָס זענען באַשטאַנען פון אַ ריי לאַטיינישע אותיות. איידער זיי האָבן דעם קונד געזאָגט דעם פּרייז פון אַ זאַך ביים פאַרקויפן, האָבן זיי אַ קוק געטאָן אויף אָט דעם סימן. מיר איז דער ענין אַריין אין קאָפּ אַריין. דעמאָלט בין איך שוין אַן אַכט יאָר אַלט געווען. און סוף־כל־סוף האָב איך אַנטדעקט די געזעצמעסיקייט, אַז זיי באַנוצן זיך מיט די צען אותיות אין לאַטיינישן אַלף־בית „גאָט העלף אונדז" — יעדעס אות איז אַ ציפער.

אַז איך האָב מיינע אַלטע קינדערלאָזע פריינט דערציילט, אַז איך האָב דעשיפרירט זייער סוד, האָבן זיי זיך דערשראָקן פאַר מיר און איך האָב מיך דערשראָקן פאַר זייער שרעק. צוערשט האָבן זיי געלייקנט. אַז דאָס איז דער שליסל, שפּעטער האָבן זיי אַפילו צוגעטראַכט און באַנוצט אַן אַנדערן שליסל. און אַז איך האָב דעם טאַטן דערציילט די מעשה — איז דער טאַטע זייער בייז געוואָרן אויף מיר. מיט דער צייט האָב איך אויפגעהערט אַריינצוקומען אין דער קראָם. נאָר אויפן גאַנצן לעבן איז גע־בליבן אַ ווידערגעפיל צו יענעמס סודות. עפּעס, וואָס האָט געדאַרפט זיין דער טריומף פון מיין קינדערישער דערפינדערישקייט האָט איבערגעלאָזן אין מיר אַ ביטער געפיל, ווי איך וואָלט אַריינגעקוקט צו יענעם דורך אַ שליסל־לאָך און מען האָט מיך געכאַפּט.

מאַטעמאַטיק איז מיר שווער געגאַנגען אין קאָפּ אַריין, אָבער אַ ליב־שאַפט צו אַריטמעטיק איז אין מיר געבליבן אויף אייביק. אַ דאַנק אָט דער ליבשאַפט צו ציפערן האָב איך נישט אָפּאַנירט, אַז טאַטע־מאַמע האָבן באַשלאָסן מיר צו געבן בלויז אַ קאָמערציעלע אויסבילדונג און נישט לאָזן מיך ווערן אַן אינזשעניער פון וואָס איך האָב אין דער קינדהייט געחלומט.

און אַז מען רעדט שוין פון רעכענען, רעכן איך, אַז עס איז שוין צייט צו פאַרענדיקן אָט די מעשה וועגן דעם קליינעם ראַכמיסטש, אָבער מיט וואָס פאַרענדיקט מען זי?

אפשר גאָר אַ שפּרונג טאָן אַ פערטל יאָרהונדערט פאָרויס פון יענעם עקזאַמען פון דעם זעקס־יעריקן יינגל אין דער פאָלקס־שולע אין רעדים?

איז ווזשע וועל איך זיין? איך וועל זיין אין וואַרשע, דאָס יאָר וועט זיין 1924 און די דעקאָראַציע — די קאַנצעלאַריע פון יידישן ליטעראַטן־פאַראיין אויף טלאָמאַצקע 13. און שטאָט דעם עקזאַמענירנדיקן דירעקטאָר, וועט זיצן אויף זיין אָרט דער פרעזידענט פון ליטעראַטן־פאַראיין הערש דוד נאָמבערג... און אָט וואָס ער האָט געזאָגט:

— מיין ליבער חבר ראַוויטש, איך וואָלט אייך גערן צוגענומען אויף דעם פּאָסטן פון סעקרעטאַר פון ליטעראַטן־פאַראיין. מען זאָגט, אַז איר האָט מעלות, איר זענט אַ מענטש פון אָרדענונג, אָבער ביי אונדז דאַרף מען קענען רעכענען און איר זענט אַ פּאָעט — און דערצו אַ פּאָעט פון דער „כאַליאַסטרע״. איר דאַרפט פירן אַלע אונדזערע חשבונות און געשעפטן — איז ווי אַזוי זשע קען איך אייך צונעמען?

— די בעסטע זאַך — עקזאַמענירט מיך! — — — איך האָב אַ כאַפּ געטאָן אַ קאָנטאָ־בוך, וואָס איז געלעגן אויפן טיש און באַוויזן מיינע קונצן פון אַ שנעלן בעל־חשבון.

נאָמבערג האָט אויפגעמאַכט מויל און אויערן — און נאָך אין זעלבן אָוונט בין איך געוועזן דער סעקרעטאַר פון טלאָמאַצקע 13 — אויף צען יאָר, די אינטענסיווסטע און שטורעמדיקסטע פון מיין לעבן.



# יאַנעק—דזבאַנעק

אינעם לאַבירינט פון אונדזער פאַרצווייגטער משפחה — ווו איז דאָ אַ משפחה, וואָס איז נישט פאַרצווייגט? — אינעם לאַבירינט פון מיין אייגענער נשמה — ווו איז דאָ אַ נשמה, וואָס איז נישט קיין לאַבירינט? — גייט אַרום אַ ווייטער, אַ טראַגישער קלאַנג און דער קלאַנג איז: יאַנעק — און דער קלאַנג איז אויך: יאַנעק־דזבאַנעק.

יאַנעק איז דער נאָמען פון אַ יינגל און דאָס יינגל איז געווען מיין שוועסטערקינד.

מיין מומע הינדזיע איז געווען זיין מאַמע און מיין פעטער נטע איז געווען זיין טאַטע און מיין מאַמע, וואָס האָט אויך געהייסן הינדזיע, איז געווען נטעס שוועסטער. מיין מומע הינדזיע האָט שוין געהאַט צוויי טעכטער און מיין מאַמע, וואָס האָט אויך געהייסן הינדזיע, האָט שוין געהאַט צוויי זין — מיין ברודער משה און מיך — און מיין מומע האָט געוואָלט האָבן אַ זון און מיין מאַמע האָט געוואָלט האָבן אַ טאָכטער. מיין מאַמע האָט קיינמאָל קיין טעכטער נישט געהאַט, אָבער מיין מומע הינדזיע האָט געהאַט דריי טעכטער און דריי זין. און איר ערשטער זון האָט געהייסן יאַנעק. און אַז ער איז אַביסל עלטער געוואָרן און האָט זיך שוין געקענט שפּילן מיט די קינדער, האָט ער באַקומען אַ צונאָמען: דזבאַנעק. און אַזוי ווי זיין פאָטער האָט זייער גוט געקענט פּויליש און האָט דאָס קלינגענדיקע לשון גערעדט זייער קלינגענדיק און גראַמאַטיקאַליש, האָט ער זיין זינדל גערופן יאַנעטשקו־דזבאַנעטשקו. אָבער זיין מאַמע האָט אים גערופן „קוישיו" — דערפאַר ווייל ער האָט זיין שפּיל־פערדעלע פון האָלץ אַזוי פאַרצויגן גערופן; פון „קאָן" איז געוואָרן „קאָניו" און פון „קאָניו" — „קאָניושו" און פון „קאָניושו" — „קוישיו". און קיינער האָט דעמאָלט נישט געוווסט יאַנעקס מיסטישן שייכות צו פערדלעך — זיין טראַגיש־מיסטישן שייכות צו פערדלעך.

יאַנעק איז געווען זייער אַ צוגעלאָזן קינד און זייער אַ שיינער. ער

האָט געהאַט חן־גריבעלעך און האָט זייער אַ סך געלאַכט. און אַזוי ווי ער איז געווען אַ צוגעלאָזן קינד — איז ער אויך געוואָרן אַביסל אַ צעלאָזן קינד. אַלע האָבן אים ליב געהאַט — די מאַמע, די באָבעס, די מומעס, די עלטער־מומעס, די שוועסטערקינדער, די קליינע חברטעס, די אַמען, די דינסטן און אויך די זעלנערס פון די דינסטן — ווייל יאַנעק פלעגט זיך שטיל שפּילן מיט זיינע קושיוס פון האָלץ און האָט זיי נישט געשטערט.

און איינמאָל — און געווען איז עס סוף זומער 1899 — האָט הינ־דזיע, מיין מומע, מיטגענומען יאַנעקן צו זיין באָבען קיין יעריסלעוו, וואָס איז געווען איין עסטרייכישע מייל ווייט פון אונדזער שטעטל רעדים. מיין מומע הינדזיע איז געווען אַ חנוודיקע און אַ שטיפערישע און אין איר פּנים איז געווען ציגיינערישער חן און זי האָט ליב געהאַט פּאַר די קינדער צו דערציילן מעשיות, און באַזונדערס די מעשה, אַז זי איז נישט זי און זי איז אַ ציגיינעריך, ווייל אַז זי איז געווען קליין, האָבן זי ציגיי־נער אַמאָל צוגעגנבעט און אומגעקערט אירע טאַטע־מאַמע זייערס אַן אייגן קינד — און אין דער אמתן פּאָרט זי, הינדזיע, ערגעץ אַרום מיט די ציגיינער — און די ציגיינערקע דערציילט איצט די מעשה. און עס איז טאָקע עפּעס געווען אַ מעשה מיט אַ קינד, וואָס איז געגנבעט געוואָרן דורך די ציגיינער אין יעריסלעוו. אָבער די מעשה, וואָס די מומע הינדזיע האָט דערציילט, איז געווען אַן אויסגעטראַכטע.

און איינמאָל איז די מומע הינדזיע זיך געגאַנגען באָדן צום סאַן, וואָס גייט דורך יעריסלעוו, און די דינסט מיט יאַנעקן האָט געזאָלט שפּע־טער נאָכקומען. יאַנעק־דזיבאַנעק איז דעמאָלט אַלט געווען פינף יאָר. איז די דינסט געגאַנגען מיט איר זעלנער און ער, יאַנעק, מיט זיין פערדעלע אויף רעדלעך. און ער האָט עס געצויגן אויף אַ שטריקעלע און האָט גערעדט צום „קושיו" זיינעם און עס איז אים געווען גוט ווי די וועלט, נאָך בעס־סער, ווייל זיי זענען איצט געגאַנגען נאָענט פון דער סאַן־בריק און עס איז געווען אַביסל באַרג־אַראָפּ און דאָס פערדעלע אויף רעדעלעך איז איצט געגאַנגען אַליין, אַזוי ווי אַ לעבעדיקס. און אויפן שאָסיי זענען גע־פאָרן אַ סך פורן אַהין און צוריק און די דינסט מיט דעם זעלנער איז שוין געווען אויף יענער זייט שאָסיי און יאַנעק איז געבליבן אַליין אויף דער זייט. און ער האָט גיך געוואָלט אַריבערלויפן די גאַס צו דער דינסט און

זי האָט דערזען די געפּאַר און געשריִען צו יאַנעקן, אַז ער זאָל שטיין בלייבן, אָבער ער איז שוין געווען אין מיטן וועג און דאָס פערדעלע זיינס האָט זיך איבערגעקערט אויף דעם הויקערדיקן שאָסיי און ער האָט זיך איינגעבויגן צו ראַטעווען זיין „קוישיו" און ער איז געבליבן אונטער די קאָפּיטעס פון צוויי אמתדיקע קוישיוס און ווייטער האָט שוין יאַנעק גאָר־נישט געוווּסט.

אַ פערטל שעה שפּעטער איז ער געלעגן אויף זיין בעטל, ביי זיין באַ־בען אין שטוב און דאָקטוירים אַרום און שכנים אַ סך און זיין מאַמע, וואָס איז דעמאָלט שוואַנגער געווען מיט דעם דריטן יינגל פון דער מש־פּחה. און יאַנעק־דזיבאַנעק האָט געהאַלטן די שיינע אויגן זיינע פאַרמאַכט און זיינע חן־גריבלעך האָבן נאָך אַלץ באַשיינט דאָס פּנים זיינס און ער איז נישט געווען צעווונדיקט און דעם שטויב פון שאָסיי האָט מען אים שוין אָפּגעוואַשן. און נאָר די אויגן האָט ער געהאַלטן פאַרמאַכט און קוים געאָטעמט און אַלעמאָל קאָנוואולסירט.

און פּלוצלינג האָט יאַנעק אויפגעמאַכט די אויגן זיינע, זייער, זייער ברייט און ער האָט געקוקט אויף דער מאַמען זיינער און ער האָט זי נישט געזען און ער האָט געזאָגט מיט זיין קלינגענדיק שטימעלע: מאַמעלע — איך וויל טשיוניו... און מען האָט אים דערלאַנגט דאָס ווייסע נאַכט־טע־פּעלע, און אַביסל האָט ער זיך אַליין אויפגעהויבן און אַביסל האָט מען אים צוגעהאָלפן און ער האָט נישט געוויינט און ער האָט געמאַכט טשיור־ניו מיט ריינעם בלוט — און ער האָט זיך באַלד צוריק אַוועקגעלייגט און ער איז געווען טויט — — — —

און אין דעם לאַבירינט פון אונדזער פאַרצווייגטער משפּחה, און אין דעם לאַבירינט פון מיין נשמה איז געבליבן ערגעץ ווייט, ווייט אַ קלאַנג יאַנעק — יאַנעק־דזיבאַנעק.

אַלע חדשים, וואָס זענען איר נאָך געבליבן אין איר שוואַנגערשאַפט ביז צום געבוירן האָט די מומע הינדזיע אַדורכגעוויינט. און אַ יינגל איז געבוירן געוואָרן; אָבער מען האָט אים נישט אָנגערופן מיט דעם נאָמען פון דעם טויטן קינד — כּדי דאָס געדעכעניש פון דעם אומגליק זאָל אַוועק פון דער משפּחה — אָבער דאָס געדעכעניש איז נישט אַוועק. אָן אַ שיעור

מאָל האָט מיר די מאַמע די מעשה דערציילט — כאָטש איך אַליין האָב זי גוט געדענקט, ווייל איך בין שוין אַלט געווען זעקס יאָר, ווען יאַנעק איז געשטאָרבן, ווען ער האָט געראָטעוועט זיין הילצערנעם „קוישיו״. און ווי אָפט די מאַמע איז צוגעקומען צו דער לעצטער סצענע און צום נאַכט־טעפּעלע מיט בלוט — פלעגט זי זיך פאַרגיין אין אַ שטיל און לאַנג גע־וויין.

און אַפילו אין מיינע לידער איז יאַנעקס לעצטע מינוט אַריין — אין „דער זיבן־קי באַלאַדע״ מעלקט זיך „גוויאַזדולאַ״, אַ בלאַנדע קו, אַ נאַכט איידער מען נעמט זי אין שלאַכטהויז אַריין, נישט מיט מילך מער, נאָר מיט אַ שעפּל בלוט...

און אפשר ווילט איר וויסן וועגן אַלע זעקס קינדער פון מיין מומע הינדזיע און מיין פעטער נטע — דעם טייערסטן ברודער פון מיין מאַמען?

איז וועגן יאַנעקן ווייסט איר שוין.

און יאַנעקס עלטסטע שוועסטער איז אומגעקומען ביי די נאַציס.

און יאַנעקס יינגערער ברודער איז געווען אין רוסלאַנד, און שפּע־טער אין אַנדערסעס אַרמיי און איז געשטאָרבן מיט אַ שווערן טויט, נאָך אַ טעות פון אַ דאָקטער; ער ליגט אייביק אין תל־אביב.

און יאַנעקס יענער ברודער, וואָס איז שוין געווען צוויי טרעפּלעך צו קומען אויף דער ערד, ווען ער איז אַרויף אין הימל, איז קנאַפּ נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה געווען אין דער שווייץ מיט זיין משפחה. און ער איז געווען טרויעריק ווי אַ טרער. ווי זיין מאַמעס א טרער נאָך יאַנעקן... און ער איז איינמאָל צוגעגאַנגען צו אַ טיפער שווייצאַרישער אַזיערע און ער האָט איבערגעלאָזט ביים ברעג אויף אַ באַנק אַ צעטעלע:
— דאָס איז מיין איינציקער אויסוועג און איר האָט סיי ווי אַ סך נישט פאַרלוירן און זוכט מיך נישט... און וויפל מען האָט אים געזוכט, געפונען — קיין שפור. ביז אויפן היינטיקן טאָג.

און יאַנעקס שוועסטער, וואָס איז געבוירן געוואָרן צוויי יאָר פאַר אים, איז אַוועק אין אַ פרעמדער וועלט און זי לעבט אין דער שווייץ.

און יאַנעקס יינגסטע שוועסטער וווינט אין ירושלים און איך האָב זיך מיט איר געטראָפן — אוז עס איז געווען אַ ווינטיקער טאָג און עס האָט

געקלונגען אין די פענסטער אַריין מיט גרויסע, העלע רעגן־טראָפּנס און מיר האָבן געבלאָנדזשעט אין דעם לאַבירינט פון אונדזער פאַרצווייגטער משפחה און אין דעם לאַבירינט איז אונדז אַנטקעגנגעקומען די נשמה פון יאַנעק — יאַנעק־דזבאַנעק — און מיר האָבן זי געזען און גערעדט מיט איר — כאָטש זי איז אויסגערונען מיט אַ שנירל בלוט צען יאָר פריִער, איידער זיין יינגסטע שוועסטער איז געקומען אויף דער וועלט.

# אַ גרייצער און אַ צוקערל

וואָס אַ קאָפּיקע אין רוסלאַנד, אַ גראָשן אין אַמאָליקן פּוילן, אַ פּעני אין ענגלאַנד און אַ סענט אין אַמעריקע, און מסתמא אַ פּרוטה אין דער צייט פון די חז״ל אין ירושלים — איז אַ גרייצער געווען פאַר די קליינע קינדער אין גאַליציע ביז צו דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. אין אָנהייב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט איז די עסטרייכישע אימפּע־ריע אַריבערגעגאַנגען אויף דעם קראָנען־ און העלער־סיסטעם, אָבער די גרייצערס זענען נאָך אַלץ געבליבן די חלום־מטבע ביי די גאַליציאַנער קינדער. אַ צוויי־העלערדיקע מטבע האָט זיך גערופן אַ גרייצער און ערשט פאַר אַ גרייצער האָט אַ קינד געקענט עפּעס קויפן.

אַ גרייצער האָט מען מיטגעגעבן אין חדר אַריין, אַ גרייצער האָט אַ מלאך געפלעגט אַראָפּוואַרפן פון הימל פאַר גוט לערנען אין חדר, אַ גריי־צער האָט מע געקענט אויסבייטן אויף די שענסטע צוועלף קנעפּלעך און פאַר אַ גרייצער האָט מען אין אַ קרעמל מיט כל־טוב געקענט קויפן אַ טשאָקאָלאַדקע. און טשאָקאָלאַדקעס זענען אַלע מאָל געווען אַ מאָדע־זאַך. אַלעמאָל זענען אויפגעקומען נייע קינדער־מאָדעס אויף צוקערלעך. און קינדער זענען גרויסע סנאָבן. אַז איין קינד האָט עפּעס — מוז דאָס אַנ־דערע עס אויך האָבן — און מער.

— מאַמע, גיב מיר אַ גרייצער! מאַאַמע גימער אַ גראַאַצער! די נאַיִעוודיקע מאָנאָטאָנע מוזיק פון אָט דעם געבעט קלינגט מיר נאָך אין די אויערן. ווי אָפט האָב איך עס געהערט שעהן־לאַנג פון די אָפענע פענצ־טער אין אַ זומערדיקן נאָכמיטיק ביי די שכנים פון אונדזער הויז אין רע־דים. נישט איינמאָל האָט אַ קינד אַ גאַנצן נאָכמיטיק געקענט אַזוי אָפּ־ווײנען און נאָכלויפן דער מאַמען ווי אַ שעפּעלע נאָך אַ שאָף — און מיט אָט דעם רוף אַנטשלאָפן ווערן: מאַאַמע גימער אַ גראַאַצער — מאַאַמע — אַ גראַאַצער — ווייל הינטער דעם גראַצער איז געשטאַנען און געלויכטן דער חלום פון אַ צוקערל.

און די מעשה, וואָס איך דערצייל דאָ, איז פאַרלאָפן אַ יאָר פאַרן צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, און דעמאָלט זענען אויפגעקומען אַזעלכע פלאַ־כע טשאַקאַלאַדקעס, איינגעוויקלטע אי אין זילבער־פּאַפּיר און אי אין אַ פאַרביק פּאַפּיר־מענטעלע און אויף יעדן בילדל אַן אַנדערע שטאָט אין אייראָפּע. און מיין טאַטע, וואָס האָט שוין דעמאָלט געהאַט אַ זינען פאַר דעם לערנען דורך שפּילן — און אַליין אייביק געווען אַ שטיקל קינד, און ליב געהאַט דאָס שפּילן זיך — האָט זיך גאָר דערפרייט מיט דער נייער דערפינדונג. און דער טאַטע האָט געגעבן דער מאַמען אַן אויפטראָג יעדן נאָכמיטיק, אָן שום בעטענישן, צו געבן די קינדער צו גרייצערס, אַז זיי זאָלן זיך קויפן אָט די נייע טשאָקאָלאַדקעס.

האָט געמעגט דונערן און בליצן — האָט מיין עלטערער ברודער און איך געדאַרפט יעדן פאַרנאַכט, אין באַגלייטונג פון דער דינסט, מאַכן אַ שפּאַציר דריי מאָל אויף דעם טראָטואַר אַרום דעם פירעקיקן רינגפּלאַץ, וואָס אין זיין מיט זענען געשטאַנען די צוויי ראָטהייזער — דאָס אַלטע פון זיבעצענטן יאָרהונדערט און דאָס נייע מיטן טורעם און מיט אַ בלעכן פענדל, וואָס אין אים איז געווען איינגעשניטן דאָס יאָר: 1896. אָט דער רינגפּלאַץ האָט געהייסן מיט אַ קיילעכדיקן נאָמען, אָבער געווען איז ער אַ געניויער קוואַדראַט.

און אויפן אַנדערן עק פון רינגפּלאַץ איז געווען דאָס קרעמל, ווו מיר האָבן יעדן פאַרנאַכט אויסגעגעבן אונדזערע גרייצערס. מיין עלטע־רער ברודער איז געווען אַן אויסגעהאַלטענער און אַ דיסציפּלינירטער, ער פלעגט באַצאָלן דעם גרייצער, נעמען די טשאָקאָלאַדקע און זי גלייך אַריינלייגן אין קעשענע. אַפילו קיין קוק נישט — פון נאַשן איז אָפּגע־רעדט. איך אָבער פלעג צוערשט מיט די אויגן אויפנאַשן דאָס נייע בילדל פון איינער פון די אייראָפּעיִשע שטעט און באַלד דערנאָך די טשאָקאָלאַד־קע. די בילדלעך האָבן מיר נאַטירלעךביידע געזאַמלט און געהאַט שוין אַ גאַנצע געאָגראַפיע אין אונדזערע קופערטלעך. נאָר וויפל שטעט עס זע־נען שוין אויף די בילדלעך פאַרגעקומען — קיינמאָל איז דאָרט נישט געווען ביז איצט רוים. און אין מיין דמיון איז רוים געווען די גרעסטע שטאָט אין דער וועלט. ווייל דאָרט וווינט דאָך דער פּויפּסט — און דער

פּויפּסט איז דאָך דער קייסער פון די קייסאָרים... און כאָטש איך בין גאָך קיין פינף יאָר נישט אַלט געווען, האָב איך שוין געקענט גוט לייענען. און איינמאָל:

האַלטן מיר אַזוי די גרייצערס גרייט אין אונדזערע הענטלעך, און גראָד איז אַ שטופּעניש אין קרעמל, ווייל עס איז דאָנערשטיק פאַר־נאַכט, און מען דערלאַנגט אונדז די טשאָקאָלאַדקעס — און מיין ברודער באַצאָלט קאָרעקט און תיכף און איך — דערזע, אַז אויף מיין בילדל איז דאָ די אויפשריפט „רזשים" — רוים... און איך בין אַזוי פאַרגאַפט גע־וואָרן, אַז איך האָב שוין אַפילו פאַרגעסן אויפצופּאַקן און אויפצועסן די טשאָקאָלאַדקע און מיר זענען אַרויס אין דרויסן און איך האָב כסדר גע־גאַפט און געגאַפט אויף דער שטאָט פון די שטעט... און אַז מיר זענען אַהיימגעקומען און איך האָב מיך אָנגעהויבן אויסטאָן און געעפנט מיין לינק הענטל — האָב איך צו מיין מוראדיקער אויפטרייסלונג באַמערקט אַז דער גרייצער איז געבליבן ביי מיר... אין שטוב איז גראָד קיינער נישט געווען און קיינער האָט עס נישט באַמערקט — און איך בין געבליבן אַליין מיט מיין מוראדיקן סוד און מיט מיין פאַרברעכן, וואָס איך בין באַגאַנגען בשוגג און זיך באַלד פאַרפּלאָנטערט אין זיינע קאָמפּליקאַציעס — נישט אַריין און נישט אַרויס. פון ווען גנבענען דעם גרייצער איז קיין רייד נישט געווען. נישט מיר האָבן עס געדאַרפט אין אונדזערע קינ־דער־יאָרן און נישט איך האָב גאָר געוווסט, וואָס דאָס הייסט צ׳נעמען עפּעס, וואָס באַלאַנגט נישט צו דיר. אָבער ווי ווערט מען פּטור פון דעם גרייצער? ווו נאָר אַ באַהאַלטן ווינקל פון דער שטוב האָב איך שוין דעם גרייצער געפּרוווט לייגן — אָבער פון אומעטום האָט ער אַרויסגעשריגן אין מיין דמיון און זיך אַרויסגעקוילערט אין דער מיט שטוב און אויפן טיש אַרויף... ענדלעך האָב איך אים ערגעץ באַהאַלטן און ציטערנדיק געשטאַנען ביים פענצטער צו זען, צי דער קרעמער קומט נישט אויפמאָ־נען דעם גרייצער. און ווי היינט געדענק איך דאָס בלאַסע פּנים פון דעם קרעמער מיט דעם שיטערן בערדל פון ווייס־בלאָנדע האָר און אויך זיין מאָדנעם בלאַסלעך־שיטערן נאָמען: איכל. און כאָטש איכל, דער קרעמער, איז גאָט די נשמה שולדיק געווען אין דעם גאַנצן ענין — און פון גאָר־נישט געוווסט — איז מיר אייביק געבליבן אַ שטיקל שרעק פאַר אים.

אַפילו ווען זייגע האָר זענען שוין אויף אַן אמת ווייס געוואָרן און איך שוין אַ דערוואַקסענער יונגערמאַן.

צום נאַכט־עסן בין איך געזעסן ביים טיש ווי איך וואָלט געהאַט היץ. אַז דער טאַטע האָט זיך געהייסן ווייזן די ה יי נ ט י ק ע בילדלעך פון די צוקערלעך — האָב איך אַ ציטער געטאָן ווי אַ פאַרברעכער, געכאַפּט אויף דער הייסער מינוט. און אָט קלאַפּט מען אין טיר און עס באַווייזט זיך דער אַלטער מאַגיסטראַטסקער פּאָליציאַנט פראַנצישעק מיט די לאַנגע, שפּיציקע, אַראָפּהענגענדיקע וואָנסעס פון אַן אַלטן טאַטער און זיין אייביק גוטמוטיקן שמייכל און גוטמוטיקן וויץ מיט אַלע קינדער: — קום אין דער קאָזע אַריין... און איידער ער האָט דעם טאַטן איבערגעגעבן עפּעס אַ דאָקומענט, וואָס ער האָט גראָד געדאַרפט איבערגעבן, האָט ער אויך דאָס מאָל מיך אַ רוף געטאָן: קום אין דער קאָזע אַריין... און ער איז צוגעגאַנגען נענטער צו מיר און נאָר צו מיר... ווי דער שטייגער האָט מען דעם אַלטן פּאָליציאַנט געגעבן אַ גלעזל בראָנפן מיט אַ קיכל און ער איז אַוועק. און אַז ער איז אַוועק האָט מען ערשט דערזען, אַז איך בין ווייס ווי די וואַנט און ממש פאַרביי — — — און איידער וואָס ווען בין איך אַריין אין קיך און געבראָכן פון שרעק. נישט מיינע טאַטע־מאַמע, נישט די דינסט און נישט מיין ברודער האָבן געוווּסט וועגן מיין סוד און לאַנג, לאַנג אין דער נאַכט אַריין האָב איך געטראַכט ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון דעם שרעקלעכן גרייצער. און נישט סתם פּטור ווערן פון אים, דאָס איז נישט געווען קיין קונץ, נאָר אים אַריינרוקן איכלען, דעם קרעמער. אָבער נישט אַזוי גרינג איז עס אָנגעקומען.

איך האָב מיך פאַררעכנט אין מיינע חשבונות. אויף צו מאָרגנס איז געווען פרייטיק. שפּאַצירן איז מען געגאַנגען, אָבער איכלס קראָם איז שוין געווען פאַרמאַכט. און איבערמאָרגן איז געווען שבת. אין מיין קעשענקע איז געלעגן דער גרייצער, געהאַלטן דאָרט שבת. עבירה גוררת עבירה. און איבער־ איבערמאָרגן איז געווען זונטיק און די דינסט האָט גראָד באַקומען אויסגאַנג. און די קראָם איז ווידער פאַרמאַכט. און דער גרייצער אַלץ אין קעשענע. און אַזוי ביז מאָנטיק פאַרנאַכט. מיין עלטערער ברודער האָט שוין געקויפט זיין צוקערל און איך בין דאָ געשטאַנען אַ פאַרפּלאָנטערטער און אַ דערשראָקענער אין אַ דינגעניש מיט איכלען

— וואָס האָט מיר, אָדער געוואָלט צוריקגעבן מיין איבעריקן גרייצער, אָדער מיר געבן צוויי טשאָקאָלאַדקעס — ער האָט בשום אופן נישט פאַר־שטאַנען פאַרוואָס איך שטופּ אים דווקא צוויי גרייצערס. און דער פּלאָנ־טער איז נאָך שווערער געוואָרן, ווייל עס האָט זיך אַריינגעמישט איכלס ווייב און די דינסט אונדזערע און אַפילו קונים פון געוועלב. מיין פאַר־צווייפלונג איז געוואָרן גרויס און גרעסער און איך האָב מיך צעוויינט און אַרויסגעלאָפן פון קראָם אין גאַנצן אָן טשאָקאָלאַדקעס. שטומערהייט האָבן מיר פאַרענדיקט דעם שפּאַציר. אַז די צוקערלעך — און טאַקע צוויי — גייען מיר נאָך, בין איך געוואָר געוואָרן ערשט אין דער היים, ווען די דינסט האָט זיי איבערגעגעבן דער מאַמען און עפּעס דערציילט, דער־ציילט און דער פּלאָנטער איז נאָך גרעסער געוואָרן. מען האָט געפרעגט, גערעדט, געענטפערט און איך האָב געשוויגן און... מען האָט פאַרגעסן — סוף־כל־סוף נישט מער ווי אַ גרייצער.

צו איכלען איז מען ווייטער געגאַנגען יעדן טאָג; מיין ברודער האָט פאַרגעזעצט מיט קויפן די סעריע מיט די שטעט; איך בין אַריבער אויף אַנדערע צוקערלעך. דאָס בילד פון רוים איז געווען דאָס לעצטע בילדל אין מיין זאַמלונג, און ווען נאָר איך האָב אַ קוק געטאָן דערויף, האָט עס אויפגעמישט אין מיין נשמה מיין פאַרפּלאָנטערטן סוד, וואָס איך האָב קיינמאָל, קיינמאָל נישט אויסגעזאָגט ביז היינט...

# שאַרלעד

ווי לאַנג איז עס דען, ווען קינדער־קראַנקייטן זענען נאָכגעגאַנגען נאָך משפּחות ווי די רייטער פון דער אַפּאָקאַליפּסע און געשניטן זייער שניט אויף רעכטס און אויף לינקס. משפּחות צוואַנציק־קינדערדיקע, רעדוצירטע צו אַ דריטל טוץ דורך דער שאַרף פון די קינדער־קראַנקייטן, זענען גאָרנישט געווען קיין זעלטנקייט. און ווי לאַנג איז עס דען ערשט, אַז מען האָט געגלויבט, אַז געוויסע קינדער־קראַנקייטן מוז מען דורכגיין ווי אַ ריינִיקונגס־פייער. און וואָס פריִער — אַלץ בעסער. מאָזלען, ווינט־פּאָקן — שאַרלעד. און נאָך און נאָך. און אַפילו אין מיין נאָענטער משפּחה, וואָס איז שוין געווען אַן אויפגעקלערטע — דאָס זעלבע.

איז איין קינד פון דער משפּחה קראַנק געוואָרן אויף אַ קינדער־קרענק, זענען געווייִנטלעך אין עטלעכע טעג אַרום אַלע קינדער קראַנק געוואָרן אויף דעם זעלבן. און טאָמער נישט — האָט מען צוגעהאָלפן דעם מלאך פון די באַקטעריעס, מען האָט געפּאָיעט די קינדער מיט דעם זעלבן לעפּעלע, מען האָט זיי אַריינגעלייגט אין זעלבן בעטל. אין אָרעמע שטובן האָט מען זיי דאָך סיי־ווי געפּאָיעט מיט די זעלבע לעפּעלעך און זיי זענען סיי־ווי געשלאָפן אין די זעלבע געלעגערלעך.

מאָזלען און ווינט־פּאָקן האָבן מיר דורכגעמאַכט גלייכצייטיק, מיין עלטערער ברודער און איך. דאָס איז דעמאָלט געווען אונדזער גאַנצע משפּחה. נאָר מיט די שאַרלעך איז עס עפּעס נישט געגאַנגען. מיין עלטערער ברודער האָט שוין איבער אַ וואָך צייט געגליט אין פיבער. די הויט — איין שטיק פלאַם. איין שטיק שאַרלעך. און נאָר די פעך־שוואַרצע האָר און די גרויסע, שוואַרצע אויגן זיינע האָבן זיך אַרויסגעזען פון אָט דעם פלאַם — ווי טיילן פון אַ ברענענדיקער זאַך, וואָס זענען שוין פאַרקוילט געוואָרן. מיר איז געווען מוראדיק איינזאַם. די שטוב איז געגאַנגען אויף רעדלעך צוליב דעם ברודערס קרענק — דער דאָקטער אַריין און דער דאָקטער אַרויס — און די מומעס און פעטערס, וואָס זייערע קינדער

האָבן שוין אין פּר׳ערדיקע יאָרן געהאַט אָפּגעשאַרלעכט, אַריין און אַרויס. קיין קינדער זענען אין שטוב נישט געקומען און איך האָב מיך נישט גע־האַט מיט וועמען צו שפּילן. און אַלט בין איך געווען פינף יאָר. און מיין פאַנטאַזיע האָט געשפּילט אויף זיבן פידעלעך אויף אַמאָל. בין איך גע־שטאַנען אין אַ ווינקעלע און געמייסטרעוועט מיט מיינע קליינע העמער־לעך און צוואַנגעלעך און זעגעלעך און שטעקעלעך און ברעטעלעך און קאַ־ריקלעך און איך האָב געבויט...

איך האָב געבויט אַ באַן. איך האָב אַלעמאָל ליב געהאַט באַנען. איך האָב באַזונדערס ליב געהאַט צו זען די סיגנאַלן, וואָס באַוועגן זיך אויטאָ־מאַטיש, ווי מיט אומזעבאַרע הענט. און מער פון אַלץ האָב איך ליב גע־האַט די סעמאַפאָרן, די הויכע סעמאַפאָרן, מיט די הענט געשטרעקטע אין הימל אַריין, וואָס פּלוצלינג גיט זיך ביי זיי אַ הייב אַ האַנט מיט אַ רויטן ליכט, און אָט לאָזט זיך די האַנט אַראָפּ און עס גיט זיך אַ הייב אַן אַנ־דערע האַנט מיט אַ גרינעם ליכט און באַלד לויפט אַן מיט איר געפילדער די באַן... איך האָב מיר אַליין איינגעשמועסט אַ טעאָריע, אַז דער גאַנצער כוח פון די באַנען ליגט אין די סעמאַפאָרן און זיי — ווידער — שעפּן זייער כוח פון הימל און מיט דעם כוח גייען די באַנען. איך האָב אויך געוווסט וועגן די לאָקאָמאָטיוון, אָבער איך האָב געגלויבט אין די סעמאַ־פאָרן און איך האָב געחלומט אי צו האָבן אַן אייגענע גרויסע באַן און אי אייגענע סעמאַפאָרן. און בשעת מיין ברודער האָט אין זיין בעטל געגליט אויף שאַרלעך, האָב איך געאיינזאַמט אין מיין ווינקל מיט מיין חלום. איך האָב אַרויסגעקראַגן אַביסל גרינע טינט און אַביסל רויטע טינט פון די פּיל טינטערלעך און פלעשעלעך אויף דעם טאַטנס שרייבטיש, וואָס איז אַליין אויך געווען אַ צויבער־וועלט פאַר זיך, און איך האָב געבויט אַ סע־מאַפאָר. פון ברעטעלעך און שטעקעלעך און קאַריקלעך און פּאַפּירלעך און טשוועקלעך און גומי־אַראַביקום — אַ סעמאַפאָר. און ער האָט געהאַט צוויי הענט מיט אַ שטריקל, האָט מען זיי געקענט אויפהייבן און אַראָפּ־לאָזן — אויב מען האָט דערצו צוגעהאָלפן מיט די אייגענע הענט און אויב דאָס גאַנצע קלעפּעכץ האָט זיך דערביי נישט פונאַנדערגעקלעפּט און די טשוועקעלעך זענען נישט אַרויסגעפאַלן. אַן אמתער סעמאַפאָר.

אַז די פעטערס און מומעס און מיין טאַטע און מיין מאַמע, און דער

עיקר דער אַלטער דאָקטער, האָבן געהאַט עפּעס געהיימע כּוונות, בשעת זיי זענען צוגעקומען צו מיר און באַוווּנדערט מיין מלאכה — דאָס האָב איך נישט געוווּסט. אָבער זיי האָבן געהאַט אַ כּוונה. זיי האָבן געוואָלט צואיילן מיין אָנשטעקונג מיטן שאַרלעך — כּדי מיר זאָלן ביידע אויף אַמאָל איבערקומען, מיין ברודער און איך. די שליחות האָט מען איבער־געגעבן מיין מאַמען. זי האָט מיר געזאָגט, אַז היינט נאָכמיטיק וועט מען מיך לייגן שלאָפן אויף מיין נאָכמיטיק־שלאָף צוזאַמען מיט מיין ברודער.

מיין פרייד איז געווען גרויס. מיין ברודער און איך האָבן זיך זייער ליב געהאַט. אָבער מיר זענען געווען צוויי באַזונדערע נאַטורן. עלטער איז ער געווען פון מיר בלויז מיט איין יאָר. ער האָט געהאַט אַ דורשט נאָך וויסן און אַן אייזערנעם ווילן — געירשנט פון דער מאַמען. און איך האָב געהאַט אַ פלינקע תּפיסה און אַ פאַנטאַזיע — געירשנט פון טאַטן. איך האָב ליב געהאַט צו הערן מעשיות און אַליין אויסצוטראַכטן מעשיות און ער האָט בשום אופן זיך נישט געוואָלט צוהערן צו אַ מעשה, אויב מען האָט אים פריִער נישט פאַרזיכערט, אַז די מעשה איז אַן אמתע. און טאָ־מער האָט ער אין מיטן דער מעשה חושד געווען, אַז מען נאַרט אים — פלעגט ער זיך אַרויסרייסן פון דעם קרייז און אַנטלויפן און חוזק מאַכן פון דער ווייטן. מיט עפּעס אַ מאָדנעם כּוח פון איראָניע איז ער געבוירן געוואָרן. אפשר געירשנט פון אַ ווייטן זיידן — יעדנפאַלס נישט פון טאַטן און נישט פון דער מאַמען. אויך פון מיינע פאַנטאַזיעס פלעגט ער לאַכן. געשלאָגן האָבן מיר זיך קיינמאָל נישט — קיינמאָל נישט. די אויטאָריטעט צווישן אונדז צוויי איז אַלעמאָל געווען אויף מיין ברודערס זייט. אַזוי ביזן סוף.

אַז מען האָט מיר מיטגעטיילט, אַז היינט נאָכמיטיק וועל איך שלאָפן אין מיין ברודערס בעט, צוזאַמען מיט אים, איז מיר באַלד איינגעפאַלן, אַז נישט נאָר וועל איך אים דערציילן וועגן מיין באַן, וואָס איך בוי מיר, נאָר איך וועל זי אים אַוועקשענקען ווי אַ מתּנה. נאָר אַזוי ווי די גאַנצע באַן קען איך אים דאָך נישט געבן באַלד — וועל איך אים דערווייל געבן דעם סעמאַפאָר...

אַז די נאָכמיטיק־שעה איז געקומען — האָט מיך מיין מאַמע אויס־געטאָן, אָנגעטאָן מיר מיין נאַכטהעמדל און איך האָב גענומען מיין מתּנה

און מיר זענען אַריין אין דער שטוב, ווו מיין ברודער איז געלעגן און גע־גליט. ער איז געלעגן אין אַ פאַרנעפּלטן דרימל. נאָר אַז ער האָט מיך דער־זען און די מאַמען און עפּעס לייגט מען מיך אַריין אין זיין בעטל — האָט ער זיך פּלוצלינג זייער שטאַרק דערפרייט און געוואָרן זייער וואַך און מיר האָבן זיך זייער שטאַרק געקושט. אָבער ווי גיך ער איז וואַך גע־וואָרן — מיין ברודער — אַזוי גיך איז אים ווידער באַפאַלן דער פאַרנעפּל־טער דרימל און מיר זענען געלעגן אַ רגע שטיל נעבן זיך.

און דאָ האָב איך אָנגעהויבן צו דערציילן מיין מעשה מיט די באַנען. דער ברודער האָט געהאָרכט און געהאָרכט און מיין פאַנטאַזיע איז גע־שטיגן אַלץ העכער און העכער. און אָט איז געקומען דער גרויסער מאָ־מענט און איך האָב אים דערלאַנגט דעם סעמאַפאָר... מיד און שוואַך האָט ער אים גענומען פון מיין האַנט און אין אים איז עפּעס וואַך געוואָרן, עפּעס — פאַר וואָס איך האָב אַלעמאָל מורא געהאַט. און געווען איז עס דאָס פייער פון אמת, וואָס האָט אין אים געגליט טיף, טיף — און פון צייט צו צייט אַרויס אויף דער אויבערפלאַך — און איצט איז געקומען אָט דער מאָמענט. זיינע אויגן האָבן אַ קלאָרן בליץ געטאָן און ער האָט מיט זיינע הענט — צוויי פלאַמען שאַרלעך — צעבראָכן און צעברעקלט מיין סעמאַפאָר — אייגנטלעך שוין איצט זיין סעמאַפאָר — און אים אַ וואָרף געטאָן אויף דער בריק.

— עס איז אַ ליגנט!

און ער איז ווידער אַריינגעפאַלן אין זיין פאַרנעפּלטן דרימל.

אַזויפיל געדענק איך. וואָס ווייטער איז געשען געדענק איך נישט. איין זאַך געדענק איך זיכער, אַז איך האָב מיך נישט צעוויינט.

דעמזעלבן אויפדערנאַכט האָב אויך איך שוין, סיי ווי שוין זינט טעג אָן אָנגעשטעקטער, געגליט אין הויכער היץ. אָבער שוין אין מיין אייגענעם בעטל. מיין ברודער איז פריער געזונט געוואָרן. אָפט פלעגט ער זיצן ביי מיין בעטל און צייכענען און לייענען — צייכענען הייזער, מענטשן, שטעט, און לייענען אמתע געשיכטע — קיינמאָל נישט קיין געשיכטעס.

אונדזער דאָקטער האָט געשפּילט אַ ריזיקאַלישע שפּיל. אַזוי איז גע־

ווען דער מנהג פון דער צייט. און ווען ער וואָלט פאַרשפּילט מיין לעבן, וואָלט אים אויך קיינער נישט געמשפּט. ער האָט אָבער געוווּנען — און יענעם פאַנטאַסטישן סעמאַפאָר איז באַשערט געווען צונויפצוקלייבן זיינע שטעקעלעך, ברעטעלעך, פּאַפּירלעך, קאָריקלעך פון דעם בערגעלע שטוב־מיסט, אין וועלכן מיין ברודער האָט אים פאַרוואַנדלט, און אויפצושטיין תחית־המתים אין אָט דער מעשה.

# מיין ערשטער עפנטלעכער אויפטריט

די מעשה איז פאָרגעקומען נאָך אין יענעם יאָרהונדערט... אין לעצטן יאָר פון יענעם יאָרהונדערט. און כאָטש איך בין נאָך קיין זעקס יאָר נישט אַלט געווען — האָב איך שוין געהאַלטן ביים ענדיקן מיט דעם בעסטן דערפאָלג די ערשטע קלאַס פון דער פּוילישער פאָלקס־שולע אין מיין שטעטל. מיין שטעטל רעדים. אין דער זעלבער, סאָליד געמויערטער, איינ־שטאָקיקער שולע, האָט זיך אויך געלערנט מיין מאַמע, און שפּעטער, מיט יאָרן אַ סך, עטלעכע יאָר, מיין טאָכטער. עס איז געווען אַ האַלב־טונקעלער בנין מיט לאַנגע און ברייטע קאָרידאָרן, און זיי האָבן אייביק געשמעקט מיט פּויערישן שוואַרצן ברויט, ווייל אַ העלפט פון די שילערס זענען געווען שקצים פון די אַרומיקע דערפער, וואָס פלעגן יעדן טאָג לויפן מיילן אין און פון שולע.

און איך בין געווען אַ מתמיד און זייער פעיִק צו אַלץ, באַזונדערס צו אַריטמעטיק און צו לייענען און שיין־שרייבן. אָבער איך האָב אָפט גע־מוזט מיינע פעיִקייטן באַהאַלטן פאַר דעם אייפערזיכטיקן אויג פון מיינע מיט־תלמידים, און דאָס האָט אָפט זייער וויי־געטאָן — אָפט נאָך מער ווי ווי די קלעפּ, וואָס די פּויערים־קינדער און אויך ייִדישע ייִנגלעך פלעגן מיר געבן פאַר מיינע צו גוטע קענטענישן. פאַרוואָס? ווייל איך האָב אָפט גע־מוזט שפּילן אַ נישט־קענער פאַר דער לערערין. און איך בין געווען אין איר פאַרליבט און אויך זי אין מיר. זי האָט געהייסן מאַטקאָווסקאַ, אַ קריסטין, האָט געהאַט אַ הויכע פּלייצע און אַ שטאַרק ייִדיש פּנים, זייער אַ שיין פּנים. און אַז זי פלעגט צוגיין צו מיר פלעג איך מיך שטאַרק פאַררויטלען — און אַזוי אויך די לערערין מאַטקאָווסקאַ. מיט יאָרן, יאָרן שפּעטער האָב איך שטאַרק ליב געהאַט אַ פרוי, וואָס איר פּנים איז געווען ממש אַ קאָפּיע פון דעם פּנים פון מיין לערערין מאַטקאָווסקאַ.

און אָט זענען די לעצטע טעג פון יוני — יאָר 1899 — און די שולע דאַרף זיך שליסן אויף זומער־וואַקאַציעס, און מען טיילט אויס די צייגע־

נישן און די „נאַגראָדעס״ (מתנות אָדער פרייזן) פאַר די „צעלויאָנצע״ (אויסגעצייכנטע) תלמידים. און איך בין אין יענעם יאָר געווען דער בעס־טער אין דער גאַנצער שולע.

אין גרעסטן קלאַס־צימער זענען פאַרזאַמלט די לערערס, די פני פון שטאָט, גלחים, דאָקטוירים, אַפּטייקערס, דער בירגער־מייסטער, די בעסטע תלמידים און אויך עלטערן. ייִדישע עלטערן פלעגן צו אַזעלכע צערעמאָניעס קיינמאָל נישט קומען, ווייל זיי האָבן געטראָגן אַ האַלב־רעליגיעזן כאַראַק־טער. אָבער די קינדער האָבן געמוזט קומען. און אַזוי ווי מיין מאַמע האָט זיך סיי־ווי געפירט אַביסל אַנדערש ווי די פרומע אין שטעטל, איז זי אויך דאָסמאָל געקומען צו דער צערעמאָניע, נאָר זי איז געשטאַנען הינטער דער אָפענער טיר, צווישן די לעצטע, כאָטש זי האָט געוווסט, אַז איר זון דאַרף דאָ באַלד זיין דער ערשטער...

און ווי דער שטייגער, איז דער פוילישער גלח — אַ דיקער און אַ בלאָנדער און אַ גוטמוטיקער, מיט אַ רויטלעך און שמייכלענדיק פנים — געזעסן אין דער ערשטער ריי פון די ערן־געסט. און ווי דער שטייגער, האָבן די קינדער דעקלאַמירט און דער גלח האָט געלויבט און געגלעט די קעפּלעך און געמורמלט אַ פּאָר ווערטער און די צייגענישן האָט מען גע־ציילט אין אַ פּאַרקערטער רייע — צוערשט די עלטסטע און צום סוף די יינגסטע קינדער. און אין מיר האָט דאָס הערצל געקלאַפּט הויך און הע־כער, ווייל די רייע איז געקומען אַלץ נענטער צו מיר. איך האָב געדאַרפט זיין דער סאַמע לעצטער צום רעציטירן, געזעסן בין איך דער סאַמע ער־שטער, באַלד נעבן דעם גלח. נאַטירלעך, אין די בענק פון די תלמידים.

און אָט רופט מיך אויף די — אַביסל טונקעלע, טיפע, אינעווייניק־סטע שטימע — אפשר צוליב דער הויכער פּלייצע — פון מיין לערערין, און זי רופט מיך מיט דעם פוילישן נאָמען „זיגמונט״. און זי קוקט אויף מיר אַ פאַרויטלטע מיט אירע גרויסע טונקעלע אויגן. און זי הייסט מיך לייענען די מעשה מיט די צוויי קאָזעס. און איך בין פּלוצלינג געוואָרן זייער רויִק, זיך אויפגעשטעלט און אַלץ אַרום און אַרום איז פאַרשווונדן — און נאָר מיין לערערין מאַטקאָווסקאַ און איך זענען דאָ... און מיין שטימע האָט אַ קלונג־געטאָן ווי זילבער און איך האָב נישט געלייענט, נאָר איך האָב אויסגעשפּילט די מעשה וויאַזוי די צוויי איינגעשפּאַרטע

קאָזעס באַגעגענען זיך אויף אַ שמאָלער „קלאַדקע״ (אַ קליין בריקל) און ווי זיי ווילן נישט איינער דעם אַנדערן אָפּטרעטן דעם וועג. און ווי זיי דינגען זיך און הייסן איינע דער אַנדערער גיין די ערשטע צוריק און אָפּטרעטן די קלאַדקע, ווייל די איז עלטער און די איז יינגער. און איך שפּיל מיט צוויי שטימען — די שטימען פון די צוויי קאָזעס פון דעם משל. און אָט הערן זיי זיך אויף צו איבערצייגן און זיי קריגן זיך שוין און אָט שלאָגן זיי זיך שוין און אָט ליגן זיי שויןביידע אין שטראָמיקן וואַסער... און אָט קומט די מאַראַל. און איך זען מיך אַוועק.

די אויגן פון דער לערערין פאַרלאָזן מיך און איך קום צו זיך. און איך הער ווי מען אַפּלאָדירט, נאָר איך ווייס נישט, וואָס דאָס איז און וואָס דאָס מיינט. און דער גלח שטייט אויף און ער גייט צו צו מיר און ער נעמט מיין קליין הענטל אין זיין ווייכער, גרויסער, רויטלעכער, פעטער האַנט און ער בייגט זיך אָן צו מיר — איך בין שוין, נאַטירלעך ווידער געשטאַנען — און ער קושט מיך אין קאָפּ. און ער עפנט אויף דאָס צייגע־ניש מיט די לויטער „צעלויאַנצעס״ פון אויבן ביז אַראָפּ און ער לייענט איבער מיין נאָמען. אָבער דאָ איז שוין נישט געווען דער נאָמען „זיגמונט״ אַלס דער ערשטער, און אויך נישט דער צווייטער נאָמען מיט אַ „סקי״, אָדער „צקי״ ביים סוף — ווי דער שטייגער פון די פּוילישע נעמען, נאָר עס איז געווען „זאַכאַריאַש כאַנע — זכריה חנא — בערגנער״ — מיין אמתער נאָמען. געזאָגט האָט ער גאַרנישט. ער האָט געקענט די משפחה און זיך באַלד אָריענטירט אין דער סיטואַציע. ער האָט בלויז אַ קוק געטאָן אויף דער לערערין און די לערערין האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר. עס איז נאָך געווען דאָס נײַנצנטע יאָרהונדערט און עס איז געווען גאַליציע און עס איז נאָך נישט געווען אַזויפיל האַס אין דער וועלט. עס זענען נאָר געווען ווונטשן און פאַרוווּרפן. ווי גליקלעך וואָלטן זיי דעמאָלט ביידע געווען, דער גלח און מיין לערערין, ווען איך וואָלט נישט געווען אַ ייִד...

# דער ערשטער טאָג מײַנער אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט

דער אמת, דער מאַטעמאַטישער אמת איז, אַז אַ נײַ יאָרהונדערט הייבט זיך אָן דעם ערשטן יאַנואַר פֿון יאָר 1 פֿון דער באַטרעפֿנדיקער, נײַער הונדערט־ציפֿער. דער מנהג איז אָבער צו פֿײַערן אַ נײַ יאָרהונדערט דעם ערשטן יאַנואַר פֿון לעצטן יאָר פֿון דעם אַוועקגייענדיקן. אַ יאָר פֿריִער. מענטשן זענען מיד פֿון שלעפּן אָן אַלט־געוואָרן יאָרהונדערט נאָך זיך און ווילן וואָס גיכער שוין אָנהייבן אַ נײַס. מסתּמא וועט עס זײַן אַ בעסערס... אַזוי איז דער מענטש. ווי זאָגן עס די פּויערים, די אוקראַיִנישע, טאָקע פֿון די דערפֿער פֿון אַרום אונדזער שטעטל, ווו איך האָב באַגעגנט דאָס אָנקומען פֿון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט: — נאַי בודע הירשע, אַבי אינשע — זאָל עס זײַן ערגער — אַבי אַנדערש...

שוין וואָכן איידער דעם ערשטן יאַנואַר 1900 האָט מען בײַ אונדז געריִדט וועגן דער דאָזיקער אָנקומענדיקער געשעעניש, וואָס איז אין דער אמתן גאָר קיין געשעעניש, וואָס איז דורכויס אַן אַבסטראַקציע. אין שטוב בײַ אונדז פֿלעגן אַרײַנקומען אין יענער צײַט די צוויי גרויסע ווינער צײַטונגען „טאָגבלאַט” און „נײַע פֿרײַע פּרעסע”, די צײַטונג, וואָס דער קייזער פֿראַנץ־יאָזעף אַליין פֿלעגט לייענען פֿון אַ ספּעציעלן עקזעמפּלאַר, וואָס מען האָט פֿאַר אים געדרוקט. און אין אָט די צײַטונגען האָט מען זייער אַ סך געשריִבן וועגן דעם „ווענדפּונקט” פֿון די יאָרהונדערטער און וועגן דעם „פֿען דע סיעקל” — אַפֿילו אָט דאָס פֿראַנצויזישע וואָרט איז מיר פֿון דעמאָלט נאָך ערגעץ געבליבן שטעקן אין זכּרון. מײַן מאַמע האָט געקענט אַביסל פֿראַנצויזיש און האָט זיך בכלל עפּעס זייער איבערגענומען מיט אָט דעם איבערגאַנג פֿון די יאָרהונדערטער.

נײַ־יאָר איז אַלעמאָל געווען אַ שול־יום־טובֿ. דאָסמאָל האָבן אָבער אַלע קינדער געמוזט קומען אין שולע. און געווען איז אַ פֿײַכטער און קאַלטער טאָג, וואָס האָט דורכגענומען ביזן לעצטן ביין. און אין אַזעלכע טעג

פלעגט אין אונדזער גרויסן שול־בנין, דער גרויסער און אומעטיקער מוי־ער, וואָס איז געווען זייער אַלט און אין וועלכער דריי דורות אונדזערע האָבן געלערנט: די מאַמע מיינע, מיינע ברידער און איך און אַ קורצע צייט אויך מיין טאָכטער; יאָ, אין אַזעלכע טעג פלעגט דאָרט זיין פינצ־טער ווי ביינאַכט און מען פלעגט אָנצינדן בליי־לאָמפּן. און אָט זענען טאַקע אַלע קינדער פאַרזאַמלט אין די קלאַסן. און די בליי־לאָמפּן ברענען און מאַכן נישט קיין סך ליכטיקער. אין די עלטערע קלאַסן האָבן אפשר די קינדער פאַרשטאַנען דעם מיין פאַרוואָס מען האָט זיי דאָ היינט אַהער־געבראַכט און קאַליע געמאַכט אַ יום־טובטאָג. אין אונדזער קלאַס האָבן נישט די ייִדישע קינדער און אַוודאי נישט די דאָרפישע ייִנגלעך פאַר־שטאַנען דעם ענין. מען האָט עפּעס מורא געהאַט. עס האָט זיך עפּעס גע־וואָלט טוליען. מען האָט אַביסל געציטערט. עפּעס אַזוי ווי מען דאַרף דאָ באַלד אָנזאָגן דעם וועלט־אונטערגאַנג. אונדזער קלאַס איז געווען די ער־שטע און לויטער זעקס־זיבניעריקע אין איר.

און אָט גייט אַ גאַנצע קאָמיסיע פון קלאַס צו קלאַס און רעדט עפּעס צו די קינדער. עס גייט דער דירעקטאָר פון דער שולע און דער גלח פון די קאַטאָליקן און דער גלח פון די רוטענער. און מען זאָגט אָן די קינדער, אַז זיי זאָלן גוט געדענקען דעם מאָמענט, קיינמאָל נישט פאַרגעסן. און מען רעדט וועגן עפּעס אַ נייעם „סטולעטשיע״, וואָס אָט אין דעם מאָ־מענט קומט עס אָן... און מיט שרעק האָבן אַלע קינדער באַלד אַ קוק געטאָן אין פענצטער און געבראַכט אין שייכות די דרויסנדיקע פייכטע, פּראָסטיקע קעלט און פינצטערניש מיט דעם אָנקומענדיקן נייעם „סטור־לעטשיע״ (אין פּויליש: יאָרהונדערט). און כאָטש אין אונדזער שטוב האָט מען שוין לאַנג געהאַט גערעדט וועגן דער „געשעעניש״ — האָט עס מיר נאָך אַלץ אָנגעמאַכט אַ מיש אין קאָפּ. וואָס עס האָט זיך געטאָן אין די קעפּ פון די פּויערישע קינדער, ווען זיי האָבן די נייעס דערהערט, קען מען זיך שוין גריילעך פאַרשטעלן. אַז די קאָמיסיע, וואָס האָט באַזוכט די קלאַסן, איז אַוועק, האָט ערשט די לערערין אָנגעהויבן מסביר זיין און נאָך דעם מסביר זיין פאַרהערן די קינדער — וואָס זיי האָבן פאַרשטאַנען. די קינדער האָבן געפּלאָנטערט און געפּלאָנטערט. די מייסטע פון זיי האָבן בכלל נישט געהאַט קיין באַגריף וועגן דער ציפער 100. און איצט האָבן

זיי געדאַרפט באַנעמען צוואַנציק מאָל הונדערט... און אויך מיך האָט די לערערין געפרעגט. און כאָטש איך בין בדרך־כלל געווען אַ גוטער בעל־חשבון, און שוין דעמאָלט פלינק געקענט רעכענען אין די טויזנטער, האָט זיך מיר אָבער דאָס קעפל פאַרדרייט און איך האָב מיך שטאַרק פאַרשעמט, ווייל איך האָב די לערערין שטאַרק ליב געהאַט און זי מיך — און איך האָב אָנגעהויבן דרייען מיטן צינגל און איך האָב מיך צעוויינט. און באַלד האָט מען אונדז פונאַנדערגעלאָזן.

און אַזוי ווי עס איז געווען אַ שווערער ווינטער־טאָג — האָט מען מיך אָפּגעוואַרט אין דרויסן אויף אהיימצוגעמען. און דורך עפּעס אַ צופאַל האָבן אין דרויסן געוואַרט אי דער טאַטע און אי די מאַמע. מיין עלטערער ברודער, וואָס איז אַרויסגעקומען פון זיין קלאַס, איז געווען גאַנץ גוט אויפגעלייגט און האָט די עלטערן עפּעס דערציילט וואָס עס איז פאָרגעקו־מען. נאָר אַז די עלטערן האָבן אַ קוק־געטאָן אויף מיר — האָבן זיי זיך דער־שראָקן. מיין פּנים איז געווען דערהיצט און פאַרוויינט. דער טאַטע האָט מיך באַלד געכאַפּט אויף די הענט און אָנגעהויבן מיט די ליפּן אויסגעפינען אויף מיין שטערן צי איך האָב היץ. און ער האָט טאַקע האַסטיק אַ זאָג־געטאָן דער מאַמען, אַז עס דאַכט זיך אים, אַז דאָס קינד האָט היץ. און ער האָט מיר טיף אַריינגעקוקט אין די אויגן אַריין — ווייל ער האָט געהאַט עפּעס אַזאַ סימן, לויט וועלכן ער האָט אין דעם קליינעם מענ־טשעלע פון שוואַרץ־אַפּל אויסגעפינען צי מען האָט היץ. און טאַטע־מאַמע האָבן מיך גענומען אויספרעגן, וואָס עס איז געשען. און ווידער האָב איך מיך צעוויינט און אַריינגעוויינט אין די אויערן פון מיין דערשראָקענעם טאַטן, וואָס האָט מיך שנעל געטראָגן אַהיים: — שוויאַט שיען קאָנטשי — די וועלט ענדיקט זיך — דער דירעקטאָר איז געגאַנגען פון קלאַס צו קלאַס און געזאָגט, אַז די וועלט ענדיקט זיך...

זי האָט זיך נישט געענדיקט די וועלט נאָר דאָס 20סטע יאָרהונדערט האָט זיך אָנגעהויבן...

און דאָס איז געווען מיין ערשטער טאָג אין אים.

# דער קייזער... אין אַ פּאַרטאָג

מיר גאַליציאַנער ייִדן האָבן טאַקע אויף אַן אמת ליב געהאַט אונדזער קייזער פראַנץ־יאָזעף דעם ערשטן. ער האָט געקיניגט איבער אונדז כּמעט זיבעציק יאָר, פון זיינע יונגגע יאָרן אָן. אַכצן יאָר איז ער אַלט געווען, אַז ער איז אין יאָר 1848 אַרויף אויפן טראָן; און 86 יאָר איז ער אַלט געווען, אַז ער איז — אין יאָר 1916, אין מיטן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, געשטאָרבן. און ליב געהאַט האָבן מיר אים, ווייל מיר האָבן נישט מורא געהאַט פאַר אים. און נאָך מער דערפאַר, ווייל אונדזער נאָענטסטער שכן — לענגאויס פון צפון־ און מזרח־גאַליציע — איז געווען „פּאַניעס מדינה" מיט אירע אייביקע פּאָגראָמען און אייביקע איבערקערענישן און ביי אונדז, אין עסטרייך־אונגאַרן, זענען נישט געווען קיין פּאָגראָמען און נישט קיין רעוואָלוציעס; און פאַר דעם ביסל אַנטיסעמיטיזם אין ווינער זיידענע הענטשקעס האָבן מיר נישט שטאַרק מורא געהאַט. אַז מיר האָבן גערעדט וועגן דעם קייזער, האָבן מיר אַלע געזאָגט „אונדזער קייזער"; אַנדערע פלעגן זאָגן „קיסר ירום הודו" — און צוליב אָט־דעם קיסר ירום הודו, וואָס מען שרייבט עס אין ראשי־תיבות „קירה" — האָבן אונדז די ייִדן פון רוסלאַנד גערופן „די קירהס", אָדער „די קירהשע ייִדן", און מיר האָבן זיי צוריקגערופן „פּאָניע גנבס ייִדן", אָדער גאָר פּשוט „די פּאָניעס". זיי האָבן אונדז אויך גערופן „פראַים יאָסלס ייִדן", לויטן פאַר־ייִדישטן נאָמען פון אונדזער קייזער פראַנץ־יאָזעף.

הונדערט און איינס מעשיות פלעגן מיר זיך דערציילן וועגן דער צידקות פון אונדזער קייזער. מעשיות, וואָס מיר אַליין האָבן אויסגעטראַכט פאַר אונדזער טרייסט און אונדזער שטאָלץ, און עס איז אונדז געווען גוט. עס איז אונדז טאַקע גוט געווען ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה. מיר האָבן געלעבט אויף אַ ריזיקער אייז־קריע. צוויי מיליאָן ייִדן אויף אַ קריע, צוזאַמען מיט נאָך זעקס און פופציק מיליאָנען מענטשן פון פערצן פאַרשידענע נאַציאָנאַלעטעטן. די גאַנצע קריע האָט געהייסן עסטרייך־

אונגאַרן. אָבער מיר האָבן נישט געוווּסט און נישט געוואָלט וויסן וועגן דעם גרויסן בראָך, וואָס וואַרט אויף דער קרוין. אַזוי איז די מענטשלעכע טבע. איך געדענק נאָך גוט מיט וויפל נחת מיין טאַטע פלעגט דערציילן אַ מעשה וועגן דער באַגעגעניש פון אונדזער קייזער מיט דעם רוסישן צאַר, וואָס בשעת איר איז פאָרגעקומען אַזאַ מין שמועס:

— וואָס איז די סיבה, אייער מאַיעסטעט, וואָס איר האָט אַזוי ליב אייערע ייִדן? — האָט דער צאַר אַ פרעג־געטאָן אונדזער קייזער.

— מאַיעסטעט — האָט קיסר ירום הודו געענטפערט — די זאַך איז גאַנץ פשוט, איך בין דאָך עפּעס דער קעניג פון ירושלים...

— אַזוי גאָר, איר זענט דער קעניג פון ירושלים, מאַיעסטעט? אַבי איך האָב געמיינט...

— יאָ, אַזוי איז עס — מאַיעסטעט... פלעגט מיין טאַטע פאַרענדיקן די מעשה מיט אַ סענטימענטאַלער טרער אין אויג.

און אַז דער עולם פון דעם טאַטנס דערשטוינטע צוהערערס האָט זיך געוווּנדערט... נישט ווייניקער ווי דער צאַר האָט זיך געוווּנדערט, פלעגט דער טאַטע צוגיין צו אונדזער גרויסן ביכער־שראַנק מיט די גלעזערנע טירן, האָט אים אויפגעמאַכט און אַרויסגענומען פון דאָרט דעם באַנד פון מאַיערס לעקסיקאָן, וווּ עס איז געווען דער אַרטיקל וועגן קייזער פראַנץ־יאָזעף און עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז צווישן די דרייסיק אָדער פערציק טיטולן פון אונדזער קייזער איז טאַקע אויך געווען דער טיטל „קעניג פאָן יערוזאַלעם"... און דער טאַטע האָט טריומפירט און די צוהערערס פון דער מעשה האָבן זיך דערפילט נאָך זיכערער אין דעם זיכערסטן לאַנד פון דער וועלט: עסטרייך־אונגאַרן... דער קרוין אויפן ים פון דער וועלט־געשיכטע, וואָס האָט נאָך דעמאָלט געהאַט אַן ערך נישט מער ווי אַנדערטהאַלבן צענדליק יאָר צו שווימען ביזן ברעג און בראָך אירן.

און מיין קייזער־מעשהלע איז פאָרגעקומען אין, אָדער אַרום דעם יאָר 1900, אין אַ נאַכט אין פריִען האַרבסט. אַ נאַכט — אַ וואַכנאַכט. זייגער צוויי נאָך חצות האָט אין יענער נאַכט געדאַרפט פאַרבייפאָרן אונדזער שטעטל רעדים (וואָס צווישן יעריסלאַוו און פשעמישל, אויף דער באַן־שטרעקע קראָקע־לעמבערג) ער אַליין, דער קיסר ירום הודו, מיט דעם גאַנצן שטאַב פון זיינע גענעראַלן און מיט זיין קריגס־מיניסטער. געפאָרן

זענען זיי בייצוזיין די מאַנעווורעס פון דער גרויסער עסטרייכיש־אונגאַרי־שער אַרמיי, וואָס זענען אין יענעם יאָר פאָרגעקומען אין מזרח־גאַליציע. דער קייזער איז געפאָרן אין אַ סעפּאַראַט־צוג פון אַ זעקס לאַנגע וואַגאָנען. צוויי טעג איז צוליב אָט־דעם סעפּאַראַט־צוג די גאַנצע באַן־קאָמוניקאַציע געווען אָפּגערופן. דעם קייזערס צוג פלעגט זיך אָפּשטעלן נאָר אויף די גרויסע סטאַציעס — אונדזער שטעטל האָט ער, וואָס אַן אמת, געדאַרפט נאָר פאַרביילויפן. אָבער סיי די מעשטשאַנעס און סיי די ייִדן פון שטעטל האָבן זיך דאָך געגרייט מקבל־פּנים צו זיין דעם קייזער... די מעשטשאַנעס זענען געגאַנגען מיט פענער און מיט אַ צלם און זייער גרופּע איז געווען זייער אַ קליינע. זיי האָבן זיך אין דער אמתן קיין גרויסן צימעס פון דעם ענין נישט געמאַכט.

גרויס איז אָבער געווען די ייִדישע דעלעגאַציע. זיכער אַ הונדערט אירע. אין שטעטל איז דעמאָלט געווען ממש אַ וואַכנאַכט. די דעלעגאַציע האָט זיך אויסגעפּוצט אין עסיק און אין האָניק. דער רב, דער ראש־הקהל — אין די שטריימלען; אַנדערע ייִדן — בלויז אין די בעקעשעס, ווי עס פּירט זיך חול־המועד. און אַזוי ווי מיין טאַטע האָט געהאַט אַ זינען פאַר געשיכטע — האָט ער מיך מיטגענומען אין דער דעלעגאַציע — כדי איך זאָל „אַמאָל קענען דערציילן די מעשה מיינע קינדער". מיט אָט דעם פּזמון האָט ער אויסגעפּועלט ביי מיין מאַמען, אַז זי זאָל מיך לאָזן מיטמאַכן די דאָזיקע קילע וואַכנאַכט. זעקס יאָר בין איך דעמאָלט אַלט געווען און איך האָב נאָך דעמאָלט געווען נישט פאַרשטאַנען דעם טייטש פון „קענען דערציילן די מעשה מיינע קינדער"... אָבער מיין טאַטע האָט רעכט געהאַט, וואָרום אָט דערצייל איך טאַקע די מעשה, און מסתמא וועט זי אויך דערגיין צו מיינע קינדער ממש. מיין גוטער טאַטע איז אַלעמאָל גערעכט געווען. וואָס ווייטער ער איז אין דער אייביקייט, און וואָס נענטער איך בין צו דער אייביקייט, אַלץ מער זע איך ווי גערעכט ער איז אַלעמאָל געווען.

און ווי היינט זע איך פאַר מיינע אויגן, ווי עס פאַרמירט זיך נאָך חצות דער צוג פון די ייִדן צו גיין צו דער באַן צו „באַגעגענען דעם קייזער". פאָרויס דער רב מיטן ראש־הקהל און מיטן שמש מיט אַ גרויסן לאַמטערן. די נאַכט איז געווען אויסגעשטערנט און די לופט פריש. און

אַט אַ מאַרשירן מיר שוין. די הינט בילן סכנת־נפשות. נאָר ווער הערט זיי, אַז מיר זענען אַ מאַן הונדערט און דערצו אין אַזאַ וויכטיקער שליחות. און האַלטנדיק די וואַרעמע האַנט פון מיין טאַטן, האָב איך רויִק געקענט קוקן אויפן הימל און זען, ווי נאָך קיינמאָל ביז איצט, ווי גרויס און געדיכט די שטערן זענען, און ווי עס רעגנט ממש מיט זיי — מחמת די נאַכט איז געווען אין דער צייט פון דעם געדיכטסטן מעטעאָרן־רעגן, וואָס פאַלט יעדעס יאָר סוף־אויגוסט. און דער טאַטע האָט מיר אויפגעקלערט, אַז דאָס „פאַלן נישט קיין שטערן״, אַז דאָס פאַלן בלויז שטיינער און שטיקער אייזן, און זיי גליִען אַזוי שטאַרק, אַז עס דאַכט זיך אַז זיי זענען שטערן. און אָט זענען מיר שוין אויף דער סטאַציע. פוסט אַרום און שטיל. מען הערט נאָר דאָס בילן פון הינט, וואָס קענען נאָך נישט קומען צו זיך נאָך דעם פאַרבייגיין פון אונדזער גרויסער עדה. איינצלווייז וואַלטן זיי יעדן פון אונדז אויף שטיקער צעריסן. מיר שטעלן זיך אויס אין עטלעכע רייען אויף איין זייט פון פּעראָן — די מעשטשאַנעס אויף דער צווייטער זייט. איין גרויסער נאַפט־לאַמטערן באַלייכט אונדז אַלע. ער הענגט הויך, שאָקלט זיך און מיט אים צוזאַמען שאָקלען זיך די גרויסע שאָטנס פון הויכעביימער. איך זיץ אויף די אַקסלען פון מיין טאַטן. מען שווייגט, מען רעדט נישט צווישן זיך אַ וואָרט. ערשטנס איז מען אויף דער סטאַציע און מען דאַרף זיך גוט באַנעמען. צווייטנס — אָט, אָט, און עס וועט פאַרבייפאָרן דער קייזער. דער קייזער וואָס „קודם גאָט — אַוודאי, און באַלד דערנאָך דעם — דער קייזער״... אַזוי פלעגט מען לערנען אונדז קינדער. אין דער סאַמע מיט פון דער ערשטער רייע שטייט דער רב מיט אַ ספר־תורה אין האַנט, נעבן אים — דער ראש־הקהל מיט אַ זילבערנער טאַץ — און אויף דער טאַץ אַ ברויט און אַ זילבערן מעסטל מיט זאַלץ.

אַ פערטל שעה גייט פאַרביי און נאָך אַ פערטל שעה, און אָט אַ הערט מען שוין אין דער שטילקייט פון דער נאַכט דאָס פייפן פון אַ באַן, ד ע ר באַן, מחמת עס קען דאָך נישט זיין קיין אַנדערע באַן — ווי נאָר דעם ק יי ז ע ר ס. און אָט הערט מען שוין דאָס קלאַפּן פון די רעדער. די ייִדן ווערן גאַנץ שטיל און נאָך שטילער — דאָס קלאַפּן פון די רעדער ווערט העכער און נאָך העכער. אָט אַ פילט מען שוין דעם ציטער פון דער ערד פון ווייטן און דער ציטער קומט נענטער און נענטער. אָט־אַ זעט מען

שוין די צוויי בלענדנדיקע רעפלעקטאָרן פון דעם לאָקאָמאָטיוו. די באַן לויפט גיך. די ייִדן האַלטן איין דעם אָטעם און איך בין ממש איינגעפרוירן אויף די אַקסלען פון מיין טאַטן און האַלט פאַרדריקט די פויסטלעך און ציטער. אַ רגע — און איך וועל זען דעם קייזער, דעם קייזער...

די מעשטשאַנעס אויף דער אַנדערער זייט פון פעראָן האָבן אַראָפּגענומען די היטלען. עמעץ האָט אַ וואָרף־געטאָן אַ וואָרט, אַז אויך די ייִדן זאָלן אַראָפּנעמען די קאַפּעלושן, נאָר דער רב האָט נאָך באַוויזן צו זאָגן: די קאַפּעלושן — יאָ, אָבער חס־וחלילה די יאַרמלקעס! און אָט־אָ פליט שוין דער צוג פאַרביי — די מעשטשאַנעס האָבן אויפגעהויבן די פאַן און דעם צלם, די ייִדן — די ספר־תּורה און די טאַץ פון זילבער מיטן ברויט און מיט זאַלץ. שוואַך־באַלויכטענע פענצטערלעך פון די וואַגאָנעס האָבן אַ לאַנגן מיניע־געטאָן פאַר די אויגן ווי אַ ליכטיקע ציהאַרמאָניקע און דער צוג פאָרט שוין ווייטער און ווייטער, און מען הערט שוין דאָס קלאַפּן זיינס אַלץ ווייטער און ווייטער, און מען זעט נאָר נאָך צוויי רויטע לאָמטערנעס אויף זיין לעצטן וואַגאָן.

און פלוצלינג האָט אַלץ באַקומען לשון און אַלע שווערן זיך ממש, אַז זיי האָבן געזען אין איינעם פון די פענצטערלעך דעם קייזער, און ער האָט געוווּנקען מיט דעם קאָפּ און ער האָט געגריסט מיט דער האַנט. מען האָט אים דייטלעך דערקענט אַן די „פראַנץ־יאָזעפס־באַקנבערד" — פון דעם פּאָפּולערסטן פּנים צווישן די 56 מיליאָן בירגער פון עסטרייך־אונגאַרן, און דער עיקר — צווישן די צוויי מיליאָן קירהשע ייִדן.

און ווי עס איז נאָר־וואָס געווען אַ גרויסע שטילקייט, אַזוי איז איצט געוואָרן אַ גרויסער טומל. מען האָט גערעדט מיט די הענט, מיט די בערד, מיט די קאַפּעלושן און מיט די שטעקנס — און אַלע האָבן באַשלאָסן, אַז מען האָט טאַקע געזען דעם קייזער. און איך בין נאָך אַפּילו היינט זיכער, אַז מען האָט טאַקע געזען. און ייִדן האָבן זיך גאַרנישט געחידושט אַפּילו, מחמת ערשטנס, האָט דער קייזער געוווּסט אַז מסתמא וועלן אים די ייִדן פון רעדים אַנטקעגנגיין און ער האָט זיי נישט געקענט פאַרשעמען. און אַוודאי האָט ער נישט געקענט פאַרשעמען די ספר־תּורה — ער, „דער קעניג פון יערוזאַלעם". צווייטנס איז באַוווּסט, אַז דער קייזער שטייט אויף זייגער פיר אין דער פרי. אַי עס איז ערשט געווען, אין דעם פאַל,

אַזייגער דריי אין דער פרי — האָט ער זיך דאָסמאָל אויפגעהויבן אַביסל פריִער אין כבוד פון זיינע גאַליציאַנער פון רעדים.

אַז מיר זענען אַהיים געקומען האָט שוין געשאַריעט אויף טאָג. איך האָב אַ קוק געטאָן דורך דעם פענצטער. אין אַ סך שטיבער האָט זיך איצט געלויכטן ווי ביי אונדז. די ייִדן האָבן געזאָגט קריאת־שמע און גענומען אָפּכאַפּן די נישט־דערשלאָפענע שעהן. די שטערן האָבן אויפגעהערט צו פאַלן. אַלע פענצטער זענען ווידער פינצטער געוואָרן. די הענער האָבן אָנגעהויבן צו קרייען. דאָס שטעטל איז באַלד ווידער געשמאַק געשלאָפן, געשלאָפן מיט אַ גוטן געפיל, אַז ערגעץ איז דאָ אַזאַ גוטער קייזער, אַז ער וואַכט, אַז ער פאָרט אַפילו אַליין, צו זיינע דעמאָלט זיבעציק יאָר, אויף מאַנעווורעס צו פאַרזיכערן דעם שלום און די רו פון דעם לאַנד, וואָס איז אַ פעלדז אין גרויסן און ברייטן און שטורמישן ים פון דעם גלות — אַ פעלדז פון רו און זיכערקייט פון צוויי מיליאָן ייִדן, און צווישן זיי אַ מיליאָן גאַליציאַנער, וואָס זענען דעמאָלט געווען אַ צענטל פון גאַנצן ייִדישן פאָלק.

קיסר ירום הודו — ער האָט געזען דאָס שטעטל, און דאָס שטעטל האָט אים געזען.

דעמאָלט האָב איך נאָך נישט געוווסט, אַז איך וועל אַמאָל וווינען אין ווין און וועל זען דעם קייזער אַ סך מאָל אין זיין קאָטש אויף דער מאַריאַהילפערשטראַסע, און אויף דער קייזער יאָזעפס־גאַסע, און וועל אַפילו, אין יאָר 1916, זען זיין לוויה, וואָס איז גלייכצייטיק געווען די לוויה פון זיין אימפעריע און פון דער אימפעריע פון הונדערט־יעריקן גליק פון אַ מיליאָן גאַליציאַנער ייִדן.

# די סצענע אין דער אַלטאַנקע

אין קליינעם הויף־גאָרטן פון דעם הילצערנעם פּאַרטער־הויז, אין וועלכן מיר האָבן געוווינט ביז דעם יאָר 1902, האָט דער טאַטע געלאָזט — מעשה אַריסטאָקראַט — אויפבויען אַ שיינע אַלטאַנקע און זי געלאָזט אַרומפלאַנצן מיט ווילדן ווייַן און מיט מאַרגנגלעקלעך, וואָס בליִען פּיאַ־לעט יעדן פרימאָרגן פון דאָס ניי. אינעווייניק אין דער אַלטאַנקע זענען אַריינגעשטעלט געוואָרן שיינע, געפלאָכטענע פאָטעלן און אַ גרויסער טיש; און אַפילו אַ לאָמפּ איז דאָרט געהאַנגען אונטער אַ דעכל, אין פאַל פון אַ רעגן. אָט אָ די אַלטאַנקע איז באַלד געוואָרן דאָס חלום־ווינקעלע פון מיין מאַמען. דאָרט האָט זי געלייענט און דאָרט פאַנטאַזירט וועגן דער גרויסער וועלט און — דער עיקר — וועגן די גרויסע קאַריערעס פון אירע קינדער, וואָס וועלן איינגעמען וועלטן ווי אינזשיניערן און דאָקטוירים און ווער ווייסט וואָס נאָך...

די מאַמע פלעגט לייענען אַ סך ביכער וועגן דער מאָדערנער קינדער־דערציִונג אין יענער צייט — דאָס ניינצנטע יאָרהונדערט, האָט מען דע־מאָלט נאָיִוו געגלייבט, איז דאָך געווען „דאָס יאָרהונדערט פון קינד"; און עס האָט שוין געהאַלטן ביי שקיעה.

אַז מיר זענען קליין געווען, איז די מאַמע אַליין געווען די קאָרעפּע־טיטאָרין אונדזערע, און זי איז זיך אַליין געפעלן געוואָרן אין אָט דער ראָלע פון אַ לערערין. מיט מיר איז דאָס קאָרעפּעטירן געגאַנגען אַלעמאָל זייער כשורה. איך האָב געלייענט ווי אַ וואַסער, גערעכנט ווי אַ מיניסטער און נישט נאָר שיין געשריבן, נאָר ממש געמאָלט די אותיות. דערצו בין איך געווען נאָכגיביק ווי גראָז, און איך האָב ליב געהאַט דער מאַמעס לאַס־קעס — און אַזוי גיך די קאָרעפּעטיציע איז פאַרטיק געווען, פלעג איך אַביסל אַרומלויפן איבער דער שטוב, נאָך דער האַלבער שעה זיצן, און באַלד האָט די מאַמע אַ שפּרייט אויס געטאָן אירע אָרעמס און מיך אַ רוף געטאָן: — אַ טעראַז האָפּ נאָ מאַמושיען, האָפּ... און איך בין אַרויפגע־

שפּרונגען אויף אירע קני און אַרומגעקלאַמערט איר האַלדז און זי גע־קושט, געקושט אויף די שיין־געפּאַרמטע ליפּן און אויף אירע ווייסע שור־רות ציין, און געאָטעמט דעם ריח פון די פיינסטע ווינער ציין־פּאַסטעס, וואָס דער טאַטע פלעגט ברענגען דער מאַמען פון די גרויסע שטעט.

שווער איז צוגעגאַנגען די קאַרעפּעטיציע מיט מיין עלטערן ברודער. ער איז צען מאָל פּעיִקער געווען פון מיר, נאָר ער איז געווען איינגעשפּאַרט און האָט אַלץ, וואָס מען האָט אים געהייסן, געטאָן, אָדער קאַפּויער, אָדער אין גאַנצן נישט. ער פלעגט אין אַזעלכע פאַלן נישט שרייען, נאָר ווערן שטיל און אומבאַוועגלעך ווי אַ שטיין. ער האָט ליב געהאַט די מאַמען און דעם טאַטן, נאָר ער האָט גאָרנישט געפאָלגט. אַז מען האָט אים עפּעס באַפוילן — פלעגט ער עס נישט אויספירן, ווייל ער האָט נישט געקענט פאַרטראָגן קיין באַפעלן — און אַז מען האָט אים ווידער געבעטן — פלעגט ער נישט אויספירן, ווייל ער האָט פיינט געהאַט אַז מען בעט אים. יעדעס בעטן איז געווען ביי אים — בעטלען...

און אָט איז אַ שיינער נאָכמיטיק, אַ זומער־טאָג — יוני, 1900. עס איז סוף פון לערן־יאָר און דער מאַמען גייט עס אין לעבן, אַז אירע פּעיִקע יינגלעך זאָלן באַקומען „נאַגראָדעס" און צייגענישן — סאַמע „צעלויאַנ־צע". איצט, אין די לעצטע שול־טעג מוז מען זיין זייער געהיטן מיט די היים־אויפגאַבעס, ווייסט די מאַמע. און אָט איז שוין פאַרטיק די קאַרע־פּעטיציע מיט מיר. צוליב זומער זענען די קאַרעפּעטיציעס פאַרגעקומען אין דער אַלטאַנקע. די מאַמע איז געווען אין זיבעטן הימל. אַלץ האָט גע־שטראַלט מיט פרילינג און מיט זון און מיט יונגן מאַמע־גליק. און די מאַמע רופט איצט אַריין מוניאָן, מיין עלטערן ברודער. ער וועט אַריינ־גיין, אַוודאי. אָבער ער האָט צייט. ער שטייט דערווייל אויף אַ לייטער, ביי אַ שוואַלבן־נעסט, און ער קוקט זיך צו צום גרויזאַמען שפּיל פון דער נאַטור, ווי אַזוי די מאַמע שוואַלב פיטערט די דריי אָפענע און שרייענדיקע שנעבעלעך פון די יונגע מיט אַלץ פרישע לעבעדיקע ווערעמלעך און לע־בעדיקע פליגן... מוניאָ איז צערודערט. ער גייט אַראָפּ פון דער לייטער און ער זאָגט דער מאַמען, אַז ער וועט אַראָפּוואַרפן די נעסט. ער וויל נישט דאָס אומרעכט אונטער אונדזער דאַך. ער גייט אַריין אין דער אַלטאַנקע און די מאַמע פאַרפירט אַ לאַנגן שמועס מיט מוניאָן, אָבער ער איז נישט

מסכים מיט איר. ניין און ניין און ניין! עפּעס שפּאַרן זיי זיך זייער שטאַרק. פּלוצלינג ווערט ער אַנטשוויגן שווער און שטום ווי אַ שטיין, און נישט פון אָרט צו רירן מער.

און איך האָב מיך דערווייל געשפּילט אין גאָרטן און געוואַרט אויפן סוף פון דער קאָרעפּעטיציע מיט דעם ברודער. איך האָב געיעט די בייטן, באַגאָסן יענע בלומען, וואָס זענען געשטאַנען אין שאָטן נעבן דער מויער, און זיך געיאָגט מיט דעם באַלעם אויף די שיינע סטעזשקעס, אויס־געשאָטענע מיט ווייסע שטיינדלעך. נאָר אין דער אַלטאַנקע איז געווען מער שטיל ווי עס דאַרף זיין. און נאָר די מאַמע האָט פון צייט צו צייט עפּעס באַפוילן און ווידער אין אַ פּאָר מינוט געבעטן, געבעטן... און ווידער באַפוילן.

— און פּלוצלונג

די מאַמע וויינט הויך אויף אַ קול און זי רייסט און פליקט די בלע־טער־ווענט אינעווייניק אין דער שיינער אַלטאַנקע, און פון דעם שיינעם טויערל אַרויס הייבן אָן פאַלן צעריסענע, פאַרטינטיקטע ביכער און העפטן און אַפילו דאָס טינטערל אַליין און עס פאַרגיסט די ווייסע בלומען אויף דער שענסטער בייט אַנטקעגן און פאַרבט זיי אָפּ אויף שוואַרץ. און צום סוף פליען צעבראָכענע שרייב־פעדערן און בלייפעדערס. און אינעווייניק — די מאַמע וואַרפט איצט אַנידער איר קאָפּ אויף דעם טיש, פאַרקלאַ־מערט די הענט איבערן קאָפּ און זי וויינט און אַ וואָרט און נאָר מיטן באָבן טרערן.

חנה, די דינסט, איז שוין אַרויסגעלאָפן פון קיך און איז שוין דאָ אין דער אַלטאַנקע און גלעט דער מאַמעס קאָפּ, אָבער קיין זאַך באַרויִקט זי נישט.

און מוניע זיצט אויף זיין אָרט. ווייס ווי קרייד איז זיין שאַרף גע־פאָרעמט פּנים, זיינע שוואַרצע אויגן בליצן, זיין מויל איז פאַרשלאָסן — ער שטומט און איז אומבאַוועגלעך ווי אַ שטיין.

די דינסט וויל לויפן רופן דעם טאַטן פון גאַס, אָבער די מאַמע לאָזט נישט. די דינסט וויל כאַטש רופן מומעס, קוזינעס, שכנים. די מאַמע לאָזט נישט, לאָזט נישט — און די כוואַליעס פון איר געוויין הייבן לאַנגזאַם אָן צו ווערן שוואַכער, שטילער. די מאַמע הייסט דער דינסט צוזאַמענגעמען

די צעריסענע ביכלעך און העפטן און תיכף פאַרברענען. זי הייסט אויך פאַרברענען די פעדערן, אויסוואַשן דעם טינטער, אָפּשניידן פון דער בייט די פאַרשוואַרצטע בלומען. די מאַמע קומט אינגאַנצן צו זיך. זי הייבט זיך אויף און גייט אָן אַ וואָרט צום טירל פון גאָרטן. איך וואָלט אַוודאי געווײנט, געפּרעגט, געבעטן, אָבער איך האָב מורא. איך ווייס, אַז יעדעס וואָרט קען דאָ איצט ווידער אויפרייסן. דער אינסטינקט זאָגט עס מיר אונטער. ביי דער שוועל פון גאָרטן — וואָס ליגט איצט אַליין אויך אין עפּעס אַ דערוואַרטונג און אַ שרעק — קערט זיך די מאַמע אום און זי זאָגט, אַז זי וועט באַלד זיין צוריק. אפשר גייט זי אַלץ דערציילן דעם טאַטן. נאָר מוניאַ זיצט אין אַלטאַנקע און שווייגט און קוקט זיך אַפילו נישט אום. עס געדויערט אַ פערטל שעה דאָס שטומע וואַרטן און די אומזיכערקייט נאָך דער מאַמעס אַוועקגיין. עפּעס וועט דאָ איצט געשען. עפּעס מוז געשען. און אָט איז די מאַמע דאָ צוריק. זי האָט געבראַכט נייע העפטן, נייע פעדערן, בלייפעדערן, ביכלעך. דערוויל האָט די פלינקע און קלוגע דינסט אַלע שפּורן פון דעם פאַרגעקומענעם פאַרווישט און אָפּגעוואַשן.

די מאַמע, וואָס האָט געוווּסט, אַז מוניאַ וועט זיצן ווי אַ שטיין און וואַרטן, זעצט זיך אַוועק אַנטקעגן אים מיט די נייע ביכלעך און די נייע העפטן און עפנט זיי ווו מען דאַרף און הייבט אָן די קאַרעפּעטיציע פון דאָסניי. מיין האַרץ האָט, מיט מיינע שטומע דערשראָקענע אויגן פון דער ווייטן געבעטן דעם ברודער אַז ער זאָל אויפשטיין, אַ קוש טאָן די הענט פון דער מאַמען און זי איבערבעטן. ער האָט אַ זייטיקן קוק געטאָן אויף מיר און זיינע בליקן האָבן געבליצט: מיש דיך נישט, שוואַכלינג! ער האָט געוווּסט, אַז די מאַמע פאַרשטייט אים. זיי האָבן איין כאַראַקטער. ער ווייסט, אַז ער איז שולדיק דער מאַמען, אַז די לעקציע זאָל איצט אַוועק אין רו און אין אָרדענונג. אָבער דאָס א י ב ע ר ב ע ט ן איז איבעריק. בעטן איז בעטלען. און ער שרייבט, רעכנט, לייענט; עס געדויערט אַ פערטל שעה און אַלץ איז פאַרטיק.

קיינמאָל פריִער און קיינמאָל אין לעבן שפּעטער זענען נישט פאַרגעקומען ענלעכע סצענעס.

קיינמאָל איז וועגן ד ע ר סצענע אין דער אַלטאַנקע נישט גערעדט געוואָרן אין שטוב. קיין שכן, קיין קרוב איז פון דעם נישט געוויר

געוואָרן. די מאַמע האָט זיך שטאַרק געשעמט און פאַרשוויגן. צי האָט זי וועגן דעם פאָרגעקומענעם מיט דעם טאַטן איבערגערעדט? גיכער נישט — ווי יאָ. דער טאַטע וואָלט זיך נישט איינגעהאַלטן און וואָלט דעם קינד געגעבן אַ שטראָף — אַ שטראָף וואָס וואָלט געקענט פירן צו ווייסט גאָט וואָס פאַר אַ רעזולטאַטן. אין אונדזער שטוב האָט מען די קינדער נישט געשלאָגן, נאָר זיי געשטראָפט דורך פאַרשעמען, אָדער דורך פאָדערן עפּנט־לעך פאַר אַלעמען איבערצובעטן, און אַמאָל אַפילו מיט באַליידיקנדיקע פאַרמען, אויף די קני. דאָס איז געווען דעם טאַטנס סיסטעם. השכלה, פרייסישע השפעה, מענדעלסאָן. צוליב אָט די מעטאָדן פון איבערבעטן און בעטן אַנטשולדיקונג זענען געווען כסדר וויכוחים צווישן דעם טאַטן און דער מאַמען. טיף אין זכרון פון דער מאַמען, פון מיין ברודער מוניאָ, מסתמא אויך אין זכרון פון דער דינסט, און אין מיין זכרון האָט די יוני־סצענע פון 1900 — געהאַט אַ נאָמען: די סצענע אין דער אַלטאַנקע. מען האָט וועגן איר אָבער קיינמאָל נישט גערעדט. דאָך איז זי ערגעץ טיף אַריינגעזונקען אין אונדזערע פירנס הערצער און געהוילט, געהוילט אונ־טערגרונטיקע אויסהוילונגען; פאָרמירט קומענדיקע מעשים; אַנדערע — פאַרמיטן. די סצענע אין דער אַלטאַנקע.

אַז איך וועל אַמאָל דערציילן די מעשה פון מוניאָס אַוועקגאַנג פון דער וועלט מיט זיין אייגענעם ווילן — צו זיינע 28 — וועט די מעשה פון דער סצענע אין דער אַלטאַנקע מסתמא אַרויפשווימען אין זכרון פון דעם אויפמערקזאַמען לייענער.

# נאַפטאַלקאָ

נאַפטאַלקאָ איז געווען מיין שוועסטערקינד פונעם טאַטנס צד, אַ זון פון מיין טאַטנס געליבטן ברודער זכריה. דער פעטער זכריה איז געווען אַ ליבלינג פון דער גאַנצער פאַרצווייגטער משפחה. טעמים זענען געווען אַ סך. ערשטנס איז ער געווען אַ גרויסער תלמיד־חכם אין די יידישע שוואַרצע פינטעלעך און נישט ווייניקער גוט באַהאַוונט אין די גוייִשע שוואַרצע פינטעלעך. אַריינצווואַרפן אין אַ שמועס אַ מאמר חז״ל און באַלד דערויף אַ ציטאַט פון אַ דייטשן קלאַסיקער איז געווען זיין שטייגער. אָבער זיין שטייגער איז אויך געווען וואָס מער צו שווייגן. רעדן איז זילבער — שווייגן איז גאָלד. דער פעטער זכריה האָט קיינמאָל נישט גערעדט סתם. גערעדט האָט ער נאָר — און אַלעמאָל קאַרג — אַז מען האָט אים געפרעגט, אָדער ער האָט געהאַט צו זאָגן עפּעס אַ קלוגע זאַך. נישט קיין „חכמה״, נישט קיין וויץ. צווייטנס איז דער פעטער זכריה געווען כמעט בלינד צוליב עפּעס אַ מאַכינאַציע פון אַ דאָקטאָר, וואָס האָט אים איינגעגעבן טראָפּן אין די אויגן פאַרן שטעלן זיך צו דער אַסענטירונגס־קאַמיסיע. די טראָפּן האָבן דעם פעטער טאַקע אינגאַנצן באַפרייט פון דינען דעם קייזער פיר יאָר, אָבער אין דער זעלבער צייט האָבן זיי אים כמעט באַפרייט פון דעם חוש הראיה. געטאָן דעם דאָזיקן געוואַגטן שריט האָט דער פעטער צוליב זיין כלה, אין וועלכער ער איז געווען שטאַרק פאַרליבט. זי איז געווען אַ צאַרטע און אַ בלאָנד׳ע און אַ שטילע און אַ קראָקעווער בת־יחוס. דריטנס איז דער פעטער זכריה אַ יאָר נאָך דער חתונה און נאָך דעם קרבן פון דעם חוש הראיה געבליבן אַן אַלמן מיט אַ פּיצל קינד. פערטנס האָט ער אין דער פאַרצווייפלונג געוואָלט זיך אַ מעשה אָנטאָן און מען האָט אים קוים מיט גרויס מי איינגעשמועסט, אַז ער זאָל נאָך אַמאָל חתונה האָבן און טאַקע מיט דער שוועסטער פון זיין יונג־פאַרשטאָרבענער פרוי. ער האָט זיך אַ קלאַמער געטאָן אָן דער אידייע. און דאָ איז געקומען אַ פינפטנס — די שוועסטער פון דער צאַרטער, דער בלאָנדער, דער שטי־

לער איז געווען אַ הויכע, אַ ריז כמעט, אַ ברונעטע און אַ לעבנסלוסטיקע און באַרעדעוודיקע. זעקסטנס איז דער פעטער זכריה געווען זייער אַ גוט־טער און אַז ער האָט געשמייכלט — האָבן זיינע אויגן (וואָס זענען צוליב דעם דאָקטאָרס מאַכינאַציע־טראָפּנס געווען ווי אַן אַפּלען, נאָר כמעט אינ־גאַנצן הימל־בלוי) עפּעס אַזוי ווי אַוועקגעשוועבט מיט דיר אין אַן אַנדע־רער וועלט אַריין. אָט צוליב די אַלע זעקס סיבות און נאָך אַ סך, אַ סך סיבות האָט די גאַנצע משפחה דעם פעטער זכריה זייער ליב געהאַט.

און מער ווי אויף אַלע קינדער פון פעטער זכריה האָבן זיך זיינע מעלות, דער עיקר זיין קלוגשאַפט, אַריבערגעטראָגן אויף זיין זון נאַפּ־טאַלקאָ. דער פעטער איז געווען אַן אויפריכטיקער מאמין אין גאָט און אַ צווייפלער אין די אַלע נייע אידייען פון סאָציאַליזם און אַנאַרכיזם אוןּ ציוניזם. זיין זון — נאַפטאַלקאָ — פאַרקערט: איז געווען אַ מאמין אין אָט די אַלע נייע אידייען און אַ צווייפלער אין גאָט. צוצוהערן זיך צו אָ וויכוח פון דעם פאָטער און דעם זון איז געווען אַ טיפער נחת.

נאַפטאַלקאָ איז געווען דער שליח פון אַנקומענדיקן צוואַנציקסטן יאָרהונדערט אין דעם טאַטנס משפחה פון פיר ברידער און פיר שוועסטער, און אַ היפש ביסל קינדער, וואָס זענען אַלע אינגאַנצן געווען איינגעטונקט אין די מינהגים פון משכילישער לעבנס־פירונג. כמעט אַלע האָבן גראַ־וויטירט קיין ווין און עטלעכע האָבן זיך אַהין אַריבערגעצויגן טאַקע און דאָרט האָט דער יונגער דור גראַוויטירט נאָך ווייטער אַוועק פון שטאַם.

נאַפטאַלקאָ איז געגאַנגען אין גימנאַזיע, ווי דען אַנדערש? אַ קאָפּ האָט ער געהאַט אַן אייזערנעם און אַ לאָגישן. אָבער ער האָט געהאַט אַ טבע אין קלאַס כסדר צו באַווייזן די לערערס, אַז ער קען בעסער פון זיי און עס איז אָנגעגאַנגען אַ שטענדיקע מלחמה צווישן אים און זיינע פּראָ־פעסאָרן און אויסגעפירט האָבן סוף־כל־סוף די פּראָפעסאָרן. עס האָט זיך שוין אַזוי געמאַכט, אַז אַלעמאָל האָט זיך אויף נאַפטאַלקאָן אָנגעזעצט באַ־זונדערס איין פּראָפעסאָר, וואָס איז דווקא געווען אַן אמתער קענער און ער האָט שוין אַזוי געמאַכט, אַז נאַפטאַלקאָ זאָל קריגן אַ „פּאָפּראַווקע" פון איין קעגנשטאַנד און זאָל האָבן אַ פאַרשטערטע וואַקאַציע. אָבער אָט די פאַרשטערטע וואַקאַציע איז אַלעמאָל געווען מיין גרעסטער נחת און אויך נאַפטאַלקאָ האָט זיך נישט געלאָזט צו שטאַרק שטערן. אויף אָט די

דאַזיקע וואַקאַציעס מיט אַ „פּאָפּראַווקע" פון איין קעגנשטאַנד האָט דער פעטער זכריה, וואָס האָט געוווינט אין סטאַניסלע, אין ווייטן מזרח פון גאַליציע, ווו דעם טאַטנס בערגנער־משפחה האָט לרוב געהאַט איר היים, געשיקט זיין קריגערישן און קלוגן זון צו אונדז קיין רעדים. און אַז נאַפּ־טאַלקאַ האָט זיך נאָר באַוויזן, איז ווי אַ כישוף וואָלט זיך באַוויזן. אַלע שטובן זענען אָנגעפילט געוואָרן מיט נאַפּטאַלקאָס חן און חכמה. ער איז געווען אין אַלץ שטאַרק ענלעך צום בלאָנדן פאָטער זיינעם און נאָר אין קאָליר צו דער מאַמען זיינער, דער ברונעטער שוועסטער פון זיין פאָטערס ערשטן, געליבטן, צאַרטן בלאָנדן ווייב.

נאַפּטאַלקאָ — אין יענע „פּאָפּראַווקע"־יאָרן 14, 15, 16 יאָר אַלט — האָט אונדזער שטילע שטוב פאַרוואַנדלט אין אַ דעבאַטיר־קלוב אויף אַלע מאָדערנע פּאָליטישע און פילאָסאָפישע און אַפילו לומדישע טעמעס. אַלץ האָט ער געוווסט און אַלץ האָט ער געקענט — שווימען און רייטן און פעכטן און פאָטאָגראַפירן און פאַרריכטן אַ זייגערל און אַקערן און אויסלעשן אַ שריפה אין אַ קוימען און זינגען און איבערלייענען אַ בוך פון 300 זייטן אין צוויי שעה און די באַשיידונג פון אַלע סודות. נאַפּטאַל־קאָ האָט אַפילו געוווסט וויאַזוי מען באַווייזט, אַז עס איז יאָ דאָ אַ גאָט און וויאַזוי מען באַווייזט, אַז עס איז נישטאָ קיין גאָט... ער איז חלילה נישט געווען קיין ציניקער, ער איז נאָר געווען זייער אַ קלוגער און אַ גוּ־טער. און איך — דעמאָלט 7, 8, 9 יאָר אַלט — בין נאַפּטאַלקאָן נאָכגע־גאַנגען מיט גרויסע קיילעכדיקע אויגן אין זשאַבע־גרינעם „פּעניצל" מיינעם און מיט אַן אָפן מויל און בין געווען אין אים פאַרליבט, פאַרנאַרט, פאַרגלייבט, האָב מיט איין וואָרט געהאַט אַ נאַפּטאַלקאָ־שגעון. אויך אַ טיפע שרעק פאַר דעם מאָמענט ווען די וואַקאַציעס וועלן זיך ענדיקן און אַלע שיינען און אַלע ליכטער און אַלע כישופן וועלן זיך ווידער אויסלעשן אויף אַ גאַנץ יאָר ביז נאַפּטאַלקאָס קומענדיקער וואַקאַציע און „פּאָפּראַוו־קע" פון איין קעגנשטאַנד.

נאַפּטאַלקאָ איז אין אונדזער גאַנצער משפחה געווען דער פּיאָנער, דער ערשטער שטורעם־רייטער פון אַלע יידישע און אלגעמיינע אידייען פון דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. אַ דאַנק אים האָבן זיך אין דער משפחה באַוויזן ציוניסטן און סאָציאַליסטן און העברעיִסטן און יידישיסטן און

מאָלערס און שרייבערס און דאָקטוירים און אַדוואָקאַטן. אָבער ער אַליין איז סוף־כל־סוף געוואָרן אַ באַהעם אין ווין, אַן „אייביקער סטודענט" פון מעדיציניש פאַקולטעט, אייביק פאַרשולדיקט און אָרעם — מחמת ער האָט געהאַט שיטערע פינגער און ק יי ן אַמביציע אַליין צו ווערן עפעס רעכטס, כאָטש ער האָט אַזוי געקענט אַנדערע משפיע זיין.

סוף־כל־סוף האָבן זיך נאַפּטאַלקאַס פּאַפּראַוועקע־וואַקאַציעס אויסגע־שעפּט און ער האָט זיך אַ נעם געטאָן אין די הענט אַריין און געמאַכט מאַ־טורע און זיך — מיט אַלע בעסטע כוונות — פאַרשריבן אויף דעם מע־דיציניש פאַקולטעט אין ווין, ווו מיר האָבן געהאַט אַזויפיל משפחה.

דאָך קנאַפּ פאַר אָט דער מאַטורע איז פאָרגעקומען מיט נאַפּטאַלקאַן עפעס אַזוינס, וואָס האָט אויפגעטרייסלט די גאַנצע משפחה ממש ווי אַן ערדציטערניש.

נאַפּטאַלקאַ האָט אין סטאַניסלעוו געהאַט אַ גרויסע ליבע — זשעניאַ זאַסלאַווסקאַ האָט דאָס מיידל געהייסן און שוואַרץ און באַחנט איז זי גע־ווען און פון גרויסן יחוס פון אַ רוסישער יידישער משפחה, וואָס האָט אַלע קינדער יאָרן־לאַנג געהאַלטן אין סטאַניסלעוו, אין די גימנאַזיעס, צו־ליב דער אוממעגלעכקייט אַנצוקומען אין גימנאַזיעס אין רוסלאַנד. זשע־ניאַ האָט אויך ליב געהאַט נאַפּטאַלקאַן, אָבער זי איז נאָך געווען צו יונג און די ברידער האָבן אָפּאָנירט און טאַטע־מאַמע אין ווייטן רוסלאַנד האָבן זיך נישט געאיילט און די גאַנצע זאַך איז דערוויל געווען — מאַלע דאָרט אַ פלירט צווישן יונגע, שיינע מענטשן... און פּלוצלינג: נאַפּטאַל־קאַ איז באַגאַנגען די ערשטע און גרעסטע נאַרישקייט אין זיין לעבן — ער האָט געקויפט אַ רעוואָלווער און זיך אַריינגעשאָסן אַ קויל אין צעפּלאַ־טערטן האַרץ אַריין; דאָך האָט ער די נאַרישקייט באַגלייט מיט אַ פאַרזיכ־טיקער חכמה — ער האָט... נישט געטראָפן. אָבער גענוג זיך פאַרוווּנדעט צו ליגן אין שפּיטאָל אַ צייט מיט אַ פּאָליציאַנט ביי דער זייט און נאָכן אַרויסקומען פון שפּיטאָל גלייך אין תפיסה אויף אַ פּראָצעס. לויטן עסט־רייכישן געזעץ, פּאַראַגראַף אַזוי און אַזוי, איז זעלבסטמאָרד שטרענג פאַר־באָטן. נאַפּטאַלקאַ — דער אַלץ־קענער — האָט נישט געוואָלט קיין אַד־וואָקאַטן. ער האָט זיך אַליין פאַרטיידיקט אויפן פּראָצעס און אָפּגעקומען מיט אַ סימבאָלישער שטראָף.

אויך אויפֿן געביט פון זעלבסטמאָרדן איז ער געווען אַ פּיאָנער אין אונדזער משפחה.

אַז איך בין צו מײַנע פּופּצעט־האַלבן יאָר אָנגעקומען אין דער האַנדלס־שולע אין סטאַניסלע אויף עטלעכע יאָר — איז שוין נאַפּטאַלקאַ לאַנג געווען אַ סטודענט פון מעדיצינישן פאַקולטעט אין ווין — און דעמאָלט, סעפּטעמבער 1908 — אויף אַ ריכטיקער וואַקאַציע, אָן אַ פּאַפּראַווקע, ביי טאַטע־מאַמע אין טאַניסלע. וויסנדיק, אַז איך שרייב לידער אין ייִדיש און זייענדיק געזעלשאַפטלעך שטאַרק אַקטיוו אין די סטודענטישע ברור־דערשאַפטן, האָט נאַפּטאַלקאַ געהאַט אַ געניאַלן איינפאַל: צו באַקענען מיך פערזענלעך מיט מאָריס ראָזענפעלדן... פאַלג מיך אַ שפּרונג... אָבער אַזוי איז עס טאַקע געווען. דעמאָלט — בימי שפּראַך־קאָנפערענץ — איז דער אייביק ברוגזער ראָזענפעלד, אַנטלאָפן פון טשערנאָוויץ (טשערנאָ־וויץ און סטאַניסלע זענען געווען געאָגראַפיש כמעט ווי אַ שטוב מיט אַן אַלקער) און געווײַלט און געלייענט זײַנע לידער אין סטאַניסלע. און אַט פירט מיך נאַפּטאַלקאַ צו ראָזענפעלדן און ווידער גיי איך אים נאָך מיט גרויסע קיילעכדיקע אויגן אין שרעק־גרינעם פּנים, אין ציטערניש פאַר דער באַגעגעניש מיט דעם וועלט־באַרימטן דיכטער. און אַט גייט צופע־ליק מיט חברים אַנטקעגן ראָזענפעלד אַליין, אַזוי ווי אַרויסגעשפּאַצירט פון אַ בילד פון זײַנס אַ בוך. געקרייזלטע, פעך־שוואַרצע האָר, אַ בייזלעכער בליק, וואָנצעס, אַ „צוויקער" אויף אַ שנירל און אַ קיילעכדיקער האַרטער הוט אויפֿן קאָפּ. מיר גייען צו; איך הינטער נאַפּטאַלקאָן. און איידער וואָס ווען, נאָך אַ פּאָר ווערטער נאַפּטאַלקאָס אין דייטש — גיט מיר ראָ־זענפעלד אַ נעם אָן ביים אַקסל:

— און ווער ביזט דו — יונגערמאַנטשיק?

— איך בין, בין — האָב איך געשטאַמלט — אַ סטודענט פון אַ קליין שטעטל — — —

— מאַך דיר גאָרנישט דערפון — האָט ראָזענפעלד געקלאַפּט אויף מײַנע ציטערנדיקע אַקסלען — פון קליינע שטעטלעך קומען אויך אַרויס גאַנץ גרויסע מענטשן. קוק אויף מיר! — — — און ער האָט זיך שוין מער נישט אומגעקוקט אויף מיר און גערעדט מיט נאַפּטאַלקאַן וועגן די

פֿאַרלעזונגען זיינע, וואָס די סטודענטישע אָרגאַניזאַציעס האָבן איינגע־אָרדנט.

נאַפּטאַלקאַ האָט ראָזענפֿעלדס ווערטער צו מיר גענומען זייער ערנסט, האָט זיי אַרומדערציילט אין דער משפּחה און זיי אַלע האָבן געקוקט אויף מיר און געזען ווי מיין שטענדיקע פּנים־גרינקייט רויטלט זיך, געשאָקלט מיט די קלוגע משפּחה־קעפּ און געזאָגט: אפשר — טאָקע — ווער ווייסט. (דעם סוף ווייסט איר דאָך, גוטע לייענערס).

נאַפּטאַלקאַ וועט נאָך עטלעכע מאָל מסתמא דורכגיין אין זיגזאַג די מעשיות פֿונעם מעשה־בוך פֿון מיין לעבן. ער האָט סוף־כל־סוף חתונה געהאַט מיט זשעניאַ זאַסלאַווסקי, געוווינט אין דער נאַפּט־שטאָט באָריס־לאַוו, געאַרבעט אין אַ באַנק, געהאַט אַן איינציקן זון, אַ דאָקטער און — אַלע דריי זענען אומגעקומען אין גרויסן ים פֿון אומקום.



# דער חתן — אַן אַלטער מלמד, די כלה — אַ יונגער בעלפער

מיין טאַטע איז געווען אַ גוטער מעשה־דערציילער און ער האָט ליב געהאַט צו דערציילן, אָבער ער איז נישט געווען קיין נודניק. ער האָט נאָר דעמאָלט דערציילט אַ מעשה, ווען ער האָט זי מיטן גאַנצן האַרצן אי־בערגעלעבט. און מער ווי וועלכע נישט איז אַנדערע מעשה האָט דער טאַ־טע ליב געהאַט צו דערציילן אַ מעשה פון ליבע און טויט, וועגן אַן אַלטן מלמד אַן אַלמן. אַלע זיינע געפילן פון רחמנות צו אָפּגענאַרטע און זיין ליבע צו יושר צווישן מענטש און מענטש, אַלע זיינע מיטגעפילן מיט מענטשן, וואָס ליידן פון בענקשאַפטן צום אַנדערן מין — האָט דער טאַ־טע אַריינגעגעבן אין זיין איבערדערציילן אָט די מעשה. ער האָט זי ליב געהאַט צו דערציילן אין טונקעלע שבת־פאַרנאַכטן, שטייענדיק ביים גרויסן פראָנט־פענצטער אונדזערן און זוכנדיק די דריי שטערן אויפן הימל — צו קענען מאַכן הבדלה, צו פאַררויכערן אַ פּאַפּיראָס און זיך ווידער איינ־שפּאַנען אין דער וואָך. זיין וואַרעמע שטימע פלעגט ציטערן און זיינע אויגן — לייכטן אין דער טונקל. און אָט אַזוי האָט ער דערציילט:

— אַז איך בין געקומען אַהער אין שטעטל אַריין, אין יאָר 1891, ווי אַן איידעם פון אייער זיידן, יאָסעלע ראָזענבלאַט, איז נאָך דאָס שטעטל געווען צענמאָל מער פאַנאַטיש, ווי עס איז היינט. און אַז פרומע ווערן ווילד, איז קיין ווילדערס נישטאָ. און געלעבט האָט אין שטעטל שוין יאָרן אַ מלמד, דער האַלאַשיצער מלמד — האָט מען אים גערופן. אַ קליינער און אַ דאַרער, אַ ציכטיקער און אַ שטילער און אַ גוטינקער און אַ גרויסע באָרד האָט ער געהאַט, אַ צעפּלאַשעטע, אָבער אַ ריינע, און אַז איך בין געקומען אין שטעטל אַריין איז ער שוין געווען היפּשלעך גרוי. אַ ייִד, אַ דן לכף־זכותניק, מיט אייביק צעשמייכלטע אויגן. און די קינדער האָבן אים ליב געהאַט און גערן ביי אים געלערנט און זיך טאַקע אויסגעלערנט

אויך. נאָר זײַנע אײגענע קינדער האָבן זיך בײַ אים נישט געהאַלטן און אַוועק פֿון דער וועלט אײנס נאָך אײנס און סוף־כּל־סוף איז אויך זײַן ווײַבל נאָכגעגאַנגען נאָך די טויטע קינדער זײַערע און ער איז שוין לאַנגע יאָרן געווען אַן אַלמן.

אָבער די נשמה האָט געבענקט און דאָס ביסל באַלעבאַטישקײט איז זיך פֿאַוואַליע צעפֿלויגן אָן אַ באַלעבאָסטע און דאָס שטיבל איז געווען פֿאַרוואָרלאָזט. אָבער דער חדר איז אַלעמאָל געווען פֿול מיט קינדער. דער בעסטער דרדקי־מלמד אין שטעטל. און אויך צווישן מלמדים איז דאָ אַ קנאה, און נישט בלויז צווישן תּלמידי־חכמים. און דער אַלטער מלמד האָט זיך נישט אײנמאָל געקלאָגט פֿאַרן שטעטל, אַז עס איז אים סקוטשנע צו זיצן אַלײן — שוין מער ווי צען יאָר ער איז אַן אַלמן, וויפֿל איז דער שיעור? און דאָס שטעטל — אוי! — האָט דער טאַטע אָפּגערעכנט — האָט באַשלאָסן אים חתונה צו מאַכן.

און געמאַכט האָט זיך, אַז צו אַ מלמד, וואָס אַנטקעגן דעם האַלאַשיצער, איז אָנגעקומען אַ יונגער בעלפֿער פֿון אַ דאָרף, מיט באַקן ווי די עפּל און אויגן ווי די ווײַנשל און אַ הויט — בלוט און מילך. און לצים פֿון שטעטל האָבן גענומען צוגרײַטן אַ שרעקלעכע שפּיל פֿון ליבע און טויט. מען האָט אָפּגערעדט מיט דעם מלמד, וואָס אַנטקעגן, אַז ער זאָל אַנטלײַען דעם נײַעם בעלפֿער צו אַט דער שפּיל. ער האָט ג ע ר ן מסכּים געווען. דער בעלפֿער האָט דאָך ג ע מ ו ז ט מסכּים זײַן. און מען האָט גענומען שיקן שדכנים צום אַלטן האַלאַשיצער — אַזוי און אַזוי, וויפֿל איז דער שיעור? און דערצײלט דעם אַלמן אַ מעשה, אַז אין אַ דאָרף, וואָס דערבײַ, שוויענטע, איז בײַ אַ ישובניק אַ מײדל געוואָרן אַ קײלעכדיקע יתומה און איר שטיף־מאַמע וויל פֿון איר פּטור ווערן. און דאָס איז אַ פּאַסיקער שידוך. נישט „זי״ קען געבן נדן און נישט איר קענט געבן נדן. אַ שטיל קינד און זי וועט זיך צופּאַסן און אפשר וועלן נאָך זײַן קינדער אויף אויף דער עלטער. שוין געווען אַזעלכע זאַכן. און אין האַלאַשיצער׳ האָט עס גענומען שטראַלן מיט אַ הימליש גליק. און מען האָט אָפּגערעדט אַ „בעשוי׳ אויף שבת צו נאַכטס, באַלד נאָך הבדלה, אין אַ שטיל געסל בײַ אַן אַלטן באַלעגאָלע, וואָס וווינט אַלײן מיט זײַן ווײַב. און אויך דאָס האָט דעם מלמד געפּאַסט, ווײַל ער האָט זיך געשעמט.

די לצים, וואָס האָבן די גאַנצע זאַך אָנגעסטראָיעט, האָבן דער שטאָט צו וויסן געטאָן, אַז דער האָלאָשיצער וועט באַלד נאָך הבדלה הייגטיקן שבת — און געוועזן איז עס שוין נאָך סוכות — האָבן אַ טרעפעכץ מיט אַ דאָרפס־מיידל, וואָס מען רעדט אים... דעם גאַנצן אמת האָבן אָבער גע־ווּסט נאָר יחידים. און אַזוי ווי גאַנץ שטאָט איז געלאָפן אויף דעם ביין ווונדער — האָט דער טאַטע מיט צער צוגעגעבן — בין איך אויך געלאָפן. און אַזוי ווי איך בין געווען אַ יחוסדיקער איידעם, האָב איך באַקומען אַן אָרט אין דעם פּינצטערן טעאַטער ביים סאַמע פענצטער.

דער טיש איז געווען געגרייט מיט אַביסל אָרעמען כיבוד. ביים טיש איז געזעסן די „כלה״, דאָרפיש פאַרוויקלט אין שאַלן און אין אַ פעלצל און קוים, וואָס איר שיין פּנימל האָט זיך אַרויסגעזען: באַקן ווי עפּל, אויגן ווי די ווייַנשל און אַ הויט — בלוט און מילך... און זי האָט געשמייכלט און אויף אַלץ געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ. נעבן איר איז געזעסן אירער אַ „פעטער״, אַ הייזער־גייער, וואָס מען האָט צו דעם גע־דונגען אויף אַ שעה.

און עס קומט אַריין דער מלמד און ער זעצט זיך שטיל צו צום טיש און ער פאַרגינט זיך נישט אויפצוהייבן די אויגן און קוקן אויף זיין „כלה״, וואָס פאַרשיינט ממש זיין גאַנץ געמיט מיט דער שיינקייט און געזונט־קייט און דער האָפענונג אויף אַ ביסל גליק ביים סוף פון לעבן. און ער רעדט עפּעס צום „מחותן״ — דעם פעטער. און אַז אַלץ גייט כשורה, זאָגט ער, אַז כאָטש קיין נדן גיט דאָ קיינער נישט, וויל ער אָבער דער „כלה״ וויַיזן, אַז חוץ דעם שטיבל און חוץ דער פּרנסה איז נאָך דאָ אַ פּאָר זיל־בערנע לייכטערלעך ליכט צו בענטשן פרייטיק צו נאַכטס און ער וועט זי לערנען די ברכות — און ער האָט שוין אין דמיון געזען אָט די סצענע און ער האָט אויפגעוויקלט די פּאַלעס און אַרויסגענומען די לייכטערלעך און אַוועקגעשטעלט אויפן טיש און געקוקט איצט דרייסט און גלייך דער „כלה״ אין שיינעם פּנים אַריין — — — און ווי ער קוקט אַזוי און קוקט און קוקט — האָט ער זיך פּלוצלינג געגעבן אַ קוק אַרום און אַרום און דער־זען אויגן, אויגן, אויגן, אומעטום אויגן, ביי אַלע ווענט, אין אַלע פענצטער, אויף דער סטעליע אַפילו. און ער האָט גענומען שרייען פון שרעק און שאַנד,

ווייל ער האָט דערקענט דעם נייעם בעלפער אין דער „כלה" און ער האָט געכאַפּט די לייכטערלעך און איז אַרויסגעלאָפן, און מיטן גאַנצן כוח אַריינגעלאָפן אין דעם שווערן דישל פון דעם שווערן וואָגן פונעם באַלע־גאָלע, ביי וועמען עס איז פאָרגעקומען דער „בעשוי" — און כאָטש דאָס גאַנצע גופל זיינס איז נישט געווען קיין שווערס און כאָטש אין דרויסן איז געווען ווינטיק און רוישיק און אַ היפּשער עולם אַרום — איז אָבער דער זעץ געווען אַזוי שטאַרק, אַז אַלע האָבן דעם טעמפּן קלאַפּ אין דעם אָרעמען פאַרשעמטן האַרץ דערהערט און דער שווערער וואָגן האָט זיך אַזש אַ רוק געטאָן פון אָרט.

און דער האָלאָשיצער איז ליגן געבליבן ביים דישל, די פּאָלעס פון דער זשופּעצע צעפלויגן, דאָס שטריימל אַ שטיק וועגס ווייטער און די זילבערנע לייכטערלעך אַרויסגעפאַלענע פון ביידע הענט זיינע...

און אַזוי ווי קיינער האָט נאָך נישט באַוויזן אַרויסצושיסן מיט אַ געלעכטער, ווען דער מלמד האָט דערזען, אַז מען האָט אים אָפּגענאַרט, ווייל ער האָט אַזוי גיך באַלד גענומען שרייען און לויפן — אַזוי האָט איצט אַוודאי קיינער נישט געלאַכט און אַלע זענען וואָס גיכער אַוועק אַהיים. דאָס געסל איז באַלד געוואָרן ליידיק און נאָר דער ווינט האָט צו־געבלאָזן.

איך און נאָך עטלעכע יונגע לייט — האָט דער טאַטע דערציילט — זענען געבליבן. מיר האָבן אויפגעהויבן דעם מלמד פון אונטערן דישל און אים אַריינגעטראָגן אין דער שטוב, ווו עס איז נאָר־וואָס פאָרגעקומען דער „בעשוי". ער האָט נאָך אַביסל געזשיפּעט, אָבער נאָר נאָך אַ מינוט־צוויי.

און אויך די לוויה איז געווען זייער און זייער אַ קליינע אויף צו מאָרגנס באַלד אין דער פרי — ווייל די שטאָט האָט זיך געשעמט, שטאַרק געשעמט — ווייל די שטאָט האָט געהרגעט.

און דעריבער — קינדער — געדענקט, אַז זיך פריילעך מאַכן מעג מען נאָר אויפן אייגענעם חשבון און נישט אויף יענעמס.

און אַזוי ווי עס זענען שוין אויפן הימל געשטאַנען נישט נאָר דריי שטערנס, נאָר אפשר דריי טויזנט און זיך געפּלאָנטערט צווישן ווינט און וואָלקנס — האָט דער טאַטע גיך געמאַכט הבדלה און נאָך גיכער אָנגע־

צינדן אַ פּאַפּיראָס און ווידער צוגעגאַנגען צום פענצטער אין דער צווייטער, דער פינצטערער פּראָנט־שטוב און מיר, קינדער, זענען געשטאַנען אַרום אים און געזען דאָס גליִען פון דעם פּאַפּיראָס און דאָס כסדרדיקע אויפ־גליִען פון דעם טאַטנס אויגן און אין דעם גליִען דעם טאַטנס אייביקע זוכן פון יושר צווישן מענטש און מענטש.

# פאַנדזיאַ

פאַנדזיאַ איז געוועזן די יינגסטע טאָכטער פון מיין פעטער אַברהם־הערש און מיין מומע מירל. זי איז געוועזן די יינגסטע פון עטלעכע און צוואַנציק קינדער, וואָס צוועלף פון זיי זענען געבליבן לעבן. מיין פעטער איז געוועזן אַ פּאָסעסאָר און אַ פּאַכטער פון גיטער און ער האָט שוין זייער לאַנג געוווינט אין אַ גוט שוויענטע — צפון־מזרח פון אונדזער שטעטל רעדים. פאַנדזיאַ האָט מיט איר ייִדישן נאָמען געהייסן פייגע און די גויים פון דאָרף האָבן זי גערופן „פאַיקאַ" און אין דער משפחה האָט מען זי גע־רופן פאַנדזיאַ — אי דערפאַר ווייל זי איז געוועזן די מעזינקע און אי דערפאַר ווייל זי איז געוועזן זייער אַ שיינע און אַ חנעוודיקע אַלס קינד.

פאַנדזיאַ האָט געהאַט העל־בלאָנדע, לאַנגע צעפּ, אַ קורץ נעזל, חן־גריבלעך אין ביידע באַקן און בלוי־ברוינע אויגן און איז געוועזן כיטרע ווי אַ פוקסל. זי האָט איבערגעקערט די שטוב, זי האָט קאָמאַנדעוועט מיט אַלע קינדער, זי האָט געהאַט דעם מוט צו דוצן איר עלטסטן ברודער חיים, וואָס האָט געהאַט אַ לאַנגע באָרד און איז שוין לאַנג געוועזן אַ טאַטע פון עטלעכע קינדער. ווען פאַנדזיאַ איז געבוירן געוואָרן, כאָטש אַלע איבע־ריקע קינדער האָבן אים געאירצט. פאַנדזיאַ איז געוועזן אויסגעקאָכט מיט אַלע פּאַראַבקעס, האָט געקענט רייטן אויף די העכסטע פערד אָן אַ זאָטל, האָט געקענט אַפילו רייטן אויף קי — פון ציגן איז אָפּגערעדט. פאַנדזיאַ האָט געהאַט אַן אייגענעם הונט און זי האָט אים כסדר אָנגע־רייצט אויף די אַנדערע הינט פון גוט, וואָס זענען איבער־טאָג געשטאַנען געבונדענע אויף קייטן און זיך ווייניק געקענט ווערן קעגן פאַנדזיאַס הונט. און אַז פאַנדזיאַ איז אַלט געוואָרן זעקס יאָר האָט מען זי געשיקט אין „שטאָט אַריין" צו גיין אין שקאָלעס און זיך אויסצומענטשלען. און פאַנ־דזיאַ האָט געדאַרפט וווינען ביי אונדז. אַזוי ווי מיין ברודער איז דע־מאָלט אַלט געוועזן אַכט יאָר, איך זיבן יאָר און פאַנדזיאַ זעקס — האָט מען אויפגעשטעלט אַ דריט בעט אין אונדזער קינדער־שטוב און קיין בייז,

אַז די קינדער זאָלן ווינען צוזאַמען. מיר האָבן באַקומען אַן אָנזאָג צו באַהאַנדלען פּאַנדזיאַן ווי אַ שוועסטער — און אַ שוועסטער־קינד איז זי דאָך טאַקע געווען.

באַלד אין ערשטן טאָג פון איר זיין ביי אונדז, האָט אונדז פּאַנדזיאַ אַריינגעפירט אין אַ ווילדער און דאָרפישער וועלט, פון וועלכער מיר האָבן קיין אָנונג נישט געהאַט ביז איצט אין אונדזער „שטאָטישער" באַלעבאַטיש־ משכילישער אַריסטאָקראַטישער אָפּגעשלאָסנקייט. ערשטנס האָט אונדז פּאַנדזיאַ געזאָגט, אַז זי קעןריידן כאַכלאַצקיש, ווי די פּויערים ריידן, און שוין דאָס אַליין איז געווען פול מיט עפּעס אַ זינדיקן סוד. צווייטנס האָט אונדז פּאַנדזיאַ געזאָגט, אַז עס זענען דאָ צוויי געטער, נישט איין גאָט. און דער גוייִשער גאָט איז שטאַרקער און מען קען זען זיין אויג, אַז מען קוקט אַריין אין אַ קאָשטשיאָל. און ביים ערשטן שפּאַציר מיט איר האָט זי אונדז טאַקע דורך דעם טויער פון קאָשטשיאָל געוויזן דאָס אויג פון גאָט. דריטנס האָט אונדז פּאַנדזיאַ געזאָגט, אַז עס איז נישט אמת, אַז אַ באָטשיאַן ברענגט קינדער אויף דער וועלט, נאָר קינדער ווערן געמאַכט אין אַ מענטשלעכן בויך און ביינאַכט, און אַז טאַטע און מאַמע וועלן אָוועקגיין, וועט זי אונדז ווייזן ווי אַזוי. און חוץ דעם האָט אונדז פּאַנדזיאַ געזאָגט, אַז זי איז אַ כישוף־מאַכערין און זי קען זיך דורכשטעכן דאָס לייב מיט אַ מעסער. און דערווייל האָט זי גענומען אַ נאָדל־פּאָדעם און זי האָט זיך צוזאַמענגענייט צוויי פינגער און דורכגעצויגן דורך די נעט אין דער הויט אַן אמתן פּאָדעם און עס איז נישט געגאַנגען קיין בלוט. איך בין געווען פאַרכאַפּט און דערשראָקן און רויטע פלעקן זענען געשטאַנען אויף מיין פּנים פון אויפרעגונג. און כאָטש איך האָב מיך געפלעגט פאַרליבן אין אַלע מיידעלעך אויף דעם ערשטן בליק — אַפילו אין נישט שיינע — האָב איך מיך אין פּאַנדזיאַן נישט פאַרליבט ווייל איך האָב געפילט אַ גרויסן אָפּשיי צו איר פאַר איר מוראדיקן און וווּנדערלעכן כוח. מיין ברודער האָט באַלד פון אָנהייב געקוקט קריטיש אויף די אַלע זאַכן, וואָס פּאַנדזיאַ האָט דערציילט און דאָס פאַרנייען די פינגער האָט ער אין עטלעכע טעג אַרום געקענט נאָכמאַכן, כאָטש עס האָט אים געקאָסט אַ סך ווייטיק און בלוט און ער האָט געמוזט באַהאַלטן אין שטוב זיינע צעשטאָכענע פינגער בשעתן לערנען זיך דעם כישוף.

פּאַנדזיאַ איז געקומען צו אונדז אַנהייב האַרבסט אין אַ זונטיק נאָכמיטיק און זי האָט זיך קוים דערוואַרט דעם פרייטיק־אָוונט, ווייל מיט איר קליין נעזל האָט זי שוין געהאַט אויסגעפונען, אַז פרייטיק גייען טאַטע־מאַמע צו געסט און די קינדער בלייבן אַליין מיט דער דינסט און די דינסט האָט אַ האַרטן שלאָף, ווי אַ שטיין.

און אָט איז פרייטיק אָוונט — מיר ווייסן, אַז היינט דאַרף אונדז פּאַנדזיאַ ווייזן דעם סוד פון די סודות. אַלע דריי זענען מיר זייער שטיל און מאַכן זיך זייער שלעפעריק און טאַטע־מאַמע זענען זייער צופרידן, וואָס דאָס אַוועקגיין צו געסט קומט זיי היינט אָן אַזוי גרינג. און זיי זענען גליקלעך, וואָס עס איז דאָ אַ דריט קינד אין שטוב, וואָס ווירקט אַזוי גוט אויף די קינדער. זיי ווייסן אַפילו, אַז פּאַנדזיאַ פלעגט איבערקערן דאָס דאָרף, אָבער אין שטאָט האָט זי זיך, ווייזט אויס, זייער גיך אויסגעמענטשלט.

די בלויע אַמפּל ברענט אין דער קינדער־שטוב, ווי אַ גרויסע, בלויע לבנה, וואָס האָט זיך פּלוצלינג אַראָפּגעלאָזט גאַנץ, גאַנץ נידעריק. מיר ליגן שוין אין די בעטלעך און טאַטע־מאַמע געזעגענען זיך מיט אַ קוש מיט יעדן קינד. און מיר — אָט שלאָפן מיר שוין. די דינסט איז גליקלעך, וואָס מיר זענען היינט אַזוי שלעפעריק, אַז זי וועט אונדז נישט דאַרפן דערציילן אירע דאָרפישע מעשיות. און אין אַ פערטל שעה אַרום איז אַלץ שטיל, שטיל. מען הערט דאָס הויכע כראָפּען פון דער דינסט דורך צוויי טירן אַדורך. — — — און באַלד גיט פּאַנדזיאַ אַ הייב אויף דעם קאָפּ און אירע האָר זענען צעלאָזט און זי גיט אַ שפרונג אַראָפּ פון בעטל און זי איז נאַקעט, אָן דעם נאַכטהעמדל. און זי לייגט זיך אויף דעם דיוואַן און זי רופט צו מיך, דווקא מיך, דעם יינגערן, ווייל אַז זי וועט דאָס ווייזן מיט דעם עלטערן, קען טאַקע געבוירן ווערן אַן אמתדיק קינד און וואָס וועלן מיר טאָן מיט אַ קינד? מיר וועלן עס מוזן הרגענען. איך האָב אַלץ געפאָלגט, וואָס פּאַנדזיאַ האָט געהייסן, נאָר איך בין געווען זייער דערשראָקן און איך האָב אַפילו בשום אופן נישט געוואָלט אויפהייבן דאָס נאַכט־העמדל, ווען פּאַנדזיאַ האָט מיר געהייסן זיך אַנידערלייגן נעבן איר. און אַז זי האָט דערהערט, אַז די דינסט האָט אויפגעהערט שנאָרכען — האָט זי געזאָגט, אַז פאַר היינט איז גענוג. איך האָב מיך גיך צוריקגע־

לייגט אין בעטל און איך האָב גאָרנישט פאַרשטאַנען. און פאַנדזיאַ האָט ווייטער דערציילט, אַז אַ האַלב יאָר איידער די קינדער ווערן געבוירן, וווינען זיי אין קליינע שטיבעלעך אין די מאַמעס בייכער. דערפאַר ווערן די בייכער פון די מאַמעס גרויס. און מאַמעס מיט גרויסע בייכער האָבן מיר דאָך אַוודאי געזען.

מיין ברודער האָט מיט פאַנדזיאַן קיינמאָל נישט געלעבט בשלום און צום סוף האָט זי בלויז מיר נאָך געקענט דערציילן אירע קונצן. און מער ווי צו הערן קונצן — האָב איך נישט געטויגט און פאַנדזיאַ האָט אָנגע־הויבן בענקען צוריק צום דאָרף. און בענקען מיט דער ווילדקייט פון אַ חיה. זי האָט אויפגעהערט צו עסן, זי האָט אויפגעהערט צו לערנען און זי האָט אויפגעהערט אַפילו צו ריידן. און כאָטש איך האָב פאַנדזיאַן — פון צוגעוווינשאַפט — שוין אָנגעהויבן ליב צו האָבן — — — דאָס דאָרף האָט זי געצויגן צוריק.

פאַנדזיאַ האָט נישט מורא געהאַט פאַר שדים ביינאַכט און זי האָט געזאָגט, אַז זי שעמט זיך צו נוצן דאָס טעפּעלע און זי פלעגט אַרויסלויפן פון שטוב אַפילו אין מיטן דער נאַכט. זי פלעגט אַליין אויפשליסן און אַליין פאַרשליסן די פיל שלעסער פון די טירן און מיר זענען שוין אַלע געוועזן צוגעוווינט דערצו. און איינמאָל — און עס איז געוועזן אַ פולע לבנה־נאַכט — איז פאַנדזיאַ אַרויס פון שטוב אויפן הויף אַרום האַלבע נאַכט. איך האָב געהערט איר אַרויסגיין. איך האָב געהאַט אַ גרינגן שלאָף. און איך וואַרט און וואַרט און וואַרט און פאַנדזיאַ קומט נישט צוריק. און איך בין אַנטשלאָפן געוואָרן. און איך וועק מיך איבער — און פאַנ־דזיאַ איז נישטאָ אין איר בעטל. האָב איך געמיינט, אַז זי איז נאָך אַמאָל אַרויסגעגאַנגען. און איך וואַרט און וואַרט און וואַרט — ביז איך האָב אָנגעהויבן וויינען פון שרעק. און אַז מיין מאַמע איז צוגעקומען צו מיר — האָב איך איר אויסגעזאָגט דעם גרויסן נאַכטיקן סוד. איך בין געוועזן זיכער, אַז שדים האָבן פאַנדזיאַן צוגענומען און טראָגן זי ערגעץ אין דער לופטן און איך האָב מיך אַפילו געשראָקן פאַר דעם געדאַנק...

אין עטלעכע מינוט אַרום איז די גאַנצע שטוב שוין אויפגעוועזן. און די דינסט איז פונקט אין יענעם טאָג געוועזן אין איר דאָרף אויף

איינעם פון די האַרבסטיקע רוטעניש חגאות. דער טאַטע האָט געהייסן אַלעמען זיך אָנטאָן. ער איז געווען רויקער פון אַלעמען. ער האָט געזאָגט מיט זיכערקייט, אַז פאַנדזיאַ איז אַנטלאָפן אַהיים אין איר דאָרף. אויך ער איז אַמאָל אַזוי אַנטלאָפן פון חדר, אויך ער איז געווען אַ קינד פון פּאַסעסאָרן. ער איז אַנטלאָפן בייטאָג, נאָר אויף פאַנדזיאַן איז זיך אַלץ צו ריכטן.

מיר האָבן געדונגען אַ פיאַקער, וואָס איז גראַד געקומען פון דער טיטן־נאַכטיקער באַן, און מיר האָבן זיך אַלע געלאָזט קיין שוויענטע, האָפנדיק, אַז מיר וועלן ערגעץ אויפן וועג נאָך אָנטרעפן פאַנדזיאַן. די לבנה האָט געשיינט, הינט האָבן געבילט, סאָוועס האָבן געאָכצט, פייגל האָבן שרייענדיק אויפגעפלאַטערט און בלעטער האָבן זיך אַ שאָט געטאָן אונטער זיי — נאָר פון פאַנדזיאַן קיין שפור. און אויך דער טאַטע איז שוין געוואָרן אומרויק... פאַר שוויענטע האָבן אונדז אָפגעשטעלט די דאָרף־וועכטערס מיט לאַמטערנעס און מיט הינט און אַז מיר האָבן זיי דער־ציילט אין וואָס דאָ גייט, האָבן זיי זיך איבערגעצלמט פאַר „פייקאָס" נשמה און אונדז געלאָזן ווייטער פאָרן. און אָט עפנט שוין דער הויף־היטער דעם גרויסן טויער און אַ סך הינט צעבילן זיך און אין גרויסן הויף מיט די פיר גאַניקעס צינדן זיך דאָ און דאָרט ליכט און דער פעטער מיט דער מומען זענען שוין אויף און מיט לאַמטערנעס אין די הענט — כאָטש עס איז אַ העלע לבנה־נאַכט — גייען מיר צו די הייזער פון די פאַראָב־קעס. און כאָטש עס איז שוין געווען האַרבסט זענען די קלענערע שקצים־לעך פון די פאַראָבקעס געשלאָפן אויף שטרויזעק אין דרויסן. אוי אָט גייען מיר פון שטרויזאַק צו שטרויזאַק און אויף איינעם פון זיי ליגט פאַנדזיאַ אין אַ טיפן, שטיינערנעם שלאָף — — — —

ווי אַזוי פאַנדזיאַ איז אַנטלאָפן איינע אַליין אין דער נאַכט, ווי אַזוי זי איז אַזוי גיך אָנגעקומען אַהיים, ווי אַזוי זי האָט נישט מורא געהאַט — כאָטש אויפן וועג זענען געווען צוויי צווינטערס פאַרבייצוגיין, ווי אַזוי די היטערס האָבן זי נישט באַמערקט — איז געבליבן איר סוד. מען האָט זיך דערמאָנט, אַז פאַנדזיאַ האָט געפלעגט צומאָל זיך אויפכאַפּן פון שלאָף און אויפשטיין ווי אַ נאַכט־וואַנדלערין... אָבער פאַנדזיאַ האָט גע־ווּסט, אַז נישט אין נאַכטוואַנדל איז זי געלאָפן אַהיים. נאָר זי האָט עס

ביטרע פאַרשוויגן. זאָל זיין, אַז זי איז אַ נאַכט־וואַנדלערין... פאַנדזיאַ איז באַלד מיט אונדז צוריקגעפאָרן און געוואָרן אַ גוט קינד. און איר גאַנצע ווילדקייט האָט זי פון איצט אָן אויסגעשפּילט אין קאָרטן. ווי אַ קליינע שיינע מכשפה פלעגט זי גליִען און שפּילן, שפּילן ביזן לעצטן קנעפּל...



# דאָס ערשטע ליד מײַנס

דאָס ערשטע ליד מײַנס האָב איך אױפֿגעשריבן, װען איך בין אַלט געװען אַכט יאָר; נאָר כאָטש איך האָב שױן ביז דעמאָלט אַ סך, אַ סך ליבעס געפֿירט מיט מײַן פֿלאַטערדיקן האַרץ — האָב איך אָבער דאָס ערשטע ליד מײַנס נישט געשריבן צו אַ געליבט מײדל, אױך נישט צו אַ געליבטן חבֿר. איך פֿלעג מיך אױך ליבן אין חבֿרים. און פֿאַרט איז מײַן ערשט ליד יאָ און נישט געװען אַ ליבעס־ליד. עס איז געװען אַ ליד צו מײַן זײדן און צו מײַן באָבען. דער עיקר אָבער צו מײַן זײדן. און מײַן זײדע, מײַן מאַמעס טאַטע, מוזט איר װיסן, איז געװען אַ ייִד מיט זײער אַ לאַנגער און זײער אַ זילבערנער באָרד. ציכטיק און צװײשפּיציק. מײַן זײדע, יאָסעלע ראָזענבלאַט, איז געװען אַ גרױסער גבֿיר; און אין מײַן קינדהײט האָט זיך דאָס ז י ל ב ע ר פֿון זײַן באָרד אין מײַן דמיון איידענטיפֿיצירט מיט דעם ז י ל ב ע ר פֿון זײַן עשירות. עפּעס אַזױ איז עס אױסגעקומען. אַז איך בין געבױרן געװאָרן איז מײַן זײדע שױן 63 יאָר אַלט געװען, און איך געדענק אים נאָר מיט אָט דער זילבערנער, אָבער טאַקע באמת זילבערנער, נישט װײַסער, באָרד זײַנער. דערצו האָט ער געהאַט אַ טבֿע כּסדר צו האַלטן פֿאַרדריקט זײַנע אײדל־געװאָרענע פֿױסטן פֿון אַ פּריִערדיקן האַרעפּאַשניק. און אין אָט די פֿױסטן זענען אָפֿט געװען גרױסע זילבערנע פֿינפֿער־קראַנען, פֿרישענקע, ערשט פֿון דער מינצערײ אין װין. ער האָט זײער ליב געהאַט פֿריש געלט, זױבער געלט, ער איז בכלל געװען אַ ייִד אַ צוכט און אַ מפֿונק. און אָט צו דעם זײדן האָב איך מיט אַ פֿלאַטערדיק האַרץ געשריבן צו מײַנע אַכט יאָר אַ ליד; דאָס ערשטע ליד מײַנס.

איך קען נישט זאָגן, אַז איך האָב מײַן זײדן פֿײַנט געהאַט. אָבער אַ ליד אַזש שרײַבן צו אים? און דערצו דאָס סאַמע ערשטע מײַנס? איך קען עס מיר נאָך הײַנט נישט מוחל זײַן. און דעם זײדן אױך נישט. אָבער דערצו מוזט איר שױן אױסהערן די גאַנצע מעשה.

אַגב איז דאָס ערשטע ליד מיינס נישט געווען קיין ליד אין יידיש, נייערט אין אַ פיינעם גאַליציאַנער דייטש מיט יידישע אותיות. און די מעשה איז אַזאַ:

אַרום דעם יאָר 1900 האָט אונדזער משפחה אָראָפּגעבראַכט אַן איי־געגעם לערער־מלמד פון קראָקע. מען האָט פאַר אים געדונגען אַ זויבער שטיבל אין אַ זייטיק און שטיל געסל. פון דאָרט אויס האָט ער געדאַרפט באַדינען אונדזער גאַנצע פאַרצווייגטע פאַמיליע מיט תורה. יענע קינדער, וואָס האָבן געלערנט אין חדרים — געווען אויך אַזעלכע, די קינדער פון דעם פ ר ו מ ע ן פעטער נח — האָבן ביים קראָקעווער לערער גע־לערנט אין דער פרי, און די קינדער פון די שקאָלעס — נאָכמיטיק. קיין אַרבעט האָט אים נישט געפעלט פון כאור ביז שפּעט אין אָוונט. דער באַ־דינג: נאָר משפחה.

געהייסן האָט דער לערער: יוסף היילמאַן. ער איז געווען אָפּגעהיטן און זויבער און געטראָגן לרוב בלויע מלבושים. אין דער וואָכן — אַ בלויען כאַלאַט. שבת — אַ בלויע בעקעשע. אויך דער ווערך פון זיין שיי־נעם, דרייצנשפּיציקן שטריימל — בלויער סאַמעט. אַפילו זיין פּירעקיקע לאַנגע באָרד איז עפּעס אויך אַביסל בלוילעך זילבערדיק. ער פלעגט רעדן געלאַסן, זינגעוודיק, קראָקעווערישׂ, און זייער מקפּיד געווען, אַז מען זאָל אים נישט רופן „מלמד", נאָר „הער לעהרער" מיט אַ „ה". אָבער עמך פון שטעטל האָט אים באַלד געגעבן אַ צונאָמען: דער קראָקעווער שוו...־מלמד. ער האָט געקענט גוט דייטש און האָט זיך געהיטן פון רעדן מיט די תל־מידים יידיש. יידיש האָט ער נאָר גערעדט מיטן פאָלק. אויך מיט דעם קאָלעקטיוון באַלעבאָס זיינעם, אונדזער משפחה, פלעגט ער רעדן דייטש. ער איז געווען אַ געפאַלענער גביר און אַן אַלמן דערצו. אָבער לאָמיר נישט אַוועקגיין צו ווייט פון דער מעשה.

שוין אין זיין ערשטן לערן־זמן, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן פּסח, האָט דער הער לעהרער תיכף נאָך שבועות, טעגלעך נאָך די נאָרמאַלע לימודים, אָנגעהויבן מיט אונדז שרייבן ראש־השנה בריוולעך צו אונדזערע טאַטע־מאַמעס, זיידע־באָבעס און געקליבענע פעטער־מומעס. דריי ראש השנה־בריוולעך זענען געווען אָבליגאַטאָריש פאַר יעדן קינד. צו טאַטע־מאַמע, צו זיידע־באָבע פון טאַטנס צד, און פון דער מאַמעס צד.

צוערשט האָט דער לערער צעקייט מיט די תלמידים דעם גאַנצן ענין, דערנאָך איז ער געקומען מיט זיין פּלאַן, אַז די ווונטש־בריוו זאָלן, אם ירצה השם, געשיקט ווערן מיט דער פּאָסט. אַזוי טוען אויך די גרויסע לכבוד ראש־השנה. מען ווינט אָפּט טיר ביי טיר — און מען שיקט די ראש השנה־ווונטשקאַרטן מיט דער פּאָסט.

צעקייט די טעכנישע זייט פון דעם ענין, איז געקומען די גייסטיקע זייט פון די בריוולעך. יעדעס קינד וועט מוזן אַליין פאַרפאַסן דעם גאַנצן אינהאַלט. און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שרייבעריי אויף טיש און אויף בענק. מען פלעגט שרייבן און כסדר פאַרשטעלן די העפטן און די פּאַפּירן מיט די הענטלעך, אַז איינער ביים אַנדערן זאָל נישט מאַכן אַ פּלאַגיאַט. אויסכאַפּן די סודות פון די מליצות, איידער מען לייענט פאַר די שאַ־פונגען פאַרן הער לערער. און אויך דעם לעהרערס פאַנטאַזיע האָט זיך צעשפּילט און באַפליגלט ביי אָט די בריוו. ער פלעגט פאַרריכטן, געבן עצות מיט אַ גרויסן פּאַטאָס און מיט זיין זינגעוודיקן, קראַקעווער דייטש־מעריש. דער עיקר איז דעם לעהרער געגאַנגען אין דעם, אַז לעילא ולעילא זאָלן זיין די בריוולעך צום רעדימער זיידן מיט דער זילבערנער באָרד. דער לעהרער איז נישט געווען קיין היגער און ער האָט — ווייזט אויס — געמיינט, אַז וועדליק זיין זויבערקייט און זיין אבֿרהם אָבינודיקן הדרת־פּנים, דאַרף ד ע ר זיידע זיין אַ גרויסער משכיל און אַ תלמיד־חכם. אָבער דער זיידע האָט קוים, קוים געקענט חומש מיט רש״י. אַפילו יידיש פלעגט ער שרייבן קאָטשערעס מיט לאָפּעטעס; דייטש האָט ער זיך נאָר געקענט אונטערשרייבן. דערצו איז ער נאָך געווען אַ געלינקטער... קוים האָט זיך מיין זיידע אַנידערגעזעצט אונטערשרייבן אַ וועקסל, אָדער אַ דאָקומענט האָט ער געשוויצט ווי אַ פויער ביי די דריי צלמלעך. אין אַזעל־כע מאָמענטן פלעגט אַרום זיידן אויסגעלאָשן ווערן די גאַנצע גבירישע גלאָריע. נישט קיין נאָר — פלעגט ער זיך טאַקע היטן פאַר ספרים און פאַר טינט און פעדער און ווייסן פּאַפּיר... ער איז אַלע מאָל געווען אַרומ־גערינגלט מיט אַ שטאָב פון שרייבערס און שאַלאָטן־שמשים, וואָס האָבן פאַר אים אַלץ געלייענט און געשריבן, מחמת ער... דערזעט נישט גוט אויף דער עלטער.

די בריוו צו טאַטע־מאַמע און צו די זיידע־באָבעס אויסער־שטאָט האָב

איך געשריבן מיט אַלע קינדער צוגלייך און איך געדענק זיי שוין קוים. די הויפּט־בריוו, אַזוינס און אַזאַס, האָבן געדאַרפט גיין צום זיידן א י ז ש ט ע ט ל. אַמביציע האָב איך געהאַט אַ סך און דער הער לעהרער — אויך. און א י ך האָב מיר פּירגענומען, אַז אויב אַלע בריוולעך פון די צענדליקער אייניקלעך וועלן זיין אַזוינס און אַזאַס — וועט מיין בריוול זיין אַזוינס און אַזאַס... צווישן די אַזוינסן און אַזאַסן, און אין מיר האָט באַלד אַ בליץ געטאָן אַ געדאַנק: איך וועל שרייבן אַ ליד... מיין ערשטער געדאַנק וועגן אַ ליד.

איך האָב אין יענעם טאָג איבערגעוואָרט דאָס אַוועקגיין פון אַלע קינדער און איך האָב פאַרטרויט דעם לעהרער מיין סוד. און ער... איז שוין גרייט געווען פ אַ ר מ י ר דאָס ליד צו שרייבן... אָבער איך האָב אַפילו נישט געוואָלט הערן וועגן דעם. דאָס ערשטע ליד מיינס האָב איך אינגאַנצן זעלבשטענדיק פאַרפאַסט.

מיין קאָפּ האָט גענומען אַרבעטן בייטאָג און ביינאַכט. איך האָב גע־זוכט מוסטערן אין דער ביבליאָטעק פון אונדזער שטוב. מוסטערן פון פוי־ליש און פון דייטש, פון מיצקעוויטש און פון היינע... און איך האָב מיך גענומען צום פאַרפאַסן. וועגן ריטעם האָב איך נאָך אינגאַנצן נישט גע־ווּסט, וועגן גראַמען — יאָ; אויך וועגן דעם, אַז די צאָל טראָפן אין די שורות דאַרפן שטימען שורה ביי שורה. איך האָב אויך געוווּסט, אַז די גראַמען דאַרפן איבערשפּרינגען שורות. דער אָביעקט פון מיין ליד — זיי־דע־באָבע — האָבן זיך אין מיין פאַנטאַזיע אָפּגערוקט פון דער ווירקלעכ־קייט. איך פלעג קומען צו זיין אין שטוב און קוקן אויף זיי, קוקן, שעפּן דיכטערישע באַגייסטערונג... אַזש דער זיידע האָט מיך אַמאָל אַ פרעג גע־טאָן מיט חשד: וואָס קוקסטו אַזוי אויף מיר? ער איז בכלל געווען אַ שטיקל חשדניק, מיין זיידע. אָבער פאַר מיר האָט ע ר, און די באָבע, אַצינד אויפגעהערט צו עקזיסטירן אין דער ווירקלעכקייט — מיין באָבע איז אַזוי אַרום געווען מיין ערשטע מוזע... דעם זיידנס באָרד — די פליגלען פון מיין פעגאַז, וואָס איז דערווייל געווען נאָך אַן ערשט געבוירן לאָשיקל...

וואָס איך האָב דאָרט אין מיין ערשטן ליד צונויפגעשריבן, געדענק איך שוין נישט מער — איינע פון די פיל סטראָפן פון מיין ראש־השנה־ווונטש־ליד איז מיר געבליבן אין זכרון:

אָ גאָט, דו אַלמעכטיגער, אָ, גאָט דו גוטער,
אין אַלער פילע זאַלסטו געוועהרען, געבען
דעם פאַטער אונד דער מוטער פאַן מיינער מוטער —
איין לאַנגעס אונד איין שעהנעס, גליקלעכעס לעבען.

די גראַמען זענען מיר אָנגעקומען זייער שווער. איך האָב געזוכט, געזוכט — — ביז פּלוצלינג זענען זיי פאַר מיר אויפגעגאַנגען — ווי ניסים. איך האָב זיי נישט נאָר דערהערט און דערזען, נאָר זיי האָבן אַ לייכט געטאָן פאַר מיר. ג ע ב ע ן — ל ע ב ע ן — נישט נאָר גראַמט זיך עס, נאָר, דער עיקר, עס האָט אַ זינען — עס איז נישט מער די זינ־לאַזיקייט פון אַ גראַם פון אַ קינדערליד. גוטער — מוטער — ד אָ ס איז עפּעס גאָר געווען אַ נס.

אַלע קינדער האָבן מיך מקנא געווען; דער לערער איז געווען אין זי־בעטן הימל, און דערצו האָב איך, דער ע י ק ר אין י ע נ ע צייטן, נאָך געהאַט אַ שיינע האַנטשריפט אויך. און דאָך האָב איך אפשר צען מאָל געמוזט איבערשרייבן דאָס ליד אויף די געווירעטע בייגעלעך. איך האָב דאָס ליד מיינס פאַרצירט מיט רויטע און בלויע רייזעלעך. עטלעכע טעג פאַר ראש־השנה זענען די פיל צענדליקער בריוו פון דער גאַנצער משפחה־שולע געווען פאַרטיק. דער לעהרער האָט צונויפגענומען געלט אויף מאַרקעס, און ער אַליין האָט דעם גאַנצן טראַנספּאָרט עקספּעדירט ערב ראש־השנה אויף דער פּאָסט. אַוודאי אַ טוץ בריוולעך איז געגאַנגען בלויז אויף אונדזער זיידנס אַדרעס.

פּטור געוואָרן פון דעם שווערן עול פון ראש־השנה־גריזלעך, אַן עול וואָס מען האָט אים געטראָגן פון שבועות אָן, האָט זיך כמעט קיינס פון די קינדער מער נישט אינטערעסירט מיט דעם. אַנדערש אָבער — איך. איך האָב דערוואַרט לאַרבערן פון לויב, אויפמערקזאַמקייט; עס האָט געשוועבט אין דמיון: צו זיין דער משפחה־העלד פון היי־יאָריקן ראש־השנה.

איידער מען איז אַוועק אין שיל אַריין צום דאַווענען — דעם ערשטן טאָג ראש־השנה — האָב איך אַ לויף געטאָן צום זיידן. איך האָב געזען ווי דער בריוטרעגער קומט אַריין, גיט אָפּ דעם פּאַק בריוו. דער זיידע איז שוין לאַנג געווען אין קלויז. די דינסט האָט צוגענומען די בריוו; געגעבן

דעם בריוווטרעגער לעקעך־און־בראַנפן און אַוועקגעלייגט דאָס פּעקל אויפן קאַנצעלאַריע־טיש. מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ בין איך צוגעגאַנגען צו אַט דעם גרויסן טיש אין ווינקל פון גרויסן צימער. פון אַט דעם טיש האָט אייביק געשמעקט מיט לעקעך און בראַנפן און איינגעמאַכטס, ווייל אַ ליאַדע גע־שעפטלעכער באַזוך איז באַלד: — נעמט אַ טרונק זעקס און ניינציקער! פאַרבייסט! אויף אַט דעם טיש איז אויך געשטאַנען אַ גרויסער זייגער, אַ טורעם פון אַ מעשענעם געשטעל און גלעזערנע ווענטלעך, און מען האָט געקענט נעבן אים זיצן שעהן־לאַנג און זען גענוי ווי ער פונקציאָנירט, און ווי קלוג ער ווייזט די סעקונדן, מינוטן און שעהן — און ווי שכלדיק ער פאַרהעקלט זיינע מעשענע און שטאָלענע אינגעווייד, בשעת ער דאַרף וועקן... און אַט ליגן דאָ אויף דעם ראש־השנהדיק אויפגערוימטן טיש, אויף אַ יום־טובדיקן טישטוך — די בריוו. און מיין בריוו מיט מיין ערשטן ליד האָב איך אַוועקגעלייגט פון אויבן... באַלד נאָכן דאַוונען בין איך שוין ווידער אַהער געלאָפן, שטאָט צו גיין אַהיים. מיין הערצל האָט גע־פלאַטערט וועגן דעם גורל פון מיין ערשטן ליד...

— וואָס עפּעס אַזויפיל בריוו היינט — בלימע? — פרעגט דער זיי־דע ביי דער באָבען.

— איי יאָסל, יאָסל — דאָס האָבן דיר דיינע אייניקלעך צוגעשיקט ראש־השנה־גריזלעך.

— אַזויפיל געלט אויף מאַרקעס אַרויסגעוואָרפן...

— גיין שוין, גיי שוין, יאָסל —

— נו מאַ, מערטשעשעם נ אָ ך י ו ם ־ ט ו ב וועט מען עפענען. לייטשע — האָט ער געבעטן די מיטלסטע טאָכטער, די הויפּט־פירערין פון אַלע זיינע געשעפטן — וועסטו מיר איבערלייענען די בריוו, יאָ, מער־טשעשעם נאָך יום־טוב.

איך בין אַהיים געלאָפן און בשום־אופן נישט געוואָלט ענטפערן ווו איך בין דאָס אַזוי פאַרפאַלן געוואָרן פון אונטער די הענט אַ מינוט פאַרן זעצן זיך צום טיש צו דער סעודה. די גאַנצע וועלט האָט זיך איצט געדרייט אַרום מיר און אַרום מיין ביטערן סוד, מיין ערשטער ליטעראַרישער באַ־ליידיקונג און אַנטוישונג.

מוצאי ראש־השנה בין איך באַלד ווידער געוועזן ביים זיידן. קיינער

האָט וועגן די בריוו אַפילו נישט דערמאָנט, קיינער האָט זיי אַפילו נישט געדענקט. און ראש־השנה איז שוין סיי־ווי אַוועק. אַלעמענס געדאַנקען זע־נען שוין ביים יום־כיפור. וואָס בריוו, וואָס ראש־השנה־גריזלעך — וואָס — ווער — ווען?

ווי אַ גזלן מיט זינדיקע מחשבות, מיט ברענענדיקע בעקלעך פון בושה און צער, האָב איך אויף צו מאָרגנס דעם גאַנצן טאָג אַרומגעשלייכט אַרום דעם זיידנס קאַנצעלאַריע, און דער עיקר אַרום דעם שרייבטיש מיט דער שופלאַד, מיט דעם טוצן בריוו און צווישן זיי דאָס ערשטע ליד מיינס. און עס איז מיר געלונגען אָפּצוטשאַטעווען אַ רגע, ווען קיינער איז אין קאַנצעלאַריע־שטוב נישט געווען און איך האָב מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ, מיט שרעק, צער און בושה, אַ ר ו י ס ג ע ג נ ב ע ט מ יי ן בריוו מיט מיין ליד און אַרויסגעלאָפן מיט אים אויף דער גרויסער פּאַדווידע און אים צעריסן אויף פּיץ־פּיצלעך.

עפּעס אַזוי אַ טאָג־צוויי פאַר יום־כיפור האָט די מומע לייטשע זיך מרחם געווען אויף די איינינקלעכס שירה־גריזלעך לכבוד ראש־השנה. קינ־דער האָבן זיך דערמאָנט. מומעס האָבן גנעומען מאָנען. אפשר אויך מיין אייגענע מאַמע, וואָס האָט באַקומען אַ ווונק פון לעהרער, אַז איר מעזינעקס בריוול איז אַזוינס און אַזאָס. און מיין מאַמע האָט געהאָט אַ זינען פאַר די זאַכן. און ערשט איצט האָט די מומע לייטשע אַלע בריוו מיטאַמאָל, מיט אַ פינגער און מיט אַ האַרנאָדל געעפנט, און זיי אַלע אַ ל יי ן גע־לייענט און זיי אַפילו קיינמאָל דעם זיידן נישט געוויזן. מען האָט אַפילו באַזונדערס געזוכט מיין בריוול — אָבער מיין בריוול איז נישט געווען. און — חוץ מיין מאַמען, האָט זיך קיינער נישט געוווּנדערט — נאָך ווייי־ניקער האָט ווער באַדויערט.

דער קראָקעווער לעהרער איז אַ טאָג פאַר ערב יום־כיפור אומישנע אַריינגעגאַנגען צום זיידן, מכלומרשט אים צ: ווינטשן, אָבער אין דער אמתן צו הערן זיין לויב וועגן זיין בקיאות אויסצולערנען קינדער אַזוי שיין שרייבן... ער האָט עפּעס געערעדט, געערעדט, אָבער דער זיידע האָט עפּעס בכלל נישט געקענט פאַרשטיין, וואָס דער ייד וויל פון אים. די בריוולעך זענען אים לחלוטין אַרויס פון קאָפּ. אַזוי ווי מ י ר איז באַ־שערט געווען צופעליק אויך ביי ד ע ר סצענע צו זיין ביים זיידן אין

שטוב — האָבן מיר זיך ביידע אָנגעקוקט — דער קראָקעווער לעהרער און איך — ווי איינער רעדט: וואָס טוט זיך עס דאָ — אין וואָס פאַר אַ וויל־דער וועלט לעבן מיר? אַז אַזעלכע שיינע שירה־גריזלעך גילטן נישט — איז וואָס־זשע גילט?

נישט איינמאָל האָב איך אין מיין שפּעטערדיקן לעבן פונקט אַזוי מיך דורכגעקוקט אין ענלעכע סיטואַציעס מיט חברים דיכטער: אַז שיינקייט גילט נישט — איז וואָס־זשע גילט?

סיי־ווי איז אָבער דאָס ליד מיינס מ ק ו י ם געוואָרן — הלוואי אויף אַלע אַנדערע ווונטשן פון מיינע אַנדערע לידער געזאָגט:

אָ גאָט דו אַלמעכטיגער, גאָט דו גוטער
אין אַללער פּילּלע זאָלסטו געוועהרען, געבען
דעם פאַטער אונד דער מוטער פאָן מיינער מוטער
איין לאַנגעס אונד איין שעהנעס, גליקלעכעס לעבען.

זעקס און אַכציק יאָר איז מיין זיידע אַלט געוועזן — ווען ער איז אין יאָר 1916, נאָך אַן אָפּעראַציע, געשטאָרבן. אָבער וועגן זיין שטאַרבן וועט אפשר זיין אַ מעשה פאַר זיך.

# די לערערין מאַריאַ מאַטקאָווסקאַ

מיין ערשטע פוילישע לערערין האָט געהייסן מאַריאַ מאַטקאָווסקאַ. זי איז געווען אַ מיטלוואָקסיקע און האָט געהאַט אַ געבויגענע פּלייצע — כמעט אַ הויקער. און, ווי ביי אַלע געהויקערטע, האָט איר פּנים אַלעמאָל געהאַט אַן אויסדרוק פון אָנשטרענגונג. זי האָט געהאַט אַן אַליווער־פאַרביקע הויט, אַ סעמיטיש פּנים; אָבער דער אויסדרוק פון פּנים אַזאַ, אַז מען האָט באַלד דערקענט, אַז זי איז נישט קיין ייִדישע. זי איז געווען זייער אַ שיינע און איך האָב זי ליב געהאַט נאָך איידער זי איז געוואָרן מיין לערערין. איך האָב זי געקענט פון דער גאַס און געוווּסט, אַז זי איז אַ לערערין אין דער שטאָטישער שולע. און אַז איך בין דאָס ערשטע מאָל אַריין צו איר אין קלאַס — אַריינגעפירט דורך דעם דירעקטאָר פון דער שולע, און אַריין בין איך אין מיטן לערניאָר, ווייל צום אָנהייב לערניאָר בין איך נאָך קיין זעקס יאָר נישט אַלט געווען און מען האָט מיך נישט געוואָלט אַריינגעמען — און די לערערין מאַריאַ האָט מיך דערזען, איז זי שטאַרק רויט געוואָרן. אויך זי האָט מיך געקענט פון זען און אפשר געבענקט צו זיין אַ מאַמע פון אַזאַ קינד. ווי דען אַנדערש דאָס צו פאַרשטיין. און אויך איך בין שטאַרק רויט געוואָרן. ווער ווייסט מיינע סיבות. אַזוי איז עס געווען.

כאָטש איך בין אַריין אין מיטן לערניאָר אין קלאַס, בין איך באַלד אין זעלבן טאָג געוואָרן דער בעסטער תלמיד, ווייל איך האָב אין דער היים געלערנט ביי דער מאַמען און האָב שוין געקענט אַ סך מער ווי די אַנדערע תלמידים פון די דערפער — גרויסע, צעוואַקסענע, בייניקע, שטאַרקע, וואָס האָבן געקענט רייטן אויף פערד און פאַשען קי און זיך אַרומרייסן מיט הינט און זיך שלאָגן מיט חברים, און אַרויסרייסן ביי די מיידלעך פון שולע בשעת די פויזעס, דאָס ברויט פון פרישטיק. און די לערערין מאַטקאָווסקאַ האָבן אָט די יונגען פיינט געהאַט און זי האָט זיי פיינט גע־

האָט. זיי האָבן אויף איר אַרויסגעשטעקט די צונג הינטערוויילעכץ און נאָכגעקרימט איר הויקער.

צווישן די יונגען איז אויך געווען יוזיעק טשטערנאָסטעק, אַ זון פון אַ קאָוואַל. ער איז גראָד געווען אַ שטאַטישער און פאַר אים האָבן אַלע דאָרפישע מורא געהאַט אימת־מות, און בכלל די גאַנצע קלאַס. אַז ער איז אונטערגעוואַקסן איז ער פון גרעסטן לאַבוז אין קלאַס געוואָרן דער גרעס־טער שלעגער אין שטעטל. נאָר צו אַלע חסרונות זיינע האָט ער געהאַט איין מעלה — ער האָט ליב געהאַט יידן. אין קלאַס האָט ער פאַרטיידיקט די יידישע יינגלעך און אַז ער איז אונטערגעוואַקסן האָט ער גוט געלעבט מיט יידן. די זאַך האָט אים שוין אין שולע געברענגט רווחים — דאָס איז אמת. אָבער צוערשט איז געווען זיין ליבשאַפט צו יידן און שפּעטער זע־נען ערשט געקומען די רווחים. די ליבשאַפט צו יידן האָט ער באַקומען בירושה פון זיין פאָטער און זיינע זיידעס. יענע האָבן געאַרבעט און גע־האַנדלט מיט יידן זינט יאָרן. ווען נישט דער שוץ פון יוזיעק טשטערנאָס־טעק וואָלט איך אפשר בכלל נישט איבערגעלעבט מיינע ערשטע קלאַסן אין דער פּוילישער שולע.

איך ווייס נישט צי מאַריאַ מאַטקאָווסקאַ איז געווען אַ גוטער פּעדאַ־גאָג. גיכער נישט ווי יאָ. אירע מעטאָדן האָבן געפּייניקט אַפילו איר באַ־ליבטסטן תלמיד, אַ פשיטא שוין די גאַנצע קלאַס. ווי נאָר וועגן פון די תלמידים האָט עפּעס נישט אַקוראַט געקענט, האָט זי באַלד מיך אַרויס־גערופן, אַז איך זאָל ווייזן, אַז עס איז יאָ מעגלעך. און ביי מיר איז אַלץ טאַקע מעגלעך געווען. שרייבן און לייענען און רעכענען און קענען לידער פון אויסנווייניק און ענטפערן אויף רעטעניש און זיצן שטיל און זינגען און אַפילו ריטמיש און שיין מאַכן גימנאַסטיק — אַלץ האָב איך געקענט בעסער.

פון צייט צו צייט פלעגט די לערערין מאַטקאָווסקאַ דורכפירן אין קלאַס שטראָף־עקספּעדיציעס. איר קלאַס איז געווען צעטיילט אין צוויי צעקריגטע פראַנטן. פון איין זייט די פויערים־יונגען, סקאַמפּאַניעט מיט אַ פּאַר שטאָטישע גולמס און צוויי־דריי צוריקגעשטאַנענע יידישע יינג־לעך פון די אָרעמסטע גאַסן אין שטעטל. די אַלע פון דעם פראָנט זענען אויך געווען עלטער אין יאָרן פון די יינגלעך פון אַנדערן פראָנט. אייניקע

פון זיי אַפילו שוין צען־יעריקע. אין אינטעליגענטערן פּראָנט זענען גע־וועזן די שטאָטישע קינדער; קינדער פון באַאַמטע, קינדער פון די מער פאַרמעגלעכע יידישע תושבים פון שטעטל, איך — און אויך טשטערנאָס־טעק. גאָט איז געווען גנעדיק און האָט טשטערנאָסטעקן געגעבן אַ גוטן קאָפּ. און כאָטש ער איז געווען אַ לאָבוז און שוין ניין יאָר אַלט, איז אים אָבער אָנגעקומען גרינג דאָס לעבן בשלום מיט דער לערערין. און ער האָט זי אַפילו פאַרטיידיקט קעגן די דאָרפישע יונגען. געווען איר אַדיוטאַנט.

די שטראָף־עקספּעדיציעס האָט די לערערין מאַטקאָווסקאַ דורכגע־געפירט אַליין. אָבער איר געהילף איז געווען יוזיעק. און איך — איר שטענדיקער עדות. מיין ליבע צו דער לערערין מאַטקאָווסקאַ האָט, צוליבן שטענדיקן באַנוצן זיך מיט מיר ווי אַן עדות פון אַלץ קענען, נישט צו לאַנג אָנגעהאַלטן. אָבער איר ליבע צו מיר איז קיינמאָל נישט קלענער גע־וואָרן. דריי יאָר בין איך געווען איר תלמיד. דריי יאָר כסדר איר בעס־טער תלמיד. די אומאויפהערלעכע ראָל האָט געפייניקט. באַוווסטזי־ניק און אומבאַוווסטזיניק. יעדע שטראָף־עקספּעדיציע, און זיי זענען גע־וועזן וועכנטלעכע, האָט זיך אָנגעהויבן מיט עקזאַמענירן די העפטן. די היים־אויפגאַבעס, מיט אויסרעכענען די באַגאַנגענע זינד, מיט לאַנג דע־קלאַמירן לידער אויף אויסנווייניק, מיט רעכענען אויף דעם טאָוול מיט קרייד, מיט דיקטאַטן. און ביי יעדער געלעגנהייט — צענדליקער מאָל בשעת אַזאַ שעה:

— זיגמונט בערגנער — זאָג דו, ווייז דו, רעכן דו, דעקלאַמיר דו, ענטפער דו.

און איך האָב אַלץ געוווסט — אַ מאַשין פון וויסן. און דער כעס פון די נישט־וויסערס איז געווען מוראדיק קעגן מיר. נישט קיין קנאה, נאָר סתם כעס. איך האָב געהאַט איין ברירה: אָנהויבן שפּילן אַ נישט־וויסער. און דאָס וואָלט געהייסן פּשוט: רעוואָלטירן. דערצו האָב איך נישט גע־האַט דעם מוט.

נאָך אַזאַ שטראָף־עקזאַמען זענען געווייניטלעך אויסגעטיילט געוואָרן אַ זעקס יינגלעך צום שמייסן. זיי האָבן זיך גערדאַרפט אויסשטעלן ביי דער וואַנט אין דער ריי לויט זייער הייך — דער העכסטער אַלס ערשטער. צום שמייסן האָט יעדער גערדאַרפט אַנידערקניען ביי אַ נידעריקער שטול, אויפ־

הייבן דעם רעקל און זיך אַריבערלייגן. די פּויערים־יונגעץ האָבן נישט גע־טראָגן קיין אונטערהויזן און די מייסטע — די העמדער איבער די הויזן, און דאָס שלאָגן האָט זייער ווי געטאָן. דאָס ים־שטעקעלע האָט געשמיסן כמעט אויפן נאַקעטן לייב. דערצו האָט יוזיעק טשטערנאַסטעק נאָך גע־האַט די אויפגאַבע אָנצוצי̇ען די הויזן, ביי די געשלאָגענע, אַז די פאַלדן פון שטאָף זאָל נישט צו פיל איינזאַפּן דעם כוח פון די קלעפּ. און די קלעפּ זענען איינגעטיילט געוואָרן מיט אַ ים־שטעקעלע, וואָס פלעגט זיך בויגן אין דער לופטן און צופייפן ביי די גיכע קלעפּ. געשלאָגן האָט די לערערין מאַריאַ מאַטקאָווסקאַ אַליין. זי פלעגט דערביי שטאַרק רויט ווערן און ציילן מיט אַ שאַרפער שטימע: איינס, צוויי, דריי, — — — — אַמאָל ביז זעקס, אַמאָל ביז צען, אַמאָל נאָך מער. אַלעמאָל האָט זי גע־האַט אַ מעלאָדישע און טונקעלע שטימע, פונקט ווי איר שיין פנים, און נאָר ביים שלאָגן האָט איר שטימע געגרילצט און אַזש געפּייפט און די שורה ווייסע ציינער האָבן געבליצט און דער הויקער האָט ביים שלאָגן שאַרף זיך געהויקערט, העכער געוואָרן ווי דער קאָפּ אירער מיט דער קרוין שוואַרצע פלעכטן אויף אים.

מיר פלעגט זיך פאַרדרייען דער קאָפּ ביי אַט די עקספּעדיציעס. דער עיקר ווען מ'עז האָט געשלאָגן אַ בייניק־דאַרן יונג און מען האָט געהערט ווי דאָס ים־שטעקעלע שלאָגט זיך אָן אָן ביינער אונטער דער הויט — אַזוי האַרט האָט עס אָפּגעקלונגען, ווי דאָס וואָלט געוועזן האָלץ. פאַר־שידן האָבן די יינגלעך רעאַגירט אויף די קלעפּ. אייניקע האָבן געדעוועט, אַנדערע האָבן געשוויגן ווי טויטע, אַנדערע האָבן געדאַוונט, אַנדערע האָבן געוויינט, געשאָלטן, אַנדערע האָבן זיך אַ ריס געטאָן און —— — באַלד אַריינגעפאַלן אין די אייזערנע הענט פון יוזיעק טשטערנאַסטעק... אַנדע־רע זענען נאָך דער עקספּעדיציע געוועזן ווייס ווי קאַלך, אַנדערע רויט ווי בוריק. געוועזן אויך אַזעלכע, וואָס זענען באַלד נאָכן שלאָגן צוגעגאַנגען אויף די קני̇ען צו דער סאַפּענדיקער לערערין און זי געקושט אין די הענט.

און איך — בין געוועזן דער שטענדיקער עדות — נישט דער גורם פון דעם שלאָגן. און דאָך דער גורם. און אויף מיין זייט איז געוועזן טשטערנאַסטעק — אַזיסט וואָלט איך מיט דעם לעבן נישט אַנטרונען נאָך די עקספּעדיציעס, כאָטש איך בין אַלע מאָל גרייט געוועזן אַלע די דאָרף־

יונגען צו העלפן ביי זייערע אויפגאַבעס, געלאָזט זיי אָפּשרייבן פון מיינע העפטן וויפל נאָר זיי האָבן געוואָלט. אונטערגעזאָגט זיי ביי די לעקציעס יוו און ווען נאָר מעגלעך. און דאָך — בין א י ך געווען דאָס קינד פון גליק. הבל...

און יאָרן זענען אַוועק אַ סך, אַ סך —

און איינמאָל — און עס איז שוין געווען מער ווי דרייסיק יאָר נאָך די דריי יאָר אין דער עלעמענטאַר־שולע אין מיין שטעטל — האָב איך באַגעגנט אויף מיינע ווייטע וועלט־רייזעס אַ פרוי, וואָס איר פּנים איז געווען אַ קאָפּיע פון דעם פּנים פון דער לערערין מאַריאַ מאַטקאָווסקאַ — און אַז ז י האָט מיך דערזען דאָס ערשטע מאָל, און איך האָב זי דערזען, זענען מיר ביידע רויט געוואָרן פון אַ פּלוצלינגען אינעווייניקסטן אויפברויז און עס איז געווען אַ ליבע אויפן ערשטן בליק, וואָס האָט געדויערט פונקט דריי יאָר...

און — נאָך אַן איבערבלייב אין מיר נאָך דער לערערין מאַטקאָווסקאַ:

ווען מען לויבט מיך בפני כל עם ועדה, און עס זענען דערביי דאָ אַנדערע, וואָס מען לויבט זיי נישט, אָדער מען קריטיקירט זיי גאָר — באַפאַלט מיך די זעלביקע שרעק וואָס איז מיך באַפאַלן ווען די לערערין מאַטקאָווסקאַ פלעגט מיך רימען פאַר מיין קענען רעכענען און שרייבן און לייענען. און איך פאַל ביי זיך אַראָפּ. און עס ווילט זיך לויפן, אַנטלויפן. און כאָטש לויב פרייט — שרייט אָבער אַן אינערלעכע שטימע אין מיר, שטאַרקער און שטאַרקער: רייס מיך אַראָפּ! רייס מיך אַראָפּ און עס וועט מיר זיין גוט! וואָס זענען זיי שולדיק! און פאַר מיינע אויגן דערשיינט דעמאָלט די שורה גרויסע, צעוואַקסענע, בייניקע, שטאַרקע דאָרפס־יונגען, וואָס האָבן געקענט רייטן אויף פערד און פאַשען קי און זיך אַרומרייסן מיט הינט און זיך שלאָגן מיט חברים און אַרויסרייסן ביי מיידלעך דאָס ברויט פון פרישטיק בשעת די פויזעס. און איך הער דאָס סווישטשען פון ים־שטעקעלע, און איך זע די אָנגעצויגענע הויזן, און פון צייט צו צייט הער איך דאָס דינע, און ווי שטאָל שטאַרקע, ריטל גיט אַ קלאַפּ אָן אַ ביין ווי אַ שטיק האָלץ וואָלט דאָרט געווען אונטער דער הויט.



# טאַדזשקאַ און אַוואַלדי

מען זאָגט, אַז מוט איז אין דער אמתן אַן אויסדרוק פון פּחדנות. אַזוי זאָגט מען, אָבער איך גלויב נישט אין דעם. וואָרעם אויב אַזוי — וואָלט דאָך פּחדנות געדאַרפט זיין אַן אויסדרוק פון מוט... און אַזוי ווי איך גיי דאָ דערציילן וועגן דעם אור־קוואַל פון דעם פּחדנות, וואָס באַגלייט מיך דאָס גאַנצע לעבן מיינס, וועט שוין שווער זיין שפּעטער, גאַנץ שווער, מיט דער טעאָריע. אַז פּחד איז אַ קינד פון מוט. און דאָך האָב איך אָפט אין לעבן געטאָן זאַכן, וואָס האָבן געפאָדערט מוט. אָבער — עוד היום גדול און פּאַפּיר און טינט איז נאָך דאָ אַ סך. און איך שטיי דאָך ערשט ביים אָנהייב פון דעם מעשה־בוך פון מיין לעבן.

טאַדזשקאַ האָט אויך געהייסן טאַדזיאַ און אַוואַלדי האָט אויך געהייסן וואַלדוך, הויבט זיך אָן די מעשה.

טאַדזשקאַ איז געווען אַ סוקע און אַוואַלדי אַ הונט־ער. טאַדזשקאַ איז געווען אַן אַפּטייקערין און אַוואַלדי איז געווען אַ דאָקטער. דאָס הייסט — נישט זיי זענען געווען אַזעלכע הויכע שטעטלשע אינטעליגענטן, נאָר זיי האָבן באַלאַנגט אַזוי: טאַדזשקאַ צום אַפּטייקער מאַרצעלי שוויעכאָווסקי און אַוואַלדי צום דאָקטער יוזעף מאַליק. און ביז צו מיין זיבעטן יאָר האָבן מיר געוווינט, אַ הויז נעבן אַ הויז, ביי דער אַפּטייק פון שטעטל. און פון מיין זיבעטן יאָר, ביז איך בין אַוועק אין דער וועלט אַריין, האָבן מיר געוווינט אין איין הויז, אויפן ערשטן שטאָק, אַ טיר נעבן אַ טיר מיטן דאָקטער.

טאַדזיאַ און וואַלדוך זענען געווען ראַסאָווע, שוואַרצע. קודלאַטע הינט און זייערע שוואַרצע פעלן האָבן געגלאַנצט און זיך געלאָקט ביי יעדן שפּרונג. און געשפּרונגען זענען זיי זייער אַ סך, ווייל עס איז זיי געגאַנגען גוט. זיי ביידע האָבן זיך נישט געקענט, ווייל זיי האָבן געלעבט אין אַנדערע צייטן, עטלעכע יאָר געערוקט איינער פון אַנדערן. אָבער איז

מיין דמיון זענען זיי אײנס — איין שטיק טעראָר און איין סאָליד שטיק פּחד.

טאַדזשקאַ איז געווען אַ קליינטשיקע, נישט קיין שרעטעלע, נאָר אַ קליין־געוואוקסיקע. מסתמא האָט איר ראַסע אין הינט־לעקסיקאָן אַ נאָמען. נאָר דאָס אינטערעסירט אונדז דאָ נישט. אַוואַלדי איז געווען אַ ריז, די גרויס פון אַ קאַלב. ביידע האָבן זיי געדינט אין פלעצער, ווו קראַנקע און שוואַכע פלעגן אָפּט קומען; קראַנקע, וואָס זייער הויט, אָדער זייערע ווונדן פלעגן אַרויסגעבן אַ ריח — און דווקא אויף זיי פלעגן אָט די הינט אָנ־פאַלן. פון צייט צו צייט האָבן זיי אויך געביסן. זיי זענען געווען אַריס־טאָקראַטן און די געוויינטלעכע הינט־געזעצן זענען אויף זיי נישט חל גע־ווען. קיין הינט־שלעגער האָט זיי נישט געוואַגט אָנצורירן און קיין דראָ־טענעם קויש אויפן פּיסק האָבן זיי זייערע באַלעבאַטים נישט אָנגעטאָן. און קיינער האָט גאָרנישט געוואָגט דאָס פאַרצולייגן.

די שטאָט קינדער זענען געווען איינגעטיילט אין אַזעלכע, וואָס האָבן פאַר טאַדזשקאַן און שפּעטערצו פאַר אַוואַלדין נישט מורא געהאַט און זיך אַפילו געשפּילט מיט זיי — און אין אַזעלכע, וואָס האָבן פאַר זיי יאָ מורא געהאַט. און די מייסטע קינדער אין גאַס אין אונדזער שטעטל זענען געווען ייִדישע. און איך האָב דווקא באַלאַנגט צו די קינדער, וואָס האָבן פאַר טאַדזשקאַן נישט קיין מורא געהאַט. נאָך מער צוליב דעם, ווייל לרוב האָב איך מיך אין גאַס געפונען אין דער באַגלייטונג פון אַ דינסט.

און איינמאָל — און עס איז געווען אַ האַרבסטיקער פאַרנאַכט, און בין מסתמא דעמאָלט פיר, אָדער פינף יאָר אַלט געווען — האָב איך מיך פאַרשפּילט מיט טאַדזשקאַן און זייער ווייט אַוועק מיט איר פון דער דינסט, וואָס איז געזעסן מיט איר זעלנער אויף דער שטיינערנער באַנק, וואָס איז געשטאַנען פאַר דער אַפּטייק. און עס איז געוואָרן שפּעטלעך און נאָך טונקעלער און איך האָב שוין געוואָלט צוריקגיין צו דער דינסט. אָבער נישט טאַדזשקאַ. און איך האָב אָנגעהויבן צו איר צו רעדן, אָבער זי האָט געבליצט אויף מיר מיט אירע בייזע אייגעלעך און אירע ווייסע ציינדלעך און איך האָב דערזען אירע ווייסע רייס־ציינער צום ערשטן מאָל און איך האָב מיך זייער דערשראָקן. אויף טויט. אפשר דאָס ערשטע מאָל אין לעבן אויף טויט דערשראָקן. און איך האָב אָנגעהויבן צו לויפן — און טאַדזשקאַ

נאָך מיר. איך האָב געטראָגן גאַנצע שיך מיט קורצע זאָקן און באַלד האָב איך דערפילט אַ ביס. די וועלט האָט זיך אַ דריי געטאָן אין די אויגן און עס האָט זיך גערדאַכט, אַז אַ האַלבער פוס איז אָפּגעשיילט און איידער וואָס ווען איז דער אַנטלויפער געווען אויף דער ערד און טאַדזשקאַ אַרום אים פון אַלע זייטן — אַזוי ווי עס וואָלטן פּלוצלינג געוואָרן זייער אַ סך טאַדזשקאַס און זיי בייסן אומעטום — די גאַנצע וועלט איין טאַדזשקאַ און זי בייסט און צעבייסט אַלץ. און אַז איך האָב אויפגעמאַכט די אויגן איז פון דעם בילן, וואָס עס האָט זיך גערדאַכט, אַז עס בילט די גאַנצע וועלט, שוין נישט געווען מער גאָרנישט און אַ גרויסע שטילקייט און איך ליג אין דער מאַמעס גרויסן בעט און אויף מיר קוקט דאָס בלויע ליכט פון דער „אַמפּל", וואָס האָט געהאַנגען אין דער שלאָפשטוב פון טאַטע־מאַמע.

קיין חולה מסוכן בין איך נישט געווען. קיין הידראָפאָביע האָב איך נישט באַקומען, ווייל טאַדזשקאַ איז געווען זייער אַ באַזאַכט הינטל און גאַנץ ווייט פון משוגעת. פון דעסטוועגן האָט מען מיך געהאַלטן עטלעכע טעג אין בעט. נאָר דאָס בילד — ווי אַזוי די גאַנצע וועלט פאַרוואַנדלט זיך פּלוצלינג אין צענדליקער בייזע הינט־פּרצופים און אַלע קולות פון דער וועלט אין אַ בייז געביל — אָט דאָס בילד איז מיר שוין געבליבן אויף אייביק און מיט אים צוזאַמען אַ סך שרעק און — דער עיקר — פחד פאַר הינט.

איך האָב מיך מיט דעם פחד געשעמט. איך האָב מיך געוואָלט שטאַרקן. מען האָט אַריינגענומען אין שטוב אַריין אַ הונט — נאָר עס האָט נישט געהאָלפן. צווישן קינדער האָב איך מיך מיט אָט דעם שטוביקן הונט געשפּילט. נאָר אַז מיר זענען געבליבן אויג אויף אויג האָבן מיר ביידע געגומען קוקן אויף זיך מיט חשד. אויך אין דער שולע איז געווען אַ הונט, וואָס איז אָפּט געווען מיין פּחד. ער האָט קיינמאָל קיינעם נישט געביסן, אָבער ער איז געווען אַ גרויסער בילער. נאָר אין שולע זענען געווען אַלעמאָל חברים צו וועלכע מען האָט זיך געקענט צוטוליען ביים פאַרבייגיין דעם הונט... און עס זענען בכלל געווען נאָך קינדער־פּחדנים — איז געווען היימלעכער.

אַזוי גיך מיר האָבן זיך אַריינגעצויגן אין דער גרויסער קאַמעניצע

און געוואָרן שכנים פון דאָקטער מאַליק — איז טאַדזשקאַ פאַרשוווּנדן פון מיין האָריזאָנט און עס איז אויפגעשוווּמען אַ ריזן־טאַדזשקאַ און זיין נאָמען איז געווען אַוואַלדי. טאַדזשקאַ איז שוין דעמאָלט — דאַכט זיך — בכלל געווען אויפן עולם האמת.

אויף די האַלצערנע טרעפּ פון דעם הויז איז געשטאַנען אַן אייביקע פינצטערניש און אין אָט דער פינצטערניש איז זייער אָפט געלעגן אַוואַלדי און געטשאַטעוועט אויף... פּאַציענטן. זומער פלעגט ער ליגן אונטן אין קאָרידאָר אויף דער שטיינערנער בריק און געכאַפּט פליגן און אויך גע־וואַרט אויף פּאַציענטן. אַרויסגיין פון שטוב — האָט געהייסן דורכגיין דעם אַוואַלדי־קאָרדאָן. און נאָר ווען ער איז געווען זייער זאַט, אָדער זייער מיד נאָך זיינע ראָמאַנטישע איבערלעבונגען מיט די סוקעס פון גאַנ־צן שטעטל (זיי אַלע האָבן באַלאַנגט צו זיין האַרעם) פלעגט ער זיך נישט געבן אַ הייב אויף ביים פאַרבייגיין אַרום אים. דעמאָלט האָט מען נאָר געזען דעם ריזיקן תהום פון דעם שוואַרצן פּיסק, וואָס ער מאַכט אַלעמאָל אויף צו פאַרצוקן אַ... פליג.

קוים האָט אַוואַלדי דערהערט דאָס טורקען פון אַ פּויעריש וועגעלע איבערן ברוק אויפן מאַרק איז ער שוין געווען אויף די פיס. אפשר איז עס אַ פּויערישער פּאַציענט און די פּויערים האָבן מיט הכנעה אויפגענו־מען דעם דאָזיקן ערשטן גרוס פון דעם, וואָס עס דערוואַרט זיי ערשט אין קאַבינעט פון דאָקטער. דאָ פלעגט מען זיי פאַרנייען די ווונדן אָן שום אַנעסטעזיע, רייסן ציינער ווי מען רייסט טשוועקעס. נישט פון רשעות, ווייל דער דאָקטער איז דווקא געווען אַ גוטער — נאָר דאָס איז געווען דער נוסח.

צוליב עפּעס אַ סבּיה האָט אַוואַלדי מיט אַ מוראדיקן געוואַי רעאַגירט אויף דעם טרומייטערן פון די אולאַנער, וואָס פלעגן יעדן טאָג אין דער פרי דורכרייטן דורך דעם מאַרק פון די קאַזאַרמעס צו זייערע איבונגען אויף די ברייטע לאָנקעס פון יענער זייט קאָשטשיאַל. די פערד זענען גע־ווען צוגעוווינט צו זיין נאָכיאָגן זיי מיט דעם ווילדן קאָנצערט און האָבן זיך נישט געלאָזט שטערן אין זייער ריטמישן גאַנג. אָבער אַז נייע פערד זענען צוגעקומען זענען זיי אָפט אַרויס צוזאַמען מיט די רייטער פון די רייען און גאַלאָפּירט דורכן שטעטל און אַוואַלדי נאָך זיי.

און איינמאָל האָב איך אויך מיט אַוואָלדין געהאַט אַן איבערלעבונג — ענלעך צו דער טאַדזשקאַ־איבערלעבונג: גיי איך מיר אַזוי שטיל אַרויס פון שטוב אין פינצטערן קאָרידאָר מיט די האָלצערנע טרעפּ און ניוכע און איך זע נישט קיין שום אַוואָלדי און גיב אַ זאָרגלאָזן זינג און שפּרונג אַראָפּצולויפן פון די טרעפּ. און פּלוצלינג פּיל איך, אַז איך בין אַרויף אויף עפּעס אַ ריזיקער ווייכער מאַסע, אַ קודלאַטער און וואַיענדיקער און איך נעם די מאַסע פאַר שרעק אַרום און די מאַסע מיך און מיר קאַטשען זיך ביידע פון די טרעפּ אַראָפּ, אַראָפּ, אַראָפּ — און עס דאַכט זיך מיר, אַז אין לעצטן אָפּגרונט אַריין. אַ מוראדיקע לאַקאָאָן־גרופּע פון צוויי קעפּ, צוויי גופים, זעקס פיס און צוויי הענט — פּעך־שוואַרץ איינע און קרייד־ווייס די אַנדערע. און אַז מיר זענען שוין ביידע, נישט טויט און נישט לעבעדיק, געווען אונטן אויף דער שטיינערנער בריק, האָט זיך אַוואָלדי אַ ריס געטאָן און פונקט מיט אַזאַ געוואַלד, ווי ער פלעגט נאָכיאָגן די טרר־מייטערס פון די אולאַנער, האָט ער זיך איצט אַ לאָז געטאָן איבערן שטעטל און איך צוריק אין שטוב אַריין. אַ גאַנצע שעה בין איך געווען שטום און די מאַמע האָט פון מיר גאַרנישט געקענט אַרויסקריגן, וואָס עס איז געשען — שפּעטער האָב איך גענומען לאַכן און לאַכן... איך בין שוין דעמאָלט אַ ניין יאָר אַלט געווען. געלאַכט האָט אָבער נאָר דאָס מויל און די פרייד, וואָס איך בין לעבן געבליבן. אָבער צוזאַמען מיט דער פרייד איז געבליבן אויפן גאַנצן לעבן אַ שרעק — און נישט נאָר פאַר הינט.

טאַדזשקאַ און אַוואָלדי זענען שוין לאַנג, לאַנג אויף דער וועלט נישטאָ... און דאָ וואָלט געדאַרפט קומען די מאָראַל פון דער מעשה, אָבער אָט די מעשהלעך ווילן זיין מעשהלעך סתם. זאָל־זשע זיך יעדע לייענערין און יעדער לייענער צוטראַכטן אַזאַ מאָראַל ווי אים איז ליב.

# גייסטער־טישעלעך

לאָמיר אָנהייבן די מעשה אַזוי: מיין טאַטע האָט געהאַט אַ קוזין אין אונדזער שטעטל רעדים. האָט ער געהייסן בעננאָ בערגלאַס. אַ הויכער, אַ לאַנגדיקער, אויגן־גלעזער, אַ פראַנצויזיש שפּיץ־בערדל רויטלעך־בלאָנד, זייער עלעגאַנט אָנגעטאָן, זיין פאַך — אַ טראַפיקאַנט (אַ טראַפיק האָט אין גאַליציע געהייסן אַ טאַבאַק־געשעפט), און מיין מאַמע האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו אים. און ער — צו מיין מאַמען. בעננאָ בערגלאַס האָט שפּעט חתונה געהאַט, שוין אפשר דרייסיק יאָר אַלט געווען. זיין ערשטן נאָמען „בעננאָ" האָט ער באַקומען פון זיין ווייבל בינגאַ — ביז דעמאָלט האָט ער געהייסן ברוך. אויך בינגאַ, אָדער בינטשע, איז געווען אַרום דרייסיק יאָר אַלט צו איר חתונה. זי איז געווען אַ הויכע, אַ מאָגערע, אַ רויטלעך־בלאָנדע, האָט געערעדט זייער האַרציק. האָט געשטאַמט פון דראָ־האָביטש, איר מיידל־נאָמען איז געווען ליבערמאַן און זי איז געווען אַ קרובה פון דעם באַרימטן סאָציאַליסטישן דעפּוטאַט פון עסטרייכישן פּאַר־לאַמענט ד"ר הערמאַן ליבערמאַן. זי איז טאַקע זייער ענלעך געווען צו אים. און צו בינגאַ ווידער האָט מיין טאַטע געהאַט אַ שוואַכקייט, אויך זי צו אים.

דער דאָזיקער אָנהייב פון דער מעשה האָט בלויז אַ נישט דירעקטן שייכות צו איר. עס איז אָבער גרינגער צו פאַרשטיין די מעשה, אַז מען קען דעם הינטערגרונט.

אין איין שיינעם טאָג האָט זיך — כמעט גאַנץ אומגעריכט — אין דער משפחה פון בעננאָ און בינגאַ בערגלאַס באַוויזן אַ גרושה. יונג — אין די צוואַנציקער. שיין — ווי אַלע שיינע פרויען צוזאַמענגענומען. יעדנ־פאַלס אין מיינע — דעמאָלט ניין־יעריקע אויגן. בעקלעך ווי די רויזן, אָבער ממש ווי די רויזן, און שמעקעדיק אַזוי. אויגן ווי שוואַרצע קוילן מיט אַ פונק אַ גליענדיקן אין יעדער קויל. דינע, ווייסע הענט ווי פון אַ האַרפן־שפּילערין. שוואַרצע האָר, פאַרפלאָכטן אין גרעקלעך אויף די אויערן און

די גאַנצע גרושה — נישט קיין גרויסע, און אויך נישט קיין קליינע. גע־זונט און פריש. די שטים — אַ זילבער־גלעקל. חן־גריבלעך אין ביידע בעקלעך — און זיי זענען אַלעמאָל געווען טעטיק, ווייל די גרושה האָט אַלעמאָל גערעדט און ריידנדיק אַלעמאָל דערציילט עפּעס פריילעכס און זייער אָפט — אַ וויץ. גערעדט האָט זי גלייכצייטיק אין פיר לשונות — פּויליש, דייטש. אוקראַיִניש און ייִדיש, דאָ און דאָרט אויך אַ פראַנצויזיש וואָרט. און גלייכצייטיק מיינט  ט אַ ק ע  גלייכצייטיק. כמעט אין יעדן זאַץ די אַלע פיר לשונות און דערצו אַ פראַנצויזיש פעפערל.

ווי אַזוי האָט די גרושה געהייסן? איך געדענק נישט. אפשר האָב איך גאָר קיינמאָל נישט געוווסט. זי האָט באַלד באַקומען אַ צונאָמען אין דער משפחה „וועסאָלאַ ראַזוודקאַ״, די פריילעכע גרושה. אפשר איז איר פאַמיליע־נאָמען געווען ליבערמאַן, ווייל זי איז געווען אַ נאָענטע קרובה פון בינגאַ בערגלאָס.

די פריילעכע גרושה איז געקומען אין מיטן ווינטער, עס האָט גע־מוזט זיין אין יאָר 1902. אָפּגעווען אַ וואָכן זעקס ביי די בערגלאָסעס און נעלם געוואָרן. זי איז נישט געקומען אָן אַ כוונה אין שטעטל אַריין פון איר כרך גדול דראָהאָביטש, אָדער דרוביטש — אויף פּראָסט ייִדיש. מש־מעות, אַז דאָ איז געווען פאַרמישט אַ שידוך מיט איינעם פון די צוויי פריי־לידיקע יונגע ייִדישע אַדוואָקאַטן, וואָס זענען דעמאָלט אין שטעטל געווען. און אפשר אַן אַנדערע כוונה — וואָס איך האָב אין יענע יאָרן נאָך נישט פאַרשטאַנען. וואָס איך האָב אָבער יאָ פאַרשטאַנען און גע־דענק עס אַזוי ווי עס וואָלט געשען נעכטן — איז, אַז צוזאַמען מיט דער יונגער גרושה האָבן זיך באַוויזן די גייסטער פון אונדזערע פאַרשטאָרבע־נע עלטער־באָבעס און עלטער־זיידעס ביזן פערטן דור. דאָס קלינגט זייער מאָדנע, אָבער אַז מען וועט לייענען די מעשה ווייטער — וועט אַלץ קלאָר ווערן.

די פריילעכע גרושה איז געווען אַ ליידנשאַפטלעכע קאָרטן־שפּילע־רין און אויך אַ ליידנשאַפטלעכע ספּיריטיסטקע. און ביידע זאַכן זענען דעמאָלט געווען אין דער מאָדע ביים מיטלשטאַנד. אַז די גרושה האָט זיך אַוועקגעזעצט צום קאָרטן־טיש מיט אַ געזעלשאַפט, האָבן זיך באַלד די זילבערנע און ניקלנע מטבעות אָנגעהויבן צו ציִען צו איר אַזוי ווי צוגע־

צויגן מיט עפּעס אַ ספּעציעלן מאַגנעט. און זי האָט כסדר געלאַכט מיט אירע רויטע חן־גריבלעך אויף די רויזן־פּאַרביקע בעקלעך און אַלע האָבן מיטגעלאַכט און פאַרשפּילט ווי פאַרכישופטע. אָבער נישט וועגן די קאָרטן־טישן דערצייל איך דאָ מיין מעשה און נייערט וועגן די גייסטער־טישע־לעך.

אָפּגעשפּילט אַן אָוונט — און עס איז נאָך געווען גאַנץ פרי — ווייל לאַנג אַן אַ שיעור זענען די ווינטער־נעכט אין די קליינע שטעטלעך — אָפּגעוווּנען אַלע זילבערנע און ניקלנע מטבעות ביי אַלעמען — פון פאַר־שפּילן פּאַפּיר־געלט האָט מען זיך אין לייטישע היימען געהיטן — האָט איינמאָל די גרושה אַ פרעג געטאָן, צי אין הויז ביי אונדז געפינט זיך אַ טישל, וואָס איז אין גאַנצן פון האָלץ אָן אַ סימן פון אַ מעטאַלענעם טשוואָק? מיין טאַטע, וואָס איז אויך נישט געווען אַ יוצא מן הכלל און אויך אַביסל פאַרקאָכט אין דער גרושה — איבעריקנס זענען אויך אַלע פרויען אין איר געווען פאַרליבט און זי האָט עפּעס בכלל נישט אָנגעאַר־בעט קיין אייפערזוכטן — האָט זיך תיכף דערמאָנט, אַז אין שטוב איז דאָ אַזאַ טישל. עס איז געווען דאָס טישל, וואָס ער אַליין האָט געהאָט פאַר־וואַנדלט אין אַ קליינעם מוזיי־טישל זיינעם מיט אַלערליי אַנטיקן און האָלץ־שניצערייען און לולקעס און טיטון־שקעטעלעך און וואָס דען נישט. אַנענדיק עפּעס גאָר טשיקאַוועס — האָט דער טאַטע תיכף אָפּגערוימט דאָס היפּשלעך פאַרצירטע טישל און עס איז שוין געשטאַנען גרייט צו דינען דער שיינער גרושה... און די גרושה האָט תיכף איבערגענומען די קאָמאַנ־דע.

— ערשטנס אַוועקרוקן דעם גרויסן שפּיל־טיש, אַוועקשטעלן דאָס טישל אָן אַ טשוואָקענעם פּגם אין מיטן פון דעם סאַלאָן. צווייטנס, אַוועק־שיקן די קינדער אין די בעטן. אויך דאָס איז טאַקע באַלד געשען און ביים ערשטן ספּיריטיסטישן סעאַנס בין איך טאַקע נישט געווען — דערפאַר אָבער ביי אַלע איבעריקע און איך קען די געשיכטע פון ערשטן סעאַנס צו גוט פון הערן־זאָגן, דריטנס, זאָלן אַלע יענע געסט, וואָס גלייבן נישט אין לעבן אויף יענער וועלט, זאָגן וואָס גיכער „אַ גוטע נאַכט" און גיין שלאָפן. פערטנס, זאָל מען אַרומשטעלן דעם פּגם־לאָזן טיש מיט שטולן. אַ שטול פאַר יעדן גאַסט. שטעלן די שטולן געדיכט צוזאַמענגערוקט. און

— אויב מעגלעך — זאָלן דאָס זיין פּראָסטע קיך־שטולן, אָן טשוועקעס. אָבער דאָס איז שוין נישט קיין מוז־זאַך. פינפטנס, זאָל מען פאַרלעשן דעם גרויסן בליך־לאָמפּ, פאַרלעשן אַלע לייכטערס און עפענען די פאָר־טיערן פון די פענצטער כדי אַריינצולאָזן דאָס ליכט פון די שטערן, אָדער פון דער לבנה. און אין דרויסן איז טאָקע געווען אַ העלע, שניי־זילבערנע לבנה־נאַכט. און זעקסטנס, ווען מען זיך אַנידערזעצן אַרום דעם טישל, אַרויפלייגןביידע הענט אויפן טיש־ברעט מיט די פלאַכן צום האַלדז — הענט נעבן הענט, אָבער נישט אָנגערירט זיך — און אַזוי אַרום לעבעדיק מאַכן דאָס טישל און וואַרטן, וואַרטן, וואַרטן. נעמען זיך אין די געדאַנ־קען נאָענטע און טייערע געשטאָרבענע און וואַרטן. זיי וועלן קומען. זיי דאַרפן אייגנטלעך גאָרנישט קומען — זיי זענען סיי ווי דאָ, זיי וועלן אָבער אַזוי געבן סימנים פון זייער אָנוועזנהייט.

און אַז די פריילעכע גרושה זאָגט — גלייבט מען. אין דעם פאַל האָבן דווקא קודם געגלייבט אַלע פרויען פון דער געזעלשאַפט און שפּעטער אַלע מענער. און כאָטש מיין טאַטע — וואָס איז דעמאָלט אַרום 35 יאָר אַלט געווען — האָט געטריבן אַלע זאַבאַבאָנעס פון שטוב, אַלע אָפּשפּרע־כענישן און קמיעות, דאָסמאָל האָט ער אויך זיינע וואַרעמע גוטע הענט אַרויפגעלייגט אויף זיין טישעלע, וואָס האָט געדאַרפט באַווייזן גאָר נייע, אומבאַקאַנטע, פאַרבאָרגענע כוחות — און האָט תיכף אויך אָנגעהויבן צו גלויבן...

מען איז געזעסן און מען האָט געשוויגן און יעדער האָט געהאַט אין זינען זיינע טייערע טויטע ביז אין דריטן, פערטן דור אַפילו. די ווייניקער גלייביקע האָבן אין געדאַנק געחשבונט וויפל זעקסערלעך און וויפל ריי־נישן זיי האָבן היינט אַזוי חנעוודיק פאַרשפּילט. די נאָך ווייניקער גליי־ביקע און נאָך יינגערע האָבן פון צייט צו צייט אַ כאַפּ־געטאָן אַ בליק אויף דער גרושה און באַמערקט, אַז אַפילו אין אָפּשיין פון לבנה־ליכט איז זי נאָך אַלץ שיין ווי די וועלט און מען זעט אירע חן־גריבלעך אַפילו אין דער פינצטער, און די ווייסע, לאַנגע פינגער אַוודאי און אַוודאי. זיי שיינען אַרויס פון אַלע הענט דאָ אויפן גייסטער־טישל. און די גרושה זיצט ערנסט — קיין ריר און קיין שמייכל. זי טראַכט וועגן אירע טייערע טויטע. נאָר פּלוצלינג — אַזוי אַן ערך נאָך אַ שעה זיצן און אַריבערגיסן דורך

די הענט די אייגענע נשמה אין האַלץ אַריין — האָט זיך דאָס טישל אַ ריר־געטאָן. אַ הייב אויף איינס פון די פיר פיסלעך און אַ קלאַפּ אָן דער בריק. אַלע זענען פאַרציטערט געוואָרן, אָבער קיין אויסגעשריי איז נישט געקומען, קיין וואָרט אַפילו. אַזוי האָט די גרושה באַפוילן איידער מען האָט זיך געזעצט צום גייסטער־טישל. אַ פּאָר רגעס זענען אַוועק — און נאָך אַ קלאַפּ. און ווידער אַ רגע, אפשר אַ גאַנצע מינוט, און נאָך אַ קלאַפּ. אַצינד האָט די גרושה מיט איר זילבערנעם קולכל, וואָס האָט איצט געקלונגען אַ קליין ביסל הייזעריק, ווייל אַזוי איז זי געווען דורכגענומען מיט דער גאַנצער צערעמאָניע, אָנגעהויבן צו זאָגן דעם פּוילישן אַלפאַבעט: א, בע, צע, דע, עף — ביז זעט. דאָס טישל איז געבליבן שטום — נישט ווי אַ גייסט. נאָר ווי אַ מת. קיינער האָט זיך אָבער פון דעם שווייגן פון טישל נישט פאַרלוירן, ווייל מען האָט זיך געריכט דערויף און מען האָט עפּעס צוגעגרייט דערצו. אַזוי ווי די גרושה האָט דעם גאַנצן יידישן אלף־בית נישט געקענט פון אויסנווייניק, איז צוגעגרייט געוואָרן עמעץ אַנדערש, וואָס זאָל זי אין דעם פאַרטרעטן: מיין מאַמע. איצט האָט מיין מאַמע מיט אַ טיפן ציטער אין קול אָנגעהויבן צו זאָגן הויך און דייטלעך: אלף, בית, גימל — ביז... עין — דאָס טישל האָט מיט טעמפּעראַמענט אויפגעהויבן אַ פיסל און געגעבן אַ קלאַפּ. און די מאַמע האָט באַלד נאָך אַמאָל געזאָגט דעם אלף־בית — ביז טית... און ווידען אַ קלאַפּ. און די מאַמע האָט ווייטער געזאָגט דעם אלף־בית — דאָסמאָל ביז למד — און דאָס טישל האָט ווידער געגעבן אַ קלאַפּ. מער זאָגן דעם אלף־בית האָט מען שוין נישט געדאַרפט, ווייל אַלע אונדזערע משפחה־מיטגלידער האָבן געוווסט. אַז דאָס איז די באָבע און די עלטער־באָבע און אַפילו שוין די עלטער־עלטער־באָבע עטל...

נאָר וואָס טוט מען איצט אין מיטן נאַכט מיט אַזאַ באָבען, עלטער־באָבען און עלטער־עלטער־באָבען — דאָס האָט קיינער נישט געוווסט. אַ ביסל פאַרלוירן זענען געווען דאָס פאַרפאַלק בעננא און בינא בערגלאַס, ביי וועמען די גרושה איז איינגעשטאַנען, אָבער זיי האָבן כאָטש געוווסט. אַז דאָס איז אַן עלטער־באָבע פון דער משפחה. מער פון אַלע איז איצט פאַרלוירן געווען די גרושה אַליין — ווייל נישט זי האָט זיך געני אָריענטירט. אַז די דריי אותיות שטעלן צוזאַמען אַ יידישן פרויען־נאָמען און נאָך וויי־

ניקער האָט זי געוווּסט וועגן די עטל קען זיין. הייסן אַראָפּנעמען די הענט און אָנהייבן רעדן סתם, וואָלט געהייסן פאַרטרייבן און פאַרשעמען דעם גרויסן גאַסט פון יענער וועלט — אָדער ריכטיקער טאַקע: פון דער וועלט, נאָר אַ נישט־געזעגנעם. דער גייסט־גאַסט וועט איבערגעבן ווו מען דאַרף, אַז אין דער געזעלשאַפט פאַרשעמט מען גייסטער און זיי וועלן זיך שוין בכלל מער נישט באַווייזן.

אָבער אויך איצט האָט די גרושה אָנגענומען די איניציאַטיווע און אָנגעהויבן שטיל צו שעפּטשען: גייסט־גאַסט, ביסטו צופרידן, וואָס מען האָט דיך פאַרבעטן? דאָס טישל האָט אַ קלאַפּ־געטאָן איינס — און אַלע האָבן געוווּסט, אַז דאָס הייסט: יאָ. און ווייטער האָט די גרושה געשעפּטשעט: קענסטו די אַלע, וואָס זיצן דאָ אַרום טישל? (די גרושה האָט איצט גערעדט אין אַ מין יִידיש־דייטש, אָבער דער גייסט האָט פאַרשטאַנען). דאָס טישל האָט דריי מאָל אַ קלאַפּ־געטאָן און דאָס האָט געהייסן אין דער געהיימער גייסטער־ און מענטש־שפּראַך: אַ ביסל יאָ און אַ ביסל ניין... און דאָס האָט זייער געגוי געשטימט — האָבן שטילערהייט ביי זיך באַשלאָסן די מיטגלידער פון דער ראָזענבלאַט־משפּחה, די אייניקלעך און אוראייניקלעך פון דער באָבע עטל. דער בעסטער סימן, אַז נישט נאָר איז דאָ אַ גייסט־גאַסט, נאָר טאַקע די באָבע עטל.

מען האָט נאָך געשטעלט אַ פּאָר פראַגן דער באָבע עטל און זי האָט אויף אַלע געענטפערט באַדאַכט און מיט שכל. פאַרן ערשטן ספּיריטיסטישן סעאַנס איז עס געווען די והותר. מען האָט צו וויסן געגעבן דער באָבען אַז מער קיין פראַגן וועט מען איר נישט שטעלן און תיכף האָבן אַלע דערפילט, אַז דאָס טישל איז ווידער געוואָרן האַלץ און די הענט ווידער הענט. מען האָט זיי לאַנגזאַם אַראָפּגענומען, מען האָט זיך שטום אין דער לבנהדיקער, גייסטערהאַפטער פּערטל, אָדער זיבעטל־ליכטיקייט אָנגעקוקט און פּאַוואָליע אָנגעהויבן רעדן און אויסדערציילן איינער דעם אַנדערן וואָס מען האָט געפילט און וואָס מען האָט געהאַט אין די געדאַנקען און וועמען מען האָט געהאַט אין טיפסטן זינען בשעת מען האָט געוואַרעמט, געגייסטיקט און באַלעבט דאָס טישל. און — מען האָט באַשלאָסן, אַז מאָרגן אין אָוונט מיט גאַטס און די גייסטערס הילף וועט ווידער זיין אַ ספּיריטיסטישער סעאַנס.

אַזוי איז עס פון איצט אָן געגאַנגען נאַכט נאָך נאַכט — חוץ פרייטיק־אָוונט — צוערשט אַביסל קאָרטן און באַלד נאָך דעם אַ סך גייסטער. פאַרוואָס מען טאָר פרייטיק־צו־נאַכט נישט מאַכן קיין ספּיריטסטישע סעאַנסן ווייס איך נישט. אָבער אַזוי איז דאָס געווען. אַזאַ געפיל האָבן אַלע געהאַט. איינער פון מיינע פרומע פעטערס, דער פעטער נח, אַז ער איז געוואָר געוואָרן פון די גייסטער־טישלעך, האָט ער דעם גאַנצן ענין ממש מחרים געווען. עס איז כישוף, עס איז עכו״ם, עס וועט פירן צו ווייסט גאָט וואָס. אָבער ווער האָט זיך גערעכנט מיטן לעבעדיקן פעטער נח, אַז אַזויפיל טויטע פעטערס האָבן מיטגעאַרבעט אַזוי ווילִיק אין דער גייסטער־שפּיל.

שוין צום צווייטן סעאַנס האָב איך אויסגעבעטן אַ דערלויבעניש בייצוזיין און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז נישט נאָר בין איך נישט קיין שטערונג, נאָר איך בין אַן ערשטקלאַסיקער מעדיום.

אין די דינאַסטיעס פון די באָבעס און זיידעס בין איך נישט געווען אַזוי באַהאַוונט, דערפאַר אָבער האָב איך געהאַט אַנדערע פּלענער, גאָר פאַנטאַסטישע. איך האָב מיט אַ טאָג פריִער אָפּגערעדט מיט אַ פּאָר ייִנגערע טישל־זיצערס, אַז מען זאָל אַרויסרופן דעם גרויסן גייסט פון דער פּוילישער ליטעראַטור אַדאַם מיצקיעוויטש. נישט מער און נישט ווייניקער. און ער האָט זיך גאָרנישט לאַנג געלאָזן בעטן. און ווי גרינג עס איז געווען אים אַרויסצורופן. דריי אותיות פון זיין ערשטן נאָמען זענען ממש אין אַלפאַבעט פון די ערשטע. איצט האָט שוין נישט בלויז די גרושה געדאַרפט רופן שטילערהייט דעם אַלפאַבעט. יעדער האָט עס געקענט טאָן. און איצט האָב איך עס טאַקע געטאָן. באַלד ביים ערשטן אות — אַ קלאַפּ מיט אַ פיסל. און איצט ווייטער אַ־בע־צע־דע — און שוין דער צווייטער קלאַפּ. און נאָך אַמאָל — אַ — און ווידער אַ קלאַפּ. קיין ספק, אַז אַדאַם מיצקיעוויטש אַליין איז דאָ מיט אונדז. פרעגן צופיל האָט מען נישט געקענט און עס איז געווען קאָמפּליצירט אויך. די לעבעדיקע האָבן טאַקע געקענט רעדן אַ סך און שטעלן שאלות פון אַלע געביטן, אָבער די גייסטער האָבן געהאַט צו זייער דיספּאָזיציע בלויז דריי ווערטער: יאָ — ניין — אַזוי־זיך. שעפּט זיך גיך אויס אַזאַ מין איינזייטיקע קאָנווערסאַציע. און — אגב — האָט די געזעלשאַפט נישט געלאָזן אַז איינער, אָדער איינע

זאָל צופיל נודיען. מיר זענען טאַקע געווען אַ הייפל, אָבער יעדער פון אונדז האָט געהאַט גאַנצע שורות טויטע, וואָס ער האָט געוואָלט אַרויס־רופן. דערצו האָט מען געוווסט, אַז די גרושה וועט נישט בלייבן אייביק אין שטעטל. און זי איז דאָך די מייסטערין פון די גייסטער. עפּעס אַזוי ווי אַ צוימערין פון אַ גייסטערהאַפּטן צירק... און אויך אַזוי שיין.

אונדזער ספּיריטיסטישע געזעלשאַפט איז גאָר גיך געוואָרן אַ גע־שלאָסענע. מען האָט נישט נאָר קיין נייע טישל־זיצערס נישט צוגעלאָזן. נאָר מען האָט אויך אָנגעהויבן צו האַלטן סוד וועגן דעם גאַנצן ענין. מען איז געוואָרן אַ געהיימע קליינע סעקטע מיט אַ גרויסן כוח. מען האָט אָנ־געהויבן עפּעס מורא האָבן פאַר זיך אַליין... עס קען פאַרפירן צו ווייט.

עס האָבן זיך געפונען פאַרשייטע און מוטיקע מיטגלידער אין דער געזעלשאַפט, וואָס האָבן אָנגעהויבן ביי די גייסטער צו פרעגן שווערע און אויך געפערלעכע פראַגן. און כאָטש די בידנע, שטומע, אומגעזעענע, אַלץ־זעענדיקע באַשעפענישן האָבן געהאַט נאָר דריי ווערטער אין זייער וואָ־קאַבולאַר — האָבן זיי אָן בושה און אָן מורא געענטפערט און אויסדער־ציילט מוראדיקע סודות. מען האָט געפרעגט — למשל — צי עס איז דאָ אַ גאָט. דער ענטפער איז געווען: דריי קלעפּ... און וואָס דריי קלעפּ הייסט, דאָס ווייסן שוין די לייענערס פון דער מעשה... נישט אַהין און נישט אַהער. אויף דעם געביט פון דער פראַגע זענען אַפילו די גייסטער גע־ווען נישט דעצידירט.

און אין איין שיינעם פרימאָרגן איז די גרושה, וואָס איך פלעג ביז איצט זען נאָר אין די אָוונטן ביים לאָמפּן־שיין, פלוצלינג צו אונדז אַריינ־געקומען. מיט איר זענען געווען בעננא און בייננא בערגלאָס, ביי וועמען זי איז אייגנגעשטאַנען די וואָכן פון איר זיין אין שטעטל. אין טאָג־ליכט איז די גרושה געווען אינגאַנצן אַן אַנדערע. אירע אויגן האָבן נישט גע־גלאַנצט און אירע בעקלעך האָבן נישט געגליט און נישט געשמעקט און חן־גריבלעך — קוים, קוים. און זי איז געווען זייער ערנסט. טאַטע און מאַמע, די בערגלאַסעס און די גרושה האָבן זיך אָפּגעשלאָסן אויף אַ פערטל שעה אין סאַלאָן און האָבן זיך דאָרט געסודעט. זיי זענען פון דעם שמועס אַרויסגעקומען מיט ערנסטע פנימער, אָבער נישט פאַרצווייפלט און מען האָט זיך תיכף אָנגעהויבן צו געזעגענען מיט דער גרושה — און נישט

סתם צום אַוועקגיין. נאָר טאַקע צום אַוועקפאָרן. אויך דער טאַטע האָט זיך צעקושט מיט דער גרושה און די מאַמע האָט קיין פּאַראיבל נישט געהאַט. איך האָב שוין דעמאָלט אַזעלכע זאַכן פאַרשטאַנען און גוט אָבסערווירט. עפּעס זענען אַלע, אַלע צופרידן געווען, וואָס עס ענדיקט זיך שויז. די קאָרטן־טישלעך זענען געוואָרן אַביסל צו אָפּט און די גייסטער־טישעלעך זענען געוואָרן אַביסל נמאס. סיי־ווי האָט מען קיין טאָלק נישט געקענט דערגיין. די טויטע זענען געבליבן טויט און די לעבעדיקע לעבעדיק — ווי ביז דעם קומען פון דער גרושה.

נאָך אין זעלבן אָוונט, נאָך דעם אָפּפאָרן פון דער גרושה, האָב איך צונויפגעשלעפּט אַ געזעלשאַפט ביים זעלבן גייסטער־טישעלע און געטאָן אַלץ מיט דער גרעסטער געניטשאַפט, וואָס איך האָב אַזוי גרינטלעך אויס־געלערנט ביי דער גרושה. מיר האָבן געוואַרט אַ שעה, מיר האָבן געוואַרט צוויי — קיין פּיסל פון טישעלע האָט זיך נישט גערירט. מיר האָבן אויס־גערופן דעם פּוילישן אַלפאַבעט, דעם יידישן אלף־בית. מיר זענען אַליין גע־וואָרן גייסטער ממש פון דערוואַרטונג. אָבער דאָס טישעלע איז געבליבן טויט. האָלץ — און נישט מער.

אין יענער נאַכט איז זיגמוש — און דאָס בין איך אַליין — געלעגן מיט אָפענע אויגן כמעט ביז אין דער פרי. נישט קיין גייסטער האָבן פאַר זיינע אויגן געשוועבט און נאָר דאָס אָוונט־שיינע פּנים פון דער גרושה און עס האָט געקלונגען ווי אַ ווייט בת־קול דאָס זילבער פון איר שטימעלע — אַלץ ווייטער און ווייטער — אַלע נאַכט שטילער און שטילער — יאָרן, יאָרצענדליקער, ביז עס איז אַליין געוואָרן אַ גייסט און האָט איצט באַ־זוכט מיין שרייבטיש, וואָס איז אויך אויף זיין אופן אַ גייסטער־טיש פון אַמאָליקע וועלטן.

# אַ געשריי און אַ פּלעמל אַרום אַ ברונעם

דריי קליינע, פּירעקעכדיקע בנינים, די מאָס פון גרויסע סוכות, אָבער געבויטע פון שווערע האָלצערנע בעלקעס, זענען געשטאַנען אין אונדזער רינגפּלאַץ אין מיין גאַליציש שטעטל רעדים. אין יעדן ווינקל פון רינג־פּלאַץ — איינער. די בנינים האָבן נישט געהאַט קיין ווענט, האָבן אויס־געזען אַביסל ווי אַלטאַנעס, אָבער שווערע, מאַסיווע, אַלעמאָל פאַרחושכטע — און מיט זייער שווערע דעכער, געדעקט מיט שינדלען. אונטער אָט די דעכער האָבן גענעסטיקט קראָען און וואָראָנעס און טויבן און שפּערלען, און זומערצייט שוואַלבן, און גרויסע, געפּערלעכע שפּינען. און אונטער איינעם פון די דעכער האָט זיך אַפילו זאַנאַדעט אַ סאָווע — כאָטש סאָ־וועס האָבן בעיקר ליב קלויסטער־טורעמס. אין די געוועלבן פון די דעכער פון די דריי בנינים האָט געהויערט אייביקע פינצטערניש און פייכטקייט און עס האָבן אויך גענעסטיקט אַלע אומקערפּערלעכע שרעקנס פון מיין קינדערישער וועלט. אויך שדים האָבן נאַטירלעך דאָרט געוווינט — און מען האָט זיי נישט איינמאָל געזען אין דער נאַכט. מען האָט זיי נאָר גע־דאַרפט וועלן זען — האָבן זיי זיך באַוויזן. אויך איך האָב זיי נישט איינ־מאָל געזען און נאָך אָפטער האָב איך זיי — — — געהערט. די דאָזיקע געביידעס זענען נישט געווען געביידעס אָן אַ זינען — דאָס זענען געווען דריי אוראַלטע ברונעמער, טיפע ברונעמער, וואָס האָבן געקענט געבן אָן אַ שיעור וואַסער. דעם גאַנצן שטעטל האָבן זיי געגעבן צו טרינקען און האָבן דאָס גאַנצע שטעטל אויך באַוואַשן. מען האָט טאַקע פון זיי געשעפּט פון באַגינען ביז נאַכט. און געשעפּט האָט מען מיט אַ ראָד — ווי אַ מיל־ראָד די גרויס. דאָס דאָזיקע ראָד איז געווען פאַרבונדן מיט אַ דריי־קלאָץ — אַ שטאָם פון אַ בוים, און אויף דעם קלאָץ — קייטן, און אויףביידע עקן פון די קייטן — פעסער, און אָט די פעסער זענען כסדר געפאָרן — איינס אַרויף און איינס אַראָפּ. אַ ליידיקס אַראָפּ און אַ פולס אַרויף. די צענדליקער איילן טיפע עפענונג פון ברונעם איז געווען דריי איילן אין

קוואַדראַט. אויף דער אויבערפלאַך איז זי געווען אַרומגענומען מיט אַ שווערן האַלצערנעם געלענדער — אַנטדערטהאַלבן איילן די הייך. שעפן וואַסער פון די שטאָטישע ברונעמער איז נישט געווען פון די גרינגע זאַכן. האָבן עס טאַקע געטאָן וואַסערטרעגערס פאַכלייט — מענער און פרויען. צוליב אָט די ברונעמער פון עוג מלך הבשנס צייטן און פון זיינע מאָסן זענען טאַקע אין אונדזער שטעטל קיין יידישע וואַסער־טרעגערס נישט געווען. נישט פאַר יידישע כוחות.

ווי אָפט איך בין אַראָפּגעלאָפן אין מאַרק זיך שפּילן, האָט מיך אַלע־מאָל באַגלייט דער מאַמעס וואָרענונג: — נאָר גיי נישט צו נאָענט צום ברונעם. און וואָס מער מען האָט געוואָרנט — אַלץ מער האָט געצויגן. שוין אַ בליק צום וואַסער־שפּיגל אונטן האָט אַרויסגערופן אַ ציטער. ער איז געווען אַזוי טיף, אַז פון אויבן האָט ער זיך אָנגעזען ווי אַ קליין טאַשן־שפּיגעלע, כאָטש ער איז אין דער אמתן דאָרט אונטן געווען דריי איילן אין קוואַדראַט. און אַז מען האָט אַ געשריי געטאָן אין זיין טיף אַריין — האָט געענטפערט אַ בת־קול — אַ סך קלאָרער ווי דאָס קול פון דעם רו־פער. און נאָך דעם בת־קול האָט ערגעץ־ווו פון אונטער דעם דאָך נאָך עמיצער זיך אָפּגערופן און צום סוף — נאָך עמיצער — — שדים. אַרונ־טערגיין אונטער דעם דאָך פון איינעם פון די דריי ברונעמער ביינאַכט האָב איך מיך קיינמאָל נישט דערוועגט. אַפילו די וואַסערטרעגערס האָבן זיך פאַר די ברונעמס ביינאַכט געהיטן. מיט זון־אויפגאַנג האָבן זיי זייער אַרבעט אָנגעהויבן און מיט זון־אונטערגאַנג האָבן זיי אָוועקגעשפּאַנט צו די נידעריקע געסלעך, צו זיך אַהיים. מיט אַ ברויט אין דער פאַזוכע און צוויי פולע עמערס וואַסער פאַר דער אייגענער משפּחה, אייגענעם געברויך.

פאַרט האָט אָבער אַמאָל אין שטוב פאַרפעלט ביינאַכט וואַסער און אַפילו ביינאַכט פלעגט מען דאַרפן פון צייט צו צייט הערן דאָס סקריפּען פון די גרויסע רעדער פון די ברונעמער און דאָס געקלאַנג פון די לאַנגע קייטן און דאָס גיסן זיך פון פאַרכליאַפּעטן וואַסער ביים איבערשעפן פון פּאַס אין די עמערס.

איינמאָל — און געווען איז דעמאָלט אַן אויסגעשטערנטע ווינטער־נאַכט — פינצטער אונטן, נאָר דאָ און דאָרט אַ לאַמטערן, און אַ באַלויכטן שייבל, דער הימל אָפּגעשאָטן מיט גרויסע שטערן — ווי עס וואָלט ביי

גאָט גראָד אַ שמחה געווען — בין איך, צען יאָר איז מיר דעמאָלט געווען, געשטאַנען ביי אונדזער פראָנט־פענצטער אויפן ערשטן שטאָק; עס איז געווען פונקט אַנטקעגן ברונעם, און איך האָב געגלאָצט, ווי אַלעמאָל, אויפן געהיימנישפולן בנין. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך הער קולות פון דאָרט, כאָטש קיין סקריפּען פון דעם גרויסן ראָד האָב איך נישט געהערט. איך האָב אויפגעמאַכט דאָס טאָפּל־פענצטער — בעסער צו הערן. די נאַכט איז געווען שטיל און פראַסטיק. פון דאָ און דאָרט איז דערגאַנגען דער סקריפּ פון טריט, אַ געקלינגל פון אַ ווייטן שליטן. און איך גלאָץ און גלאָץ צום ברונעם. און איך זע דאָס גליִען פון אַ דין רויט פּייערל — אפשר דאָס פּלעמל פון אַ ציגאַר, אפשר אַן אויג פון אַ שד. פּלוצלינג שניידט דורך נאַכט אַ געשריי — איינס — עס גיט אַ בליץ מיט אַ קוויטש ווי אַ פּאַלנדיקער שטערן און עס זינקט אַזוי גיך און פאַרלעשט ערגעץ טיף — און צוויי שאָטנס אַנטלויפן באַלד גיך פון ברונעם, איינער רעכטס און דער אַנדערער לינקס, און אַ קאַן גיט זיך אַ וואַלגער איבערן מאַרק און אַ צעגאָס. און ווידער איז שטיל — שטיל — — —

מיין האַרץ קלאַפּט אַזוי שטאַרק, אַז עס דאַכט זיך מיר, אַז איך בין איצט לויטער האַרץ, אָדער אַז מיין האַרץ איז אַרויסגעשפּרונגען און קלאַפּט אין דרויסן. איך וויל שרייען, אָבער איך בין שטום. אינגאַנצן שטום. און איך הויב אָן לויפן פון דער פינצטערער שטוב אין דער ליכטיקער אַריין און טאַטע־מאַמע קוקן אויף מיר און דער טאַטע הייבט מיך אָן טרייסלען איך זאָל קומען צו זיך — אַזוי ווייס בין איך געווען:

— וואָס איז?

אָן אַ וואָרט גיב איך אַ שלעפּ דעם טאַטן צום פענצטער אין דער פינצטערער פראָנט־שטוב און איך ברענג אַרויס איין איינציק וואָרט:

— דאָרט!

אָבער עס ווייזט אויס, אַז איך בין נישט געווען דער איינציקער, וואָס האָט געזען און געהערט וואָס עס איז געשען ביים ברונעם — וואָרעם עס האָבן שוין אָנגעהויבן זיך צונויפלויפן מענטשן. שטיל איז געווען דער ברונעם — שטיל און סודותדיק מיט דער איינער קאַן, וואָס איז געלעגן אַן איבערגעקערטע נעבן אים און דער ליידיקער קאַראַמעסלע איבער דער שוועל פון ברונעם.

ווי אַ צרה אָדער אַן אומגליק איז מיין טאַטע באַלד געוועזן פון די ערשטע צום ראַטעווען, אָדער העלפן. אין אַזעלכע פאַלן פלעגט ער זיך אַנטאָן פראַסט, פּויעריש, עס זאָל גרינג זיין זיך צו רירן. און אויך איצט האָט ער באַלד אַ כאַפּ געטאָן די פּראָסטע שטיוול, דאָס קורצע טולופּל, דאָס אַלטע פוטערנע היטל און ער האָט נאָר באַוויזן דער מאַמען און מיר אָנ־צוזאָגן, אַז מיר זאָלן זיך נישט אַרויסדערוועגן פון שטוב און ער איז שוין געוועזן ביים ברונעם. דאָרט איז דערווייל דער עולם געוואַקסן און געוואַקסן. אַז דער ברונעם האָט נאָר־וואָס פאַרשלונגען אַ שרעקלעכן סוד איז פאַר אַלעמען קלאָר געוועזן, אָבער ווי ברענגט מען אים אַרויס? קיין רעפלעק־טאָרן זענען נישט געוועזן אין יענער צייט נאָך אין מיין שטעטל, און שטורקאַצן, וואָס מען האָט אָנגעצונדן האָבן דעם אָפּגרונט פון ברונעם באַ־לויכטן נאָר אַ פּאָר איילן אין דער טיף. און אין אָפּגרונט ביים שפּיגל פון וואַסער איז געוועזן שטיל און פינצטער און נאָר — אַן אָפּשיין פון די שטורקאַצן.

די מאַמע און איך זענען צוגעפרו־רן שטום צום ווינטערדיקן פענצ־טער וואָס מיר ווישן כסדר — אַ ביסל בעסער צו זען. די אַלטע פּאָלי־ציאַנטן פון שטעטל זענען געשטאַנען מיט די גרויסע שאַבליעס פאַרלוי־רענע און דערשלאָגענע און פאַרשעמטע. וואָס קענען זיי טאָן? אויף אַ יאַ־ריד — אַז גויים צעשלאָגן זיך — זענען זיי בריהס, אָבער צו אַזעלכע קאַטאַסטראָפעס זענען זיי נישט גרייט.

און פּלוצלינג שלאָגט זיך דורך דורך דער מאַסע איינער מיט די עלנ־בויגנס — ער איז נאָר־וואָס אָנגעלאָפן און אָט דאָס איז אַ רגע פאַר זיינעט־וועגן — ער איז אַ מיטלוווקסיקער און אַ מאָגערער, אַ ביינערדיק פּנים האָט ער, ער איז נישט לאַנג צוריק געקומען פון מיליטער, ער האָט גע־דינט ביי די הוזאַרן און גאַנץ שטאָט רופט אים חיים מאַדיאַר. דער גיבור פון שטאָט. פון לויטער הויט אוןביין און כוח פון אַ לייב איז ער.

— ברענגט אַ לייטישן לאַמטערן.

חיים מאַדיאַר לאָזט דורכפּריוון די גאַנצע לאַנגע, אייזערנע ברונעם־קייט, ער הייסט ברענגען אַ שטריק אַז מען זאָל טאָפּלען מיט אים די קייט, פאַרזיכערן זי. מען נעמט אַרויס דאָס פאַס פון ברונעם, שטעלט עס אַראָפּ אויפן גליטשיקן גרונט און חיים מאַדיאַר שטעלט זיך אַריין אין פאַס, ער

בינדט זיך צו, ער נעמט מיט זיך איבעריקע שטריק נאָך און נאָך און ער קאָמאַנדירט מיט די עטלעכע געזונטע גויים אַרום, ווי אַזוי זיי זאָלן דרייען דאָס ראָד אַראָפּ, ער רעדט אָפּ סימנים, וואָס ער וועט געבן פון אונטן מיט דעם לאַמטערן, ער שטעלט אַוועק איינעם ביים ראַנד פון ברונעם צו זיין דער פאַרבינדער מיט די ראָד־דרייערס. ער זאָגט אָפּ „שמע ישראל" אויף אַ הויך קול. די גויים נעמען אַראָפּ די היטלען און די ייִדן זאָגן מיט חיים מאַדיאַר „שמע ישראל". און אַט הויבט מען אויף דאָס פאַס און מען זעצט עס פּאַוואָליע צוריק אַריין אין ברונעם און מען לאָזט עס אַראָפּ לאַנגזאַם, דריי נאָך דריי מיט דעם ראָד. און אָט קומט שוין אַרויף דאָס פולע פאַס מיט וואַסער — חיים מאַדיאַר איז שוין אונטן. ער זאַמט זיך. עפּעס האָט ער דאָרט געפונען. ער אַרבעט. עס דויערט. אַרום דעם ברונעם שטייט שוין די האַלבע שטאָט. שטייט און שווייגט.

ענדלעך איז געקומען דער סימן פון אונטן: ציִען. דאָס פולע פאַס גייט לאַנגזאַם און פאַרזיכטיק צוריק אַראָפּ. אָן אַ וואַקל — אַ טראָפּן נישט צו פאַרגיסן. דאָס ציִען איז איצט שווער, טאָפּלט שווערער ווי פריִער. חיים מאַדיאַר האָט מיט זיך משמעות אַ מוראדיקע לאַסט. אָט איז ער שוין נאָענט און נענטער. אָט איז ער שוין אויבן. אָט נעמט ער שוין ווידער קאָמאַנדירן: שטריק, ברעטער, רעכטס, לינקס, אונטערהייבן, אַראָפּלאָזן, ראָד צובינדן פעסט. צו זיין פאַס איז צוגעבונדן אַ יונגע, טויטע פרוי. די האָר צעלאָזט. דאָס פּנים בלוי, צעקלאַפּט, עס בלוטיקט. קענטיק — אַ דינסט.

פון ראַטעווען די אַראָפּגעפאַלענע און דערטרונקענע האָט מען אַפילו נישט אָנגעהויבן צו ריידן. לפנים נאָר האָט דער שטאָטישער דאָקטער וואָס האָט געוווינט אַ טיר ביי אַ טיר מיט אונדז, אויפגעהויבן די האַנט פון דעם טויטן מיידל, וואָס איז שוין איצט געלעגן אויף אַן אַלטמאָדיש הילצערן טראָג־בעטל, וואָס די פּאָליציאַנטן האָבן אַהערגעבראַכט, און אַ מאַך געטאָן מיט דער דלאָניע: טויט — נאָך ווי טויט — — —

דער עולם האָט זיך אָנגעהויבן פונאַנדערצוגיין. יעדעס קופּקעלע מענטשן מיט אַן אַנדער פּזמון — ווי אַזוי דאָס אומגליק איז געשען.

ביי דער טויטער איז געבליבן חיים מאַדיאַר מיט די פּאָליציאַנטן. זיי האָבן אַ נעם געטאָן דאָס טראָג־בעטל, און די קליינע לויה איז אַוועק צום פּאָליציי־שטיבל אין ראַטהויז וואָס איז אין מיטן שטאָט. דאָרט פלעגט

אַלע מאָל אַ גאַנצע נאַכט אין פענצטער ברענען אַ לעמפּל — אַ מין נר־תמיד פון אַ לא ינום ולא ישון.

דורכגענומען מיט זיין אייגענער שרעקלאָזיקייט און מיט דער איינזאַמער באַגעגעניש מיט דער טויטער אין וואַסער, אין די טיפעניש פון תהום, איז חיים מאַדיאַר אַצינד געווען, חוץ די פּאָר אַלטע פּאָליציאַנטן, דער איינציקער באַגלייטער פון דעם מת. ער האָט אַצינד דייטלעך געזען די געשטאַלט פון דער דערטרונקענער דורך די אָפּגעצויגענע נאַסע קליידער, וואָס זענען דערווייל שוין צוגעפרוירן צום טויטן קאַלטן לייב און ער האָט באַמערקט אַ מילדע, יונגע בערגלדיקייט פון איר בויך — און ער האָט פאַרשטאַנען אַלע שייכותן. ער איז באַלד צוגעקומען צו מיין טאַטן מיטן דאָקטער, וואָס זענען נאָך דאָ געשטאַנען און אַרומגערעדט די געשעעניש, און האָט זיי עפּעס געזאָגט.

אַז מיין טאַטע איז אַהיים געקומען פון דרויסן, בין איך שוין געלעגן אין בעט און מיט מיר מיין סוד פון דעם פלעמל, וואָס איך האָב געזען אונטערן דאַך פון ברונעם אַ רגע פאַרן גרויסן געשריי. אָבער איך האָב מורא געהאַט דאָס אויסצוזאָגן מען זאָל נישט לאַכן פון מיר — ווייל איך האָב דאָך זיכער געמיינט, אַז דאָס איז געווען אַן אויג פון אַ ברונעם־שד.

אַז דאָס פלעמל איז געווען אַ פלעמל פון אַ זעלנערישן מאַכאָרקע־ציגאַר און די צוויי שאָטנס, וואָס זענען זיך צעלאָפן, זענען געווען צוויי לעבעדיקע אונגאַרישע זעלנער, און דאָס בערגעלע אונטערן צוגעפרוירע־נעם קליידל האָט געהאַט אַ שייכות צו זיי און איז געווען אַן אויסגע־לאָשן פלעמל פון אַ ניי לעבן — דאָס אַלץ האָב איך נאָך דעמאָלט נישט פאַרשטאַנען.

דריי טעג לאַנג נאָך דער געשעעניש האָבן פון אין דער פרי ביז ביי־נאַכט צוויי וואַסערטרעגערס כסדר געשעפּט און געשעפּט וואַסער פון דעם ברונעם און געגאָסן עס אין מאַרק אַריין. דער גאַנצער מאַרק איז געוואָרן איין גליטש, אָבער קינדער האָבן זיך מורא געהאַט אויף דעם גליטש צו גליטשן.

דאָס דערטרונקענע דינסט־מיידל האָט מען אויף צו מאָרגנס פאַר־קאָפּעט אויפן קאַטוילישן צווינטער. אירע באַלעבאַטים די מעסטשאַנעס,

האָבן אָפּגענומען די איינציקע געבליבענע קאַן און די קאַראַמעסלע און זיך געוווּנדערט פאַרוואָס די צווייטע קאַן איז קיינמאָל נישט אַרויפגעקור־מען אין אַ פּאַס, אַז מען האָט דאָך דעם גאַנצן ברונעם אויסגעשעפּט.

ערגעץ ווו זענען פאַרגעקומען געריכטן, ציווילע, מיליטערישע; עט־לעכע מאָל האָט חיים מאַדיאַר אַלס עדות פאַר אָפיצירן און זעלנער ביים ברונעם דערציילט זיין העלדישע מעשה — און ברונעם איז פּאַוואָליע גע־וואָרן ווידער ברונעם.

מיין טאַטע האָט שטרענג און אויף אייביק פאַרזאָגט, אַז צו אונדז זאָלן די וואַסערטרעגערס פירן וואַסער פון די אַנדערע צוויי ברונעמער. אָבער מיט דעם גאַנג פון די יאָרן איז דער „אייביקער פאַרזאָג" פון זיך אַליין פאַרגעסן געוואָרן.

און פאַרט איז אפשר דער פלעמל, וואָס איך האָב געזען, געווען אַ פלעמל פון אַ שדים־אויג, וואָרעם עס האָט צו לאַנג נישט געדויערט און דער ברונעם האָט ווידער געוויזן וואָס ער קען. און דאָס מאָל איז עס גע־ווען אַ ייִד און עס איז געווען אין מיטן אַ יאַריד און אין מיטן אַ זומער. אָבער דאָס איז שוין אַ מעשה פאַר זיך.

# דער לערער שטרייכער

מיין עלטסטע מומע פון דער מאַמעס צד האָט געהייסן מירל און איך מאַן האָט געהייסן אַברהם־הערש. מיין מומע איז אַלט געווען פערצן יאָר און מיין פעטער דרייצן יאָר צו דער חתונה. מיין פעטער אַברהם־הערש איז אַלעמאָל געווען אַ דרייסטער — און אַז מען האָט געדאַרפט אין דער משפחה אויספירן עפּעס אַ חוצפּהדיקע שליחות — האָט מען אים דעלע־גירט. אויך ביים „באַשוי" פון דער כלה — ער האָט געשטאַמט פון קראָס־נע און זיין משפחה־נאָמען איז געווען: דים — האָט ער אַרויסגעוויזן זיין דרייסטקייט. ער איז דעמאָלט צוועלף, און זיין קומענדיקע כלה דרייצן יאָר אַלט געווען. בשעת די מחותנים זענען שעמעוודיקע געזעסן ביים טיש, גענומען צו לעפעלעך איינגעמאַכטס צו דער טיי מיט לימענע און נישט געהאַט וועגן וואָס צו ריידן און שטאַרק צוגעשוויגן און עס איז געווען אַ שטילקייט כסדר, האָט דער צוועלפיעריקער חתן הויך אויף אַ קול זיך אָפּגערופן: — וואָס וועלן מיר דאָ זיצן, מירל, אין דרויסן אין הויף האָב איך געזען אַזעלכע שיינע ברעטער און קלעצער — קום אַרויס, מיר וועלן זיך דאָרט הוידען אַביסל — קום, מירל!

איידער זי איז אַלט געוואָרן פערציק יאָר, האָט די מומע מירל מיט דעם פעטער הערש געבראַכט אויף דער וועלט צוואַנציק קינדער — און צוועלף פון זיי דערהאַלטן ביים לעבן. זיבן זין און פינף טעכטער. זיי האָבן אַלע־מאָל געוווינט אין דערפער אַרום אונדזער שטעטל און געהאַלטן פּאַסע־סיעס. צו דער צייט פון מיין איצטיקער מעשה — אין יאָר 1902 — האָט מיין פעטער געהאַלטן דאָס גרויסע גוט: שוויענטע. אַ מייל ווייט פון שטעטל. אַזוי ווי די קינדער האָבן נישט געקענט גיין אין שולע און אויך נישט אין חדר — האָט מען געהאַלטן אַ שטענדיקן אייגענעם לערער, און דערצו אַזאַ, וואָס איז צו גאָט און צו לייט. קיין זאַך האָט אים אין דאָרף נישט געפעלט און פאָרט האָבן זיך ביי מיין פעטער די לערערס נישט גע־

האַלטן. קיין אַלטע פלעגט מען נישט צונעמען, ווייל די לערערס האָבן אויך געמוזט קענען דייטש און פויליש.

און אַט איז פונקט אַ לערער אַוועק און עס גייט צו אָסיען און קיין נייער לערער איז נישטאָ. דער פעטער אַברהם־הערש איז שוין אויסגעווען אין אַלע גרויסע שטעט אַרום, נאָר נישטאָ. און אַט פאָרט ער אַ פּאָר־צווייפלטער פון לעמבערג אַהיים — מיט ליידיקע הענט. און צווישן פשע־מיש און רעדים — אין באַן — דערציילט ער אַזוי, אין דער האַלב־פינצ־טערניש, און עס איז געווען שוין נאָך האַלבער נאַכט, זיין ביטער האַרץ די פּאַסאַזשירן, וואָס ער זעט זיי קוים. און עס רופט זיך אָפּ פון זיי איי־נער: — איך וועל אָננעמען די שטעלע... און איידער וואָס ווען איז שוין געווען די באַן־סטאַנציע און דער יונגער מאַן גייט אַראָפּ מיט דעם פע־טער. — און ווו איז אייער געפעק? — אָט דאָס איז עס, איך האָב גאָר־נישט...

אָבער ווי איבערראַשט איז דער פעטער געווען, ווען ער האָט דער־זען אין דער ליכטיקייט פון גרויסן נאַפט־לאָמפּ פון דער סטאַנציע, דעם קאַנדידאַט. הויך און שלאַנק און שיין און יונג און באַחנט און עלעגאַנט אָנגעטאָן. — צי קען ער דייטש און פויליש? — ער וועט זען. — צי קען ער דאַווענען, חומש מיט רש״י, אַביסל גמרא? — ער וועט זען. — צי קען ער רעכענען, געשיכטע, נאַטור־וויסנשאַפטן? — ער וועט זען. — ווי־פיל וויל ער אַ זמן? — ער וועט זען. — פון וואַנען איז ער? — וואָס איז פאַר אַ חילוק? — ווי הייסט ער? — אייגנטלעך איז נישטאָ קיין חילוק, ווי אַזוי ער הייסט, נאָר ער בעט, אַז מען זאָל אים רופן „שטרייכער״.

דער פעטער אַברהם־הערש האָב ליב געהאַט אַזעלכע קונצן אַליין און קיין ברירה האָט ער סיי ווי נישט געהאַט. וואָס שטעלט ער דאָ איין — האָט ער דעם „לערער שטרייכער״ אַהיים גענומען. דער פאַראַבעק מיט די פייערדיקע פערד האָט געוואַרט ביי דער סטאַנציע. שוין כמעט פאַרטאָג זענען זיי אָנגעקומען און — צומאָרגנס איז ביים גרויסן אָנבייסן־טיש צו־געקומען נאָך אַ פאַרשוין, עלעגאַנט, שמייכלענדיק, חנעוודיק און שוויגנ־דיק. און די גאַנצע שטוב האָט זיך באַלד אויפן ערשטן בליק אין אים פאַרליבט — אין דעם לערער שטרייכער. אַזוי פינף זין און אַזוי פינף טעכטער. צוויי זין זענען שוין דעמאָלט געווען אויסגעגעבן. האָבן שוין

געפירט אייגענע באַלעבאַטישקייטן אין ווייטע שטעט אין גאַליציע. די פינף טעכטער זענען נאָך אַלע געוועזן אין דער היים.

וואָס מען האָט פון אים געפאָדערט, האָט דער נייער לערער געקענט. מען האָט מורא געהאַט, אַז צוליב זיין יוגנשאַפט — געניי, ווי אַלט ער איז האָט מען נישט געוווסט, געשאַצט האָט מען אים אויף פיר און צוואַנ־ציק — וועט ער נישט קענען צוימען די דאָרפישע קינדער. זיי זענען אים אָבער באַלד נאָכגעגאַנגען ווי די שעפעלעך אַ פּאַסטוך. אַ בליק איז גענוג געוועזן... און די מיידלעך האָבן אַפילו אָט דעם בליק נישט געדאַרפט. זיי פלעגן זיך סיי־ווי־סיי פאַר דעם נייעם לערער אויספּיינען אויף שריט און טריט, מיט הלבשה און מיט לערנען, אַבי ער זאָל נאָר אַ קוק טאָן אויף זיי... ער האָט אָבער נישט געקוקט. זעלטן ווען אַ פאַרגנבעטער בליץ מיט די שוואַרצע אויגן, מיט די בלאַנקע ציין.

איז ער אַ פרומער? קיין תפילין האָט ער נישט מיטגעבראַכט, ער איז דאָך געוועזן אין מיטן וועג און האָט בכלל נישט געהאַט קיין געפּעק. אָבער ער האָט באַלד אויף צו מאָרגנס געפרעגט אויף תפילין און ער פלעגט זיך מיט זיי איינשליסן יעדן טאָג אויף אַ פערטל שעה אין זיין צימער. צי ער האָט געדאַוונט? ווער ווייסט.

און באַלד האָט זיך די לעגענדע וועגן דעם לערער שטרייכער פאַר־שפּרייט איבער דער גאַנצער פאַרצווייגטער משפחה אין שטעטל און אַלע האָבן געוואָלט געניסן פון זיין וויסן, פון זיין כישוף. האָבן זיך צונויפ־גענומען עטלעכע פעטערס אין שטעטל, צווישן זיי אויך אונדזערע טאַ־טע־מאַמע און מען האָט — טאַקע ביי אונדז אין שטוב, אָרגאַניזירט אַ מין אָוונט־קורס מיט דעם נייעם לערער. געלערנט האָט מען חומש — די סדרה פון דער וואָך — און דערצו תנ״ך. יעדן אָוונט — פיר מאָל אַ וואָך, פון מאָנטיק ביז דאָנערשטיק — פלעגט פון דאָרף שוויענטע פאַר־פאָרן אַ גרויסער וואָגן, ווינטערצייט אַ גרויסער שליטן, און עס איז פון אים אַרויסגעשפּרונגען מיט איין שפּרונג דער צעשמייכלטער לערער שטרייכער. און שוין אין דער ספּעציעלער לערנשטוב און שוין ביי די ספרים. גאָר אָפט זענען ביי אָט די לעקציעס געזעסן אויך עטלעכע פעטערס און „געגנאַשט״. געלערנט האָט מען מיט דייטשער פאַרטייטשונג דעם העברעישן טעקסט — און ווו נויטיק ספּעציעלע קאָמענטאַרן — איז אויף

פּויליש. נאָך דער „שטונדע" פלעגט דער לערער שטרייכער אריינקומען אויף אַ גלעזל קאַווע אין „סאַלאָן" און כאַפּן אַ שמועס מיט אונדזער מאַמען וועגן שילער, געטהע, שעקספּיר, היינע, הערדער, מיצקיעוויטש, סלאָוואַצקי, קראַשינסקי, שיענקיעוויטש, אָזשעשקאָ... די נייע ייִדישע ליטעראַטור איז אין אונדזער שטעטל נאָך נישט דערגאַנגען. יעדנפאַלס נישט אין אונדזער שטוב.

אָבער ווער איז פאַרט דער לערער שטרייכער? דרייסטע פּעטערס האָבן זיך כּסדר פאַרקאַטשעט די אַרבל פון מוט: — מען וועט גאַנץ פּשוט נעמען און אַ פרעג טאָן... אָבער צום גאַנץ פּשוט נעמען און פרעגן איז עס קיינמאָל נישט געקומען. די גאַנצע משפּחה האָט געשפּונען לעגענדעס און חלומות. און דער עיקר האָבן געשפּונען חלומות די פינף טעכטער פונעם פּעטער אַברהם־הערש. נאָר אויך דער דרייסטער פּעטער אַליין האָט עפּעס מורא געהאַט פאַרן לערער. ער האָט געוווּסט, אַז קוים וועט מען אָנהייבן פרעגן, וועט דער לערער ווערן אויס. און עס איז אין מיטן זמן. און צען קינדער אָן אַ לערער איז קיין קליניקייט נישט.

און עס איז געווען אַ מאָדנער ווינטער, אַ פאַרכישופטער ווינטער און אַ פאַרכישופטער פאַר־פרילינג. און — איך מוז מיך באַרימען — בעסער ווי אַלע תלמידים, האָב איך געלערנט. ממש פון אויסנווייניק געקענט די לעקציעס יעדן אָוונט. די לעקציעס זענען מיר געפלויגן גרינג אין קאָפּ אַריין — ווי נאָר איך האָב געזען פאַר זיך דעם שמייכל פון לערער שטרייכער און געהערט שוין פון פאָרויס זיין לויב־וואָרט: גוט — זיגמונט — בעסער קען נישט זיין — — —

און אין איין שיינעם אָוונט האָט דער לערער שטרייכער נאָך דער לעקציע ביי אונדז געזאָגט דעם פּאַראָבעק, וואָס האָט אים געדאַרפט פירן אין דאָרף אַריין צוריק, אַז ער זאָל אים פירן צו דער באַן און ער האָט איבערגעלאָזן אויפן וועגעלע די גרויסע בונדע, צו שיצן אים פון ביינאַכטיקן פרילינגס־ווינט און געגעבן דעם פּאַראָבעק אַ שיינע מטבע און אַ שמייכל געטאָן צו אים און זיך אַריינגעזעצט אין באַן און — אויס לערער שטרייכער — — —

אַן אומעט איז באַפאַלן די משפּחה. דאָ און דאָרט האָט מען אין אַ ווינקל געוויינט. וואָכן־לאַנג האָב איך מיך געוואָרפן גאַנצע נעכט אויפן

געלעגער און נישט געקענט איינשלאָפן פון בענקשאַפט — אַזוי ווי קיי־נער פון דער גאַנצער משפחה האָט אים קיינמאָל פריער נישט געזען, אַזוי האָט אים קיינמאָל קיינער שפּעטער נישט געזען און נישט געהערט וועגן אים.

די עלטסטע, שענסטע, פון די פינף טעכטער פון מיין פעטער אַב־והם־הערש, פרומציע, האָט קיינמאָל נישט חתונה געהאַט און ווי אַ פאַר־זעסן מיידל, שוין כמעט אַ זקנה, אַוועק אין פאַרניכטונגס־לאַגער בעלזשעץ. אפשר איז אין יענעם קרעמאַטאָריום צוזאַמען מיט איר פאַרברענט גע־וואָרן די באַשיידונג פון דער מיסטעריע פון דעם לערער שטרייכער...

# אַ ווייסטער חלום

געוויינטלעך זענען שוחטים — ייִדן שטאַרקע, ייִדן בעלי־כוח. זיי חברן זיך מיט די קצבים, און קצבים זענען שוין גאָר — ייִדן שטאַרקע, ייִדן בעלי־כוח. אָבער ביי אונדז אין שטעטל זענען ביידע שוחטים — יאַנטשע און מאָטל — געווען ייִדן: קוק מיך אָן און ריר מיך נישט אָן. און אַז יאַנטשע איז אַלט געוואָרן, און זיין זייער לאַנגע און זייער שפּי־ציקע באָרד אינגאַנצן ווייס און זיינע הענט ציטערדיק און זיין שטימע ביים דאַווענען פאַרן עמוד האָט זיך שוין אַזוי פאַרפּאַנפּעט און פאַר־פּלאָנטערט אין זיין באָרד, אַז מען האָט שוין אינגאַנצן נישט געקענט וויסן ווו ער האַלט — האָט מען צוגענומען מאָטלען, דעם שוחט.

פאַרוואָס שוחטים מוזן אויך זיין חזנים? אפשר דערפאַר ווייל אויך די סאַמע ערשטע חזנים, די ערשטע בעלי־תפילה פאַר גאָט אין בית המק־דש, זענען געווען די שוחטים פון די קרבנות. איז געבליבן די מסורה. אָבער דאָס האָט נישט קיין שייכות צו דער מעשה.

מאָטל דער שוחט איז לכתחילה געווען אַ קראַנקער, אַ לונגען־קראַנקער, אַ בלאָנדער און אַ דאַרער. ער איז אייגנטלעך געווען מער חזן ווי שוחט. און אויב יאַנטשע שוחט איז נישט געווען אויך טויב אויף דער עלטער — האָט דאָס פייער פון קנאה געברענט אַוודאי אין זיין אַלט האַרץ, ווי אַ קרבן־עולה, ווען מאָטל שוחט איז צוגעגאַנגען צום עמוד און האָט גענומען כישופן מיט זיין זינגען. אָבער ער האָט לאַנג נישט געכי־שופט — ווייל זיינע לונגען האָבן ממש געברענט אין זיין ברוסט. איך האָב ליב געהאַט דאָס זינגען פון מאָטל שוחט און איך האָב אים בכלל ליב געהאַט, און איך פלעג מיטלויפן מיט די דינסטן פון אונדזער משפחה, ווען זיי פלעגן גיין צו מאָטל שוחט קוילען עופות אויף שבת. זיין בלאָנדע באָרד, זיינע בלויע, דערשראָקענע אויגן, דער גרויסער בליך־לאָמטערן אין דער שעכט־קאַמער, דאָס געשריי פון די דינסטן, דאָס געקריי פון די הענער און דאָס גאָגערן פון די גענדז — עפּעס אַזוי ווי אַ מלאך וואָלט

אַראָפּגעפאַלן אין גיהנום אַריין. אָבער דעם מלאך פלעגט מען דאָ אָפט זען מיט אַ בלאַנקן חלף אין די ציין...

און איינמאָל, אין מיטן דאַווענען, אין מיטן מתיקותדיקן זינגען איז עס געשען. די באַלעבאַטים האָבן געשאָקלט די קעפּ פון באַוואונדערונג, גע־קוקט אויף יאַנטשע שוחט מיט אַזוי פיל אַרויסרופעדישקייט, אַז דער סידור אין זיינע הענט האָט אַזש בולט געציטערט פון קנאה, און מאָטל דער שוחט־חזן איז געשטיגן אויף די שלשלתן פון זיין קול אַלץ העכער און העכער — אָט־אָ איז ער שוין אין הימל — און פּלוצלינג אַ פאַל — דער עמוד איז פּוסט, די ליכט ביים שויתי פלאַקערן אַליין... מאָטל שוחט איז שווער איינגעפאַלן. אַ פּאָר טעג שפּעטער איז שוין געווען זיין לוויה.

און כאָטש עס איז געווען אַ שטענדיקער פאַרבאָט פון מיין טאַטן צו גיין אויף לוויות און איך בין בדרך כלל געווען אַ פאָלגזאַם קינד, האָב איך אָבער דאָסמאָל אויפגעבויט אַ גאַנצן סטראַטעגישן פּלאַן און בין גע־גאַנגען אויף ד ע ר לוויה. פאַר מיר זענען געגאַנגען עטלעכע הויכע יינגלעך און איך — באַלד הינטער זיי. די לוויה איז געווען אַ גאַנץ גרויסע, און אַז דער טאַטע מיינער האָט מיך דערזען אויפן בית־עולם, איז שוין געווען נאָך אַלעמען. איך האָב שוין געזען געהאַט געזען ווי אַזוי מען לאָזט אַראָפּ דעם מת אין קבר אַריין און איך האָב אַפילו דורך דעם פענצ־טער אין טהרה־שטיבל געזען דאָס לאַנגע און דאַרע און שטייפע מת מיט דער בלאָנדער באָרד. צו מיין שטוינען האָט מיר דער טאַטע גאָרנישט גע־זאָגט פאַר מיין גיין אויף דער לוויה. ער האָט מיך נאָר צוגערופן צו זיך און מיר זענען שווייגנדיקע געגאַנגען אַהיים. און אַפילו אין דער היים האָט דער טאַטע גאָרנישט געזאָגט; אַלץ איז אַריבער צום סדר היום. אָבער נישט אין מיין נשמה — אין מיין נשמה האָט זיך געמערט די שרעק אַלץ העכער און העכער מיט יעדער מינוט. דאָס וואָס איך האָב געזען — האָב איך געזען דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן.

און די צייט איז געווען נאָך פּורים. און מיין טאַטע 35, און מיין מאַמע 30, און איך 9 יאָר אַלט. און די שלאָף־שטוב פון מיינע טאַטע־מאַמע — מיט אַ טיר אָפּגעטיילט פון מיין שלאָף־שטוב. אונדזער דירה אויף אַן ערשטן שטאָק — און מיין בעט ביי אַ פענצטער און דאָס פענצטער צו מזרח און פון דאָרטן האָט אייביק אין די נעכט געוואָיעט אַ ווינט,

דער עיקר אין פרילינג און אין האַרבסט — און ווייט, ווייט פון אַט דעם פענצטער האָט מען געקענט זען, אַפילו אין די נעכט, די ווייסע מויער פון בית־עולם. און אַז די טיר צווישן מיין שלאָף־שטוב און דער שלאָף־שטוב פון טאַטע־מאַמע איז געשטאַנען אָפן — איז געווען גוט. אָבער פון צייט צו צייט איז אָט די טיר געוואָרן אויף ביינאַכט פאַרמאַכט. זייער, זייער שטיל, אויף אַ שליסל. דער טאַטע האָט אַלעמאָל זייער פּרעציז געבוימלט די זאַווועסעס און די שלעסער, אַז זיי זאָלן נישט סקריפּען. אָבער איך האָב אַלעמאָל זייער גענוי געהערט ווען די מיטל־טיר איז פאַרשלאָסן געוואָרן מיט אַ שליסל. און אין יענער נאַכט האָט דער ווינט אין דרויסן אַלעמאָל יאָמערלעך געוואָיעט ווי אין אַנדערע נעכט און איך בין אין אַזעלכע נעכט אַלעמאָל ווייניקער געשלאָפן.

און אין דער נאַכט נאָך מאָטל דעם חזנס לוויה איז די מיטל־טיר פאַרשלאָסן געוואָרן אויף אַ שליסל און איך האָב מיך געוואָרפן און גע־וואָרפן אויפן געלעגער און בין פאָרט אַנטשלאָפן געוואָרן, נאָר דאָס וואָרפן האָט נישט אויפגעהערט — אַפילו אין שלאָף.

און אָט זע איך — און איך זע מיט מעסער־שאַרפער דייטלעכקייט, איך זע עס אַפילו נאָך היינט מיט דער זעלבער דייטלעכקייט: מ'עז ברענגט אַריין דעם אָרון מיט מאָטל דעם חזן צו אונדז אין שטוב און מען שטעלט אים אַוועק לענגאויס מיין בעט און מען דעקט אָפּ דאָס דעקל און מאָטל ליגט מיט אָפענע אויגן, נאָר ער איז זייער, זייער שטייף, אַזוי שטייף ווי אַ ברעט. און איך זע גענוי ווי דאָס מת הייבט זיך אויף פון זיך אַליין, נאָר טאַקע אָן שום ריר מיט אָן אבר — אָט אַזוי ווי אַ ברעט און אָט שטייט עס שוין טאַקע — און איך גיב מיך אַ ריס און דאָ גיט דאָס מת מיר אַ מוראדיקן, האַרטן זעץ אין שטערן און איך פאַל אום און איך וועק מיך אויף און איך פיל, אין מיין שרעק אַפילו, אַז איך ליג אונטערן בעט צוזאַמען מיט דער קאָלדרע. נאָר ווי קען איך דען אַרויס פון אונטערן בעט, אַז לענגאויס שטייט דאָך דער אָרון?... און איך האָב מיך אַ רוק אַרויס געטאָן דורך דער פיסנזייט פון בעט און אַ שפּרונג געטאָן צו דער טיר פון טאַטע־מאַמעס צימער — נאָר די טיר איז געווען פאַרמאַכט — און דאָס מת שטייט נאָך אַלץ ביים צוקאָפּנס פון מיין בעט — אין תכריי־כים איינגעוויקלט שטייט עס און עס איז שטייף ווי אַ ברעט און דאָס

ליכט פון אַן אָפּגעבראָכענער לבנה — שפּעט־נאָכטיק און שפּעט אין חודש, מיניעט אויף דער ווייסקייט. געשריגן האָב איך נישט, ווייל דאָס קול איז געווען טויט אין מיין האַלדז — אָבער די פאַרמאַכטע טיר האָב איך געריסן מיט אַלע כוחות.

כאָטש אַלע טירן זענען באַלד געשטאַנען אָפן, אַלע לאָמפּן אָנגעצונדן, טאַטע און מאַמע און די דינסטן אויף — האָב איך נאָך אַלץ געזען מאָטל דעם שוחט אין ווינקל, צוקאָפּנס פון מיין בעט.

די מאַמע האָט דריי מאָל אָפּגעלעקט מיין קאַלטן שטערן:

— אַ וויסטער חלום — אויף אַלע וויסטע און פינצטערע פעלדער און וועלדער און חיות רעות!

אַז ס׳איז געווען אַ וויסטער חלום איז געווען קלאָר. אַז דער חלום האָט אַ שייכות צום לויפן אויף דער לוויה, האָט דער טאַטע גאַנץ פיין גע־ווּסט, נאָר געשוויגן. און אַז געחלומט האָט זיך מיר טאַקע מאָטל, דער חזן, האָב א י ך פאַרשוויגן. וויפל יענער וויסטער חלום איז מיר זינט דעמאָלט נאָכגעגאַנגען, וויפל ער האָט מיך אָנגעפּייניקט איז ממש נישט איבערצודערציילן. און דווקא מיך — כאָטש איך האָב אים אַזוי ליב גע־האַט — האָט מאָטל דער חזן געפּייניקט יאָרן לאַנג פון יענער וועלט. צו ׳אַנטשע דעם שוחט האָט ער זיך, ווייזט אויס, נישט באַוויזן, ווייל באַלד אין דער ערשטער וואָך נאָך מאָטלס טויט האָט ער פריש־האָפּערדיק אָפּ־געפּאָנפּעט אַ מוסף אין זיין לאַנגער, צוויי־שפּיציקער באָרד אַריין. ווי לאַנג ער האָט נאָך געפידלט מיטן חלף — ווייס איך נישט.

מיר אָבער קומט מאָטל, דער חזן, נאָך אַלץ אַנטקעגן פון קברים אויף בית־עולמס איבער גאָר דער וועלט — און פונקט ווי אין יענעם וויסטן חלום, הייבט ער זיך אויף אַן דעם מינדסטן בויג — ווי אַ ברעט; און די בלויע אויגן זיינע לעבן נאָך אַלץ און דרייען זיך אין די ווייסע און שטייפע אויגן־לעכער. אַפילו די באָרד זיינע איז טויט — כאָטש זי פלאַ־טערט אַביסל מיט ווייכער בלאָנדקייט.

# די קאַמעניצע

דער רינגפּלאַץ פון אונדזער שטעטל איז דווקא געווען נישט קײַלעכדיק, נאָר פיר־עקעכדיק. פון איין ווינקל זײַנעם ביז אַ צווייטן איז דורך אים דורכגעלאָפן באַלכסון דער קייזער־שטראָז, וואָס האָט פון וויטסטן מזרח ביזן ווייטסטן מערב זיך געשניטן דורך גאַנץ גאַליציע. און אין צענטער פון דער צפונדיקער ליניע פון דעם קוואַדראַט פון רינגפּלאַץ איז געשטאַנען די קאַמעניצע. די ראָזיקע קאַמעניצע איז צענדליקער יאָרן לאַנג געווען דאָס איינציקע געמויערטע, דאָס איינציקע איינשטאָקיקע הויז פון שטעטל — און אַז מען האָט איר אַרום דעם יאָר 1860, ווען זי איז געמויערט געוואָרן, געגעבן אַ נאָמען „די קאַמעניצע" איז זי שוין ביי דעם נאָמען געבליבן אויף אייביק. די קאַמעניצע שטייט נאָך אַלץ — ווען איך שרייב אָט די ווערטער. שפּעטער זענען — נאָך גרויסע שריפות — צוגעקומען נאָך אַ סך קאַמעניצעס אין שטעטל, אַפילו צווייִשטאָקיקע, אָבער קינד און קייט האָט געוווּסט, אַז די קאַמעניצע איז זי... און זי באַלאַנגט צו מיין זיידן יאָסעלע ראָזענבלאַט.

די קאַמעניצע האָט געהאַט צוויי פראָנטן — 18 פענצטער אירע פון ערשטן שטאָק און פון פּאַרטער זענען אַרויס אין מאַרק־פּלאַץ און אין אַ זייטיק געסל — 8. די קאַמעניצע האָט געהאַט אַ גלאַנציקן בלעכערנעם דאַך און אין מיין קינדהייט האָט זיך מיר געדאַכט, אַז קיין גרעסער הויז איז גאָרנישט מעגלעך צו בויען.

וויפל מעשיות מען האָט דערציילט וועגן דעם, ווי אַזוי די קאַמעניצע האָט זיך געבומען אין אונדזער שטעטל — אַלע זענען געווען אַנדערש. נאָך אַלע זאַכן איז זי דאָך נישט געווען אַזוי אַלט. אָבער זי איז פון אָנהייב אָן געווען אַרומגערינגלט מיט סוד. און צום סודותדיקסטן זענען געווען אירע פענצטער. גרויסע פענצטער, טאָפּל־פענצטער — נאַטירלעך. פיר שויבן אין יעדן פון די טאָפּל־פענצטער, וואָס איינס האָט זיך געעפנט אין שטוב אַריין און דאָס אַנדערע אין דרויסן אַרויס. די צוויי

אונטערשטע שויבן — זייער גרויס און הויך. די אויבערשטע — האַלב די גרויס. אָבער אין אַלע פענצטער פון דעם הויז האָט מען געזען סימנים, אַז מען האָט זיי אַמאָל איבערגעמאַכט, געבראָכן די ראַמען, אַרויסגענו־מען די מיטלסטע לייסטלעך פון די פענצטער. און דער זיידע פלעגט דער־ציילן וועגן דעם אָט אַזוי: ווען איך בין אַ דרייסיק יאָר אַלט געווען איז אַמאָל אין שטעטל אַראָפּגעקומען אַ גרויסער פּריץ, וואָס קיינער האָט נישט געוווּסט פון וואַנעט ער איז און וואָס ער וויל. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט ער אָפּגעקויפט אַ פּאָר כאַלופּעס אין מאַרק און איידער וואָס ווען האָט מען אַרויסגעוואָרפן די יידן, וואָס האָבן דאָרט געוווינט און מען האָט צעוואָרפן די הייזלעך און גענומען גראָבן טיפע פונדאַמענטן און באַלד איז דער פּריץ אַוועקגעפאָרן. צו אָסיען צו האָט מען געדעקט דעם דאַך און צום יאָר איז געווען פאַרטיק דאָס הויז און עפּעס פרעמדע לייט פון אַנדערע שטעט האָבן זיך דאָ כסדר געפּאָרעט. און אַז די פענצטער זע־נען שוין געווען אַריינגעשטעלט — צו זעקס שויבן אין יעדן — איז אַמאָל אַראָפּגעקומען דער פּריץ און האָט באַלד צונויפגערופן אַלע בעלי־מלאָכה און גענומען מאַכן ווילדע קולות, אַז דאָס הויז געפעלט אים נישט און אַז ער וועט עס צעברעכן. און ער האָט טאַקע גענומען גיין פון פענצ־טער צו פענצטער און האַקן די שויבן. גאַנץ שטאָט איז זיך צונויפגעלאָפן אויף בייז וווּנדער ביז אַלע פענצטער זענען געווען צעהאַקט. ער האָט גע־וואָלט — האָט געשריגן דער פּריץ — גרויסע טאָפּל־שויבן און נישט קליינע פענצטערלעך ווי אין די כאַלופּקעס. און אַזוי גיך ער איז אַראָפּ אין שטעטל — אַזוי גיך האָט ער זיך אָפּגעטראָגן און מער האָט מען אים שוין קיינמאָל נישט געזען. אַ יאָר איז די קאָמעניצע געשטאַנען ליידיק און פאַרהאַקט, מיט די צעבראָכענע, ליידיקע פענצטער אין מאַרק אַריין... דאָס זענען געווען די פאַקטן אַליין, ווייל מיין זיידע האָט פיינט געהאַט סתם מעשיות. אָבער ווער דער פּריץ איז געווען און פון וואַנעט ער איז גע־קומען און וווּהין ער איז אַוועק — וועגן דעם זענען שוין אַרומגעגאַנגען מעשיות אויף מעשיות. אונדז אָבער גייט אָן נאָר די מעשה אין שייכות מיט אונדזער משפּחה.

אין יענעם טאָג, ווען דער ווילדער פּריץ האָט געהאַקט די שויבן, איז עס מיין זיידן, וואָס איז נאָך דעמאָלט געווען אַ קליין סוחרל, איינגעפאַלן

די היציק־ווילדע פאַנטאַזיע אָפּצוקויפן אָט די קאָמעניצע... דעם סוד האָט ער אויסגעזאָגט דער באָבען, און שפּעטער דער גאַנצער משפּחה — ערשט אין דרייסיק יאָר אַרום, ווען ער איז געקומען פון נאַטאַר מיט דעם דאָקו־מענט אין קעשענע, אַז די קאָמעניצע איז טאַקע זיינע... און איינמאָל עס אויסגעזאָגט — האָט ער נישט אויפגעהערט מער וועגן דעם צו רעדן. — אַלץ קען מען אין לעבן אויספירן, פלעגט דער זיידע מענהן, מען דאַרף נאָר וועלן און האַלטן סוד.

נאָך דער שויבן־ברעכעריי האָט מען סוף־כל־סוף אַריינגעשטעלט גרויסע פענצטער, ווי דער פּריץ האָט געוואָלט; דאָס הויז איז באַוויזנט געוואָרן דורך די אינטעליגענטע גויים אין שטעטל, און די יאָרן זענען גע־גאַנגען זייער גאַנג — מען האָט די קאָמעניצע נישט צו שטאַרק ליב גע־האָט. זי איז עפּעס געווען אַ פרעמדע און אַן אומהיימלעכע אַריינדרינגע־רין אין שטעטל. ביז אין איין שיינעם טאָג, אַרום דעם יאָר 1890, האָט זיך מיין זיידע מיט דער לאַנגער, ציכטיקער, זילבערנער באָרד באַוויזן אין אָט דער קאָמעניצע און אָנגעהויבן זי גרינטלעך אַרומקוקן און אַרומטאַפּן און איז אַפילו אַריינגעגאַנגען צו די גויִשע קאָמאָרניקעס אירע, האַלטנ־דיק דעם שיינעם פלושענעם, שוואַרצן קאַפּעלוש אין די הענט, און מיט דער בלויער, סאַמעטענער יאַרמלקע אויפן קאָפּ. די קאָמאָרניקעס האָבן געמיינט, אַז דער אייביק אומבאַקאַנטער באַלעבאָס פון דער קאָמעניצע האָט געשיקט אַ בעל־מלאכה עפּעס צו פאַרריכטן... נאָר, אַז זיי האָבן גע־פרעגט דעם ציכטיקן אַלטן — ווער עס האָט אים אייגנטלעך געשיקט דאָ אַלץ צו באַקוקן — האָט ער אַ שמייכל געטאָן און אַ דריבנעם לאַך געטאָן אין זיין לאַנגער באָרד און ער האָט געזאָגט: מוי דאָם — מיין הויז... דאָס איז געווען דער טריומף פון מיין זיידנס לעבן. אָבער שוין אין זעלבן נאָכ־מיטיק האָבן זיך אָנגעהויבן די גרויסע זאָרגן צוליב אָט דער קאָמעניצע... זעקס קינדער האָט דער זיידע געהאַט, דריי זין און דריי טעכטער. אייניקע זענען שוין אַליין געווען קליינע גבירים. און אַלע זעקס האָבן זיך אין זעלבן נאָכמיטיק פאַרזאַמלט אין זיידנס אוראַלטן האַלצערנעם ירושה־הויז מיט דער גרויסער פּאַטשינע און אַלע זעקס האָבן זיי געפּאַדערט דירות אין דעם נייעם הויז, וואָס האָט געהאַט זעקס און צוואַנציק צימערן און פונקט זעקס קיכן... די זעקס קינדער זענען געקומען מיט... זעקס גרייטע פּלענער ווי־

אַזוי דאָס הויז איינצוטיילן. דער עיקר פאַרשיידן זענען געווען די פּלענער מכוח די צוויי איבערגעבליבענע צימערן, נאָך דעם ווי יעדעס קינד וועט באַקומען פיר צימערן און זעקס מאָל פיר איז דאָך פיר און צוואַנציק און צימערן זענען דאָ זעקס און צוואַנציק...

בלויז עטלעכע שעה האָט געדויערט דעם זיידנס טריומף פון זיין לעבן — נאָך דעם ווי ער האָט דרייסיק יאָר געלייגט אַ גרייצער צו אַ גרייצער און אַ רייניש צו אַ רייניש און געהאַלטן זיין זיסן סוד, אַפילו פאַר דער באָבען... פאַר דער באָבען — מער ווי פאַר וועמען עס איז, ווייל זי איז געווען אַ קאָנסערוואַטיווע ביז גאָר און האָט פיינט געהאַט דעם זיידנס שטרעבונג נאָך געלט, כאָטש דאָס געלט אַליין האָט זי ליב געהאַט, אָבער נאָר צוליב אירע צדקה־צוועקן, נישט צוליב מאַכן נאָך מער געלט.

אַז דער זיידע האָט דערזען די משפּחה־מחלוקה אין זיין שטוב באַלד אין ערשטן טאָג פון זיין וואָר־געוואָרענעם חלום — האָט ער זיך שטאַרק צעוויינט און האָט געסטראַשעט, אַז מאָרגן וועט ער דאָס הויז ווידער פאַר־קויפן און ער האָט עס אייגנטלעך נאָר דערפאַר געקויפט, ווייל עס איז געווען אַ מציאה. אָבער צו טיפע וואָרצלען האָט אָט די קאָמעניצע גע־שלאָגן אין פאַרלויף פון דרייסיק יאָר קוקן אויף איר יעדן טאָג — אין מיין זיידנס האַרץ.

נאָך דעם ערשטן, דראַמאַטיש פאַרענדיקטן, אַטאַק האָבן די זעקס קינדער פון מיין זיידן אָפּגעלאָזט אויף אַ צייט. פון זיידנס איין גרויסן חלום — זענען געוואָרן זעקס קליינע, קליינלעכע חלומות. מען האָט גע־טשאַטעוועט, מען האָט אומישנע זיך איבערגעצויגן אין ערגערע דירות, מען האָט שפּיאָנירט מיט דער הילף פון די אומצאָליקע אייניקלעך די שמועסן פון דעם זיידן אויג אויף אויג מיט זיינע זין, טעכטער, איידעמס און שנורן.

דער ערשטער וואָס האָט דורכגעבראָכן דעם פראָנט און זיך אַריינגע־צויגן אין דער קאָמעניצע איז געווען דער פעטער נאָטע. עס האָט אים אָפּ־געגליקט. ער איז געווען אַ נשרף. די צווייטע איז געווען מיין מאַמע, דעם זיידנס טאָכטער — אונדזער משפּחה. באַלד האָט זיך אַריינגעצויגן דער פעטער מרדכי. נאָך אין אַ יאָר, אָדער צוויי, די מומע מירל מיט איר גרויסן בני־בית. אויסן געבליבן איז דער פעטער נח צוליב עפּעס אַ סיבה,

און די מומע לייטשע, ווייל זי האָט סיי־ווי געוווינט מיט דעם זיידן אין זיין אַלטן הויז.

די קאַמעניצע האָט איבערגעדויערט די ערשטע מלחמה. זי איז נאָר אַביסל צעלעכערט געוואָרן פון קוילן. דער זיידע איז געשטאָרבן אין יאָר 1916. אין דער צוואה איז די קאַמעניצע אויפגעטיילט געוואָרן אין זעקס גלייכע טיילן. וויאַזוי מען האָט זיך ספּראַוועט מיט דעם צעטיילן די ציפּער 26 אויף 6 — געדענק איך נישט. אייניקע פון די יורשים האָבן זייער טייל פאַרקויפט. און די קאַמעניצע האָט דורכגעמאַכט נאָך אַ וועלט־מלחמה און איז ווידער געבליבן שטיין. כמעט די איינציקע אין שטעטל. און זי שטייט נאָך הייַנט — נאָר ווער עס וווינט אין איר און וואָס עס טוט זיך איצט אין אירע זעקס און צוואַנציק צימערן און זעקס קיכן — ווייס איך נישט, שרייבנדיק די ווערטער אין יאָר 1954, כאָטש נאָך אַלץ געהערן פיר פון די דאָזיקע צימערן און איין קיך צו מיין ברודער הערץ און צו מיר...

מיין ברודער איז איצט אין אויסטראַליע און איך בין איצט אין מדינת ישראל און — וואָלט איר עס געגלייבט, אַז מיר זענען נאָך אַלץ די יורשים פון דעם וואָר־געוואָרענעם חלום פון אונדזער זיידן, וואָס האָט אויפגעשיינט אין זיין האַרץ אין יאָר 1860 און איז געוואָרן וואָר אין יאָר 1890 און איז אין זעלבן טאָג פאַרטונקלט געוואָרן; ווייל כאָטש דער זיידע האָט זיך נישט גערירט אָן אַ מאמר פון פרקי אָבות, אַז עס איז צוגעקומען צו זיין חלום פון דער קאַמעניצע, האָט אויך ער פאַרגעסן די קלוגע רייד פון הלל: מרבה נכסים — מרבה דאגה.

און לאָמיר דאָ פאַרענדיקן די מעשה פון דער קאַמעניצע — כאָטש זי וועט זיך נאָך אַ סך מאָל אומקערן אין אונדזערע מעשיות אין אַלערליי גילגולים.

# פּעפּאַ

זי איז געווען די פּערטע פון די פינף טעכטער, פון די צוועלף לעבנ־געבליבענע, פון די צוויי מאָל אַזויפיל געבוירענע, קינדער פון מיין פעטער אברהם־הערש און מיין מומע מירל. זי איז געווען אַ שלאַנקע און אַ הויכע און אַ בלאָנדע און אַ שיינע און זי האָט געהייסן פּערל, אָבער מען האָט זי גערופן פּ ע פּ אַ. זי איז עפּעס באַלד געבוירן געוואָרן אַ פרעמדע אין דער גאַנצער משפּחה. זי האָט זיך געחברט מיט שיקסלעך און האָט ליב געהאַט צו זיצן אין די קיכן און זי האָט געקענט אַלע סודות פון די דינסטן און האָט געשריבן בריוו פאַר זיי. זי האָט ליב געהאַט שווערע האַרעוואַניע און מען האָט זיך מיט איר געשאַפּט, אַט אַזוי ווי זי אַליין וואָלט געווען מער דינסט ווי טאָכטער אין דער משפּחה. פּעפּאַ האָט אָבער ביי דעם קיינמאָל נישט פאַרלוירן איר ווירדע און, דער עיקר, נישט פאַרלוירן איר דאָמינירנדיקע און אַרויסרופערישע שיינקייט. כמעט אַלע קינדער פון דער משפּחה זענען געווען בלאָנדע. נאָר עפּעס האָט זיך אַ שטן געלייגט ווּפּאָפּעריק און די טעכטער האָבן נישט געקענט קיין שידוכים געפינען. אַלע דריי פאַר פּעפּאַן זענען פאַרזעסן. די יינגסטע האָט חתונה געהאַט סוף־כל־סוף די ערשטע. די צווייטע האָט חתונה געהאַט שוין אין אירע על־טערע יאָרן און איז געוואָרן אַן אַלמנה אין דער נאַכט פון דער חתונה. און וואָס מיט פּעפּאַן איז געשען — דאָס דערציילט אָט־אָ־די מעשה.

אַז פּעפּאַ איז אַלט געוואָרן פופצן יאָר איז זי איינמאָל אַריינגעלאָפן מיט אַ יאָמערלעך געוויין צו אירע טאַטע־מאַמע, בשעת עס זענען געווען משפּחה־געסט אין שטוב: מאַכט מיך חתונה! עפּעס אַזוי ווי אַ מלאך וואָלט איר אין אַ חלום אויסגעזאָגט איר גורל אין לעבן און זי האָט געוואָלט פון דעם גורל אַנטלויפן. אָבער וויאַזוי האָט מען גאָר געקענט טראַכטן זי חתונה צו מאַכן, אַז פאַר איר זענען געווען דריי שוועסטער און אַלע שוין ראוי לחופּה. איז פון יענעם טאָג אָן, פון יענעם געוויין אָן, פּעפּאַ אַוועק אויף אירע אייגענע דרכים.

די דינסטן — באַזונדערס די פּוילישע און רוטענישע — אין דער משפּחה האָבן ביי פּעפּאַן געפרעגט אינטימע עצות און זי האָט גערנוויליק געגעבן די עצות. איינמאָל האָט האַנקאַ, די שטאָל־שיקסע אין זיידנס קליי־נעם, שטאָטישן פּאַלוואַרק געפרעגט ביי פּעפּאַן אַן עצה וויאַזוי ליב צו האָבן אַ זעלנער און דאָך נישט צו האָבן אַ בענקאַרט. האָט פּעפּאַ האַנקאַן געזאָגט, אַז דאָס בעסטע וועט זיין, ווען זי וועט זיך ליב האָבן דורך די שטאַכעטן. און זי האָט דער שיינער האַנקאַן, געזונט און פריש ווי אַ צוויי־יעריקע יאַלאָווקע, אָנגעוויזן דאָס דאָזיקע זיכערסטע, געהיימע אָרט. דאָס איז געווען אַן אָרט אין אַ לוקל צווישן דער שטאָל און דעם שפּייכלער. דאָרט זענען געווען שטאַרקע, הויכע שטאַכעטן צו דעם געסל צו. פּעפּאַ האָט האַנקאַן געעצהט ביי אירע נאַכטלעכע באַגעגענישן מיט איר זעלנער צו הייסן אים שטיין אין דרויסן אין געסל און זי זאָל זיין אינעווייניק, אין לוקל און אַזוי קענען זיי זיך האָלובען וויפל זיי ווילן. זיי האָבן זיך טאַקע אַזוי האָלובעט שטייענדיק פון ביידע זייטן פון די שטאַכעטן אַ האַרבסט און אַ האַלבן ווינטער. נאָר אַז האַנקאַ האָט פלוצלינג גענומען חושד זיין, אַז די עצה האָט געטויגט אויפן פייער און אַ ממזר וואַרפט זיך אין אירע אינגעווייידן — האָט זי אַמאָל פּעפּאַן אַזוי אָנגעשלאָגן פאַר איר עצה, אַז דאָס איז שוין געווען די לעצטע עצה, וואָס זי האָט געגעבן די דינסטן. קיין אומגליק האָט דער ממזר נישט געבראַכט. דריי יאָר שפּעטער איז ער געקומען מיט זיין מאַמען צוריק צום זיידן און איז יאָרן־לאַנג געווען דער פּאַסטוך פון די קי. צום סוף איז ער געוואָרן אַ פיינער באַלעבאָס אין זיין דאָרף, געזונט און שיין ווי זיין מאַמע האַנקאַ. אַז גאָט האָט געזאָגט „פּרו ורבו" — זענען אַפילו די שטאַרקסטע און העכסטע שטאַכעטן מאַכט־לאָז, און דער שאַרפסטער פראָסט נישט קיין אָפּהאַלט.

***

יעדן מיטוואָך פלעגן די זיבן זונות פון דעם שטעטלשן בית־זונות, וואָס איז געווען אין אַ שטיבל ביים ברעג פון טייכל (נאָענט פון ביידע קאַזאַרמעס פון גרויסן שטאָטישן גאַרניזאָן, וואָס איז באַשטאַנען פון עט־לעכע באַטאַליאָנען אינפאַנטעריע און עסקאַדראָנען אונגאַרישע דראַגאָנער אויף פייערדיקע פערד) גיין אויף אַ וויזיט צום שטאָטישן דאָקטאָר. און דער

דאָזיקער דאָקטאָר האָט געוווינט אין אונדזער גרויסער משפּחה־קאָמעני־צע אויפן ערשטן שטאָק, אַ טיר ביי אַ טיר נעבן אונדזער דירה. די זונות פלעגן גיין צוזאַמען אין אַ טשאַטע ווי בלודנע שאָף. בלייכע און מאָגערע זענען זיי געווען, האָבן אַלע ווי איינע געהאַט טונקעלע רינגען פון מיד־קייט אַרום די אויגן און זייער אָנטאָן איז געווען גיכער ענלעך צום אָנטאָן פון הייליקע קלויסטער־שוועסטערן ווי פון זונות. זיי, די בלייכע און מידע זענען דאָס געווען די כלות אויף פּערטל־שעהן פון טויזנטער געזונטע זעל־נערישע תאוות צו פרויען־לייב.

אָפּגעפּאַרטיקט מיט דער אינספּעקציע ביים דאָקטער האָט זיך די טשאַטע בלודנע מענטשלעכע שאָף געלאָזט מיט די בידנע מטבעות, וואָס זייער „מומע" האָט זיי איבערגעלאָזן פאַר אייגענעם געברויך, איבער די קראָמען איינצוקויפן קעמעלעך, שפּיגעלעך, זאָקן־בענדלעך, צוקערלעך און שאָקאָלאַד און אַמאָל אויך אַ בייגעלע פּאַפּיר און אַ מאַרקע אַ בריוו צו שרייבן. די ערשטע קראָם, אין וועלכער די בלודנע נפשות זענען אַריין, איז געווען די גרויסע קראָם פון כל־טוב פון מיין פעטער אברהם־הערש, וואָס איינע פון זיינע פינף טעכטער איז געווען פּעפּאַ. די אָרעמע באַשע־פענישן האָבן זיך קיינמאָל נישט געדונגען און דאָס שטעטל האָט שטי־לערהייט אַרויסגעקוקט אויף דער לייזונג, כאָטש מען האָט זיך געמיאוסט מיט זייער געלט, וואָס איז געווען אתנן זונה. און עס האָט זיך שוין אַלע־מאָל עפּעס אַזוי געמאַכט, אַז ווען נאָר די בידנע מיידלעך זענען אַריין אין מיין פעטערס קראָם — זענען זיך אַלע צעלאָפן און פּעפּא פלעגט אַליין בלייבן מיט זיי, די בלייכע קונהטעס. פאַר פּעפּאַן האָבן זיי נישט איינמאָל אויסדערציילט זייער דאָליע, פאַר איר האָבן געגעבן דעם ערשטן ביטערן זיפץ יענע, וואָס דער דאָקטער האָט זיי פאַרבאָטן ווייטער צו „אַרבעטן", וואָס דאָס איז אָפּטמאָל שוין געווען דער טויט־אורטייל פאַר זיי. פּעפּאַ פלעגט אויך אָפּט שרייבן די בריוו פון די מיידלעך. צו־לאַנג האָט מען זיי אין קראָם נישט געלאָזט זיין. באַלד האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן פּנימער אין די שפּאַלטן פון די טירן: — נו שוין, טרייב זיי שוין אַרויס, פּעפּאַ! שוין גענוג!

**

אין איין שיינעם טאָג האָט זיך ביי איינעם פון די שטאָטישע אַדוואָ־קאַטן באַוויזן אַ יונגער יידישער קאַנציפּיענט. געזונט און שטאַרק און שיין ווי אַ דראַגאָנער און מיט אויפגעהויבענע שוואַרצע וואָנצעס ווי קייזער ווילהעלם, אָדער כאָטש אַ סיבירישער קאַטער. געטראָגן האָט ער אַ קינסטלערישן קראַוואַט, אַ ברייטן הוט, אַ שטעקן מיט סענקעס — אַלץ מעשה קינסטלער. דערצו האָט ער געהאַט אַ נאָמען פול מיט זילבער און מיט גאָלד. און איידער וואָס־ווען האָט ער שוין געפלעגט אָפט אַריינקומען אין קראָם פון מיין פעטער מיט אַלע זיינע טעכטער און ער האָט שוין געוואָרפן אַן אויג אויף פעפאַן און גאַר באַלד האָט מען שוין פעפאַן אין די אָוונטן נישט געקענט געפינען און פונקט אַזוי האָט מען אין די אָוונטן נישט געקענט געפינען דעם נייעם יונגן קאַנציפּיענט־אַדוואָקאַט.

דער גאַנצער ענין איז צוגעגאַנגען צו־שנעל און איז געווען צו־שיין, אַז ער זאָל זיין אַזוי אמת ווי די משפחה האָט זיך געווונטשן. אַז מען האָט פעפאַן אָנגעהויבן נאָכצושפּיאָנירן און עס איז שוין קיין ספק נישט געווען, אַז דאָס פאַרשווינדט זי אויף גאַנצע אָוונטן אין די פעלדער מיט לאָזעס און קשאַקעס ביי די טייכן — און טאַקע מיט דעם קאַנציפּיענט — האָט מען זי אָנגעהויבן צו פייניקן מיט רייד און פשוט שלאָגן מיט פויסטן.

— אין אַ שטוב מיט פאַרזעסענע שוועסטערן זאָל אַ טאָכטער אַזוינס טאָן! ווער וועט זיך דען וועלן שוין משדך זיין מיט אַזאַ שטוב?

דער גאַנצער כעס און דער גאַנצער אומעט פון דרייפאַכער פאַרזעסנקייט האָט זיך אויסגעגאָסן אויף פעפאַס בלאָנדן, שטאָלצן קאָפּ. זי האָט נישט געוויינט פון די קללות און פון די פויסטן, זי האָט נאָר מיט פאַרביסנקייט אַלעמאָל איבערגעחזרט: — האָט איר מיך געזאָלט חתונה־מאַכן, אַז איך האָב אייך געבעטן! חתונה מאַכן, חתונה מאַכן!

משפחה האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און מען איז אַרויפגעגאַנגען צום יונגן קאַנציפּיענט מיט די קייזער ווילהעלם־וואָנצעס: — ס׳טייטש, ביסט דאָך אויך אַ טאַטנס אַ קינד?! קודם־כל האָט ער געלייקנט שטיין און ביין. און אַז מען האָט געענומען סטראַשען שוין נישט מיט יידישן יושר, נאָר מיט גויישן געזעץ — האָט ער קאַלטבלוטיק געענטפערט, אַז דאָס געזעץ קען ער בעסער ווי דאָס גאַנצע שטעטל יידן צוזאַמענגענומען. וויפל דערפאָלג ער האָט געהאַט ביי די פרויען פון שטעטל — נאָך מער דער־

פאָלג האָט ער געהאַט ביי די אַלטע ריכטערס אין געריכט. ער האָט גע־וווּנען אַלע פּראָצעסן, ער האָט טאַקע געקענט דאָס געזעץ.

***

אין איין שפּעט־האַרבסטיקן אָוונט האָט מען זיך אין דער משפּחה פון פעטער אברהם־הערש אַרומגעקוקט, אַז פּעפּאַ איז אין גאַנצן פאַר־שווּנדן געוואָרן, פאַרשווּנדן מיט קוים אַ דינעם מענטעלע. אָן אַ זיפץ, אָן אַ טרער, אָן אַ זיי־געזונט, אָן אַ ברכה און אָן אַ קללה. נעלם געוואָרן. קיין באַלעגאָלע האָט זי צו דער באַן ניט געפירט און אויך ביי דער באַן האָט זי קיינער נישט געזען אַוועקפאָרן. מען וואָלט עס אין פאַרלויף פון טעג מיטגעטיילט דער משפּחה, ווייל נאָך אין זעלבן אָוונט האָט גאַנץ שטעטל זיך געשושקעט פון מויל צו אויער: עך ווייסט? פּעפּאַ מירלס איז פאַרשווּנדן געוואָרן.

און אַזוי ווי זי איז נעלם געוואָרן אָן אַ קלאַנג, אַזוי איז זי אין עטלעכע וואָכן אַרום, ווי פון הימל אַראָפּ, ווידער געווען; אויסגעטאָן צוריק דאָס דינע מענטעלע און זיך געשטעלט אַרבעטן אין קיך און אין קראָם. נאָר זי איז געווען אויסגעמאַגערט און אויסגעבלייכט און אַזוי ווי נישט זי מער.

מיט דעם קאָנציפּיענט מיט די וואָנצעס פון אַ סיבירישן קאָטער האָט זי זיך נישט מער באַגעגנט, ווייל ער האָט מער נישט געוואָלט. דער ווינ־טער איז אַוועק, דער פרילינג איז געקומען און פּעפּאַ איז ווידער נעלם געוואָרן, נאָר דאָסמאָל מיט אַלץ, וואָס איז נאָר געווען אירס, ווייל פּעפּאַ איז געווען אַן ערלעכע און קיין פרעמדס, אַפילו פון אַ לייבלעכער שוועס־טער, וועט זי נישט אָנרירן. אַז זי גרייט זיך, האָט מען אַרויסגעפילט פון יעדן קער און ווענד אירן, אָבער מען האָט געדאַנקט גאָט און געקוקט דורך די פינגער.

***

חדשים נאָך פּעפּאַס פאַרשווינדן האָבן אָנגעהויבן קומען בריוו פון איר — באַזונדערס צו איין שוועסטער, בלויז מיט עטלעכע יאָר עלטער פון איר, אַ שוועסטער, וואָס פּעפּאַ האָט אַלעמאָל געזאָגט אויף איר: עטל פאַרשטייט מיך, די איינציקע! אויף די בריוו איז קיין צוריק־אַדרעס נישט

געווען און די שטעט — גרויסע: קראָקע, לעמבערג. אָבער אויך די דאָזיקע בריוו אָן אַ צוריק־אַדרעס האָבן אויפגעהערט צו קומען. די געטרייע טעטל האָט זיך די אויגן אויסגעוויינט פון צער און בענקשאַפט, אָבער נישט געווען צו ווענען. און נאָך צו מיין מאַמען האָט די געטרייע שוועסטער טעטל געטראָגן איר צער. כאָטש אויך די מאַמע, פּעפּאַס מומע, האָט זי אַליין נישט פאַרשטאַנען — טעלס צער האָט זי יאָ פאַרשטאַנען און זי געטרייסט. איך האָב אָפּט אונטערגעהערט אַ וואָרט אין די שמועסן. אַ מאָדנע וואָרט: קורטיזאַנע. מיין מאַמע האָט טעלען געטרייסט, אַז עס איז נישט אַזוי שלעכט, פּעפּאַ איז אַ קלוגע און אַזוי ווייט איז זי אַוודאי נישט אַוועק. נאָר מסתמא איז זי אַ — קורטיזאַנע.

און נאָך אַ יאָר און נאָך אַ יאָר — פּעפּאַ האָט אָנגעהויבן צו פאַרשווינדן פון דעם האָריזאָנט פון דער משפחה ווי אַ דינער אוונט־וואָלקן. דינער און דינער ביז ער מישט זיך אין גאַנצן אויס מיט דער נאַכט

***

איינמאָל, אין יאָר 1917, זייענדיק אַ זעלנער אין קראָקעווער גאַרניזאָן, האָבן איך פּלוצלינג פּעפּאַן באַגעגנט אויף אַ רוישיקער גאַס. זי איז געווען נאָך אַלץ שיין און שלאַנק, נאָר איר שיינקייט שוין אַ צוגעפּאַרבטע. זי איז געווען אין זיבעטן הימל פון דער באַגעגעניש און איך האָב באַלד געמוזט גיין מיט איר אין איר עלעגאַנטן וווינצימער. זי האָט מיר געזאָגט, אַז זי איז אַ קראַנקן־שוועסטער. אַ שעה איז אַוועק. פּעפּאַ האָט אומרויִק געקוקט אויפן זייגער. אַ שטילער קלאַפּ אין טיר. אַן עלטערער עלעגאַנטער אָפיציר איז אַריינגעקומען. פּעפּאַ האָט מיט שטאָלץ מיך פאָרגעשטעלט: אַ קוזין — ער הייסט אַזוי און אַזוי — ער איז אַ שרייבער. אַ פּאָעט. אָבער דעם אָפיציר איז עס נישט אָנגעשטאַנען. דערצו בין איך נישט מער ווי אַ סאָלדאַט. אַן איינ־יעריק־פריוויליקער, מיט געלע בענדלעך אויף די אַרבל, מיטן רעכט צו ווערן אַן אָפיציר מיט דער צייט, אָבער פאָרט נישט אין זיין ראַנג. איך האָב פאַרשטאַנען די סיטואַציע און האָב מיך איידל און גיך אָפּגעטראָגן.

גייענדיק אַראָפּ פון די טרעפּ האָט אין מיין זכרון אַ קלונג־געטאָן

מיין מאַמעס דעמאָלט אומפאַרשטאַנען טרייסט־וואָרט פאַר פּעפּאַס שוועס־טער עטל. איצט האָב איך דאָס וואָרט פאַרשטאַנען.

און מער האָב איך קיינמאָל, פון קיינעם און אין ערגעץ וועגן פּעפּאַס גורל נישט געקענט דערגיין. אַזוי ביזן היינטיקן טאָג.

אין מיינע רייזעס איבער ווייטע עקזאָטישע שטעט, זעענדיק ענלעכע געשטאַלטן און פּנימער ווי פּעפּאַס — האָט זיך מיר נישט איינמאָל גע־גלוסט צוצוגיין און אַ פרעג־טאָן: זענט איר נישט אַמאָל פּעפּאַ? — אָבער איך האָב עס קיינמאָל נישט געטאָן. און עס קען זיין, אַז איך האָב זי טאַקע באַגעגנט, נאָר פאַרבייגעגאַנגען.

ווו איז זי טאַקע נעלם געוואָרן? האָט זי זיך אויפגעהויבן ווידער? איז זי טיפער געפאַלן? ווער ווייסט.

יאָ, אויך פּעפּאַ איז געווען בלוט אוןביין פון אונדזער גרויסער פאַר־צווייגטער משפחה. זאָל בלייבן אַ מעשה נאָך איר אינעם מעשה־בוך פון מיין לעבן.

אַן אומעטיקע מעשה מיט איין טיפן מענטשלעכן געשריי צו אי־רע פופצן יאָר: מאַכט מיך חתונה! נאָר מען האָט איר נישט צוליב געטאָן, נישט געקענט דעמאָלט צוליב טאָן, איז פּעפּאַ אַוועק אויף איר אייגענעם וועג. אַ וועג אַהין, אַהין — אָן אַ שטעג אויף צוריק.

# אַ מלחמה אויף דער פּאָטשינע

די מעשה מוז זיך אָנהייבן — נישטאָ קיין עצה — מיט אַ ביסל עטימאָלאָגישן פֿאָלקלאָר. איך מוז אָנהייבן מיט דער באַשרייבונג פֿון פּאָטשינעס בכלל און בפרט מיט דער פּאָטשינע פֿון מיין זיידנס הויז, וואָס איז אייגנטלעך געווען אַ מין קליין הייפל אין סאַמע מיטן רינגפּלאַץ פֿון שטעטל.

מחמת איך גיי דאָ ווייטער באַשרייבן אַ קליינע מלחמה, ריכטיקער — אַ שלאַכט, וואָס איך האָב צוגעזען מיט מיינע אייגענע אויגן, וואָס זענען דעמאָלט אַרום צען־צוועלף יאָר אַלט געווען, און וואָס איר שלאַכטפעלד איז געווען טאַקע מיין זיידנס פּאָטשינע. אָן צו וויסן, וואָס עס איז אַ פּאָטשינע — וועט מען נישט אָנהייבן צו פֿאַרשטיין די גאַנצע מעשה.

ובכן: פּאָטשינע שטאַמט פֿון דעם פּוילישן וואָרט „פּאָדשיעניע" און מיינען מיינט עס דאָס דעכל — געוויינטלעך מיט אַ צוויי סלופּעס אונטערגעשפּאַרט — וואָס איז דאָ אין אַ באַלעבאַטיש הויז פֿאַרן אַריינגאַנג אין פֿיר־הויז, אָדער קאָרידאָר. „פֿיר־הויז" ווידער האָט מען אין אונדזער שטעטל געקירצט און אַרויסגעזאָגט בלויז „הויז". די „הויזן־טיר" האָט געהייסן די הויפּט־טיר, אָדער די דרויסן־טיר, וואָס פֿירט אין פֿיר־הויז אַריין. פֿאַרוואָס־זשע הייסט אַזאַ מין דעכל אויף סלופּעס פֿאַרן פֿיר־הויז אויף פּויליש „פּאָדשיעניע"? גאַנץ פּשוט — ווייל „שיען" איז אויף פּויליש „פֿיר־הויז". אָבער פּאָטשינע צו פּאָטשינע איז נישט גלייך.

די פּאָטשינע פֿון מיין זיידן איז געווען די גרעסטע פּאָטשינע אין שטעטל. עס איז געווען אַ דאַך, וואָס האָט זיך געצויגן די גאַנצע ברייט פֿון הויז — אַרום 16 איילן, און די טיף פֿון דער פּאָטשינע איז געווען אַרום 5 איילן. דער דאַזיקער דאַך איז געווען אָנגעשפּאַרט אויף פֿיר — פֿון ציגל־געמויערטע, קיילעכדיקע זיילן, די הייך — אַרום פֿיר איילן, אפֿשר פֿינף. עס איז געווען בכן אַ שטח פֿון אַרום אַכציק איילן אין קוואַדראַט. גאַנץ גענוג אויף צו דינען ווי אַ שלאַכטפֿעלד פֿון אַ קליינער מלחמה.

אפשר די קלענסטע, וואָס איז ווען עס איז פֿאָרגעקומען — צען יאָר פֿאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, אָבער פֿאַרט אַ מלחמה.

נאָר כדי דאָס בילד פֿון דער פּאָטשינע זאָל זיין קאָמפּלעט, מוז מען נאָך צוגעבן, אַז זי איז געווען אַרומגערינגלט מיט פּאַרענטשעס, אַ מין געלענדער, אָדער שטאַכייטן, אין דער ברייט, און אויפֿן אויבערשטן פֿון די פּלאַכע דרענגלעך פֿון די פּאַרענטשעס האָט מען געקענט באַקוועם זיצן, אָדער אָנשפּאַרן די הענט און קוקן אין מאַרק אַריין. דאָס אויבערשטע דרענגל איז געווען פּירעקעכדיק און דאָס האָלץ גלאַט פֿון כסדרדיקן זיצן דערויף. ייִד און גוי פֿלעגן דאָ טאָג און נאַכט זיצן אויף די פּאַרענטשעס אין זיך חברן. דער סופֿיט פֿון דער פּאָטשינע איז באַשטאַנען פֿון געקאַלכטע, לאַנגע, מעכטיקע קלעצער און אַלע ווינקעלעך דאָרט זענען געווען באַקלעפּט מיט שוואַלבן־נעסטן, וואָס מען האָט נישט געטאָרט קיין בייז טאָן, מחמת שוואַלבן ברענגען גליק. די פּאָטשינע איז געווען געפּלאַסטערט מיט רויטע ציגל און אַלעמאָל ריין, וואָס ריינער קען שוין נישט זיין. מיין זיידע איז געווען אַ ציכטיקער ייִד, אַ פּעדאַנט און האָט נישט פֿאַרטראָגן דעם מינדסטן מושב אין זיינע הייזער, זיינע סטאָדאָלעס, קאָמערן, שטאַלן, הויפֿן, גערטנער. אויף דער פּאָטשינע זענען זומערצייט געשטאַנען לאַנגע בענק — לענגאויס די ווענט, דערצו טעלעכע שטולן פֿאַר די מער חשובע זיצערס אָדער געסט, און דערצו אַ מין קליינער טראָן־שטול מיט אַ פֿיס־בענקעלע פֿאַר דער באָבען. זי איז — דאַכט זיך מיר — אייביק אַלט געווען זיבעציק יאָר.

הקיצור — דאָס מיינט פּאָטשינע בכלל און אונדזער זיידנס פּאָטשינע בפרט.

און איצטער ווילן מיר איבערלאָזן די פּאָטשינע און זיך נעמען צו מיליטערישער סטראַטעגיע: אונדזער שטעטל רעדים האָט באַלאַנגט געאָ־גראַפֿיש צום גרויסן קרייז פֿון דער פֿעסטונג פּשעמישל. און די פֿעסטונג פּשעמישל, וואָס די נאַזיווע דייטשע עסטרייכער האָבן גערופֿן „די שטאָט מיט דעם אונאויסשפּרעכלעכן נאָמען", כלומר — די שטאָט, וואָס איר נאָמען קען מען נישט אַרויסרעדן צוליב דעם פּוילישן שווערן אויסלייג פֿון דעם וואָרט: פּרצעמיסל) — האָט דאָס געדאַרפֿט זיין דער כוח, וואָס זאָל אויפֿ־האַלטן דעם סוף־כל־סוף דערוואַרטן אָנפֿאַל פֿון דעם ים פֿון די מוזשיקעס,

די פּאָניעס. און אַבי דער ערשטער אָנפאַל וועט זיין אויפגעהאַלטן — וועט שוין רוסלאַנד באַזיגט ווערן. פּשעמישל האָט געהאַט אַ שטענדיקן גאַר־ניזאָן פון צענדליקער טויזנטער סאָלדאַטן פון אַלערליי מינים און אַזוי אויך האָבן די קלענערע שטעטלעך אַרום פּשעמישל געהאַט גרויסע גאַרני־זאָנען. אַזוי אויך רעדים. אָט די דאָזיקע גאַרניזאָנען זענען געווען אַן אייביקער קוואַל פון ייִדישער פּרנסה. די פּשוטע סאָלדאַטן זענען טאַקע לרוב געווען בלוט־אָרעם און שטאַט צו קויפן, האָבן זיי גאָר פאַרקויפט — בעיקר דאָס געשמאַקע, ווי דער „טשאַרנאַזיעם" שוואַרצע קאָמיסברויט, וואָס אַז מען האָט עס געגעסן, איז מען אָדער געזונט געוואָרן ווי אַ פּויער, אָדער געשטאָרבן מיט שווערע קראַמפּן. דערפאַר אָבער זענען די עסטרייַ־כישע אָפיצירלעך, די ווינער קינדער געווען צעלאָזן און רייך און געהאַט גוטע געהעלטער און געגעבן צו פאַרדינען. חוץ דעם זענען ייִדן געווען מאַרקעטענדערס בשעת די מאַנעווערס, געדונגען די קאַנטינעס אין די באַ־ראַקן און געליפערט אַלץ, וואָס דאָס מיליטער האָט נאָר געדאַרפט און געדאַרפט האָט עס אַלץ. אַזויפיל — מיליטערישע סטראַטעגיע.

און איצטער וועלן מיר זיך נעמען צו די שטאַלן און סטאַדעלעס פון מיין זיידן: ווי שוין געזאָגט — זענען זיי געווען זויבער און גוט געבויט און באַדינט אויפן בעסטן אופן דורך די דינסטן, די פאַראַבקעס, די ייִדישע נאַמנס און די דאָרפישע שיקסעס. און לעצטנס — טאַקע בשעת דער מי־ניאַטור־מלחמה, וואָס מיר באַשרייבן — איז די מעלקערין פון די קי אין דעם זיידנס שטאַלן געווען קאַשקאַ. קאַשקאַ איז געווען אַזוי שיין צווישן די שיקסעס פון איר דאָרף און די שיקסעס בכלל — אַזוי ווי „טשאַרנולאַ", די שענסטע קו פון דעם זיידנס שטאַל און בכלל, דעם קוישן מין, צווישן די קי פון איר דור. נאָר טשאַרנולאַס גרויסע, ברוין־שוואַרצע אויגאַנעס זענען געווען אייביק אומעטיק און קאַשקאַס גרויסע ברוין־שוואַרצע אויגן האָבן אייביק געלאַכט מיט זיגערישער פאַרשייטקייט. צו דעם אַלעמען האָט זי געהאַט לאַנגע צעפּ, אַרומגעלייגט אין אַ רעדל אַרום איר קאָפּ. און כאָטש די שיקסעס פון דאָרף פלעגן פאַרקויפן זייערע צעפּ אַלע פּאָר יאָר — קאַשקאַ האָט דאָס נישט געטאָן.

איך ווייס נישט ווי שיין העלענאַ פון טראָיאַ איז געווען, איך בין אָבער זיכער, אַז קאַשקאַ — אין איר וועלט — איז געווען שענער. און

טאַקע צוליב איר — אַזוי ווי צוליב יענער מיטאָלאָגישער פרוי אין טראָיאַ — איז פאָרגעקומען די קליינע מלחמה אויף דער פּאַטשינע פון מיין זיידן.

איידער איך גיי ווייטער אין דער באַשרייבונג פון דער מלחמה, מוז איך נאָך אינפאָרמירן, אַז אין אונדזער שטעטל איז איינגעשטאַנען אַ רע־גימענט אינפאַנטעריע און אַ רעגימענט קאַוואַלעריע. די אינפאַנטעריע איז בעיקר באַשטאַנען פון טשעכן, לויט דער נאַציאָנאַליטעט און די קאַ־וואַלעריע, די אולאַנער, זענען בעיקר געווען אונגאַרן. איבעריק צו זאָגן, אַז אולאַנער — מיט גלאַנציקע שטיוול, רויטע לאַמפּאַסן, רייטערס, מיט לאַנגע שאַבלעס, מיט געלע קוטאַסן אַרום די הענטלעך, רויטע טראָלדן אויף די ברוסטן — דאַרפן מער אימפּאָנירן אַ שיקסע, ווי אינפאַנטעריסטן מיט פּשוטע שיך, געשנורעוועט מיט לעדערנע דינע רימענדלעך, בלויע אוניפאָרמען, דערצו קורצע באַגנעטלעך. אָבער קאַשקאַ האָט גיכער גוס־טירט צו די אינפאַנטעריסטן. קאַשקאַ איז נישט געווען קיין לינגוויסטין און זייענדיק אַ רושינקע לויט איר נאַציאָנאַליטעט, האָט זי זיך מיט די סלאַוון, די טשעכן, נאָך ווי נישט איז געקענט צוזאַמענרעדן, אָבער מיט די אולאַנער, די מאַדיאַרן־אונגאַרן, קיין וואָרט. נישט קענענדיק רעדן, אַביסל פלירטעווען, מיט קאַשקאַן, פלעגן זיי זיך אין די באַגעגענישן מיט איר, אין אַן אוליטשקע הינטער דעם זיידנס סטאָדעלעס, תיכף נעמען צום לשון פון די הענט, און הענט האָבן זיי געהאַט שטאַרקע די אולאַנער, ווי די ריסקאַלעס. אָבער קאַשקאַ איז ביי איר גאַנצער לפנימדיקער פאַרשייטקייט דערוויל געווען אַ צנועה, געהאַלטן הייליק דעם אָנזאָג פון איר טאַטן, דעם אָרעמען פויער, אַז טאָמער קומט זי אַהיים מיט אַ ממזר — מעג זי בעסער תיכף אי זיך, אי דעם ממזר דערטרענקען.

און אָט אַזוי האָט זיך צעוויקלט דער קאַזוס־בעללי פון דער מלחמה אויף דער פּאַטשינע.

אין איין שיינעם פריהאַרבסטיקן פאַרנאַכט בין איך געזעסן אויף דער פּאַטשינע און חוץ מיר נאָך די אַלטע, גוטמוטיק־שיקלדיקע מומע מירל, אַ מאַמע פון צוועלף קינדער לעבעדיקע און צוועלף אין דער ערד, דעם זיידנס עלטסטע קינד. זיצן מיר אַזוי און מיר זעען ווי פון רעכטס און לינקס אַרום די געלענדערס פון דער פּאַטשינע זאַמלען זיך: פון איין זייט די אינפאַנטעריסטן, די טשעכן, און פון דער אַנדערער — די או־

לאַנער, די מאַדיאַרן. און עס איז נישט סתם אַ זאַמלען זיך, דאָס זענען צוויי פּראָנטן. דערווייל פאַלן קללות און חרמות פון רעכטס און פון לינקס, אויף טשעכיש און אויף אונגעריש. די סיטואַציע ווערט געשפּאַנטער און געשפּאַנטער.

און אָט־אָ גיבן אַ שפּרונג אַריבער איבער די פּאָרענטשעס צוויי או־לאַנערס פון רעכטס און צוויי אינפאַנטעריסטן פון לינקס און גלייך צו דער מומע מירל און עס הייבט זיך אָן אַן אויפגערעגט גערעדעריי אין טשעכיש און אין אונגאַריש. דאָס איינציקע, וואָס מען האָט געקענט דאָ פאַרשטיין איז געווען דאָס וואָרט „קאַשקאַ", וואָס ביידע האָבן אַרויס־גערעדט מיט אַ פרעמדן, נישט אונדזעריקן אַקצענט.

די מומע האָט זיך אויפגעשטעלט פון איר שטול, געשיקלט דער־שראָקן מיט אירע גוטמוטיקע, גרויסע בלויע אויגן און — אַזוי ווי זי האָט צופעליק געהאַלטן אין האַנט אַ געפּלאָכטן שטרויענעם איינקויף־קיישל, האָט זי מיט דעם וואָפן כסדר געשמיסן צו די פיר ליבע־צעווילדעוועטע סאָלדאַטן מיט איין איינציקן וואָרט, ווי מען פאַרטרייבט הינט: — אַ־פּודזיעש! אַ־פּודזיעש! די מומע האָט זיך גאָרנישט דערשראָקן און גאָר אַלעמאָל העכער געשריגן: אַ־פּודזיעש! די גאַנצע שרעק איז געפאַלן אויף מיר. און דאָ זענען מיר אין אַ פעסטן רינג פון די פיר סאָלדאַטן — צוויי מיט באַגנעטן און צוויי מיט שאַבלעס. נישט צו אַנטלויפן, נישט צו רופן הילף.

ענדלעך האָט אָנגעהויבן עפּעס קלאָר צו ווערן דורך איינעם פון די מאַדיאַרן, וואָס האָט גערעדט אַ פּאָר ווערטער דייטש. זיי פאָדערן, אַז קאַשקאַ זאָל תיכף אַרויסקומען און אַליין קלאָר מאַכן צו וועמען זי גוס־טירט — צו די אינפאַנטעריסטן, אָדער די אולאַנער.

דערהערט אַזאַ אומפאַרשעמטע מעשה — איז די מומע מירל גאָר אויפגעבראַכט געוואָרן און גענומען שמייסן מיט דעם שטרויענעם קאָשיק נישט אויף קאַטאָוועס, ווו אַ שמיץ איז פּאַפּאַדעט, איבער די הענט, איבער די פּיס, איבער די הערצער און אַפילו איבערן פּנים. איר שלאַכטרוף איז געווען קורץ און שאַרף:

— קיין קאַשקאַ. ניכט דאַ קאַשקאַ, אַ־פּודזיעש!

און דאָ איז עפּעס געשען, וואָס איך ווייס אַליין נישט וואָס, ווייל

מסתמא בין איך אַ רגע געוואָרן פאַרחלשט פון פחד:ביידע פראַנטן זע־נען אַריבערגעשפּרונגען איבער די פּאַרענטשן און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ געשלעג מיט פויסטן און מיט באַגנעטן און דווקא נישט קעגן דער מו־מען, נאָר איין מין מיליטער קעגן אַ צווייטן, מאַדיאַרן קעגן טשעכן — און אָן מיינע אויערן האָט זיך אָנגעשלאָגן איין וואָרט: קאַשקאַ!

דעמאָלט האָב איך נאָך פון דער טראַיאַנישער מלחמה גאָרנישט גע־ווּסט, נאָר היינט, בשעת איך שרייב די אוראַלטע מעשה פון מיין קינד־הייט אויף דער עלטער, שטעל איך מיר פאָר, אַז פונקט אַזוי ליידנשאַפט־לעך ווי אויף דער פּאָטשינע־מלחמה דער נאָמען קאַשקאַ — האָט אין יענער מלחמה געקלונגען דער נאָמען העלענאַ — און ווער עס איז אין דער אמתן שענער געווען — ווייס איך נישט.

און נאָך אַ וואָרט קלינגט מיר נאָך היינט אין די אויערן, ווייל מיט אָט דעם וואָרט זענען די קעמפנדיקע צדדים אַריבער די פּאָרענטשן, און דאָס וואָרט איז: שטורעם!

די שלאַכט האָט לאַנג נישט געדויערט — קיין „שטורעם” געדויערט נישט צו לאַנג. נאָר ווי אין אַלע מלחמות ליידט קודם־כּל דער אומשולדי־קער און שפּעטער די שולדיקע — אַזוי איז עס אויך דאָ געווען. פּלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ מוראדיקער קוויטש אַזש עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער דאַך פון דער פּאָטשינע הייבט זיך אין דער לופטן און איך האָב פאַר זיך געזען ווי די מומע מירל מיט די גרויסע, שיקלדיקע, בלויע, גוטע אויגן האַלב־ליגט און האַלב־זיצט אין דער גרויסער שטול און פון אירע ביידע דיקע אָרעמס רינט בלוט, איבער די עלנבויגנס אַריבער און אַרונ־טער, און איבער די הענט און די פינגער אַראָפּ, אַראָפּ צו די ציגל פון דער פּאָטשינע, וואָס מיט זיי איז זי געווען ברוקירט.

איך האָב שוין נישט געדאַרפט קיינעם רופן — די סאָלדאַטן זענען זיך צעלאָפן אין אַלע זייטן און מענטשן האָבן זיך אָנגעהויבן צונויפלויפן פון אַלע זייטן, דער עיקר פון דעם זיידנס שטוב — און די שטוב איז אַלעמאָל פול געווען און מען האָט דאָרט פונקט געהאַלטן ביים גרייטן וועטשערע.

גאָר באַלד האָט מען אַריינגעפירט די מלחמה־פאַרוואונדעטע אין שטוב, אַ דאָקטער איז געקומען, געמאַכט באַנדאַזשן, די וווּנדן האָבן זיך

אַרויסגעוויזן נישט צו טיפֿע, די שרעק איז גרעסער געווען ווי די ווונדן אַליין.

נאָר אַז קאַשקאַ האָט זיך אויך באַוויזן צווישן גאַנצן געזעמל און גענומען העלפֿן דער מומען אין שטוב־אַרײַן — האָט איר די מומע, נאָך אַלץ אין כעס — דאָס אייניציקע מאָל, וואָס איך האָב זי געזען אין כעס — באַוויזן אַ שמיץ צו טאָן אין פּנים אַרײַן מיטן קאָשיק, וואָס זי האָט די גאַנצע צײַט פֿון דער שלאַכט פֿון די הענט נישט אַרויסגעלאָזן, און זיך צו בײַזערן אויף איר:

— טי ניע! כלומר — אַלע מעגן העלפֿן, נאָר דו, חציפֿה, נישט!

טעג, וואָכן, חדשים זענען שפּעטער געקומען צום ייִדן פֿאָרשונגס־קאָמיסיעס און געוואָלט דערגיין אַלע פּרטים, אָבער קיינער האָט קיין פּרטים נישט אויסגעזאָגט, און — אגב — אויך נישט געוווּסט קיין סך. דער עיקר האָט מען מ י ר אָנגעזאָגט הארב, אַז איך זאָל גאָרנישט וויסן און געדענקען. ייִדן האָבן זיך פֿײַנט צו מישן צווישן קיסרים. נאָר אַז איך זאָל אַמאָל נישט טאָרן קיין מעשה פֿון דעם אַרײַנשרײַבן אין דעם מעשה־בוך פֿון מײַן לעבן, האָט מען מיר נישט אָנגעזאָגט. און דעריבער האָב איך די מעשה אויפֿגעשריבן.

און אָט אַזוי האָט זיך געענדיקט די קלײנע מלחמה אויף דער פּאָ־טשינע — די ווונדן פֿון דער מומע מירל האָבן זי אויסגעהיילט — קאַשקאַ האָט סוף־כּל־סוף יאָ געבוירן אַ ממזר, נישט פֿון די טשעכן און נישט פֿון די מאַדיאַרן, נאָר פֿון אַ הײמישן רוטענישן סאָלדאַט, וואָס איז געקומען אויף חגא אין שטעטל אַהײם. דער זיידע האָט זי דערפֿאַר נישט אָפּגע־זאָגט, איר פֿאָטער האָט זי נישט דערהרגעט און דער ממזר איז סוף־כּל־סוף געוואָרן אַ קלײן פֿאַראָבעקל אַרום זײַן מוטער בײַם ייִדן — און צען יאָר שפּעטער האָט זיך אָנגעהויבן אַן אמתע מלחמה און זי האָט אין איר מערדערישן גאַנג פֿון הונגער, בלוט, פּעסט און פֿײַער אָפּגעווישט פֿון דער ערד דעם ייִדנס שטאָטיש הײַפֿל אין רינגפֿלאַץ פֿון רעדים, צוזאַ־מען מיט דער גרויסער פּאָטשינע.

# אַ געשלעג אין דער משפּחה

מיין זיידע פון דער מאַמעס צד — יאָסעלע ראָזענבלאַט — האָט געהאַט דריי איידעמס — און אַלע דריי: באַזונדערע וועלטן. אברהם־הערש איז געווען דער עלטסטער פון דעם משפּחה דים פון קראָסנע. אַן איידעם איז ער געוואָרן צו זיינע פערצן יאָר — עטלעכע און צוואַנציק קינדער אויף דער וועלט געבראַכט, געוווינט לרוב אין דערפער אַרום — ביז ער איז געוואָרן אַ יורד און זיך אַריינגעצויגן אין שטעטל אַריין; צוריק קיין רעדים. צוגעוווינט צו הערשעווען איבער אַ קאָמפּאַניע פון קינדער און אַ באַטאַליאָן פון פּאַראַבקעס און דינסטן, צו פאָרן כסדר מיט קאַטשן און גרויסע פּאַנסקע שליטנס, פלעגט ער רעדן הויך און שטרענג, אַקצענטירן די ווערטער מיט אַ ריש — אָבער עס איז נישט געווען וואָס מורא צו האָבן פאַר אים, ווייל ער איז געווען אַ צוגעלאָזענער. און פּאָרט אַ כעסן — פלעגט פּאַטשן די קינדער, אַפילו די טעכטער. האָט ליב גע־האַט דעם ביטערן טראָפּן, אַ קערטל אין חברותא ביזן ווייסן טאָג און — מען פלעגט זיך אויך שושקען אין דער משפּחה. אָבער מילא וואָס מען שושקעט זיך דאָרט אין אַ גרויסער משפּחה.

הערש־וואָלף איז געווען דער צווייטער, דער מיטלסטער איידעם. געווען פון דער משפּחה גוט פון פּשעמישל. אַז ער האָט חתונה געהאַט מיט דער מומע לייטשע איז זי שוין געווען אַ יונגע אלמנה מיט אַ פּיצל קינד. הערש־וואָלף האָט געהאַט בלויז צוויי זין און איין טאָכטער. ער איז געווען פול מיט הומאָר און מיט עפּיקורעישער לעבנס־חכמה, כאָטש חלילה נישט קיין אפּיקורס... מעגן די נעמען זיין אידענטיש. הערש־וואָלף פלעגט זיך אָנטאָן יידיש: אַ פיינער קיילעכדיקער קאָפּעלוש פון פיינסטן סאַמעט, אַן אָבערראָק פון פיינסטן טוך און לרוב טונקל־בלוי, שטיוועלעך פריצישע, גלאַנציקע — ווינטער־צייט; זומער־צייט — פיינע געמזענע שטיוועלעך. ער איז געווען אַ הויכער און אַ דיקלעכער און גליקלעכער. גערעדט האָט ער נאָר דעמאָלט, ווען ער האָט געקענט אַרויסברענגען אַ חכמה, אָדער אַ

וויץ. אַלץ אין דיקלעכן פּנים איז געווען קיילעכדיק און האָט כּסדר גע־שמייכלט. אַזוי אויך די געקרייזלטע און דערצו קיילעכדיקע באָרד, וואָס ער האָט זי כּסדר געקעכלט מיט ביידע דלאָניעס פון די הענט. איז דערי־בער די באָרד געווען געדיכט און קורץ אַרום זיין פּנים. זיינע פּיאות זענען אַזוי קונציק געווען באַהאַלטן אין זיין באָרד, אַז מען האָט געקענט זאָגן, אַז ער טראָגט יאָ פּיאות און מען האָט געקענט זאָגן, אַז ער טראָגט נישט קיין פּיאות. דער פעטער הערש־וואָלף האָט שטענדיק געריכערט אַ פיינעם קובע־ציגאַר און דער רויך פלעגט זיך שלענגלען אַרום זיין פּנים — בלוי און שמעקנדיק, ווי פּאַרפיומירט — אָבער שוואַרץ און געדיכט האָט זיך געשלענגלט זיין באָרד אַרום זיינע קינבאַקן. ער פלעגט שלאָפן אין טיפן טאָג אַריין — כּאָטש די מומע לייטשע איז טעגלעך, כּמעט פאַרטאָג, אַוועק צום זיידן אין גרויסן משפּחה־הויז, ווו זי האָט אויסגעפירט די פונקציע פון זיידנס געשעפט־פירערין און בוכהאַלטערין. אַז איך זאָג אַרויס דעם נאָמען לייטשע — נאָך אַפילו אויף דער עלטער — גיט באַלד אַ קלונג אַ בינט שליסלען אין מיינע אויערן. די שליסלען צו מיין זיידנס אַלע טירן, טויערן, שפייכלערס, סטאַדאָלעס, קאַמערן, קעלערן און שאַפעס און שאַפ־קעלעך. די שליסלען צום אייזערנעם קאַסע־קאַסטן, און נאָר די שליס־לען, האָט דער זיידע אַליין געהאַלטן אויפן דנאָ פון זיינע לאַנגע הויזן־קעשענעס, וואָס אַז ער האָט געוואָלט דערלאַנגען זייער דנאָ, האָט ער זיך געמוזט טיף איינבייגן...

וויאַזוי עס האָט זיך איינגעפירט אַזאַ פירעכץ, האָט קיינער אין דער משפּחה נישט געוווסט — אָבער דאָס פירעכץ איז געווען, אַז הערש־וואָלף דאַרף גאָרנישט טון און נאָר זאָגן חכמות, מאַכן וויצן, לייענען גענוי די „בייע פרייע פּרעסע״ און דאָס „ווינער טאַגעבלאַט״, ביידע — דייטשע צייטונגען, רויכערן פיינע קובע־ציגאַרן, פון צייט צו צייט צוגיין צום ווינקל, ווו עס שטייט אַ טישל און אויפן טישל אַ טעצל, און אויפן טעצל אַן איידל פלעשל מיט פיינעם שליוואָוויץ און דערביי אַ קליין, דין געשליפן גלעזל... געוווינט האָבן די גוטס אין אַ קליינער דירה, נישט ווייט פון זיידנס גרויסן משפּחה־הויז. אין דער דירה פון די גוטס איז די איינציקע באַלעבאַטישקייט געווען דאָס טישעלע אין ווינקל און די בעטן. די גאַנצע משפּחה האָט געגעסן ביים זיידן ביים גרויסן טיש. הערש־וואָלף, דער

מיוחסדיקער איידעם האָט די דריי מאָלצייטן באַקומען צוגעשיקט, מחמת ער האָט נישט ליב געהאַט זיך צופּיל צו וואַרפן אין די אויגן. ערשטנס, יועט דאָס דערוועקן קנאה פון די פאַרהאָרעוועטע משפחה־מענטשן און צווייטנס, קען אַמאָל עמעצן איינפאַלן צו בעטן הערש־וואָלפן — ער זאָל טאָן עפּעס אַן אַרבעט. הערש־וואָלף האָט גיכער ליב געהאַט דורכצושפּאַצירן זיך, אַריינצוגיין אויף אַ גלעזל סיי צו אַ קרוב, אָדער אַ באַקאַנטן. און דער עיקר דעמאָלט ווען עס איז דאָרט שטיל. הערש־וואָלף האָט אויך ליב געהאַט אַריינצוגיין צו אונדז — און דווקא דעמאָלט, ווען דער טאַטע איז נישט געווען אין שטוב. ער האָט ליב געהאַט צו כאַפּן אַ שמועס מיט מיין מאַמען און די מאַמע אויך מיט הערש־וואָלפן. ער איז אַלעמאָל געווען מלא וגדוש מיט וועלט־נייעס, מיט אַלערליי פּאָליטישע ספּעקולאַציעס, מיט אַ לייכט רכילותל און מיט אַ פיינעם וויץ, אַזוי פיין ווי דער בלויער רויך פון הערש־וואָלפס קובע־ציגאַר. דער עיקר איז ביי הערש־וואָלפן געווען — זיך נישט צו נעמען צום האַרצן.

נישט אָן אַ כוונה האָב איך מיך אין אָט דער מעשה אַזוי באריכות אָפּגעשטעלט אויף דעם צווייטן איידעם פון מיין זיידן. דאָס וועט קלאָר ווערן שפּעטער.

דער דריטער איידעם פון מיין זיידן איז געווען מיין טאַטע, אפרים בערגנער. אַן אַנטיפּאָד פון ביידע אַנדערע איידעמס. דער טאַטע איז געווען אַלעמאָל זייער ערנסט. אַלעמאָל פאַרנומען און אַפילו פאַרהאָרעוועט מיט זיינע טויזנט און איינס עסקים פאַר זיך, פאַר משפחה און אויך טובות. דער טאַטע איז כסדר אַרומגעגאַנגען, אַרומגעפאָרן מיט פּיאַקערס אין אַרומיקע דערפער און שטעטעלעך און אַ פּאָר מאָל אין וואָך מיט באַנען אין די אַרומיקע שטעט, אַמאָל אַזוי ווייט ווי ביז לעמבערג און קראָקע; פון צייט צו צייט פלעגט ער פאָרן קיין ווין, בערלין, אָדער בודאַפּעסט. אין פאַרלויף פון יאָרן האָט ער געהאַנדלט מיט תבואה, מיט וועלדער, געהאַלטן גאַראַלניעס, עקספּאָרטירט בהמות קיין ווין, געהאַט אַ האָלץ־סקלאַד, געהאַט אַ טאַרטאַק, געהאַקט גאַנצע וועלדער אויף ברעטער, געהאַלטן אויף דער בראהע אָקסן און געהאַט מיט שותפים אַ קליינע באַנק — דאָס אַלץ, חוץ נאָך זייטיקע געשעפטן, וואָס איך געדענק זיי נישט מער.

און עס לייגט זיך שטאַרק אויפן שכל, אַז צווישן מיין טאַטן און

הערש־וואָלפן האָט זיך אין פאַרלויף פון יאָרן אָנגעזאַמלט אַ טייכל מיט ביטערנישן. נאָך מער דערפאַר ווייל הערש־וואָלף פלעגט אָפט אַריינקומען צו אונדז, און דווקא אין אַזעלכע שעהן, ווען דער טאַטע איז נישט געווען אין דער היים (און ווען איז ער דען יאָ געווען אין דער היים?) אויף אַ נאָכמיטיק־שמועסל מיט אַ פּאָר נייע וויצן, און אַ דין גאָלדיק, הייס גלעזל טיי מיט רויט־גאָלדענעם, איינגעמאַכטס מיט אַ פיינעם אַראָמאַט. און אַז הערש־וואָלף האָט געוואָלט זיין ערנסט איז געווען וועגן וואָס מיט אים צו רעדן, ווייל ער פלעגט יעדן טאָג אויסלייענען די „נייע פרייע פּרעסע" און דאָס „ווינער טאַגבלאַט", פון ערשטן ביזן לעצטן וואָרט. הערש־וואָלפס וויזיטן פלעגן נאָך זיך איבערלאָזן אַ בלויען אַראָמאַט פון די קובע־ציגאַרן און אַפילו עטלעכע שעה נאָך זיינס אַ וויזיט האָט דער טאַטע נישט געדאַרפט פרעגן, צי הערש־וואָלף איז דאָ געווען, אַריינקומענדיק נאָך אַ שווערן טאָג אין שטוב אַריין, און נאָר: — וואָס האָט ער עפּעס דערציילט נייעס — הערש־וואָלף?

די אַלע וויזיטן זענען געווען אַזוי אומשולדיק אַזוי ווי זיי זענען טאַקע געווען, אָבער דעם טאַטן האָט דער גאַנצער ענין פאַרדראָסן. און דער עיקר האָט ער בשום אופן נישט געקענט פאַרשטיין וויאַזוי עס דרייט זיך אַרום אַ יונגער מענטש און טוט נישט די האַנט אין קאַלטן וואַסער און זיין ווייב אַרבעט שווער, פון פינצטער אין דער פרי ביז נאָך וועטשערע ביינאַכט. דער טאַטע האָט אויך נישט פיינט געהאַט אַ גוטן וויץ — ווער האָט עס פיינט? — אָבער שטענדיק און פון אַלץ מאַכן אַ וויץ? און דערצו כסדר קעכלען די באָרד מיט יידע דלאָניעס און טראַכטן ווי אַזוי בעסער און גרינגער צו געניסן פון לעבן? און — דאָ מוז איך שוין רעדן אַביסל רכילות אויף מיין אייגענעם טאַטן — די פאַרדראָסן האָבן געזוכט זיך אויסצולאָדן ערגעץ און דער טאַטע האָט געזוכט געלעגנהייטן צו באַרעדן זיין עפּיקורעיִשן שוואָגער. מיין טאַטע האָט באַטראַכט רכילות פאַר דער ערגסטער זינד — אָבער הערש־וואָלף איז געוואָרן זיין זינדיקער יוצא מן הכלל אויף דעם געביט. ער האָט געזוכט עבירות אויף זיין שוואָגער און — ווי זאָגט עס דער חכם פון די חכמים שלמה המלך: וועלכער מענטש איז נישט זינדיק? — ער האָט זיי געפונען און נישט געשוויגן וועגן זיי.

און — אין איינעם אַ פאַרנאַכט זענען צוליב עפּעס אַ סיבה געווען

ביי מיין זיידן אין דער גרויסער שטוב — מיין טאַטע מיט מיין מאַמען. דער הענגלאָמפּ מיט דער גרויסער מילך־גלאָז־שיין, פיר מאָל אַזוי גרויס ווי די פולע לבנה, איז נאָך נישט געווען אָנגעצונדן און אין שטוב איז געשטאַנען אַ טונקלקייט פון אַ געדיכטן, האַרבסטיקן בין־השמשות. דער טאַטע איז עפּעס געווען אויפגערעגט און עס איז געקומען צו רייד די טעמע „הערש־וואָלף", און דער טאַטע האָט אים באַרעדט און הויך און מיט האַרץ, אַזוי הויך, אַז ער האָט אַזש נישט געהערט, און קיינער האָט נישט געהערט, אַז אין דער פאָדערשטוב איז שטילערהייט אַריינגעקומען הערש־וואָלף... און אויך ער איז, ווייזט אויס, געווען עפּעס אויפגערעגט און די רייד, וואָס ער האָט געהערט, האָבן אים צוגעשפּילט אויף זיינע נערוון און האָבן אָנגערירט זייער ווייטיקדיק זיינע שוואַכקייטן — זיין גאָרנישט טאָן שוין צענדליקער יאָרן. און נאָך מער האָט אים פאַרדראָסן, וואָס מיין מאַמע האָט צוגעשוויגן צום טאַטנס רייד.

און עס איז געשען דאָס, וואָס איז געשען — און וואָס שטייט אין קעפּל פון אָט דער מעשה, און וואָס איז געשען — אויף וויפל איך געדענק — איין איינציק מאָל: אַ געשלעג אין דער משפּחה. הערש־וואָלף איז ווי אַ שטורעם אַריינגעלאָפן אין דער גרויסער האַלב־פינצטערער שטוב און האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער פלאַך פון זיין זייער איידעלער — פון גאָר־נישט טאָן און פון דער נאַטור — האַנט דעם טאַטן אין פּנים אַריין: נאַ דיר! און באַלד דערויף מיט דעם זעלבן שטורעם אַ קלאַפּ דער מאַמען אין פּנים אַריין: נאַ דיר אויך! — און ער איז פאַרשוווּנדן געוואָרן. די גאַנצע געשיכטע האָט געדויערט אפשר צען סעקונדן, אָבער אין דער משפּחה האָט מען נישט אויפגעהערט וועגן דעם צו רעדן אפשר צען יאָר.

איך שטעל מיר נישט פאָר, אַז דער אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה אין 12 יאָר אַרום — האָט אַזוי אויפגעטרייסלט די גאַנצע משפּחה ווי יענע צוויי איידעלע קלעפּ פון מיין פעטער הערש־וואָלף.

נישט אויפן טאַטנס פּנים און נישט אויף דער מאַמעס פּנים זענען געווען וועלכע נישט איז סימנים און דאָך האָבן זיי זיך געהאַלטן טעג־לאַנג כסדר מיט דער האַנט די באַק. די מאַמע האָט אַפילו געזאָגט. אַז זי געדענקט נישט גענוי אין וועלכער באַק זי האָט דעם קלאַפּ באַקומען... אָבער אַז אַ קלאַפּ איז געווען — איז קיין ספק נישט. טאַטע־מאַמע זענען

שוין געבליבן דעם גאַנצן אָוונט אין זיידנס שטוב. קיין נאַכטמאָל האָט מען דעמאָלט אין זיידנס שטוב נישט דערלאַנגט. ווער עס האָט געוואָלט איז אַריין אין קיך אָפּעסן. די גאַנצע משפחה איז זיך צונויפגעקומען ווי עפּעס אויף אַ מין גרויסן ראַט. דער ערשטער באַשלוס איז געווען: סוד! שטאָט טאָר נישט געוואָר ווערן. עס רעדט זיך נאָר אַזוי. דאָס גאַנצע שטעטל — קינד און קייט — האָבן שוין געוווּסט, כאָטש עס איז געווען ערשט אַ שעה נאָך דער גרויסער געשעעניש. אָבער אָפּיציעל האָבן אַלע מיטגלידער פון דער משפּחה די מעשה געלייקנט: עס איז נישט געווען קיין געשלעג חלילה, נאָר מען האָט זיך אַביסל צעווערטלט. דאָס איז געווען די אָפּיציעלע ווער־סיע. עס איז אויך באַשלאָסן געוואָרן, אַז די קינדער פון די משפּחות — גוט און בערגנער — טאָרן צווישן זיך נישט ברוגז ווערן. קינדער טאָרן זיך נישט מישן אין די עסקים. דער איינציקער ברוגז וואָס איז געבליבן האַרט ווי אַ פעלדז — איז געווען צווישן הערש־וואָלפן און מיין טאַטן; אַביסל מילדער איז געווען דער ברוגז צווישן הערש־וואָלפן און מיין מאַ־מען. און אַזוי ווי עס איז געווען שוין אַ שטיק נאָך יום־כיפּור האָט דער ברוגז געדויערט כמעט אַ פול יאָר.

ערב יום־כּיפּור ה׳תרס״ב (עס איז אַ... היסטאָרישע דאַטע און זאָל זי דאָ פאַרצייכנט ווערן פאַר דער געשיכטע...) זענען זיך צונויפגעקומען אַלע קינדער און אייניקלעך און יידישע דינסטן, באמנים, משרתים פון זיידן און טאַקע אין יענער גרויסער שטוב, ווו עס איז מיט אַ יאָר צוריק געווען דאָס שלאַכטפעלד... אַלע זענען געווען געשפּאַנט, ווייל דאָסמאָל האָט געדאַרפט געשען עפּעס גאָר טשעקאַווועס.

דער סענטימענטאַלער טאַטע מיינער האָט נישט געלאָזט לאַנג וואַרטן אויף דער געשעעניש. ער איז צוגעגאַנגען צום פעטער הערש־וואָלפן און האָט אים אַזוי פּעסט געדריקט זיין איידעלע, שמאָלע און לאַנגע האַנט, צו דין אין פאַרגלייך מיט זיין הייך און דיק, אַז דער פעטער האָט זיך אַזש דערשראָקן. די שוואָגערס האָבן זיך צעקושט און צעוויינט און זיך אַנגעווינטשן. ווייניקער דראַמאַטיש איז שוין געווען דאָס איבערבעטן מיט מיין מאַמען.

הערש־וואָלף און מיין טאַטע זענען נאָך קיינמאָל אַזעלכע גוטע פריינט נישט געווען ווי זינט יענעם יום־כּיפּור. הערש־וואָלף האָט אַפילו זינט דע־

מאַלט אַ קליין ביסל געענדערט זיין עפּיקורעיִשן לעבנס־שטייגער. אָבער נאָר אַ קליין ביסל...

און אַזוי ווי איך ווייס נישט צי איך וועל מיך נאָך אומקערן אין דעם מעשה־בוך צו מיין לוסטיקן און וויציקן פעטער — לאָמיך שוין דערציילן ביז אַראָפּ וועגן אים: באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זיך די משפּחה גוט אַרויסגעצויגן קיין פּשעמישל אין אַן אייגענעם הויז. דער פּע־טער האָט אָנגעהויבן צו קרענקען אויף צוקער און מען האָט אים אַפילו אַמפּוטירט אַ פוס. איך האָב אים אַמאָל אין אַזאַ מעמד געזען. ער האָט זיך נאָך אַלץ געוויצלט, אַפילו וועגן זיין מעמד. נעבן בעט איז געשטאַנען אַ טישל און אויפן טישל אַ טעצל און אויפן טעצל אַ פלעשל און נעבן פלעשל אַ גלעזעלע, אָבער דאָס פלעשל שוין נישט געשליפן און דאָס גלעזל שוין נישט אַזוי דין און אין פלעשל פּשוטער בראָנפן און נישט קיין שליוואָוויץ. גערויכערט האָט ער אויך צענגראָשנדיקע פּויערישע ציגאַרן און זייער רויך איז געווען האַרב ווי דער רויך אין אַ קוריניאַסטער כאַלופּע. און נאָר די וויצן זענען געווען פון זעלבן גוטן, אייגן־פּאַרפּאַסטן סאָרט. זיין לעצטער וויץ: — אַז מען גייט אויף איין פוס, גערויערט לאַנג דער גאַנג אויף יענער וועלט... אָבער עס האָט פּאָרט נישט צו־לאַנג געדויערטביים פעטער הערש־וואָלף.

# גימנאַזיע

„גימנאַזיום", אָדער ייִדישלעך „גימנאַזיע", קלינגט ערגעץ ווייט־ווייט צוריק אין דער ייִדישער געשיכטע אַריין, ביז העט צו די צייטן פון די חשמונאים, ווען מען האָט נאָך גוט געוווסט דעם אורטייטש פון דעם וואָרט, וואָס איז גריכיש און איז געקומען פון „גימנאָס", וואָס עס מיינט: נאַקעט, רחמנא־לצלן, כלומר: איבונגען נאַקעטערהייט. דער באַטייט פון דעם וואָרט ביז עס האָט אין סוף נייַנצנטן און אָנהייב צוואַנציקסטן יאָר־הונדערט דערגרייכט אין די ייִדישע שטעטלעך אין גאַליציע, האָט דורכגע־מאַכט אַ סך גילגולים, און פאָרט איז עס פאַרן פרומען ייִדישן אויער גע־בליבן טריפה ווי דאָס חזירל אין מודיעין, וואָס האָט אַרויסגערופן דעם אויפשטאַנד פון די מכבים. אָבער דאָך איז געווען אַ כישוף אין דעם, שטאַר־קער ווי די אָרטאָדאָקסישע פרומקייט.

והא ראיה: דריי זין און דריי טעכטער האָט געהאַט מיין זיידע פון רעדים און די קינדס־קינדער פון פיר פון די דאָזיקע זין און טעכטער זע־נען געווען תלמידים אין גימנאַזיעס. שטאַרקער ווי דער להט החרב המת־הפכה פון די חסידים, וואָס האָבן זיך אָוועקגעשטעלט ביי די טויערן פון די ייִדישע שטיבער, נישט אַרויסצולאָזן פון זיי די קינדער לתרבות רעה פון די גימנאַזיעס — האָט זיך אַרויסגעוויזן דער כישוף זייערער, די אויס־זיכט צו ווערן דאָקטער, אַן אינזשעניער, אַן אַדוואָקאַט, אַ הויכער באַ־אַמטער אין דער מלוכה.

אַ גימנאַזיע־פייער האָט אַרומגעכאַפּט די ייִדישע שטעט און שטעט־לעך אין גאַליציע. צוערשט האָט אָט דאָס פייער אין מיין רעדים אַריינ־געכאַפּט כמעט אַלע קינדער פון מיין זיידנס משפחה און שפּעטער איז עס שוין אַראָפּ אין די שוסטער־געסלעך אויך. אין אָנהייב האָט מען זיך גע־היטן צו ווייזן אין שטעטל מיט די גראַנאַטענע מונדירן, די שטייפע, קיי־לעכדיקע היטלען, ווי די היטלען פון די עסטרייכישע אָפיצירן, די שינעלן

און די זילבערנע פּאַסקעס אויפן היטל קרײַזעלע פון מונדיר ביז דער פערטער קלאַס און גאָלדענע פון דער פינפטער אָן. וואָס אַ קלאַס אַלץ אַ פּאַסעק מער אויפן קאָלנער פון מונדיר־רעקל. כדי צו שיקן אַ קינד אין גימנאַזיע האָט מען עס געמוזט האַלטן אין גרעסערע דערבײַיאיקע שטעט, אין יעריסלאַוו, פּשעמישל, קראָקע, טאַרנע, לעמבערג אַפילו. און דאָס האָט געקאָסט געלט. אַמאָל דעם לעצטן גראָשן. אָבי גימנאַזיע. יאָ — צוערשט האָט מען זיך געהיטן און די גימנאַזיסטן האָבן זיך נישט באַוויזן אין שיל און אַפילו נישט אין גאַס אין די מונדירן, אַז זיי זענען געווען אויף יום־טוב, אָדער וואַקאַציע אין דער היים. גיין אין גימנאַזיע האָט דאָך געהייסן „שרײַבן אום שבת". דער ערשטער גימנאַזיסט אין שיל האָט טאַקע באַקומען מיט אַ שטיין אין קאָפּ אַרײַן, אָבער דער צווייטער האָט שוין אויך צוריקגעוואָרפן אַ שטיין, און אַזוי אַ דריטער און אַ פערטער און מען האָט זיך צוגעוווינט. גימנאַזיע האָט געזיגט און קיין קנאים ווי מתתיהו הכהן זענען נישט אויפגעשטאַנען.

נאַטירלעך האָט גימנאַזיע אויך נישט אויסגעמיטן אונדזער טאַטנס שטוב. שוין פון קליין־קינדווייז אָן האָט מען מיט אונדז — דעמאָלט צוויי זין נאָך — אײַנגעחזרט: דו מוניאָ וועסט זײַן אַ דאָקטאָר און דו זיגמונט וועסט זײַן אַן אַרכיטעקט. נישט מוניאָ איז סוף־כּל־סוף געוואָרן אַ דאָקטאָר און נישט זיגמונט — וואָס דאָס איז דער מעשה־שרײַבער פון „גימנאַזיע" — איז סוף־כּל־סוף געוואָרן אַן אַרכיטעקט, סײַדן אַ מעשה־בוך פון אַ לעבן און אָ טוץ לידער־ביכער און אַנדערע שרײַבערײַען זענען אַ בנין...

מוניאָ, עלטער פון מיר מיט 13 חדשים, איז געווען אַ געניאַל קינד און אײַנגעשפּאַרט ווי אַ פעלדז, וואָס וואַקסט אַמאָל אַרויס אין מיטן פעלד. נישט פון אָרט צו רירן. און פּונקט אַזוי אײַנגעשפּאַרט זענען געווען אי מײַן טאַטע און אי מײַן מאַמע — דער עיקר אויף דעם געביט פון גימנאַזיע. אַז מוניאָ איז אַלט געוואָרן צען יאָר און געענדיקט די פיר קלאַסן פון דער פּוילישער, שטעטלשער פאָלקס־שולע, האָט ער געמאַכט דעם עקזאַמען און איז אויפגענומען געוואָרן אין דער יעריסלעווער גימנאַזיע. רעדים האָט נאָר געהאַט אַ פיר־קלאַסיקע „שקאָלאַ לודאָוואַ" — אַ פאָלקס־שולע. און אַפילו שוין ביים עקזאַמען האָט ער אַרויסגעוויזן טראַציקייט,

אויף געוויסע פראַגן נישט געוואָלט ענטפערן, מחמת זיי זענען צו קינ־דיש. אַט אָ די טראַציקייט האָט אָנגעהאַלטן אַלע אַכט יאָר פון מוניאָס גימנאַזיע.

קלאַס־איין און קלאַס־אויס האָט מוניאָ, מיין עלטערער ברודער, גע־קעמפט אויף זיין שטייגער מיט דער גימנאַזיע־מגפה. אַלע יאָר האָט ער זיך צוגעקליבן איין לערער — און אַלעמאָל דעם גרעסטן שוחד־נעמער — און מיט אים האָט ער געפירט מלחמה. דעם קעגנשטאַנד געקענט, אָבער כסדר חוצפהדיק אָנטקעגנגערעדט. וויפל מען האָט מוניאָן געבעטן אין דער היים, אַפּעלירט צו זיין געוויסן, גימנאַזיע קאָסט געלט און סוף־כל־סוף זענען טאַטע־מאַמע נישט אַזוי רייך; רייך איז דער זיידע, און ער איז קעגן גימנאַזיע סיי־ווי און וועט נישט שטיצן זייַנע זין און טעכטער, העלפן זיי מיט דער גימנאַזיע־הוצאה. מוניאָ האָט טאַקע געקעמפט; צווישן די חברים געווען דער גרויסער העלד, ביי די עלטערן פון די תלמידים — דער עיקר די ייִדישע — אַ רעוואָלוציאָנערע אָנשיקעניש, ביי די לערערס און דירעקטאָרן פון דער גימנאַזיע אַ רויט טוך; אָבער דער טאַטע האָט סוף־כל־סוף קיין אַנדערן אויסוועג נישט געהאַט און אויך געמוזט אָנקו־מען צו געבן שוחד דעם לערער, וואָס מוניאָ האָט אים אויסגעקליבן ווי זיין ציל־ברעט.

אַזוי גיך מוניאָ איז אַלט געוואָרן 12 יאָר — און געווען איז עס אין יאָר 1903, דאָס לעצטע לעבנס־יאָר פון דאָקטאָר טעאָדאָר הערצל — איז צו אַלע טראַציקייטן צוגעקומען נאָך אַ צרה: ציוניזם. מוניאָ האָט ממש געברענט און געפלאַקערט מיט דער אידייע. און ציוניזם, ווי יעדע פּאָלי־טיק, איז געווען שטרענג פאַרבאָטן אין די גימנאַזיעס. מוניאָ האָט זיך געמוזט אַריבערטראָגן אין אַן אַנדערער גימנאַזיע, אַן אַנדערער שטאָט, דעמ־ביץ, נעענטער צו קראָקע, ווו מען איז אויפן פּאָליטישן געביט נישט גע־ווען אַזוי ריגאָראָז. וואָס לאַטיין — ווער גריכיש — מוניאָ האָט גאָר אָרגאַניזירט קורסן פון עברית־בעברית־לערנען צווישן די תלמידים. און מוניאָ איז געווען אַ הערשערישע נאַטור, געריסן איראָנישע פּאַסעס פון די מיט־תלמידים, וואָס זענען נישט געוואָרן אַזעלכע פאַרברענטע ציוניסטן ווי ער. געשיכטע איז פאַר אים געווען איצט בלויז ייִדישע געשיכטע, געאָ־גראַפיע — באַשרייבונג פון ארץ־ישראל, און אַנטיקע לשונות — העב־

רעיִשער דיקדוק. דייטש און פּויליש זענען נאָך געבליבן זיינע באַליבטע קעגנשטאַנדן, פּויליש — נאָך מער. ער איז געווען דער בעסטער סטיליסט אין דער גאַנצער גימנאַזיע. מוניאַ האָט געקענט שרייבן פּאַטעטישע לי־דער אין פּראָזע אין פּויליש, שפּעטער אין העברעיִש, אויף נאַציאָנאַלע ארץ־ישראלדיקע טעמעס און זיין גאַנצער מהות איז אויסגעפּולט געוואָרן מיט דעם געדאַנק אויסצוואַנדערן קיין ארץ־ישראל, ווערן אַ חלוץ.

מיך האָט מען שוין אין קיין גימנאַזיע מער נישט געשיקט. געבראַכט די גימנאַזיע אין שטוב אַריין. איך בין געוואָרן אַן עקסטערן, געדאַרפט פאַרענדיקן בלויז פיר קלאַסן, דאָס א. ג. אונטער־גימנאַזיום און גיין אין אַ האַנדלס־שולע. און אַזוי איז טאַקע געווען. אָבער מוניאַן האָט מען גע־וואָלט מיט אַלע כוחות דורכשטופּן ביז דער מאַטורע.

מוניאַ האָט שוין איצט געקעמפט אויף צוויי פראָנטן: אין דער גימ־נאַזיע מיט די לערערס און מיט די ייִדישע תלמידים, וואָס זענען נישט געוואָרן אַזעלכע קנאים ציוניסטן ווי ער, און אין דער היים מיטן טאַטן און מיט דער מאַמען.

— האָסט דאָך אַ גאונישן קאָפּ, מוניאַ — האָט זיך דער טאַטע גע־בעטן — זיץ שטיל און לערן און זיי דיר אין האַרצן אַ ציוניסט, ביז דו וועסט ענדיקן די גימנאַזיע, מאַכן מאַטורע און דאַן וועט פאַר דיר אָפן זיין די גאַנצע וועלט. ווילסט פאָרן „האַקן שטיינער" אין ארץ־ישראל — פאָר; אָבער פריִער מאַך מאַטורע!

יאָרן־לאַנג איז די שטוב אונדזערע געווען אַ גיהנום און אין דעם גיהנום אַ קאַמף פון אַן איינגעשפּאַרטן מלאך, כאָטש אַ גוטן — דעם טאַטן — מיט פּונקט אַזאַ זון: מוניאַ. וויפל אַרגומענטן דער טאַטע האָט אַרויסגע־רוקט — מוניאַ האָט געהאַט מער און בעסערע. ער איז געווען אַן ערשט־קלאַסיקער דיאַלעקטיקער און אָנגעלייענט מיט פיל הונדערטער ביכער אויף אַלערליי געביטן. דעם טאַטנס אַרגומענטן זענען געווען מאַכטלאָז. אַביסל שטאַרקער איז שוין געווען דער אַרגומענט פון דער מאַמעס איינגע־שפּאַרטן שווייגן. יום־טובים זענען געוואָרן פאַרטונקלט, ווען נאָר מוניאַ איז געווען אין דער היים. און אָט אַזוי איז אַלעמאָל געווען דער סוף פון די גימנאַזיע־וויכוחים: דער טאַטע האָט אָנגעהויבן רחמימדיק בעטן ביי דער מאַמען: „הינדזיע, פאַרוואָס שווייגסטו, פאַרוואָס ראַטעווסט דו

נישט?" וואָס האָט די מאַמע געזאָלט ענטפערן, אַז שטילערהייט האָט זי גאָר אַביסל געדעכט געגעבן איר געליבטן זון. זי האָט אַליין נישט געוווסט פאַרוואָס, אָבער זי האָט אים אַלעמאָל געגעבן גערעכט אין האַרצן. האָט זיך די מאַמע צעוויינט. און אַז דער טאַטע האָט געזען, אַז די מאַמע וויינט, איז דער טאַטע צוגעגאַנגען צום נאַכטיקן פענצטער, זיך געשטעלט הינטער אַ שווערן פאָרהאַנג און דאָרט אַריינגעוויינט זיין צער אין דער נאַכט אַריין. און אַז מוניאַ האָט דערזען, וואָס ער האָט דאָ אָנגעאַרבעט, האָט ער פאַרביסן די ליפּן און פון זיינע שיינע, באַפּעלערישע, שוואַרצע אויגן האָבן גענומען רינען איינס נאָך איינס שווערע טרערן ווי שאַרפע שטיקלעך גלאָז. פון מיר איז שוין אָפּגערעדט. און אָט האָט די יידישע דינסט אַריינגעטראָגן אַ וואַזע מיט זופּ און זעענדיק וואָס אין שטוב טוט זיך — האָט זי זיך אויף אַ קול פונאַנדערגעוויינט. איז אַריינגעלאָפן די גוייִשע דינסט און זעענדיק, אַז די יידישע דינסט וויינט, האָט זי אויך מיטן פאַרטעך גענומען ווישן די טרערן.

אויסגעוויינט זיך — זענען אַלע געוואָרן בעסער אויפגעלייגט און די ערב יום־טובדיקע סעודה איז פאַרענדיקט געוואָרן. נאָך דער סעודה האָט זיך מוניאַ אויפגעהויבן, שטייף און שטאָלץ אין זיין געפּאַסטן גראַנאַטע־נעם מונדיר, איז צוגעגאַנגען צום טאַטן, צו דער מאַמען, אַ קוש געגעבן די האַנט, ווי געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער גאָרנישט געזאָגט. עס האָט גע־הייסן: איך וועל בעסער ווערן... אָבער ער איז געוואָרן נאָך איינגעשפּאַר־טער אין זיין באַשלוס. נאָר וואָס — געגנוי — דער באַשלוס איז געווען האָט קיינער נישט געוווסט, חוץ מוניאַן. און ער האָט געקענט היטן אַ סוד, אַזוי יענעמס און אַזוי זיינעם.

געסט זענען אַריינגעקומען, געבראַכט נאַשערייען „מיט ליב אייך אייער גאַסט!" עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שמועס אין וועלכן מוניאַ האָט אַלעמאָל געהאַט די אויבערהאַנט און אין מוניאַס רייד איז געווען איין טעמע. און ער איז אין איר געווען באַהאַוונט פּינטל אין פּינטל. ער האָט אַלץ געוווסט און אַלץ געדענקט: ציוניזם. און געווען איז עס אין די יאָרן צווישן 1903 און 1909.

צוויי איינגעשפּאַרטע כוחות זענען געשטאַנען פּנים אל פּנים. פון איין זייט: גימנאַזיע, קאַריערע, אַ שיינער שידוך — דער טאַטע.

פון דער אַנדערער זייט: ציוניזם, ארץ־ישראל, נאַכטיקע שומרים אין אַ האַלב־ווילד לאַנד — מוניאַ.

די יאָרן זענען געגאַנגען און מיט זיי מוניא אין גימנאַזיע קלאַס אַרויס און קלאַס אַרויף, זעלטן אָן מכשולים, געהעריקע „פּאָפּראַוועקעס" ביי די שוחד־נעמענדיקע פּראָפעסאָרן, וואָס מוניאַ האָט גערודפט עד חרמה מיט טראַציקייט און זיי אים מיט „פּאָפּראַוועקעס", וואָס האָבן פאַרפינצ־טערט די שיינע, שטעטלדיקע, זומערדיקע וואַקאַציעס. צווישן טאַטן און מוניאָן האָט זיך איינגעשטעלט אַ מין וואָפנשטילשטאַנד. זאָל נאָר מוניאַ מאַכן מאַטורע — דעם רעשט וועט שוין טאָן די מענטשלעכע נאַטור, דער ווילן צו ווערן אַ דאָקטער, וואָס אויפן וועג דערצו מוז מען דורכמאַכן די שבעה מדורי גימנאַזיע־גיהנום. אָבער אַנדערע געדאַנקען האָבן היגטער זיין קלאָרן, שיינעם שטערן געגנעסטיקט ביי מוניאָן. אים איז שוין נישט געגנוג געווען דער געדאַנק פון סתם אַוועקפאָרן קיין ארץ־ישראל און ווערן אַ שומר נאָך דעם מאַכן די מאַטורע. ער האָט שוין אין זיין גימנאַזיע, אין דעמביץ, און אין נאָך גימנאַזיעס אַרום געהאַט אַ גאַנצע נעץ פון געהיימע גרופּעס, וואָס האָבן פּלאַנירט דורכצופירן עפּעס אַ העראָישע זאַך, אַ טאַט מיט קרבנות. די עליה זייערע זאָל ווי־טאָן, אויפרודערן, איבערוועקן אַ דור, פליגלען אים אַנהענגען. מוניאַ איז, ווי מיט פייער, אַרומגענומען גע־וואָרן מיט עפּעס אַ מיסטישן ציוניזם. זיינע רייד האָבן געכישופט, מיט־געריסן, אָבער נאָר ער האָט אַלץ געגומען אומדערשראָקן — ערנסט. ער האָט געצויגן קאָנסעקווענצן פון זיינע רייד. ער — דער איינציקער אין זיין קרייז, וואָס איז געשטאַנען אונטער זיין יינגלערישן כישוף.

עס איז געקומען דאָס לעצטע גימנאַזיע־יאָר 1910. דאָס מאַטורע־יאָר. נאָר ווי אַזוי מוניאַ האָט פאַרענדיקט זייז קאַפּיטל „גימנאַזיע" איז אַ מעשה פאַר זיך.

# סרולי דער גלעזער

אַלץ אַרום אַט דעם סרולי דעם גלעזער איז געווען מאָדנע און אַלץ איז געווען אַ גילגול. ער איז כל ימיו געווען אַ בלעכער און גערופן האָט מען אים סרולי דער גלעזער. זיין אמתער נאָמען אין דער מעטריקע איז געווען „מאַרך״ — כלומר מוח, געהירן. אַ מאָדנער נאָמען. ער האָט געקרענקט און געהאָרעוועט שווער און אייביק געשוויגן. און וואָס מער ער האָט געשוויגן, אַלץ מער האָט זיין ווייב, וואָס האָט שוין געהייסן ריכטיק „לאה די בלעכערקע״ און נישט „די גלעזערקע״ — געשריגן. סרולי האָט געקענט מאַכן אַלץ און האָט אַלע קאָמפּליקאַציעס פון זיין פאַך פאַרשטאַנען אויפן ווונק. אָבער אַז מען האָט עפּעס ביי אים באַשטעלט, האָט ער נאָר געקוקט און געברומט אָן אַ וואָרט און מען האָט נישט געקענט וויסן צי פאַרשטייט ער, אָדער ער פאַרשטייט נישט. אָבער אין אַ שעה, אָדער אין אַ טאָג איז אַלץ געווען ווי עס דאַרף צו זיין געמאַכט. סרולי האָט אויסגעשוויגן די אַרבעט און לאה די בלעכערקע האָט באַלד אויסגעשריגן דעם פּרייז. כאָטש סרולי האָט קיינמאָל קיין פּרייז נישט געזאָגט, האָט זיך לאה אייביק געבייזערט אויף אים, אַז ער אַרבעט בחינם און ער שטעלט זיך אַליין בדיל הדל. וואָס האָט סרולי דערויף געקענט ענטפערן? ער האָט אַ ברום געטאָן. ווייטער געאַרבעט, ווייטער געקרענקט. זיין פּנים איז געווען אַזוי געל פון דער קרענק, אַז אַפילו זיין שוואַרצע, קורצע באָרד איז מיט דער צייט געל געוואָרן, און עס האָט זיך געדאַכט. אַז אַפילו די גלעזלעך פון זיינע ברילן זענען געל.

סרולי האָט געהאַט זיין קליינעם וואַרשטאַט אין אונדזער קאַמעניצע. דעם גרויסן וואַרשטאַט זיינעם האָט ער געהאַט ערגעץ אין אַ שאָפּע אין אַ הינטערגעסל. בשעת אַ יאַריד איז דער וואַרשטאַט געווען פול מיט פויערים. וואָס האָבן געקויפט כלים און געלאָזט פאַרריכטן כלים. פאַר סרולין איז אַ יאַריד געווען אַ מוראדיקע אָפּקומעניש און פונקט אַזאַ

נחת פֿאַר לאהן דער בלעכערקע. אַז דער יאַריד איז אַריבער איז לאה געווען שטום־הייזעריק פֿון אַ גאַנצן טאָג שרייען אויף סרולין און דינגען זיך מיט די פּויערים און סרוליס פּנים איז געווען ווייס און פֿאַרשמירט ווי דאָס האַנטוך, וואָס איז געהאַנגען ביים וואַש־בעקן נעבן זיין קליינער קאַוואַדלע אין קליינעם וואַרשטאַט. סרולי איז געגאַנגען דאַווענען מנחה־מעריב — אָבער ער איז שוין געווען אַזוי מיד, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס גייט שוין נישט ער, נאָר עס גייט זיין גילגול. און עס איז געווען אַ סיבה אַזוי צו טראַכטן.

די שטאָט האָט געוווּסט, אַז סרולי איז אַ נאַכטוואַנדלער. און עס איז נישט געווען קיין בלבול. אַזוי איז עס טאַקע געווען. טויזנט און איינע מעשיות זענען אַרומגעגאַנגען אין שטעטל וועגן די נאַכטוואַנדלערייען פֿון סרולי דעם גלעזער, וואָס איז אין דער אמתן געווען אַ בלעכער. הונדערט און איינס אירע האָבן געשווירן ביי באָרד און פּאות, אַז זיי האָבן סרולין געזען נאַכטוואַנדלען — איבער די גאַסן, איבער די דעכער, אויפֿן דאַך פֿונעם קלויסטער אַפֿילו — און סרולי איז דאָרט געווען אַ בן־בית, ווייל ער פֿלעגט דעם דאַך כסדר פֿאַרריכטן — נאָר עס האָט זיך נישט אָנגעהויבן און עס האָט זיך נישט אויסגעלאָזן. קיינער האָט אים נישט געזען נאַכטוואַנדלען. די איינציקע, וואָס האָט דאָס געזען — איז געווען לאה, זיין ווייב. אָט ווי זי איז געווען אַ שרייערקע, האָט זי — צוליב סרוליס איביקן קרענקען און זיין נאַכטוואַנדלעריי — געהאַט אַ שלאָף ווי אַ פֿויגל. און פֿאַרט פֿלעגט זיך סרולי אין נאַכטוואַנדל אַרויסגעגנבענען פֿון שטוב. ווי קונציק לאה האָט פֿאַרריגלט און פֿאַרשלאָסן די טיר, נאָך קונציקער האָט זי סרולי געעפֿנט. ער איז געווען אַ זשעני אין די בלעכעריש־שלאָסערישע קונצן אַפֿילו בייטאָג, מכל שכן אין זיין נאַכטוואַנדל... לאה האָט די אַלע סודות דערציילט אונטער הונדערט שלעסער און שליסלען פֿון שבועות מיין מאַמען און מיין מאַמע האָט זיי מיר דערציילט, אויך אונטער הונדערט שלעסער פֿון חרמות. און איך האָב טאַקע געהאַלטן סוד... ביז היינט, ווען איך שרייב די מעשה, וואָס האָט אפֿשר אַ האַלב יאָרהונדערט ערגעץ טיף געדרימלט אין דעם באַהאַלטענעם קעמערל, ווו איך, ווו יעדער בר נש, האַלט זיינע סודות, נישט וויסנדיק אַפֿילו אַז זיי זענען דאָרט ערגעץ דאָ.

ווייט איז סרולי אין זיין נאַכטוואַנדל נישט געגאַנגען, העכסטנס ביז צום פינצטער־הילצערנעם איבערגעבייַ פון אָפענעם ראָד־ברונעם. צוג־ע גאַנגען, אַראָפּגעקוקט אין טיפן פינצטערן אָפּגרונט אַריין, ווו עס האָבן ערגעץ מיט אַ ווידערקול אייביק געקאַפּעט גרויסע טראָפּנס — און צוריק־געגאַנגען. דערזעענדיק לאהן — האָט ער זיך תיכף אויפגעכאַפּט. איך וואָלט געקענט שווערן, אַז איינמאָל — אין אַ נאַכט אָן שלאָף, אַ נאַכט מיט שרעק — האָב איך, אַראָפּקוקנדיק פון פענצטער, געזען סרולין. געזען ווי ער גייט וואַקלדיק און דאַך פעסט צו צום ברונעם, בויגט זיך אַראָפּ אינעם אָפענעם אָפּגרונט און שרייט דאָרט אַריין און עס ענטפערן אים די ברונעם־שדים. איך וואָלט געקענט שווערן, אָבער בעסער וועל איך עס נישט טאָן. מאַלע וואָס עס האָט זיך אויסגעדאַכט אַ קינד אין אַ נאַכט אָן שלאָף.

אָבער דאָס וואָס איך דערצייל דאָ ווייטער איז קיין שום אויסדאַכטעניש פון אַ נאַכט, עס איז אַן אמת פון אַ ליכטיקן טאָג. און געווען איז אַזוי: עס איז געווען זומער, אַ געדיכטער יאַריד, אַ געדיכטער שטויב, קולי־קולות פון מענטש און חיה, ייִד און גוי, כשרע קי און טריפהנע חזרים, גענדז, קאַטשקעס, הינער און הענער און אַלט און יונג. די שטוב און דער וואַרשטאַט פון סרולי דעם גלעזער, וואָס איז געווען אַ בלעכער איז פול מיטן אויג, עס קלאַפּן האַמערס, סווישטשעט אַ זעג אין בלעך, און קולות, קולות. און פּלוצלינג גיט זיך לאה די בלעכערקע אַ כאַפּ ביים קאָפּ מיט אַ קוויטש, וואָס האָט איבערגעשריגן דעם גאַנצן יאַריד אינעווייניק און אין דרויסן: — סרולי, ווו ביזטו?! אָבער סרולי איז נישט געווען אין ערגעץ, אָבער טאַקע אין ערגעץ נישט. און איין מינוט פריער איז ער דאַך דאָ געשטאַנען ביים וואַרשטאַטל.

מיט איין שפּרונג איז לאה געווען ביים ברונעם און מיט קולי־קולות אַריינגעשריגן אין תהום: סרולי! סרולי! — אָבער סרולי אַליין איז שוין אין דעם תהום נישט געווען, ער איז שוין געווען נאָך טיפער. נאָך טיפער אין זיין אמתן גלגול און נאָר זיין גוף האָט זיך דאָרט אונטן געשאָקלט אינעם קוואַל. זען געזען דעם גוף פון אויבן האָט מען נישט געקענט, אָבער לאה האָט געוווסט.

דער גאַנצער יאַריד האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם בשעת די פּאָלי־

ציאַנטן פון שטעטל האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט מיט די עמערס אין דער טיף און פון דאָרט אַרויסגעצויגן סרולין. באַלד איז דער פּלאַץ אַרום ברונעם געווען ליידיק. מען האָט מורא געהאַט פאַר חשדים און מען האָט זיך אָפּ־געררוקט וואָס ווייטער... דאָרט ווייטער איז דער יאַריד ווייטער געגאַנגען, אָבער שוין אָן ברען, און נאָר וואָס גיכער פּטור צו ווערן. אין די שענקען האָט זיך אָפּגעשטעלט די לייזונג. אין די קראָמען האָט מען נאָר נאָך גע־קויפט דאָס, אָן וואָס מען קען זיך נישט באַגיין אין דאָרף ביזן צווייטן יאַריד: זאַלץ, נאַפט, ליכט, שוועבעלעך.

צוויי שעה שפּעטער איז געווען די לוויה. און כאָטש אין מיטן יאַ־ריד — אַ קליינע לוויה, מחמת דעם ספק צי אפשר גאָר אַ מאבד עצמו לדעת. בלויז די חברה קדישא האָט געטאָן וואָס עס איז איר חוב. אַז מען איז צוריקגעקומען פון דער לוויה איז נאָך געווען הויכער טאָג, אָבער דער יאַריד איז זיך שוין פונאַנדערגעפאָרן ביז איין פור. און נאָר די לאַדעס האָבן זיך נאָך געפּאַקט און פערד־מיסט איז געלעגן אומעטום אין בערג־לעך, אַ סימן, אַז עס איז געווען אַ יאַריד. סרוליס קראָם אין אונדזער קאָמעניצע איז געווען פאַרהאַקט און אינעווייניק איז געזעסן די אלמנה אויף אַ צעבראָכענער שטול און איר שוויגנדיקע משפּחה איז געשטאַנען אַרום.

**
*

— — — און אין זעלביקן פאַרנאַכט ביים זעלבן ברונעם האָט זיך באַוויזן אַ הונט, אַ גרויסער דאָרפישער, ברוינער הונט און ער האָט גע־וואָיעט אויפן ברונעם אַרויף מיט באַנומענע קולות. אָפּגעוואָיעט פון דרויסן איז ער אַרויפגעשפּרונגען אינעווייניק אין געביי אויף די ראַנדן פון דעם געלענדער און געוואָיעט אַראָפּ. אינעווייניק אַריין אין תהום. קיי־נער האָט נישט געוואַגט אים צו פאַרטרייבן, קיינער אַ שטיין צו וואַרפן. זיבן געציילטע טעג איז דער הונט יעדן פאַרנאַכט געקומען צום ברונעם, אָפּגעוואָיעט זיינס — און — — — ווי מען האָט בשום אופן נישט גע־קענט דערכאַפּן פון וואַנען ער קומט, אַזוי האָט מען בשום אופן נישט גע־קענט וויסן ווו ער ווערט נעלם — נישט אין די זיבן טעג פון דער שבעה און נישט ווען ער איז אין גאַנצן נעלם געוואָרן.

איר מעגט עס גלויבן, איר מעגט עס נישט גלויבן. איך האָב אייך דאָ דערציילט אַ מעשה, וואָס איך האָב זי אין מיין קינדהייט נישט געקענט פאַרשטיין און פאַרשטיי זי אויך איצט נישט. אַפילו מיין טאַטע, דער משכיל, וואָס האָט פיינט געהאַט זאַבאַבאָנעס, האָט אויף ד ע ר מעשה געזאָגט: עס איז למעלה מן השכל... יאָ, אַזוי איז עס טאַקע.

# אורחים אויף שבת

זיי האָבן אָנגעהויבן צו גיין איבער די הייזער נאָך מיט פיר טויזנט יאָרן צוריק, אין די צייטן פון די אָבות אונדזערע, ווען די הייזער זענען נאָך אַפילו קיין הייזער נישט געווען, נאָר געצעלטן — די אורחים אויף שבת.

אַז זיי האָבן אָנגעהויבן צו גיין איבער די הייזער — די אורחים אויף שבת — איז אַפילו נאָך קיין שבת נישט געווען אויף דער וועלט, ווייל עס זענען נאָך קיין עשרת הדיברות נישט געווען און ממילא נישט דאָס פערטע געבאָט פון שבת. אָבער זיי — די אורחים אויף שבת — זענען שוין דעמאָלט געגאַנגען איבער די הייזער.

און די ערשטע אורחים זענען גאָר געווען מלאָכים — זיי האָבן נאָך נישט געקענט זיין קיין יידן, ווייל דעמאָלט איז נאָר איין ייִד אויף דער וועלט געווען — אַברהם אָבינו...

און געענדיקט זייער גאַנג איבער די הייזער האָבן די אורחים אויף שבת — ווידער אין הימל, אויף די בילדער פון מאַרק שאַגאַל...

פיר טויזנט יאָר זענען זיי געגאַנגען פון הימל אַראָפּ און צוריק אין הימל אריין. ובכן מוזן זיי אויך דורכגיין דורך דעם מעשה־בוך פון מיין לעבן.

***

זינט איך געדענק אַ שבת אין אונדזער היים אין רעדים — מיט די צוויי פּאָר זילבערנע לייכטערס, וואָס אין איין פּאָר האָבן געברענט צו איינ־ציקע ליכט און אין דעם אַנדערן פּאָר צו דריי ליכט אין יעדן, און גערופן האָט מען אָט די לייכטער קאַנדעלאַבּרעס — געדענק איך אויך אורחים ביי אונדזער טאַטע־מאַמעס טיש. אין מיין דמיון זענען זיי איינגערעמט אין דער העלער ראַם פון דעם שבתדיקן טיש — מיט דעם געשטיקטן טישטעכל איבער דעם גרויסן קוילעטש דעם געפלאָכטענעם און דער גרוי־

סער חלה מיט אַ געפלאָכטענעם רוקן. אין ספּעציעלע שבתים איז אויף אַט דעם טיש — חוץ דעם זילבער־קליינוואַרג — נאָך געשטאַנען די זיל־בערנע פלאַש אויף דריי זילבערנע פיסלעך. איר קאַרעק איז אויך געווען אַ זילבערנער און האָט געהאַט אָדלער־פליגלען און אַן אָדלער־קאָפּ. וואָס דער דאָזיקער אָדלער אויף אַ פלעשל פון קידוש־וויין סימבאָליזירט האָב איך דעמאָלט נישט געוווּסט און ווייס נאָך היינט נישט. דערמאָן איך אורחים אויף שבת — דערמאָן איך זיי אין דער ראָם פון שבת. אָבער זייער שבת איז — ווי יעדער שבת — געווען איינגערעמט אין זעקס ביטערע וואָכעדיקע טעג. אַז איך האָב אַזאַ אורח אויף שבת דערזען אין אַ זונטיק, אָדער מאָנטיק צי גאָר דאָנערשטיק אָדער פרייטיק — אויף אַן אמת גיין איבער די הייזער און נישט זיצן ווי אַן אורח ביי אַ שבתדיקן טיש — איז עס געווען ווי מען דערזעט אַ פייערפליג זשומען גרוי און פאַרבלאָזט אין אַ פרימאָרגן אַרום אַ צווייגל.

***

אונדזער טאַטע האָט ליב געהאַט צו טאָן זאַכן אַביסל אַנדערשדיק ווי אַנדערע ייִדן, אָריגינעל און — אויב מעגלעך — מיט אַ שטיקל צע־רעמאָניאַל. און אויך וואָס שייך די אורחים אויף שבת ביי אונדזער טיש האָט ער געהאַט זיין אייגענעם דרך. געהאַט האָט ער זיינע שטענדיקע אורחים, וואָס האָבן געוווּסט, אַז ווען נאָר זיי קומען קיין רעדים — זענען זיי אורחים ביי ר' פּראַים בערגנער. אורחים פלעגן אַלע באַלעבאַטים רופן מיט אַ „רעב". אָבער אויך דער טאַטע האָט געקענט זייערע ערשטע נעמען און אויך ער האָט שטאַרק מקפיד געווען דערויף זיי צו רופן מיט אַ „רעב". מיר זענען אַלעמאָל געפעלן געוואָרן זייערע נעמען: רב געצל, רב שמאי, רב תנחום. דאָס זענען געווען אַלעמאָל שיינע, איידעלע, ציכ־טיקע אורחים, אָפּגעקומענע גבירים, באַלעבאַטים־נשרפים, אַלמנס, וואָס האָבן זיך קיין רו נישט געקענט געפינען נאָך דעם אַוועקשטאַרבן פון זייע־רע ווייבער און זענען געוואָרן נע־ונדניקעס. געוואַנדערט פון שטאָט צו שטאָט — אויף גאָטס באַראָט און אויפן באַראָט פונעם גוטן ייִדישן האַרץ און דער מצווה פון הכנסת־אורחים. וואָס איז אין איר וויכטיקייט יותר מקבלת פני שכינה...

אָבער חוץ אַט אַזאַ פּיינעם, שיינעם אורח אויף שבת, האָבן מיר אָפט נאָך געהאַט אַ צווייטן אורח, אַ קרענקלעכן, אַ נישט אָפּגעהיטענעם, קוים מיט אַ צעפליקטער בעקעשע אויפן מאָגערן לייב, אַ נישט זויבער העמד, אַ קאַלטענעוואַטער באָרד, אַ פּאָר צעפלאָשעטע פּאות. נישט אַלע וואָך האָבן מיר געהאַט אַזאַ אורח אויף שבת אַלס צוגאָב און נאָר אַלע פינף־זעקס וואָכן אַן ערך. און די מעשה איז אַזאַ: נאָכן פרייטיק־צו־נאַכטיקן דאַווענען פלעגן זיך די אורחים, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין באַשטימטע שבתים, אָדער זענען נאָך נישט פאַרנומען געוואָרן, אויסשטעלן אין פּאָליש און באַלעבאַטים פלעגן זיי מיטנעמען צו זיך — געוויינטלעך לויט דער ריי פון זייער לייטישן אויסזען. און דאָ פלעגט אָפט פּאַסירן, אַז איינער, אָדער צוויי אורחים זענען אינגאַנצן געבליבן אָן אַ באַלעבאָס. אַט אַזאַ אורח פלעגט דער טאַטע מיטנעמען מיט זיך פאַר אַ צולאָג צום שטענדיקן אורח. דער אמת איז, אַז אויך די דאָזיקע נישט־ציכטיקע אורחים פלעגן נישט בלייבן אינגאַנצן אָן אַ שבת. פאַר זיי איז געווען צוגעגרייט אַ שבת אין הקדש.

דער דאָזיקער הקדש איז געשטאַנען אויף אַ פּלאַץ אין אַ הינטער־געסל, וואָס איז אָפּגעטיילט געוואָרן פונעם גרויסן גאָרטן פון דעם זיידנס, יאָסעלע ראָזענבלאַטס, גרויסער קאַמעניצע. אין אַט דעם הקדש זענען גע־ווען פיר צימערן. עס איז געווען אַ געמויערטע הייזקע מיט אַ בלעכע־נעם דאַך. דאָרט האָט שטענדיק געוווינט אַן אַלמן, אַ געוועזענער מצבה־קריצער, און ער האָט דאָס געזאָרגט פאַר דער אָרדענונג אין דעם הקדש. אין הקדש איז געהאַנגען אַן אויפשריפט וואָס האָט דערציילט די מעשה, אַז אין זכות פון דעם אויפטו וועט דעם זיידנס נשמה רוען אין גן־עדן און דאָרט וואַרטן ביז ביאת המשיח, ווען דאָס גן־עדן וועט זיך אַראָפּלאָזן אויף דער ערד.

נאָר ביז דאָס גן־עדן וועט זיך אַראָפּלאָזן אויף דער ערד, אָדער די ערד וועט אַרויף אין גן־עדן — איז אַ וועלט, וואָס איז איינגעטיילט אין אורחים און באַלעבאַטים — איז לאָמיר צוריקגיין צו אונדזער מעשה.

***

פינף יאָר — פון יאָר 1902, ווען מיין עלטערער ברודער משה איז

אַוועק אין די גימנאַזיעס שטודירן אין אַנדערע שטעט, ביז דעם יאָר 1907, ווען עס איז געבורן געוואָרן מיין ייִנגערער, מיט 14 יאָר, ברודער הערץ, בין איך בדרך כלל געווען אַן איין־און־איינציק קינד ביים שבתדיקן טיש פון מיינע טאַטע־מאַמע און בכלל אַן איינזאַם קינד. זענען די אורחים אויף שבת אַלעמאָל געווען אַביסל אַן אויפהייטערונג און אויפלעבונג.

געווען זענען אַלערליי. געווען שעמעוודיקע און דרייסטע, געווען אַלטע, קוים זיי האָבן זיך גערירט, און יונגע זשוואַווע. געווען שוויי־גערס. נישט אַ וואָרט פון צווישן זייערע גרויסע בערד און וואָנצעס אַרויסצורייסן, און געווען רעדערס, אַז עס האָט זיך געמישט אין קאָפּ פון זייערע רייד. געווען פּאָליטיקערס און מעשה־דערציילערס, געווען נאַראָנים, וואָס האָבן קוים געוווסט וואָס זיי רעדן. געווען תלמידי־חכמים און געווען עם־הארצים, געווען ליגנערס און אָפּגעהיטענע אמת־זאָגערס, וואָס האָבן זיך געהיט מיט אַן איבעריק וואָרט. געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך כסדר געקלאָגט אויף זייער טעמנע מזל און געהאַט טענות צו דער וועלט, און געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זייער גורל געטראָגן באַהבה. געפילט אין זייער מעמד אַ שליחות — איין קלייניקייט: צו זיין אורחים אויף שבת ביי אַ ייִדישער וועלט. געוווסט, אַז זיי זענען אַן אינסטיטוציע עלטער ווי דער הר סיני ביים ייִדישן פאָלק, מיט איין וואָרט, אַז זיי גייען פון אייביק ביז אייביק. נאָר אַז ווי זענען שוין דער לעצטער דור פון אור־חים אויף שבת — האָבן זיי נישט געוווסט. האָט קיינער דעמאָלט נישט געוווסט.

דינסטן אין ייִדישע שטיבער — אויך די ייִדישע, אָפּט פון באַלעבאַ־טישע היימען, נאָר אָרעמע — זענען בדרך כלל נישט געזעסן ביים משפּחה־טיש. און כאָטש מען האָט אין אונדזער משפּחה עטלעכע דינסטן באַ־האַנדלט ווי קרובים — פון דעסטוועגן — זאָל עס אונדז צו קיין גנאי נישט פאַררעכנט ווערן — ביים משפּחה־טיש האָבן זיי נישט געגעסן און נאָר אין דער קיך. און כאָטש דער שטאַנד פון אורחי־פורחי, אַ נע־ונדניק און אַ הייזער־גייער איז דאָך נידעריקער פון דעם שטאַנד פון אַ דינסט אין שטוב — איז אָבער נישט געווען קיין שטוב אין שטעטל, ווו מען האָט דעם אורח אויף שבת נישט געבעטן צום משפּחה־טיש — און דערצו — ווי ביי אונדז, באַלד צו דער רעכטער האַנט פון באַלעבאָס.

***

אורחים זענען געווען ווי לעבעדיקע צייטונגען. איז עפּעס אַ געשיכטע, אַן אמתע מעשה פון אַ שטעטל, אָדער גאָר אַן אויסגעטראַכט רכילותל דערגאַנגען צו איינעם פון זיי, האָסטו שוין געמעגט זיין זיכער, אַז אין אַ וואָכן צוויי־דריי וועט עס וויסן גאַנץ גאַליציע און האַלב אונגאַרן. קיין רוסיש־פּוילן, אָדער גאָר וואָלין פלעגן די גאַליצישע אורחים נישט גיין און אויך יענע פון דאָרטן — נישט צו אונדז, מחמת דאָס אַריבערגיין די גרענעץ אָן אַ פּאַס איז נישט געווען פון די גרינגע זאַכן. דערפאַר אָבער פלעגן זיי גאַליציע אויסמעסטן צו־פוס אין דער לענג און דער ברייט. זיי פלעגן גיין אין גרופּעס פון שטאָט צו שטאָט, שטעטל צו שטעטל. אורחים אויף שבת זענען געווען מער אַ שטעטלשע אינסטיטוציע ווי אַ גרויס־שטאָטישע.

גייענדיק פון שטעטל צו שטעטל — פלעגן די אורחים דורכגיין דורך דערפער, אָפט זיך אויפהאַלטן וואָכן אין יידישע פּאַסעסיעס. אויך די פּויערים פון די דערפער האָבן געקענט דעם דאָזיקן מין מענטש מיט אַ שוואַרצער בעקעשע, אַ גאַרטל, אַ קלומעק — און אָפט אויך די שטיוול אַריבערגעוואָרפן אויפן רוקן און געטראָגן אויף אַ סענקעוואַטן גרויסן שטעקן. און אויך די פּויערים אין די דערפער האָבן געהאַט דרך־ארץ פאַר דעם יידישן נע־ונדניק, געזען אין אים אַ הייליקן און אפשר גאָר דעם געשטראָפטן אייביקן וואַנדערער פון דער עוואַנגעליע. אויף יעדן פאַל, אַ מענטש, וואָס מען דאַרף האָבן אָפּשיי פאַר אים און רחמנות פאַר זיין גורל.

***

עטלעכע אורחים זענען געבליבן אויף אייביק אין מיין זכרון. דער עיקר איינער, אַ פּופּציק־יאַריקער אפשר, אַ דערציילער פון מאָדנע מעשיות. מיין טאַטע האָט ליב געהאַט זיך אַביסל צו באַרימען מיט די יידישע קענטשאַפטן מיינע און האָט ליב געהאַט — אַז ער האָט באַמערקט, אַז דער אורח איז אַ קענער — צו לאָזן אים מיך פאַרהערן. פאַר מיר איז דאָס געווען נישט קיין קליינע אָפּקומעניש — און אָפטמאָל פאַר די אורחים אויך — מחמת זיי האָבן נישט געקענט פאַרשטיין מיין ריין־דייטש אי־

בערזעצן פסוק ביי פסוק, נישט נאָר חומש און נ״ך, נאָר אַפילו רש״י. אָבער דער טאַטע האָט זיך ליב געהאַט צו באַרימען און איך האָב געמוזט נאָכגעבן. דער טאַטע האָט געוווּסט, אַז אורחים צעטראָגן די נייעסן אי־בער דער וועלט. און ווער האָט עס נישט ליב אַביסל פּרסום. און איינמאָל, בשעת דער נאָר־וואָס דערמאָנטער אורח האָט מיך פאַרהערט און איך האָב גראָד געקענט די פּרשה פון אויסנווייניק און אים געקוקט גלייך אין די אויגן אַריין — האָב איך באַמערקט, אַז איין אויג זיינס איז בלוי און דאָס אַנדערע איז שוואַרץ. איך בין אַזוי נבהל ונשתומם געוואָרן, אַז קוים וואָס איך האָב דערזאָגט די פּרשה און בין אויסגעלייזט געוואָרן דורך אַ קניפּ אין בעקל פון דעם אורח.

איך האָב באַלד אָוועקגערופן די מאַמען אָן אַ זייט און איר דער־ציילט וואָס איך האָב באַמערקט. די מאַמע האָט אַ קוק געטאָן און באַ־שטעטיקט. און זיך נישט געקענט איינהאַלטן און געפרעגט דעם אורח וועגן דעם. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט אַליין וועגן דעם נישט געוווּסט. ער האָט זיך פאַרענטפערט: ער קוקט קיינמאָל נישט אין אַ שפּיגל. איצט איז ער צוגעגאַנגען צו אַ שפּיגל און אַ קוק געטאָן. עס איז אמת. פון יענעם שבת אָן איז אָט דער אורח מיט די באַזונדער־פאַרביקע אויגן געוואָרן אונדזער בעסטער אורח. מיר האָבן געוואָרט אויף זיין באַווייזן זיך אין שטעטל, מיר האָבן געבענקט נאָך אים. און ער איז בכלל עפּעס אַ מאָדנער אורח געווען. אַ דערציילער פון מעשיות, אָבער נישט קיין נישט־געשטויגענע, נישט־געפלויגענע מעשיות, נאָר אמתדיקע און כאָרט אַנדערע.

און אויף אַמאָל — עס גייען אַוועק פינף וואָכן און צען וואָכן און אַ גאַנצער זמן און דער אורח אויף שבת מיט די צוויי באַזונדער־פאַרביקע אויגן — איינס אַ שוואַרצס און דאָס אַנדערע אַ הימל־בלויס — און מיט די שיינע מעשיות זיינע — איננו. נישטאָ און נישטאָ.

און ער איז געווען ציכטיק און זויבער און איידל נישט נאָר ביים שבתדיקן טיש, נאָר נאָך מער אַפילו — ווייל ער איז געווען אַנדערש ווי אַנדערע אין דעם פּרט — זונטיק אין דער פרי, ווען ער פלעגט, ווי אַלע אורחים, אַריינקומען צו זיין שבתדיקן באַלעבאָס נאָך אַ לייטישער נדבה,

אַ זעטיק אָנבייסן פֿאַרן זיך לאָזן אין וועג אַריין מיט זיין וואָכעדיקן סענ־קעוואַטן שטעקן און דעם קלומעק.

און עס איז געבליבן נאָך אים אַ בענקשאַפֿט, ווייל קיין אורח איז צו אים נישט גלייך געוועזן. און עס איז געבליבן נאָך אים זיין נאָמען — און מער גאָרנישט. בלויז זיין ערשטער נאָמען. און דווקא אַ פּשוטער נאָ־מען, וואָס האָט אים גראָד געפּאַסט. נישט געצל, נישט תנחום, נישט שמאי נאָר יוסף, רב יוסף...

***

און יאָרן זענען אַוועק אַ סך, אַ סך. און אפשר האָט דאָס, וואָס איך וועל דאָ דערציילן צום סוף פֿון דער מעשה וועגן די אורחים אויף שבת — גאָר קיין שייכות נישט. און אפשר האָט עס שוין גאָר אַ שייכות.

דאָס יאָר איז 1932. איך בין געוועזן אין ליטווישן שטעטל ווילקאָ־מיר. אַליין אַן אורח אויף שבת — נישט צו עסן ביי באַלעבאַטים אַ שבת, נאָר צו האַלטן אַ ליטעראַרישע דרשה.

און — ווי מיין שטייגער — בעט איך, אַז מען זאָל מיך פֿירן אויפֿן בית־עולם. עס איז טאַקע שבת און עס פּירט זיך, אַז שבת גייט מען נישט אויף קבר־אָבות. אָבער איך האָב נישט קיין אַנדערע צייט. מאָרגן פֿרי פֿאָר איך אָפּ. פּירט מען מיך.

בעט איך מען זאָל מיר ווייזן אַנדערשדיקע קברים. ווייזט מען מיר אַלערליי מצבות. און אָט פּירט מיך דער חבר צו עפּעס גאָר אַ באַזונדערן קבר און אַ מצבה, אַן איינציקער אויף גאַנץ יידישע וועלט. און פֿירנדיק דערציילט ער:

— ביים סוף פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ערגעץ אַרום 1918. האָט צו אונדז פֿאַרבלאָנדזשעט אַן אַלטער, אוראַלטער הייזער־גייער, גע־נעכטיקט אין בית־המדרש. זיך דורכגעבעטלט דורך די אָרעמע טעג. אָבער דעמאָלט זענען געשען אַ סך הריגות. מען פֿלעגט געפֿינען אָפּט געהרגע־טע יידן אויף די וועגן און מען פֿלעגט זיי ברענגען צו קבר־ישראל. און איינמאָל איז פֿאַרשווונדן געוואָרן דער אַלטער הייזער־גייער. מער ווי זיין ערשטן נאָמען האָבן מיר נישט געוווסט. זיין נאָמען איז געוועזן יוסף, רב יוסף...

איך האָב אַ ציטער געטאָן: יוסף? רב יוסף?

— און איינמאָל האָט מען אין דער נאַכט ביים בית־המדרש אונטער־געוואָרפן אַ פּאָר פּיס. טויטע פּיס. און זיי האָבן געהאַט אַ פּאָר צעריסענע שטיוול אויף זיך און אַ האַלבן אָפּגעריסענעם אַרבע־כנפות. און מיר האָבן דערקענט, און אַ סך יידן האָבן דערקענט לויט די שטיוול, אַז דאָס זענען די פּיס פון דעם אורחי פורחי רב יוסף. און מיר האָבן די פּיס געבראַכט צו קבר־ישראל. און מיר האָבן צו די שלושים געשטעלט אַ שטיין; און אָט איז די מצבה; און איך לייען:

„פה נקברו רגלים של רב יוסף" — — — —

אַ דראָזש איז אַריבער איבער מיין לייב:

— וואָס פאַר אַ פאַרב אויגן האָט געהאַט אָט דער רב יוסף?

דער חבר האָט זיך געוווּנדערט איבער מיין פראַגע. און טאַקע עפּעס אַ מאָדנע, מאָדנע פראַגע: וואָס פאַר אַ פאַרב אויגן האָט געהאַט אָט דער יוסף, וואָס זיינע פיס ליגן דאָ אונטער דעם שטיין...

ווער ווייסט — אפשר איינס טיף־שוואַרץ און דאָס אַנדערע טיף־בלוי?

און אפשר איז דאָס געוועזן די לעצטע פּאָר פּיס, וואָס זענען געגאַנגען איבער די הייזער.

דער לעצטער אורח אויף שבת.

# די שריפה פון דער גרויסער שיל

זעלטן זענען זיי געווען די שריפות אין שטעטל און כמעט קיינמאָל נישט פאַרבונדן מיט פאַרברענט־ווערן פון מענטשן — אין ערגסטן פאַל שוין בהמות אין שטאַלן — און פאַרט גייט מיר נאָך זייער אימה דאָס גאַנצע לעבן. סיבות — צען און איינע. שריפות זענען כמעט קיינמאָל נישט פאָרגעקומען בייטאָג און נאָר אַלעמאָל אין מיטן דער נאַכט, אָבער ממש אין מיטן — צווישן איינס און פיר נאָך חצות. און נאַכט פלעגט זיך אָנהויבן אין שטעטל לרוב שוין אַזייגער צען. בעת אַ שריפה פלעגן זיך צעקלינגען אַלע גלאָקן פון שטעטל צוזאַמען — אין אַלע קאָשטשיאָלן און צערקוועס און אַפילו אויפן טורעם פון ראַטהויז איז געווען אַ ספּעציע־לער גלאָק פאַר שריפות. און אויך ער האָט געלאָזט הערן זיין קול, וואָס איז געווען פרעמד און זעלטן און זיין איינציקע שליחות איז דאָך געווען די בשורה פון אומגליק. בעת אַ שריפה פלעגט זיך דער טאַטע דער ערשטער אַלעמאָל אויפוועקן און ער פלעגט אַרומגיין צו די בעטן פון דער משפחה און אַלעמען אויפוועקן מיט אַ קוש, כדי יענער זאָל זיך נישט דערשרעקן. אָבער יעדער איז סיי־ווי פון אַזאַ נאַכטיקן קוש אויפגעשפּרונגען ווי אַרויס־געשאָסן. נאָך אַ סיבה: בעת אַ שריפה איז אַלעמאָל געווען אַ ווינט און אַלע ווינטן אין שטעטל זענען אַלעמאָל געגאַנגען אין דער ריכטונג פון אונדזער הויז — אַזוי האָט זיך געדאַכט. אָבער גענוג מיט די סיבות פון אימה. ווער ווייסט זיי נישט און ווער קען זיי נישט.

אונדזער שטעטל רעדים איז פון צפון־זייט געשטאַנען אויף אַ בערגל און פון דאָרט פלעגט מען זען ווייט די גאַנצע געגנט ביזן טייך סאַן. און געזען האָט מען פון דאָרט דעם צפון, מזרח און מערב. האָט מען טאַקע פון די בוידעם־פענצטער פון אונדזער הויז געזען יעדע שריפה אין די דער־פער. די דאָזיקע שריפות זענען פאָרגעקומען לרוב זומער־צייט, בשעת די שריפות אין שטעטל זענען פאָרגעקומען אין אָסיען, ווינטער און וועסנע־צייט. און ווו נאָר עס איז אַ שריפה געווען — פלעגט מען סיי־ווי זען דעם

פייער־אָפשיין ווייט און ברייט אַרום. און טאָמער איז דער פייער־אָפשיין געווען צונאָענט — האָבן זיך אויך אין אונדזער שטעטל צעקלונגען די גלאָקן און די פרייוויליקע פּאָזשאַרנע קאָמאַנדע האָט געכאַפּט ערגעץ אַ פּאָר פערד און האָט זיך געלאָזט העלדיש, מיט האַק און פּאַק, מיט לייטערס און פעסער און וואַסער־שלאַנגען אין יענער ריכטונג צו ראַטעווען די וועלט. האַלב שטעטל פלעגט אָפּוואַרטן — הונגעריק נאָך אַביסל נייעס — די טריומפירנדיקע העלדן ביים צוריקקומען.

און איך וועל דאָ דערציילן די קורצע און אימהדיקע מעשה וויאַזוי עס איז פאַרברענט געוואָרן אונדזער גרויסע און אַלטע און הילצערנע שיל. אַז זי איז פאַרברענט געוואָרן, איז זי שוין געווען אַ זקנה פון איבער הונדערט יאָר — די שיינע שיל. זי איז געשטאַנען ווייטלעך פון קייזער־שטראָז, נישט ווייט פון קליינעם, שטיינערנעם בריקל איבער דעם טייכל ראַדע און האַרט ביים ברעג פון דעם וואַסער, וואָס מען פלעגט עס אין שטעטל סתם רופן „זשיקע" — פון פּוילישן וואָרט „זשעקאַ", אַ טייך. קליין איז געווען די זשיקע, אפשר פופצן איילן איר ברייט, זי איז אַריינגעפאַלן אין סאַן־טייך, אַ דריי קילאָמעטער פון שטעטל, אַן אייל איר טיף, אָבער איר וואַסער־בעט איז געלעגן אַ צען איילן טיף, און האַרט ביי אָט דעם ברעג איז געשטאַנען די שיל. ווי גרוי און אומהיימלעך עס איז געווען איר דרענגער־קאָנסטרוקציע פון דרויסן, קוים אירע פאָרמען צו דערקענען, אַזוי פאַרביק און היימלעך איז זי געווען אינעווייניק, אַז מען האָט זיך נאָר אַראָפּגעלאָזט אויף די צוויי טרעפּלעך פון איר פּאָליש אין דער עצם שיל אַריין. די שיל האָט זיך געבאָדן אין שיינקייט, שיין, קאָליר, פאַרב, גלאַנץ. ערשטנס איז די שיל אין מיינע קינדער־אויגן געווען הויך ווי דער הימל אין אַן אויסגעשטערנטער, קלאָרער ווינטער־נאַכט... אַנדערש איז געווען איר פּראַכט פרייטיק־צו־נאַכטס צו קבלת־שבת און גאָר אַנדערש אין די יום־טובים. דעמאָלט פלעגט מען — ווייזט אויס — אָנצינדן אי ספּעציעלע בליץ־לאָמפּן און אי אַזעלכע לייכטערס, וואָס זענען אין אַ געוויינטלעכן שבת געשטאַנען טונקל און בלינד. דעמאָלט פלעגט מען אויך אָנצינדן די גרויסע מנורה, וואָס איז געווען מאַנס־הויך און איז געשטאַנען באַלד ביים אַריינגאַנג. די מנורה איז געווען פון מעש, און יינגלעך, וואָס האָבן שטענדיק געדאַוונט אין דער גרויסער שיל און זענען ממילא געווען

אירע גליִענדיקע פּאַטריאָטן, האָבן זיך פאַר מיר אַלעמאָל באַרימט, אַז די דאָזיקע מנורה איז אַ פּינקטלעכע קאָפּיע פון דער מנורה אין בית המקדש... און זי איז אַפילו געגילדט אויך... און עס איז טאַקע געווען אַ שיינע מנורה. איך זע זי נאָך היינט ווי לעבעדיק פאַר מיינע אויגן.

מיר אַליין האָבן נישט געדאַוונט אין דער גרויסער שיל און נאָר אין גרויסן בית־המדרש, וואָס איז — פּונקט ווי די שיל — געשטאַנען ביים ברעג פון דער ראָדע, אַ פּאָר שריט פון דער שיל, נאָר נאָענטער, ניין, טאַקע האַרט ביים קייזער־שטראָז. אונדזער זיידע האָט געהאַט שטעט אין שיל, אין בית־המדרש, אין קלויז. ער פלעגט דאַווענען אין אַלע דריי לויט עפּעס אַ געהיימען שליסל. יעדן שבת האָט אַן אַנדער אייניקל ביי אים דיזשורירט אויף צו טראָגן אים טלית־און־סידור צום דאַווענען. און אַזוי שטייענדיק פאַר דער טיר שבת אין דער פרי האָט ער פלוצלינג אַ קאָמאַנדיר געטאָן צום אייניקל: דזישיאי דאָ קלויז, אָדער שיל, אָדער בעסמעדרעש. עפּעס אַ שליסל אין דעם פאַרטיילן דעם כבוד פון זיין אַנוועזנהייט האָט ער געהאַט, מיין זיידע, נאָר עס איז געווען אַ געהיימער שליסל. די שיל איז יעדנפאַלס געווען זיין הויפּט־אָרט ווו ער האָט זיך געפלעגט צוזויפרעדן מיט דעם כביכול... און ער איז געווען שווה בשווה מיט דעם אויבערשטן, ווייל ער האָט אים געשיקט פּרנסה דורך טיר און דורך טויער. אין אָט דער שיל האָט ער נישט נאָר זיין אייגענע מזרח־שטאָט געהאַט, נאָר אויך שטעט פאַר אַלע זיינע דריי זין און דריי איידעמס. יענע טאַקע נישט אין סאַמע מזרח, בלויז אין דער צווייטער שורה פון די שטענדערס, אָבער פאָרט שטעט פאַר דער גאַנצער משפחה. ווי עס פּאַסט פאַר אַ נגיד. און אַ דאַנק אָט די שטעט האָט מיין טאַטע פון צייט צו צייט געדאַוונט אין שיל. און עס קען זיין, אַז די שיל איז אין מיינע אויגן נאָר דערפאַר געווען אַזוי פּראַכטפול ווייל איך האָב זי אַזוי זעלטן געזען און ווייל זי איז געווען שטאַרק אויסגעצידט אינעווייניק, בשעת דאָס בית־המדרש איז געווען גרויס, גרוי און אומעטיק און קיין ברעקל בילד אויף די ווענט.

אָבער אין שיל זענען געווען גרויסע פענצטער מיט אַן אַ שיעור שייבעלעך פון אַלע קאָלירן פון רעגנבויגן און פון וועלכער זייט די זון זאָל נישט שיינען — אין די זיבן־מאָל־זיבן־זיבן־קאָליריקע שייבעלעך פון דער שיל האָט זי אַריינגעלויכטן און באַלויכטן די אומצאָליקע ביל-

דער אין די צוועלף נישעסביים סופיט, ביי אירע צווײ זייטן־ווענט. אין אָט די נישעס זענען געווען קונציקע בילדער פון די סימבאָלן פון די צוועלף מזלות און די סימבאָלן פון די צוועלף שבטים. און צווישן די נישעס אויף די ווענט אויבן זענען געווען סתם בילדער פון חומש.

און אָט איז דאָס אָרון־קודש פול מיט שניצערייען פון די דריי טרעפּ־לעך ביזן סופיט העט הויך. די שניצערייען — שלענג און אָדלערס און לייבן — זענען געווען פאַרפלאָכטן איינס אין אַנדערן אין כבוד פון גאָט און זיין פאָלק און אַזוי גלאַנציק און קונציק באַמאָלן, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי זענען פון גרינעם, פון בלויעם, פון ווייסן און סתם פון גאָלדענעם גאָלד. אָבער זיי זענען נישט געווען פון קיין שום מעטאַל, זיי זענען אַלע געווען פון האָלץ — ווי בכלל די גאַנצע שיל — און אַ גרוי־סער טייל פון אָט דער שיינקייט איז שוין געווען פּרוכבע אינעווייניק. און נאָר די הענג־לייכטערס און די מנורה זענען געווען פון מעש און דער גע־לענדער אַרום דעם באַלעמער אין מיטן שיל איז געווען פון אייזן. און דער מלאך פון די נאַכט־שריפות האָט דאָ געטשאַטעוועט אין אַלע ווינקעלעך, אָבער קיינער האָט אים נישט געזען און נישט געוואָלט זען.

ביינאַכט פלעגט מען די שיל פאַרמאַכן אויף אַלע אירע פרענטן און שלעסער. די יאָרצייט־ליכט און די קאַנעצלעך האָט מען אָבער פריִער גוט באַוואָרנט, אַריינגעשטעלט זיי אין טיפע קעסטלעך אָנגעשאָטענע מיט זאַמד און מיט ערד. האָבן זיי דאָ געצאַנקט, געוואָרפן שאָטנס אויף די ווענט און אויף די שייבלעך, וואָס האָבן כסדר געשימערט און געפלימערט אין דרויסן אַרויס, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז די שיל שלאָפט טאַקע, נאָר זי אָטעמט און שמייכלט עפּעס מאָדנע אין שלאָף. פונקט ווי דאָס בית־המדרש, דער שכן פון דער שיל, איז קיינמאָל — אַלע 24 שעה אין מעת־לעת — נישט געשטאַנען ליידיק אָן מענטשן, אַזוי איז די שיל פון פאַרנאַכט ביז פאַרטאָג כסדר געשטאַנען פוסט. און אַפילו אין מיטן טאָג אויך אין די שעהען צווישן די מנינים.

און איינמאָל — אפשר איז עס געווען נאָך אַ יאָר אין יענעם יאָר־הונדערט און אפשר שוין אַ יאָר אין דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט — אין שטילער, האַרבסטיקער נאַכט, און ווי דער שטייגער: זייגער דריי, איידער די מתים קערן זיך אום אין די קברים — האָבן זיך אַ צעקלונג גע־

טאָן אַלע שטעטלשע גלעקער אויף אַמאָל און דערצו די טרומייטערס פון דער פּאָזשאַרנע קאָמאַנדע. בליץ־שנעל איז דער טאַטע אויפגעוועז און האָט שוין באַוויזן מיט אַן אימהדיקן קוש אויפצוּוועקן יעדן איינעם פון דער משפחה און אין אַ רגע אַרום איז ער שוין געווען אין דער קורטקע אָנ־געטאָן און אין די הויכע שטיוול, ווי אין וואַלד אַריין צו גיין, און איז אַראָפּגעלאָפן פון די טרעפּ צו דער שריפה. אין נאָך אַ רגע אַרום איז די בהלה אין מאַרק געווען אַזוי גרויס ווי ביי אַ יאַריד — און אויף אַלע פּנימער אַן אָפּשיין פון דער שריפה. אַזאַ שריפה איז אין שטעטל נאָך נישט געווען. עס האָט געברענט אי די צערקווע פון די רוטענער — וואָס איז געווען אַ נאָענטער שכן פון דער שיל — און אי די שיל. אוןביידע זענען געווען פון האָלץ און אַלט און פול מיט פּרוכנע.

די מאַמע און די דינסטן האָבן געמאַכט גרויסע פּעק פון די טייערס־טע זאַכן אין שטוב און מיר קינדער האָבן אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער. די גרויסע רעדער פון אַלע דריי ברונעמער אין שטעטל זענען מיט אַ גיכן קייטן־געקלאַנג געלאָפן אַרויף מיט וואַסער און אַראָפּ אין דער טיף אָנצו־שעפּן פריש. קייטן מענטשן פון די ברונעמער ביז דער שיל און דער צערק־ווע האָבן זיך כסדר דערלאַנגט די עמערס — פולע צו דער שריפה און ליי־דיקע צוריק. אויך פון דער זשיקע האָט מען געשעפּט מיט שטריק און מיט הענט. אַלע עמערס פון שטאָט און אַלע הענט זענען געווען וואַך ביי דער שריפה.

און אַזוי ווי די כוואַליעס פון אַ ים — אַהין און צוריק — איז גע־לאָפן די גרויסע שאלה, די גרעסטע שאלה בשעת עס ברענט אַ מקום־קדוש: וואָס איז געשען מיט די ספרי תורות? אַט לויפט אַ כוואַליע פון מויל צו מויל פון די מיט שיין באַגאָסענע פּנימער: מען האָט אַרויסגעראַ־טעוועט די ספרי תורות! און אַט לויפט אַ צווייטע כוואַליע צוריק: די ספרי תורות ברענען — זענען שוין פאַרברענט געוואָרן — אַלע! און אַט לויפט ווידער אַ גוטע כוואַליע אַהער: דער שמש האָט די ספרי תורות אַליין געראַטעוועט — — און אַט לויפט אָן אַן אַנדערע כוואַליע: דער שמש ברענט צוזאַמען מיט די ספרי תורות.

אפשר אַ שעה האָט געדויערט די בהלה און פּלוצלינג — — די שיין אויף אַלע פּנימער האָט זיך אויסגעלאָשן. סיי די שיל און סיי די צערקווע

זענען איינגעפאַלן. די בהלה און די אימה זענען איצט נאָך גרעסער גע־וואָרן. אַלט און יונג, מאַן און פרוי, ייִד און קריסט אויסגעמישט אין איין פחד און אין איין אומגליק. אַ שטראָף פון גאָט, אַ שטראָף פון גאָט! ניין — אַ שטראָף פון אַלע געטער אויף אַמאָל.

און אָט גייט דער טאַטע און ער טראָגט אַ ספר תורה. ער ברענגט די לעצטע נייעס פון דעם אָרט פון גרויסן אומגליק: די צערקווע איז געווען די ערשטע, וואָס האָט אָנגעהויבן צו ברענען און אַזוי גיך דער שמש פון בית־המדרש, וואָס איז געווען אַ לא ינום ולא ישון, ווייל ער איז געווען אַן אייביקער חלוש, און איז שוין געגאַנגען צו זיין פאַרטאָגיקער מלאכת הקודש, האָט עס באַמערקט, האָט ער באַלד אויפגעוועקט אַלע אורחי פורחי־ניקעס. מ׳האָט אויפגעריסן אין דער דערבייאיקער שיל די פרענטעס אָזן די שלעסער מיט העק און איידער נאָך מלך שמש, דער הדרת־פּנימדיקער שמש פון דער שיל איז אָנגעלאָפן, נישט טויט און נישט לעבעדיק, זענען שוין די ספרי תורות געלעגן אויף אַ טיש פון בית־המדרש, וואָס מען האָט אַרויסגעטראָגן אין דרויסן — אַלע ווי איינע אָפּגעראַטעוועט. און עפּעס אַזוי ווי די שיל וואָלט געוואַרט אויף אָט דער רגע — — זי האָט נאָך אַ ווונק געגעבן צו איר אייגענעם שמש און זיך געזעגנט מיט אים און האָט אַ ווונק געטאָן מיט אַ שוין ברענענדיקן שינדלנעם שפּיץ־דאַך צום שמש, צום חלוש און לא ינום ולא ישון אַ דאַנק פאַר אָפּראַטעווען די ספרי תורות פון אירע אינגעווייידן און זי האָט זיך אַזוי ווי אַ וואָרף־געטאָן אין אַ ים פון פייער און אין איין אַ האַלבער שעה האָט זי אויסגעגליט איר נשמה און זי אַרויפגעשיקט צו די נאָכטיקע הימלען.

די שיל האָט אויפגעהערט צו זיין.

די מעשה האָט דערציילט דער טאַטע, אָבער איך האָב זי דאָ איבער־דערציילט מיט אַביסל אַנדערע ווערטער, ווערטער פאַרדאָרבענע פון מיין לאַנגער מגע־ומשא מיט ליטעראַטור...

די שיינע שיל — די שענסטע, ווייל די ערשטע, וואָס איך האָב אין לעבן געקענט, האָט אויפגעהערט צו זיין.

דער טאַטע איז שוין אין יענער נאַכט מער נישט געשלאָפן. ער האָט די ספר־תורה, וואָס איז אים פאַרטרויט געוואָרן — מען האָט די ספרי־תורות צעטיילט דערווייל צווישן באַלעבאַטים — באַהאַלטן אין אַ זיכער

אָרט אין זיין אייגענער קליידערשאַפּע און איז אַראָפּגעגאַנגען טרייסטן דעם זיידן וואָס איז צווישן אַלע באַלעבאַטים אין שטעטל געווען דער גרעס־טער אבל נאָך דער הייליקער נשרפת. אַ לעבן מיט ליבשאַפט און אַ מטמון מיט כסף וזהב האָט ער אין דער שיל אַריינגעלייגט אין פאַרלויף פון יאָרן. און באַלד אין יענעם פאַרטאָג זענען זיך באַלעבאַטים צוזאַמען געקומען אין זיידנס שטוב און מען האָט באַשלאָסן אָפּצובויען די שיל, אָבער שוין נישט דאָרט אונטן ביים ברעג פון דער זשיקע און נאָענט פון בית־המדרש, וואָס איז ניצול געוואָרן, נאָר אין סאַמע מיטן מאַרק. אבער עס האָט געדויערט יאָרן און יאָרן ביז דער פּלאַן איז אויסגעפירט גע־וואָרן. דער בנין שטייט נאָך היינט. ער האָט איבערגעדויערט צוויי וועלט־מלחמות און איז היינט אַ סקלאַד. איך האָב אים אין יאָר 1956 מיט די אייגענע אויגן געזען.

אויף צו מאָרגנס בין איך מיט דעם טאַטן געגאַנגען אויפן אָרט פון דער שיל־שריפה. דאָ און דאָרט האָט נאָך אַ גלאָוויניע געגליט, אַש זיך געררויכערט. אַלץ צוזאַמען איז שוין געווען אַ בערגל מוטנע גרויקייט אונ־טער אַ גרויעם אָסיענדיקן הימל. פונעם בערגל אַש האָבן געסטאַרטשעט, צעבויגענע און פאַרשוואַרצטע, די אייזערנע געלענדערס פונעם באַלעמער און פון אָרון־קודש. צווישן אַש זענען געלעגן צעשמאָלצענע הענג־לייכ־טערס און אין אַ זייט איז געשטאַנען נאָך אַלץ אויף איר איינציקן פוס די מנורה — אָבער שוין נישט צום דערקענען מער, אַזוי ווי אַ פויגל מיט דריי מאָל צעבראָכענע פליגלען.

תוך כדי דיבור האָט דער זיידע באַפוילן זיינע פאַראָבקעס צוזונע־מען דאָס הייליקע צעשמאָלצענע און צעדרייטע אייזן־ און מעשוואַרק און עס אַוועקגעטראָגן אויף דעם גרויסן הויף פון דער קאַמעניצע זיינער, ווו מיר האָבן געוווינט אויפן ערשטן גאָרן. אַז מען האָט די אייזנס און מעשן געטראָגן צו זייער רו זענען זיי נאָך אַלץ געווען וואַרעם. אַזוי איז דאָס ביסל רעשטל פון דער שיל געלעגן אויף אונדזער הויף יאָרן און יאָרן, געשיצט, אַז מען זאָל עס נישט צעטראָגן און צעגנבענען. אָפט פלעגט דער זיידע קומען צו דער קופּע ברוכוואַרג, שטיין, שטיין און קוקן. אויף פאַר אים איז די שיל געווען די ערשטע, וואָס ער האָט אין זיין לאַנגן לעבן געזען און ער איז שוין איצט געווען אַ בן־שבעים. סוף־כל־סוף האָט מען

דאָס מעש געלאָזט שמעלצן אויף נייע מנורות און העגנלייכטערס און דאָס אייזן האָט מען באַגראָבן אין דער ערד, אַז עס זאָל נישט אַנטהייליקט ווערן. אַמאָל — אַמאָל איז דערין געווען אמתע שיינקייט און אמתע קדו־שה. אפשר וועט זי ווידער אַמאָל זיין.



# חנה

אַ היפּשער טייל פון גאַליצישן ייִדנטום שטאַמט אָפּ פון אַלערליי פּליטים פון יענער זייט פון די הונדערטער מיילן גרענעצן צווישן עסטרייך און דעם צאַרישן רוסלאַנד. און אויך אין אונדזער שטעטל האָט זיך אַמאָל, אַמאָל, נאָך אין די אַכציקער יאָרן, באַזעצט אַזאַ פּליט, אַ מיליטערישער, און זיין נאָמען איז געווען אברהם און ער איז געווען אַ סטאָליער. און אָט דער אברהם, דער ערלעכער האָרעפּאַשניק, האָט געהאַט דריי קינדער, צוויי טעכטער און איין זון. זיין עלטסטע טאָכטער, וואָס איר נאָמען איז געווען חנה, איז — ווען זי איז נאָך געווען אַ מיידל מיט צוויי דינע צעפּלעך — געוואָרן אַן אַרויסהעלפערין אין אונדזער שטוב. צען יאָר איז זי אָפּגעווען ביי אונדז און זי איז געווען ווי אַ שוועסטער אונדזערע, אַ צענדליק יאָרן עלטער פון מאַניען, מיין עלטערן ברודער, און מיר. אין אונדזער שטוב האָט זי איבערגעלעבט אירע שענסטע יונגע יאָרן, אירע גרויסע ליבעס און פון אונדזער שטוב האָט זי חתונה געהאַט — און כאָטש זי האָט נאָך דער חתונה געוווינט אין אַ שטעטל, נישט ווייט פון לעמבערג, פלעגט זי אָפט קומען צו אונדז צו גאַסט.

חנה האָט אַרויפגעלייגט אַ חותם אויף אונדזער שטוב, שטילערהייט האָט זי אַלץ און אַלעמען משפּיע געווען. זי האָט זיך קיינמאָל מיט קיין וואָרט נישט אַריינגעמישט אין שמועסן, סיידן מען האָט זי דירעקט געפרעגט. זי האָט זיך אָבער אין אַלץ אַריינגעמישט מיט אירע בליקן. אַז מיין טאַטע מיט מיין מאַמען האָבן זיך דורכגעווערטלט — און געשען איז עס דווקא היפּשלעך אָפט, ווייל — נישט געקוקט אויף זייער ליבע — זענען זיי געווען צוויי כאַראַקטערן כרחוק מזרח ממערב — האָט חנה, דערלאַנגענדיק די וואַזע מיט דער זופּ צום טיש, דערלאַנגט אויך אַ בליק אויפן טאַטן... און ביים אַראָפּנעמען די וואַזע פון טיש — אַ בליק אויף דער מאַמען. און ביים דערלאַנגען דעם גרויסן טעלער מיט דעם, וואָס איך האָב אַלעמאָל זייער פיינט געהאַט... האָט זי שוין אַ קוק־געטאָן אי אויף

די קינדער און אי אויפן טאַטן און אי אויף דער מאַמען. און ביז חנה האָט דערלאַנגט די געשליפּענע שיסעלעך מיט קאָמפּאָט — איז שוין די מחלוקה צווישן טאַטן און מאַמען צערונען. חנה האָט מיט איר בליק אויך געזיפּט די געסט, וואָס פּלעגן צו אונדז קומען. איינע זענען צוליב איר בליק געוואָרן אָפּטע געסט, אַנדערע האָבן, צוליב דער זעלבער סיבה, מיט דער צייט אין גאַנצן אויפגעהערט צו קומען. חנה האָט — אַמאָל מיט אַ בליק פול מיט חן, אַן אַנדערש מאָל מיט אַ בליק פול מיט מרה־שחורה — געגעבן שטומע עצות דעם טאַטן אין זיינע געשעפטן. נישט איינמאָל האָט זי מיט אַ דערשראָקענעם בליק געוואָרנט פאַר נישט ערלעכע סוחרים. מיט איר בליק האָט מען זיך גערעכנט. זי האָט דעם טאַטן גערופן „הער, הער" און די מאַמע „פּרוי, פּרוי", אָבער דאָס איז נאָר געווען אַזאַ טראַדיציע. מען האָט זיך מיט חנהן קיינמאָל נישט געשאַפן, ווייל חנה האָט אַלעמאָל מיט אַ שעה פריִער אַליין געוווּסט, וואָס זי וועט האָבן צו טאָן מיט אַ שעה שפּעטער.

חנה האָט געהאַט אַ געוואַלטיקן דורשט נאָך וועלטלעכן וויסן. זי האָט זיך ביי אונדז אין שטוב אויסגעלערנט שרייבן דייטש און פּויליש און זי פּלעגט, פון צוהערן זיך, בעסער געדענקען אונדזערע לעקציעס אין זאָאָלאָגיע און געאָגראַפיע און אַפילו לאַטיין, ווי מיר פון אַריינקוקן אין די ביכלעך.

חנה האָט — און דאָס האָט זי געירשנט פון איר פאָטער — געליטן פון דריי שגעונות אויף אַמאָל: אַ ריינקייט־שגעון, אַן אמת־שגעון און אַן ערלעכקייט־שגעון. וואַשן, שייערן און פּראַטירן און פּוצן און שטויב־ווישן און לופטערן זענען געווען אירע ליידנשאַפטן. אפשר האָט זיך אין דעם אויסגעלעבט איר בענקשאַפט נאָך אַן אייגענער רייכער שטוב. מיט אָט דער ליידנשאַפט אירער האָט אונדזער גאַנצע שטוב ממש געפירט אַ מלחמה. דער עיקר — דער טאַטע. איינגעשטעלט איז געווען, אַז דאָנערשטיק איז דער גענעראַלער רייניקונגס־טאָג, ווייל פרייטיק איז געווען דער גרויסער באַק־ און קאָך־טאָג. אָבער חנה האָט אויך דעם מאָנטיק ביי אונדז אין שטוב פאַרוואַנדלט אין אַ רייניקונגס־טאָג. און נישט נאָר דאָנערשטיק און מאָנטיק, נאָר יעדע שעה, וואָס דער טאַטע איז נישט געווען אין שטוב. וויפל מען האָט זיך ביי איר געבעטן — עס האָט נישט געהאָלפן. קיין

עקסטראַ־הילף האָט זי נישט געוואָלט אָנערקענען. האָט מען צוגענומען נאָך אַ „גויע” אויף אַ טאָג־צוויי, האָט זי חנה געלאָזט שטיין אָן אַרבעט און אויף אייגענער האַנט אין גאַנצן זי באַפרייט.

חנה האָט אויך געליטן פון אַן אמת־ און ערלעכקייט־שגעון. מיט איר ערלעכקייט און אמת־זאָגעריי האָט זי ממש טעראָריזירט די שטוב. דער טאַטע פלעגט ליב האָבן צו דערציילן אַ מעשה און אַביסל פאַנטאַזירן. פלעגט זיך חנה אין קיך גוט איינהערן און נישט איינמאָל אַריינקומען און בלויז אַ קוק טאָן אויפן טאַטן. און אַמאָל אויך אַ זאָג טאָן: הער, הער — דאָס וואַסער צו דער טיי קאָכט שוין! שפּורן פון חנהס איבערגעטריבענער ערלעכקייט זענען דאָ אין די האַנדלונגען פון מיין עלטערן ברודער — משה.

חנה איז געווען אָן שרעק. זי האָט נישט מורא געהאַט פאַר שדים און זי האָט נישט מורא געהאַט פאַר מענטשן. זי האָט אויך נישט מורא געהאַט פאַרן טויט. און נאָר פאַר איין קליין באַשעפעניש האָט זי מורא געהאַט — פאַר אַ מייזל. אין סטאָליער־וואַרשטאַט פון איר פאָטער, וואָס איז אויך געווען זייער ווינשטוב, זענען געווען אַ סך מייז און איינמאָל האָט זי קינדווייז אַ שטשור אין וויגל צעביסן און די שרעקן איז איר גע־בליבן אויפן גאַנצן לעבן. מאַכט זיך אַ מעשה: אַמאָל אין אַ פרייטיק־אָוונט און מיר זענען אַלע אַוועק צו־געסט. חנה איז געבליבן מיט אַ בוך — לייענען און היטן דאָס הויז. אַרום צען אין אָוונט זענען מיר צוריקגעקו־מען פון געסט און איידער מיר זענען אַריין אין שטוב האָט די מאַמע אַ קוק־געטאָן דורך די נידעריקע פענצטער אין אַ ליכט־שפּאַרונע צווישן די ראָלעטן, וואָס עס טוט זיך אינעווייניק און — ווי טויט־דערשראָקן זיך אַ לאָז־געטאָן צו דער טיר. אָבער די טיר איז פאַרשלאָסן. חנה ענטפערט אויף די רופן, אָבער די טיר גייט זי נישט עפענען. חנה איז געשטאַנען אויפן טיש — אַזוי האָט די מאַמע דורך דער שפּאַרונע געזען — און זיך אָנגעהאַלטן אָן די העסעס פון גרויסן הענגלאָמפּ. עס האָט געדויערט אַ היפּשע ווילע ביז דער גאַנצער פלאָנטער האָט זיך אויפגעפּלאָנטערט און חנה האָט, ציטערנדיק אויפן גאַנצן לייב, פאַרט געעפנט די טיר. דאָס האָט אַ מייזעלע זי אַרויפגעטריבן אויפן טיש אַרויף באַלד ווי מיר זענען אַוועק. חנה האָט זיך צוויינט און געבעטן, אַז די גאַנצע מעשה זאָל בלייבן בסוד, ווייל עס וועט איר שאַטן צו אַ שידוך... און אַזוי ווי איך בין זיכער, אַז

די מעשה וועט שוין איצט קיינעם מער צו קיין שידוך נישט שאַטן — האָב איך זי דאָ דערציילט.

אַזוי גיך חנה איז אַלט געוואָרן זיבעצן יאָר האָבן זיך גענומען ווייזן שדכנים ביי אונדז אין שטוב. קיין שטאַרק שיינע איז חנה נישט געווען, אָבער זי איז געווען אַ געזונטע און אַ קלוגע און געקענט גוט רעכענען און שרייבן און עס האָט געשמעקט פון איר — ריין און מיט חן. און זי האָט געהאַט אָפּגעשפּאָרט אַ שיינעם גדן, געננג אויף צו קויפן אַ שטיבל מיט אַ גאָרטן — אַ יסוד פון אַ משפּחה־לעבן. אָבער חנה האָט פון קיין שידו־כים נישט געוואָלט הערן. איינמאָל — ניין! טויזנטער אויסריידן. וויפל איר פּאָטער האָט זיך געבעטן און אויך די קראַנקע מאַמע אירע. ניין! חנה האָט געחלומט, ווען נאָר אַ פרייע שעה, אַ פרייער אָוונט, אַ נאָכמי־טיק, האָט חנה צוגערוקט אַ קליין בענקעלע צו מיין מאַמעס פיס, זיך אָוועקגעזעצט, דערלאַנגט מיין מאַמען דאָס בוך, וואָס די מאַמע האָט גראָד געהאַלטן אין לייענען — און געבעטן לייענען הויך. חנה איז געווען אויס־געקאָכט אין שילער, געטהע, שעקספּיר אַפילו, אָבער היינריך היינע איז געווען איר ליבלינג. היינעס לידער וואָלט זי געהערט אָן אַ סוף. נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל און ווער שמועסט, אַז די מאַמע האָט אַמאָל חנהן דער־ציילט, אַז אויך די טראַגישע עסטרייכישע קייזערין עליזאַבעט האָט אַזוי ליב געהאַט היינעס לידער און דאָס — צוליב אַ געהיימער ליבע — האָט שוין חנה געוואָלט הערן נאָר היינע, נאָר היינע — און עס איז געווען אַ סיבה: חנה האָט אויך געהאַט אַ טיפע, געהיימע ליבע אין איר האַרץ — אונדזער שכן, דער שיינער בחור לייבוש דער אייזן־הענדלער, וואָס זיין משפּחה־נאָמען איז געווען „גאָלד". דווקא. אויך לייבוש, דער שוואַרץ־חנעוודיקער מיט דעם קורצן בחורישן בערדל, האָט ליב געהאַט חנהן. אָבער — ווייזט אויס — משפּחה האָט געשטערט. אפשר יחוס, אפשר צו ווייניק נדן. אָט אַזוי ווי עס זינגט זיך אין טויזנט פאָלקס־לידער. שטילערהייט האָבן זיי זיך אפשר באַגעגנט אויך — לייבוש און חנה. דער עיקר אָבער האָבן זיי גערעדט אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן. מיט קלאַפּן אין כלים. אונ־דזער קיך־פענצטער אויפן ערשטן שטאָק איז אַרויסגעגאַנגען אויפן אַלט־אייזן־סקלאַד פון דער גאָלד־משפּחה. און אַז לייבוש פלעגט אָנהייבן אי־בערצולייגן די אַלטע אייזנס — האָט אים חנה באַלד געענטפערט מיט

איבערשטעלן די טעלער און די גלעזער און די ריינדלעך — און דאָס גרויסע פענצטער איז געשטאַנען ווייט אָפן — און עס איז געווען זומער־לעב און די פעלדער גרינען און דער הימל איז בלוי און די פייגל סווישטשען און וועד איז צו זיי גלייך איז זייער ליבע — חנה און לייבוש — און חנה האָט געהייסן מיט איר צווייטן נאָמען זילבערג און לייבוש האָט געהייסן ג אָ ל ד — און חנה האָט אָפילו פאַרפאַסט אַ ליד וועגן דעם ווי אַזוי זילבער האָט ליב דאָס גאָלד און דאָס גאָלד האָט ליב דאָס זילבער און גאָט — — — אָבער גאָט האָט אַנדערש געוואָלט... אין איין שיינעם טאָג האָט לייבוש צוריקגעשיקט אַלע בריוולעך, וואָס חנה האָט אים געשיקט און געפאָדערט צוריק זיינע — ווייל ער איז געוואָרן אַ חתן.

חדשים־לאַנג האָט מרה־שחורה געהויערט איבער אונדזער שטוב. די היינע־לידער אָוונטן אויפן בענקעלע ביי מיין מאַמעס פיס זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין טרויער־אָוונטן. און אַז אַ האַלב יאָר איז אַוועק און אויפן אייזן־הויף אַנטקעגן האָט זיך פאַיאָוועט דאָס נייע יונגע ווייבל — זענען די שדכנים ביי חנהן דרייסטער געוואָרן. חנה האָט זיך אינגאַנצן פאַרלאָזט אויף מיין מאַמען און מיין מאַמע האָט איר אָפּגעזוכט אַ שטילן פאַלקס־מענטש, אַ פערד־הענדלער פון אַ שטעטל ביי לעמבערג, וואָס האָט זיך נאָר־וואָס צוריקגעקערט פון דריי יאָר דינען ביים קייזער.

חנהס חתונה איז געפּראַוועט געוואָרן כמעט ווי אונדזערס אַ משפּחה־חתונה. מיין טאַטע און מיין מאַמע זענען געווען אונטערפירערס. און כאָטש דער שידוך איז געווען כמעט אַ גליק־שידוך, האָט חנה אין אָט דער אייבער נאַכט חתונה־נאַכט אויסגעוויינט מער טרערן ווי היינע אין אַלע זיינע לידער צוזאַמען — אַזוי האָט טאַקע חנה דער מאַמען אַליין געזאָגט, ווען זי האָט אונדז געבראַכט ווי אַ מתנה אַ פאָטאָגראַפיע מיט איר יונגן מאַן אַ פּאָר טעג נאָך דער חתונה. און די „פרוי, פרוי", מיין מאַמע און חנה, לעבנס־חברטעס טאָג־איין און טאָג־אויס אין פאַרלויף פון אַ יאָר צענדליק, זענען זיך געפאַלן אויפן האַלדז און האָבן זיך צעקושט און זיך גאַנץ פיין אויסגעוויינט. און די מאַמע איז געבליבן מיט איר גורל און חנה איז אַוועק צו איר גורל... און כאָטש אַרויסהעלפערינס זענען נאָך שפּעטער געווען עטלעכע ביי אונדז — אַ חנה איז נאָר געווען אַן איינציקע.

# ווייסע הענער

לאָמיר אויף אַ ווײַלע אָפּלאָזן אַלערליי פּאָליטישע און פילאָסאָפישע מעדיטאַציעס, אַלערליי מחשבות וועגן קולטור, ליטעראַטור און ביכער, אַלערליי אַנדערע רייד וועגן הימל און ערד, גאָט, מלאכים און מענטשן — און דערלויבט מיר צו דערציילן דריי מעשהלעך וועגן ווייסע הענער. עס זענען טראַגישע מעשיות וועגן ווייסער שיינקייט. זיי האָבן נישט קיין שום מאָראַל, זענען אין דער אמתן גאָרנישט אויסערגעוויינטלעך. זיי זענען נישט פאַרגעקומען נאָענט איינע נעבן דער אַנדערער. שטחים צייט און גרויסע שטחים פון כדור הארץ זענען צווישן זיי. זייער ענלעכקייט איז נאָר אין דעם, וואָס אַלע דריי זענען זיי וועגן ווייסע הענער און איך האָב זיי אַלע דריי זייער איבערגעלעבט. און איצט גורט אייך אָן מיט אביסל געדולד.

**

דאָס האָט געמוזט זיין אין יאָר 1900 און איך בין דעמאָלט זיבן יאָר אַלט געווען — און דאָס אָרט איז מיין שטעטל רעדים און די צייט איז אָן אָוונט פאַר ערב יום־כיפור. האַרבסטיק איז, מיר זיצן אַלע אין שטוב און מיין ברודער און איך שפּילן זיך.

קומט אַריין מיין זייער פרומע באָבע בלימע און פאַר איר גייט די דינסט רייזל און זי טראָגט צוויי הענער, צוויי קליינע, יונגע הענער, איינער אַ בלוי־גרין־ברוין־גאָלדענער און דער אַנדערער אין גאַנצן אַ ווייסער מיט אַ פלאַם־רויטן קעמל אויפן נייגעריקן קעפל. די באָבע איילט זיך צוליב צוויי סיבות: ערשטנס, דאַרף זי היינט אין אָוונט מאַכן נאָך אַ פּאָר אַזעלכע באַזוכן ביי אירע אייניקלעך איבערן שטעטל און צווייטנס האָט זי אין אונדזער שטוב אַ באַזונדערע סיבה זיך צו איילן. טאַמער וועט מיין טאַטע, דער משכיל, אַריינקומען, וועט די גאַנצע שפּיל צונישט ווערן... דער טאַטע האָט נישט געהאַלטן פונעם מנהג פון כפרות־שלאָגן. און באַ־

זונדערס האָט ער פיינט געהאַט, אַז מען זאָל דאָס פּראַקטיקירן מיט קליינע קינדער.

די באָבע מישט אויף דעם סידור ווו מען דאַרף און זי זאָגט מיט אונדז, וואָס מען דאַרף. זי אַליין הייבט אויף די הענער איבער אונדזערע קעפּ און זי אַליין וואַרפט — ווי דער מנהג איז — די הענער אַוועק אויף דער בריק נאָכן אָפּזאָגן און אָפּדרייען. און — אַ גליקלעכע — גייט די באָבע אַוועק.

אַזוי ווי איך בין דער יינגערער פון די צוויי יינגלעך־אייניקלעך, איז מיין האָן געווען דער ווייסער און איך האָב מיך תיכף אין אים פאַרליבט און דער האָן אין מיר. איך האָב אים אָפּגעבונדן די פיסלעך און די פליגעלעך און דער האָן איז באַלד געוואָרן היימיש אין שטוב. ער האָט תיכף באַמערקט די גלעזערנע ביכער־שאַפע מיט שויבן ביז אַראָפּ, ער האָט דאָרט דערזען נאָך אַזאַ האָן ווי ער אַליין איז און האָט אָנגעהויבן מלא שמחה צו פּיקן דאָס גלאָז, וואָס האָט אָפּגעשפּיגלט זיין נייגעריק פּנים. איך האָב אים צוגעגרייט אַ שיסעלע מיט קערנער און קרישעלעך און דער האָן האָט זיך מחיה געווען. אַז ער איז מיין שעיר לעזאזל האָט ער לחלוטין נישט געוווסט און איך — קוים, קוים.

אַז דער טאַטע איז אַריינגעקומען האָט מען די הענער אַריבערגעפירט אין קיך און די מאַמע האָט זיך געמאַכט ווי קיינמאָל גאָרנישט. די באָבע בלימע איז געווען איר מאַמע און זי האָט שטאַרק אין כבוד געהאַלטן איר פרומקייט, כאָטש די מאַמע מיינע האָט נאָך ווייניקער געהאַלטן פון כפרות־שלאָגן ווי דער טאַטע. איך בין נאַטירלעך נאָכגעגאַנגען מיין ווייסן האָן אין קיך אַריין און דאָרט נישט אָפּגעטרעטן פון אים אַזוי לאַנג ביז די מאַמע האָט מיר צוגעזאָגט, אַז זי וועט דעם האָן איבערלאָזן פאַר מיר און איך וועל אים האָדעווען ביז ער וועט ווערן גרויס. ערשט דעמאָלט בין איך געגאַנגען שלאָפן און געחלומט פון דער ווייסער שיינקייט, וואָס איז מיין לעבעדיק שפּילעכל; און וואָס געניי מיר האָט זיך דעמאָלט געחלומט, דאָס געדענק איך שוין נישט.

היפּשלעך פרי בין איך אויפגעשטאַנען, כאָטש יידישע קינדער זענען פריי געווען פון שולע ערב יום־כיפור. אָבער נאָך פריער איז אויפגעשטאַ־

נען די דינסט פון אונדזער שטוב און נאָך, נאָך פריִער איז אויפגעשטאַנען דער שוחט פון שטעטל...

די נשמות פון ביידע הענער זענען שוין געווען אפשר אַ שעה אויף יענער וועלט מיט זייער שליחות אויסצולייזן די זינד פון מיין ברודער און מיינע. זייערע גופים זענען געלעגן אויף אַ באַנק מיט די נאָך טריפנדיקע העלדזעלעך אַראָפּ צו אַן עמער. מיין ווייסער האָן האָט איצט געהאַט אַזוי ווי צוויי רויטע קאַמען און אין די איבערגעדרייטע אויגן אַ שאלה צו מיר, זיין באַלעבאָס און שפּיל־חבר פון נעכטן ביינאַכט.

***

דאָס יאָר איז 1938 און דער אָרט איז מאָזעסוויל — אַ ייִדיש שטעטל אין אַרגענטינע — און איך בין שוין דעמאָלט אַרום 26 יאָר געווען אַ וועגעטאַריער. קום איך אַמאָל אַריין צו אַ ייִדישן אינטעלעקטואַל פון אַרגענטינישן שטעטל און מיר רעדן וועגן ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, ווייל אין זיין שליחות בין איך דעמאָלט געווען אין אַרגענטינע. דאָס הויז פון דעם פריינד איז זויבער און גרויס און גראַם. אָבער ער אַנטשולדיקט זיך, וואָס זיין סעניאָראַ איז גראָד אין שטוב נישטאָ און ער נעמט מיך נישט אויף ווי דער מנהג איז. דערווייל אָבער ווייזט ער מיר זיין באַלעבאַטישקייט, זיין גרויסן הינער־הויף. כמעט לויטער ווייסע הינער און צווישן זיי שפּאַנט מאַיעסטעטיש און שטאָלץ אַ גרויסער ווייסער האָן. זיין קאַם איז ווי אַ רויטע קרוין. אַלעמאָל צעלאָזט ער זיינע ווייסע פליגלען און זייער שפּאַן איז אַזוי ברייט ווי אַן אָדלער־פליגלען־שפּאַן. ער איז אַ דיקטאַטאָר און אַ דזשענטלמען. פון צייט צו צייט קומען פּאָר מחלוקתן אין זיין האַרעם, נאַרישע מחלוקתן איבער אַ קערנדל, וואָס זענען סיי ווי דאָ לרוב. דעמאָלט לויפט צו דער האָן, ער קוקט אויף רעכטס און אויף לינקס ווי ער וואָלט אויסגעהערט די צדדים און צום סוף שאַרט ער צו דאָס באַקריגטע קערנדל דעם משמעות גערעכטן צד. און איך — וועגעטאַרישער נאַר, וואָס איך בין — באַוווּנדער דעם האָן...

מיין פריינד אינסיסטירט, אַז איך מוז מאָרגן קומען אויף מיטיק צו אים. און איך — וועגעטאַרישער נאַר — פאַרגעס צו זאָגן מיין מאָר־

גנדיקן מיטיק־באַלעבאָס, אַז איך בין אַ וועגעטאַריער. איך נעם אָן, אַז אַלע ווייסן.

און אָט איז צו־מאַרגנס מיטיק־צייט. דער טיש איז געדעקט מיט כל־טוב. די באַלעבאָסטע איז דאָ. מען רעדט נאָך אַ ווײַלע איידער מען זעצט זיך צום טיש. איך גיי צו צום פענצטער. קוק אַרויס אין הויף און פרעג מיין פריינד אויף דעם האָן, דער ווייסער שיינקייט... זיינע הערלעכע ברייטע פליגלען, ווייל ער פעלט מיר אין הויף.

מיט גרויסן נחת פון אַ דאָרפישן גאַסט־געבער, וואָס איז אַלץ גרייט צו טאָן פאַר אַ גאַסט, ענטפערט מיר דער פריינד:

— די פליגלען וועט איר היינט געפינען אויף אייער טעלער, גוטער גאַסט...

**\
*

דאָס יאָר איז 1956 און די שטאָט איז תל־אביב. און דאָס אָרט איז אַ רומל־בוכהאַנדלונג פון אַ ספרדישן ייִד אין איינער פון די עלטערע געסלעך. ווייס איך, אַז גראָד אין אַזאַ ספרים־קרעמל געפינט מען אַמאָל דזיקע יקר־המציאותן־ביכער און איך שטיי דאָרט שוין אַ שעה כמעט און איך קוק דורך די פּאָליצעס.

קומט אַריין אַ תימנישער ייִד מיט אַ האָן. אַ ווייסן, שיינעם האָן. און בשעת דער תימני מיטן בערדל און די דינע פּיאות רעדט עפּעס מיטן מוכר ספרים — קוקט זיך דער האָן אַרום, אַזוי ווי ער וואָלט געפרעגט: — וואָס טו איך דאָ אין ספרים־געשעפט? קען איך דען פּיקן אותיות? איך פּיק דאָך נאָר קערנדלעך. פאַרשטיי איך זיין לשון און איך פּיק מיר ווייטער בנעימות די ספרימלעך און גראָד געפונען עפּעס אַלטע מעשה־ביכלעך. און וואָס שייך דעם תימני מיט דעם ווייסן האָן — מסתמא, טראַכט איך, איז ער אַ משרת ביים מוכר־ספרים און דער האָן איז אויף שבת, ווייל עס איז גראָד געווען פרייטיק פרי.

אָבער אָט לאָזט מען אָפּ דעם האָן און ער — אַזוי ווי דאָס האַרץ וואָלט אים געזאָגט — לויפט תיכף צו צו מיר. און באַרויִקט הייבט ער אָן צו פּיקן די אונטערשטע פּאָליצע. נאָר מען כאַפּט אים ווידער און איך קוק ווייטער אויף די ביכלעך.

און פּלוצלינג — אַזוי ווי אויך מיר וואָלט דאָס האַרץ געזאָגט — הער איך ווי מען שפּאַרט צו די טיר, ווי מען שפּרייט אויס אַ צייטונג, ווי מען שיט אָן זאַמד. און — אַזוי ווי איך וואָלט געליימט געוואָרן — איך קען מיך שוין מער פון אָרט נישט רירן. עס ציטערט מיין גוף בשעת הינטער מיר קומט פאָר, וואָס עס קומט פאָר. דער מוכר־ספרים איז אויך געווען אַ זייטיקער שוחט. אפשר אַ פערטל שעה האָב איך מיך פון אָרט נישט גערירט, געהערט דעם שניט, דעם לעצטן קריי־זיפץ פון האָן און זיך אומגעדרייט ערשט ווען איך בין זיכער געווען, אַז אַלץ איז פאַרביי.

אַזוי האָט זיך געענדיקט די מעשה מיט דעם דריטן האָן און דערמיט ענדיקט זיך אויך די גאַנצע מעשה פון ווייסער טראַגישער שיינקייט. סתם אַזוי. אָן שום מאָראַל.

# אַלטע מטבעות

פול מיט סודות איז געווען דער שרייבטיש פון אונדזער טאַטן. ער האָט געהאַט זיבן גרויסע שופלאָדן צו דריי רעכטס און לינקס, ביי יעדער פאָר פון זיינע פירעקיקע שווערע פיס פון דעמבבענעם האָלץ — און איין ברייטע שופלאָד אין מיטן. פינף קלענערע שופלאָדן זענען געווען אין דעם געשטעל אויפן ברייטן טישבלאַט זיינעם. חוץ די סודות, וואָס האָבן זיך באַהאַלטן אין די צוועלף שופלאָדן פון שרייבטיש — זענען נאָך געווען סודות באַהאַלטן אין אַלערליי צירלעכע קעסטעלעך, וואָס זענען געשטאַנען אין אַלע ווינקעלעך פון טאַטנס שרייבטיש. אָבער אַלע שופלעדלעך און קעסטלעך זענען געווען פאַרשלאָסן, און אַפילו ווען זיי זענען יאָ אַמאָל געשטאַנען אָפן, האָט מען נישט געטאָרט צו זיי נאָענט צוגיין. פון דעסט־וועגן האָט דער טאַטע גאָרנישט פיינט געהאַט, אַז מען האָט זיך אינטע־רעסירט מיט די סודות פון זיין שרייבטיש. אין פרייע מינוטן פלעגט ער סתם אַזוי עפענען איינע פון די שופלאָדן, אַרויסנעמען פון דאָרט אַלערליי פאַפּירן און זיך פאַרטיפן אין זיי. אָדער ער פלעגט גאָר עפענען קעסטלעך פון די שופלאָדן אַרויס און קעסטלעך אין קעסטלעך, סודות — אין סודות, איינגעוויקלט אין סודות. אָפט האָט ער אין אָט די שופלאָדן געהאַט אויך עפּעס צו זוכן צוליב משפחה־ענינים, אָדער געשעפטן: אַן אַלטע מעטריקע, אַ דאָקומענט, אַן אַלט בילד, אַן אַלטן רעצעפּט, וואָס האָט באַוויזן אַ מעדיציניש נס. דער טאַטע האָט געהאַט אַ זין פאַר אַנטיקן. ער פלעגט זיי צונויפטראָגן פון דער משפחה, פון באַקאַנטע; ער פלעגט זיי באַהאַלטן, אָפּהיטן. דער שרייבטיש איז געווען זיין מוזעום.

מיר, קינדער, האָבן גוט געטשאַטעוועט — נישט דורכגעלאָזן די גע־לעגנהייט ווען דער טאַטע עפנט איינע פון די שופלאָדן פון זיין שרייב־טיש. מיר זענען שוין אַלעמאָל אויסגעוואַקסן דערביי. און אַלעמאָל איז דאָרט געווען עפּעס דורכויס נייעס. עפּעס אומגעריכטס. און נישט זעלטן עפּעס, וואָס האָט שוין שפּעטער די פאַנטאַזיע נישט אָפּגעלאָזט, עפּעס

וועגן וואָס מען האָט געקענט דערציילן אין שולע און זיך באַרימען דער־מיט. און עס איז גוט געווען צו וויסן, אַז אָט די וווּנדערלעכע זאַך באַ־לאַנגט צו אונדז און איז דאָ אין טאַטנס שרייבטיש — כאָטש צוגיין דער־צו טאָר מען נישט. אָבער עס איז סיי־ווי אונדזערס...

אין שרייבטיש זענען געווען אַלערליי אַרצן פון פאַרשידענע מע־טאַלן. דאָרט זענען געווען אַלערליי טערמאָמעטערס. געווען אַ סך שווערע פלעשעלעך מיט קוועקזילבער. דאָרט זענען געווען די חתן־כלה־בריוו, וואָס מיין טאַטנס פאָטער, מיין זיידע, האָט געשריבן צו דער באָבען און זי צו אים. די בריוו אַליין האָבן מיך ווייניקער אינטערעסירט. מער זייערע מאַר־קעס, וואָס זענען נאָך גאָר קיין מאַרקעס נישט געווען, נאָר סטעמפּלען־קבלות, אַז מען האָט געצאָלט אַזויפיל און אַזויפיל שיק־געלט. אין שרייב־טיש איז געווען דער „סופּלענט". דער דאָקומענט פון מיין זיידן פון מיין מאַמעס צד, לויט וועלכן מען האָט אים פאַר אַ גוזמא געלט אויסגעקויפט פון מיליטער־דינסט. אַ דאָקומענט פון יאָר 1848. דעמאָלט איז אַזאַ טראַנ־זאַקציע נאָך מעגלעך געווען. אין די שופלעדער זענען אויך געווען עטלעכע גאַנץ אַלטע ספרים און — — דאָרט איז אויך געווען אַ קליין קעסטעלע מיט מטבעות פון אַלטע צייטן.

אָט די מטבעות האָבן מיך באַלד, אויפן ערשטן בליק, אַז דער טאַטע האָט זיי אַמאָל אין איין שטילן פאַרנאַכט פלוצלינג אַרויסגענומען, פאַר־כישופט. זיי זענען מיר אין דער זעלבער נאַכט געקומען צו חלום. זיי האָבן זיך מיר נאָכגעקייקלט צומאָרגנס בייטאָג. איך האָב פון דעמאָלט אָן כסדר גערעדט וועגן זיי. איך האָב גוט געקענט די פּוילישע געשיכטע, און אַז איך האָב דערזען אויף די מטבעות רעליעפן פון מלכים, דערצו די דאַטע 1580, אָדער 1612 — און איך האָב מיר פאָרגעשטעלט, אַז אָט דאָס שטיקל זילבער, אָדער קופּער האָט געהאַלטן אין האַנט אפשר מיין עלטער־עלטער־עלטער זיידע — האָב איך ממש געציטערט פון א נייער, אומבאַקאַנטער ביז דעמאָלט אויפרעגונג. קיין סך שטאַרק אַלטע מטבעות זענען אין קעס־טעלע נישט געווען; לרוב סתם אַלטע מינצן און אַפילו בלויז אַנדערשדיקע, אויסלענדישע. אָבער איך בין געווען פאַרכאַפּט, פאַרכישופט. איך בין גע־וואָרן אַ פאַרקאָכטער נומיזמאַטיקער. און אַז דער טאַטע האָט מיר אַמאָל דערציילט די געשיכטע וויאַזוי מען האָט איינע פון די דאָזיקע מטבעות

געפונען, גראָבנדיק גריבער ביים שטעלן אַ פּלויט — פּלעג איך פון דע־מאָלט אָן בגנבה גראָבן גריבער אין אונדזער גאָרטן און זוכן, זוכן.

ביי דער ערשטער שעת־הכושר זענען די מטבעות פון מיין טאַטן אַריבער אין מיין רשות. איך בין געווען קראַנק, געהאַט היץ, געדאַרפט איינגעמען עפּעס אַ מעדיצין און איך האָב דעמאָלט געשטעלט אַ באַדינג: די מטבעות! מיין גוטער טאַטע איז תיכף צוגעגאַנגען צו די שופלאָדן און די מטבעות זענען שוין געווען אויף מיין בעט. די פאַרקאָכטקייט אין די מטבעות האָט מיך גיך געזונט געמאַכט און איך האָב אָנגעהויבן מיין נו־מיזמאַטישע טעטיקייט מיט אַ פאַרנעם.

ווו נאָר אַ „שלעכטער גרייצער" אין שטעטל — האָבן אים די יינג־לעך געטראָגן צו מיר און איך האָב גענומען פאַרגרעסערן כסדר מיין זאַמ־לונג. אין איין שיינעם טאָג האָט מיר דער טאַטע, וואָס האָט אַליין ליב געהאַט אַלערליי אויסטערלישקייטן, געבראַכט אַ האַנטבוך פאַר נומיז־מאַטיקער און איך בין צו מיינע צען יאָר ממש געוואָרן אַ פאַכמאַן.

איינמאָל, אין אַ בלוי־גרין־בליענדיקן־זוניקן זומערטאָג, האָט מען גע־גראָבן אַן אייזקעלער אויף אונדזער הויף. אַוודאי בין איך כסדר געשטאַנען דערביי... פּלוצלינג זענען אין דער ערד אַנטקעגנגעקומען שאַרבנס און רעשטלעך פון פאַרזשאַווערטע וואָפן. איך האָב גענומען ממש פיבערן. די גראָבערס זענען געוואָרן אומרויק. אפשר וועט באַלד אַנטקעגנקומען אַן אוצר. און — דאָס נס איז טאַקע געשען: אַ קליין קריגעלע; און דאָס קרי־געלע איז פאַרמאַכט מיט אַן ענגן שטערצל, און עס עפנט זיך דווקא גרינג. און אין קריגעלע — זילבערנע מטבעות, עטלעכע צענדליק, ריינע, קלאָרע מטבעות מיט דעם בילד פון קרול זיגמונט, מיט דעם פראַנצויזישן בערדל, מיט דער קרוין אויפן קאָפּ. און די דאַטע דייטלעך, וואָס דייטלעכער קען נישט זיין: 1600. פון משוגענער פרייד האָב איך גענומען שרייען און, ווי אַ פייל פון בויגן, לויפן זוכן דעם טאַטן — דער אוצר איז געפונען געוואָרן אויף אונדזער הויף, עס איז אונדזער אוצר. נאָר איידער איך בין צוריק געקומען מיט דעם טאַטן, איז שוין דער בורמיסטש פון שטעטל פריער דאָ געווען, און צוויי פּאָליציאַנטן מיט אים, און — ווער האָט זיך גאָר געקענט אַנטקעגנשטעלן? — ער האָט אַפילו נישט געדאַנקט און דעם אוצר צוגענומען, מכלומרשט פאַר אַ שטאָטישן מוזעום.

פון פּלוצלינגען גליק און באַלדיקער אַנטוישונג איז מיין צעניעריק הערצל ממש אַרויס פון מיין גוף. עטלעכע טעג האָב איך געוויינט, צו באַרויִקן מיך, איז מיין פאָטער געגאַנגען מיט מיר צום בורמיסטעש, דער־ציילט אים, אַז איך בין אַ נומיזמאַטיקער און ער האָט מיר גנעדיק געגעבן איין מטבע פון דעם קריגל, וואָס איז שוין געשטאַנען אין זיין דירה אויף זיין שרייבטיש ווי זיין אייגנטום. די מטבע איז געווען אַזוי פריש, איר זילבער אַזוי קלאָר, ווי היינט פון דער מינצעריי אַרויס, און זי איז יאָרנלאַנג געווען דאָס שענסטע שטיק אין מיין שיינער זאַמלונג.

איך בין אַזוי אַריינגעצויגן געווען אין מיין נומיזמאַטישער ליידנ־שאַפט, אַז אַלץ איבעריקע האָט אויפגעהערט פאַר מיר צו עקזיסטירן. דער־צו בין איך פּונקט דעמאָלט, פון מיין ניינטן ביז מיין דרייצנטן לעבנס־יאָר געווען אַ בן־יחיד אין שטוב, און מען האָט מיר נאָכגעגעבן די שמד. מיין עלטערער ברודער האָט שטודירט אין אַ גימנאַזיע אין דערבייִקע גרעסערע שטעט און מיין יִנגערער איז נאָך אויף דער וועלט נישט געווען. און פאַר מיר: הימל און ערד און מטבעות. שפּעטער איז אַפילו צוגעקומען נאָך אַ זייטיקע ליידנשאַפט: מאַרקעס. אָבער זי האָט קיינמאָל נישט פאַרטונקלט די ליידנשאַפט צו די מטבעות. אַ דאַנק זיי בין איך געוואָרן אַ היפּשער קענער פון געשיכטע, און אַ דאַנק די מאַרקעס — אַ קענער פון געאָגראַפיע.

איינמאָל — אַ פּאָר יאָר שפּעטער — אין אַ שבת נאָכמיטיק (אַלטע מטבעות מעג מען שבת אָנרירן) איז צו מיר געקומען אַ יִנגל מיטן מאָד־נעם נאָמען „נאָנטע" מיט אַ סוד... און זיך געלאָזט לאַנג בעטן און ענד־לעך מיר געוויזן... אַ מטבע. אויף דער מטבע איז געווען אַ יאַקאָבינער־היטל און עטלעכע ווערטער אין לאַטיינישער שריפט און דאָס יאָר 7. אָבער נאָנטע וו יי ז ט מיר בלויז די מטבע און ער זאָגט מיר, אַז זי איז טאָקע פון יאָר 7 און איז אַלט 1900 יאָר, און אַן אַלטער דזשיאַד, וואָס איז אַמאָל געווען אין ירושלים, האָט זי אים פאַרקויפט. איך בין שוין דע־מאָלט געווען אַזאַ פאַכמאַן — נומיזמאַטיקער, אַז איך האָב באַלד גע־ווּסט, אַז דאָס איז נישט קיין מטבע פון יאָר 7, נאָר פון יאָר 1796 — פון זיבעטן יאָר פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. נאָר סיי ווי בין איך געווען פאַרכישופט. און נאָנטע האָט זיך געהאַלטן ביי זיין טעאָריע און דערצו וויל ער בכלל די מטבע נישט פאַרקויפן, ווייל זי איז ווערט אפשר

טויזנט „רייניש". אָבער איך האָב געפילט, אַז איך מוז, מוז, מוז די מטבע האָבן. סיי ווי ס'זי איז, לויט נאָנטען, פון די צייטן, ווען יעזוס איז אַלט געווען זיבן יאָר... אָדער די פראַנצויזישע רעוואָלוציע זיבן יאָר... און נאָנטע איז געווען אַ כיטרער יונגל, און אויך ער איז, אויפגעמונטערט דורך מײַן צאַפּלען, אַריין אין עפּעס אַ האַזאַרד פון פלוצלינג רייך ווערן... איך האָב אָנגעהויבן צונויפטראָגן אַלע מײַנע ווערטפולע זאַכן, שפּילעכלעך, ביכער, חוץ די מטבעות. מיר האָבן זיך געגומען דינגען. שטיל, שטיל; אי ווייל טאַטע־מאַמע זענען געשלאָפן און אי ווייל איך האָב בכלל געהאַט דאָס געפיל, אַז איך באַגיי עפּעס אַ פאַרברעכן. איך בין געוואָרן צעמישט און צערודערט, איך בין אַלץ העכער אַריין אין מײַן האַזאַרד, איך האָב מער נישט געהערשט איבער מיר. און נאָנטע האָט כיטרע געשמייכלט און גע־צויגן די קליי פון מײַנע יונגע ביינער. איך האָב געוווּסט, אַז די מטבע איז נישט ווערט דאָס אַלץ, וואָס איך גיב נאָנטען אַוועק. נאָר איך האָב נישט געהערשט איבער זיך. איך האָב געפלאַמט, איך האָב געברענט אין דער ליידנשאַפט נאָך היינט בײַנאַכט צו שלאָפן מיט ד ע ר מטבע אין מײַן האַנט. נייע מטבעות אין מײַן זאַמלונג האָב איך געהאַלטן עטלעכע טעג און נעכט אין דער האַנט, זיי יעדן געוויזן און דער עיקר זיך אַליין אין זיי געשפּיגלט.

פלוצלינג מאַכט נאָנטע אַ לעצטן שבלעצטן פאַרשלאַג — ער רוקט מיר צוריק אַלץ, וואָס איך האָב אים שוין פאַר דער מטבע אָנגעבאָטן, און ער פאָדערט פון מיר: צען רייניש. און שוין. באַלד. אָבער ווו זאָל איך נע־מען צען רייניש? צען רייניש קען מען שוין, איצט געפינען אין איינער פון די שופלעדלעך פון דעם טאַטנס שרייבטיש, ווו מען האָט פון דער האַנט אַוועקגעלייגט דאָס קלענערע געלט אויף איבער שבת. און איך האָב גוט געוווּסט ווו דער שליסל צו דער שופלאָד געפינט זיך... מײַנע הענט האָבן געציטערט, מײַנע פיס זענען געווען אײַנגעבראָכן, מײַן קאָפּ האָט געפלאַמט ווי איין שטיק פייער, מײַן האַרץ איז שוין לאַנג נישט געווען אין מײַן מאַגער גופל, נאָר ערגעץ ווו אין גיהנום, צוזאַמען מיט דער מטבע מיט דעם יאַקאָבינער־היטל, מיט דער ציפער 7... איך האָב געגומען גראַבלען אין דער קליידערשאַפּע און זוכן די שליסלען אין טאַטנס וואָכעדיקן רעקל און עפּעס אין מיר האָט געוויינט: געפין זיי נישט — געפין זיי נישט — נאָר

אויף צו־להכעיס האָב איך זיי אָנגעטאָפּט. זיי האָבן זיך געהאַרכזאַם אָפּ־געגרופּן מיט אַ קלונג. און נאָנטע האָט עס געהערט און נאָנטע האָט גע־פּרעסט: אייל זיך — גיכער — גיכער — שטילער — שטילער — און די שליסלען זענען שוין כמעט אין מיין האַנט — דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן פאַרן טויער פון אַ פאַרברעכן, פאַרן טויער פון גיהנום — און אין קעפּל נעמען זיך דרייען טויזנטער יאַקאָבינער־מטבעות, אַ גאַנצער באַרג, און אויף מיין אייגענעם קאָפּ איז שוין אַזאַ יאַקאָבינער־היטל — און מען שלעפּט מיך ערגעץ — — און פּלוצלינג האָט דער טאַטע געגעבן אַ מאַך אויף די טיר; אויסגערוט, אויסגעשלאָפן, מיט זיין טערקישן שלאָף־ראָק, און ער איז גוט אויפגעלייגט, און ער גיט אַ קניפּ אין בעקל נאָנטען און ער באַמערקט אַפילו נישט מיין צערודערונג, און ער פרעגט נישט וואָס איך טו ביי דער שאַפע, און ער הייבט אָן צו שפּאַסן מיט נאָנטען, וואָס איז געווען אַ גרויסער שטיפער און אַלץ־ווייסער. און ווי דער טאַטע האָט אַזוי געשטיפט מיט נאָנטען איז באַלד אויך די מאַמע אַריינגעקומען און עס איז דערלאַנגט געוואָרן זומערדיקער שבת־אויבסט — און איך האָב מיך דערווייל אויסגעניכטערט און מיט ברענענדיקער חרטה געפילט, אַז אַפילו איין גרייצער וואָלט איך פאַר דער מטבע איצט נישט געגעבן; וואָס מיט אַ מינוט פריִער בין איך צוליב איר געשטאַנען אויף דער שוועל פון אַ פאַרברעכן — וואָס וואָלט מיר אפשר דאָס גאַנצע לעבן נאָכגעגאַנגען. גאָט, גאָט, ווען דער טאַטע וואָלט אַריינגעקומען איין האַלבע מינוט שפּעטער, וואָלט אפשר מיין גאַנץ לעבן געהאַט אַן אַנדער פּנים.

אָבער אַ קליינע ליידנשאַפט צו ד ע ר מטבע איז פאַרט צוריקגע־קומען, נאָר שוין אַ נעכטיקע, אַן אָפּגעקילטע און אַ באַדאַכטע. און נאָנטע האָט אויך געדאַנקט גאָט, וואָס עס האָט זיך אַ ז ו י און נישט אַנדערש געענדיקט; ווארעם זיין פאָטער איז געווען אַ הייס־געבאַדענער און מורא־דיקער קפדן. אַ האַלבן רייניש האָב איך פאַרט פאַר דער מטבע באַצאָלט, מיין גאַנץ דעמאָלטיק פאַרמעגן, און זי איז אַריבער אין מיין רשות. אָבער איך האָב זי פיינט געהאַט ווי אַ שפּין — זי איז געלעגן אַ פאַרהאַסטע, אייביק אויפן דנאָ פון מעטאַל־קעסטל אין מיין נומיזמאַטישער זאַמלונג, ביזן ערשטן וועלט־קריג.

בשעת דער רוסישער אָקופּאַציע פון אונדזער שטעטל אין יאָר 1914,

איז די פייער־קאַסע פון אונדזער שטוב דורך קריגס־רויבער אַרויסגע־וואָרפן געוואָרן אין הויף אַריין, אויפגעשליצט איר אייזערנעם בויך מיט העק און דאָס איינציקע פאַרמעגן, וואָס די רויבער האָבן אין דער אָרעמער פייער־קאַסע געפונען, איז טאַקע געווען מיין נומיזמאַטישע זאַמלונג... דע־מאָלט בין איך שוין זעקס יאָר געווען אַוועק פון מיין היים. ביים פאַרלאָזן די היים צו מיינע פערצן יאָר, האָב איך מיין נומיזמאַטישע זאַמלונג אי־בערגעלאָזן אין דער פייער־קאַסע, און מיט איר די גרויסע ליידנשאַפט פון מיין קינדהייט. אַן אַנדערע ליידנשאַפט האָט באַלד דעמאָלט פאַרנו־מען מיין האַרץ: יידישע ליטעראַטור — און שוין ביזן סאַמע סוף.

# בוזיאַ, שוניאַ, ניוניאַ און רוזיאַ

אין יעדער משפחה זענען דאָ צוויי צדדים, צוויי שטאַם־צווייגן. דעם טאַטנס צד און דער מאַמעס צד. די זאַך איז דאָך אַזוי פּשוט: דעם טאַטנס משפחה, דער מאַמעס נאָענטסטע משפּחה. צוויי זיידעס, צוויי באָבעס, צווייערליי פעטערס, צווייערליי מומעס. און דערנאָך צעצווייגט זיך עס ווייטער: שוועסטער־קינדער, ברידערן־זין, פיר עלטער־באָבעס און פיר עלטער־זיידעס און דערצו אָן אַ שיעור עלטער־פעטערס און — מומעס און דערנאָך גייט ערשט אַ גאַנצער דזשונגל פון גליד־שוועסטערק׳ינדער. און פאַרט איז אַלץ אַזוי פשט פאַר דעם נוגע בדבר. נאָר פּרוביר עס אויפ־קלערן איינעם, וואָס איז נישט נוגע בדבר. ער וועט זיך פאַרטשעפּען באַלד ביים ערשטן שריט, וואָס דאָס איז: דער מאַמעס צד, דעם טאַטנס צד.

**
*

הקיצור: בוזיאַ, שוניאַ, ניוניאַ און רוזיאַ זענען געווען מיינע ערש־טע קוזינס פון דעם טאַטנס צד. נישט פאַרגעסן: טאַטנס צד. בוזיאַ,שו־ניאַ און רוזיאַ זענען געווען קוזינען און רוזיאַ — נאַטירלעך — אַ קוזינקע. מיין טאַטנס משפחה איז באַשטאַנען פון פיר ברידער און פיר שוועסטערס, אים אַליין אַריינגערעכנט צווישן די ברידער. און בוזיאַ, שוניאַ, ניוניאַ און רוזיאַ זענען געווען קינדער פון דעם טאַטנס שוועסטער איטאַ און איר מאַן מאַרקוס, אָדער מאָטל, ווי מען האָט אים גערופן פאַרצויגן, ה י ט־נ ע ר. און די היטנער־משפחה — די ברידער פון מיין פעטער מאָטל היטנער — האָבן געציילט צוועלף אירע, צוועלף זין. איינער אין איינעם הויכע, מענלעכע — און די מייסטע זענען געווען מיט רויטהאָריקע, גע־קרויזטע קעפּ. און טאַמער האָט זייער פאָטער אויף דער עלטער נאָך אַמאָל חתונה געהאַט — איז אים געבוירן געוואָרן נאָך אַ זון.

מיין פעטער היטנער האָט געהאַט אַ פּאַסעסיע נישט ווייט פון לעמ־בערג. אויף אָט דער פּאַסעסיע האָט מען זיך געפירט „פּאַ וויעלקאָפּאַנס־

קו״ — גרויס־פּריציש. דער פעטער האָט קיין באָרד נישט געטראָגן — און די הלבשה אַוודאי נישט קיין טראַדיציאָנעלע, און דאָס איז אַ מעשה וואָס גייט צוריק ווייט אין ניינצענטן יאָרהונדערט אַריין.

***

ווי געזונט ווי אַ דעמב עס איז געווען דער פעטער מאָטל, מענלעך — אָבער נישט שיין — אַזוי שוואַך איז אייביק געווען די מומע איטאַ, און שיין ווי אַ קראַנקע פּרינצעסין. און דער פעטער מאָטל איז אייביק געווען אין איר פאַרליבט. עס איז אמת, אַז פאַרליבטערהייט האָט ער געהאַט זיי־טיקע ראָמאַנסן אויך, אַפילו אין דער משפחה גופא. מען האָט עס אים אָבער מוחל געווען. ער איז דאָך געווען אַ מאַן, אַ ריז און די מומע אַ צעפּיעשטשעט שעפעלע אַ קראַנקס.

יונגערהייט איז די מומע אָבער אויך געווען ביי די כוחות און זי האָט דעם פעטער געבוירן דריי זין און איין טאָכטער. די דאָזיקע טאָכטער איז געווען אַ נס אין דער היטנער־משפחה. זי איז געווען די איינציקע טאָכטער אין דעם גאַנצן שבט מיט די דרייצן זין. רויזע האָט זי געהייסן — רוזיאַ — און ווי אַ רויז איז זי שיין געווען און ווי אַ פּרינצעסין האָט זי זיך אויפגעפירט. זעלטן זענען די היטנער־זין געקומען צו אונדז. זיי האָבן גע־ווינט ווייט, זייער אויפפירונג איז נישט געווען לויט אונדזער גוסט. זיי האָבן נישט צופיל געלערנט, געגרייט זיך צו בלייבן דאָרפישע פּריצים. זיי האָבן געהוליעט, געגאַנגען אויף יאָגד און טאָמער האָט ווער פון זיי — פאַרבייפאָרנדיק — אַמאָל פאַרבלאָנדזשעט אין אונדזער שטעטל, האָבן מיר נישט צופיל געהאַט צו רעדן מיט זיי. אַגב — זענען זיי אויך געווען עלטער פון אונדז — מיין ברודער מוניאַ און מיר. דער ייִנגסטער — הערץ — איז נאָך לאַנג אויף דער וועלט נישט געווען.

***

בוזיאַ, דער בכור פון די היטנערס, איז געווען כמעט אין איין על־טער מיט אונדזער מאַמען און זיי האָבן געהאַט אַ גרויסן סענטימענט צו זיך. אָט ווי אַ ריז ער איז געווען, איז ער געווען סענטימענטאַל — אויי־סערלעך אין גאַנצן אַ קאָפּיע פון זיין טאַטן. הויך, רויטהאָריק, געקרויזט,

געשפרענקלט. ער האָט געדינט ביים מיליטער, ביי דער אַרטעלעריע, ביי פערד, געווען אַן אָפיציר. דער איינציקער אין דער משפחה פון די היט־נערס, וואָס האָט געהאַט העכערע בילדונג. איינמאָל — אין דער צייט פון די מאַנעווורעס, אין האַרבסט — אונדזער טאַטע איז גראָד נישט געווען אין דער היים, געווען אין אַ וואַלד, איז אָנגעפאָרן אַ גאַנצע אַרטילעריע־בריגאַדע מיט די שווערע פערד און מיט די האַוביצן, אויף צו בלייבן איבער נאַכט. שטייען מיר — קינדער — ביים פענצטער אויפן ערשטן שטאָק און באַטראַכטן דאָס געזעמל פערד און קאַנאָנען און סאָלדאַטן און אָפי־צירן. און פּלוצלינג גייט צו אַ הויכער, רויטהאָריקער אָפיציר נאָענט צו אונדזער פענצטער און ווינקט און שרייט: — רופט צו די מאַמען! דער־שראָקענע ביז דער נשמה פירן מיר אויס, וואָס מען הייסט אונדז. קומט די מאַמע צו, גיט אַ קוק אַראָפּ, איר פּנים פאַררויטלט זיך און זי שרייט אַראָפּ מיט פרייד: — בוזיאָ! קום אַרויף — בוזיאָ! און אויך בוזיאָ — אונטן— איז נאָך רויטער געוואָרן אין פּנים. אַז דער טאַטע איז שפּעט אין אָוונט אַהיים געקומען האָט ער זיך אַביסל דערשראָקן, דערזעענדיק דעם אַרסענאַל מיט געווער און דעם אָפיצירס דינער אין פאָדערהויז. אָבער אויך ער האָט זיך דערפרייט מיט דעם גאַסט. עס איז אָבער געווען אַ קור־צע פרייד, ווייל קוים האָט זיך דער גאַסט צוגעשפּאַרט — האָט מען שוין געטרומייטערט און גאָר באַלד האָבן מיר בוזיאָן געזען רייטנדיק אויף אַ פערד אין שפּיץ פון זיין באַטעריע.

**
*

זיי האָבן ליב געהאַט פערד — די היטנערס. אין דעם אוצר פון די פאָטאָגראַפיעס פון מיין טאַטן איז געווען אַ גרויס בילד פון פיר מענער אויף פערד אויף דעם ברייטן דאָרפס־וועג, וואָס האָט געפירט צום טויער פון זייער פאָסעסיע. דער פעטער מאָטל מיט זיינע דריי זין — בוזיאָ, שוניאָ און ניוניאָ. ער האָט ליב געהאַט פאַראַדע און פּאָזע, דער פעטער — און זיינע זין אויך.

אַז מען האָט אין יאָר 1908 געפראַוועט אין ווין די זעכציק יאָר פון דער הערשאַפט פון קייזער פראַנץ־יאָזעף, האָבן אַלע פעלקער פון זיין אימפּעריע געשיקט פאָלקס־דעלעגאַציעס, וואָס זענען באַשטאַנען פון

הונדערטער מענער און פרויען אין די נאַציאָנאַלע קאָסטיומען — צו דעם גרויסן פעסטיוואַל אין דער רעזידענץ, אין ווין. דאָרט האָט דער קייזער פון דער טריבונע — אין פראָנט פון זיין בורג — מכבד געווען מיט זיין בליק דעם טריבוט פון זיינע פעלקערשאַפטן. אַנטקעגן וואָס איך דערצייל עס דאָ פלוצלינג? עס האָט אַ שייכות. די אוקראַינישע דעלעגאַציע — מיט די הונדערטער פויערים־זין און פויערים־טעכטער אין יענער פאַראַדע האָט אָרגאַניזירט און געפירט קיין ווין נישט קיין אַנדערער ווי מיין ערשטער קוזין שוניאַ היטנער.

***

גרויס נחת האָט די היטנער־משפחה געהאַט פון איר איינציקער טאָכטער, דער איינציקער רויז — רוזיאַ. זי איז געווען אַן איידעלע אין די מאַניערן, אַ טונקל־בלאָנדע, אַ בלוי־אויגיקע און מיט לאַנגע ווײַעס און זייער אַ צעפיעשטשעטע. זי האָט געהאַט ביי וועמען צו לערנען די תורה: ביי איר אייגענער מאַמען, וואָס אַ באַזונדערע דינסט איז איר טאָג און נאַכט נאָכגעגאַנגען און נאָכגעטראָגן אַלערליי שאַלן און מאַנטלען און בענקעלעך און אַ שאַכטל מיט ציגאַרעטן, וואָרעם זי איז געווען אַ האַרץ־קראַנקע און אין יענע יאָרן האָבן דאָקטוירים צו דער האַרץ־קרענק פאַרשריבן ווי אַ רפואה רויכערן ציגאַרעטן... און דער פעטער מאָטל, דער אייביק פאַרליבטער אין זיין איטעלע, האָט איר אַלץ נאָכגעגעבן מיט אַ זאָרגעוודיקייט, וואָס מען האָט וועגן דעם דערציילט ווייט און ברייט איבער גאַנץ גאַליציע, ווו די משפחות אונדזערע זענען געווען צעשפרייט. אַז מיין מומע איטאַ איז געפאָרן קיין לעמבערג און באַזוכט דאָרט דעם טעאַטער איז איר שטענדיקע דינסט געשטאַנען נעבן איר בשעת דער גאַנצער פאָרשטעלונג אין דער לאָזשע. אַזוי איז געווען דער באַפעל פון דעם באַזאָרגטן פעטער. טאָמער וואָס ווען — זאָל באַלד זיין הילף. און אויך די שאַלעכלעך און מענטעלעך און די רפואות זאָלן זיין אויף יעדן ווונק גרייט.

איז ווו־זשע האַלטן מיר אין אונדזער מעשה? מיר האַלטן ביי דער בת־יחידה רוזיאַ. אַז זי איז אַלט געוואָרן 17 יאָר האָט מיין דערפינדערישער טאַטע אויסגעטראַכט אַן אויסערגעוויינטלעכן שידוך־פּלאַן. אין פּשע־

מישל האָט דעמאָלט געווינט די אָרעמע, אָבער געניאַלע משפחה שאָר. פיר ברידער — און יעדער האָט געמאַכט אַ קאַריערע, אָדער זיך געגרייט צו איר אויף אַן אַנדערן אופן. דער עלטסטער מאַיזשעש — משה — איז געווען שוין דעמאָלט אַ באַקאַנטער סעמיטאָלאָג און דאָצענט אויפן אוניווערזיטעט אין לעמבערג. (ער איז שפּעטער געווען דער לעצטער גראַנד־ראַבינער אין וואַרשע און פּראָפעסאָר אויף דעם דאָרטיקן אוניווערזיטעט), אַן אַנדערער — אַברהם — איז געווען אַרכיטעקט, אַ דריטער איז געווען אַ מעדיצינער און איינער האָט זיך געגרייט צו ווערן אַן אַדוואָקאַט. סאַמועל האָט ער געהייסן. און אַט אויף דעם האָט מיין טאַטע געוואָרפן אַ שידוך־סטראַטעגיש אויג... שטיל, שטיל און קאָנספּיראַטיוו האָט מען געגרייט אַ „באַשוי" טאַקע ביי אונדז אין רעדים. די יונגע לייט האָבן נישט געטאָרט וויסן, וואָס עס טוט זיך אַרום זיי. רוזיאַ איז געקומען מיט דער מאַמען מכלומרשט אויף אַ וויזיט צוליב אַ פאַמיליע־שמחה. דעם יונגן אַדוואָקאַט האָט דער טאַטע מכלומרשט געבעטן אויף אַ יורידישער עצה. דווקא אים. און צופעליק האָט מען געמאַכט אַ מאָלצייט און „צופעליק" זענען רוזיאַ און דער דאָקטער סאַמועל שאָר געזעסן פונקט אַנטקעגן, אויג קעגן אויג. און אַזוי ווי דער טאַטע האָט נאָר דערזען דעם ערשטן קעגנזייטיקן בליק פון די יונגע לייט — האָט ער שוין געוווּסט, און אַלע האָבן געוווּסט, אַז ער האָט געזיגט. און עס האָט לאַנג נישט געדויערט און מען האָט געפּראַוועט אַ חתונה „פאַ וויעלקאָפּאַנסקו".

***

אויף דער חתונה בין איך נישט געווען, נאָר אָנגעהערט האָב איך מיר גאַנץ גענוג וועגן איר. אַזוי גיך עס זענען געווען תנאים, האָט דער פעטער מאָטל אַרויסגעשיקט אַן עקספּעדיציע פון פויערים אין די וועלדער און מען האָט געכאַפּט לעבעדיקע הירשן און זיי געפּאַשעט עטלעכע חדשים. אַ פּאָר טעג פאַר דער חתונה האָט מען געבראַכט שוחטים — מחמת כשר האָט אַ חתונה געמוזט זיין, כאָטש קיין בערד האָט מען נישט געטראָגן — און מען האָט זיי צו זייער שרעק געהייסן קוילען אויף כשר, די באַהאָרנטע הירשן. דאָס ערשטע מאָל אין זייער לעבן.

און אין דעם סטיל איז דורכגעפירט געוואָרן די גאַנצע חתונה. עס

איז געווען אי אַ גליק־שידוך פאַרביידע צדדים, אי אַ יחוס־שידוך און אי אַ ליבע־שידוך ממש אויפן ערשטן בליק. איך האָב שוין ביז דעמאָלט — אפשר צען יאָר בין איך אַלט געווען — אַ סך געהערט וועגן ליבע, און אויך וועגן ליבע אויפן ערשטן בליק, אָבער דאָ האָב איך ממש — און אַלע געסט ביים טיש — געזען דעם דאָזיקן צויבערדיקן ערשטן בליק, פון וועלכן צוויי אויגן לייכטן אויף, צוויי הערצער גיבן אַ פלאַטער און גיבן זיך אַ צינד אָן און גאָט אין הימל גיט אַ שמייכל. ער וועט שוין האָבן אַ שאַנס נאָך אַ פאָר נשמהלעך אויף דער וועלט אַראָפּצושיקן.

***

מיט ניוניאַ, דעם יינגסטן היטנער, האָב איך מיך זייער זעלטן באַגעגנט. ער איז געווען אין מיינע יאָרן. אייַנמאָל — געדענק איך — נאָך גאָר קינדווייז, האָבן מיר זיך מיט אים געטראָפן אין אַ וואַרעם־באָד, אין טרוסקאַוועץ, אין גאַליציע. ער איז געווען נאָך שענער ווי זיין שוועסטער און נאָך מער צעפּיעשטשעט. אַז מיר האָבן זיך געטראָפן און געשפּילט, האָב איך געהאַט עפּעס אַ הילצערן פערדל. תיכף האָט ער עס געוואָלט האָבן, כאָטש עס האָט אים נישט געפעלט, ער האָט געהאַט אמתע לאָשיקלעך אין זיין טאַטנס גוט. און נאָך איידער איך האָב עס אים געגעבן, ווייל איך בין געווען זייער אַ נאָכגיביק קינד, האָט ער מיר שוין פון אומגעדולד דאָס גאַנצע פּנים צעדראַפּעט ביז בלוט.

***

בוזיאַ, שוניאַ, ביזוניאַ און רוזיאַ — אַזאַ שורה פון פיר נעמען, וואָס איך פלעג זיי אַרויסזאָגן אין איין אָטעם יאָרן־לאַנג אין מיין קינדהייט. די שורה האָט זיך אָנגעהויבן צו צעפאַלן נאָך אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. פון זיי אַליין לעבט שוין וואַרשיינלעך קיינער נישט און נאָר אפשר זייערע קינדער און קינדס־קינדער. ווו — ווייס איך נישט.

דעם ערשטן קלאַפּ האָט די שורה באַקומען באַלד אין די ערשטע טעג פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. אין יענע טעג האָב איך געוווינט און געאַרבעט אין אַ באַנק אין ווין. דעמאָלט האָבן נאָך די צייטונגען געפלעגט פאַרעפנטלעכן יעדן טאָג „פערלוסט־ליסטען‟. און דער ערשטער

נאָמען, וואָס איך האָב אין אַזאַ פּאַרלוסט־ליסטע געלייענט, איז געווען: אַבערלויטענאַנט בענעדיקט היטנער — געפאַלן ביי לעמבערג אין אַן אַר־טילעריע־שלאַכט. דאָס איז געווען בוזיאַ... דער בוזיאַ, וואָס פלעגט זיך אַזוי פאַררויטלען, ווען ער האָט נאָר מיין שיינע מאַמען דערזען און וואָס אויך מיין מאַמע פלעגט זיך אַזוי איידל פאַררויטלען, אַז זי האָט בוזיאַן געזען.

# מיין טאַטנס קליידער־שאַפע

אַלע מעשיות פון מיין לעבנס מעשה־בוך זענען יעדע אַ מעשה פאַר זיך, און זענען טאַקע מעשיות, און מען טאָר אויף זיי קיין קשיות נישט פרעגן. אָבער דאָס וואָס איך גיי דאָ איצט דערציילן איז גאָר קיין מעשה נישט. עס איז בלויז אַ באַשרייבונג פון מיין טאַטנס קליידער־שאַפע. דער אמת איז, אַז יעדעס איינציקע שטיק מלבוש וואָס איז געווען אַט אין דער שאַפע וואָלט אַליין געקענט דערציילן אַ מעשה און אַמאָל אַפילו אַ גאַנץ בוך. אויב דאָס לעבן איז אַ טעאַטער, איז אַ משפחה־וווינונג אַ סצענע, די מעבל — דעקאָראַציעס, מלבושים — די טעאַטער־גאַרדעראָבע און מיר אַלע — אַקטיאָרן. און איך וויל דאָ באַשרייבן שטיק ביי שטיק מיין טאַטנס גאַר־דעראָבע.

קודם־כל די שאַפע אַליין: זי איז געווען הויך כמעט ביז צו דער סטעליע, און סטעליעס אין אַמאָליקע קאָמעניצעס זענען געווען גאַנץ הויך. זיי זענען נישט געלעגן אויפן קאָפּ ווי די סטעליעס אין די הימל־הויכע וואָלקן־קראַצערס. די שאַפע איז געווען פון דעמב. קיין פּאַרצירונגען האָט זי נישט געהאַט, מחמת זי איז לכתחילה באַשטימט געווען אויף צו שטיין באַשיידן אין אַ זייטיקן צימער. און אַזוי איז זי טאַקע ביי אונדז געשטאַ־נען — אין אַ זייטיקן צימער. די שאַפע האָט אינעווייניק געהאַט צוויי שטאָקן. אַז מען האָט געוואָלט דערלאַנגען דעם אויבערשטן, האָט מען גע־מוזט צושטעלן אַ טיש. אַ שטול איז נישט גענוג געווען. אַז מען האָט אין דער שאַפע עפּעס געזוכט, אָדער איבערגעהאַנגען, האָבן גאַנץ באַקוועם צוויי מענטשן געקענט אין איר אַריינגיין.

צוויי מאָל אין יאָר — איינמאָל צו סוכות, און איינמאָל פאַר פּסח איז די לאַנדשאַפט פון דער שאַפע פאַרביטן געוואָרן — אַט פונקט ווי די לאַנדשאַפט אין דרויסן. ווינטער זענען אין איר געהאַנגען ווינטערדיקע, שווערע מלבושים און די זומערדיקע האָבן גערוט אין די באַשלאָגענע קו־פערטן, איינגעשלעפערט מיט די שאַרפע ריחות פון גאַנצע טיטין־ אָדער

טאַבאַק־בלעטער, פון פּעקלעך ביליקער מאַכאָרקע, וואָס די פּויערים פּלעגן נוצן אין די פּייקעס און פון פּעקלעך ביליקן שמעק־טאַבאַק און אויך אַלער־ליי נעגעלעך און געווירצן. און זומער — פאַרקערט. פון קיין נאַפטאַלין האָט מען נאָך דעמאָלט אין די קליינע שטעטלעך נישט געוווּסט און נישט געוואָלט וויסן און נישט געגלויבט אין זייערווירקזאַמקייט אַנטקעגן מאַיל־ווערעמלעך.

די דאָזיקע גרויסע קליידער־שאַפע האָט באַלאַנגט אין גאַנצן דעם טאַטן. עס רעדט זיך נאָר אַזוי „אינגאַנצן״, מחמת זיינע מלבושים זענען דאָרט געווען די הויפּט־איינוווינערס. ער האָט געהאַט סובלאָקאַטאָרן אויך. אַמאָל די מאַמע, אַמאָל די קינדער, און געווען זענען מיר נאָר צוויי יינג־לעך, און אַמאָל אויך, און אַפילו אָפט, די יידישע דינסטן. דער טאַטע האָט ליב געהאַט זיך צו באַוויייזן מיט דעם, אַז ער באַהאַנדלט די דינער־שאַפט ווי מען באַהאַנדלט קרובים.

האָט אונדזער טאַטע געהאַט אַ תאווה צו קליידער? אַביסל — אוודאי. און אפשר איז ער ערגעץ אין דער טיף פון זיין נשמה געווען אַ שטיקל שווישפּילער און אָט די שאַפע מיט אַלערליי קליידער האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט זיך צו פאַרוואַנדלען ביי יעדער פּאַסיקער געלעגנהייט אין אַן אַנדערן מענטש. זיי האָבן אים שטאַרק געפרייט אָט־אָ די גילגולים מיט דער הילף פון דער גאַרדעראָבע זיינער. די מאַמע האָט טאַקע נישט שטאַרק ליב געהאַט די פאַרוואַנדלונג־שפּילן פון דעם טאַטן, אָבער פאַר אונדז, קינדער, איז דאָס געווען אַ קוואַל פון גרעסטן נחת. אָט ערשט איז דער טאַטע געקומען אין שטוב אין זיינע וואָכעדיקע מלבושים און אָט איז ער אַ ווינער קאַוואַליר, אָדער אָט־אָ איז ער גאָר אַן עכטער טשאָרטקע־ווער חסיד. נאַטירלעך האָט ער נישט סתם אַזוי אויפגעפירט די דאָזיקע גילגולים, עס האָט געמוזט זיין אַ פּאַסיקע געלעגנהייט; אָדער אַ באַזוך, אָדער אַ חתונה, אָדער אַ געהעריקער יום־טוב.

און לאָמיר נעמען אויסרעכענען אַלץ, וואָס האָט זיך געפונען אין דעם טאַטנס קליידער־שאַפע ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה און וואָס איז געבליבן אין מיין זכרון ביזן היינטיקן טאָג.

איך וועל אָנהייבן מיט דער „ראַזשעווולקע״.

מיט וואָס?

מיט דער „ראַזשעוווּלקע״ — מחמת אַט דאָס מלבוש, נישט אַזוי צו־ליב זיין אויסזען ווי צוליב זיין נאָמען, האָט אַלעמאָל געריצט מיין קינ־דישע פאַנטאַזיע. ערשטנס ווייל עס האָט מיר דערמאָנט — ראַזעווע בול־קע און איך האָב קיינמאָל נישט געקענט פאַרבינדן אַ נאָמען פון אַ מלבוש מיט ראַזעווע בולקע. און צווייטנס ווייל אַז דער טאַטע האָט מיר אַמאָל דערציילט די געשיכטע פון אַ ראַזשעוווּלקע האָט עס גאָר געריצט די פאַנ־טאַזיע. דערציילט האָט דער טאַטע, אַז אַמאָל, אַמאָל האָט דער גרויסער פּוילישער פּרינץ ראַדזיוויל געהאַט אַ הויף־ייִד, וואָס ער האָט אים זייער שטאַרק ליב געהאַט. האָט ער, כטוב לב המלך, געפרעגט אַמאָל דעם ייִד: — מאָשקע, וואָס ווילסטו? עד חצי המלכות און דו וועסט באַקומען. האָט דער הויף־ייִד געענטפערט: — גרויסער פּרינץ — איך וויל מעגן טראָגן אַזאַ מלבוש ווי דו טראָגסט. און דער פּרינץ האָט איינגעוויליקט און דער ייִד האָט פון דעמאָלט אָן געטראָגן דאָס מלבוש, וואָס האָט געהייסן „ראַד־זיווילוווקאַ״. מיט דער צייט איז עס געוואָרן אַ ייִדישע מאָדע, און די ייִדן האָבן געענדערט די פאָרעם פון מלבוש און דעם נאָמען אויך: ראַזשעו־ווּלקע. און געווען איז עס אַ זיידענע בעקעשע פון אַ שטאַרק טונקעלן קאָליר, אָבער נישט שוואַרץ. אַ געהאַקטע בעקעשע מיט ווערטיקאַלע קע־שענעס, מיט קלאַפּעס. פון הינטן און פון פאָרנט האָט זי געהאַט אַ סך סאַמעטענע קנעפּ — כאַטש אַ טוץ. די ראַזשעוווּלקע האָט זיך שטאַלטנע געלייגט אויפן גוף — און ווער שמועסט מיין טאַטנס ראַזשעוווּלקע, וואָס איז געניית געוואָרן לויט זיינע גענויע אינסטרוקציעס... אַ ראַזשעו־ווּלקע פלעגט מען טראָגן בעיקר צו די שלוש רגלים, נישט שבת.

אין דער שאַפע זענען געהאַנגען אַ סך בעקעשעס, שוואַרצע און זיי־דענע און לאַנגע, מיט קעשענעס פון הינטן — ווערטיקאַלע נאַטירלעך, אָבער אַ בעקעשע איז נישט געווען געהאַקט. זי האָט אויך נישט געהאַט קיין שפּאַלט. עס זענען אויך געווען בעקעשעס פון אַ טוכענעם שטאָף אויף צו טראָגן ווי אַן אויבער־מלבוש צו אַסיען און צו וועסנע־צייט.

און צו די בעקעשעס — אַ קאָלעקציע גאַרטלען.

איינע אַ בעקעשע איז דאָרט אין שאַפע געווען אַ טונקל־וויאָלעטע. אַט די בעקעשע האָט מען אָנגעטאָן, אַז מען איז געגאַנגען נאָכן עסן צו אַ חסידישן רבין, וואָס האָט זיך אויף איבער שבת אָפּגעשטעלט אין שטעטל.

דעם טאַטן איז, וואָס שייך דער גזע, קיין גרויסער חילוק נישט געווען. ער איז געגאַנגען צו אַלע רביים — בעלזער, דזיקעווער, טשאָרטקעווער. „שיך־און־זאָקן" און קורצע פּלודערן זענען אין שאַפע געהאַנגען, אָבער דאָס וואָלט שוין געווען צופיל — דער טאַטע האָט דאָס קיינמאָל נישט אָנגעטאָן. ער האָט אָבער ליב געהאַט אַלץ צו האָבן גרייט. דער גע־דאַנק אַליין, אַז ער האָט עס, האָט אים פאַרווײַלט.

און שטריימלעך זענען געווען צוויי. איינער מיט אַ הויכן בלוי־סאַ־מעטענעם ווערך און ברייטע, ברוינע דרייצן שפּיצן פון פוקסענע עקן. דער צווייטער מיט אַ נידעריקן, שוואַרצן סאַמעטענעם ווערך און מיט קליינע דרייצן שפּיצן פוטערנע. דאָס קליינע שטריימעלע איז — נאַטירלעך — געטראָגן געוואָרן אין די וואָכעדיקע שבתים — אַזוי צו זאָגן.

און יאַרמלקעס אַלערליי — טונקל־בלויע און שוואַרצע סאַמעטענע און קאַפּלעך זיידענע, וואָס פאַלן צו צום קאָפּ און אַזעלכע, וואָס זענען ענלעך געווען צו די קאפּן פון די קירהשע אָפיצירן, נאָר אָן דאַשקעס. און ווייסע, אומעטיקע יאַרמלקעס אויף יום כיפּור צום קיטל. און איינע אַ זילבערנע יאַרמלקע און איינע אַ גאָלדענע און צו אָט די פאַנטאַסטישע יאַרמלקעס — דריי קיטלען. איינער אַ ווייסער, ווי תכריכים, נאָר מיט קעשענעס. און איינער מיט אַ זילבערנעם קראַגן און איינער מיט אַ גאָלד־געליישטן קראַגן פון פיליגראַן־אַרבעט. די דאָזיקע צוויי קיטלען זענען גע־ווען צו די סדרים. דער ערשטער נאָר אויף יום־כיפּור. און צו דעם אַלעמען געהעריקע גאַרטלען.

צו דער ייִדישער הלבשה האָט אויך נאָך געהערט דער טולופּ. דער אויבערשטער שטאָף פון טולופּ איז געווען פון שווערן, שוואַרצן זייד. דער טולופּ האָט געהאַט גרויסע מאַנקעטן פון פוטער אויף די אַרבלען און דער־צו אַ ברייטן קאָלנער. קיין שום קעשענעס נישט און קיין שום קנעפּ. מען האָט זיך אין אים איינגעוויקלט, אויפגעהויבן דעם קאָלנער, אַרייַנגערוקט די הענט אין די אַרבלען ווי אין אַ מופטע און געגאַנגען אין בית־המדרש אַריין.

און אַז מיר האַלטן שוין ביים טולופּ — לאָמיר שוין פאַרטיק ווערן מיט אַלע פעלצן.

געווען דאָרט אַ פעלץ אַ ציווילער — אַזוי צו זאָגן — וואָס האָט

געהייסן „דאָס פוטער" סתם. ער האָט געהאַט קעשענעס האָריזאָנטאַלע און קנעפּ גרויסע און אַ ביבער־קראַגן אַ ברוינעם. זיין אויבערשטאָף איז געווען שוואַרץ און נישטאָ וועגן אַזאַ פעלץ וואָס צו רעדן. מען האָט אים דער עיקר גענוצט ווינטער־צייט אויף רייזעס מיט דער באַן אין די נאָענט־סטע שטעט — ביז קיין לעמבערג צו מזרח און ביז קיין קראָקע צו מערב.

חוץ אָט דעם פעלץ — מען האָט אים גערופן „שטאָט־פעלץ" — איז געווען אין שאַפע אַ פוטערנע קורטקע. זי איז געווען כולו וואָך. גרוי דער שטאָף פון אויבן און ביליק־געל דאָס פוטער אינעווייניק און דערצו אַ קאַראַקולענער קראַגן, וואָס איז שוין דאָ געווען אין דריטן צי אין פערטן גילגול. אָט דאָס מלבוש — כמעט ביז די קני — איז געווען אויף אַרויס־גיין אין דרויסן סתם. צוגיין ערגעץ סתם, נישט אויף אַ וויזיט און נישט אויף אַ וויכטיקער טרעפונג, אָדער אין אַן אמת.

אָט די קורטקע האָט נאָך אין שאַפע געהאַט אַ חצי־גוייִש, פּאָלאָווי־נע ייִדיש ממזר־ברידערל, אַ קורץ גוייִש פעלצל, וואָס מען האָט עס גערופן שפּענצער. מען האָט עס געקענט טראָגן אויפן אויבער־מלבוש און אונ־טער אים. אָט דאָס פוטער־שפּענצערל האָט מען כמעט קיינמאָל נישט גע־נוצט. סיידן אויפן אייגענעם הויף צו גיין אַכטונג צו געבן ווי מען זעגט און האַקט האָלץ, אָדער ענלעכע זאַכן. אָט דאָס שפּענצערל האָט מען נישט אַרויסגעלאָזט איבער דער שוועל. נישט געגנוג באַלעבאַטיש געווען.

דער אַנטיפּאָד פון פוטער־שפּענצערל איז געווען דער שאָפּן־פעלץ, אָדער דער באַראַן, אָדער גאָר דער בער. אָט די דריי נעמען האָט ער גע־האַט אין דער שטוב און אויך אין גאַנצן שטעטל. אין שטעטל איז ער גע־ווען איינער, אַן איינציקער. שפּעטער האָבן די דאָקטוירים פון שטעטל, דער גוייִשער — מאַליק — און דער ייִדישער — שמיידלער — זיך אויך גע־מאַכט אַזעלכע באַראַנען, אָבער יענע זענען געווען אַ סך קלענער. געניייט איז דער דאָזיקער בער, אָדער באַראַן, אָדער שאָפּן־פעלץ געווען אַזוי ווי דער טילופּ אָן קנעפּ און אָן קעשענעס. אָבער ער איז געווען צוויי, און אפשר דריי מאָל אַזוי גרויס. זיין פעלץ איז געווען פון שוואַרצע באַראַ־נען מיט אַזעלכע לאַנגע קודלעס, וואָס מען האָט געקענט צעפּלעך פון זיי פלעכטן. זיין קאָלנער אַליין האָט געקענט פאַרדעקן אַ מענטש און אין יעדן אָרבל האָט אַ דערוואַקסן קינד געקענט גרינג אַריינקריכן. דאָס אוי־

בערגעוואַנט פון פעלץ איז געווען דיק ווי אַ שוואַרצער קאַבריץ. אין דעם דאָזיקן שאָפּן־פּעלץ האָט אַפילו עוג מלך הבשן נישט געקענט גרינג צו־פוס גיין, אויב ער וואָלט אים אָנגעטאָן אויף זיך. אַז מיין טאַטע זאָל דעם פעלץ סתם אָנטאָן און גיין אין אים איז קיין רייד נישט געווען. דאָס איז גאָרנישט געווען די כוונה פון דעם באַראָן. אין אים האָט מען געקענט נאָר פאָרן. מען האָט אים דעמאָלט אַרויפגעלייגט אויפן געזעס אויפן שליטן און זיך געזעצט אויף אים און אים ווי נישט איז אַרויפגעצויגן אויף זיך און איינגאַנצן פאַרשווונדן געוואָרן. אָט דער בער האָט אין דער קליידער־שאַפע פאַרנומען אַ פערטל פון איר גאַנצן שטח. פאַר אַ הענגער האָט ער געהאַט אַ הויזן־פּאַסיק. דער פעלץ האָט נישט מורא געהאַט פאַר דעם שאַרפסטן פראָסט און נישט פאַר דער ווילדסטער זאַווערוכע און אין אים איז דער טאַטע געפאָרן ביי־אַקס אין זיינע ווייטסטע וועלדער. אונדזער שאָפּן־פעלץ איז אַפילו אין אַ געוויסן זינען געווען אַ רשות הרבים. באַ־לעבאַטים פלעגן אים אויסבאָרגן אויף שווערע ווינטער־רייזעס מיט אַ שליטן. אַפילו פּאָליאַקן־באַלעבאַטים, וואָס האָבן זיך געחברט מיט אונד־זער שטוב, האָבן אָפט געבאָרגט דעם באַראָן. אַז די מאַמע איז מיט אונדז, קינדער, געפאָרן זיך שליטלען אַביסל — האָבן מיר זיך אַלע דריי גע־קענט איינוויקלען אין דעם איינציקן בער.

מיין מאַמע איז געווען די ערשטע פרוי אין שטעטל, וואָס האָט נישט אָנגעטאָן קיין שייטל, אַפילו נישט אַן „אָפּגענאַרט שייטל" איבער די איי־גענע האָר, און דער טאַטע איז געווען דער ערשטער מאַן אין שטעטל, וואָס האָט זיך אָנגעטאָן „קורץ געקליידט". אָבער דאָס נאָר אין דער וואָכן. שבת און יום־טוב פלעגט ער טראָגן שבתדיקע מלבושים ווי אַלע ייִדן. מאָדנע האָט אויסגעזען דאָס פּנים אָן פּאות און מיט אַ זויבער צו־געשווירענער באָרד — אין אַ שטריימל.

אָבער די קליידער־שאַפע האָט גרינג געקענט צופּאַסן אויך גאַנץ אַנ־דערע קליידער. עס האָט נאָר געדאַרפט זיין די געלעגנהייט: אַ חתונה אין דער צעצווייגטער און היפּש אַסימילירטער משפּחה, אַ באַזוך ביי אַ שררה צוליב די וואַלד־געשעפטן, אַ רייזע צום לאַנדעס־האַופּטמאַן אין לעמבערג, אָדער גאָר אין אַ מיניסטעריום אין ווין. אַלץ צוליב דערלויבע־נישן צו האַקן די בידנע וועלדער, וואָס זענען אַלעמאָל שווער אַנגעקומען.

ביי אַזעלכע געלעגנהייטן האָט דעם טאַטנס קליידער־שאַפע זיך צע־עפנט און האָט פון אירע פאַרבאָרגענישן געקענט אַרויסגעבן אַ שלוסראָק, ביז די קני זיין לענג, מיט גרויסע זיידענע קנעפּ. אַ שוואַרצן פראַק מיט פליגלען, וואָס האָט ביי יעדן קער און ווענד געוויזן זיין זיידענע פאָד־שעווקע, וואָס איז נאָך שענער געווען ווי זיין אויבער־טוך. און רעקלעך אָן אַ שיעור — אָבער מיט זיי וועלן מיר זיך נישט פאַרנעמען און וועלן גלייך איבערגיין צום — — — האַוועלאָק... אָט־אָ דער האַוועלאָק האָט מיך אַלעמאָל מער אינטערעסירט ווי אַלע אַנדערע עקסטראַוואַגאַנטן פון דער שאַפע. ער איז געווען פון שוואַרצן לייכטן שטאָף, אַ מין הענגענדי־קער לענגלעכער מאַנטל אָן אַרבל און מיט אַ פעלערינקעלע פון אויבן, אויף די אַקסלען צו פאַרוואַרפן. און אַלץ ברייטלעך און באַקוועם. אָט דעם האַוועלאָק האָט דער טאַטע אָנגעטאָן נאָר אויף די סאַמע אַריסטאָ־קראַטישסטע משפחה־חתונות. צו אָט דעם האַוועלאָק האָט געהערט דער פראַק און דער צילינדער, די לאַק־שיך און די ווייסע גלאַסע־הענטשקעס. אָנגעטאָן אָט דאָס אַלץ אויף זיך, דעם האַוועלאָק פון אויבן, האָט זיך דער טאַטע אַליין פאַר זיך אַביסל געשעמט. אָבער פאָרט פלעגט ער צוגיין צום שפיגל און זיך... באַוואונדערן. און דעמאָלט פלעגט די מאַמע אַלעמאָל צו אים צוקומען, זיך פאַררויטלען שטאַרק און אים אַ קוש טאָן. דווקא אין אָט דער הלבשה האָט ער איר דערמאָנט די רגע ווען זי האָט אים דאָס ערשטע מאָל דורך אַ פענצטער דערזען און זיך אין דער זעלבער רגע אין אים פאַרליבט. אין אָט דער הלבשה האָט דער טאַטע טאַקע אויסגעזען ווי אַן אָריענטאַלישער פרינץ, וואָס איז געקומען אויף אַ באַזוך קיין ווין.

און אַ רגע פאַרן גיין, אָדער פאָרן אויף אַ חתונה האָט דער טאַטע נאָך אַלעמאָל אַ פרעג געטאָן די מאַמען, צי ער זאָל נעמען דעם צילינדער, וואָס איז געלעגן מיטן קאָפּ אַראָפּ אין אַ גרויסער קיילעכדיקער שאַכטל, מיט אַ ספּעציעל סאַמעטן בערשטעלע אין איר, צו פּוצן אים זיין איידעלע זיידענע שוואַרצקייט, אָדער זאָל ער גאָר נעמען בעסער דעם שאַפּאָקלאַק. און שאַפּאָקלאַק, ווייסט איר דאָך מסתמא, איז אַ צילינדער, וואָס מיט איין קלאַפּ־קוועטש קען מען זיין קוימען־הייך פאַרוואַנדלען אין אַ טע־לער־פלאַכקייט.

אינעם טאַטנס קליידער־שאַפע זענען געהאַנגען עטלעכע שלאָף־רעק.

נישטאָ וועגן זיי קיין סך צו דערציילן. און נאָר וועגן איינעם, וואָס איז געווען אַן אויסנאַם. ער האָט געהייסן דער טערקישער שלאָף־ראָק. ער איז געווען פון אַ שווערן שטאָף, פון איין זייט אַ טונקעלער אַש־גרוי. דאָס איז געווען זיין אויבערשטע זייט. פון דער אַנדערער זייט איז ער געווען ציגל־רויט. אַז אַ פּאָלע האָט זיך אויפגעהויבן ביים גיין אין דעם דאָזיקן שלאָף־ראָק — האָט עס געבלאַנקט רויט ווי דער שינעל פון אַ גענעראַל. דער דאָזיקער שלאָף־ראָק האָט זיך פאַרקנעפּלט אויף געשטיקטע סטראָקעס מיט לאַנגע קנעפּ — כּמעט אַ טוץ, פון אויבן ביז אַראָפּ. אָבער דאָס איז נאָך נישט אַלץ. דער שלאָף־מאַנטל האָט אויך געהאַט צו זיך אַ טערקיש מיצל אין דער פאָרעם פון אַ וואַזאָנע, און פון אַזאַ ציגלנעם קאָליר. האָט מען דאָס אָנגעטאָן אויפן קאָפּ — איז ווי מען וואָלט אַ וואַזאָנע אָנגעטאָן, אַ וואַזאָנע מיט אַ לאַנגן זיידענעם קוואַסט. דעם שלאָף־ראָק האָט דער טאַטע באַנוצט, דאָס מיצל קיינמאָל נישט, דער עיקר דעמאָלט ווען געסט פון דער משפּחה — די פון ווין, אָדער בודאַפּעסט — זענען געווען ביי אונדז. מיט דעם טערקישן מיצל האָבן מיר — קינדער — געהאַט אַ פריי־ווילעגיע זיך צו שפּילן. אָבער נאָר אין דער שטוב ווו די קליידער־שאַפע איז געשטאַנען. אַרויסנעמען אַזאַ טייערן חפץ אין הויף, אָדער אויפן מאַרק און צו אימפּאָנירן מיט אים פאַר דער שטאָטס קינדער — האָבן מיר נישט געטאָרט. דאָס מיצל, ווי די גאַנצע קליידער־שאַפע, האָט נאָך דער־לעבט די ערשטע וועלט־מלחמה און אין איר איז זי אומגעקומען צוזאַמען מיט אַלע ראָמאַנטישע שיינקייטן פון ניינצענטן יאָרהונדערט.

דאַכט זיך, אַז די מעשה — אָן אַ מעשה — האָט זיך שוין אַביסל צופיל פאַרצויגן. אָבער ווי דערמאָנט מען כּמעט נישט די רייען שיך און שטיוול — פאַר יעדער צייט פון יאָר כּמעט אַ דריי פּאָר. אָנגעהויבן האָט זיך די גאַלעריע מיט די שווערע פּאַפּוטשן, אָנצוטאָן איבער די שיך און הויזן אין אַ שווערן ווינטער־טאָג אויף נאָר אַ קורצן גאַנג — און געענ־דיקט האָט זי זיך מיט לאַק־שטיוועלעטן צום קנעפּלען.

און אין עטלעכע שאַכטלען זענען דאָרט געלעגן קראַוואַטן. היינט זענען כּמעט אַלע קראַוואַטן גלייך אין דער פאָרעם און נאָר די קאָלירן זע־נען אַנדערש. אָבער אין מיין טאַטנס קליידער־שאַפע זענען געווען קראַ־וואַטן פון אַלערליי פאָרמען, אָנגעהויבן מיט אַזעלכע קליינע ווי די מאַס־

קיטן און געענדיקט מיט אַזעלכע גרויסע און ברייטע ווי וועסטלעך. און דערצו די קאָלירן און די אַלערליי שטאָפן, פון וועלכע זיי זענען געמאַכט געווען. צו די קראַוואַטן האָט אויך געהערט אַ גאַנצע קאָלעקציע פון שפּיל־קעס — מיט דימענטן, מיט פּערל, מיט רובינען אין דער פאָרעם פון פּאָד־קאָוועס און פערדישע קעפּ און אָדלערלעך און אין דער נייערער צייט איז אַפילו אַ גאָלדענער מגן־דוד מיט אַן אויסגעשניטענעם אין גאָלד „ציון" דאָרט צוגעקומען.

און לאָמיר שוין טאָקע איינוויקלען דאָס בינטל אַלטוואַרג פון דער דאָזיקער מעשה אין איין גרויסן בונט און לאָמיר דעם בונט צושפּיליען מיט איינער פון די שפּילקעס, אַזוי ווי אַ פּינטל איר פּערל, אַזוי ווי אַ טרער נאָך אַ וועלט פון בענקשאַפטן און פון שיינקייטן, וואָס איז אויך געקומען צום אויסדרוק אין מיין טאַטנס קליידער־שאַפע.

# דריי מאָל האָב איך מײַן טאַטן נישט דערקענט

מיין טאַטע איז געווען אַ סוחר — ער האָט געפירט אָן אַ שיעור געשעפטן. אָבער ער איז קיינמאָל נישט רייך געוואָרן. רייכקייט איז געווען אַ סך אין דער משפחה און דערפאַר איז ביי מיר כסדר דער איינדרוק, אַז אויך מיין אייגענע היים איז געווען רייך. דאָס איז געווען די סיבה. און די פיל געשעפטן, וואָס מיין טאַטע האָט געפירט זענען געווען בעיקר דעם זיידנס געשעפטן, אָדער געשעפטן מיט שותפים. דער טאַטע פלעגט אַריינלייגן זייער אַ סך אַרבעט און איניציאַטיווע אין די געשעפטן, נאָר זיינע פראָצענטער פון די רווחים זענען אַלעמאָל געווען קליינע. אָבער אין מיין טאַטן האָבן גערוישט שטראָמען פון ענערגיע און ער האָט די געשעפטן סייווי ליב געהאַט. און מער ווי אַלע זיינע געשעפטן האָט ער ליב געהאַט דעם וואַלד־מסחר, דעם האָלץ־מסחר. אַז מען האָט גענומען רעדן וועגן אַ נייעם וואַלד — האָט מיין טאַטע באַקומען פליגלען. ער פלעגט באַלד אַרויסציִען פון דער קאָמער די מכשירים — די „פיטעס”, צו מעסטן די גרעב פון דיביימער, די שטאָלענע האַמערס צו סטעמפלען די עק־ביימער מיט די צוויי אותיות אויף פויליש „פ. ב.” — פראַים /אפרים/ בערגנער, צו באַצייכענען די גרענעצן אין מיטן וואַלד, דעם שטעקן מיט אַ צונויפלייגבאַר הענטל, פון וועלכן מען האָט גרינג געקענט מאַכן אַ שטול צו זיצן אין מיטן וואַלד, די קאָכמאַשינקעס אויף צו מאַכן וואַלד־סעודות. די אַלערליי מאַנטלען אויף זומער און ווינטער, אַ טרומייטערל, אַ פייפל, היובע שטיוול, רעכן־ביכער גיך צו חשבונען די האָלץ־קוביקן און מכשירים נאָך און נאָך. און דער טאַטע האָט זיך אַוועקגעלאָזן, אַליין, אָדער מיט שותפים אין וואַלד — אַמאָל מיט וועגענער, אַמאָל מיט שליטנס און — ווען ווייטער ערגעץ אין מזרח־גאַליציע, מיט דער באַן און אַפילו מיט דעם וואַסער. אונדזער שטעטל איז געשטאַנען ביים ברעג פון סאַן־טייך, וואָס פאַלט אַריין אין דער ווייסל, וואָס גייט ביז דאַנציק און פאַלט אַריין אין צפון־ים.

זעלטן זענען מיר — קינדער — מיטגעפאָרן מיט דעם טאַטן אויף אַט די וואַלד־רייזעס זיינע. ערשטנס האָבן מיר געדאַרפט לערנען און צווייטנס וואָלטן מיר דעם טאַטן געשטערט אין דער אַרבעט און עס זענען אָפט גע־ווען געפערלעכע רייזעס, קעלטן, היצן, ווינטן, שטורעמס, און אויך ווילדע חיות. אָבער אַ פּאָר מאָל — אין דער צייט פון די זומער־וואַקאַציעס — איז אויסגעקומען דעם טאַטן צו זען אין דער אַרומרינגלונג פון זיין עלע־מענט, וואָס ער האָט אַזוי ליב געהאַט — וואַלד.

און דריי מאָל האָב איך דעם טאַטן אין וואַלד און ביים האָלץ (און אויך האָלץ האָט ער ליב געהאַט, ליב געהאַט צו אָנרירן, צו שמעקן דער־צו — דער עיקר אין די עלטערע יאָרן, ווען וואַלד איז שוין געווען בלויז זיין בענקשאַפט צו די אייגענע יינגערע יאָרן), יאָ, דריי מאָל האָב איך דעם טאַטן ממש נישט דערקענט.

***

איינמאָל — און געווען איז עס זומער, אין אַ גרויסן וואַלד אין מזרח־גאַליציע, נישט ווייט פון שטעטל איסטריק — האָט דער טאַטע געדאַרפט אַוועק טיף אין וואַלד אַריין מיט העקערס. אונדז, קינדער, האָט ער אי־בערגעלאָזן אונטער דער השגחה פון אַ יונגן פויער און אים אָנגעזאָגט צו נעמען אונדז אין וואַלד אַריין אויף אַ פּאַלאַנקע, ווו עס איז געווען אַ שמאָל, פריש טייכל מיט אַ קליינעם וואַסערפאַל. דאָרט וועט ער מיטיק־צייט אונדז טרעפן. מיר האָבן זיך געשפּילט, געכאַפּט זומערפייגעלעך און זשוקעס — און אָט הערן מיר אַ שטיל פייפן דורכשניידן דעם וואַלד און אָפּקלינגען מיט אַ בת־קול. און דער פויער — לויט די מנהגים פון וואַלד — ענטפערט. און דער פייפער פון מיטן וואַלד קומט אַלץ נענטער און נענטער. און אָט הערן מיר שוין אַ געבראַך פון צווייגן און אַ שורשען פון בלעטער און אַ הירזשען פון אַ פערד. דער פייפער איז אַ רייטער. און אָט איז דער רייטער דאָ. אַ שטרויענער, פויערישער הוט פאַרדעקט אַ העלפט פון זיין פנים. ווער איז דער רייטער? און אָט רעדט ער צו אונדז מיט זיין וואַרעם קול: קינדער — איר דערקענט מיך נישט? און אָט שפּרינגט ער אַראָפּ פון פערד — עס איז געווען אונדזער טאַטע.

***

און אַנדערש מאָל — און געווען איז עס אין אַן אַנדערן וואַלד, וואָס מען האָט געהאַלטן אין מיטן האַקן און זעגן אין אַ גרויסן טאַרטאַק, וואָס מע האָט אויפגעשטעלט טאַקע באַלד אָט־אָ דאָ. און טאַקע די טעג האָט מען אין דעם טאַרטאַק אויפגעשטעלט אַ נייע קרייץ־זעג, וואָס פלעגט מאַכן מוראדיקע קולות, אַפּהילכנדיק אין גאַנצן וואַלד אַרום. אָט אַזוי ווי דער וואַלד וואָלט געווען איין גרויסע חיה — און מען שעכט זי און זי שרייט ביזן הימל אַרויף. אַזוי גיך דאָס האָלץ האָט זיך צוגעגע־רירט צו דער קרייץ־זעג — האָט זי גענומען שרייען מיט באַנומענע קו־לות. גאַנץ פרי איז דער טאַטע אַוועק אין טאַרטאַק און געהייסן אונדז קומען נאָך דעם פרישטיק אַהין, צו זען די נייע זעג. און מיר זענען געקו־מען צו דער צייט און געשטאַנען פון דער ווייטן און די נייע זעג האָט געקוויטשעט און נעבן איר איז געשטאַנען אַן אַרבעטער מיט אַ הויכן שפּיץ־הוט צו פאַרהיטן די אויגן פאַר דעם פליענדיקן האָלץ־מעל, די אַרבל פאַרקאַשערט און האָט געאַרבעט. אָבער וווּ איז דער טאַטע? שטייען מיר און מיר וואַרטן. און אָט רוט זיך אָפּ דער אַרבעטער אַ רגע — אַן אַנ־דערער פאַרנעמט זיין פּלאַץ און דער ערשטער קערט זיך אום צו אונדז און — מיר דערזעען אונדזער טאַטן. דאָס האָט ער אַזוי געאַרבעט. דאָס איז געווען זיין מנהג — יעדע נייע אַרבעט און יעדע נייע מאַשין אַליין אויסצופּריוון און זי געניי פאַרשטיין און אויך קענען אָפּשאַצן די אַר־בעטער און זייער מי. און זיי האָבן אים דערפאַר זייער ליב געהאַט: ער איז איינער פון אונדז — ער פאַרשטייט אונדז.

***

און אַ דריט מאָל — און געווען איז עס תחילת וואַרעמע טעג, אַזוי גיך דאָס אייז איז אַוועק פון דעם סאַן — האָט מען געדאַרפט שיקן גע־הילץ־טראַטוועס פון אַ נישט־ווייטן וואַלד ביי אונדזער שטעטל קיין דאַנ־ציג. די הויפּט־סטאַנציע אויף אויסשטאַפּירן די קליינע פלאָטיליע פון טראַטוועס האָט געדאַרפט זיין די, צום צפון פון אונדזער שטעטל רעדים ליגנדיקע גרעסערע שטאָט יעריסלעוו און דאָרט אַהין זענען מיר געקומען זען די אַרבעט דערביי. די סיבה — פאַרוואָס דער טאַטע הייסט אונדז קינדער און אויך דער מאַמען קומען קיין יעריסלעוו, האָט ער נישט אויס־

געזאָגט פריִער. און אָט זענען מיר דאָ און מיר קומען צום ברעג טייך און מיר שטייען אויף דער בריק און מיר זעען ווי אונטן גייט אָן אַ גערודער פון קלאַפּן די טראַטוועס און גרייטן די פּלאַטיליע, וואָס דאַרף היינט נאָכ־מיטיק זיך לאָזן אין וועג אַריין. און מיר זעען דייטלעך פון דער בריק, ווי די גאַנצע אונטערנעמונג אונטן אויפן טייך ווערט אָנגעפירט פון איי־נעם אַ יונגנמאַן מיט אַ טראָפּישן העלם אויפן קאָפּ. און אָט קערט זיך דער דאָזיקער יונגערמאַן אום און ווינקט מיט די הענט צו אונדז אַרויף אויף דער בריק און ער רופט אודז אַראָפּ און ער רופט אונדז אָן מיט די נעמען — די מאַמע, מיין עלטערן ברודער און מיך. עס איז געווען דער טאַטע. און ער לויפט אונדז אַנטקעגן און אָט שטייען מיר שוין אויף די טראַטוועס. די העלצער וואַקלען זיך אַביסל — עס איז די הויפּט־טראַטווע, די טראַטווע פון דעם קאָמאַנדיר און זיין פּאַד־געהילף. דאָ איז אַ ביידל אויפגעשטעלט און אַ בערגל ערד אָנגעשאָטן אויף צו מאַכן אַ פייער. און אונדז נעמט אַרום די אומזיכערקייט און די געפאַר און עס ווילט זיך וואָס גיכער זיין צוריק אויף דעם ברעג. און מיר פאַרשטייען שוין די סיטואַציע, אַז דער טאַטע וועט דאָ מיטפאָרן קיין דאַנציק. און אַזוי ווי ער איז זייער אַ סענטימענטאַלער, און די רייזע איז אַביסל אַ געפערלעכע, האָט ער זיך געוואָלט געזעגענען מיט דער משפּחה. דערפאַר האָט ער אונדז אַהער אַרויסגערופן. אין איין וועגס האָט ער זיך אַביסל געוואָלט באַרימען מיט זיין העלדישקייט... די מאַמע בעט זיך: פּראַים, זיי נישט קיין איינגע־שפּאַרטער... אָבער לאַנג בעט זי נישט, ווייל אויך איר געפעלט אַביסל די העלדישקייט פון איר מאַן. די רייזע איז אַריבער בשלום און נאָך לאַנג, לאַנג האָט מען וועגן איר גערעדט.

# די ווינער לאָטעריע

„פּאַנעם עט צירצענזעס" — מיט ברויט און מיט שפּילן — דאָס האָבן שוין די אַלטע רוימער געוווּסט. קען מען טאָן מיט דעם פֿאָלק וואָס מען וויל. און וואָס ווילדער די שפּילן, די פֿאָלקס־שפּילן, וואָס בלוטיקער — אַלץ גרינגער איז עס די רעגירונגען אָנגעקומען צו געווינען דאָס פֿאָלק, צו פֿאַרנעמען עס מכלומרשט מיט זיין גליק און דערוויל צו רייטן, רייטן אויף זיין רוקן.

אָבער חוץ ווילדע פֿאָלקס־שפּילן זענען פֿאַראַן מילדע פֿאָלקס־שפּילן אויך. שפּילן אין גליק. ווי קאַץ און מויז. קאַץ — דאָס מלכות, מויז — דאָס פֿאָלק. און וואָס קען זיין אַ גרעסער און שנעלער גליק — ווי איבער־נאַכט רייך ווערן. און ווו קען זיין אַ מער פּאָפּולערער וועג דערצו ווי אַ פֿאָלקס־לאָטעריע. נישט עס איז די אויפֿגאַבע פֿון דעם מעשה־בוך צו פֿאָרשן דעם שייכות צווישן די גלאַדיאַטאָרן־און לייבן־קאַמפּן אין רוימישן קאָלאָ־סעום און דעם שפּילן אויף דער ווינער לאָטעריע. פֿאָלג מיך אַ גאַנג פֿון נאָענט צו צוויי טויזנט יאָר. אָבער ערגעץ ווו איז דאָ אַ שייכות.

האָט זיך איינמאָל אין אונדזער שטעטל רעדים אַזוי אַרום דעם יאָר 1900 געטראָפֿן, אַז אַ ייִד אַ קבצן האָט זיך געלאָזן צורעדן צו שטעלן זיינע ממש לעצטע פּאָר גרייצערס אויף דער ווינער לאָטעריע. עס האָט אים גע־גליקט און ער איז באַלד אַוועק קיין אַמעריקע און דאָרט באַלד געהרגעט געוואָרן פֿון אַ באַן, אָבער דאָס שטעטל איז שוין געבליבן פֿאַרקאַכט אין דער לאָטעריע.

גענוי די מעכאַניק פֿון אָט־דער לאָטעריע געדענק איך נישט. איך גע־דענק נאָר אַז זי האָט געהאַט סך־הכל 90 נומערן און שטעלן האָט מען גע־קענט אַ קאָמבינאַציע ביז 5 ציפֿערן. יעדע וואָך דאָנערשטיק פֿלעגט מען אין דער עיר הבירה ווין „ציִען" די נומערן און צושיקן די געצויגענע פֿינף נומערן טעלעגראַפֿיש אין דער ייִדישער „טראַפֿיק". דאָרט איז געווען די אַגענטור, דאָרט האָט מען געטראָגן די אָפּגעציטערטע גרייצערס, דאָרט האָט מען זיי

„געשטעלט״ אויף אַלערליי קאָמבינאַציעס פון ציפערן און דאָרט איז מען וואָך־איין און וואָך־אויס געוואָר געוואָרן, אַז מען האָט פאַרשפּילט: די פּויע־רים פון די דערפער אָפּט דעם לעצטן גראָשן פאַרן פּאַרזיי, און די ייִדן אָפּט די לעצטע פּאָר גראָשן „אויף שבת״. געדענקען געדענק איך, אַז אויב עס זענען יאָ אַרויסגעקומען צוויי געשטעלטע ציפערן — האָט עס געהייסן אַן „אַמבאָ״ און מען האָט דערפאַר אָפּגענומען אַ פּאָר ראַניש, און אויב עס זענען אַרויסגעקומען דריי ציפערן איינס נאָך איינס, האָט עס געהייסן אַ „טערנאָ״ און מען האָט דערפאַר אָפּגענומען אַ קלײנעם אוצר — גענוג צו קויפן אַ פּלאַץ אויף אַ כאַטע, אַן אויסשטייער פאַר אַן אָרעמער כלה, אַ בילעט קיין אַמע־ריקע.

אין אונדזער טאַטע־מאַמעס היים איז געווען אַ שטרענגער פאַרזאָג נישט צו שפּילן אויף דער ווינער לאָטעריע. דער עיקר האָט דאָס דער טאַטע, דער משכיל געהאַלטן אונטער דער ווירדע פון אַ נגידישער שטוב צו פאַרנעמען זיך מיט אַזאַ פאָלקס־האַזאַרד. דער טאַטע האָט געהאַלטן, אַז די שפּיל איז נישט מער ווי אַ פאָלקס־אָפּנאַרעריי. נאָר פון דעסטוועגן איז זיין אייגענער קאַסע־קאַסטן געווען פול מיט אַלערליי טערקישע און סערבישע לאָסן, וואָס פלעגן „שפּילן״ יאָרן און צום סוף זיך אויסלאָזן מיט אַ טייך. אָבער דאָס איז שוין געווען אַ נגידישע שפּיל. בשעת אויף דער לאָטעריע פלעגט מען פאַרשפּילן גרייצערס און זעקסערלעך, פלעגט מען אויף די לאָסן פאַרשפּילן צענדליקער ראַנישן. דערפאַר אָבער האָט מען אויף דער לאָטעריע געקענט געווינען אַ בילעט קיין אַמעריקע, אָבער אין די לאָסן האָט מען געקענט געווינען אַ גוט, אָדער אַ קאָמעניצע. הקיצור, אונדזער שטוב האָט אין די צימערן און אין סאַלאָן נישט געוווסט פון קיין לאָטעריע, אָבער די קיך איז אין איין שיינעם טאָג פול געוואָרן מיט אַ לאָטעריע־חלום.

די קיך איז געווען גרויס און שיין און אַלעמאָל נאָך ציכטיקער ווי דער סאַלאָן. אין קיך האָט געקיניגט אונדזער טייערע „דינסט״ חנה, וואָס איז געווען ווי אַ נאָענטע קרובה ביי אונדז — און פאַרט איז זי געשלאָפן אין קיך און דאָרט אויך געגעסן. אוראַלטע טראַדיציעס זענען שטאַרקער ווי יונגע, אַפילו בעסטע, ווילנס.

און איינמאָל איז סרול דער סטאָליער, חנהס ברודער, אַ יונגער

בחור, געקומען צו זיין שוועסטער — עס איז געווען אַרום דער צייט, ווען יענער פריִער־דערמאָנטער קבצן איז באַגליקט געוואָרן דורך דער ווינער לאָטעריע — און זיך דורכגערעדט מיט איר און זיי האָבן ביידע באַשלאָסן, אַז עס איז אויך פאַר זיי צייט באַגליקט צו ווערן. דער נאָענטסטער וועג: די ווינער לאָטעריע. אָבער ווו נעמט מען מזלדיקע ציפערן? האָט מען באַשלאָסן צו וואַרטן אויף אַ צוגעפּאַסטן חלום. און דער חלום האָט נישט לאַנג געלאָזן וואַרטן אויף זיך. ברודער און שוועסטער האָבן אין איין נאַכט געהאַט אַן ענלעכן חלום וועגן אַ פעטער, אַ מומע און וועגן זיידן. מען האָט אויסגעפונען זייערע יאָרן און עס איז געווען 44, 45 און 70. מען האָט באַשלאָסן אַזוי לאַנג צו שטעלן אָט־די זעלבע ציפערן ביז זיי וועלן אַרויסקומען. און אַרויסקומען מוזן זיי, ווייל ערשטנס דאַרף מען טאַקע די פּאָר רייניש און צווייטנס האָט דער זיידע, ער איז געווען פון רוסלאַנד, בפירוש אָנגעוווּנקען אין חלום — ברודער און שוועסטער האָבן זיך עס ביידע דייטלעך דערמאָנט — אַז דאָס האָט ער זיך מטריח געווען אַזש פון יענער זייט גרעניץ, פון רוסלאַנד, כדי צו באַגליקן זיינע אייניקלעך אויף דעם איינציקן אופן, אויף וועלכן אַ ייִד אַן אביון קען באַגליקן זיינע אייגענע, מיט מזל ביי גאָט...

יעדן זונטיק ביינאַכט פלעגט סרול, דער ברודער, אַריינקומען און ברענגען זיין צושטייער, צען גרייצערס. יעדן מאָנטיק אין דער פרי פלעגט חנה אַראָפּלויפן אין דער טראַפיק און שטעלן אַלעמאָל די זעלבע דריי ציפערן: 44, 45 און 70, צולייגן אירע 10 גרייצערס און שטעלן צוזאַמען 20. ברודער און שוועסטער האָבן גריילעך געוווּסט ,אַז דער ענין איז נישט לייכט, אַז ער וועט געדויערן לאַנג, אָבער דער ציל וועט דערגרייכט ווערן, עס מוז דערגרייכט ווערן. סרול וועט פאָרן קיין אַמעריקע און חנה וועט זיך קויפן אַ פּלאַץ אויף אַן אייגענער כאַטע.

מיין מאַמע האָט געוווּסט וועגן דעם פאַרמעסט מיט די גורלות אין אונדזער קיך און זי האָט שטילערהייט עס דערציילט דעם טאַטן, אָבער אויסגענומען, אַז ער זאָל זיך נישט אַריינמישן, ווי בכלל ער האָט זיך קיינמאָל נישט געמישט אין קיך, ווייל דאָס איז געווען אונטער דער ווירדע פון אַ נגידישער שטוב. האָט ער טאַקע געשוויגן און מסתמא פאַרגעסן דעם גאַנצן ענין. אָבער די קיך האָט נישט פאַרגעסן, מיין מאַמע האָט

נישט פאַרגעסן, און אויך איך האָב יעדן דאַנערשטיק — אפשר שוין אַ יאָר — געוואָרט צוזאַמען מיט די שפּילערס אויפן אויסגאַנג.

און אַז די וואָכן זענען געגאַנגען אָן רעזולטאַטן, אַפילו נישט קיין אַמבאָ פון אַ פּאָר ראַניש, וואָס זאָל כאָטש אומקערן די פאַרשפּילטע זעקסערלעך, האָט זיך אויך נישט באַוויזן, האָט חנה, וואָס איז געווען בכלל אַ שטיקל סקעפּטיקער, פאַרגעלייגט, אַז מען זאָל זיך אָפּרוען אַ פּאָר וואָכן. און אפשר גאָר איבערקאָנטראָלירן די ציפערן. אפשר זענען די יאָרי פון פעטער, פון דער מומע, פון זיידן נישט ריכטיק. און סימנים זענען שוין געווען, אַז עס איז טאָקע אַזוי, מחמת עס זענען אַרויסגעקומען אַ פּאָר מאָל ענלעכע, נאָענטע ציפערן, הייסט דאָס, אַז דער מלאך זאָגט אונטער עפּעס... האָט זיך אָבער סרול מיישב געווען מיט אַ פּאַכמאַן, אַ שפּילער פון יאָרן אויף אַ פּאָר נומערן, וואָס האָבן אויך נישט געוווּנען... און יענער האָט נאָר געהאַט איין וואָרט: אויסהאַלטן! און עס איז געבליבן: אויסהאַלטן.

נישט איינמאָל האָבן זיך מיין טאַטע און מאַמע דורכגערעדט וועגן דעם גאַנצן ענין. ביידע זענען שוין געווען סקעפּטיש, אָבער וואָס ווייטער אין די חדשים פון אָט־דער שפּיל פון אָרעמעלייט מיט דעם שד פון גע־גאָרטן גליק, אַלץ מער האָט די מאַמע פאַרשטאַנען, אַז זי טאָר זיך דאָ גאָרנישט אַריינמישן, וואָרעם טאָמער חלילה הערט מען אויף צו שפּילן און די ציפערן, וואָס האָבן זיך אַזוי איינגעפּרעסן אין די אויגן — 44, 45 און 70 — וועלן יאָ אַרויסקומען. וועלן חנה און סרול פון זינען אַראָפּ. און די שפּיל איז געגאַנגען ווייטער און ווייטער — אַ זעקסערל חנה, אַ זעקסערל סרול, וואָך־איין און וואָך־אויס. מער ווי צען ראַניש לעבעדיק געלט האָבן שוין ברודער און שוועסטער פאַרשפּילט. אַ קליין פאַרמעגן אין יענע יאָרן.

איינמאָל זונטיק ביינאַכט איז סרול אַרויפגעקומען צו דער שוועס־טער און געהייסן איר אויסלייגן די צען גרייצערס, דאָס זעקסערל, ווייל ער האָט פּונקט נישט קיין גרייצער ביי דער נשמה און חנה האָט אַלעמאָל געהאַט אַ קליין קניפּל צו דער האַנט. און סרול איז גאַנץ רויִק אַוועק. פאַר־געסן די לאָטעריע ביז דאָנערשטיק ביינאַכט.

סרול האָט פאַרגעסן, אָבער חנה האָט נישט פאַרגעסן. זי האָט נישט פאַרגעסן — זי פלעגט אַמאָל האָבן טשודנע איינפאַלן, זי איז בכלל געווען

אַביסל אַ מאָדנע — אויסצופּרוּוון דאָס מזל אויף דער פּאַרקערטער זייט. אַזוי ווי סרול האָט דאָסמאָל דאָס זעקסערל נישט געגעבן, אפשר איז דאָס אַן אָנווונק, אַז שוין, גענוג. גענוג געפּריוּוט דאָס מזל. און חנה האָט נישט געשטעלט אויף דער לאָטעריע. עס איז טאַקע אמת אַז דינסטיק איז זי געוואָרן עפּעס אומרויק. פּלוצלינג פון דער קיך הענדום־פּענדום אַראָפּגע־לאָפן אין דער טראַפיק — פּאַרט יאָ צו שטעלן. אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט. אַלע שטעלונגען זענען שוין געווען אויפן וועג קיין ווין. פאַר־שפּעטיקט ד'עם טערמין.

חנה איז אַרומגעגאַנגען נישט טויט און נישט לעבעדיק. אַ שאָרך און זי איז בלאַס געוואָרן, אַ שאָרך און זי איז רויט געוואָרן פון אויפרע־גונג און שרעק, טאָמער וועלן די ציפערן יאָ אַרויס.

אָט איז שוין מיטוואָך, אָט איז שוין דאָנערשטיק, אָט איז שוין דאָ־נערשטיק שפּעט ביינאַכט און עס איז שטיל און חנה ווערט רו:קער און רו:קער. עס איז פאַרביי. זי האָט געוווּנען די שפּיל.

נאָר פּלוצלינג צעקלאַפּן זיך די טרעפּ פון אַ האַסטיקן געלויף, און אָט קלאַפּט עס שוין אין דער טיר, אַלע שפּרינגען מיר אַראָפּ פון די בעטן, וואָס איז? ווער איז? קיין קול. נאָר חנה האָט געוווּסט.

אַז מען האָט אויפגעעפנט די טיר איז אין איר געשטאַנען סרול אָן אַ קול. ענדלעך האָט ער זיך דערכאַפּט און אַרויפגעפאַלן דער שוועסטער אויפן האַלדז: — חנה, מיר זענען באַגליקט געוואָרן, חנה, עס איז אַרויס אַ טערנע! 44, 45 און 70.

אַז ער איז געוואָר געוואָרן דעם אמת האָט סרול נישט געשריגן און זיך אַפילו נישט געקריגט מיט דער שוועסטער — ער האָט נאָר גענומען טיף און לאַנג וויינען אין דער נאַכט אַריין. חנה האָט אים דערלאַנגט אַ קאַלט גלאָז וואַסער — ער זאָל אַביסל קומען צו זיך. ער האָט געטרונקען אָבער באַלד ווידער געוויינט.

מיין טאַטע איז געווען צעמישט פון דער גאַנצער שפּיל. אַלע זיינע משכּיליש־נגידישע געדאַנקען וועגן דער לאָטעריע, דער אָפּנאַרעריי פון פּראָסטן, אָרעמען פאָלק זענען דאָ געלעגן צעבראָכענע אויף דער פּאָדלאָגע צוזאַמען מיט דעם צעבראָכענעם גליק פון סרול דעם סטאָליער און חנה דער דינסט.

נאָך הער איך היינט אין מיינע אויערן, וואָס האָבן שוין אַ וועלט מיט אַלערליי קולות געהערט זינט דעמאָלט, דעם ניגון פון סרולס יללה, ווייל ער האָט גוט געוווסט, אַז איצט איז די זאַך שוין פאַרשפּילט אויף אייביק, ווייל דאָס מזל קען געוואָרן, אָבער זיך אַליין לאָזט עס נישט גע־נאַרן. אָבער אַז איך הער היינט דעם ניגון פון יענער יללה, הער איך אין אים דאָס וויינען פון גאַנצן מעטשלעכן מין — פון אָדם הראשון ביז מיר, און ביז דיר — לייענער פון דער מעשה — איבער אונדזער אַלעמענס פאַרלוירן גליק, וואָס מיר האָבן עס אַליין אָפּגעשטופּט פון זיך ווי חנה אויף דער ווינער לאָטעריע.

# דריי ייִנגלעך און אַ זון־אויפגאַנג

שוין פון קינדווייז־אָן האָט עס אים געצויגן צו געפאַרן, געצויגן צו אַלערליי אַוואַנטורעס, מיין עלטערן ברודער משה — מוניאַ האָט מען אים אין דער משפחה גערופן. דרייצן חדשים עלטער פון מיר — אָבער מיט זיין כאַראַקטער — ווי פון גאָר אַן אַנדערער משפחה, ניין — אַן אַנדערער וועלט. און אַז אים איז עפּעס אייגנעפאַלן — פלעגט ער דעם גאַנצן אַרום באַפעלן אים צו פאָלגן. און דער ערשטער קרבן אויסצופירן די באַפעלן בין געווען נאַטירלעך — איך. אַז איך האָב מיך געווערט — פלעגט ער איראָניזירן, אויסלאַכן, אויסשפעטן און באַלד — רחמנות קריגן, קושן און איבערבעטן. ער האָט געהאַט שוואַרצע אויגן, אַ מילך־ווייס פנים און די אויגן האָבן געקוקט אויף אַלעמען פון אויבן אַראָפּ. ער איז געווען אַ פּרינץ פון עפּעס אַ ווייטן קעניגלעכן הויף, וואָס ער האָט אים אַליין אויסגעטראַכט.

מוניאַ האָט געלערנט אין אַ גימנאַזיע אין דערבייַיקע שטעט. פריִער אין יערעסלעוו און שפּעטער אין דעמביץ. אַז ער פלעגט קומען אויף די וואַקאַציעס אַהיים, האָט ער זיך באַלד גענומען אויספירן די ווילדע פלענער וואָס ער האָט פאַרטראַכט בשעת דעם לערן־יאָר, אָבער וואָס ער האָט נישט געקענט אויספירן אין יענע שטעט. די גימנאַזיע־דיסציפּלין איז געווען שטרענג אין גאַליציע — אויך אויסער די מויערן פון דער שולע.

צוועלף יאָר — ער, עלף יאָר — איך. צוועלף יאָר אונדזער קוזין איצעק.

גייען מיר אַמאָל זאַלבעדריט אין פעלד שפּאַצירן. עס איז וואַקאַציע, עס איז פאַרנאַכט. מוניאַ לייגט אויס זיין פּלאַן, אַז מען זאָל היינט ביינאַכט אַרום צוויי זאַלבעדריט אַרויסגיין אין פעלד און גיין זאָל מען אויפן העכסטן בערגל אַרויף, וואָס אַביסל אויסערן שטעטל, און פון דאָרט געניי זען דאָס שאַריען אויף טאָג און דאָס אויפגיין פון דער זון. מוניאַ האָט שוין דעמאָלט געשריבן זיינע ווילדע מעשיות, אַ מין פּאָעזיע אין פּראָזע אין סטיל פון ניטשעס זאַראַטוסטראַ... געשריבן האָט ער אין פּויי־

ליש. אין יענע מעשיות איז אָפט פאָרגעקומען אַן אויפגאַנג פון דער זון, אָבער ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען גענוי, אויג אין אויג, ווי עס גייט אויף די זון.

דאָס שטיק פעלד אויפן העכסטן בערגל, אַ שריט הינטערן שטעטל, האָט באַלאַנגט צו אַ קאָוואַל, וואָס האָט אַמאָל, מיט יאָרן צוריק, שיכּור־הייט געהרגעט אַן אייגענעם ברודער. אָבער מוניאַ האָט פאַרטראַכט, אַז דעם זון־אויפגאַנג וועט מען דווקא זען פון אַט דעם בערגל. און אַלץ איז געגרייט געוואָרן אין טיפן געהיים. איצעק האָט געגעכטיקט ביי אונדז — מכלומרשט אויף צו לייענען צוזאַמען עפּעס אַ דערציילונג. אונדזער קינדער־שטוב איז געווען אַן אַ זייט, שטאַרק אָפּגעזונדערט פון דער גאַנצער דירה.

אַזייגער צוויי ביינאַכט האָט מען געדאַרפט אויפשטיין צו דער עקס־פּעדיציע. אָבער מיר זענען אַלע דריי געווען אַזוי איבערגענומען מיט אונדזער אַוואַנטורע, אַז פון שלאָפן איז סיי ווי קיין רייד נישט געווען. אַזייגער האַלב צוויי האָבן מיר אָנגעצונדן אַ ליכט, זיך אָנגעטאָן, געוואַשן האָבן מיר זיך נאַטירלעך נישט, און שטיל ווי די פלעדערמייז זענען מיר אַוועק פון שטוב, אַראָפּ אין דרויסן. יעדער שטילער טרעשטש פון די היל־צערנע טרעפּ האָט אָפּגעקלונגען ווי אַ דונער אין דער אַבסאָלוטער שטיל־קייט פון דער שטעטלדיקער נאַכט, אָבער קיינער האָט אונדז דאָך נישט דערהערט, קיינער זיך נישט אויפגעכאַפּט פון שלאָף, קיינער איז אונדז נישט נאָכגעלאָפן. דאָס שטעטל איז געווען שטאָק־פינצטער און שטיל. טויט. פון ערגעץ גאַנץ ווייט, פון יענער זייט פון דער פּירעקיקן רינג־פּלאַץ, האָט מען געהערט וויינען אַ קינד — האָט דאָס געוויין אָנגעפילט דעם גאַנצן רינג אין אָפּגעקלונגען פון אַלע זיינע פיר זייטן. און ווידער איז געוואָרן שטיל. אַ שכנישער הונט איז צוגעלאָפן מיט אַ געבילעריי, אָבער ער האָט אונדז דערקענט; מוניאַ האָט אים געגעבן אַ שטיקל קעז — ער האָט אַלץ פאָרויסגעזען און פאַר אַלץ געזאָרגט ביים אָרגאַניזירן די עקס־פּעדיציע. מוניאַ איז בכלל געווען פריינד מיט הינט; פון מורא איז אָפּ־געגערעדט, און דער הונט איז אַוועק אין זיין רו. זיין קורצער ערשטער ביל האָט אַרויסגערופן אַ בת־קול פון אַלע הינט פון שטעטל, אָבער אויך זיי האָבן זיך באַלד באַרויקט, ווי איינער רעדט: אַ טעות געווען, נישטאָ וואָס

צו אַלאַרמירן דאָס שטעטל. ווידער איז געווען שטיל און נאָר — אונדזערע שריט. אָבער אויך אונדזערע שריט זענען געווען שטיל.

און אָט זענען מיר שוין אַ שטיקל וועגס הינטערן שטעטל און מוניאַ באַפעלט קלעטערן בערגל־אַרויף אין טיפן גראָז. עס איז געווען אין די ער־שטע טעג פון יולי — די גרעסטע שפּע אויף די פעלדער און די צייט פון די לענגסטע טעג און די קירצסטע נעכט.

כאָטש עס איז נאָך געווען שטאָק פינצטער; דאָס ליכט פון די גע־דיכטע גרויסע שטערן האָט גיכער געסטראַשעט מיט דער אומהיימלעכער און אומגעוויינטער נאָענטקייט, האָב איך אָבער מיט דער שרעק־אינטוי־ציע מיינער, וואָס איז מיר אייביק נאָכגעגאַנגען, דערפילט, אַז מיר זענען שוין ביים בערגל וואָס אַ טייל פון אים באַלאַנגט צו יענעם קאָוואַל, וואָס האָט געהרגעט זיין ברודער שיכורערהייט. ער איז יאָרן־לאַנג אָפּגעזעסן זיין שטראָף, און כאָטש ער האָט מער קיין שום שלעכטס נישט געטאָן, האָט אָבער דאָס שטעטל אייביק מורא געהאַט פאַר זיין רציחה. און אויגן האָט ער געהאַט פון אַ בייזן הונט, אויגן וואָס פלעגן דורכנעמען מיט קעלט.

אָבער מוניאַ האָט באַפוילן קלעטערן — און מיר קלעטערן; איצעק און איך קלעטער און — שווייגן. און פּלוצלונג הייבט איצעק אָן אַראָפּ־צושפּרינגען פון דעם שיפּוע פון דעם בערגל און אַנטלויפט. אָבער איך קען עס נישט טאָן — כאָטש איך וויל. עפּעס אַן אומהיימלעכע קראַפט באַפעלט מיר. מוניאַ. מוניאַ גייט פאָראויס. ער איז שוין באַלד ביים סאַמע שפּיץ פון בערגל. ער ווייסט אַז איצעק איז אַנטלאָפן. און ער ווייסט, אַז ער וועט אים בייטאָג, ביי דער ערשטער באַגעגעניש נישט נאָר איראָני־זירן, נאָר אויסלאַכן הויך און הילכיק. איצט אָבער שווייגט ער. ביי די לעצטע שריט פאַרן בערגל העלפט מיר מוניאַ צו דערגרייכן דעם שפּיץ. נישט פון מידקייט, נאָר פון שרעק בייגן זיך מיינע קני. איצט בין איך שוין גאַנץ זיכער, אַז נישט נאָר אויפן בערגל, נאָר מיר זענען שוין אויפן פעלד פון דעם קאָוואַל, דעם ברודער־מערדער. איך זע דייטלעך די קאָנ־טורן פון דער קוזניע זיינער.

און אָט זענען מיר שוין ביי דעם בוים, וואָס נעבן אים שטייענדיק זעט מען דייטלעך דעם גאַנצן האָריזאָנט, און אָט דאָרט איז טאַקע דער מזרח און מען וועט נישט פאַרפעלן קיין איין פּרט פון דעם אויפגאַנג פון

דער זון. אַ הערלעכער אויסבליק עפנט זיך איצט פאַר אונדז — די שטערן אויבן און די קאָנטורן פון שטעטל פון דער זייט און אַ ליכטיקייט ווי אַ פאַרקלערטער שמייכל אויף אַ שלאָפנדיק פנים איז שוין דאָ אויפן האָריזאָנט.

און עס קומט אָנצולויפן אַ הונט, דער הונט פונעם קאָוואַל; עס איז דווקא אַ מילדער און אַ קליינער הונט. ער איז אַזוי דערשטוינט פון דעם מאָדנעם באַזוך, וואָס זינט ער איז אַ הונט ביים קאָוואַל האָט ער נאָך אַזוינס נישט איבערגעלעבט, אַז ער גיט קוים אַ וואָרטשע און ער איז שוין געבן אונדז. איך דערמאָן מיך, אַז איך האָב אַמאָל געזען פאַרבייגיין דעם קאָוואַל מיט דעם קליינעם הונט, און די מאַמע האָט מיר דעמאָלט געזאָגט, אַז ער דאַרף נישט האָבן קיין גרויסן הונט, ווייל ער איז אַליין אַ זבוי — דער קאָוואַל. דערלאַנגט מוניאַ אַ שטיקל קעז דעם הונט, און ער לייגט זיך שטיל ביי אונדזערע פיס.

די נאַטור צעוויקלט דעם זון־אויפגאַנג פאַר אונדז. איך קוק און קוק אָבער עס מאַכט אויף מיר אַ גאַנץ קליינעם רושם. מיינע געדאַנקען זענען אַרום דער קוזניע און אַרום דעם הייזל הינטער דער קוזניע און אַרום דעם קאָוואַל, וואָס האָט געהרגעט זיין ברודער און יעדע רגע וואַרט איך אויף עפּעס שרעקלעכס. גלאַטיק וועט דאָס אַלץ נישט אָפּגיין און וואָס וועט ער טראַכטן, אַז ער וועט דערזען צוויי אומבאַקאַנטע יינגלעך אויף זיין פעלד אַ שפּראָץ אויף טאָג.

און דער נאָך אַלץ באַשטערנטער הימל עפנט זיך לאַנגזאַם ווי אַ ריזיקער דעקל פון אַ שאַכטל אַ קיילעכדיקס, אַזוי גרויס ווי די וועלט, און לאָזט אַריין די בלויגרינע ליכטיקייט פון טאָג; און פּלוצלונג, אָן שום איבערגאַנג איז אַלץ געוואָרן דין ראָזע־קאָלירין און וואָלקנדלעך זענען באַלד געוואָרן גלאַנצנדיקער רויטער גאָלד. מוניאַס אויגן זענען פול מיט ווונדער. זיינע ליפּן מורמלען און ער זאַפּט אין זיך אַריין די שיינקייט. זיין פרינציפּיש פנים ווערט צום שענסטן — מיך זעט ער איצט אין גאַנצן נישט. און אָט־אָ דאָ דאַרף שוין קומען דאָס סאַמע ווונדער אַליין — עס דאַכט זיך איצט, אַז עפּעס מוראדיק שווערס וויגט זיך און פּליושקעט זיך דאָרט ערגעץ ביים האָריזאָנט אין אַ ים — אַ פאַס ליכט, מיט רויטן ליכט —

און אָט־אָ וועט מען באַלד דערזען דעם ערשטן אַרויסשווים פון אַ ראַנד פון דעם דאָזיקן פּאַס — אָט־אָט...

נאָר פלוצלינג גיט זיך דער הונט אַ ריס אַוועק פון אונדז און לויפט מיט שרעק און מיט אַ געבילעריי צום הויז פון דעם קאָוואַל, וואָס אָט איז ער שוין אַרויס פון שטוב, העמד, הויזן און שטיוול, און אין זיין רעכטער האַנט איז אַן אָרטשיק. ער זעט אויס אינגאַנצן ווי קין, וואָס לויפט הרגע־נען זיין ברודער, און אָט שטייט ער שוין נעבן אונדז.

— אַ צאָ ווי טו? און איר, וואָס טוט איר דאָ?

אָבער ער דערזעט פּאַר זיך יונגע יינגלעך און ער לאָזט אַראָפּ דעם אָרטשיק — גיך דערכאַפּט ער אַז זיין הונט האָט אים נישט באַצייטנס געמאָלדן דעם גאַנצן ענין, און אַז מיר זענען שוין דאָ לאַנג און ער גיט אַ הייב דעם אָרטשיק אויפן הונט; אָבער דער הונט — ווי אַ פייל וואָלט אים אויסגעשאָסן אויפן פעלד אַרויס — איז שוין ערגעץ נעלם געוואָרן און דער געשליידערטער אָרטשיק גיט נאָר אַ רייס אויף ערגעץ די שטוי־ביקע ערד און בלייבט ליגן.

און נאָך אַמאָל: — אַ צאָ ווי טו?

איך בין איצט אינגאַנצן אָן לשון און וואָס האָב איך דאָ בכלל צו רעדן? מוניאָ דערציילט דעם גאַנצן אמת און ער זאָגט מיט שטאָלץ, אַז אויב דער קאָוואַל מיינט, אַז מען האָט אים געטאָן אַ שאָדן, וועט עס אונ־דזער טאַטע באַצאָלן, און אונדזער טאַטע איז אפרים בערגנער, און אונ־דזער זיידע איז יוזעף ראָזענבלאַט.

נאָר דער קאָוואַל קאָמאַנדירט: מאַרש!

מוניאָ בעט זיך אָפּ נאָך אַ פּאָר מינוט. ער וויל זען די גאַנצע זון אַרויסקומען פון דער טיף און ער וויל נאָך דאָ זיין אַזוי לאַנג ביז די זון וועט אָנקומען אויפן דאַך פון יענער ווייסער קירכע אויפן האָריזאָנט. דער קאָוואַל גיט נאָך, אָבער אָפּלאָזן וועט ער אונדז סיי־ווי נישט, ער מוז דער־גיין דעם אמת, ער מוז אונדז ברענגען צום טאַטן.

ער נעמט אונדז אָן ביי די הענט, מיט די זעלבע הענט, וואָס מיט יאָרן צוריק האָבן זיי געהאַלטן די האַק, וואָס האָט געהרגעט זיין ברודער.

שטיל איז נאָך געוועזן אין שטעטל, נאָר דאָ און דאָרט האָט זיך שוין געעפנט אַ טיר; אַ באַלעבאָס האָט אין איר הויך אויף אַ קול אַריינגע־

גענוצט אין מאַרק אַריין און אַט זענען מיר שוין ביי אונדזער הויז. מיר בעטן זיך, אַז דער קאָוואַל זאָל אונדז כאָטש דאָ אָפּלאָזן. קיין רייד נישט, — ער וועט אונדז איבערגעבן אין טאַטנס הענט. און אָט קלאַפּט ער שוין אין דער טיר און דער טאַטע, פול מיט שרעק, לויפט זי עפענען. אָבער די טיר איז דאָך געווען אָפן — און אין דער טיר שטייט דער קאָוואַל, וואָס האָט געהרגעט זיין ברודער און וואָס דער טאַטע האָט אים אַזוי גוט געקענט און ער פירט דעם טאַטנס ביידע זין ביי ביידע הענט און ער גיט זיי אים איבער.

און וואָס ווייטער איז געשען קענט איר זיך שוין פאָרשטעלן אַליין.

אַז מיר זענען צוריק אַריין אין קינדערצימער, האָבן מיר דאָרט גע־טראָפן איצעקן אין אַ געמאַכטן און געשפּילטן שטאַרקן שלאָף. אָבער עס האָט אים גאָרנישט געהאָלפן. ער האָט באַלד געמוזט אויפמאַכן אויג און אויער און זען און הערן ווי מוניאַ לאַכט, לאַכט פון אים און פון אַלע שרעקעוודיקע.

# דער סאַן

אויף פּויליש הייסט ער סאַן, אויף ייִדיש סאַן, אָדער אַפילו סאַען, דער טייך, וואָס שניידט איבער דאָס באַרימטע לאַנד גאַליציע (באַרימט צוליב די „גאַליציאַנער", וואָס שטאַמען אַלע ווי איינער און איינע פון דעם מערקווירדיקן לאַנד) אויף צוויי העלפטן — מזרח און מערב. דער דאָזיקער מעשה־דערציילער שטאַמט פון דער גרעניץ צווישן מזרח־ און מערב־גאַליציע. אָבער אַזוי ווי די סאַמע גרעניץ איז נאָר אַ טעאָרעטישע ליניע, נאָך דינער ווי אַ האָר — שטאַמט ער פון מערב־גאַליציע.

היינט איז גאַליציע איבערגעשניטן אויף צוויי העלפטן, אָבער נישט דאָרט ווו עס איז געווען די אידעאַלע העלפטן־גרענעץ מיט דעם טייך סאַן אַלס נאַטירלעכן סימן. נייערט ערגעץ סתם אין מיטן. איין העלפט פון אַמאָליקן גאַליציע רופט זיך היינט דרום־מזרח־פּוילן און די אַנדערע העלפט הייסט גאָר דרום־מערב־אוקראַיִנע. פּשעמישל באַלאַנגט נאָך — קוים, קוים — צו פּוילן, אָבער סאַמבאָר באַלאַנגט שוין צו אוקראַיִנע, לעמבערג אוודאי.

צווישן די טייכן פון דער וועלט, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו זען אין אַ לאַנג לעבן איבער גאָר דעם כדור הארץ — איז דער סאַן לפי ערך אַ קליין טייכל, אָבער אין מיין דמיון לעבט ער ווי דער גרעסטער טייך פון דער ערד, אַזוי גרויס ווי דער ירדן אין דמיון פון אונדזער וועלט־פאָלק... דער סאַן הייבט זיך ערגעץ אָן אין דרום, אין די קאַרפּאַטן, אַרום דער שטאָט סאַנאָק, וואָס אפשר הייסט סאַן צוליב סאַנאָק און אפשר סאַנאָק צוליבן סאַן — און ער גייט זיך פּאַוואָליע בנעימותדיק, גאַליציש־סטאַטעטשנע, ביז אין דער געגנט פון סאַנדאָמיר אין צפון און דאָרט פאַרענדיקט ער זיך און פאַראייניקט זיך מיט דעם היסטאָרישן פּוילישן מוטער־טייך — ווייסלאַ.

מיין שטעטל רעדים ליגט דירעקט ביים טייכל ראדא, וואָס גיסט זיך אַריין אין סאַן, און דער סאַן גופא איז אַ מהלך פון צוויי־דריי קילאָמעטער

פון שטעטל. אַט־אָ די קליינע דיסטאַנץ האָט דעם סאַן געמאַכט נאָך ראָמאַנטישער. דער טאַטע האָט אונדז, קינדער, אָפט מיטגענומען צום סאַן, מיט אַט דעם טייך פלעגט ער שיקן געהילץ קיין דאַנציק אַזש.

דער סאַן איז אין מיין דמיון פאַרבונדן מיט זומער, און קינדער־זומערן זענען דאָך אַזוי שיין. זומערן ווידער זענען פאַרבונדן מיט וואַקאַציעס און וואַקאַציעס מיט דעם צונויפפאָרן זיך פון אַלע סטודענטן פון דער נאָענטער און ווייטערדיקער משפחה, וואָס האָבן שטודירט אין גימנאַזיעס און רעאַל־שולעס אין די אַרומיקע גרעסערע שטעט. און דאָס אַלץ פלעגט איבערררייסן מיין שטענדיקע איינזאַמקייט אין דער קינדהייט, ווייל מיין עלטערער ברודער מוניאָ האָט געלערנט אויסער דער היים און איך — אַלס עקסטערן — אין שטעטל.

און מוניאָ, קוים אַהיים געקומען אויף וואַקאַציע, איז באַלד אַוועק צום טייך, צום סאַן. אים האָבן געצויגן אַוואַנטורעס, געצויגן די ווייטקייטן און איך בין געווען זיין שטענדיקער פאַזש; ער — מיין שטענדיקער ריטער. ער האָט מיך טיף ליב געהאַט און האָט מיר כסדר באַפוילן, מיין ברודער, מיין פרינץ. ער האָט מיך כסדר איראַניזירט פאַר מיין פחדנות און אַז איך האָב אָנגעהויבן שטיל צו וויינען — האָט ער מיר געקושט די הענט און געבעטן מוחל צו זיין.

מוניאָ האָט אויף יעדער איינער וואַקאַציע כסדר געפּרוווט צו אָרגאַניזירן אַ חברותא פון סטודענטן, וואָס זאָלן מיט אים מיטמאַכן די שיפלעך־רייזעס אויפן סאַן. די חברותאס זענען זיך אָבער גאָר גיך צעפאַלן, די סטודענטן זענען געווען פוילע און צעפיעשטשעטע קינדער און האָבן אַביסל אויך מורא געהאַט פאַר מוניאָס איינפאַלן און פאַר זיין ליידנשאַפט צו קאָמאַנדירן. און אין אַ וואָך, אָדער צוויי זענען מיר געבליבן אַליין, מיין ברודער־פרינץ און זיין ברודער־פאַזש — און אין דעם פאַל — ווייל עס האָט צו טאָן מיט שיפלעך און מיט אַ טייך: מיין ברודער — קאַפּיטאַן און זיין ברודער — איך ווייס אַליין נישט וואָס... ער מיט זיינע שרעקלאָזע איינפאַלן און ווילן צו אַוואַנטורעס און איך מיט מיין פחד און דאָך שטילער ליידנשאַפט צו די ווייטקייטן, די אומבאַקאַנטע ווייטקייטן, וואָס די ברעגעס פון סאַן פלעגן כסדר אַנטפּלעקן.

אַט אַזוי איז עס צוגעגאַנגען: מיר האָבן אויסגעבעטן ביי דער מאַמען

רשות אָפּצוועסן שוין זייגער 11 דעם מיטיק. די מאַמע האָט דאָס שפּעטער געמוזט פאַרענטפערן ביים טאַטן מיט אַלערליי תירוצים, מחמת ברעכן די הייליקע אָרדענונג פון אַ משפחהדיקן מיטיק־טיש האָט געגאָלטן ביי אַ בן־משכּיל פּאַר אַ גרויסער זינד קעגן גוטע, וועלטלעכע מאַניערן. מיר זענען צופוס אַוועק די פּאָר קילאָמעטער צו דער גרויסער הילצערנער בריק איבערן סאַן. היינט, אַז איך האָב שוין געזען די בריקן פון סאַן־פראַנציסקאָ, ווייס איך, אַז יענע האָלץ־בריק איז ניט די גרעסטע אין דער וועלט... ביי אָט דער בריק, אונטן ביים וואַסער זענען געווען די פישערס פון שטעטל, גויִשע און יִדישע צוזאַמען. דאָ האָבן מיר געדונגען אַ שיפל ביזן אָוונט און זיך געלאָזן אין אַוואַנטוריסטישן וועג. די באַדינגונג איז געווען צו פאָרן נאָר שטראָם־אויף — אַזוי זענען די פישערס זיכערער גע־ווען מיטן שיפל, אַז מען וועט זיך אומקערן בשלום.

די אַרבעט פון רודערן איז נישט געווען קיין גרינגע פאַר צוועלף־דרייצניעריקע יִינגלעך, אָבער פאַר מוניאָן זענען קיין שוועריקייטן נישט געווען, וואָס ווילן קען נישט בייקומען. קוים אָפּגערודערט אַ האַלבן קי־לאָמעטער האָבן זיך אַנטפּלעקט אומגעוויינטע און נייע וועלטן: וועלדער און פעלדער און דערפער און לאָנקעס און ווייטע דאָרפישע קאָשטשיאָלן און אַ מין לעבן וואָס מען איז עס קיינמאָל נישט געוווינט געווען צו זען פון דער נאָענט.

און געפאָרן האָבן זיך אויך אָנגעהויבן. דאָרפישע שקצים האָבן פון ברעג באַמערקט דאָס שיפל מיט די צוויי מאָדנע פּאַסאַזשירן און זיך גיך אויסגעטאָן, זיך אַ וואָרף געטאָן אין וואַסער, שווימען האָבן זיי געקענט ווי די פיש — און נאָר געפּאָדערט, אַז מען זאָל זיי אַרויפנעמען אויפן שיפל. און זיי זענען געווען פיר — מיר נאָר צוויי. מוניאָ האָט אַ כאַפּ־אַרויף געטאָן דעם סטודענטישן בלויען מונדיר, מיר איבערגעלאָזן ביידע רודערס און קאָמאַנדירט, אַז די דאָרפישע שקצים זאָלן אָפּטרעטן — און זיי האָבן געפאָלגט.

כאָטש עטלעכע קילאָמעטער פון שטעטל ערשט — איז אַלץ אַזוי מאָדנע און עקזאָטיש. אַנדערע פלאַנצן און אַפילו אַנדערע חיות... אַ חלום־וועלט. מוניאָ, וואָס האָט שוין דעמאָלט פּלאַנירט צו פאָרן, ניין — אַנט־לויפן אינמיטן דער נאַכט, קיין ארץ־ישראל, זעט אין די ווערבעס ביים

ברעג — פאַלמען, אין די כוואַליעס פון סאַן פילט ער דעם ירדן. און איך — חלום נאָר איין זאַך, אַז מוניאַ זאָל שוין וואָס גיכער קאָמאַנדירן: צוריק אַהיים!

אָבער מוניאַ זעט און הערט — אַן אַנדערע פאַונאַ, אַ טראָפּישע, אַן אַנדערע פלאָראַ. און אָט דערזעט ער ביי איינער פון די פילע שלייף־שלענגלונגען פון טייך סאַן אַ שטיק ברעג, וואָס איז אַ הויכע וואַנט פון געלן ליים. און אין דער וואַנט אַן אומצאָל לעכער און אין די לעכער און פון די לעכער אין לייס אַ האַסטיק פליִען אַריין און אַרויס פון שוואַלבן, אין די הונדערטער, אין די טויזנטער. דאָס דערנענטערן זיך פון אונדזער שיפל האָט זיי אויפגערודערט און אויפגעשראָקן, זיי האָבן דערפילט געפאַר. מיר האָבן צוגערודערט נאָענט צו דער וואַנט און ממש געווען פאַרכאַפּט פון דעם נאַטור־וווּנדער. מיר האָבן ערגעץ אין זאָאָלאָגישע ביכער טאַקע אַמאָל געלערנט וועגן ליים־שוואַלבן אין ברעגעס פון טייכן, אָבער אַז אַזוינס איז טאַקע דאָ אין דער אמתן — ווער וואָלט זיך געגלייבט; אָבער אָט איז עס. אָט איז עס. ווי די גליקלעכסטע וועלטן־אַנטדעקערס זענען מיר אין יענעם אָוונט מידע אַהיים געקומען און געהאַט וואָס צו דערציילן.

אַן אַנדערש מאָל פאָרן מיר און פאָרן גאָר שטראָם־אַפּ. די פישערס האָבן זיך איבערגעצייגט, אַז מען קען אונדז געטרויען, מיר זענען געניטע שיפערס געוואָרן און מיר וועלן נישט פאַרבלאָנדזשען און נישט איבערלאָזן אין ערגעץ דאָס שיפל אויף הפקר. איך — חלום ווי געוויינלעך, אַז די רייזע זאָל זיך וואָס גיכער ענדיקן און מוניאַ חלומט... פון ארץ־ישראל. ער האָט שוין געקענט העברעיִש רעדן און אַפילו שוין מיט דער הברה ספרדית, וואָס איז דעמאָלט מאָדערן געוואָרן, און אַ סך בעסער ווי איך. אין די פויערים אויף די פעלדער ביי די ברעגעס זעט ער יידישע פויערים. אין זיין פאַנטאַזיע שווימען מיר דורך אַ העברעיִש־רעדנדיקער וועלט, און טאַקע מיט דער הברה ספרדית. און אָט זעען מיר פון וויטן אַ יונגן מענטש מיט אַ בערדל. ער זיצט ביים ברעג, בריט זיך אין דער זון און כאַפּט פיש אויף אַ דינער ווענטקע. אַ געלעגנהייט פון אַזאַ באַגעגעניש וועט מוניאַ נישט דורכלאָזן. ער קאָמאַנדירט: צום ברעג! און מיר קומען נענטער צום איינזאַמען פישער. אַנגעקומען נענטער — שרייט מוניאַ, אין טראַנס פון

זיין אייגענער פאַנטאַזיע: שאַלאָם!... און עס ענטפערט אים — נישט קיין בת־קול, נאָר טאַקע דער איינזאַמער פישער מיטן בערדל: שלום! — און אויך מיט דער ספרדישער הברה. מיר קומען גאָר נאָענט צום ברעג און די מעשה לאָזט זיך אויס גאַנץ פשוט: דער פישער איז אַ לערער דאָ נישט ווייט אין אַ דאָרף ביי אַ יידישן פאַסעסאָר. ער איז אַ סטודענט און עס איז אים לאַנגווייליק מיט די דאָרפישע באַלוואַנעס, זיינע תלמידים, האָט ער זיך צוגעוווינט צו כאַפּן פיש, וואָס זענען אַלץ אינטעליגענטער ווי זיינע תלמידים. — — אָבער סיי־ווי איז די דאָזיקע העברעישע באַגעגעניש געווען אַזוי אומגעריכט און אַזוי מאָדנע, אַז זי איז אַזש געבליבן אין זכרון עד היום הזה.

און איינמאָל — ביי אַזאַ מין שיפּל־רייזע — איז פּלוצלינג געוואָרן אַ שטורעם. און פּונקט ווי מיך האָט דער שטורעם אומגליקלעך געמאַכט און דערשראָקן צום טויט, אַזוי האָט ער מוניאַן אויפגערודערט און דערפרייט: אַ קליינִיקייט — אַ שטורעם, אַ שטורעם — און אין זיין פאַנטאַזיע האָט ער זיכער געזען זיך אין מיטן אַ שטורעם אויפן מיטן ים... עס האָט געדונערט און עס האָט געבליצט, די הימלען האָבן זיך אַלעמאָל געשפּאָלטן און די וואַסערן זענען אַלע רגע צעלויכטן געוואָרן מיט אַ ווייסן פייער. עס איז געוואָרן אַ ווינט, דאָס שיפל האָט זיך היפּשלעך געשליידערט. מיר האָבן אָפּגעלאָזן די רודערס און דער שטראָם האָט אונדז אַליין געבראַכט צוריק צו דער סטאַציע פון די פישערס. און דאָרט — האָט געוואָרט אַ גיכע און פּראַזאַישע אויסניכטערונג: דער טאַטע. ער איז אונדז שוין געקומען זוכן און אפשר גאָר ראַטעווען. און שוין האָט ער אָנגעזאָגט מיטן האַרבן וואָרט, אַז פון איצט אָן מ'ז מען נעמען רשות ביי אים איידער מען לאָזט זיך אויף שיפלעך.

איך האָב געהאַט פון איצט אָן אויסצוקלייבן: געהאָרכן דעם אָנזאָג פון טאַטן, אָדער געהאָרכן די באַפעלן פון מיין ברודער מוניאַ. איך האָב געהאָרכט די באַפעלן פון מיין ברודער און מיר זענען ווידער געפאָרן כמעט יעדן טאָג — אַמאָל שטראָם־אויף און אַמאָל שטראָם־אָפּ — קיין שטורעם האָט זיך מער נישט געמאַכט. און כאָטש דער טאַטע האָט פיינט געהאַט אַוואַנטורעס ביי זיינע זין — אַליין האָט ער אויך ליב געהאַט אַוואַנטורעס, אָבער ער אַליין זאָל מיט זיי קאָמאַנדירן.

איינמאָל אין אַן אָוונט, בשעת וואַקאַציע, האָט אונדז דער טאַטע גע־זאָגט פאַרן שלאָפן: מאָרגן שטייט מען אויף זייגער פינף אין דער פרי, איך נעם אייך מיט אין וואַלד אַריין! — ווו? דאָס וועט איר מאָרגן זען! — — דער טאַטע האָט ליב געהאַט צו איבערראַשן.

פאַרטאָג איז פאַרפאָרן אַ גרויסער דאָרפישער גאָספּאָדאַרסקער וואָגן מיט געזונטע, גרויסע פערד און מען האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין. מען איז געפאָרן איבער אומבאַקאַנטע, גרודעוואַטע, דאָרפישע וועגן און פּלוצ־לינג איז מען — נאָך אַ שעה, צוויי פאָרן — צוגעקומען צו אַ טייך. מיר האָבן געשטוינט: איז וואָזשע וועט איצט זיין? דער טאַטע האָט געלאַכט: — דאָס איז ווידער דער סאַן, נאָר פון אַן אַנדערער זייט. איר האָט דאָך נישט קיין מורא פאָרן סאַן, מען וועט זיך אויסטאָן און מען וועט אַריבער־שווימען... מוניאַ איז שוין גרייט געווען — — אָבער דאָ האָט דער טאַטע אַריינגעלייגט צו צוויי פינגער פון יעדער האַנט אין מויל אַריין און געטאָן אַזאַ פייף, אַזש הימל און ערד האָט אַ ציטער געטאָן — — און עס האָט זיך באַלד באַוויזן אַ פויער פון אַ כאַטקע ביים ברעג און דער טאַטע האָט קאָמאַנדירט: דער פּאַראָם, אָבער גיך! און באַלד זענען — פערד און וואָגן און מיר אַלע אַרויף אויף אַ גרויסן פּאַראָם און זיך פּאַוואָליע אַריבערגע־שיפט אויף יענער זייט ברעג.

און עס איז געווען אַ הערלעכער טאָג אין וואַלד און צוריקגעפאָרן איז מען ערשט פאַרנאַכט און מיין דערשראָקן האַרץ האָט געציטערט פאַר דער צוריקרייזע אויפן פּאַראָם ביינאַכט. צום סאַן איז מען טאַקע צוגע־קומען שוין ביינאַכט. דער הימל אויבן איז געווען פול מיט נאַכט און מיט שטערן און פונקט איז אַזוי פול געווען מיט נאַכט און מיט שטערן דער סאַן אונטן. נאָר אין הימל אויבן זענען די שטערן געשטאַנען שטיל און דאָ אין סאַן זענען די שטערן געשווומען, אַלע אין איין ריכטונג שטראָם־אָפּ. דאָ און דאָרט האָט אַ פישל אַ שפּרונג געטאָן פון וואַסער אַרויס און אַזוי ווי געכאַפּט אַ שטערן אין אָפענעם מויל אַריין און אים אַראָפּגעצויגן אין וואַסער, דאָרט אים אויפצועסן.

מען איז שוין טאַקע דאָ ביים סאַן צוריק, אָבער ווו איז דער פּאַראָם? האָט דער טאַטע ווידער אַ פייף געטאָן, האָט זיך פון יענער זייט ברעג אָנגעצונדן אַ פענצטערל אין דער כאַטקע פון דעם פּאַראָמשטשיק און באַלד

האָט זיך באַוויזן אַ ליכטל אויפֿן וואַסער, וואָס איז געשווומען צו אונדז. דער פּאַראָם. און ווידער איז מען אַריבער דעם טייך. און עס איז געווען שטיל, אַזוי שטיל. אַלע זענען געווען פֿאַרכאַפּט פֿון דער שיינקייט און יעדער אויף זיין אופֿן, און אין זיין שטילקייט. און אַפילו די פֿערד, נאָר זיי זענען דאָך פֿאַרט פֿערד — האָט איינס פֿון זיי זיך נישט איינגעהאַלטן און אַזאַ הירזשע געטאָן מיטן לאַנגן פּיסק צום הימל, אַז אַלע האָבן אַ ציטער געטאָן — אפֿשר אַפילו די פֿיש אין וואַסער אונטן און די שטערן אין הימל אויבן.

נאָר אָט איז מען שוין ווידער אויפֿן ברעג און די רעדער דרייען זיך שוין ווידער און שפּרינגען איבער די גרודעס: טור־טור־טור — נאָר דער טאַטע האָט נאָך עפּעס אין זינען.

מען פֿאָרט צו צו אַ קרעטשמע, מען וועקט איבער דעם קרעטשמער און מען מאַכט גאָר אַ נאַכטיקע סעודה. מען זיצט צוזאַמען מיט דעם באַלע־באָס פֿון די פֿערד און עס איז מאָדנע און עס איז פֿריילעך. דער טאַטע איז גוט אויפֿגעלייגט. דאָס אָנקוקן דעם וואַלד איז געווען דערפֿאַלגרייך. עס גרייט זיך אַ סך אַרבעט, אַ וואַלד־האַקן, וואָס וועט ברענגען רווחים.

און אָט איז מען שוין ווידער אויפֿן וועג. מען פֿאָרט פֿאַרביי שלאָפֿנ־דיקע דערפֿער און אַ געבילעריי פֿון הינט, וואָס הייבט זיך אָן לאַנג, לאַנג איידער מען פֿאָרט אין דאָרף אַריין און דויערט נאָך לאַנג, לאַנג, אַז מען איז שוין פֿון דאָרף אַרויס. און אַז פֿערד דערהערן די הינט הייבן זיי אָן צו גיין שאַרף און שאַרפֿער, ווי אַ באַן ממש.

די לבנה איז אַרויס הויך און העכער און עס איז געוואָרן ליכטיק. און אָט פֿאָרט מען פֿאַרביי אַ צווינטער. מוניאָ איז פֿול מיט באַוווּנדערונג און איך — פֿול מיט פּחד. און אָט דער"עט דעם טאַטנס שאַרפֿע אויג, אַז אויפֿן צווינטער, אויף אַ שטיין זיצט אַ מענטש. דער טאַטע הייסט אָפּ־שטעלן די פֿור. דער פֿויער צלמט זיך. ער האָט מורא. לאָמיר ווייטער פֿאָרן. עס האָט זיך אייך געדאַכט, פּאַניע בערגנער. אָבער נישט ביים טאַטן — און מוניאָ איז שוין אויך אויף זיין זייט. מען שטעלט זיך טאַקע אָפּ און די צוויי גייען צו צום פּלויט פֿון צווינטער. און עס איז טאַקע געווען אַ לעבעדיקער מענטש. אַ פֿרוי, אַ דאָרף־משוגענע, וואָס זומערט דאָ אויפֿן צווינטער יאָר־איין און יאָר־אויס און לעבט פֿון יאַגדעס און פֿון בעטלען

ביי די פאַרבייפאָרערס. זי איז אַ משוגענע, אָבער זי איז אַ שטילע און זי דערציילט יעדן איר לעבן און בעט דערנאָך אַ נדבה. איצט זענען מיר שוין אַלע פיר ביים פּלויט. און אַזוי ווי איך האָב מיך צום מייסטן געשראָקן וויל דער טאַטע דווקא, אַז איך זאָל דער משוגענער דערלאַנגען די מטבע און זען, אַז זי איז נישט קיין גייסט, נאָר אַן אומגליקלעכער מענטש און איך זאָל מיך אויפהערן צו שרעקן. אַוודאי האָב איך געפאָלגט און דער־לאַנגט די מטבע — אָבער אין מיין דמיון איז געבליבן אויף אייביק דער ערשטער פּחד פון זען אַ מת, וואָס איז אין מיטן נאַכט אַרויס פון קבר...

און ווידער טור־טור־טור דורך נאַכט און דערפער.

און אָט זענען מיר שוין נענטער צו דער היים. די גרויסע האָלצערנע בריק איבערן סאַן קומט אַנטקעגן. נאָך איינמאָל פאָרן מיר צו צום וואַ־סער אָנצופּאָיען די מידע פערד און דער טאַטע וויל אויך אַ קוק טאָן צו זיינע טראַטוועס. די פערד לאָזן אַראָפּ די קעפּ צום גייענדיקן וואַסער און כלעפּטשען. דער טייך איז איצט לבנהדיק שטיל און נאָך טיפער ווי דער הימל אויבן. און די לבנה אין טייך נאָך גרעסער ווי די אמתע אין הימל.

האָט דער טאַטע ליב אַ שפּאַס צו טאָן: — נו מוניאַ, אפשר נעמען אַ שיפל און זיך לאָזן אַביסל איבערן טייך? — — — מוניאַ איז גרייט, אויף אַן אמת גרייט. אַפילו אַליין זיך אַריינצוזעצן אין שיפל. אָבער דער טאַטע האָט נאָר געשפּאַסט.

די מעשה פון אונדזערע בענקשאַפטן נאָך ווייטקייטן, טייכן און ימים — האָט זיך טאַקע אָנגעהויבן אויפן וואונדערלעכן קליינעם — לפי ערך די טייכן פון דעם כדור־הארץ — סאַן, און געענדיקט האָט זיך, פאַר מוניאָן טאַקע ביים אמתן ירדן, אויפן ים־התיכון און צום סוף ביי דער בלויער דאַנאַו, און פאַר זיין ברודער, דעם מעשה־דערציילער, נאָך ווייטער און ווייטער. אַוודאי זענען זיי גרעסער, אַלע ווייטע טייכן, אָבער שענער איז קיינער נישט פון סאַן, דעם טייך, וואָס אין אים זענען אַוועקגעשוומען אין דער אומענדלעכקייט די שענסטע, די יינגסטע, די גליקלעכסטע יאָרן פון לעבן.

# אַן אומהיימלעכע מעשה ¹

ווי אומהיימלעך עס איז אָנצורופן אַ מעשה „אַן אומהיימלעכע", איז עס אָבער נאָך אומהיימלעכער אָנצורופן זי — ווי זי וואָלט אויף אַן אמת געדאַרפט הייסן — „אַ מעשה וועגן הינט און וועגן היצלעס". אַ נאָמען יאָך אַ נאָמען — די מעשה דאַרף מען אַמאָל דערציילן — כאָטשבע צוליב דעם, אַז זי זאָל איין מאָל פאַר אַלעמאָל אַראָפּגערעדט ווערן פון האַרצן.

אַן אויפמערקזאַמער לייענער פון אָט די מעשיות — און דערצו איינער מיט אַ גוטן זכרון — וועט אפשר געדענקען די געשיכטע, וואָס האָט זיך גערופן „טאַדזשקאַ און אָוואַלדי". אַ מעשה וועגן צוויי הינט, וואָס איינער פון זיי האָט מיך אַמאָל גוט צעביסן און מיט דעם אַנדערן — אַ הונט אַן עוג מלך הבשן, און דערצו אַ שוואַרצער ווי פון סמאָלע — האָב איך מיך אַראָפּגעקאָטשעט פון אַ פּאָר צענדליק טרעפּ. פון אָט די צוויי באַגעגענישן איז אין מיר געבליבן אַ מורא פאַר הינט און אפשר אַ מורא פאַר ווונדן בכלל.

אָבער וואָס איז דאָ שולדיק דער הינטישער מין? אויב איך האָב געהאַט אַ סכסוך מיט רב הונט אַזוי און אַזוי. וואָס איז דאָ שולדיק דער כלל־הינט? נאָר אַזוי איז שוין די מענטשלעכע טבע.

שטעט, שטעטלעך און דערפער זענען אַמאָל ממש באַלאַגערט געווען מיט טשאַטעס בלינדע הינט. נישט נאָר פלעגן זיי זיך טראָגן גאַס־אויס און גאַס־איין, נאָר אַפילו שטעטל־אויס און שטעטל־איין. אָט אַזוי אָ, טשאַטעווייז. און אַזוי איז אין יעדן פּאָוויאַט — ביי דער „באַצירקס־הויפּטמאַנשאַפט", ווי די אינסטאַנץ האָט זיך גערופן אין גאַליציע — געווען אַן אָפּטיילונג פון היצלעס, הינטשלעגערס, הינט־תלינים. עטלעכע מאָל אין יאָר פלעגן זיי אַראָפּקומען אין שטעטל מיט זייערע שלינג־בייטשן פון דראָט און זייערע לאַנגע שטריקענע לאַסאָס, מיט ספּעציעלע פאַרקראַטעטע וועגענער — און דורכפירן זייערע שטראָף־עקספּעדיציעס אויף די בלודנע הינט. באַזונדערס שאַרף זענען זיי געווען אין צייטן פון מגפות

צווישן כלבים. דעמאָלט פלעגט מען די הינט אַפילו שיסן אין סאַמע מיטן גאַס צווישן אַלע מענטשן.

אַט־אָ די טעג פון די הינט־געיעגן זענען געווען טעג פון מוראדיקער צערודערונג אין מיין קינדהייט. איך בין אַרומגעגאַנגען אונטער דער ערד פון רחמנות און שרעק פאַר די הינט, וואָס איך האָב זייער ליב געהאַט — פון ווייטן, מורא געהאַט פאַר זיי און דאָך נאָך מער מורא געהאַט פאַר זייער לעבן, וואָס איז איצט געשטאַנען אין געפאַר. שעהען פלעג איך אָפּשטיין ביי די פענצטער אין „סאַלאָן" פון דעם ערשטן שטאָק פון אונ־דזער הויז און זען דאָס יאָגן זיך און דאָס טשאַטעווען פון די היצלעס. די באַלעבאַטישע הינט זענען אין אַזעלכע טעג געזעסן שטיל און באַהאַלטן אין זייערע קאַנורעס. אָבער די בלודנע הינט — ווו זאָלן זיי זיך באַהאַלטן? אַז היצלעס זענען דאָ אין שטאָט האָט זיי דער ווונדערלעכער אינסטינקט אונטערגעזאָגט און זיי האָבן זיך געטוליעט אונטער טרעפּלעך, אין ליק־לעך, אויף הויפן, אַנדערע זענען גאָר אַנטלאָפן אויף וויסטע פעלדער און וועלדער. און דאָך האָט מען געמוזט ווען עס איז אַרויס כדי ערגעץ צו געפינען אַן אַלטן ביין, דאָס האַרץ איבערצוכאַפּן — און לרוב באַצאָלט דערפאַר מיטן לעבן. אין אַזאַ פאַל פלעגט דער היצעל דעם הונט טרייבן אין אַ לוקל אָן אַן אויסוועג און דאָרט אים כאַפּן אויפן שלינג, אָדער אויפן לאַסאָ.

אַזאַ סצענע האָט זיך אַפילו — מיט איר גאַנצער גרויל — אַריינ־געכאַפּט אין מיינס אַ ליד, וואָס רופט זיך „געוויסן". און נישט נאָר אין דעם ליד איז אַזאַ סצענע דאָ, נאָר זי איז דאָ, אין אַ פאַרשטעלטער פאָ־רעם, אין אַן אומצאָל פון מיינע לידער און עסייען און מעשיות — אַט־אָ די הינט און היצלעס גייען מיר נאָך אַפילו אין מיין גאַנצער לעבנס־פּי־לאָזאָפיע. זיי זענען עס די סיבה פון דעם מידת הרחמים־איינשטעל, וואָס ער איז די מאָס פון אַלע מיינע מאָסן אין לעבן.

די הינט זענען דאָך מיינע אַרכי־שונאים געווען, די פּלאָג פון פּחד און מורא פון מיין קינדהייט, אָבער אַז איך האָב געזען זייער פּחד און מורא פאַר די היצלעס — האָט זיך מיין מורא פאַר די הינט פאַרוואַנדלט אין זאָרג און ליבע און שרעק פאַר זייער גורל, און אַט די שרעק איז גע־ווען גרעסער און שרעקלעכער ווי די שרעק פאַר זייערע ציין.

און געשעען איז אַמאָל אין אַ שיינעם פאַר־פּסחדיקן שבת נאָכמיטיק, בשעת אַ גרויסער מגפה פון הידראָפּאָביע, וואָס קומט פון ביסן פון משו־גענע כלבים, אַז אין שטעטל איז אָנגעגאַנגען אַ געיעג אויף הינט — נישט פון צוויי היצלעס, ווי געוויינטלעך, נאָר פון כאָטש אַכט אירע. זיי האָבן אין יענע טעג די שטאָט ממש אויסגעליידיקט פון הינט. און נאָר טאַטדזש־קאַ און אַוואַלדי האָבן איבערגעלעבט די צרה, זיי זענען ביידע געווען אַריסטאָקראַטן, טאַטדזשקאַ האָט באַלאַנגט צום אַפּטייקער און אַוואַלדי צום דאָקטער פון שטעטל.

טאַטע־מאַמע זענען ערגעץ אַוועק פון שטוב און איך שטיי ביים פענצ־טער און קוק מיט שרעק און ציטער אויף די הינט־געיעגן. קומען פאַרן פענצטער אַ פּאָר יינגלעך, וואָס איך האָב געקענט, אָבער זיך קיינמאָל נישט געטאָרט שפּילן מיט זיי, כאָטש אויך זיי זענען געווען „באַלעבאַ־טישע״. און זיי רופן מיר אַראָפּ. זיי האָבן מיר עפּעס צו זאָגן, עפּעס גאָר וויכטיקס. עפּעס, וואָס האָט אַביסל געשמעקט מיט זינד, קינדישע זינד. און איך האָב מיך געלאָזט צורעדן. און אַזוי גיך איך בין אַראָפּ צו די יינגלעך, אַלע אַזעלכע אַרום צעניאַריקע ווי איך, האָבן זיי מיך אַריינגע־נומען אין זייער רעדל און זיך געלאָזט לויפן מיט מיר — לויפן — וווּ? וועסט שוין זען! דערווייל לויף! זיי זענען געלאָפן געסלעך באַרג־אַראָפּ, גוייִשע געסלעך, הינטערן קאָשטשיאָל, געסלעך וואָס פירן צו די ברעגעס פון טייכל, און באַלד האָט זיך באַוויזן פאַר אונדז דער פאַרקראַטעטער וואָגן פון הינט־שלעגער אָנגעפּילט מיט געכאַפּטע הינט. און אָט־אָ דעם וואָגן זענען מיר דאָס נאָכגעלאָפן און דער וואָגן איז געפאָרן אין דער ריכטונג פון פערדישן צווינטער, וואָס איז געווען אַ שטיק וועגס הינטערן שטעטל.

דער דרויסן האָט געשמעקט מיט בליונג, מיט אויפוואַכנדיק לעבן, מיט זון, מיט וואַרעמקייט, מיט שיינקייט, מיט הפקר — — — און עס האָט מיך באַלד אַרומגעכאַפּט אַ שרעק פאַר מיין טאַן, פאַר מיין לאָזן זיך אַריינציִען אין אָט דער ווילדער אַוואַנטורע, וואָרעם איך האָב פאַרשטאַ־נען, וואָס דאָ וועט באַלד פאַרקומען — די עקזעקוציע פון די הינט.

און אָט איז שוין דער פערדישער צווינטער.

און דאָס, וואָס איך האָב איצט געזען, פּילט אָן נאָך היינט ביים דער־ציילן די מעשה, מיט ציטערניש יעדן אבר באַזונדער. אַפילו יעדער אָטעם

אין דער נשמה — אויב די אברים פון דער נשמה זענען אָטעמס — ציטערט.

אַז דער וואָגן האָט זיך אָפּגעשטעלט — האָט ער אָנגעהויבן אינגאַנצן שווייגנדיק צו ציטערן מיט דער שרעק פון די הינט אינעווייניק. קיין ביל האָט זיך פון זיי נישט געהערט און זיי זענען געווען אפשר דרייסיק אין צאָל — גרויסע און קליינע, שוואַרצע און ווייסע און ברוינע, ווילדע און שטילע, הינט און סוקעס, הינט וואָס איך האָב גוט געקענט און הינט אומבאַקאַנטע און בלודנע, אפשר האָבן זיי זיך אין אונדזער שטעטל באַהאַלטן, אַנטלויפנדיק פון זייערע שטענדיקע דערפער און שטעטלעך, מיינענדיק, אַז ביי אונדז זענען קיין היצלעס נישטאָ.

איינעם נאָך איינעם האָט איינער פון די צוויי שלעגערס אַרויסגענומען די באַשעפענישן פון הינטער די גראַטעס. זיי האָבן זיך נישט געווערט, נישט געוויינט, נישט געבילט, זיך נישט געבייזערט, נישט געשאָלטן אויף זייער שטייגער זייער גורל און מזל הינטישן — נאָר זיך אונטערגעגעבן דעם פּאַטום, געלייגט זיך צו די שטיוול פון שלעגער און געוואַרט אויף דעם קלאַפּ פון דעם אייזערנעם האַמער אין שאַרבן אַריין. און די אויגן — די אייביק געטרייע אויגן — האָבן געבעטן: וואָס גיכער און וואָס שטאַרקער.

נאָך איידער טאַטע־מאַמע זענען צוריקגעקומען פון זייער שבתדיקן באַזוך בין איך שוין געווען אין שטוב. איך בין געלעגן אויף דער סאָפע און די אויגן האָבן זיך געדרייט אין די אָרב־טן און ווו איך האָב זיי געקערט — האָב איך געזען כסדר אַן אַנדערן הונט ביי די שטיוול פון הינטשלעגער. אַז טאַטע־מאַמע זענען געקומען און האָבן מיך געטראָפן אין דעם מעמד — איז דער ערשטער חשד געווען, אַז איך בין טאַקע געביסן געוואָרן פון אַ משוגענעם הונט און אַט דאָס דרייען מיט די אויגן איז אַ סימן פון הידראָפאָביע. מען האָט אַריינגערופן דעם דאָקטער — אָבער ער האָט גאָרנישט געפונען.

נישט קיין פוס און נישט קיין האַנט, און נאָר אַ פליגל אין דער נשמה — אויב די נשמה איז אַ באַשעפעניש מיט פליגלען — איז געווען טיף איינגעביסן. און די ווונד איז געבליבן אין איר ביזן היינטיקן טאָג, ביזן לעצטן טאָג. און אָט דאָס איז דער סוף פון דער אומהיימלעכער מעשה.

# די פויגלשטייג

די מעשה פון דער פויגלשטייג האָב איך אייגנטלעך געקענט אויך רופן „דער לערער פון ספר איוב״, ווייל אין מיין זכרון זענען זייביידע אין דער אמתן איין מעשה. אַזוי גיך איך גיב אַמאָל אַ קוק אַריין אין ספר איוב — דערמאָנט זיך באַלד אַ פויגלשטייג, און ווו און ווען איך זע נאָר אַ פויגלשטייג — דערמאָנט זיך מיר באַלד דער ספר איוב. און אַז איר וועט אויסהערן די מעשה, וועט אייך באַלד אַלצדינג קלאָר ווערן. עס וואָלט זיך אַפילו גיכער געפּאַסט, אַז אַ מעשה מיט אַ פויגלשטייג זאָל זיין אין זכרון צונויפגעפּאָרט מיט דעם ספר שיר השירים, אָבער אויף אַ מעשה איז נישטאָ צו פרעגן קיין קשיא.

אין איין שיינעם טאָג האָט זיך אין אונדזער שטעטל באַוויזן אַ מיס־טעריעזער הויכער ייִד מיט אַ האַרטן קאַפּעליוש, מיט שטאַרק אַרויסגע־זעצטע שוואַרצע אויגן, מיט אַ גוט אויסגעקעמטער נישט לאַנגער באָרד, וואָס האָט געהאַט פּונקט די פאָרעם פון אַן אייזערנעם קליינעם רידל אויף צו גראָבן אַ גאָרטן. מיט אַ זייער לאַנגן ציגאַרעטן־פייקעלע פון וויינשל־האָלץ, אין וועלכן עס האָט שטענדיק געגליט אַ קורץ, האַנט־געדרייט ציגאַרעטל. דער ייִד האָט געהייסן לעאָן — נישט לייב, נאָר לעאָן — שאַר־געל און האָט געזאָגט, אַז ער איז פון בראָד, איינער פון די ייִנגערע חכמי בראָד. בראָד איז געווען היפּשלעך ווייט פון אונדזער שטעטל, ערגעץ־ווו סאַמע ביי דער גרענעץ פון רוסלאַנד אין צפון־מזרח פון גאַליציע. אָבער פאַרט פלעגן ייִדן פון בראָד אַמאָל קומען צו אונדז און זיי האָבן דאָך גע־דאַרפט קענען אַזאַ ייִדן ווי לעאָן שאַרגעל. קיינער האָט אים אָבער אין בראָד נישט געקענט. דערפאַר האָט אים באַלד גאַנץ רעדים — מיין שטע־טעלע — יאָ געקענט. שאַרגעל האָט געדאַרפט אַלט זיין צווישן פערציק און פופציק אין יענער צייט און איך — מסתמא אַ יאָר 9 אָדער 10.

וואָס וויל אַזאַ ייִד פון בראָד — וואָס און ווער איז אַפילו אין גאַנץ בראָד געווען אַ סוד — אין אונדזער שטעטל? ער וויל ווערן אַ

העברעיִשער לערער. וואָס קען ער? ער קען אַלץ. תנ״ך קען ער פון אויסנ־ווייניק אות אין אות. זאָגט מען אים אַ פּסוק פון ספר איוב, ווייסט ער באַלד דעם נומער פון קאַפּיטל און אַפילו פון פּסוק. ער קען אויך רש״י — לעאָן שאַרגעל, און לערנען אַ בלאַט גמרא קען ער אויך. און אין דייטש־און־פּויליש איז ער אויסגעקאָכט. עס האָט לאַנג נישט געדויערט און לעאָן שאַרגעל איז געוואָרן ממש פאַרשאָטן מיט תלמידים און תלמידות. און אַז יונגוואַרג איז געוואָר געוואָרן, אַז ער איז נאָך אַ הייסער ציוניסט אויך, האָט ער שוין קיין מינוט קיין פרייע מער נישט געהאַט אין זיין טאָג — פון אַכט אין דער פרי ביז צען ביינאַכט. און אויך מיין טאַטן איז לעאָן שאַרגעל ווילגעפעלן און אויך מיר איז ער ווילגעפעלן. אין איין שיי־נעם טאָג האָט מיך מיין טאַטע גענומען צו לעאָן שאַרגעלן אין זיין גע־דונגענער ווינשטוב אין אַן אָרעם געסל, וואָס ער האָט פאַרוואַנדלט אין אַ קליינער זויבערער קלאַס־שטוב. אויבן־אָן איז דאָרט געהאַנגען אַ בילד פון דאָקטאָר הערצל, וואָס איז נאָך דעמאָלט געווען ביים לעבן. די זויבער־קייט פון דער שטוב, די גרויסע צאָל ביכער אין אַן עטאַזשערקע, האָבן סיי אויף מיר און סיי אויף מיין טאַטן געמאַכט אַ גרויסן רושם. דערצו איז ביי דער סטעליע אין אַט דער קליינער שטוב געווען אַ בלוילעכער רויך פון די קורצינקע האַנט־געדרייטע ציגאַרלעך, וואָס לעאָן שאַרגעל האָט כסדר געפּיפּקעט פון אַ לאַנגן ציגאַרן־שפּיץ פון ווייִנשל־האָלץ. אַז ער האָט סיי ווי כסדר גערויכערט — צו וואָס־זשע האָט ער גענדאַרפט דרייען ציגאַרעטן אין בלויז אַ דריטל פון די פּאַפּירלעך? דאָס איז געווען זיין סוד. מיין טאַטע, וואָס איז געווען אַ ליידנשאַפטלעכער רויכערער, האָט אים די שאלה געפרעגט, אָבער שאַרגעל האָט אַליין קיין ענטפער נישט געוווסט. הייִנט פאַרשטיי איך עס בעסער — עס איז אים פּשוט גע־ווען כסדר לאַנגווייליק, האָט ער כאָטש געוואָלט דרייען כסדר ציגאַרעט־לעך.

אַוודאי וויל מיך לעאָן שאַרגעל צונעמען פאַר אַ תלמיד, אָבער ווען זאָל ער מיט מיר לערנען? זיינע שעהען זענען כסדר פאַרנומען. און עס איז געבליבן, אַז ער זאָל קומען צו מיר צוויי מאָל אַ וואָך, אַזייגער זעקס אין דער פרי. לערנען וועלן מיר אין דעם קינדערצימער, וואָס האָט אַ באַזונ־דערן אַריינגאַנג און קיינער וועט נישט געשטערט ווערן. אויך דאָס מיס־

טעריעזע לערנען שוין פון אַזייגער זעקס אין דער פרי האָט געמאַכט זיין ספּעציעלן רושם. (אַגב — לאָמיר דאָ געבן אַ שפּרונג פופציק־זעכציק יאָר פאָרויס און דערלויבט דעם מעשה־דערציילער אייך צו זאָגן, אַז דאָס דאָזיקע קינדערצימער איז נאָך היינט דאָ און איך האָב אין יאָר 1956 געזען דאָס פענצטער, וואָס ביי זיין פרימאָרגן־ליכט האָב איך אַמאָל־אַמאָל געלערנט מיט דעם לערער לעאָן שאַרגעל. און איצט לאָמיר ווידער געבן אַ שפּרונג פופציק־זעכציק יאָר צוריק — און אָט זענען מיר שוין צוריק ביים מעשה־דערציילן). דער אָפּמאַך מיטן לערער שאַרגעל איז געווען, אַז לערנען זאָל ער מיט מיר דעם תנ״ך מיטן ביאור.

אַז דער טאָג פון דער ערשטער לעקציע איז געקומען בין איך שוין אַזייגער פינף אין דער פרי וואַך געווען. צו דער מינוט איז דער הויכער לערער אַריינגעקומען, קודם־כל האָט זיך באַוויזן דער לאַנגער ציגאַרעטן־שפּיץ, באַלד דערנאָך די באָרד, וואָס האָט געהאַט פונקט די פאָרעם פון אַ רידל צו גראָבן אַ גאָרטן, און צום סוף די אַביסל אַרויסגעזעצטע גרויסע אויגן אונטער דעם קיילעכדיקן ראַנד פון דעם האַרטן קאַפּעליוש און ערשט צום סאַמע סוף אַ שיינער דייטשער: גוטען מאָרגען, זיגמונד! אַזוי ווי ש ו י ן אַרויסגעלייענט פונעם ביאור.

און עס האָט נישט געדויערט קיין מינוט און אין אונדזער קינדער־צימער האָט זיך צעקלונגען: איש היה בארץ עוץ — איוב שמו — עס וואַר איין מאַן אים לאַנדע עוץ און זיין נאַמע וואַר איוב... צווישן פערציק און פופציק האָט מיין לערער שאַרגעל דעמאָלט געציילט זיינע יאָרן און זיין תלמיד מסתמא אַרום ניין, אָדער צען. שאַרגעל האָט צו דעם דאָזיקן לערנען קיין ספר נישט גענוצט, ער האָט געקענט סיי דעם טעקסט און סיי דעם ביאור פון אויסנווייניק. און ס׳איז אַוועק איוב קאַפּיטל איין און קאַ־פּיטל אויס. מיין טאַטע, וואָס איז געווען אַ גוטער בעל־תנ״ך — אַ בלאָט גמרא האָט ער ווייניק געקענט — איז געווען אין זיבעטן הימל פון אָט דעם לערנען. ענדלעך האָט ער אַ לערער מיט אַלע מעלות. נישט לאַנג האָט געדויערט און דער יונגער תלמיד האָט אָנגעהויבן נאָכצוטאָן זיין לערער און אויך זאָגן קאַפּיטלעך איוב פון אויסנווייניק. נישט חלילה גאַנץ איוב, נאָר אַ צענדליק קאַפּיטלעך.

אָבער איוב האָט פאָרט צוויי און פערציק קאַפּיטלעך — איינס שווע־

רער און ביטערער פון אַנדערן — און דער לערער שאַרגעל האָט אָט די 42 קאַפּיטלעך זיכער שוין אַ 4200 מאָל איבערגעלערנט און עס האָט אָנ־געהויבן צו ווערן לאַנגווייליק אי דעם לערער און אי דעם תּלמיד.

אין איין שיינעם פרימאָרגן האָט דער לערער שאַרגעל מיטגעבראַכט מיט זיך עטלעכע קליינע, דינע ברעטלעך, אַ קנויל דינעם דראָט, אַ קנייפּ־צווענגל, אַ העמערל, אַ זעגל און נאָך אַ פּאָר מכשירים. — צו וואָס דאַרפט איר דאָס, לערער? — ער דאַרף עס. עס וועט שוין קלאָר ווערן, דערווייל לערן מיט חשק: ויען אליפז התימני ויאמר — אונד אליפז, דער אויס תי־מן קאַם, אַנטוואָרטעטע זאָ צו זאַגען — — — — דער קאָפּ איז אָבער שוין פאַרט געוועןביים דראָט און ביי די ברעטלעך... דער לערער האָט גע־לערנט מיט חשק און דערווייל געצייכנט אויף אַ בלאַט פּאַפּיר עפּעס אַן אַרכיטעקטאָנישן פּלאַן. אַז דער פּלאַן איז פאַרטיק געוואָרן, איז געווען קלאָר ווי דער טאָג און מיסטעריעז ווי דער ספר איוב, אַז דאָס איז אַ פּלאַן פון אַ פויגלשטייג... איצט איז שוין קלאָרער אַביסל פאַרוואָס איך דאַרף נאָר אָנמאַכן דעם ספר איוב און עס זאָל זיך באַלד פאַר מיינע אויגן באַווייזן אַ פויגלשטייג.

און אַזוי איז דעמאָלט אַוועק אַ פרילינג מיט אַ זומער מיט ספר איוב און מיט אַ פויגלשטייג. צוערשט האָט זיך אי דער לערער און אי דער תּלמיד געהיטן פאַרן טאַטן, אָבער אין איין שיינעם טאָג איז דער לערער צוגעגאַנגען צום טאַטן און האָט אים אַנטפּלעקט דעם סוד פונעם שטייגל, און דאָס שענסטע איז געווען, אַז אויך דעם טאַטן איז דער ענין געפעלן געוואָרן. אַבי דאָס לערנען זאָל נישט ליידן. און דאָס לערנען האָט נישט געליטן, מחמת איצט זענען אַלע געווען וואַך און אַפילו איוב אַליין האָט מסכים געווען, ווייל זיינע קאַפּיטלעך זענען איצט עפּעס לייכטער גע־וואָרן.

די פויגלשטייג האָט דער לערער שאַרגעל געמאַכט נישט פאַר זיך. וואָס דאַרף ער אַ פויגל אין זיין פינצטער שטיבל, וווּ אַפילו בייטאָג ברענט אַ נאַפט־לעמפּל, ווען עס איז נאָר אַביסל נעפּלדיק אין דרויסן. די פויגל־שטייג איז געווען פאַרן תּלמיד. צווישן יאָ און ניין — און אַזוי אַרום דעם קאַפּיטל ט״ו איוב איידער אליפז התימני האָט זיך צערעדט, האָט

דער לערער שאַרגעל מודיע געווען, אַז די שטייג איז פאַרטיק און איצט דאַרף מען זאָרגן פאַר אַ לעבעדיקן פויגל.

דעם לעבעדיקן פויגל האָט זיך אונטערגענומען מיין טאַטע אַליין צו ברענגען. אין איין שיינעם טאָג האָט ער אים טאַקע געבראַכט פון אַ דער־בייאיקער שטאָט, איינגעפּאַקט אין אַ פּאַפּירענעם שאַכטל מיט אַ סך לע־כעלעך, דער פויגל זאָל קענען אָטעמען. עס איז געווען אַ געל־פּעדערדי־קער, קליינער, הילכיקער זינגער, וואָס דער נאָמען פון זיין פויגלשן פאָלק איז שטיגליץ, אָדער שטשיגיעל אויף פּויליש. ער קען טאַקע נישט אויס־זינגען אַזעלכע ניגונים ווי אַ קאַנאַריק, דערפאַר אָבער שפּרינגט ער מער אַרום און עס איז פריילעך מיט אים סיי־וויס־סיי.

זענען טאַקע פריילעך געוואָרן די כמעט פאַרטאָגיקע איוב־לעקציעס מיינע, דער לערער איז אַרומגעגאַנגען איבער דער קינדער־שטוב און גע־דרייט זיינע קורצע ציגאַרעטלעך פאַרן לאַנגן ציגאַרעטן־שפּיץ און געלאָזן רינגלעך רויך צום הויכן סופית; פון דאָרט ווידער ערגעץ גאַנץ הויך האָט פון זיין שטייג אַרויסגעטרילערט זיין מאָרגן־ליד צו די שטיגליץ־געטער דער גאָלד־געל־פּעדערדיקער פויגל און ביים טיש האָב איך מיט מיין יינגל־צינגל געצוויטשערט די פּסוקים פון איוב — אחד לשון קודש ואחד לשון אַשכנז.

אַז מיר זענען אָנגעקומען צום צוויי־און־פערציקסטן קאַפּיטל איוב איז שוין דאָס יאָר אַריינגעפאָרן אַ שניק אין זומער אַריין און דער לע־רער שאַרגעל איז שוין געווען אַזוי געלאַנגווייליקט, אַז נישט שפּאַצירט האָט ער שוין איבער דער שטוב בשעת די לעקציעס, נאָר ממש געלאָפן אַהין און אַהער. דערפאַר האָט זיך אָבער דאָס יינגל־צינגל פון זייז ביז איצט גוטן תלמיד קוים געשלעפּט — פּסוק ביי פּסוק אַזוי ווי איבער גרודעס. און דער שטשיגיעל אין דער פויגלשטייג דאָרט אויבן אונטער דעם סופית אויף אַ הויכער וואַנט — אַזוי גיך ער האָט אין דער פרי דער־הערט דעם ערשטן פּסוק איוב איז ער תיכף אַנטשוויגן געוואָרן — אָט אַזוי ווי ער וואָלט געזאָגט: פאַר מיין פויגלשן מוחל — געענוג איוב. און נאָר די דריי פריינד — די שלשת רעי איוב זענען נישט מיד געוואָרן צו פירן מיט זייער אומגליקלעכן חבר דעם אייביקן וויכוח, וואָס וועט איבערלעבן אַלע זינג־פייגל פון דער וועלט און אַלע מלמדים און אַלע תלמידים.

איינמאָל איז דער לערער שאַרגעל אָרייַנגעקומען פונקט ווען איך האָב געריייניקט די פויגלשטייג, דאָס קונסט־ווערק מעשי ידיו, און געפיטערט דעם בידנעם זינגער מיינעם. איך בין אַראָפּגעשפּרונגען פון דעם קליינעם לייטערל און — — — פאַרגעסן צו פאַרמאַכן דאָס שטייגל־טירל. זומער איז געווען און דער אויבערשטער טייל פון צימער־פענצטער — אויך נאַטירלעך, אָפן. מיר האָבן אָנגעהויבן צו לערנען. דער לערער האָט געזאָגט אַ פסוק פון אויסנווייניק און איך — אין ספר.

דערהערט — ווידער ספר איוב, האָט דער שטיגליץ פאַרצווייפלט אַ קלאַפּ געטאָן אין זיין טירל און עס געפונען אָפן. אַ רגע האָט ער איצט געבלאָנדזשעט אונטער דעם סופיט און געפאָכעט מיט די געלע פליגעלעך און אָט איז דאָס אָפענע פענצטער, דער דרויסן, דער זומער, די לופט, די פרייהייט, דער הימל, די ביימער — און אָט זעען מיר שוין אַלע, אַלע — דער לערער שאַרגעל, איך און אַפילו איוב און די דריי פריינד זיינע, אַז דער פויגל איז אויף דער פריי און ער זיצט אויף דעם גרויסן צעצווייגטן און צעבלעטערטן מאַרווע־בוים, וואָס אין גאָרטן אַנטקעגנאיבער דעם פענצטער, און ער צוויטשערט זיין פרייהייט־ליד. און נאָך אַ צוויטשער און נאָך אַ פלי און ער איז פאַרשוואונדן, פאַרשוואונדן, פאַרשוואונדן — און איבערגעלאָזן נאָך זיך אַ גאָלדענע בענקשאַפט... אַוודאי האָב איך מיך געצוויינט. ווי דען אַנדערש?

פון אַ קאַפּיטל איוב אין יענעם טאָג איז נאַטירלעך קיין רייד מער נישט געווען. אַנשטאָט דעם איז איצט געשטאַנען דער לערער שאַרגעל אי־בער זיין קליינעם תלמיד, פאַרצווייפלט ווי אַ גרויסער איוב צוליב דעם אַוועקגעפליגענעם פויגל — — — און ער האָט אים געטרייסט און גע־טרייסט, אָבער אָן הצלחה.

איצט איז אייך שוין גאַנץ קלאָר, האָף איך, פאַרוואָס, אַז איך זע אַ פויגלשטייג, דערמאָנט זיך מיר איוב און אַז איך קוק אַריין אין ספר־איוב, דערמאָנט זיך מיר אַ פויגלשטייג.

# שיכורע לערערס

פיר יאָר פון מיין קינדהייט, פון מיין צענטן ביז מיין פערצנטן לעבנס־יאָר, אין די יאָרן 1903 ביז 1907, ביז עס איז געבוירן געוואָרן מיין יינגערער ברודער הערץ, בין איך געווען איין קינד אין שטוב. מיין עלטערער ברודער מאָניע כסדר אין ווייטערע שטעט, אין גימנאַזיעס — און איך איינער אַליין. דערצו איז געווען אַ פאַרבאָט צו חברן זיך מיט קינדער פון שטעטל אָן דעם טאַטנס וויסן. די ערשטע קלאַסן פון דער פאָלקס־שולע האָב איך שוין געהאַט געענדיקט און גימנאַזיע האָב איך געלערנט ווי אַן עקסטערן ביי פּריוואַטע לערערס. און לערערס זענען אין שטעטל נישט געווען קיין סך, וואָס זאָלן קענען לאַטיין און גריכיש.

אין מיין קינדישער איינזאַמקייט האָבן זיך צו מיר געטשעפּעט אַלער־ליי קינדישע פאַנטאַזיעס און משוגעתן. איך האָב געלייענט אָן אַ שיעור און נישט קיין קינדער־ביכער. זיי זענען גאָרנישט געווען בנמצא אין שטעטל, אַפילו ווען איך וואָלט געוואָלט לייענען אַזעלכע ביכער. איך האָב אָנגעהויבן שרייבן פאַנטאַסטישע מעשיות: און נישט אַנדערש ווי אין העב־רעיש און נישט אַנדערש ווי אין סטיל פון חומש. אין חדר בין איך נישט געגאַנגען. העברעיש האָב איך געלערנט ביי פּריוואַטע לערערס מיט דייטש אַלס לימוד־לשון. איינמאָל האָב איך אַ גאַנצן העברעיש־פּוילישן ווערטער־בוך איבערגעשריבן אויף קאַרטלעך אויף פּויליש־העברעיש — פאַרקערט. יאָרן שפּעטער האָב איך נאָך אַלץ דעם דאָזיקן אַליין־געמאַכטן ווערטערבוך באַנוצט. זינד האָבן זיך צו מיר געטשעפּעט און איך האָב אָנגעהויבן כאַפּן טיטון און פּאַפּירלעך פון טאַטנס רויכער־מכשירים, דרייען זיך ציגאַרעטן אין פינצטערע שטובן און רויכערן ביי די טירלעך פון די מיט האָלץ אָנ־געפּילטע און ברענענדיקע אויוונס, אַז דער רויך זאָל אַריין אין קוימען און זיך נישט פילן אין שטוב. דערצו האָב איך פאַנטאַזירט וועגן אַלערליי דערפינדונגען און פּאַטענטן און כסדר ביי עפּעס געמייסטרעוועט. איך האָב געקליבן אַלטע פּאָסט־מאַרקעס און אַלטע מטבעות. אַזוי צען חדשים

אין יאָר, ווען מיין ברודער איז געווען אין ווייטערע שטעט. אין די צוויי וואַקאַציע־חדשים האָט זיך מיין לעבן אינגאַנצן איבערגעביטן, אָנשטאָט מדברדיקער איינזאַמקייט — אָן אַ שיעור חברים, שפּאַצירן, וויכוחים אויף אַקטועלע טעמעס, ציוניזם, סאָציאַליזם, ליטעראַטור, קונסט, פילאָזאָפיע. אַ סך מישן זיך אין די שמועסן האָב איך נישט געקענט, אָבער איינגעזאַפּט האָב איך אַלץ ווי אַ שוואָם. אַז די וואַקאַציעס פלעגן זיך ענדיקן, די זומער־פייגל, צוזאַמען מיט די זומער־חברים און מיין עלטערן ברודער זיך צעפליען, בין איך ווידער געבליבן אַליין, אַליין מיט מיין איינזאַמקייט, מיינע פאַנטאַזיעס, מיינע דערפינדונגען, מיינע ביכער, מיינע אַלטע שי־כורע גימנאַזיע־קאָרעפּעטיטאָרן און איינמאָל אַפילו מיט קינדישע געדאַנ־קען פון מאבד עצמי לדעת זיין...

**
*

צוויי מעשיות פון צוויי פון די דאָזיקע לערערס וועל איך דאָ דער־ציילן.

איינער האָט געהייסן יאַן סטאָלאַרסקי. נאָך היינט שטייט ער מיר פאַר די אויגן און איך הער זיין גוטע שטימע און זע דאָס טיפּישע, פּויליש־שע פּנים פון אַן אינטעליגענט מיט אַ טונקל־בלאָנדער באָרד. ער האָט גע־ווינט אין אַ שיינער הילצערנער הייזקע אַביסל אַרויס פון שטעטל. דאָס הויז האָט באַלאַנגט צו מיינעם אַן עלטער־פעטער, אַ ווילדן חסיד מיט פאות ממש ביזן גאַרטל און דער לערער איז אייביק שולדיק געווען דירה־געלט. ער איז געווען אַ מטופל מיט זיבן קינדער און צו צאָלן איז פּשוט נישט געווען מיט וואָס. סטאָלאַרסקי פלעגט נאָך דער לערערישער אַרבעט אין דער אָרטיקער פּאָלקס־שולע אַרומלויפן מיטן שטעקעלע און מיט אַ דינעם מאַנטעלע מיט אַן אָפּגעקראָכן קרעגעלע אויף פּריוואַטע לעקציעס. יאָרן־לאַנג האָט ער אויך מיך צוגעגרייט צו מיינע גימנאַזיע־עקזאַמענס.

די לעקציעס מיט מיר פלעגן פאָרקומען אין אַ מיטלסטער שטוב, דאָרט ווו עס איז געשטאַנען די אייזערנע קאַסע און אויף דעם נישט צו־הויכן קאַסע־קאַסטן איז אייביק אין אַ ווינקעלע געשטאַנען אַ קרישטאָלן פלעשעלע מיט ריינסטן 96ער בראָנפן און דערביי אַ טעצל מיט ציבעלע־פלעצלעך, אָדער זיסע מאַנדל־קיכלעך. לרוב זענען אין שטוב ביי די לעק־

ציעס געווען מענטשן אַרום; די מאַמע אין אַ צווייטן צימער, אַמאָל אויך דער טאַטע אַפּילו אין זעלבן צימער. געוויינטלעך די דינסטן אין קיך און טיילמאָל ביים זעלבן טיש איינער פון מיינע ווייניקע חברים. וואָס האָט געוואָרט אויפן סוף פון דער לעקציע. אין אַזעלכע פאַלן פלעגט מען אַלע מאָל דעם פאַן סטאָלאַרסקי ביים סוף פון דער שטונדע אָנביטן צום דער־וואַרעמען אַ גלעזל בראָנפן מיט אַ קיכל און מען האָט איבערגעביטן אַ פּאָר העפלעכע ווערטער און סטאָלאַרסקי פלעגט אַ קוק טאָן אויף זיין גרויסן ציבעלע־זייגערל, זאָגן אַ גוט וואָרט אי אויפן קיכל און אי אויפן בראָנפן און נעלם געוואָרן. אַנדערש אָבער — ווען עס איז קיינער אין שטוב נישט געווען. דעמאָלט פלעגט דער לערער אַליין צוגיין צום קאַסע־קאַסטן, אַראָפּ־נעמען מיט כוונה דאָס פלעשל מיט דעם טעצל אויפן טיש, מיר פאַרגעבן עפּעס אַ לאַנגע לאַטיינישע אויפגאַבע אויף אָפּצושרייבן, אָדער פאַרלייע־נען עפּעס אַ לאַנגן טעקסט און אַליין האָט ער זיך פאַרנומען מיט דעם פלעשל און מיט די קיכלעך. מער ווי דריי־פיר קיעלישיקלעך האָט ער סיי ווי נישט געקענט אויסטרינקען ווייל דאָס וואָלט זיך צו שטאַרק אָנגעזען.

אָבער איינמאָל האָט זיך דער לערער סטאָלאַרסקי אינגאַנצן פאַר־געסן. גינציקע און אומגינציקע אומשטענדן האָבן צוגעשפּילט. ערשטנס האָב איך אים געזאָגט, אַז טאַטע און מאַמע זענען ערגעץ אַוועקגעגאַנגען אויף עטלעכע שעהן, צווייטנס זענען די דינסטן פאַרנומען מיט הענגען וועש אויפן בוידעם און דאָס האָט אַלעמאָל געדויערט עטלעכע שעה, און דריטנס — אָבער דאָס בין איך ערשט געוואָר געוואָרן שפּעטער — האָט שוין סטאָלאַרסקי אפשר אַ האַלב יאָר קיין דירה־געלט נישט געצאָלט. דערצו איז דאָס פלעשל נאָר־וואָס אָנגעפילט געוואָרן ביזן העלדזל און אויפן טעצל זענען צוגעלייגט געוואָרן אי מאַנדל־ברויטלעך און אי ציבע־לע־פלעצלעך. סטאָלאַרסקי האָט מיר פאַרגעבן גענוג אַרבעט אויף אַ שעה צייט, איבערצושרייבן, איבערצוזעצן און פאַרצולייענען. ער אַליין האָט תיכף אַראָפּגענומען דאָס גאַנצע געשטעל פון קאַסע־קאַסטן און האָט — נישט לאַנג געטראַכט — לויטן שטייגער פון פּאַליאַקן, וואָס מען האָט זיי מכבד געווען מיט אַ יידיש גלעזל יי״ש אַ זאָג געטאָן צו מיר „לחיים!" אויף יידיש און איבערגעקערט דאָס ערשטע גלעזעלע און פאַרביסן מיטן ערשטן קיכל. ער האָט מכלומרשט זיך אַביסל צוגעהערט צו מיין לאַטיין

און האָט באַלד אַריינגעקערט דאָס צווייטע גלעזעלע, שוין אָן אַ לחיים. אַרומגעדרייט זיך אַביסל איבער דער שטוב, מכלומרשט געזאָגט אַז עס איז אַ מוראדיק קאַלטער טאָג היינט און ער איז פאַרקילט, און איבערגעקערט דאָס דריטע גלעזעלע. און אַבי דאָס דריטע גלעזעלע איז געווען אין סטאָ־לאַרסקיס הונגעריקן מאָגן האָט ער שוין פאַרגעסן דעם תלמיד מיטן לאַ־טיין און די מעגלעכקייט, אַז עמעץ וועט אין שטוב פּלוצלינג אַריינקומען, און עס האָט זיך אים אויך געגלוסט צו פאַרגעסן זיין ביטערע דאָליע מיט מיין חסידישן פעטער לייבוש, וועמען ער איז שולדיק געווען פאַר אַ האַלב יאָר דירה־געלט. און געוווּסט האָט סטאָלאַרסקי, אַז אויב ער האָט זיבן קינדער — האָט דער פעטער לייבוש ווער ווייסט וויפל און אַ סך רייכער פון אים, דעם לערער, איז ער אויך נישט. אָבער אָט דאָס שולדיקע דירה־געלט מיט די זיבן קינדער אין שטוב האָבן זיך נישט געלאָזט אַראָפּשווענ־קען פון געוויסן, נישט מיטן פערטן גלעזל און אויך אַפילו נישט מיטן זיבעטן.

איך בין געווען דערשראָקן אויף האַלב־טויט און אין מיין שרעק האָב איך סקאַנדירט די לאַטיינישע פערזן מיט אַזאַ התמדה, אַזוי ווי יינגלעך אין חדר לערנען חומש. איך האָב געלייענט הויך אויף אַ קול — און מיין לאַטיין האָט זיך איצט אין מיין פאַנטאַזיע פאַרוואַנדלט אין אַ מין קריאת־שמע־לייענען, אַז מען גייט אַליין דורך אַ פינצטער געסל צו חצות. איך האָב געבעטן גאָט מיט מיין לאַטיינישער קריאת־שמע, אַז קיינער זאָל איצט אין שטוב נישט אַריינקומען און אַז דאָס פלעשל זאָל זיך וואָס גי־כער ענדיקן, אפשר זאָל איך עס גאָר איבערקערן און אויסגיסן, און דער לערער זאָל כאָטש קענען אַראָפּגיין פון די טרעפּ אַליין, און חוץ דעם האָב איך מיך דערמאָנט ווי אַזוי סטאָלאַרסקי האָט אַמאָל געשלאָגן זיין עלטסטן זינדל עדזיאַ, וואָס איז געווען מיין חבר...

דאָס פלעשל האָט זיך בלויז אויף אַ העלפט געענדיקט, אויסגעגאָסן האָב איך עס נישט, האָב נישט געהאַט געניג מוט — און סטאָלאַרסקי איז פּלוצלינג געוואָרן זייער ניכטער, האָט דאָס פלעשל און דאָס גלעזעלע און דאָס טעצל מיט די קיכלעך אַרויפגעשטעלט ווו זיי באַלאַנגען — אויפן קאַסע־קאַסטן און אַליין איז ער צוריקגעקומען צום טיש, האָט זיך אַוועק־געזעצט נעבן מיר. אַ רגע האָב איך געמיינט, אַז אַלץ איז שוין פאַרביי

און מיר וועלן זיך אַ בעם טאָן צום לאַטיין. אָבער דאָ האָט סטאָלאַרסקי אַ שוידער געטאָן מיטן גאַנצן מאָגערן גוף זיינעם, האָט אויסגעשטרעקטביידע הענט איבער דער ברייט פון גרויסן טיש, אַראָפּגעלאָזט דעם שיינעם קאָפּ מיט דער טונקל־בלאָנדער באָרד אויפן טיש־ברעט און האָט גענומען יאָמערלעך וויינען און כמעט ניט שרייען:

— קינד מיינס — פאַרמשפּט מיך נישט! איך בין נישט שולדיק — דאָס איז נאָר די נויט — דער וואָרעם, וואָס טאָטשעט אין דער נשמה — קיין דירה־געלט נישט געצאָלט שוין מער ווי אַ האַלב יאָר — און עס גייט צו ווינטער — קיין האָלץ איז נישטאָ — פאַרמשפּט מיך נישט, קינד מיינס. אפשר קענסטו עפּעס טאָן פאַר מיר.

ער האָט געכאַפּט דעם דינעם מאַנטל און דאָס שטעקעלע, גיך אַראָפּ־געכאַפּט דעם אַרטיסטישן ווייכן הוט פון דעם קאַסע־קאַסטן, אַ רגע אַ לעצט מאָל אַ קוק געטאָן אויפן פלעשל, אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און איז אַרויסגעלאָפן פון שטוב, פאַרהאַקט די טיר און אַראָפּגעלאָפן פון די טרעפּ.

טעג האָב איך מיך אַרומגעדרייט מיט מיין סוד וועגן דער אויפפירונג פון דעם לערער יאַן סטאָלאַרסקי. ענדלעך האָב איך אַלץ אויסגעזאָגט דער מאַמען און די מאַמע האָט עס משמעות דערציילט דעם טאַטן. די לעקציעס מיט דעם לערער זענען פאָרגעקומען צוויי מאָל אין וואָך — און אַ פחד האָט מיך אַרומגענומען, אַז איך האָב באַמערקט, אַז דער טאַטע בלייבט ספּע־ציעל צו מיין נאָענטסטער שטונדע. איך האָב דערוואַרט אַ קאַטאַסטראָפע. אין מיינע אויערן האָבן כסדר געקלונגען: קינד מיינס — פאַרמשפּט מיך נישט! און דאָ האָב איך אָפּגעטאָן אַזאַ זאַך, איך האָב דערציילט.

און אָט איז סטאָלאַרסקי, ווי קיינמאָל גאַרנישט. מיר נעמען זיך צו דער לעקציע. דאָ גיט אָבער דער טאַטע פּלוצלינג אַ רוף סטאָלאַרסקין אויף אַ סוד אין דער צווייטער שטוב. דאָס פּנים פון לערער איז געוואָרן גרוי ווי אַש, זיינע הענט האָבן אַביסל אונטערגעציטערט. אַפילו דאָס גאָלדענע חור־פה־רינגעלע אויף דעם דיך־לאַנגן מיטל־פינגער זיינעם האָט געציטערט. און מיר האָבן די ציינער אָנגעהויבן צו קלאַפּן פון שרעק — ווער ווייסט וואָס פאַר אַ קולות עס וועלן באַלד קומען פון דער צווייטער שטוב. נאָר אַנשטאָט די קולות איז סטאָלאַרסקי אַליין באַלד אַרויסגעקומען פון דער שטוב, הינ־

טער אים דער טאַטע. סטאָלאַרסקי איז אַ צעשטראָלטער, ער גיט מיר אַ קוש אין קאָפּ:

— קינד מײנס, זאָלסט דיך גוט לערנען — פאַר אַ האַלב יאָר אין פּאַריס האָט מיך דײן טאַטע באַצאָלט — אַ האַלב יאָר פּאַריס!

קײן בעסערע לאַטײן־לעקציע װי אין יענעם טאָג האָב איך אין מײן לעבן מער נישט געהאַט. אינגאַנצן ברוגז געװאָרן מיטן קרישטאָלענעם פלעשל און מיט די ציבעלע־פּלעצלעך איז סטאָלאַרסקי — נישט. אָבער מער װי אײן גלעזל בײ יעדער לעקציע האָט ער שױן נישט געטרונקען.

**
*

און אָט איז די צװײטע מעשה מיט אַ שיכורן לערער. ער האָט גע־הײסן פראַנצישעק פּיראַמאָװיטש, ער איז געװען דער דירעקטאָר פון דער פאָלקס־שולע און עס איז געװען אונטער זײן כבוד צו גײן צו זײנע תל־מידים. איך פלעג קומען צו אים און געלערנט האָט ער מיט מיר נישט אין זײן פּריװאַטער דירה — כאָטש ער האָט געװױנט אין דער שולע — נאָר אין אײנער פון די גרױסע, אומעטיקע קלאַסן. אין װעלכע עס איז אײביק געשטאַנען אַ זױערלעכער ריח פון שװאַרצן דאַרפישן ברױט. פּי־ראַמאָװיטש איז געװען אַ הױכער, שױן אַ גרױער און זײער אַ שטרענגער. פון שטענדיקן ציגאַרעטן־דרײען און רױכערן זענען זײנע פינגער, זײנע גרױסע װאָנצעס און די באָרד אַרום מױל געװען ניקאָטין־ברױן. גערעדט האָט ער אײביק מיט אַ געבײזער. אױך בײ אים האָב איך אַ צײט־לאַנג געלערנט און די לעקציעס זענען געװען אַ מוראדיקע אָפּקומעניש.

שפּעטער־לאַנג האָב איך אָפּט געדאַרפט װאַרטן אין פּוסטן נאָכמיטיק־קלאַס, אָפּטמאָל אין אַ פינצטערן פאַרנאַכט, אָן ליכט. אױף דעם דירעק־טאָר פּיראַמאָװיטש. צו די צרות האָט די שולע געהאַלטן אַ בײזן הונט און װי נאָר ער האָט דערהערט שריט אין די פּוסטע קאָרידאָרן האָט ער באַלד אָנגעהױבן אַרומלױפן און האַװקען און זוכן דעם גײער... און דער גײער בין אָפּט איך געװען.

אױך פּיראַמאָװיטש האָט נישט פײנט געהאַט אַ גלעזעלע און די דאָ־זיקע מכשירים האָט ער. אױס מורא פאַר זײן קסאַנטיפּע, װאָס איז נאָך בײ־זער געװען פון אים, געהאַלטן אין זײן שאַפּקעלע אין קלאַס־צימער.

און אין איין שיינעם טאָג וואַרט איך און וואַרט אויף אים אין קלאַס, אַ שעה און צוויי און ער קומט נישט. עס איז געווען אָסיען, עס איז געוואָרן שפּעט פֿאַרנאַכט. אין דעם גרויסן צימער מיטן ריח פֿון זויערן שוואַרץ־ברויט זיץ איך אין אַ ווינקל איינער אַליין מיט אַ טאָפּלטער מורא. עס איז נישט צום בלייבן און נישט צום אַוועקגיין. נאָר אָט הער איך שריט און דער דירעקטאָר קומט אַריין. ער זעט מיך נישט. ער גייט גלייך צו דער קאַטעדרע פֿון קלאַס. זיצט אַ ווייל פֿאַרטראַכט און עפֿנט פּאַוואַ־לינקע זיין שאַפֿקעלע און נעמט אַרויס יענע מכשירים, וואָס איך קען אַזוי גוט און מיט אַזוי פֿיל שרעק פֿון דעם קאַסע־קאַסטן אין שטוב ביי אונדז און איך געדענק דאָס צו גוט זינט דער טרעפּעניש מיט דעם לערער סטאַ־לאַרסקי. ער קוקט לאַנג אויפֿן פֿלעשל. ענדלעך גיט ער אַ מאַך מיט דער האַנט, גיסט אָן אַ גלעזל און קערט עס איבער. אָט פֿאַרמאַכט ער שוין די מכשירים צוריק אין שאַפֿקעלע. אָבער ניין, נאָך אַ מאַך מיט דער האַנט און ער גיסט אַריין נאָך אַ גלעזעלע.

איך צי איין דעם אָטעם, קאָרטשע מיך איין, וואָלט צום בעסטן אין גאַנצן נעלם געוואָרן. אפֿשר אַ הוסט טאָן איידער עס איז צו שפּעט? איצט איז ער נאָך נישט שיכור. סיי־ווי וועט ער שרייען, אָבער עס וועט נאָר אָפּגיין מיט שרעק. אָבער שפּעטער, ווער ווייסט. און אָט הייבט אָן דער דירעקטאָר צו רעדן צו זיך. צוערשט געלאַסן, שפּעטער בייזערט ער זיך. שפּעטער בעט ער זיך ביי עמעצן. די ווערטער קען איך נישט דערכאַפּן. זיי אינטערעסירן מיך נישט סיי־ווי. איך בין איצט אַליין אין געהאַקטע ווונדן. דערווייל אָבער שטעלט פּיראַמאָוויטש דאָס פֿלעשל אַריין און אַרויס און צווישן איין אַריין און אַרויס פֿון שאַפֿקעלע — נאָך אַ גלעזל און נאָך איינס. ער גיט אַ קוק אויפֿן זייגער, קוים וואָס ער זעט די שעה אין דער דריי־פֿערטל־פֿינצטערניש. איצט רעדט ער עפּעס זייער גיך צו זיך — און איך הער די לעצטע ווערטער: ער איז מיר אַנטלאָפֿן — דער הונט! — — ער פֿאַרשליסט איצט זייער רעזאָלוט דאָס פֿלעשל אין שאַפֿקעלע און ער גייט אַוועק און ער דרייט מיט אַ בונט שליסלען. עס פֿאַלט מיר איין, אַז ער וועט מיך פֿאַרשליסן. און איך גרייט מיך שוין צו אַ מוראדיקן אויפֿ־שריי אַזוי גיך איך וועל דערהערן דאָס דרייען פֿון שליסל. אָבער ער האָט נאָר פֿאַרקלאַפּט די טיר.

איך האָב געכאַפּט די ביכער, דאָס מאַנטעלע און אַפּילו די קאַלאָשן אויף די הענט און בין אין דער פינצטערניש — נאָך שנעלער ווי אַ פּלע־דערמויז — אַזוי גיך אַנטלאָפן. אַז אַפּילו דער בייזער כלב פון דער שולע האָט ערשט אָנגעהויבן צו בילן ווען איך בין שוין געלאָפן ווי אַ ווינט פון די שטיינערנע טרעפּ פון פאַר דעם גרויסן טויער פון דער שולע. ער איז מיר נאָכגעלאָפן אַביסל אין דרויסן, אָבער אַפּילו דער הונט האָט מיך נישט געקענט דעריאָגן.

אויך די מעשה האָב איך סוף־כל־סוף דערציילט דער מאַמען און דאָס איז געווען מיין לעצטע לעקציע ביי פראַנצישעק פּיראַמאָוויטש.

# די קלוגמאַנס

דעם זיידנס — יאָסעלע ראָזענבלאַטס — קאַמעניצע אין רעדים, מיין שטעטל, האָט געהאַט איר פראַנט צום רינגפלאַץ צו. זי האָט אָבער געהאַט אַ גרויסן גאָרטן הינטער זיך און אין אָט דעם גאָרטן אַ וועלט פאַר זיך. אָט דער גאָרטן האָט געהאַט פראַנטן צו דריי געסלעך און לוקלעך. זיי האָבן נישט געהאַט קיין ספּעציעלע נעמען — יעדנפאַלס האָט קיינער נישט געוווּסט ווי אַזוי זיי צו רופן. דאָס לינקע האָט געהייסן „לוק", דאָס רעכטע האָט געהייסן „געסל" און דאָס הינטערשטע האָט געהייסן „הינטערגעסל". אין דעם גאָרטן זענען געווען צוויי הייזער: צום הינטערגעסל צו איז געווען דער הקדש, וואָס דער זיידע האָט אויפגעבויט. צום געסל צו איז געשטאַנען אַן אַלט — אוראַלט — טיפּיטשנע קליין־פּריציש, געבויט הייזל, וואָס האָט געהאַט אַ הויכן שינדל־דאַך. אַ סך העכער ווי דאָס פּאַרטער־הייזל אַליין. דערצו האָט עס געהאַט אַ טיפן קעלער, אַזוי ווי אויף צו באַהאַלטן זיך אין צייטן פון מלחמות. דאָס הייזל האָט געהאַט פיר צימערן. פענצטער מיט אַכט שייבלעך אין יעדן, און אויך אַן אייגענעם גאָרטן. וואָס איז געווען אַביסל אָפּגעצוימט פון דעם אַלגעמיינעם גאָרטן פון דער קאַמעניצע. דאָס דאָזיקע הייזל איז דערצו געשטאַנען אַביסל העכער, אויף אַ מין בערגעלע — אפשר... פיר פוס הויך.

אַלטע לייט האָבן דערציילט, אַז דאָס הייזל איז איינס פון די עלטסטע אין שטעטל. אין אָט דעם הייזל האָט, אפשר אַ פערטל יאָרהונדערט לאַנג, און מיט אפשר אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק, איידער אונדזער מעשה הייבט זיך אָן, געוווינט אַ פּוילישער דיכטער מיט דעם נאָמען יאַן זאַכאַריאַשעוויטש. ער האָט געשריבן זייער אומעטיקע לידער. זייער אַסיענדיקע. אין יעדן ליד זיינעם האָט געכליאָפּעט אַ קאַלטער רעגן און עס האָט זיך געשטעלט אַ האָפענונגסלאָזע בלאָטע. ער האָט אויך געשריבן ראָמאַנען וועגן דער נויט פון די אָרעמע פויערים און זייער קאַמף פאַר אַביסל אַ בעסער לעבן און בילדונג פאַר זייערע קינדער. אין די שפּעטערדיקע

יאָרן פון מיין לעבן האָב איך מיט מי די לידער פון יאַן זאַכאַריאַשעוויטש — און אויך די ראָמאַנען זיינע — אויפגעזוכט און עס האָט זיך באַשטע־טיקט. שוואַרץ אויף ווייס, פון ביאָגראַפישע נאָטיצן, אַלץ, וואָס מיין זיידע האָט דערציילט וועגן אָט דעם דיכטער. וואָס ער האָט אים נאָך גוט גע־קענט.

אין אָט דעם הייזל מיט דעם פּראַנט צום געסל האָט, זינט איך גע־דענק מיך אַ לעבעדיקן, געוווינט די פאַמיליע קלוגמאַן. וועגן אָט דער פאַמיליע וואָלט מען געדאַרפט אויפשרייבן אַ סאַגא. אַ לאַנגן ראָמאַן, אָבער דאָס איז נישט קיין ענין פאַר אַ מעשה־דערציילער — און דעריי־בער וועל איך דאָ נאָר בקיצור דערציילן די מעשה פון אָט דער משפחה.

פיר זענען זיי געווען: די אַלטע, די מאַמע; אַטיליע, די עלטערע טאָכטער; איגנאַצי, דער זון; וויקטאָריאַ, אָדער וויקטאַ, די ייִנגערע טאָכ־טער. ערגעץ־ווען אין די אַכציקער־ניינציקער יאָרן פון ניינצעטן יאָרהונדערט האָט זיך די משפחה באַזעצט אין רעדים. שוין דעמאָלט איז קיין פאָטער נישט געווען, ער איז געשטאָרבן זייער יונג פון אַ לונגען־פעלער, ווי דאָס איז דעמאָלט געווען אין דער מאָדע ביי אינטעלעקטועלע משפּחות. מיט דער משפחה האָט זינט זיין טויט אָנגעפירט די „אַלטע" און געוואָרן איז זי די „אַלטע", ווען זי איז קוים דרייסיק יאָר אַלט געווען. איר ערשטן נאָמען האָט קיינער נישט געוווּסט. משמעות, אַז דאָס איז געווען זייער אַ ייִדישער נאָמען, אפשר חיה, אפשר שרה, אפשר גאָר שפּרינצע, אָדער יענטע.

די קלוגמאַנס זענען אַלע געווען מאָגערע, נישט קיין שיינע, זייער חנוודיקע, האָבן אַלע געהאַט זייער לאַנגע נעזער, זענען אַלע געווען טור־בערקולאָז — חוץ דער אַלטער — זענען אַלע געווען גרויסע אינטעליי־גענטן און האָבן אינגאַנצן נישט געהאַט קיין גאַל. זייער גוטסקייט האָט נישט געהאַט קיין גרענעצן. אַלע, אַפילו אומגערעכטע, האָבן זיי פאַרטיי־דיקט, געפונען זכותן אויף זיי. אַלעמען זענען זיי גרייט געווען צו טאָן טובות. פון קיינעם האָבן זיי גאָרנישט געפאָדערט.

די קלוגמאַנס זענען געווען ייִדן און האָבן עס קיינמאָל נישט גע־לייקנט, צי און וועלכע מיטגלידער פון זייער משפחה זענען אויך געווען געשמדט, דאָס איז מען קיינמאָל נישט דערגאַנגען. זיי זענען נישט גע־

גאַנגען אין קלויסטער און זענען נישט געגאַנגען אין בית־המדרש, אָבער אַטיליע, די עלטסטע טאָכטער — די מיט דער לענגסטער און שפּיציק־סטער נאָז — האָט יעדן אין דער פּרי געזאָגט, מיט צוזאַמענגעלייגטע הענט, דעם פּאַטער נאָסטער, דעם קאַטוילישן פּאַטשיעזש, מיט די קינדער אין דער שולע. זי איז געווען אַ לערערין — און די בעסטע אין דער גאַנ־צער שולע. די משפחה האָט זיך געחברט מיט ייִדן און מיט גויים און אַלע האָבן זיך צו דער משפחה באַצויגן ווי צו היילִיקע. אין אָט דעם אַלטן הייזל מיט די אַכט־שייבלדיקע פענצטער פלעגט מען קומען ווי אין אַ טעמפּל, וווּ עס הערשט נאָר איין גאָט פאַר אַלע מענטשן גלייך און אַלע מענטשן זענען נאָר מענטשן און דינען נאָר איין גאָט און גאָטס איינציקע זאָרג איז נאָר גוטסקייט.

די איינציקע פּרנסה־ברענגערין אין דער שטוב פון די קלוגמאַנס איז געווען אַטיליע, די עלטסטע, די לערערין אין דער אָרטיקער פאָלקס־שול. זי האָט געהאַט אַ מילדע און איינטאָניקע שטימע און אַלע אירע ווערטער זענען געווען וויסן און גוטסקייט. אירע רייד האָבן איינגעשלע־פערט אַלע בייזע כוונות אין דעם צו וועמען זי האָט גערעדט. זי האָט געאַרבעט פון פינצטער ביז פינצטער און נאָך לענגער. אין דער פרי אין שולע און נאָכמיטיק — פּריוואַטע לעקציעס. זי האָט אַלץ געקענט, וואָס מען דאַרף קענען פון דער ערשטער קלאַס פאָלקס־שול ביז דער אַכטער קלאַס גימנאַזיע. זי האָט געאַרבעט אַלע זיבן טעג אין וואָך און אַלע 12 חדשים אין יאָר. אויך די „אַלטע" האָט אַזוי געאַרבעט ווי אַטיליע, כדי מען זאָל אויסקומען מיט די פאַרדינסטן און נישט דאַרפן אָנקומען צו מענטשן. די אַלטע פלעגט פון צייט צו צייט אַריינוואַרפן אַ ייִדיש וואָרט אין אירע רייד, זי האָט עס נאָך געקענט און זיך דערמיט נישט באַהאַלטן. אַזוי ווי טריף פלייש איז געווען אַ פאַר גראָשן ביליקער אויפן פונט, פלעגט זי אַ זאָג טאָן צום קצב אויף ייִדיש: גיט מיר צוויי פונט טריפה פלייש... די שטאָט פלעגט עס איבערדערציילן, אָבער אָן בייזקייט. אַפילו די פּרומסטע האָבן נישט געהאַט קיין בייז וואָרט אויף די קלוגמאַנס. זיי האָבן געלעבט עפּעס אַזוי ווי אויסער צייט און אויסער שטח — אין אַ הייליקער מיניאַטור־וועלט פון אייגנהאַנטיק געמאַכטע משיחס־צייטן...

כאָטש קיינער פון די קלוגמאַנס איז קיינמאָל נישט געשטאַנען אין

שידוכים, (אפשר האָבן זיי עס אַליין באַשלאָסן ווייל זיי זענען געווען טובערקולאָזע אַלע, חוץ דער אַלטער) זענען אָבער אַלע פאַרליבטע און אויך פאַרזינדיקטע מיידלעך און שיקסלעך געקומען צו זיי נאָך אַן עצה און טרייסט, אַזוי ווי צו דינערינס אין אַ טעמפּל פון אַ גאָט, וואָס איז נאָר אַ גאָט פון אַלע מענטשן און פון קיין באַזונדערע רעליגיעס נישט.

אַטטיליאַ איז מערערע מאָל געווען מיין קאָרעפּעטיטאָרין, בשעת איך האָב געלערנט, אַלס עקסטערן — גימנאַזיע־קלאַסן. וויקטאַ די ייִנגערע שוועסטער, אַ סך יאָרן ייִנגער פון אַטטיליאַ, איז עטלעכע יאָר געזעסן מיט מיר אויף איין שול־באַנק אין דער פאָלקס־שולע. איגנאַצי — דער זון — איז געווען דער בכור, ער איז זעלטן געווען אין דער היים, ער האָט שטודירט אויף דער אוניווערסיטעט אין קראָקע, האָט געטראָגן אַ לאַנגע בלאָנדע באָרד. זיין מיטלהויכער גוף איז געווען הויט און ביין און זיין פּנים איז געווען: הויכער שטערן, לאַנגע נאָז — ווייס ווי קרייד און צווישן דער נאָז און דעם שטערן זענען געווען צוויי שוואַרצע קוילן־אויגן, וואָס האָבן געזשאַרעט מיט לונגען־קרענק — און דערצו די לאַנגע, בלאָנדע באָרד. ער האָט געטראָגן אַ פּעלערינע, אַ שוואַרצן שלייף־קראַוואַט — נאָך גרעסער ווי די באָרד, ווייל מען האָט אים פון אונטער דער באָרד אַרויסגעזען; אויפן קאָפּ אַ ברייטער, שלאַבערדיקער הוט און אַ סענקע־וואַטער שטעקן אין האַנט. איגנאַצי קלוגמאַן האָט געשריבן לידער און דראַמעס, ער האָט שטודירט פילאָסאָפיע און האָט זיך אין קראָקע געחברט מיט דער גאַנצער פּוילישער באָהעמע. פּשיבישעווסקי, זשעראָמסקי און וויספּיאַנסקי — דער נאַציאָנאַלער פּוילישער דראַמאַטורג — האָבן זיך מיט איגנאַצין געחברט. דער עיקר וויספּיאַנסקי. אַז ער איז געווען אויף וואַקאַציע אין שטעטל פלעגט ער באַקומען בריוו פון וויספּיאַנסקין און ער האָט זיך מיט דעם באַרימט — אַפילו פאַר אונדז, קינדער. און קינדער האָט ער ליב געהאַט, כאָטש ער האָט אונדז כסדר געוואָרנט: האַלט זיך פון דער ווייטנס פון מיר! אָבער אין יענע צייטן האָט מען זיך נישט צו שטאַרק געהיטן פון טובערקולאָזע און מיר איז נישט באַקאַנט קיין איינ־ציקער פאַל, אַז אַ קינד זאָל זיך אָנשטעקן פון די קלוגמאַנס„ און אפשר זענען אַזעלכע פאַלן געווען און מען האָט דערפון נישט געוווּסט.

אַז איגנאַצי פלעגט אַהיים קומען אויף וואַקאַציעס, איז כסדר אַ גאַנצע

טשאַטע קינדער געווען אַרום אים. ער האָט געקענט אַלערליי קונצן, אַלער־ליי שפּילן, אַלערליי רעטענישן — און כאָטש די לאַנגע באָרד האָט אים עלטער געמאַכט ווי ער איז געווען — האָט ער זיך מיט אונדז געשפּילט ווי איינער פון אונדז, פלעגט לויפן מיט אונדז, הוידען זיך מיט אונדז, זיצן אויפן גראָז מיט אונדז, לייענען מיט אונדז און — מאַכן מיט אונדז צוזאַמען גרויסע פּאַפּירענע אַדלערס און זיי לאָזן אויפן ווינט. אָט־אָ דאָס לאָזן אויפן ווינט האָט קיינער נישט געקענט ווי איגנאַצי. ער פלעגט אַ יאָג־טאָן — אויף אַ לאַנקע, אָדער אַפילו אין אַ גאָרטן בלויז אַ פּאָר שריט, אַ וואָרף־טאָן דעם פּאַפּיר־אַדלער אין דער לופט, און ווידער אַ לויף בליץ־שנעל אַ פּאָר שריט און שוין האָט מען געקענט זען ווי דער אַדלער הייבט זיך און הייבט אין די בלויע הימלען פול מיט זון און מיט פרייד און מיט יונגע יאָרן ביז דאָס אויג קען אים קוים דערזען. איגנאַצי האָט נישט גע־טאָרט שנעל לויפן, אָבער ער האָט נישט מורא געהאַט פאַרן טויט — ער האָט עס אַפילו אונדז קינדער נישט איינמאָל געזאָגט. און מיר פלעגן אַלע צוזאַמען נאָכקוקן אין די הימלען די פּאַפּירענע אַדלערס און די הימלען זענען פול געווען מיט בלוי און מיט זון און מיט פרייד און מיט יונגע יאָרן. וואָס מיר האָבן אין די הימלען געזען — געדענק איך אַזוי גוט. אָבער וואָס האָט אין זיי איגנאַצי געזען?...

מיט די עלטערע פון אונדז פלעגט איגנאַצי פאַרפירן פילאָסאָפישע שמועסן וועגן גאָט און מענטש און פון זיין טובערקולאָז מויל האָב איך דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן געהערט דעם נאָמען בענעדיקט דע ספּי־נאָזאַ. אָבער איגנאַצי קלוגמאַן איז נאָך מער קראַנק געווען אויף אָט דער קרענק, ווייל שוין צו דרייסיק איז ער געשטאָרבן — יענער צו פיר און פערציק.

איך וויל זיך אַליין אין אָט דער מעשה געבן אַ וואָרט־צייכן, אַז אין געדענק די קלוגמאַנס און איך פאַרצייכן דאָ פון איגנאַצים קונצן מיט ווערטער אַ קליינעם פּוילישן זאַץ, וואָס מיר האָבן, שפּילנדיק זיך מיט אים, אויסגעאַרבעט, און וואָס לייענט זיך פון ביידע זייטן. איך פאַרצייכן אים דאָ, דער זאַץ וועט זיך אַזוי אויך לייענען אין ייִדיש: קאָבילאַ מאַ מאַלי באָק. (די קליאַטשע האָט אַ קליינע זייט); נאַרישע פּאָר ווערטער, אָבער

נאַרישקייטן און נאָר נאַרישקייטן האָבן אַ כוח זיך צו געדענקען שוין כמעט זעכציק יאָר.

אין איין פינצטערן טאָג איז אָנגעקומען פון קראָקע די בשורה, אַז איגנאַצי קלוגמאַן איז געשטאָרבן. זיינע חברים פון קראָקע האָבן עס מיט־געטיילט דער משפחה. קיינער פון די קלוגמאַנס איז צו דער לוויה נישט געפאָרן. זיי האָבן אים באַטרויערט מיט עפּעס אַ מאָדנעם שטילן טרויער. קיינער האָט נישט געוויינט. זיי האָבן ביי יעדער געלעגנהייט דערציילט וועגן זיינע אויפטוען און חכמות און וואָס פאַר אַ מעגלעכקייטן זענען מיט אים געגאַנגען אין פרישן קבר אַריין. ערגעץ אין צייטשריפטן זענען דער־שינען איגנאַציס עסייען און לידער און דראַמעס און — פאַרגעסן געוואָרן.

און אין דער קלוגמאַן־משפחה איז אַלץ ווייטער אָנגעגאַנגען ווי אַלע־מאָל. קינדער פלעגן אין די נאָכמיטיקן פאַרפילן די שטוב און וואַרטן אויף די לעקציעס. דערווייל האָט די אַלטע די קינדער פאַרשפּילט. דאָס שענסטע שפּיל איז דאָרט געווען... געצוימטע שטובן־מייז. מען פלעגט אויף אַ קליין, פלאַך שאַכטעלע אַרויפליינן קרישעלעך קעז און דאָס שאַכטעלע אַרומפירן איבער דער פּאָדלאָגע אויף אַ שטריקעלע. דערביי פלעגט מען קלינגען אין אַ קליין גלעקעלע און באַלד פלעגן זיך פון אַ מויזן־לאָך באַווייזן עטלעכע מייזלעך און נאָכלויפן נאָך דעם קעז. אַראָפּכאַפּן אים און פאַרשווינדן צו־ריק אין די לעכער. — — — דעמאָלט האָב איך נאָך נישט געוווסט, אַז דער הייליקער פראַנציסקוס פון אַסיזי האָט מיט זיבן הונדערט יאָר צוריק אויף דעם זעלבן אופן, אַפילו ווילדע וועלף געפיטערט, וועלף, וואָס ער האָט גערופן ברידער־וועלף. דאָ האָט מען בלויז געפיטערט שוועסטער־מייזלעך...

און אַזוי זענען די יאָרן געגאַנגען זייער גאַנג און אין יאָר 1908 בין איך אַוועק פון שטעטל און בין שוין נאָר נאָך פון צייט צו צייט אַהין צוריקגעקומען. כאָטש טאַטע־מאַמע האָבן דאָרט געוווינט ביזן סוף זייערן, קנאַפּ פאַר און אין דער צווייטער וועלט־מלחמה.

אין אָנהייב פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן נאָך דריי קלוג־מאַנס געלעבט: די אַלטע, אַטטיליאַ און וויקטאַ.

בשעת דער רוסישער אינוואַזיע אין 1914/1915 זענען אַלע יידן פון שטעטל אָדער אַנטלאָפן, אָדער פאַרשלעפּט געוואָרן קיין סיביר דורך די

קאָזאַקן. די קלוגמאַנס זענען געבליבן. זענען געווען די איינציקע עדות פֿון דער גרויסער שׂריפֿה פֿון גאַנצן שטעטל. אַפּילו די פּאַליאַקן זענען בשעת דער שׂריפֿה אַנטלאָפֿן אין די וועלדער און פֿעלדער. די קלוגמאַנס זענען געבליבן אין זייער הילצערנעם שטיבל — ווו זיי זענען יאָרצענדלי־קער געווען קאַמאַרניקעס ביי מיין זיידן יאָסל. און דאָס שטיבל איז גע־ווען דער לעצטער קרבן פֿון דער גרויסער שׂריפֿה, אַזוי האָבן אונדז די קלוגמאַנס דערציילט און זיי האָבן קיינמאָל קיין ליגנט נישט געזאָגט. אָבער ווי לאַנג עס האָט זיך געלאָזט, האָבן ביידע געטער זייער האָב און גוטס געהיטן — דער יידישער און דער גוייִשער. פֿון דעמאָלט אָן האָבן די קלוגמאַנס געוווינט אין אַ נאָך קלענערער און נאָך אָרעמערער הייזקע.

וועגן דעם בלייבן זייערן אויפֿן אָרט בשעת דער גרויסער שׂריפֿה האָבן גערעדט מיט אָפּשיי סיי גוייִם און סיי יידן. און נאָך אַמאָל האָט מען זיך געשטעלט די פֿראַגע: זענען זיי קריסטן, זענען זיי יידן?

איך געדענק, אַז איינמאָל האָט מיין מאַמע זיך געוואָלט אָננעמען מיט מוט און אַ פֿרעג־טאָן די אַלטע אויף וועלכן אופֿן מען האָט געבראַכט צו אייביקער רו איגנאַציון, דעם זון? אָבער אין לעצטן מאָמענט האָט זיך די מאַמע דערשראָקן פֿאַר איר אייגענעם מוט און דאָס רעטעניש איז גע־בליבן רעטעניש. אָבער נישט מער אויף לאַנג — און דאָך...

באַלד נאָכן סוף פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז געשטאָרבן אַטטיליאַ. מען האָט זי טאַקע געבראַכט צו קבֿורה אויפֿן קריסטלעכן צווינ־טער, אָבער אָן אַ גלחס תּפֿילות. איז ווידער געבליבן אַ רעטעניש, אַ האַלב רעטעניש — און דאָך... און נישט לאַנג נאָכן סוף פֿון אַטטיליאַן האָט אויך וויקטאָריאַ, די יינגסטע, אָנגעהויבן שטאַרקער און שטאַרקער צו הוסטן און אויך זי איז אַוועק פֿון דער וועלט. און געבליבן איז די אַלטע... געבליבן אַליין. ווער זאָל פֿאַר איר זאָרגן?

האָט זי עס אַליין פֿאַרענטפֿערט. זי האָט אַליין געזאָרגט, אַז די וועלט — בוכשטעבלעך די ווייטע גרויסע וועלט, די מענטשהייט זאָל פֿאַר איר זאָרגן.

און געשען איז אַזוי: דאָס איז געווען שוין אין די צוואַנציקער יאָרן, אַרום 1925 אפשר. האָט די אַלטע געזען אין אַ פּוילישער צייטונג אַ קליי־נעם אַנאָנס, אַז ערגעץ אין אַפֿריקע וויל אַ משפּחה, וואָס שטאַמט פֿון

פוילן, זיך פאַרבינדן מיט אָרעמע, אינטעליגענטע מענטשן, קרבנות פון דער מלחמה. האָט זי אַהין געשריבן און עס האָט זיך פאַרבונדן אַ קאָרעס־פּאָנדענץ אויף עטלעכע יאָר. אין אָט דער צייט האָט זיך די אַלטע אויס־געלערנט אַליין ענגליש — און זי איז שוין ווייט איבער אַ בת־שבעים דעמאָלט געווען — און זי האָט מיט יינגערע מיטגלידער פון יענער גוטער משפּחה אין אַפריקע קאָרעספּאָנדירט אין זייער לשון. און אָט־אָ די משפּחה האָט געזאָרגט פאַר דער אַלטער ביז איר סוף. און איר סוף איז געקומען פון אירע אייגענע הענט. נישט פון פאַרצווייפלונג, נאָר פון חכמה..

אין יענע יאָרן האָב איך די אַלטע — זייענדיק אַמאָל אין מיין שטעטל — מיט מיין מאַמען און מיט מיין טאַטן — באַזוכט.. זי איז געלעגן אין בעט, קליין ווי אַ קינד, ווייס ווי שניי, קלוג ווי אַריסטאָטעלעס. אַ גוטע שכנה איז אַ פּאָר מאָל אין טאָג אַריינגעקומען זי צו באַדינען. נעבן איר, אויף אַ שטול, זענען געלעגן אַ סך ביכער, אין עטלעכע לשונות, אַ פּאָר קרישעלעך עסן און אַ קרוגעלע וואַסער און אין אַ שאַכטעלע איז געלעגן אַ קליין פּאַפּירן שקאַרמיצעלע מיט — — — ציאַנקאַלי.

מיר זענען געזעסן ביי איר בעט און די אַלטע האָט אונדז אַלץ דער־ציילט. די מענטשהייט האָט זי געראַטעוועט אין איר גרויסער נויט. איר גלויבן אין מענטש האָט זי קיינמאָל נישט פאַרלאָזן. און זי האָט רעכט געהאַט. דאָס לעבן האָט באַוויזן. אָט זעט איר דאָך — מיינע גוטע פריינד.

מיר זענען געזעסן אַלע דריי און האָבן זיך געשעמט פאַר די רייד.

פאַרוואָס האָט זי, די אַלטע, געדאַרפט זוכן איר הילף אין אַפריקע, פאַרוואָס האָט זי דעם ווינקל, דאָס בעטל, די פּאָר קרישעלעך ברויט נישט געקענט געפינען אין דעם זעלבן שטעטל, וווּ זי האָט איר לעבן אָפּגעלעבט אין הייליקייט און אין גוטסקייט צו אַזויפיל, וואָס מען האָט וועגן דעם געוווּסט און אַזויפיל, וואָס מען האָט וועגן דעם נישט געוווּסט. טאַקע פאַרוואָס? און אפשר בעסער אַזוי. זי וואָלט געשטאָרבן מיט דעם גלויבן, אַז פאַר גוטס צאָלט מען גוטס — און איצט וועט זי שטאַרבן מיט דעם גלויבן, אַז אַפילו פאַר גאָרנישט צאָלט מען אָפּ גוטס...

— און דאָס ביסעלע ציאַנקאַלי אין אָט דעם פּאַפּירל, — האָט די אַלטע פאַרענדיקט — אַז איך וועל פילן, אַז אין מיר איז נאָר נאָך אַזוי־

פיל כוח פֿאַרבליבן אויסצושטרעקן די האַנט נאָך דעם פּאַפּירל און אויס־מישן עס מיט אַביסל וואַסער, וועל איך אַזוי טאָן.

אַלע דריי האָבן מיר געווישט די טרערן און נאָר די אַלטע איז געווען שטיל ווי אַ טויב, קליין ווי אַ קינד, ווייס ווי שניי און קלוג ווי אַריס־טאָטעלעס, און קליגער נאָך.

עס איז געווען צייט צו גיין. איך בין צוגעגאַנגען צו דער אַלטער און איר געקושט די הענט, און זי האָט מיך געקושט אין קאָפּ.

— זשעגנאַי זיגמושיו — זיי געזונט, זיגמוש — איך געדענק נאָך ווי דו האָסט זיך געשפּילט מיט מיין וויקציא מיט די קליינע מייזעלעך אין אונדזער אַלט שטיבעלע, וואָס האָט באַלאַנגט צו דיין זיידן. גאָרנישט איז שוין געבליבן און נאָר איך לעב נאָך און לעב.

נישט צו־לאַנג פון יענעם טאָג פון דעם באַזוך האָט מיר די מאַמע מיטגעטיילט קיין וואַרשע, אַז די אַלטע לעבט שוין נישט מער. די מאַמע האָט געשריבן: עס איז געקומען דער טאָג, ווען זי האָט נאָר נאָך אַזויפיל כוח געהאַט די האַנט אויסצושטרעקן נאָך דעם פּאַפּירל מיט ציאַנקאַלי און זי האָט עס געטאָן... געדענקסטו אירע ווערטער „זיגמושיו"?

מען האָט די אַלטע געבראַכט צו קבר ישראל. דער לעצטער פּרעג־צייכן פון דער רעטעניש פון דער משפחה קלוגמאַן איז קלאָר געוואָרן. אָבער מקבר געווען האָט מען זי כמעט קבורת חמור, ביים פּלויט, ווייל זי איז געווען אַ מאבדת עצמה לדעת.

און דאָס איז דער סוף פון דער מעשה פון דער משפחה קלוגמאַן אין דעם שטעטעלע רעדים, וואָס האָט זיך געצויגן אפשר אַ האַלב יאָרהונדערט און אפשר מער.

# דגל יהודה

דאָס יאָר איז נעווען 1904 און די וועלט האָט געזאָטן, אַזוי ווי עס דאַרף זידן אַ וועלט, וואָס אין איר קאָכט זיך שוין און ווערט רייף דער וועלט־קריג נומער איינס. און אַז עס זידט די וועלט, זידן קודם־כל די גרויסע שטעט. און אַז עס זידן די גרויסע שטעט — זידן קודם־כל די גרויסע צייטונגען. און היות ווי די גרויסע צייטונגען פון ווין — „די נויע פרייע פרעסע" און „דאָס נויע ווינער טאָגבלאַט" — פלעגן אַריינקומען טעגלעך צו אונדזער משפחה, האָט זיך דאָס וועלט־זידן גאָר גיך אַריבער־געטראָגן אין די היימען צווישן וועלכע עס האָט זיך באַוועגט מיין קינד־הייט און פון אָט די היימען צום גאַנצן שטעטל איז שוין נאָר אַ שריט.

אין יאָר 1904 האָט זיך אָנגעהויבן די רוסיש־יאַפּאַנישע מלחמה און רוסלאַנד האָט אונדזער שטעטל טאָפּלט פיינט געהאַט: ערשטנס, ווייל דער רוסישער צאַר איז געווען צעקריגט מיט אונדזער קייזער פראַנץ יאָזעף, דעם ערשטן — און צווייטנס, ווייל אין רוסלאַנד האָבן די ייִדן נישט געהאַט אַלע רעכט ווי אין עסטרייך און עס זענען דאָרט פאָרגע־קומען פּאָגראָמען. דער קישענעווער פּאָגראָם איז דאָך געווען אין יאָר 1903. גאַליציע איז אין יענע יאָרן פאַרפלייצט געוואָרן מיט פּליטים פון רוסלאַנד. פּליטים פון פּאָגראָמען, וואָס האָבן געצויגן איבער גאַליציע צו די האָפנשטעט פון עסטרייך און פון דייטשלאַנד, פּליטים פון מילי־טער, דעזערטירן, וואָס האָבן מאַרשירט איבער שטעט און שטעטלעך אין קליינע כמעט מיליטערישע פאָרמאַציעס; פלעגן זיך אָפּשטעלן אין די בתי־מדרשים אויף איבערצוגעכטיקן אָדער האַלטן שבת און זענען ווייטער געגאַנגען. פון די גרעסערע פאָרמאַציעס פלעגן זיך אָפּט איינצלנע אָפּ־רייסן און בלייבן אין שטעטל, טאָן שידוכים, עפּענען וואַרשטאַטן, ווערן אויס „פּאָניעס", ווערן „גאַליציאַנער", מיט דער צייט אויסטאָן די ליט־ווישע, אָדער קאָנגרעס־פּוילישע ייִדישע היטעלעך און אָנטאָן די גאַליצישע סאַמעטענע קאַפּעליטשלעך אין דער וואָכן און שטריימעלעך אום שבת.

אין יאָר 1904 זענען אויך אין אונדזער שטעטל רעדים געשטויגן הויך די כוואַליעס פון ציוניזם, וואָס איז שוין דעמאָלט אָפיציעל געווען אַ קינד פון זיבן יאָר. באַזונדערס שטאַרק באַליבט איז געווען די ציוניס־טישע אידעע אין אונדזער משפחה און דאָס האָט גאָר געהאַט אַ שייכות צו דער „נויע פרייער פרעסע", ווו דאָקטער טעאָדאָר הערצל איז געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער. איין קלייניקייט — אָט־אָ די צייטונג האָט דאָך אויך געלייענט דער קייסער אַליין — און דורך הערצלען — אַזוי איז עפּעס אויסגעקומען — איז דער קייסער אַליין כמעט אַ ציוניסט. חוץ דעם האָבן אַלע יידן געוווּסט, אַז אונדזער קייסער האָט אויך דעם טיטל „קעניג פאָן יערוזאַלעם".

מער פון אַלע אין אונדזער משפחה איז אונדזער טאַטע געווען פאַר־קאָכט אין דער פּערזאָן פון טעאָדאָר הערצל.

אָבער ערגעץ־ווו אויף די ראַנדן פון דער פעריפעריע פון אונדזער משפחה — און כמעט אַ האַלב שטעטל איז אויף דעם, אָדער יענעם אופן געווען אין קרובהשאַפט מיט אונדז — איז געווען אַ ייד, אַן איש תמים און אַן עקר דערצו און אַן אַ סיבה אַ דם־שונא פון ד"ר הערצל. זיין נאָמען: יוסף אשר דאָמיניץ. ער איז געווען אַ קליינער און אַ לאַ־יוצלח און אַזוי פרום און אַזוי ערלעך, אַזוי ווי אליהו־הנביא. זומער און ווינטער האָט ער געטראָגן שטיוול, בעקעשעס מיט גאַרטלען, אַ שווערע יאַרמלקע פלעגט אים אַרויסקוקן פון הינטערן שווערן כמעט רבנישן קאַפּעליוך, דערצו האָט ער געהאַט אַ געדיכטע באָרד און לאַנגע געדרייטע פלעשל־פּיאות. און דער טאַטע האָט אים גראָד ליב געהאַט. נאָר אַז עס איז געקומען צו ד"ר הערצל איז געווען סכנת־נפשות צו קומען אין דער נאָענט, בשעת די צוויי האָבן זיך מתווכח געווען.

יוני 1904. דער טאַטע שטייט אויף דעם זיידנס פּאַדשעניע און איז שווער פאַרזאָרגט. הערצל איז קראַנק, שווער קראַנק, און ווער ווייסט. און אָט ברענגט מען פון דער פּאָסט די „פרעסע" פון ווין און אין אַ שוואַרץ רעמל: טעאָדאָר הערצל... דער טאַטע הייבט אָן שטיל צו וויינען. פאַר־שטעלט דאָס פּנים מיט די הענט. עס איז דאָך אין מיטן מאַרק. דער טאַטע האָט נישט געוואָלט אַז עס זאָל ווערן אַ גערודער און מען זאָל אים אָנהייבן צו פרעגן פאַרוואָס ער וויינט. איך בין גראָד געשטאַנען נעבן טאַטן און

— גאָרנישט געפרעגט, ווייל איך האָב גאַנץ גוט פאַרשטאַנען פאַרוואָס דער טאַטע וויינט.

האָט אָבער שלים־מזל־גורל געוואָלט און עס האָט אָנגעטראָגן פון ערגעץ יוסף־אָשרן — מיט דער בעקעשע, מיט די גאַרטלען, מיטן קאַפּעליוך, וואָס אַ שווערע יאַרמלקע האָט פון אים אַפּירגעקוקט ביזן האַלדז אַראָפּ, מיט די שווערע שטיוול, מיט דער פאַרטריקנטער בלאַטע נאָך פון פּורים, כאָטש עס איז געווען אינמיטן תמוז, און ער לאָזט זיך גלייך, אַביסל אַ דערשראָקענער, צום טאַטן און פרעגט אים באַזאָרגט פאַרוואָס ער וויינט. ענטפערט דער טאַטע: — הערצל איז נפטר געוואָרן... ווערט יוסף־אָשר מלא שמחה און גיט אַ ברום: — געפּגרט דער פאַלשער משיח — אַ שיינע ריינע כפּרה... און תיכף האָט אים דעם טאַטנס האַנט, די גוטע האַנט, וואָס האָט קיינמאָל נישט געשלאָגן, דערלאַנגט אַ פּאַטש, אַ גרינגער פּאַטש, אָבער פאָרט אַ פּאַטש. מ י ר האָבן אַזש פונקען אָנגעהויבן פליִען פאַר די אויגן — ווער ווייסט וואָס דאָ וועט איצט געשען. אָבער עס איז גאָרנישט געשען. יוסף־אָשר האָט זיך דווקא צוגעשטעלט נאָענט צום טאַטן, וואָס איז געשטאַנען אָנגעלענט אָן געלענדער פון דער פּאָדשעניע און שטיל געזאָגט: — ביסט גערעכט, פראָים! — און דער טאַטע האָט זיך איצט נאָך שטאַרקער צעוויינט.

און אין י ע נ ע טעג האָט מען אין שטעטל אָנגעהויבן טראַכטן וועגן גרינדן אַ ציוניסטישן פאַראיין און תוך כדי דיבור האָט זיך דאָס שטעטל צעטיילט אין צוויי מחנות — ממש צדוקים און פּרושים. מען האָט גערופן אסיפות, מען האָט זיך געקאָכט און עס האָט געזאָטן. דער קאַמף איז געווען אַ היציקער און אַ הייסער, אָבער נישט קיין פאַרביסענער, מחמת גאָר באַלד האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די ציוניסטיש־געשטימטע זענען אין דער מאַיאָריטעט.

און אַזוי ווי אין גאַליציע האָבן זיך אַלע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן אָנגעהויבן מיט סטאַטוטן, האָט מען אויך דאָ געשריבן סטאַטוטן און זיי דערלאַנגט צו דער באַצירקס־הויפּטמאַנשאַפט אין דער דערבייִיקער שטאָט יעריסלעוו. די סטאַטוטן האָט איבערגעשריבן אַ ייִד מיט אַ שיינער האַנטשריפט — אָסור אויב די אַמעריקאַנער דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט איז מיט אַ שענערער שריפט. און אַזוי ווי אַ פאַראיין, וואָס האָט סטאַ־

טוטן — מוז אויך האָבן אַ נאָמען, האָט דער רעדימער פאַראיין באַקומען דעם נאָמען „דגל יהודה". איך געדענק נאָך די דאָזיקע אותיות אין די סטאַטוטן, אַרומגערינגלט מיט אָן אַ שיעור „ציקן", אַזוי ווי זיי וואָלטן געפלויגן אין הימל אויף וואָלקנדלעך. אָט אַ־די „ציקן" האָט נאָר איין ייִד אין שטעטל געקענט און ער האָט געדאַרפט דערצו זיך „ראַזמאַכען" — זיצן איינער אַליין ביי אַ גרויסן, ליידיקן טיש און נאָר דער בויגן פּאַפּיר פאַר אים. — מ'האָט אַפילו מורא געהאַט, אַז „דגל יהודה" איז אַביסל מוריד קעגן דער שוואַרץ־געלער קייזערלעכער פאָן, אָבער עס איז דורכ־געגאַנגען.

מען האָט געדונגען אַ גרויסע שטוב אין אַ שיין, ניי הויז אין אַ הינ־טער־געסל, אָנגעשטעלט אַ מין אויפזעער, אַרויסגעהאנגען אַ שילד מיט גאָלדענע אותיות „דגל יהודה" און זיך איינגעטיילט מיט די כיבודים פון דער פאַרוואַלטונג און אַריינגעשטעלט אַביסל מעבל, באַשטעלט אַ פּאָר צייטונגען און זיך באַלד גאַנץ ווייניק פאַרנומען מיט דעם פאַראיין, כמעט אים פאַרגעסן.

דער איינציקער וואָס האָט זיך אין דעם פאַראיין אַריינגעוואָרפן בלב ונפש און טעג און אָוונטן דאָרט אָפּגעזעסן און כסדר געראַמט דעם לאָקאַל נאָך איידער דער אויפזעער איז אַריינגעקומען — בין געווען איך. דערצו האָב איך נאָך צוליב מיין עלטער — לויט די עסטרייכישע געזעצן און אונדזערע סטאַטוטן — נישט געטאָרט גאָר זיין אַ אמתער מיטגליד אין פאַראיין „דגל יהודה". און טאַמער האָב איך נאָר ערגעץ־ווו זיך געוואָלט אַ מיש־טאָן, האָב איך באַלד געהערט: — מיש דיך נישט, חדר־ייִנגל. אַז דו וועסט ווערן אַ מיטגליד, וועסטו זאָגן דעות!

דעות־זאָגן, אָדער נישט זאָגן — איך האָב אַלצדינג געטאָן אין פאַר־איין. איך האָב אַפילו אַרויסגעקראָגן ערגעץ אַ ביכער־אַלמער און אַרי־בערגעטראָגן אין אים אַ העלפט פון אונדזער היימישער ביבליאָטעק. די מאַמע האָט געשריגן: — וואָס דאַרפסטו זיצן אין פאַראיין איינער אַליין האַלבע טעג און דאָרט לייענען אונדזערע ביכער? — אָבער מיך האָט עס ווייניק וואָס געאַרט, וואָס אין מיין זיצן איינער אַליין אין „דגל יהודה" און דאָרט לייענען ביכער, וואָס איך האָב געבראַכט פון אונדזער היים — איז קיין שכל נישטאָ. איך האָב מיך פאַרליבט אין דעם פאַראיין אונדזערן,

דעם ערשטן אין מיין לעבן: „דגל יהודה" — די ווערטער האָבן געקלונגען אין מיינע אויערן מיט אַ ניגון.

אַזוי ווי דער פאַראיין אונדזערער איז געווען איינגעקוואַרטירט אין אַ הינטער־געסל, איז אַ ליאַדע רעגן — געווען אַ טיפע בלאָטע אַרום אים, און טאָמער איז שוין יאָ עמעץ דאָרט אַריינגעקומען אין אַזאַ וועטער — האָט ער דאָרט אַנגעטראָגן שטיקער בלאָטע. מיט כוונה און הכנעה צו מיין גורל, וואָס איך האָב אַליין גענומען אויף זיך, האָב איך נאָך יעדן אַזאַ גאַסט אין פאַראיין געראַמט די פאָדלאָגע. דער אויפזעער האָט מיך מיט דער צייט באַטראַכט פאַר זיינעם אַ געדונגענעם אונטער־שמש און האָט זיך ביי יעדער געלעגנהייט באַדינט מיט מיר. געהייסן מיר אָפט היטן דעם פאַראיין אַ מינוטקעלע און איז פאַרשוווּנדן געוואָרן אויף שעהען.

איך האָב אויסגעצירט דעם פאַראיין אונדזערן מיט פאַסיקע בילדער. אַ טייל האָב איך געבראַכט פון דער היים — אַנדערע האָט דער טאַטע איינגעקויפט אויף זיינע רייזעס אין גרעסערע שטעט אַרום: ד״ר הערצל — נאָטירלעך — אויך מאַקס נאָרדוי און דוד וואָלפסאָן. אַלע דריי האָבן געהאַט בערד און די דריי בערד זייערע, באַזונדערס די באַקן־בערד פון מאַקס נאָרדוי האָבן זיך איבערגעקוקט גאַנצענע שטילע טעג מיט די באַקן־בערד פון דעם קייסער פראַנץ־יאָזעף, וואָס זיין בילד איז געהאַנגען אויבן אָן אין פאַראיין, פונקט איבער דער קליידער קאַטעדרע, פון וועלכער מען האָט געהאַלטן פאָרטראָגן און פון וועלכער דער הער פּרעזידענט פון פאַר־איין האָט געפירט די זיצונגען.

און פאָרטראָגן האָט מען אין „דגל יהודה" געהאַלטן גאַנץ משונה־דיקע. רעפערענטן פון די דערבייזיקע שטעט האָט מען נישט געבראַכט. נישט געווען קיין פאָנדן פאַר דעם, און רעפערענטן צווישן די מיטגלידער זענען נישט געווען. האָט זיך דאָרט זאַנאַדעט אַ יונגער אָרטיקער אַדוואָ־קאַט און האָט געהאַלטן הויך־פּאַטעטישע יוריסטישע לעקציעס, אָדער אין דייטש אָדער אין פּויליש. דער יונגער אַדוואָקאַט האָט זיך געהיצט, דעק־לאַמירט ווי אַן אַקטיאָר פון שעקספּירס צייטן, געמאַכט מיט די הענט, ווי איינער, וואָס שלאָגט זיך מיט אַ מחנה שדים — געניצט די שווערסטע לאַטיינישע יוריסטישע טערמינען און וואָס מער ער האָט זיך געהיצט, אַלץ געשמאַקער איז דאָס פּובליקום איינגעשלאָפן. און נאָר איינער האָט

געוואַכט מיט באַגייסטערטע אויגן און אַזוי גיך דער רעפּעראַט האָט זיך געענדיקט מיט אַ קנאַקעדיקער פראַזע — האָבן זיינע נאָך קינדישע הענט שאַרף געגומען אַפּלאַדירן און דערמיט אַנגעזאָגט — ווי אַ וועק־זייגער — אַז מען דאַרף זיך שוין אויפכאַפּן. דאָס בין איך, נאַטירלעך, געווען.

מיין טאַטע איז אין דער ערשטער צייט פון פאַראיין „דגל יהודה" געווען אַקטיוו אין אים. שפּעטער איז ער צוליב עפּעס אַ סיבה צוריק־געשטאַנען. עפּעס האָבן זיך אַרום דעם פאַראיין אָנגעהויבן מחלוקות און אינטריגעס און דער טאַטע האָט עס פיינט געהאַט. אין וואָס די אינטריגעס זענען באַשטאַנען האָב איך דעמאָלט נישט פאַרשטאַנען און פאַרשטיי נאָך היינט אויך נישט. קיין מיטגליד בין איך נישט געווען, צו דעם „אויס־שוס" (מיט אַזאַ משונהדיק ביקסן־וואָרט האָט זיך גערופן אין גאַליציע אַ פאַרוואַלטונג) האָב איך אַוודאי נישט באַלאַנגט און אויף זיינע זיצונגען האָט מען מיך נישט צוגעלאָזן. אָבער מיין יינגליש־קינדיש האַרץ האָט שוין געפילט, אַז דער „דגל יהודה" פאַלט פון זיין טורעם־שפּיץ און אַ ליאַדע טאָג וועט זיך דער „דגל יהודה" וואַלגערן אין דער בלאָטע פון דעם געסל, ווו עס איז זיין קוואַרטיר.

און אין איין שיינעם נאָכמיטיק, און אַ פרילינגדיקן דערצו, אַז איך האָב מיך אַמאָל דורכגעשלאָגן דורך די בלאָטעס פון הינטערגעסל צו פאַרברענגען אַ פּאָר שעה אין מיין געליבטן פאַראיין און לייענען דאָרט אונדזערע ביכער, וואָס איך האָב דאָרט צוזאַמענגעטראָגן פון אונדזער היים, האָב איך געטראָפן די טיר פאַרמאַכט און דאָס שיינע, גאָלדענע שילדל אַראָפּגעריסן און, אַז איך האָב אַריינגעקוקט אינעווייניק דורך די פענצטער האָב איך געזען דאָרט פרעמדע פּעק און אַ קופּע פון פרעמדע מעבל, וואָס מען האָט ערשט אַריינגעטראָגן. נאָך יענעם טאָג זענען אַוועק חדשים ביז איך האָב אין ערגעץ אַ קאָמער אויסגעפונען אונדזערע ביכער און קוים מיט צרות זיי — נישט אַלע — צוריקבאַקומען.

זינט דעמאָלט האָב איך אין לאַנגן לעבן באַלאַנגט מסתמא צו זיבן טויזנט פאַראיינען, נישט איינעם אַליין געגרינדעט, אַלע זיי ליב געהאַט און אין יעדן געטאָן אַביסל בעזים־אַרבעט, אָבער אַזוי ליב געהאַט און אַזוי זיך מקריב געווען ווי פאַר דעם פאַראיין „דגל יהודה" — האָב איך מער נישט געקענט. אַזוי גליִענדיק ליב האָבן קען מען נאָר מיט דעם פייער פון דער ערשטער ליבע.



# מאָטע

מיין מאַמעס עלטסטער ברודער האָט געהייסן נח און ער איז געווען זייער אַ פרומער און ער איז געווען זייער אַ קליינער. ער האָט געהאַט אַ לאַנגע נאָז און אַ לאַנגע באָרד מיט איין שפּיץ — איז די באָרד געווען אַ סך לענגער ווי ביזן פּאַס און זי האָט פאַרדעקט אַ שטיק פון זיין גאַרטל, זיין ברייטן, שוואַרץ זיידענעם גאַרטל, וואָס ער האָט געטראָגן אַפילו אין דער וואָכן. כאָטש ער האָט נישט געטרונקען — סיידן אַביסל סאָדע־וואַסער, ווייל ער האָט געהאַט אַ קליין סאָדע־וואַסער־פאַבריקל — איז זיין לאַנגע נאָז אַלעמאָל געווען אַביסל רויטלעך — עס איז אָבער גיכער געווען אַ רויטקייט פון שעמען זיך, ווי פון טרינקען. און געשעמט האָט ער זיך פאַר אַלץ און אַלעמען און אייביק. און אַז ער פלעגט רעדן צו מענטשן — פלעגט ער קוקן אַרויף, אַראָפּ, אין ביידע זייטן, און נאָר נישט אין די אויגן פון דעם, צו וועלכן ער פלעגט רעדן — אַזוי ווי פון יענעמס אויגן וואָלט געזעצט אַ ליכט.

און אין מיין קינדערישער פאַנטאַזיע האָט זיך מיין פעטער נח אידענטיפיצירט מיט נח הצדיק און אַפילו זיין אייביק רויטלעכע נאָז, אויך מיט דער נאָז פון נח הצדיק, וואָס האָט דאָך אויך געמוזט האָבן אַ רויטלעכע נאָז, רויטלעך ווי רויטער וויין... אַזוי שטאַרק איז אין מיין דמיון צונויפגעוואַקסן מיין פעטער נח מיט דעם מאַר־ און נאָך־מבולדיקן נח, אַז ווען איך האָב אַמאָל, שוין זייענדיק אַלט איבער פופציק, געזען אין ניו־יאָרק אַ ביבלישע נעגער־פאָרשטעלונג און אַ נח אין איר, האָב איך געזאָגט צו מיינע פריינט: זע נאָר, ווי אַזוי די נעגערס שטעלן פאָר אַ נח ווי אַ ריז; האָבן זיי דען נישט אַריינגעקוקט אין חומש?... אָבער איך האָב פאַרגעסן, אַז דער חומש־נח איז גאָרנישט געווען קיין קליינער, און נאָר מיין פעטער נח...

און אָט דער פעטער נח מיינער האָט געהאַט צוויי זין און איין טאָכטער — און דער צווייטער זון זיינער האָט געהייסן מאָטע. און מאָטע איז

געווען נאָך צען מאָל פרומער ווי זיין פֿאָטער. מיינע געשוועסטער־קינדער האָבן קיינמאָל קיין טראַדיציאָנעלע הלבשה נישט געטראָגן, און נאָר מאָטע: אַ לאַנגע בעקעשע, אַ ברייטן גאַרטל, הויכע שטיוול, אָדער שיך און זאָקן, אַ גרויסע יאַרמלקע וואָס פלעגט אַפּירקוקן פון זיין סאַמעטענעם קאַפּעלאַטש, אַראָפּגעלאָזן ביזן האַלדז. און האָר האָט ער געהאַט בלאָנדע און גלאַטע און אויגן גרויסע און בלויע און אַ נאָז — לאַנג און דין און שפּיציק און זיינע אויגן פלעגן קוקן אין באַזונדערע זייטן, אַזוי ווי זיי וואָלטן נישט געקענט קוקן גלייך. ווייל די נאָז, ווי אַ פלויט, האָט זיי פאַרשטעלט און אָפּגעטיילט איינס פון אַנדערן. און מאָטעס פּיאות זענען געווען פלאַך און גלאַט און לאַנג, זייער לאַנג, ביזן גאַרטל, אַזוי ווי זיין טאַטנס באָרד. מאָטעס מאַמע, מיין פֿעטער נחס ערשטע ווייב, איז גע־שטאָרבן זייער יונג, און מאָטע איז זייער ענלעך געווען צו איר. און זי איז געווען אַ מרה־שחורהדיקע און אַ שווייגערין און אַ לונגען־קראַנקע. ווי אַ שאָטן איז זי אַריין אין דער משפּחה און ווי אַ שאָטן איז זי אַוועק און מען האָט זי קיינמאָל נישט געדענקט און איך געדענק אַפילו איר נאָמען נישט... און דאָך האָט איר שאָטן איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ צווייטן שאָטן: מאָטע...

מאָטע איז געווען אַ הייליקער נאַר... און אַז איך האָב מיט יאָרן שפּעטער געזוכט אַ נאָמען פאַר אַ העלד, אַ הייליקן נאַר, אין מיין דראַמע „בלוט אויף דער פאַן” — האָט אַט דער העלד באַקומען דעם נאָמען „מאָטע”.

מאָטע האָט נישט געוואָלט לערנען, נאָר דאַווענען. מאָטע האָט נישט געוואָלט נעכטיקן אין דער היים, נאָר אין בית־המדרש. מאָטע האָט נישט געוואָלט גיין אין דער אַלגעמיינער, פּויל־ישער שולע, ווייל דאָרט אין קלאַס האָט געהאַנגען אַ „יויזל” און מען האָט אין קלאַס נישט געקענט טראָגן די יאַרמלקע. מאָטע האָט נישט געוואָלט עסן ביי קיינעם פון זיינע פעטערס, ווייל עס איז נישט גלאַט־כשר. מאָטע האָט בכלל נישט געוואָלט בלייבן אין דער היים און ער האָט זיך אַנגעדונגען ביי אַ בעקער צו דער שווערס־טער אַרבעט פון טראָגן זעק מעל און האָרעווען גאַנצע נעכט. אַנגעדינגען האָט ער זיך ביים גרעסטן בעקער אין שטעטל. נאָר אַז מאָטע איז געוואָר געוואָרן, אַז דער זיידע צאָלט פאַר אים וואָכנגעלט, אַז מען זאָל אים בע־

סער באַהאַנדלען, ווי עס פּאַסט פאַרן אייניקל פון גרעסטן גביר אין שטעטל, איז מאַטע אַנטלאָפן צום אָרעמסטן בעקער אין שטעטל.

און אַז דער פעטער נח האָט נאָך אַמאָל חתונה געהאַט מיט אַ קליין, שוואַרץ ווייבעלע פון בראָד, וואָס איר נאָמען איז געווען אסתר — א י ר נאָמען האָב איך פאַרגעדענקט — און זי האָט געזאָגט, אַז זי האָט נישט קיין מורא פאַר מאַטען, זי וועט אים מיט גוטסקייט און חכמה צוריק־ברענגען אַהיים — איז מאַטע אינגאַנצן נעלם געוואָרן פון שטעטל אויף חדשים. אסתר איז געווען זייער אַ פרומע און האָט געהאַט אַ צונג אויף שרויפן און זי פלעגט יעדן טאָג לערנען גמרא מיט מיין פעטער. אָבער אויף מאַטען האָט אויך זי געהאַט גאָר אַ פאַרקערטע שליטה.

און איינמאָל — אין מיטן אַ סוף־זומערדיקן הייסן יאַריד, ווען מיין פעטער נח איז געווען פאַרטאָן מיט זיינע סאָדע־וואַסער סיפאָנען און לע־מאָנאַדע־פלעשלעך, האָט זיך מאַטע באַוויזן צווישן אורחי־פּורחיניקעס — אַן אָפּגעריסענער און אָפּגעשליסענער און איז גלייך אַרויף אין זיין טאַטנס שטוב. זיין טאַטע האָט געוווינט אין מיטן מאַרק, אין אַ הילצערנעם בנין אויפן ערשטן גאָרן, וואָס האָט געהאַט אַ הילצערנעם גאַניק מיט אַן איי־זערנעם געפלאָכטענעם געלענדער. דער עלטערער זון איז געווען אין בית־המדרש, די טאָכטער אין שולע און די שטיפמאַמע אסתר איינע אַליין אין שטוב. און איידער מאַטע האָט אַ וואָרט אַרויסגערעדט — איז זי שוין גע־ווען אויף דעם קליינעם גאַניק און גענומען שרייען מיט באַנומענע קולות און מאַטע איז מיט איר אַרויסגעלאָפן אויפן גאַניק און געפרווווט איר צו־האַלטן דאָס מויל. דער גאַנצער יאַריד האָט אויף אַ רגע פאַרהאַלטן דעם אָטעם און צווישן יאָ און ניין האָבן טויזנטער מענטשן באַלעגערט דאָס הויז. און איידער וואָס־ווען, איז די גאַנצע מאַסע יאַרידניקעס, פויערים און סוח־רים, יידן און גוים, געווען איינגעטיילט אין צוויי דראָענדיקע מחנות — איינע האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף מקיים פּסק זיין דעם צעווילדעוועטן יתום און די אַנדערע, אַז מען דאַרף דורס זיין די שטיף־מאַמע. און די טרעפּ זע־נען שוין פול געווען מיט שופטים מיט בייטשן און שטעקענעס... נאָר כהרף־עין, אַזוי ווי אויף זיין גרויסער באָרד אָנגעפלויגן, איז פון דער צווייטער זייט מאַרק אָנגעלאָפן דער פעטער נח — און אָט זענען זיי שוין אַלע דריי אויפן קליינעם באַלקאָן און באַלד איז אַלץ געוואָרן שטיל און דער עולם

האָט זיך אָנגעהויבן פונאַנדערגיין צו די געשעפטן פון הייסן, סוף־זומער־דיקן יאַריד — און נאָר פון דער דירה פון מיין פעטער נח האָבן זיך נאָך לאַנגע שעהען געטראָגן קולות פון שטילן געוויין פון דריי מענטשן, אויף וועלכע עס האָט געהויערט אַן אומגליקלעכער שאָטן פון אַ שאָטן פון יענער וועלט, פון אַ יונג־פאַרשטאָרבענער מרה־שחורהניצע — מאָטעס מאַמע, מיין פעטער נחס ערשטע ווייב, דער איינציקער מומע מיינער, וואָס איך האָב איר נאָמען פאַרגעסן...

מאָטע איז נאָך יענעם יאַריד געבליבן אין שטעטל, ווידער זיך אָנגעדונגען ביים בעקער, און נאָך יאָרן זיך אָפילו אַביסל אויסגעמענטשלט און אַפילו חתונה געהאַט און אַוועק וווינען אין אַ נאָענט שטעטל, אָדער דאָרף. נישט אין מיין קינדהייט, נישט אין מיין יוגנט, און אַפילו נישט בשעת מיינע שפּעטערדיקע באַזוכן אין שטעטל — איז עס מיר געלונגען, כאָטש צוויי ווערטער צו רעדן מיט מיין לייבלעכן שוועסטערקינד מאָטע. אַז איך פלעג צוגיין צו אים — פלעגט ער אַזוי לאַנג דרייען אויף רעכטס זיין קאָפּ ביז זיין גאַנצער גוף האָט זיך אויסגעדרייט און אַזוי איז ער אַלעמאָל אַן אַ וואָרט גיך אַוועק.

# קשיוואַנאָם

זאָל עס אים צו קיין גנאי נישט זיין, מיין זיידן, דאָס וואָס איך גיי דאָ ווייטער דערציילן. און אגב, פאַרוואָס זאָל עס אים זיין לגנאי, אַז ער האָט דאָך דערויף געהאַט אַ היתר־עיסקא? צווישן זיינע צוואַנציק און איינס געשעפטן, וואָס האָבן אים, רב יאָסעלע ראָזענבלאַט, דערהויבן צו דעם גביר פון שטעטל רעדים אין גאַליציע, האָט ער אויך געגעבן געלט אויף פראָצענט די פויערים פון די אַרומיקע דערפער. אָבער ער האָט די געשעפטן פיינט געהאַט. איז מען געקומען צאָלן פראָצענט, אָדער גאָר נעמען אַ נייע הלוואה — האָט ער זיך אויסבאַהאַלטן און האָט אונטערגעשיקט דערצו זיין געשעפטס־פירערין, זיין מיטעלע טאָכטער לייטשע.

לייטשע פלעגט אַרויסנעמען די ביכער פון דעם הילצערנעם פאָסטומענט פון אונטערן אייזערנעם „קאַסע־קאַסטן” און זיך אָפּרעכענען. ערשט ביינאַכט האָט דער זיידע באַשטעטיקט אויך אָט־אָ די טראַנזאַקציעס אין ספר הזכרונות פון זיינע געשעפטן מיט אַן „אַקוראַט” און אַריינגענומען דעם סך־הכל פון געלט אין דער לאַנגער הויזן־קעשענע — לאַנג ביז די קני. פון דאָרט האָט ער ביינאַכט דעם טאָגס געלטער אַריינגעטראָגן אין אייזערנעם קאַסע־קאַסטן, צו וועלכן נאָר ער אַליין האָט געהאַט די שטאָלענע שליסלען. דער שווערער קאַסע־קאַסטן האָט זיך געעפנט זייער גרינג, אָבער מיט אַ זיפץ ווי פון אַ מענטשלעכן האַלדז אַרויס. דאָס עפענען די גרויסע קאַסע ביי טאָג, אין אַלעמענס אויגן, איז כמעט קיינמאָל נישט פאָרגעקומען.

און פאָרט זענען אַפילו ביי די פראָצענט־געשעפטן געווען עטלעכע אַזעלכע, וואָס זענען געשטאַנען אונטער דעם זיידנס באַזונדערער השגחה. עטלעכע — יידישע, און עטלעכע — פויערישע. פאַר אָט די לווים האָט דער זיידע נישט מורא געהאַט, נישט אַנטלאָפן פאַר זיי. אדרבא, ער האָט מיט זיי געכאַפּט אַ שמועס, געטרונקען אַפילו אַ גלעזל טיי מיט זיי צוזאַמען; אַפילו מיט די פויערים פון די דערפער. וואָס פלעגן דערביי אַוועקלייגן די קאַפעלושן אויף דער פאָדלאָגע, און זיך גאָר קיין עצה נישט געקענט

געבן מיט דעם דינעם גלעזל מיטן גאָלדענעם געטראַנק, וואָס האָט נאָך דער־צו געבריט ווי פייער.

און יאָרן לאַנג האָט אַזאַ מין פויערישע לווה, וואָס האָט געהייסן קשיוואַנאָס (קרומנאָזיקער) געפלעגט פינקטלעך יעדע דריי חדשים עפּעס צאָלן, איינצאָלן, אָפּצאָלן און צוריקנעמען. עפּעס האָבן זיי געהאַט, קשיוואַ־נאָס און דער זיידע, זומערדיקע חשבונות און ווינטערדיקע. און מער ווי אַלע אַנדערע ווערטער האָב איך דערביי אַלע מאָל געהערט דאָס וואָרט „פּשעדנאָוועק״ — כּלומר: פאַר ניי־שניט. און אָפּט האָט קשיוואַנאָס דער־ציילט דעם זיידן מיט גרויס נחת וועגן דעם וויאַזוי זיין בן־יחיד לערנט זיך אין די שקאָלעס אין די גרויסע שטעט, און אַז אָט־אָ באַלד וועט ער שוין אויסשטודירן און דער חוב וועט אינגאַנצן אָפּגעצאָלט ווערן; און ער, קשי־וואַנאָס, וועט אויף די אַלטע יאָרן זיין פאַרזאָרגט און אַז גאָט האָט נישט מער באַשערט ווי איין זון — האָט ער באַשערט אַ גוטן זון, און צום גוטן זון — אַ גוטן פּאַן דאָבראָדזיעי ראָזענבלאַט, יאַשקאַ ראָזענבלאַט.

אפשר האָט דער זיידע געוווּסט אויף וואָס דער זון פון קשיוואַנאָס שטודירט און אויך געוווּסט דעם שייכות צווישן דעם שטודירן און די שטענ־דיקע הלוואות פון דעם „בעסטן פון אַלע גויים״. אָבער ער איז שוין סיי ווי געווען אַזוי פאַרפלאָנטערט אין דעם גאַנצן עסק מיט דער גוטסקייט פון דעם פויער און מיט דער ערלעכקייט זיינער, און טאַקע מיט זיין אייגענער גוטסקייט צו דעם דאָזיקן פויער, אַז קיין צוריק איז שוין מער נישט מעגלעך געווען.

***

און איינמאָל אין אַ וואַרעמען חודש יוני בין איך געווען אין זיידנס שטוב. עס איז דאָ קיל און שטיל און איך האָב די שטוב ליב געהאַט. איך האָב מיך צוגעקוקט צום גאַנג פון אַ טיש־זייגער, וואָס האָט געהאַט גלעז־זערנע וועגטלעך און מען האָט געזען גענוי געקענט דורך זיי זען וויאַזוי ער גייט, און ווי אַזוי זיינע רעדעלעך טשעפּען זיך כּסדר איינס אין אַנדערן און ווי־אַזוי דאָס רעדערוואַרק בינדט זיך מיט דעם ציפערבלאַט, און ווי אַזוי דאָס

גלעקל, וואָס איז אַ ווערקל פאַר זיך, האָט אַ שותּפות מיט דעם גאַנג־ווערק פון זייגער. און דער זיידע איז זיך סתם געזעסן ביים פענצטער און אַרויס־געקוקט.

עפנט זיך די טיר און עס קומט אַריין קשיוואַנאָס. נישט קיין אויסער־געוויינטלעכע זאַך. נאָר אין זיין היינטיקן אַריינקומען איז געווען קלאָר, אַז דאָס איז נאָך נישט אַלץ. אַז עמעצן האָט ער געלאָזן הינטער דער טיר. און דער זיידע איז געוואָרן אַביסל אומרויִק. הייסט ער דערווייל דעם פּויער נעמען אַ בענקל און זיך זעצן. קשיוואַנאָס זעצט זיך, אָבער ער זיצט נישט איין. זיין פּנים שטראַלט מיט עפּעס אַן אומדערייסטקייט און מיט עפּעס אַ גרויסער שמחה. און ער גיט זיך פּלוצלינג אַ הייב אויף:

— דאָסמאָל — פּאַניע דאָבראָדזיעיו יאָשקו — האָב איך אייך גע־בראַכט אי דאָס פּראָצענט און אי פּראָצענט פון פּראָצענט...

האָט שוין דער זיידע אַ רגע געמיינט, אַז אפשר איז עס אַ גאַנדז, אָדער אַ האָן, אָדער אַ פּאָר הינער, ווי דער שטייגער. דער זיידע האָט דאָס נישט גערן געהאַט. ער האָט זייער ליב געהאַט אַן אַקוראַטן חשבון, אָבער די אַלע צוגאָבן, די מתּנות, האָבן אים געשראָקן. ער האָט עפּעס חושד געווען הינטער זיי, און ער איז בכלל נישט געווען איינגעשטעלט אויף די מתּנות, וואָס האָבן דווקא ביי אַנדערע געלט־פּאַרלייערס געשפּילט אַ גרויסע ראָלע. ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַן אַריסטאָקראַט אין דעם געביט.

מאַכט קשיוואַנאָס אַ פּאָר שריט און ער עפנט די טיר, און די גאַנצע טיר איז אויסגעפּילט מיט אַ בלאַנדן גלח, מיט אַ בלויזן קאָפּ און אַ לאַנגער, שוואַרצער סוטאַנע מיט קליינע טוכענע קנעפּלעך ביז אַראָפּ, און מיט אַ שטייף ווייס קעלנערל אַרום האַלדז. ער שטייט און איז רויט און ער שוויצט, דער יונגער גלח. נאָר אַז דער פּאָטער הייסט אים אַריינגיין, גייט ער אַריין, און ער שטעלט זיך פאַרשעמט הינטער אים.

אין וואָס עס גייט דאָ האָט דער זיידע נאַטירלעך אין דער רגע פאַר־שטאַנען. אָט־אָ דער יונגער גלח איז טאַקע געווען דאָס „פּראָצענט פון פּראָ־צענט"...

צי האָט דער זיידע געוווּסט צו וואָס זיינע ביליקע הלוואות ווערן פאַר־

וועגדט? גיכער יאָ ווי נישט. ווי געשיקט זיך, אַז קשיוואָנאָס זאָל זיך קיין איין מאָל נישט האָבן אַרויסגעכאַפּט מיט זיין אמתן סוד, און אויב נישט קשיוואָנאָס אַליין — האָט זיכער אַן אַנדערער פויער פון זעלבן דאָרף די מעשה דערציילט. האָט אָבער דער זיידע געהאַט אַ גוט האַרץ, און זיך גלאַט נישט וויסנדיק געמאַכט, אַפּילו פאַר זיך אַליין. און אפשר האָט ער גע־טראַכט, אַז עס איז גאָר אַ מצווה אויפצונאָווען אַ גלח מיט ייִדיש געלט — — אַ גוטער גלח אין אַ דאָרף איז אַ ברכה פאַר ייִדן. דאָס אַלץ איז טאַקע אמת. אָבער אַז אָט דער גלח וועט אַריינקומען צו אים אין שטוב אַריין — ער זאָל מיט די אייגענע אויגן זען זיין שטילע זינד־נישט־זינד, וואָס אויף איר קען מען גאָר אַפּילו קיין שאלה ביים רב נישט פרעגן — און דער עיקר איצט, אַז עס איז שוין נאָך אַלעמען — אויף דעם האָט ער זיך נישט גערעכנט.

און דער גליקלעכער קשיוואָנאָס האָט זיך צעשטאַמלט מיט אַ קלייִנער דרשה און מיט טרערן אין זיין הייזעריק און האַרט קול. האַרט און גרוי ווי גרודעס ערד.

— סינו — זון מייִנער, און ער האָט אַ כליפּ־געטאָן און ווייטער גע־רעדט, — זעסטו דעם דאָזיקן פאַן יאַשקאָ ראָזענבלאַט — פריִער גאָט און דערנאָכדעם ער זענען דייִנע וווילטוער. ווען נישט ער און זיין גאָלדן האַרץ, וואָלסטו היינט די סוטאַנע נישט געטראָגן, נאָר וואָלסט געווען אַן אָרעמער פויער מיט באָרוועסע פיס ווי דיין טאַטע. סינו, זאָלסט עס געדענקען דיין גאַנץ לעבן. מער וויל איך דיר נישט אָנזאָגן. און איצט גיי און גיב אַ קוש אין האַנט אַריין דעם פּאַן יאַשקאָ.

און דער גלח איז צוגעגאַנגען נאָענט צום זיידן —

אָבער דער זיידע האָט זיך שנעל אויפגעשטעלט פון בענקל און ער האָט געציטערט אויף ניין מיט זיין לאַנגער, זילבערנער באָרד, און געגומען הייבן די הענט מיט פחד העכער און העכער, שיִר נישט ביז צו דער סטעליע, ביז צום הימל.

און כאָטש דער זיידע איז נישט געווען קיין נידעריקער, איז אָבער דער יונגער גלח געווען אַנדערטהאַלבן מאָל אַזוי הויך ווי ער, און ער האָט דער־גרייכט מיט זיין יונג, ראָזיק געזונט מויל די רעכטע האַנט פון מיין זיידן — ער האָט דאָך איצט מקיים געווען די פינפטע „פּשיקאַזאַניע" — כיבוד

אָב ואם — ער האָט אַ הויכן קוש געטאָן די האַנט און איז צוריקגעגאַנגען און זיך ווידער געשטעלט הינטער זיין טאַטן.

קשיוואַנאָס האָט איצט פון הינטערן פאַרטוך אַרויסגענומען אַ בינ־טעלע אין אַ לייוונט פאַרבונדן, האָט עס מיט די ציין אויפגעקניפּט און אַנידערגעלייגט די פּאָר מטבעות אויפן טיש.

—סינו, איצטער קענען מיר שוין גיין.

דער זיידע איז געבליבן זיצן פאַרקלערט און דערשראָקן. באַלד זענען זיך צונויפגעקומען משפּחה־לייט. דער זיידע האָט זיי מיט זיין, אַלעמאָל אַביסל שולדיקן, שמייכל דערציילט די מעשה פון דעם דאָזיקן גוי קשיוואַ־נאָס און זיין זון, דעם גלח, וואָס זענען דאָ נאָר־וואָס געווען. אָבער די מעשה מיט דעם קוש האָט ער פאַרשוויגן.

— אַ נאַרישער גוי, וואָס האָט ער אַזש באַדאַרפט ברענגען דעם זון, דעם גלח, צו מיר אין שטוב אַריין.

***

און אַז איך אַליין, פאַן יאַשקאָס אייניקל, דערצייל איצט דאָ די מעשה פון יאָר 1905 — מיט פופציק יאָר שפּעטער — דערצייל איך זי נישט סתם. שוין קינדווייז האָט עס מיך געאַנט, אַז אַט דער קוש איז ערגעץ קיינמאָל נישט פאַרגעסן געוואָרן — אפשר האָט ער זיך אין לויף פון יאָרן פאַר־וואַנדלט אין אַ גליענדיקער קויל פון האַס. אפשר.

און אפשר איז די ציטערדיקע האַנט פון זיידן אייביק געשטאַנען פאַר די אויגן פון גלח קשיוואַנאָס און אַ סך אַזעלכע ציטערדיקע יידישע הענט זענען געראַטעוועט געוואָרן דורך אים, ווען די שעה פון אומגליק האָט פאַר אַט די הענט געשלאָגן.

***

נישט לאַנג האָט עס געדויערט און דער פויער קשיוואַנאָס איז געקו־מען צום זיידן אַן אויפגעריכטער, מיט גוטע שטיוול אויף די פיס און אָפּגעברענגט דעם גאַנצן חוב. זיין זון האָט ער טאַקע שוין מער נישט גע־בראַכט מיט זיך — אָבער מיין פאַרזיכטיקער זיידע האָט סיי־ווי איצט

פעסט געהאַלטן זײַנע בײדע הענט אַרײַנגעשטעקט אין די אַרבל — הינ־
טער זײַן רוקן. קשיוואָנאָס האָט דעם ווונק גוט פאַרשטאַנען — ער איז
געווען אַ קלוגער פויער — איז ער צוגעגאַנגען צום ייִדן —

— אָבער די האַנט קענט איר מיר דערלאַנגען, פּאַניע יאַשקו.

האָט דער ייִדע אַרויסגענומען זײַנע הענט פון די אַרבל, און ייִד און
גוי האָבן זיך דערלאַנגט די דלאָניעס און מער האָט מען שוין קשיוואָנאָסן
נישט געזען ביים ייִדן אין שטוב.

# מיין טאַטנס און מיין מאַמעס ניגונים

נישט מיין טאַטע, נישט מיין מאַמע האָבן געהאַט גוטע שטימען צום זינגען, אָבער זיי האָבן ביידע זייער ליב געהאַט נגינה. זיי האָבן אויך ליב געהאַט, פון צייט צו צייט, אַליין אַביסל צו זינגען — דער עיקר, ווען קיי־נער איז נישט געווען דערביי — ווייל, אַז מען איז דערביי געווען — האָבן זיי זיך געשעמט. זיי האָבן אויך — אין זעלטענע, אויפגעלייגטע שעהן צו־זאַמען זיך געפלעגט דערמאָנען עפּעס אַ ניגון און אים זינגען צוזאַמען. וואָרעמער, שענער און זינגעוודיקער איז געווען דווקא מיין טאַטנס שטימע, כאָטש ער איז אַלעמאָל געווען אַביסל הייזעריקלעך צוליב זיין רויכערן; ממש אָן איבערייס, בייטאָג און ביינאַכט — כמעט אפילו אויך אין שלאָף. מיין טאַטע האָט אויך געקענט זייער שיין פייפן — אָבער מיט דעם האָט ער זיך אוודאי געשעמט פאַר מענטשן; פייפן איז נישט קיין באַלעבאַטישער ייִדישער ענין — און מיין טאַטע האָט זייער שטאַרק געהאַלטן פון אַ באַלע־באַטישער באַנעמונג.

חוץ אַלע ניגונים און לידער, וואָס מיינע טאַטע־מאַמע האָבן געקענט, און עס זענען נישט געווען צופיל, האָבן ביידע געהאַט יעדער איין ניגון, וואָס דאָס איז געווען דער ניגון פון יעדנס לעבן.

מיין מאַמעס לעבנס־ניגון איז געווען דער ניגון פון אַ פּויליש ליד וועגן אַ בין, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין אַ שטראָם וואַסער און האָט זיך גענומען טרענקען און גערופן הילף. די בין האָט אַזוי לאַנג גערופן, ביז עס האָט איר הילף־זשומען און הילפלאָז פליגל־פלאַטערן, דערהערט און דער־זען אַ טויב. און די טויב האָט אַרויסגעראַטעוועט אויף אירע ווייסע פליגלען די בין. נאָר פונקט דעמאָלט האָט די בין אַ ביס־געטאָן דעם ווייסן טויבן־פליגל. איז די טויב אַריינגעפאַלן אין וואַסער־שטראָם און די בין איז זיך רויִק ווייטער אַוועקגעפלויגן אין איר הימלישן וועג... וואָס פאַר אַ ליד דאָס איז — פאָלקס־ליד, קונסט־ליד, אפשר גאָר אַ קאַבאַרעט־ אָדער אָפּערעטן־באַלאַדע פון 19טן יאָרהונדערט, ווי עס איז דעמאָלט געווען דער שטייגער

— ווייס איך נישט. אַ טייל פון דעם פוילישן ווערטערלעכן טעקסט געדענק איך נאָך. ער הייבט זיך אָן: „ווּפאַדלאַ וו סטרומיק פשטשולקאַ מאַלאַ" — דעם ניגון געדענק איך גוט און שאַרף, און ער זינגט אין מיר אינעווייניק אייביק, און ער זינגט פון מיר אַרויס אין די אומעטיקע מינוטן פון לעבן, ווען עס באַפאַלט מיך בענקשאַפט, בענקשאַפט צו אַלע ווייטקייטן, און ווען טרערן הייבן אָן צו פליסן אָן אַ שום סיבה, און אפשר צוליב אַלע סיבות צוזאַמען...

מיין טאַטנס ניגון האָט קיין ווערטער נישט געהאַט. יעדנפאַלס האָט ער אים קיינמאָל מיט קיין ווערטער נישט געזונגען. און ווייל דער ניגון האָט קיין ווערטער נישט — פאַרשווינדט ער אָפט פון מיין זכרון און איך קען מיך אים בשום אופן נישט דערמאָנען. אָפט ליג איך שעהען און וויל מיך אים דערמאָנען, און דערמאָן מיך טוצן ניגונים — זוכנדיק אין מיין נישט צו שטאַרקן זכרון בכלל, און מוזיקאַלישן שוואַכן זכרון בפרט — מיין טאַטנס ניגון. און ער קומט נישט. נאָר פלוצלינג באַפאַלט ער מיך אומגע־ריכט און לאָזט מיך נישט אָפּ טעג און נעכט. פון וואַנעט מיין טאַטנס ניגון שטאַמט — ווייס איך נישט. אויך ער האָט, ווייזט אויס, נישט געוווּסט. איך האָב אים אָפט וועגן דעם געפרעגט. און אפשר האָט ער גאָר נישט גע־וואָלט אויסזאָגן. מיין טאַטע האָט געהאַט אַלערליי ראָמאַנטישע איבער־לעבונגען אין זיינע יונגע יאָרן — און ער האָט אפשר דעם ניגון געהיטן ווי זיין סוד. דער ניגון איז געווען סיי ווי אומעטיק, און אין טאַטנס אַרויס־ברענגען אים איז ער געוואָרן ממש דער אומעט אַליין. דער טאַטע האָט דעם ניגון קיינמאָל נישט געזונגען סתם אַזוי, און נאָר דעמאָלט, ווען ער האָט צוליב אַ סיבה געדאַרפט און געקענט אויף דעם ניגון, ווי אויף פליגלען, זיך אויפהייבן און אַוועקפליען — אַוועק, אַוועק...

און כאָטש מיין מאַמע האָט איר לעבנס־ניגון אויך קיינמאָל נישט גע־זונגען סתם אַזוי — נאָר ביי זעלטענע געלעגנהייטן, אויפטרייסלונגען אין איר נשמה — האָט זי אים אָבער פאַרט געזונגען, ווי דער טאַטע — זיין ניגון.

מיין מאַמע האָט געהאַט אַ טבע צו זיצן שעהען־לאַנג און קוקן פאַר זיך און שווייגן. ביים סוף פון אַזאַ שווייגן און קוקן פאַר זיך — פלעגט זי זיך

פּלוצלינג צעזינגען: זינגען איר ניגון, און דאָס האָט איר געגעבן כוח אויפ־צושטיין און צו טאָן, וואָס זי האָט געדאַרפט גראָד טאָן.

און זענען געווען סכסוכים אין דער משפחה — און נישט איינמאָל אויך מיט דעם טאַטן, און נישט זעלטן אַפילו אויפן געביט פון אייפערזוכט — האָבן מיר, קינדער און אויך דער טאַטע, אַלעמאָל געוואַרט, אַז די מאַמע זאָל זיך שוין ענדלעך צעזינגען. צוערשט שטיל, שטיל, שפּעטער אַלץ העכער און העכער. אָבער קיינמאָל נישט צו־הויך. דער ניגון האָט געבראָכן דעם קריזיס. מען האָט עס געוווּסט, מען האָט אָבער געמוזט דיסקרעט נ י ש ט באַמערקן, אַזיסט איז באַלד דער קריזיס ווידער געקומען — האָט די ניגון־מעדיצין נישט געווירקט.

זעלטענער פון דער מאַמען, שענער פון דער מאַמען, האָט דער טאַטע געזונגען ז יי ן ניגון. ערשטנס האָט ער אים געזונגען בלויז אין אַן אָוונט. צווייטנס, האָט ער זיך צו אָט־דעם זינגען אַלעמאָל אָוועקגעשטעלט ביי איינעם פון די צוויי גרויסע פראָנט־פענצטער אין אונדזער „סאַלאָן". ער פלעגט אָנשפּאַרן דעם שטערן אָן דער נאַכט־שוואַרצער שויב און אינגאַנצן ווי אַריינגעוואַקסן אין דעם פענצטער און דער נאַכט. דאָס פענצטער איז געווען פאַרהאַנגען מיט שווערע פּאָרטיערן, דערצו זענען נאָך פאַר די פּאָר־טיערן געווען געשטריקטע ווייסע פאָרהאַנגען. דער טאַטע איז געשטאַנען הינטער זיי. מען האָט גאָר בולט געזען זיין געשטאַלט. אין שטוב איז בשעת אַזאַ זינגען געבליבן פינצטער. קודם פלעגט דער טאַטע אַזוי שטיין און שווייגן. אַ פערטל שעה. אַ האַלבע שעה. און אָט האָט ער אָנגעהויבן שטיל, שטיל צו זינגען — זיין ניגון. און וואָס ווייטער — אַלעמאָל העכער און העכער — אָפטמאָל אַ שעה נאָכאַנאַנד. און דאַן איז ער פון הינטער די פּאָרטיערן אַפּירגעקומען אַ געשטאַרקטער, האָט זיך געוווּנדערט פאַרוואָס עס איז פינצטער, האָט זיך געגומען פאָרען ביי די לאָמפּן און די גאַנצע שטוב איז באַלד איינגעהילט געוואָרן אין אַ גוטן געמיט, פּונקט ווי זי איז ערשט געווען איינגעהילט אין אומעט — ווען דער טאַטע איז געשטאַנען הינטער די פאַרהאַנגען — אַליין מיט זיין טרויער און זיין ניגון, וואָס האָט זיין אומעט געטראָגן אַוועק און אַוועק אויף פליגלען אין דער פינצטערער נאַכט פון דעם שטעטל, פון דער וועלט.

— אָפטמאָל האָט עס פּאַסירט, אַז דער טאַטע פלעגט זיך פאַרגעסן —

שטייענדיק אַזוי הינטער די פאָרטיערן אין זיין איינזאַמקייט, און פון ברוי־מען און זינגען דעם ניגון זיינעם איז ער אַריבער אין פייפן — און ער פלעגט פייפן אַזוי מתיקותדיק שיין. אָבער עס איז עפּעס געווען מאָדנע. אונדזער טאַטע, רב פראַים בערגנער פייפט...

און איינמאָל, און דאָס איז געווען שפּעט־אָסיען 1906, איז ביים טאַטן פלוצלינג געשטאָרבן זיין שטאַרק־געליבטע מאַמע. געשען איז דאָס אומ־גליק אין סטאַניסלעו, אַ זיבן שעה באַן־רייזע פון אונדזער שטעטל. דער טאַטע האָט זיך געריסן צו פאָרן צו זיין משפחה. און נאָך די ערשטע דריי טעג שבעה — האָט מען געפרעגט אַ שאלה און דער רב האָט געפסקנט, אַז דער טאַטע מעג פאָרן צו זיין משפחה פאַרענדיקן דאָרט די שבעה. די באַן האָט געדאַרפט אָפּפאָרן פאַרטאָג אין די שטוב איז אויפגעווען כמעט אַ גאַנצע נאַכט. דער טאַטע איז בדרך־כלל נישט געווען צו־פרום, אָבער ווען עס איז געקומען צו הלכות אבילות האָט ער אָפּגעהיטן אי יעדן דין און אי אַפילו יעדן מנהג. און אָט איז שוין פיר פאַרטאָג; חושך מצרים אין שטעטל. דער טאַטע איז שוין לאַנג אויפגעשטאַנען, אויף אַלע זיינע מלבו־שים זענען שאַרפע קריעות, נאָר כאָטש ער איז אָן אָבל אין מיטן דער שבעה, טראָגט ער שיך. אָבער ער גייט אין זיי זייער שווער, ווייל אין די שיך איז אָנגעשאָטן ערד. אַזוי איז דער מנהג, און אפשר דער דין. און דער טאַטע האָט נאָך דערצו געבעטן, אַז אין דער ערד זאָל מען אַריינמישן אַ פּאָר שטיינדלעך אויך... אין דיני און מנהגי אבילות איז ער אַ מחמיר. עס איז נאָך דאָ אַביסל צייט ביז דער בעל־עגלה וועט קומען נעמען דעם טאַטן צו דער באַן. דער טאַטע בעט די שטוביקע, אַז זיי זאָלן נאָך שלאָפן — און ער ציט איין די לאָמפּן. ער גייט שווער צו צום פענצטער, שטעלט זיך הינטער די פאָרטיערן און ער הייבט אָן שטיל, שטיל צו ברומען זיין ניגון, קוים צו הערן. נאָר דער ניגון אַליין הייבט זיך אַליץ העכער און העכער אויף זיינע אייגענע פליגלען און אָט איז ער שוין אַזוי הויך, אַז דער טאַטע קען אים נישט נאָכפליען מער מיט זיין וואַרעמער, נידעריקער, הייזעריקלעכער שטי־מע, און דער טאַטע הייבט אָן צו פייפן — העכער און העכער — מיר האָבן אַלע אין דער פינצטער, אין די בעטן איינגעהאַלטן דעם אָטעם — אויס עפּעס אַ מורא פאַר דער רגע, ווען דער טאַטע וועט אויפוואַכן פון זיין ניגון־פלי און וועט דערפילן, אַז ער געפינט זיך אין שטוב צווישן זייניקע און מען

האָט געהערט, אַז ער — דער שווערער אָבל — האָט גאָר געפּייפט... און אָט דערהערן מיר שווערע טריט אויף די הילצערנע טרעפּ אין אונדזער קאַמעניצע — אַן אויסלייזונג. נישט ווי שטיוול, נאָר ווי צוויי ציגל וואָלטן דאָרט געגאַנגען. און אָט הערט זיך שוין דאָס קלאַפּן אין דער טיר — רב פּראַים — רב פּראַים — עס איז שוין שפּעט. דער טאַטע גיט זיך אַ ריס צו דער טיר און ענטפערט — שוין, איך גיי שוין, רב פּראַים. (אויך דער באַלעגאָלע האָט געהייסן פּראַים און דער טאַטע פלעגט אים, ווי זיין שטייגער פון באַנעמען זיך מיט לייט פון פּראָסטן פאָלק, אויך רופן מיט אַ „רב").

איך האָב נאָך זינט יענעם האַרבסט־פאַרטאָג אַ סך מאָל געהערט מיין טאַטן זינגען און אויך פייפן זיין ניגון — און ער איז אַריבערגעגאַנגען בירושה צו מיר און ער דינט מיר, פּונקט ווי ער האָט געדינט מיין טאַטן, נאָר איך קען אים נישט אַזוי שיין זינגען און לחלוטין נישט אַזוי פייפן ווי דער טאַטע.

**
*

אַז די מאַמע האָט איר ניגון געזונגען דאָס לעצטע מאָל איז זי געווען איינענקע אַליין. זי האָט מיר וועגן דעם געשריבן אין יאָר 1942 — ווען זי איז שוין געווען אין נאַצי־אָקופּירטן געביט, ווען איר האַנט האָט שוין געציטערט און איר איינציקער אויסוועג איז נאָך געווען נאָר אַ גיכער און גרינגער טויט. ווי אַזוי דער טויט איז געקומען און ווען, דאָס זענען מיר קיינמאָל נישט געוואָר געוואָרן. זיכער איז נאָר, אַז איר אַש איז אַראָפּ אין דער ערד פון בעלזשעץ און איר גייסט איז אַרויף... אויף די פליגלען פון איר ניגון... אין די הימלען וואָס איבער בעלזשעץ.

אין איינעם פון אירע לעצטע בריוו האָט זי געשריבן: איך האָב מיר אַליין אויסקאָמפּאָנירט אַ ניגון און זינג אים, ווען איך בין שטאַרק טרויעריק און אַליין. איך זינג אים צו אייך, מיינע זין און עס דאַכט זיך מיר, אַז איר הערט אייער פאַראייניזאַמט מאַמעלע.

קען זיין, אַז זי האָט צוגעגעבן נאָך עטלעכע אַקאָרדן אין אירע לעצטע חדשים, וואָכן, טעג, מינוטן צו איר ניגון — זיכער איז, אַז עס איז אין גרונט געווען דער זעלבער ניגון פון „ווּפּאַדלאַ וו סטרומיק"... איר לעבנס־

ניגון. און אויב זי איז נאָך לעבעדיק געווען, ווען מען האָט זי איינגעשלאָסן אין גאַז־קאַמער — איז איר ניגון אויך דאָרט מיט איר געווען און דאָרט מיט איר לעצטן אָטעם איינגעאָטעמט גאַז און מיט אים צוזאַמען אויס־געגאַנגען.

***

און אָט דאָס איז די מעשה פון מיין טאַטנס און מיין מאַמעס לעבנס־ניגונים, וואָס איך האָב פון זיי גערשנט — און וואָס איך האָב זיי שוין איבערגעגעבן בירושה מיין טאָכטער און מיין זון —

מענטשן נאָר שטאַרבן, ניגונים שטאַרבן נישט. זיי זענען שטאַרקער ווי די צייט, שטאַרקער ווי די ווענט פון גאַז־אויוונס —

אָבער דאָס איז שוין סתם גערעדט, דאָס האָט שוין נישט קיין שייכות צו דער מעשה; און איך דערצייל דאָ נאָר מעשיות פון דעם מעשה־בוך פון מיין לעבן.

# באַנקן, וועקסלען און פּראָטעסטן

ערגעץ־ווו איז געווען אַן עקאָנאָמישע באַרעכטיקונג פאַר דעם, ערגעץ־ווו זענען זיי געווען אַ רעזולטאַט פון דער פינאַנציעלער סיטואַציע און קאָנסטעלאַציע פון דער עסטרייכיש־אונגאַרישער אימפּעריע, אַט די קליינע געזעלשאַפטלעך־אָרגאַניזירטע באַנקן אין גאַליציישע שטעטלעך, וואָס זענען אין דער אמתן אַלעמאָל געווען אַ שותפות פון צוויי־דריי פּערזאָנען, די „אויסגעקליבענע דירעקטאָרן" זייערע. און געווען איז דאָס אין די ערשטע יאָרן פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. ערגעץ־ווו זענען זיי — אָט די באַנקן און בענקעלעך — אויך געווען אַ גלגול פון די אומצאָליקע יידישע געלט־פּאַרלייערס צו דער אָרעמשאַפט, סיי יידישער און סיי קריסטלעכער. אַן אוראַלטער סיסטעם, אַלט ווי די צייטן פון בית־ראשון אין ארץ־ישראל, האָט אין אָט די באַנקן אָנגעהויבן אָנצונעמען נייע פאָרמען. שטאָט צו קומען אין די היימען פון געלט־פּאַרלייערס, וועלן פון איצט אָן די אָרעמע פּויערלעך, די האַנטווערקערס, די יידישע בעל־מלאכהס, די יידישע געוועלבניקעס קומען אין אַ „באַנק".

און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה באַנקן און וועקסלען און שפּעטער פּראָטעסטן און אָנזעצענישן. אָבער דערווייל איז געווען חיגעלעבט. דער גאַנצער יידישער מיטלשטאַנד איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם באַנקן־פיבער. אַ גביר וועט אַנטלייען זיין זון, אָדער זיין איידעם אַ גרעסערן סכום, דאָס וועט זיין דער „גרינדונגס־קאַפּיטאַל" און דאָס ווייטערדיקע וועט שוין קומען פון זיך אַליין. דער יידישער מיטלשטאַנד וועט ווערן אַ מלווה־ברבית, אָבער מיט ווירדע און מיט כבוד און קיין לווה וועט שוין אַוודאי נישט פעלן.

די צוויי גרעסטע גבירים אין רעדים מיין שטעטל, זענען געווען יאָסעלע ראָזענבלאַט — מיין זיידע — און דודי מייסטער, מיין זיידנס שוואָגער, מיין עלטער־פעטער. זיי האָבן ביידע מיט ווירדע און מיט אַ סך לעבנס־דערפאַרונג און חכמה געפירט זייער שטאָט. ביידע האָבן זיי געהאַט קאַ־

מעניצעס אין רינגפלאַץ. איז אין זיידנס קאַמעניצע געווען דער שטייעראַמט ווי אַ קוואַרטיראַנט, איז אין דוד מייסטערס קאַמעניצע געווען דאָס שטאָטישע געריכט ווי אַ קוואַרטיראַנט. ביידע שוואָגערס־גבירים זענען געווען לאַווניקעס אין דער שטאָט־פאַרוואַלטונג פון רעדים. ביידע פלעגן קומען זייער פינקטלעך צו די זיצונגען, טראָגן בשעת־מעשה די שענסטע בלויסאַמעטענע יאַרמלקעס זייערע אויף די קעפּ, אָפּשווייגן, אָדער אָפּדרעמלען די פּאָר שעה. אין קאָרידאָר פלעגן אויף ביידע שוואָגערס וואַרטן זייערע משרתים, אָדער פּאַראָבקעס מיט די לאַמטערנעס — אַהיימצופירן זייערע באַלעבאַטים, וואָס זענען נישט צוגעוווינט געווען אַליין צו זיין אין גאַס נאָך אַכט אַזייגער אין אָוונט. די שוואָגערס האָבן זיך קיינמאָל נישט געקריגט, אדרבא, זיי פלעגן גאָר כסדר שפּאַסן — יעדער אויף זיך — אַז זיי זענען אָרעמעלייט, דער אמתער גביר איז „מיין שוואָגער יאָסעלע", אָדער „מיין שוואָגער דוד". ביידע האָבן געהאַט פעלדער און וועלדער און „נאָך אַ פּאָר הייזער" חוץ די קאַמעניצעס.

און אַז עס איז אויפגעקומען די באַנקן־מגפה, האָט זי זיך די ערשטע אַריינגעכאַפּט אין די משפחות פון די צוויי שוואָגערס, וואָס האָבן געהאַלטן דאָס גאַנצע שטעטל אין זייערע ברייטע, טיפע בעקעשע־קעשענעס. און עס האָבן די זין און די איידעמס פון די צוויי שוואָגערס — און די שוואָגערס זענען שוין דעמאָלט געווען ביידע בני שבעים — אָנגעהויבן צו לויפן צו זיי נאָך „גרינדונגס־קאַפּיטאַל". אָבער די שוואָגערס האָבן — לויט דער־פאַרונג פון דורות, וואָס גייען נאָך צוריק צום בית־ראשון און גייט אַדורך אַלע מדרגות פון דער לאַנגער יידישער געשיכטע — נישט געהאַלטן פון באַנקן און נישט פון „גרינדונגס־קאַפּיטאַלן". זיי האָבן געוווּסט, אַז דאָס זיכערסטע אָרט איז די אייגענע קעשענע. זיי אַליין זענען דאָך אָן שום גרינדונגס־קאַפּיטאַלן דערגאַנגען צו עושר און כבוד. דאָך דעם רייטוואָגן פון פּראָגרעס קען מען נישט איינהאַלטן און סוף־כל־סוף האָבן ביידע שוואָגערס — ביידע בסוד סודות — נאָכגעגעבן, אויסגעבאָרגט „גרינדונגס־קאַפּיטאַלן" און אָט האָט זיך באַוויזן אַ פּלאַקאַט אין שטאָט, אַז דעם זיידנס זון נטע ראָזענבלאַט ווערט אַ דירעקטאָר פון אַ באַנק און זיין שותף וועט זיין אברהם מעללאַן פון אַ דערבייאיקער שטאָט. אָבער שוין אויף צו מאָרגנס האָט זיך באַוויזן אַ צווייטער פּלאַקאַט, געדרוקט מיט זיבן קאָ־

לירן פון רעגנבויגן, אַז עס גרינדעט זיך אין שטאָט נאָך אַ באַנק און די דירעקטאָרן וועלן זיין דער און דער, איינער אַן איידעם און דער צווייטער אַן אייניקל־יתומהס מאַן פון דוד מייסטער. די געשעפטן זענען גוט אַוועק און עס האָט לאַנג נישט געדויערט, האָבן זיך אין שטעטל באַוויזן נאָך צוויי באַנקן און ווידעראַמאָל איינע פון דער משפחה פון איין שוואָגער — מייסטער — און די צווייטע פון דער משפחה פון צווייטן שוואָגער — ראָזענבלאַט. און מיט דער אַ לעצטער, דער פערטער באַנק אין שטעטל איז שוין דער מעשה־דערציילער אַ נאָענטער קרוב. איינער פון די צוויי דירעקטאָרן אירע איז געווען אפרים בערגנער, זיין טאַטע, און דער צווייטער איז געווען מיין טאַטנס שוואָגער, מרדכי ראָזענבלאַט, מיין זיידנס זון.

וויפל און וויפלערליי מלבושים מיין טאַטע האָט געהאַט, מלבושים, וואָס האָבן זיך סותר געווען איינס דאָס אַנדערע, אַזויפיל געשעפטן האָט ער אויך געהאַט — און אויך זיי האָבן זיך סותר געווען. וואָרעם וואָס פאַר אַ שייכות האָט וואַלד צו גוראַלניע און אַקציז צו באַנק? דער אמת איז, אַז אויף זיין שטייגער איז מיין טאַטע געווען אַ מנחם־מענדל פון אַ ספּעציעלן גאַליצישן מין. כאָטש מען האָט געלעבט רייך — קיין עושר איז ער קיינמאָל נישט געווען.

מען האָט געדונגען אַ פּאַסיקן לאָקאַל, מען האָט אַריינגעשטעלט אייזערנע גראַטעס אין די פענצטער און צוגעקלאַפּט שווערע שטאָלענע פּרענטעס צו די טירן. מיט אָט דער אויסשטאַפירונג האָט זיך מער ווי אַלע אינטערעסירט מיין זיידע. ער האָט דאָך צוגעשטעלט דעם „גרינדונגס־קאַפּיטאַל״ און האָט אים געוואָלט כאָטש מיט אָט די פּרענטעס פאַרזיכערן. מען האָט אַריינגעשטעלט שיינע מעבל, אויפגעשטעלט האָלצערנע באַריערן אין מיטן גרויסן באַנק־צימער אויף אָפּצוטיילן די מלווים פון די לווים; מען האָט אויפגעהאַנגען אַ גרויס בילד פון קייסער פראַנץ־יאָזעף מיט די זילבער־ווייסע באַקן־באָרדן. דאָס איז געווען אַ סימן, אַז דאָ איז אַן אַמט און פון איצט אָן האָט מען דאָרט געמוזט אויסטאָן דאָס היטל ביים אַריינקומען. יידן האָבן אָבער געמעגט איבערלאָזן די יאַרמלקע אויפן קאָפּ. דער טאַטע איז געוואָרן דער קאַסירער פון דער באַנק, דער פעטער מרדכי — דער הויפּט־בוכהאַלטער, אַ בחור מיטן נאָמען שלמה פּאַלאַנט איז געוואָרן דער געהילפס־בוכהאַלטער און איך בין סתם געווען אין זיבעטן הימל פון דעם

גאַנצן עסק. וואָכן איידער דעם גרינדונגס־טאָג זענען בסוד־סודות צוגעגרייט געוואָרן די ביכער און איך האָב מיט מיין שיינער האַנטשריפט געהאַלפן די זייטן נומערירן. אַ פּאָר טעג פאַר דער אָפיציעלער עפענונג איז פאָרגעקומען אַ סעודה צו וועלכער מען האָט פאַרבעטן אי קריסטן און אי יידן. און אָט — אין איין שיינעם דינסטיק — איז די באַנק אָפן. דער טאַטע זיצט ביי איין טיש הינטער דער באַריערע מיט זיין ווינער צייטונג „די נויע פרייע פרעססע" און דער פעטער מרדכי ביי אַ צווייטן טיש מיט זיין „התועה בדרכי החיים" פון פרץ סמאָלענסקין, וואָס צוליב עפּעס אַ סיבה האָט ער אים געלייענט יעדן טאָג ווי אַ פרומער ייד אַ תהילימל. ער האָט אַלע פיר בענד געקענט אויסנווייניק. אין זיין עקזעמפּליאַר איז יעדעס בלעטל געווען פאַרקנייטשט, מחמת אויף יעדן בלעטל האָט ער געפונען כסדר חידושים.

לאַנג אויף לווים האָט מען נישט געדאַרפט וואַרטן. און באַלד מיט דעם ערשטן לווה האָבן זיך אָנגעהויבן מיין טאַטנס עינויים. צוגעוווינט צו האַר־בע געשעפטן, צו ערלעכער סוחרישער און אונטערנעמערישער פּראַצע, צו יאַזדעס איבער פעלדער און וועלדער, צו רייטן אויף פערד און פאָרן מיט דראַביניאַסטע וועגענער, צו שיפן זיך אויף פליטן מיט געהילצן קיין דאַנ־ציק — האָט ער זיך דערפילט ווי אַ פּאַראַזיט ביי אָט דעם שפּאָגל־נייעם געשעפט זיינעם. אָבער קיין צוריק איז שוין נישט מעגלעך געווען. ערשטנס האָט מען אינוועסטירט „גרינדונגס־קאַפּיטאַל" פונעם זיידנס קעשענע, צווייטנס איז דאָס גראַד געווען אַ גוט געשעפט און אַלע אַנדערע געשעפטן זענען אין יענע יאָרן געגאַנגען שלעכט, דריטנס האָט די מאַמע געהאַלטן. אַז שוין צייט צו זיצן מער אויף אַן אָרט און נישט אַרומפאָרן אַזויפיל.

קיין גרויסע פּראָצענטער האָט מען אין אָט די — דורך דער רעגירונג קאָנטראָלירטע — באַנקן נישט געטאָרט נעמען. און דאָך איז שוין אַזוי אויסגעקומען, אַז אויב אַן אָרעם פויערל האָט געבאָרגט הונדערט גולדן, האָט ער באַקומען בלויז 85 אויסגעצאָלט. ערשטנס איז ער געוואָרן אַ מיט־גליד אין דער באַנק, קאָסט עס, צווייטנס איז ער געוואָרן אַ מין אַקציאָנער, האָט ער געדאַרפט אויסלייען „זיין" באַנק פון דער הלוואה צען פּראָצענט און ערשט איז געקומען דער פּראָצענט גופא.

און אַז עס איז געקומען צום אויסצאָלן די ערשטע הלוואה אַן אָרעם פויערל — איז דער טאַטע געשטאַנען ביי דער באַריערע פון איין זייט און

דאָס פויערל מיטן היטל אין דער האַנט פון דער אַנדערער זייט. און דער טאַטע האָט קלאָר געמאַכט דעם פויערל דעם חשבון. אָבער אין מיטן דעם חשבון האָט זיין וואַרעמע שטימע אָנגעהויבן צו ציטערן און איז אינגאַנצן אַנטשטומט געוואָרן. טרערן האָבן אים געוּומען שטיקן און ער איז אַריינגע־לאָפן אין דעם צווייטן צימער, וואָס איז געווען דאָס קאָנפערענץ־צימער און אַרכיוו־צימער, און דאָרט איז געשטאַנען אַ זאַפּקע; האָט ער זיך אויף אַט דער זאַפּקע גוט אויסגעוויינט. אַז ער איז צוריקגעקומען צו דער באַריערע און פאַרענדיקט דעם חשבון מיט דעם פויערל — האָט אים דאָס פויערל געטרייסט. מיט דער צייט איז דער חוב אָפּגעצאָלט געוואָרן, אַ גרעסערער חוב געמאַכט און שפּעטער נאָך אַ גרעסערער. פונעם אָרעמען פויערל איז געוואָרן מיט דער צייט אַ רייכער באַלעבאָס אין דאָרף. יאָרן און יאָרן פלעגט ער קומען צום טאַטן נישט נאָר נאָך געלט אין דער באַנק, נאָר אויך נאָך עצות וועגן זיינע קינדער, וואָס ער האָט געשיקט לערנען אין די גימנאַזיעס. דעם פויערס נחת פון זיינע זין איז סוף־כל־סוף געווען גרעסער ווי מיין טאַטנס נחת פון זיינע זין.

מיט דער צייט האָט זיך דער טאַטע צוגעוווינט צו דער באַנק. זי האָט דאָך נישט געצויגן איר יניקה בלויז פון די אָרעמע פויערלעך און יידישע באַלמעלאָכעס. זי איז געוואָרן אַ באַנק פון דעם שטעטלס סוחרים. די אייזערנע קאַסע איז פול געוואָרן מיט וועקסלען און דער פּאָרטפעל פון די פּראָטעסטן אויף די זעלבע וועקסלען, וואָס די סוחרים האָבן נישט געצאָלט אין צייט, איז היפּשלעך אָנגעוואַקסן. די באַנק האָט פּאַוואָליע אָפּגעשטופּט דעם טאַטנס אַלע אַנדערע געשעפטן אין אַ זייט. און פאַרט איז ער נאָך אַלץ פאַרציטערט געוואָרן ביים אויסצאָלן אַ הלוואה אַן אָרעם פויערל, אָדער אַ באַלמעלאָכע.

אָט־אָ די באַנק — איינע פון די פיר אין אונדזער נאָענטער משפּחה אין שטעטל — האָט סוף־כל־סוף דעציִדירט, אַז מען האָט מיך געשיקט אין אַ האַנדלס־שולע און נישט אין אַ גימנאַזיע און וואָס איך אַליין בין סוף־כל־סוף געוואָרן אַ באַאַמטער אין אַ לעמבערגער און שפּעטער אין אַ ווינער באַנק. דאָרט בין איך אַפילו געווען איינער פון די קאָנטראָלאָרן. מער ווי צען יאָר פון מיין לעבן בין איך געווען אַ באַנק־מענטש. ביז איך האָב פּלוצ־לינג די עקזאַקטע ציפערן פון דער ווינער באַנק — אין יאָר 1921 — פאַר־

ביטן אויף די צעכראַסטעטע שורות פון דער „כאַלאַסטרע"־פּאָעזיע אין וואַרשע. פּאָלג מיך אַ שפּרונג. אין דעם פאַל נישט פון הימל אויף דער ערד, נאָר פון דער ערד צום הימל...

באַנק־גורל אין אונדזער משפּחה האָט אויך געוואָלט, אַז יאָרן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זיך מיין טאַטע ווידער גענומען צו באַנק־געשעפטן און מיט זיין וווּנדערלעכן אָרגאַניזאַציע־טאַלענט האָט ער די גרויסע קיך אין אונדזער דירה פון אונדזער משפּחה־קאָמעניצע פאַרוואַנדלט אין אַ פּערפעקטן, זויבערן באַנק־ביוראָ און דאָרט איז ער געוואָרן אַ די־רעקטאָר פון אַ קליינער קאָאָפּעראַטיווער באַנק. אויף אָט דעם פּאָסטן איז דער וווּנדערלעכער מנחם־מענדל, אונדזער גוטער טאַטע, איינמאָל אַראָפּ־געפאַלן פון אַ שטול, צעבראָכן אַן אַקסל־ביין און אין אַ קורצער צייט אַרום געשטאָרבן. עס איז אים באַשערט געוועזן אַוועקצוגיין פון דער וועלט עט־לעכע וואָכן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה. ער איז אַנטדרימלט געוואָרן אָנגעשפּאַרט אויפן אַקסל פון דער מאַמען — אַנדרימלט אויף אייביק — דער „באַנק־דירעקטאָר" אפרים בערגנער.

# אַ שבת מיט געזאַנג און מיט טויט

געוועזן איז עס אין אַ שפּעט־זומערדיקן שבת און דער שבת האָט זיך עפּעס געשטעלט זייער און זייער אַ פריילעכער. זעלטן גוט אויפגעלייגט איז אויפגעשטאַנען באַלד אין דער פרי דער טאַטע. ער האָט זיך צוגעזונגען אַ ניגון — טאַקע אַן אומעטיקן ניגון, קיין אַנדערן האָט ער נישט געקענט — אָבער דאָס צעזינגען אַליין איז שוין געווען אַ סימן פון פריילעכקייט. פריש און געשמאַק מיט אַ מראה און אַ ריח פון אַ גרויסן, צייטיקן עפּל האָט געשיינט די זון. צו פרי איז נאָך געווען — האָט אונדז, די צוויי יינגלעך — 12 און 13 יאָר, דער דריטער אין נאָך נישט געוועזן אויף דער וועלט — דער טאַטע, גענומען אויף אַ שפּאַציר אין פעלד אַריין. אַריינכאַפּן נאָך אַ שטיקל זומער. אויפן וועג איז אונדז אַנטקעגנגעקומען דער בריוו־טרע־גער מיט אַ טעלעגראַמע, אָבער זי איז געווען אַדרעסירט צום זיידן. געפּירט האָט זיך אין דער משפחה, אַז טעלעגראַמעס פלעגט מען עפענען איינער פאַרן צווייטן. דאָסמאָל האָט אָבער דער טאַטע, זייענדיק זיכער, אַז דאָס איז אַ מסחר־דעפּעשע, געהייסן דעם בריוו־טרעגער אָפּטראָגן דאָס שטיקל פּאַפּיר ווו עס באַלאַנגט. און מיר זענען ווייטער געגאַנגען און דער טאַטע האָט אונדז אין פעלד אויפגעקלערט אַלערליי זאַכן פון דער נאַטור. ער האָט געשטאַמט פון אַ דאָרף, ביז זיין חתונה געוועזן אויפגעוואַקסן אין אַ גרויסן גוט. און אָט גייען מיר שוין צוריק פון פעלד, ווייל עס ווערט שפּעטלעך צום דאַווענען. דער טאַטע טוט אָן די לייכט־זומערדיקע שבת־דיקע מלבושים, נעמט דעם טלית, דאָס שטריימל — ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער, זיין שווער צוליב, אָבער מיט גרויס כעס, געטראָגן אַ שטריימל אום שבת — טוט אים אָן אַביסל זייטיק, כוואַטסקע, ווייל ער איז געוועזן גוט אויפגעלייגט און מיר גייען אין בית־המדרש.

געשמאַק און זינגעוודיק האָט געדאַוונט דער טאַטע און מיר — מיט. און ביז צו אויסנעמענס איז אַלץ געגאַנגען כשורה. נאָר ביים אויסנעמענס איז עפּעס געשען און די נענטערע באַלעבאַטים פון דער מזרח־וואַנט און

קרובים, וואָס זענען געזעסן ווייטער, האָבן עפּעס גענומען קוקן אויפן טאַטן. דער טאַטע אַליין האָט עס נישט באַמערקט, נאָר מיר — קינדער — האָבן עס שוין יאָ באַמערקט. ווייל אויך אויף אונדז האָט מען עפּעס גענומען קוקן. און אַז דער טאַטע איז, אַ פריילעכער, אַהיים געקומען, האָט אויך די מאַמע עפּעס געקוקט מאָדנע. און דער טאַטע האָט געוואָלט זי פריילעך מאַכן און געבעטן, אַז זי זאָל אים זינגען אַ פּויליש ליד, וואָס זי האָט אים געזונגען, ווען זיי זענען געווען חתן־כלה. — וואָס עפּעס דווקא היינט? — האָט די מאַמע מיט שרעק געקוקט אויפן טאַטן. — אַזוי; דווקא היינט! און פאַרוואָס נ י ש ט דווקא היינט? געוויינטלעך זענען שבת נאָכמיטיק אַריינגעקומען קרובים אויף אַ גלעזל טיי, נאָר היינט איז קיינער נישט געקומען. און אויך די ווענט האָבן שוין גענומען קוקן פאַר־וווּנדערט אויפן טאַטן. און אויך מיר, קינדער, האָבן גענומען קוקן, כאָטש מיר האָבן גאָרנישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ קומט פאָר.

און פאַרגעקומען איז אַ סך. די טעלעגראַמע, וואָס דער טאַטע האָט נישט געלאָזט עפענען, האָט אַנטהאַלטן אַזאַ ידיעה: — פראַימס ג ו ־ ט ע ר געשטאָרבן זאָל ער זאָגן קדיש... אָבער ווער איז „גוטער"? די מוטער, דער פאָטער, אַ ברודער? עס איז געווען אַ טעות אין דער דעפּע־שע. האָט מען צוריקדעפּעשירט און געפרעגט און בכלל געוואַרט מיט דער ידיעה פאַרן אָבל, ווייל עס איז געווען שבת. און פאַרנאַכט איז אָנ־געקומען אַן ענטפער, אַז געשטאָרבן איז די מוטער, מיין באָבע. דער טאַ־טע האָט זיין מאַמען פאַרגעטערט. נישט געווען קיין טאָג ער זאָל וועגן איר נישט רעדן. און אַז ער האָט, צוליבן גוטן מוט, אויפגעזוכט היינט דעם לעצטן בריוו פון זיין געליבטער מאַמען (ראַצה — האָט די באָבע געהייסן) — האָט די מאַמע געקוקט אויף אים מיט דערשראָקענע, גרויסע אויגן. נאָר ער האָט אויף דער מאַמען נישט צוריקגעקוקט און נאָר געזונ־גען אַ פאַרבענקטן, מתיקותדיקן ניגון. און ווייל קיינער איז צו גאַסט נישט געקומען איז דער טאַטע אַליין אַראָפּגעגאַנגען זיך אַביסל דורכשפּאַצירן פאַרן שבתדיקן נאָכמיטיק־שלאָף. מיר האָבן אַראָפּגעקוקט פון פענצטער, געזען ווי דער טאַטע גייט און האַלט די הענט פאַרלייגט אויף הינטן. דעם קאָפּ אין דער הויך און זינגט זיך. נאָר קיינער גייט צו אים נישט צו. גייט ער אַליין און זעט נישט, אַז אַלע קוקן אויף אים.

נאָכן געשמאַקן שלאָף — און געשלאָפן איז ער היינט לענגער — איז ער אַוועק צו מנחה־מעריב אין שיל אַריין. צו מנחה־מעריב פלעגט ער אונדז נישט מיטנעמען. וואָס עס דאַרף איצט קומען, האָט די מאַמע גע־וווסט. אונדז האָט זי גאָרנישט געזאָגט און מיר זענען געווען צופיל דערשראָקן — צו פרעגן. די מאַמע איז צוגעגאַנגען צום פענצטער און גע־וואַרט. זי איז געשטאַנען און האָט געציטערט און אויך מיר זענען געשטאַ־נען און אויך די דינסט. און געשען איז אַזוי:

באַלד נאָך מנחה־מעריב איז צום טאַטן צוגעגאַנגען זיינער אַ נאָענ־טער פריינד, וועמען ער האָט גערן געהאַט, און דעריבער האָט מען אים די שליחות מצד דער משפחה געגעבן, און האָט אים געזאָגט: — פראַים, דיין מאַמע איז שוין נישטאָ! — און די ייִדן האָבן גענומען דעם טאַטן ביי די הענט און האָבן אים אַהיימגעפירט. און אָט זעען מיר ווי דאָס גע־זעמל גייט און דער טאַטע אין מיטן. עס איז שוין געווען פינצטערלעך, נאָר מיר זעען גענוי. דער טאַטע גייט מיט אויפגעהויבענע הענט און ער רעדט כסדר און כסדר „הימלען! מיין מאַמע איז געשטאָרבן!״. און אָט פירט מען אים שוין אויף די טרעפּ און די טיר שטייט שוין ברייט אָפן און די מאַמע נישט ווייט און דער טאַטע ברענגט צוזאַמען און מען הויבט אים אויף און מען זעצט אים אויף אַ פוסבענקעלע און מען טוט אים אויס די שיך און ער קוקט מיט ברייט־צעעפנטע אויגן אויף אַלע אַרום און אויף אונדז, זיינע קינדער, און פלוצלינג גיט ער אַ טיפן זיפץ און ער קוקט ווי משוגע און ער זאָגט: — הימלען! בעסער וואָלט איך אַ זון פאַר־לוירן! — און ער פאַלט ווידער אין אַ לאַנגן חלשות. קיינמאָל האָט ער מער דאָס וואָרט נישט געזאָגט — נאָר דאָס וואָרט איז שוין מער נישט געשטאָרבן אין דער משפּחה. אַלע האָבן עס געדענקט. אַלע האָבן עס גע־ווּסט, אַז דער צווייטער געדענקט. נאָר קיינער האָט עס קיינמאָל נישט געזאָגט. אין פערצן יאָר אַרום האָט דער טאַטע פאַרלוירן זיין עלטסטן זון. אָבער וואָס זענען פערצן יאָר אין פנים פון אַ וואָרט, וואָס איז אייביק און וואָס איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין אַ רגע פון טיפסטער השתפכות הנפש? — אויפן דריטן טאָג האָט דער טאַטע אַריינגעלייגט ערד אין די שיך און געפאָרן קיין סטאַניסלע צו זיין משפחה, אָפּצוזיצן מיט זיי צו־זאַמען די רעשט פון דער שבעה. און אָט אַזוי האָט זיך געענדיקט אפשר דער זינגעוודיקסטער שבת אין אונדזער, לרוב אומעטיקער משפחה.

# זילבערנע סדרים, וואָס זענען געוואָרן שוואַרץ

ווען מען ווילט זיך דען נישט דערציילן און ווער קען נישט דערציילן כאָטש אַ פּאָר מ׳עשיות וועגן די סדרים פון זיין קינדהייט, די סדרים פון זיין היים. און אויך איך האָב עפּעס וואָס צו דערציילן און איך וועל עס דאָ פּרווון טאָן.

סיי מיין טאַטע און סיי מיין מאַמע זענען געווען צו ביסלעך — דיכטער. און ווען מענס טאַטע־מאַמע זענען עס דען נישט? נאָר זעלטן ווער דערזעט עס אין די יונגערע יאָרן — מען דערזעט עס ערשט אויף דער אייגענער עלטער, ווען זיי — די געהיימע דיכטערס — זענען שוין אויף ד ע ר וועלט נישטאָ, ווען זיי זענען שוין אויף י ע נ ע ר וועלט, און יענע וועלט איז דאָך די וועלט פון דיכטונג. נאָר נישט דאָס זענען מיר אויסן. מיר זענען אויסן די זילבערנע סדרים, וואָס מיינע טאַטע־מאַמע פלעגן פּראַווען — און וואָס אין איין שיינעם יאָר זענען זיי געוואָרן שוואַרץ און זיי האָבן זיך שוין קיינמאָל מער צו זייער זילבער נישט אומגעקערט. און די מעשה איז אַזאַ:

מיין טאַטנס טאַטע איז געווען אַ ייִד אַ משכיל. ער האָט געקענט גוט לערנען און האָט געלערנט לרוב פּאַר זיך און מיט אַ שיינעם, ריטמישן ניגון. אַז ער האָט געלערנט אַ בלאַט גמרא — און לערנען פלעגט ער אין פּאַרטאָגן, ווען אַלץ אַרום איז געשלאָפן מיט אַ שטיינערנעם שלאָף — איז עס אויסגעקומען, אַז ער רעציטירט שירים. אַזוי ריטמיש פלעגט ער לערנען. און געלערנט האָט ער מיט אַזאַ מתיקות, אַז נישט אויפוועקן פלעגט ער דערמיט די שטובן אַרום מיט די שלאָפנדיקע בני־בית, נייערט ער האָט זיי זיס איינגעוויגט אין פּאַרטאָגיקע חלומות... אָבער אויך דאָס זענען מיר נישט אויסן. מיר זענען אויסן צו זאָגן, אַז מיין טאַטע האָט געהאַט פון וועמען צו ירשענען נגינה און ריטעם. און — פון זיין טאַטן האָט ער מסתמא געירשנט די גאַנצע סדר־צערעמאָניע, וואָס איז אין דער אמתן געווען אַ גאַנצע סימפאָניע.

אונדזער שטוב איז געווען אַ שטוב של מטה פון אַ גאַנץ יאָר — מיט אַלע זאָרגן און וואָכעדיקייטן. און עס איז דווקא געווען אַ נגידישע שטוב, נאָר וואָך פעלט אויך אין אַזעלכע שטובן נישט. אָבער אונדזער שטוב האָט אויך געהאַט אַ מין שטוב של מעלה... און אַט די דאָזיקע שטוב איז אַ גאַנץ יאָר געשטאַנען איינגעפּאַקט אין קעסטלעך און אין קוישן, מסתמא אַ טוץ אין צאָל — אויף אונדזער רחבותדיקן בוידעם. אַט די דאָזיקע שטוב של מעלה אונדזערע פלעגט אַראָפּנידערן פון דעם דריטן שטאָק אַ פּאָר טעג פאַר יעדן פּסח, האָט אָפּגעקיניגט איבער אונדז אַכט טעג אויף דעם צווייטן שטאָק פון גרויסן הויז, וווּ מיר האָבן געוווינט, און איז לאַנגזאַם, אין פאַרלויף פון עטלעכע טעג נאָך פּסח צוריק אַרויף צו דער פמליא של מעלה איבערצוּוואַרטן די 357 חמצדיקע טעג פון אַ גאַנץ יאָר...

אונדזער טאַטע פלעגט זיך קיינמאָל נישט מישן אין קיך־זאַכן. ער האָט געהאַלטן, אַז דאָס פּאַסט נישט פאַר ביידע צדדים. אַזוי האָט ער עס געלערנט פון זיין טאַטן, דעם משכיל. און דער משכיל האָט עס געלערנט אין דער קלאַסישער דייטשער ליטעראַטור, וואָס ער פלעגט פּונקט אַזוי געשמאַק און מיט אַזאַ ניגון און אַזויפיל פאַרשטענדעניש לערנען, ווי אַ בלאַט גמרא... נאָר פאַר פּסח האָט דער טאַטע איבערגענומען די קאָמאַנדע איבער דער פּסחדיקער פמליא של מעלה און זי, מיט דער הילף פון אַלע בני־בית און אויך זיינע נאמנים פון זיינע געשעפטן און אויך פאַראַבקעס אַראָפּטראַנספּאָרטירט אונטן.

און אַז מען האָט גענומען אויספּאַקן אַט זי די קוישן און קעסטלעך. ווי די קוישן און קעסטלעך פון אַ קאַראַוואַנע קעמלען און מויל־אייזלען, וואָס קומט פון דעם ווונדערלעכן אופיר־לאַנד, באַלאָדן מיט כל־טוב פאַרן בית־המקדש — האָט עס אָנגעהויבן צו פאַרשמעקן און פאַרגלאַנצן און פאַר־פאַרבן אין אַלע ווינקעלעך פון אונדזערע שטובן, וואָס זענען שוין געווען נאָך דריי מאָל ציכטיקער ווי אַ גאַנץ יאָר, אויפצונעמען דעם גאַסט, וואָס זיין נאָמען איז פּסח און וואָס אים אַליין זעט מען אייגנטלעך נישט...

נאָר די סוויטע זיינע באַזעצט זיך אויף יעדן דפּץ באַזונדער אין שטוב.

און עס זענען אַרויס פון די קוישן סערוויזן מיט וואַזעס און ריזיקע טעלערס און טיפע טעלערס און פלאַכע און קליינע און נאָך קלענערע און

טעלערס איינפּאָרעמדיקע און האַלב־לבנה־פּאָרעמדיקע. און סערוויזן מיט אַלערליי בלומען אויף זיי. און סערוויזן גלאַנציקע און ווייסע ווי פּאָלירט זילבער. און סערוויזן מיט אַלערליי מענטשעלעך פון אַלערליי יאָרהונדערטער און אַלערליי לענדער פון אייראָפּע. און עס זענען אַרויס פון די קוישן אַלערליי טעפּ פון פּאָרצעליי און פון גלאַזורירטן ליים און שטאָל און גלאַזירטער בלעך. און האַקמעסערס און מילעכלעך און ריזיקע, דריי־צייניקע גאָפּלען מיט אויסטערלישע הענטלעך. און עס זענען פון אַ באַזונדערן פּאַק אַרויס אַלטע הגדות און אָפּגעאָטעמט פון די שאַרפע געווירצן, אין וועלכע זיי זענען געווען איינגעפּאַקט, אַז דער מאָל זאָל נישט האָבן קיין שליטה איבער זיי. און עס איז אַרויס אַ שניי־ווייסער קיטל מיט זילבערנע עטרה־באַזוימונגען און אַ זילבערנעם גאַרטל און אַ גאָלדענע יאַרמלקע — דעם טאַטנס בגדי מלכות צו די סדרים, מחמת אויף יום־כיפּור האָט ער געהאַט אַן אַנדערן קיטל — אינגאַנצן אָן שום באַצירונגען, אַזוי ווי תכריכים. און כאָטש דער זינען פון אָט דעם קיטל צום סדר איז דאָך אויך געווען צו דערמאָנען יענעם אייביקן קיטל — האָט אָבער דער טאַטע געהאַט זיין אייגענעם בליק דערויף. און צום סאַמע סוף איז פון די קוישן פון דער קאַראַוואַנע, וואָס איז אָנגעקומען פון דער פמליא של מעלה פון בוידעם — אויסצושפּרייטן איר פּסחדיקע ממשלה איבער דער פמליא של מטה פון צווייטן שטאָק, יאָ, צום סאַמע סוף איז פון די קוישן אַרויס די סימפּאָניע פון די כוסות. סך־הכל זענען מיר דעמאָלט געווען אַ משפחה פון פיר, וואָרעם הערץ, אונדזער יינגסטער ברודער, איז געבוירן געוואָרן שוין אין דער תקופה פון די שוואַרצע סדרים. איז צו וואָס־זשע אַזויפיל כוסות? איז דער תירוץ, אַז די כוסות זענען געווען דעם טאַטנס אומגעשריבענע לידער אין גלאָז. געווען צווישן זיי בלויע, ווי הימל און בלויע ווי טונקעלער ים, און ראָזע ווי רויזן, און רויטע ווי זון־אויפגאַנג. און געפינטלטע מיט דורכזיכטיקע רעדעלעך און געשטרייפטע מיט פּאַסן. גלאַטע און געשליפענע און אינגאַנצן אָן קאָלירן, דערפאַר אָבער שימערירנדיקע ווי דימענט געשליפענער אין זעכצן קאַנטן. און כוסות אויף פיסלעך און אָן פיסלעך און אויף דריי פיסלעך און כוסות קליינינקע, וואָס קענען קוים אַ טוי־טראָפּן אַריינגעמען און אַזעלכע, וואָס קענען אָנשיכורן אַ לוט, אָדער

אַ נח — קוים האָט ער פיר פון זיי אויסגעלייַדיקט, ווי דער דין איז. און אין וואָטע געפּאַקט איז אַרויס צום סוף דער כוס פאַר אליהו הנביא. גע־וועזן אין שטוב אויך אַ זילבערנער כוס אַ גרויסער און מען האָט אים גערופן אליהו הנביאס כוס, אָבער ער פלעגט שטיין אין זילבערשענקל אַ גאַנץ יאָר אָפן — איז דעריבער געוועזן אַ באַזונדערער, געשליפענער אליהו הנביא־כוס און דווקא פון גלאָז רויט מיט בלוי געמישט, אויפגיי־ענדיקע זון מיט דער בלויקייט פון פרימאָרגן־הימל.

און אָט איז נאָך אַ טאָג נענטער צו פּסח — און די כלים אַלע צע־פּאַקט און צעשטעלט, ווי זיי געהערן. און אָט איז שוין בדיקת חמץ, און אָט איז שוין ערב פּסח, דאָס חמץ איז שוין פאַרברענט, און אָט איז שוין דער טאַטע מיט אונדז אין בית־המדרש און ער זוכט שוין אויס צוויי אור־חים. יעדן שבת פלעגט דער טאַטע נעמען איין אורח צום טיש, סיידן עס זענען געבליבן אורחים — פלעגט ער נעמען צוויי. און ער פלעגט זאָגן דעם שמש: גיט מיר וועלכן אורח איר ווילט אַליין — און נאָר צו די סדרים פלעגט ער קלייבן. די עסטעטיק האָט גובר געווען די עטיק... אין די סדרים פלעגט זיך דער טאַטע אויסלעבן עסטעטיש — אויסלעבן זיין בענקשאַפט נאָך שיינקייט און ער האָט געמוזט ביי אָט דעם טיש האָבן ציכטיקע אורחים, בעלי נגינה. עטלעכע אורחים פלעגן שוין אַזוי קירע־ווען זייערע לאַנד־נסיעות, אַז זיי זאָלן אָנקומען אויף פּסח דווקא אין אונדזער שטעטל, ווייל דעם טאַטנס סדרים האָבן געהאַט אַ שם צווישן זיין משפּחה און די ארחי־פּרחי פון דער מדינה...

און אָט איז דער סדר־טיש. ער פאַרנעמט כמעט די גאַנצע מיטלסטע שטוב. אַ בעט איז אַריינגערוקט אין מיטן שטוב און פאַרוואַנדלט אין דעם היסב־בעט. און כאָטש מיר קענען אַלע גוט דאָס דאָזיקע בעט, דערקענען מיר עס נישט. עס זעט אויס ווי אַ טראָן, אַ ברייטער טראָן מיט די פּלוי־שענע דעקעס און די קישנס אונטער זיי און — דער עיקר — די בגדי־מלכות.

זעקס זילבערנע לייכטערס בליאַסקען און בליצן. צוויי פון זיי מיט רערן, וואָס קענען אַריינעמען פיר ליכט אויף אַמאָל. און היינט זענען זיי אַלע אַנדערש צעשטעלט — אין דער לענג פון גאַנצן טיש, און די סטעאַ־רין־ליכט גאַנץ הויכע. דער סדר דאַרף געדויערן לאַנג. אויפן היסב־בעט

זיצט חוץ דעם טאַטן — דער מעזיניק: איך. עס פירט זיך נישט, אַז ביים סדר זאָל דער מלך זיצן מיט דער מלכה צוזאַמען — מחמת די מלכה דאַרף אין דעם פאַל איבערוואַכן איר מלוכה, וואָס קומט צום וואָרט צווישן די צוויי העלפטן פון דער הגדה — די קניידלעך. און נישט נאָר די קניידלעך — מחמת ביי אַ סדר פעלט אַלעמאָל עפּעס אַ קלייניקייט און מען קען דערויף לאַנג נישט וואַרטן. מוז די מאַמע זיין גרייט אויף אַ ווונק. צי דאָס איז „מלח", צי „זרוע" — עפּעס וועט שוין נישט שטימען אַקוראַט ווי אַ שווייצאַריש זייגערל... און כאָטש דער טאַטע איז אַלעמאָל ביי אַזעלכע זאַכן מילד, וואָס מילדער קען נישט זיין, ביי אַ סדר איז עס אָבער אַנדערש — עס וואָלט פאַרשטערט דעם ריטעם, דעם גראַם — און די סדרים זענען זיינע לידער...

איך פרעג אָפּ די פיר קשיות. און כאָטש אין טעגלעכן לעבן רעדן מיר מיט טאַטע־מאַמע פויליש — מוז איך זאָגן די פיר קשיות טראַדיציאָנעל מיט דער יידישער ווערטער־גאַרנירונג. איך פאַרליר מיך דערביי זייער און זייער, ווייל כאָטש איך פאַרשטיי יידיש — צום רעדן בין איך נישט געוווינט. נאָר אַזוי מוז עס זיין. טראַדיציע.

און דער טאַטע הויבט אויף זיין אייביק וואַרעם קול, וואָס איז אייביק פול מיט ליבע צו אַלץ, דאָס קול, וואָס איז אַביסל הייזעריקלעך פון רויכערן אָן אַ סוף און ער הויבט זיך באַלד אויף אויף פליגלען פון עפּעס אַ ריטעם, וואָס איז נישט קיין געזאַנג און דאָך אַ געזאַנג:

— עבדים היינו — — — —

און די גאַנצע שטוב ווערט באַלד אַ כאָר. יעדעס שטיקל האָט זיך זיין אייגענעם ניגון, כאָטש אַלע ניגונים צוזאַמען זענען איין גרויסע סימפאָניע. טאַמער מאַכט ווער אַ גרייז — צי די מאַמע, צי די דינסטן, צי די אורחים, צי מיר — די צוויי יינגלעך — דערהערט דער טאַטע באַלד, ווי אַ געניטער קאַפּעלמייסטער, וואָס דיריגירט און ער בלייבט שטיין אַ רגע — כדי דער ריטעם זאָל זיך ווידער פאַראייניקן. ער מאַכט נישט אויפמערקזאַם — נישט צו פאַרשעמען קיינעם, אָבער דער סדר אַליין איז אויך אַ יש און טאָר נישט פאַרשעמט ווערן. אפשר די שכינה.

און אַזוי ווי דאָס ערשטע כוסלע האָב איך שוין געטרונקען און אויך אין מיר האָט שוין אין די טעפּענישן פון מיין אייגענער נשמה זיך אַרויס־

געוויקלט די שפּעטערדיקע בלום פון פּאָעזיע — פלעגן אין מיר ביי אָט די סדרים די לייכטער, זייער ליכט, דאָס טישטוך, די פּאָרצעלייענע כלים, די ניגונים און די לבנה־נאַכט אין דרויסן מיט דער גרויסער לבנה, וואָס פלעגט אַריינקוקן אַלעמאָל צום סדר אין פענצטער אַריין — זיך צונויפ־גיסן אין איין זילבערנעם שטראָם.

זיי פלעגן געדויערן לאַנג, די סדרים. ביז מיר פלעגן צוקומען צום עסן — זענען שוין אַלע פעטערס לאַנג פאַרטיק געווען מיט זייערע גאַנ־צע סדרים און זייערע קינדער פלעגן אַריינקומען צו אונדז, צום צווייטן טייל פון סדר — מיטצוזינגען מיטן טאַטן דעם הלל, דעם כי לו נאה, דעם אחד מי יודע און דעם חד־גדיא — און ערשט נאָך אַלעמען אַרויסגיין מיטן טאַטן אויף אַ שפּאַציר איבערן שטעטל, וואָס אַלע זיינע דעכער און אַלע זיינע ביימער זענען איצט געווען באַגאָסן מיט זילבער און מיט שטיל־קייט און נאָר פון דער ווייטן, פון אַ ווינקל פון אַן אָרעמער גאַס האָבן שיכורלעכע קולות געשריגן: קו־קו־רי־קו! געווען ביי אונדז אין שטעטל אַן אַלטער ייד, וואָס האָט געהאַט אָט דעם צונאָמען און ווייסע חברה האָט זיך געמאַכט אַ מנהג נאָך די סדרים זיך צונויפצוקומען הינטער זיי־נע פענצטער און צו קרייען, און דער ייד האָט שטאַרק געליטן פון דעם. און דער טאַטע ווידער האָט זיך געמאַכט אַ מנהג נאָך יעדן סדר צו צע־טרייבן די ווייסע חברה. און זיי האָבן דעם טאַטן געפאָלגט און די זיל־בערנע שטילקייט האָט זיך ווידער אַראָפּגעלאָזן איבערן שטעטל און מיר זענען געגאַנגען צום טייכל פון איין זייט שטעטל און צו דער לאָנקע פון דער אַנדערער זייט שטעטל און איינגעזאַפּט אין זיך די נאַכט־ריחות פון דעם אָנקומענדיקן פרילינג.

און אַזוי איז עס געגאַנגען יאָר איין יאָר אויס ביז עס איז געקומען דאָס יאָר 1906. אין יענעם יאָר איז דער טאַטע געוואָרן פאַריתומט, פאַר־לוירן זיין געליבטע מאַמע. און כאָטש ער איז שוין דעמאָלט פערציק יאָר אַלט געווען — האָט זיין טרויער נישט געהאַט קיין גרענעצן. נאָר דאָס איז אַ באַזונדערע מעשה פאַר זיך און איצט נאָר אין שייכות מיט די זיל־בערנע סדרים.

אוודאי ווייסן מיר, אַז דער טאַטע איז זייער אומעטיק. אָבער סדר איז סדר און אַלץ איז צוגעגרייט געווען ווי אַלע יאָר. אַלץ פינקלט זיל־

בערדיק. און דער ערשטער טייל פון סדר איז שוין אַריבער. און מיט יעדן בלעטל אין דער הגדה אָטעמען מיר לייכטער אָפּ און מיר האָפן, אַז אַלץ וועט אַריבער כשורה. און אָט האָט מען שוין אָפּגעגעסן און מען בענטשט שוין. און... דער טאַטע זאָגט: הרחמן הוא יברך את אבי מורי ואת... און פאַר די ווערטער „ואת אמי מורתי״ וואָס ער האָט שוין אין דעם יאָר נישט געטאָרט מער זאָגן, ווייל ער האָט שוין קיין מאַמען נישט געהאַט — ברעכט ער אויס אין אַ טיפן און האַרציקן געוויין און דער גאַנצער סדר איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טייך פון טרערן — אַלע האָבן געוויינט, די מאַמע, די דינסטן, די אורחים, די קינדער — מינוטן־לאַנג.

און נישט נאָר דער דאָזיקער סדר איז פאַרטונקלט געוואָרן, נאָר די גאַנצע אינסטיטוציע אין אונדזער שטוב, וואָס איז ביז דעמאָלט שוין אַלט געווען פערצן יאָר — אַלע איבעריקע סדרים פון דעמאָלט אָן זענען פאַרטונקלט געוואָרן. יעדעס יאָר איז פון יענעם יאָר אָן צוגעקומען אַ נייע צרה, אָדער אַ ניי אומגליק. און בשעת די סדרים זענען זיי אַלע אַרויפגעקומען אויפן טיש. אין יאָר 1907 איז טאַקע צוגעקומען נאָך אַ קינד, אונדזער ברודער הערץ, אָבער אין יאָר 1910 איז געוואָרן אַ ברודער ווייניקער ביים סדר, ער איז אַוועק מיט דער צווייטער עליה קיין ארץ־ישראל, געווען אַ שומר — און ווער ווייסט ווו ער וואַלגערט זיך איצט בשעת מען זיצט דאָ ביי אַזאַ שיינעם סדר — האָט אָט דער געדאַנק נישט געלאָזן נעמען אַ ביסן צו די ליפּן, אַ ניגון אין מויל. אַ יאָר שפּעטער בין איך געוואָרן אַ וועגעטאַריער און נישט מיטגעגעסן די סעודה און די מאַמע האָט מיר געגרייט אַ באַזונדער טישטעכל אין ווינקל טיש מיט מיין מילכיקס... און אויך דאָס האָט דעם טאַטן געבראַכט צו טרערן: אַן אייגענער זון זיצט ביים טאַטנס טיש אין אַ ווינקל, ווי אַ נישט־געבעטענער אורח... — האָט ער געזאָגט. און בכלל האָט אים אַלץ ביי אָט די סדרים געוועקט טרערן פון צער און פון דערמאָנונג — — — דאָס ליד פון שמחה און שיינקייט איז געוואָרן אַ ליד פון צער און שיינקייט — די שיינקייט איז געבליבן סיי־ווי־סיי. אַלץ איז באַזוימט געוואָרן מיט טונקעלע שלייערן — און אויך די ניגונים זענען געוואָרן ניגונים פון עצבות — און אַפילו אַרום די לבנות האָבן זיך פון יענעם יאָר 1906 געשטעלט שוואַרצע זוימען...

ביז עס איז געקומען דאָס יאָר 1914, די ערשטע וועלט־מלחמה, און

פרעמדע הענט האָבן צעראַבירט די גאַנצע פמליא של מעלה און אויך די גאַנצע פמליא של מטה. די שטוב איז שוין געווען אַ האַלב צעבראָכענע נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. דאָ און דאָרט איז נאָך אַמאָל געפּראַוועט געוואָרן אַ סדר, כמעט אַ וואָכעדיקער, שטיקלעך און ברעקלעך פון אַמאָל. אָפט האָט שוין פּאַסירט, אַז דער טאַטע איז אַליין געבליבן מיט דער מאַמען צום סדר און נאָר איין איינציקער אורח צום טיש, וואָס דער שמש האָט צופעליק צוגעטיילט — נישט צו פאַרשעמען דעם זכר פון אַמאָל, וואָס ער האָט נאָך געדענקט.

און אַזוי ביזן יאָר 1939 — ווען אַלץ איז אַוועקגעשווומען פון דער ווירקלעכקייט אַרויס, אין דער אייביקייט אַריין, ווו עס לייכט זיך ווידער מיט אַזאַ זילבערן ליכט, וואָס קען קיינמאָל שוין מער נישט ווערן פאַרטונקלט.

# מיין באָבע בלימע, דער מלאך המות און איך

דאָס איז געווען אין אַ שיינעם. שפּעט־האַרבסטיקן טאָג — אַ זונ־טיק אין דער פרי — אין יאָר 1907. פריי פון מיינע לעקציעס, ווייל איך האָב שוין דעמאָלט געלערנט פּריוואַט, בין איך געווען אויף באַזוך ביים זיידן. אין אַט דעם גרויסן, נידעריקן, הילצערנעם אוראַלטן עק־הויז, וואָס איז געשטאַנען אין דעם פּירעקיקן רינגפּלאַץ, אַנטקעגן דעם ראָטהויז מיט דעם טורעמל, מיט די פיר זייגערס צו אַלע פיר עקן וועלט און דעם בלע־כערנעם וועטער־פּענדל אויפן שפּיץ, איז אַלעמאָל געווען אַ מין פאַמי־ליע־בירזשע. דאָס הויז האָט געהאַט אַ גרויסע פּאָטשענע — און אַלעמאָל אַ סך לאַנגע בענק אויף איר צום זיצן און מוטלען. חוץ דעם זענען אַרום און אַרום דער פּאָטשענע געווען ברייטע געלענדערס — אַ מחיה אויף זיי צו זיצן מיט אַ חבר און צו רעדן, רעדן, רעדן. און שטובן אין הויז האָבן אויך נישט געפעלט, און אַ גלעזל טיי מיט קיכלעך פלעגט מען דער־לאַנגען פון באַגינען ביז ביינאַכט. און דעריבער: ווען אַ פרייע שעה — ביים זיידן. דאָ פלעגן די אייניקלעך זיך טרעפן און עס איז אַלעמאָל גע־ווען עפּעס נייעס צו הערן. דאָ פלעגן זיך אויך צונויפקומען אַלע פעטערס מיט זייערע ציילונגען. יעדער פעטער פלעגט אַבאָנירן אַן אַנדערע צײַ־טונג.

דער זיידע איז אַלעמאָל געווען פּאַרטאַן אין זיינע געשעפטן און די באָבע אין אירע געשעפטן: משפּחה, אָרעמעלייט און דאָקטוירים. זי איז געווען אַ צוקער־קראַנקע און האָט זיך זייער אָפּגעהיטן. פאַרן טויט האָט זי קיין מורא נישט געהאַט, ווייל זי האָט זיך אָנגעגרייט אויף יענער וועלט אַ געלעגער פון לויטער פוך פון די איידלסטע מצוות פון מתן בסתר. אַז זי גיט נדבות, אַז זי פאַרנעמט זיך מיט דעם אַ גאַנצן טאָג — האָט מען געוווּסט, נאָר וועמען? דאָס איז געווען איר סוד און דער סוד פון אירע שליחים: אייניקלעך, דינסטן, ספּעציעלע שמשטעס.

צענדליקער יאָרן האָט זי געקרענקט און אַזוי קרענקענדיק האָט זי

געקיניגט איבער דער גרויסער באַלעבאַטישקייט. פון אין דער פרי ביז אין אָוונט פלעגט זי זיצן אין אַ מין טראָן צווישן צוויי קאָמאָדעס, וואָס אויף איינער זענען געווען אָנגעשטעלט אַלערליי מעדיצינען, מאַנדל־מילך, פלעשעלעך מיט סאַכאַרין, טערמאָמעטערס, וואַלעריאַן־טראָפּנס מיט שטיקלעך טרוקן קיכל. קליינע פלעשעלעך קאָניאַק צו דערמונטערן זיך בשעת אַ פּלוצלינגער שלאַפקייט. אויף דער אַנדערער קאָמאָדע זענען געווען ספרימלעך אין ווייבער־טייטש, צאינה־וראינהס, מעשה־ביכלעך פון גוטע ייִדן און דערצו אַלערליי טעצלעך מיט כיבוד און פירות און אַלערליי טעלער און טעפּלעך אויף צו שיקן אירע מתן בסתר־מתנות.

זי איז געווען אַ קליינענקע און אַ זויבערע, די באָבע, און בלימעשי האָט זי געהייסן און בלימעניו האָט מען זי גערופן. זי האָט געהאַט אַ שמאָל, ראָזעווע פּנימל, שאַרפע שטריכן, העלע אויגן, אַלעמאָל אַ זויבער קאָפּטיכל אויפן גלאַטיק־געשוירענעם קאָפּ. דאָס שייטל פלעגט זי זעלטן טראָגן אין אירע אַלטע יאָרן. עס איז איר געווען צו שווער. אויך די קינסטלעכע ציין זענען איר געווען צו שווער און זיי זענען געשטאַנען נעבן איר אין אַ גלאָז, וואָס איז אַלעמאָל געווען זויבער פאַרשטעלט מיט אַ זיידן טיכעלע. דערפאַר איז איר מויל געווען איינגעפאַלן און נאָך מער פאַרשפּיצט. זי איז געווען אַ גוטע, אָבער אויך אַ שטרענגע און זייער אַ פרומע. אַ לאַנגע צוקער־קרענק מאַכט די מענטשן — ווייזט אויס — נישט זיס. אַט אַזוי פלעגט זי זיצן אויף איר הויכלעכן טראָן. די קליידער און די פאַרטוכער צעשפּרייט — דאָס האָט זי אַ קליין ביסל ברייטער און גרעסער געמאַכט — די קליינע פיס אין וואַרעמע פאַנטאָפל אויף אַ הויך פיסנבענקעלע, אַ בונט שליסלען אין פאַרטוך פאַרשטעקט — און קיין זאַך האָט זיך אין הויז נישט גערירט פון דאַנעט אַהין אָן איר הסכמה און איר קאָמאַנדע.

און אַט אַזוי איז זי אָפּגעזעסן אַ צוויי צענדליק יאָרן — ביז, ביז זי איז אַלט געוואָרן קרוב די פינף און זיבעציק און זי האָט שוין ממש נישט געקענט זיצן, נאָר ליגן. ערשט דעמאָלט האָט זי איבערגעגעבן דעם בונט שליסלען צוזאַמען מיט דער הויפּט־קאָמאַנדע איר מיטלסטער טאָכטער לייטשען און זי איז געבליבן בלויז ביי די פלעשעלעך מעדיצין און ביי די ווייבער־טייטש ספרימלעך און ביי די סאַמע פאַרהוילנסטע פון די מתן

בסתר־מצוות. און כאָטש דאָס פּוך־געלעגער אין גן־עדן איז איר געווען געזיכערט, נישט ווייניקער ווי איר פּוכן־געלעגער אויפן עולם התחתון — האָט זי זיך פון דעסטוועגן געדאָקטערט ביי די בעסטע דאָקטוירים פון שטעטל רעדים און פון די דערבייאיקע גרויסע שטעט יעריסלעוו און פשעמיש און — פון צייט צו צייט אויך פון דער עיר הבירה לעמבערג.

און ווידער צו יענעם שפּעט־האַרבסטיקן זונטיק־פרימאָרגן:

די באָבע — ווי אַלעמאָל — אין בעט. די גרויסע שלאָפשטוב, ווי זי ליגט — פּוסט. אַלע זענען פאַרנומען. דער זיידע ביי די געשעפטן, די מומע לייטשע — אין דער קיך אין יענער זייט הויז. די שוועסטערקינדער, די סטודענטן, זענען שוין געווען ביי דער באָבען אין שטוב אויף גוט מאָרגן־ביטן און האָבן זיך שוין גרופּירט אין אָפּגעשלאָסענעם שטיבל אין עק פון הויז און זענען פאַרזונקען אין אַ שמועס. און צו דער באָבען דאַרף בקרוב אַריינקומען אַ דאָקטער, נאָר דערווייל איז זי אַליין. כאַפּט מיך אָן די מומע לייטשע: — גוט, וואָס דו ביזט אַריינגעקומען, גיי אַריין צו דער באָבען. זי איז אַליין! גיי איך אַריין. מאַך שטיל אויף די טיר, אין שטוב איז שטיל — קיין שאָרך.

מיין אַריינקומען באַמערקט די באָבע באַלד און זי רופט מיך צו און זי הייסט זיך דערלאַנגען איינס פון די ספרימלעך — זי וויל אַריינקוקן. און איך דערלאַנג איר דעם דינעם צוויקער אויף אַ שוואַרץ בענדל מיט אַ גרין רוקערל אין דער פאָרעם פון אַ פיר־בלעטערדיק קאָניטשינע־בלעטל און זי הויבט זיך אָן צו פאָרען מיט דעם און זי וויל זיך אַביסל אַוועקזעצן און איך העלף איר — און פּלוצלינג גיט זי אַ טיפן זיפץ און זי מאַכט אויף די אויגן ברייטער און ברייטער און זי פאַרמאַכט זיי ווידער און זי גיט אַ פאַל אויפן קישן און דאָס ספרל מיטן צוויקער האַלט זי נאָך אַ רגע אין דער האַנט — און אין דער רגע זע איך ווי גרויס די אותיות ווערן דורך דעם צוויקער — און אָט פאַלט אַלץ אַראָפּ און די האַנט בלייבט הענגען איבערן ראַנד פון בעט אַריבער.

וואָס עס איז געשען — האָב איך פאַרשטאַנען. און אין דער זעלבער סעקונדע האָב איך דערזען, אַז איך בין אַליין מיט דער טויטער באָבען אין שטוב און דער מלאך־המות איז נאָך דאָ — ווייל די טיר איז געווען צו. און צום האַלדז שפּאַרט זיך אַ געשריי ווי אַ לאַווינע, נאָר דורך דעם

גאָרגל קען זי נישט דורך. אַנטלויף איך שטומערהייט און רייס אויף די טיר פון דער גרויסער שלאָפשטוב צו דער זיצשטוב. געעפנט האָב איך די טיר מיט אַ שטורעם — נאָר קיינער איז אין שטוב גראָד נישט געווען. בין איך זיצן געבליבן און אויסגעאָטעמט די שרעק — און דאָס קול האָט זיך לאַנגזאַם געגומען אומקערן צו מיר.

קומט אַריין די מומע — פרעגט מיך, וואָס איך זיץ אַזוי אַליין — און איידער וואָס ווען, האָט זי שוין פאַרשטאַנען און איז שוין אַריינגע־לאָפן אין דער שלאָפשטוב אַריין מיט אַ וויי־געשריי, וואָס האָט באַלד אויפגעריסן די גאַנצע שטוב. און איין רגע שפּעטער איז שוין דאָס גאַנצע הויז אינעווייניק אין דרויסן געווען, ווי מיט אַ פייער אַרומגעכאַפּט מיט געשריי און מיט געוויין. און איך בין געלאָפן אַנזאָגן ביי מיר אין שטוב — מיין אייגענער מאַמען. אפשר אַ האַלבע מינוט איז ערשט פאַר־ביי זינט עס איז געשען. און אַז איך בין געשטאַנען אויף דער שוועל — האָב איך שוין געזען ווי די פּאַטשענע איז פול געוואָרן מיט ווייבער, וואָס האָבן פאַרלאָזט די קליינע קראָמען און האָבן פאַרבראָכן די הענט און זיך געקלאַפּט אין קאָפּ:

— אַזאַ טייער מענטש! אַזאַ צדיקת!

— בלימעשע קרוין, בלימעניו גילדערנע!

— אונדזער ליכטיקע שפייזערין! אַ שטאָט מיט יתומים — נעבעך — געלאָזן!

איין שעה שפּעטער האָט מען זי שוין אַריבערגעטראָגן איבער דער שוועל אין אַ נישט־געהובליעוועטן קאַסטן, וואָס האָט אויסגעזען צו זיין נאָך קלענער ווי די באָבע איז געווען.

— צדקה תציל ממות! צדקה תציל ממות!

דער גאַנצער מאַרק איז געווען שוואַרץ פון מענטשן און האָט פאַר־דעקט דעם זונטיק מיט די שפּאַצירנדיקע. אויסגעפוצטע מעשטשאַנעס און די פיר צדקה־פושקעס פון אַלע פיר שטעטלשע בתי־כנסת, אין די הענט פון די פיר שמשים, האָבן פאַרקלונגען דעם אַלטן קירכנגלאָק — און אין מיין צעהיצטער פאַנטאַזיע האָב איך געזען ווי די באָבע לויפט פון איין פושקע צו דער צווייטער און וואַרפט אַהין מטבעות — איר לעצטע צדקה אויף ד ע ר וועלט.

# אַ ברודער ווערט מיר געבוירן

אין פריִען פרילינג אין יאָר 1907 איז עס געווען, און מיין מאַמע איז שוין דעמאָלט 37 יאָר אַלט געווען, און איך — דרייצן, און מיין על־טערער ברודער משה — פערצן; און ער איז דעמאָלט נישט געווען אין אונדזער שטעטל רעדים אין דער היים — ער האָט געלערנט אין גימנאַזיע אין אַ דערבייאיקער גרעסערער שטאָט. און ווייל דרייצן יאָר האָט זי שוין קיין קינדער נישט געהאַט — האָט מען אונדזער מאַמע געהאַלטן פאַר אַ שטיקל עקרה... אָדער ווייס איין גאָט וואָס. און בכלל, האָבן אונדזערע זיידע־באָבע געהאַלטן, איז איר אויפפירונג נישט געווען לויטן קרבן־מנחה־סידור. ערשטנס האָט זי חתונה געהאַט שוין אַן „אַלטע און פאַרזעסענע מויד״ — — אין איר איין און צוואַנציקסטן לעבנסיאָר... צווייטנס האָט זי קיין שייטל נישט אָנגעטאָן, די איינציקע צווישן אירע שוועסטער און די ערשטע אין שטעטל — און דאָס אַליין האָט שוין, ווי באַוווסט, גע־קענט גורם זיין עקרהשאַפט. נאָר גאָט איז דאָך אַ גוטער. האָט ער איר געגעבן פראָבעצייט און דערווייל צווי זין, אפשר וועט זי... פאָרט אָנטאָן אַ שייטל. נאָר אַז דער רבונו־של־עולם האָט געזען, אַז קיין שייטל טוט זי טאַקע ווייטער נישט אָנטאָן — איז אויס מיט קינדער אויף גאַנצע דרייצן יאָר. אָבער גאָט איז דאָך פאָרט אַן על רחום וחנון — האָט ער איר נאָך איין זון דערלויבט, צום דריטן מאָל זי צו פרווון און אַ סוף זאָל עס נעמען. נאָר מיר, די צוויי זין, האָבן נישט געוווסט וועגן גאָטס גע־היימע דרכים, און אַז מיר האָבן דערזען אונדזער מאַמע שוואַנגער, האָבן מיר זיך אַזוי געשעמט, אַז ווי נאָר מיר האָבן אַפילו סתם אַזוי אַ קוק געטאָן איינער אויפן אַנדערן, זענען מיר שוין רויט געוואָרן ממש ביז צו צעוויינען זיך. פון דורכשמועסן זיך וועגן דעם דאָזיקן פאַמיליע־געשעע־ניש איז שוין אָפּגערעדט. און עס איז נאָך אַ גליק, וואָס מיין עלטערער ברודער איז אין די הויכע חדשים פון דער מאַמעס שוואַנגערשאַפט זייער זעלטן אין דער היים געווען, נייערט אין דעמביץ אין גימנאַזיע.

און זי איז געוואָרן נאָך שענער ווי אַלעמאָל, אונדזער מאַמע, אין די היכע חדשים פון איר זיין אויף דער צייט. אויסגעפאַלן איז עס ווינטער, און דער דאָקטער האָט באַפוילן: גיין, נאָר גיין, גאַנצע טעג און האַלבע נעכטן, גיין! — ווייל די מאַמע האָט זיך שטאַרק געשראָקן פאַר אַ שווער האָבן. עס איז געווען אַ סיבה: איר ערשטער זון איז געבוירן געוואָרן מיט צוואַנגען — און כאָטש דער צווייטער, איך, בין געבוירן געוואָרן גרינג — טאָקע ווי דער בושעל וואָלט מיך געבראַכט דורכן קוימען — האָט זי אָבער געדענקט די ע ר ש ט ע געבורט.

דער טאַטע איז געווען פאַריאָגט אין די געשעפטן און די ראָל צו באַ־גלייטן מיין מאַמען אויף אירע אומענדלעכע שפּאַצירן איז צוגעפאַלן מיר. פלעגן מיר אַזוי גיין, גיין גאַנצע טעג, מיין מאַמע און איך, און מיר פלעגן זיך אָנהאַלטן אונטער די אָרעמס — און די מאַמע פלעגט מיר, כדי מיר זאָל נישט לאַנגווייליק ווערן אויף אָט די שפּאַצירן, דערציילן אינהאַלטן פון די ביכער, וואָס זי האָט געלייענט, דראַמעס פון פרידריך שיללער און געטע און אַפילו שעקספּיר.

אין יענעם יאָר 1906, אַרום דעצעמבער, איז געשטאָרבן מיין באָבע, דעם טאַטנס מאַמע, ראַצע האָט זי געהייסן, אָדער רצה, און דער מאַמעס מאַמע איז זייער שווער קראַנק געווען שוין יאָרן. און צוויי זין האָט דאָך שוין מיין מאַמע געהאַט — האָט מען זיך איצט סתם געוווּנטשן אַ מיידל — און דערצו נאָך אַ נאָמען נאָך דער באָבען. אָבער מיין מאַמע האָט גע־האַט נאָך אַ סיבה: אַ מיידל ווערט גרינגער געבוירן — ווי אַלע ווייסן. און אויך איך האָב מיר געוווּנטשן, אַז עס זאָל געבוירן ווערן אַ מיידל. איך האָב געבענקט נאָך אַ שוועסטער. געעבקנט און געחלומט וועגן איר און פאַנטיזירט וועגן איר. און אַז די מאַמע האָט זיך אַמאָל ביי אַזאַ ווייטן און ווייסן שפּאַציר פאַרגעסן און פאַררעדט מיט מיר וועגן דער... שוועס־טער, וואָס דאַרף מיר געבוירן ווערן — האָבן מיר זיך שטאַרק מיט די אָרעמס צוגעטוליעט, מיין מאַמע און איך, און גערעדט, גערעדט, געחלומט און גערעדט. אַ שניי האָט געשאָטן, די צווייגן פון דיביימער האָבן זיך געבויגן צו דער ערד אויפן לאַנגן אָסטראָוועוער שטראָז, און מיר זענען גע־גאַנגען ווי איין געשטאַלט. די מאַמע האָט זיך אין יענעם אָוונט געפילט גאָר גליקלעך, אַז מיר זענען אַהיים געקומען. אירע באַקן זענען געווען גע־

רויטלט פון ווינט און פון גליק, ווייל זי איז געווען זיכער, אַז דאָס קינד וועט געבוירן ווערן אַזוי גרינג ווי אויף פליגלען, און טאַקע אַ מיידל.

עס האָט לאַנג נישט געדויערט זינט יענעם שפּאַציר אין שניי פון אַ פאַרשנייטן פאַר־פרילינג און אַ שפּעטן ווינטער, און די מאַמע האָט אין איין שיינעם פרימאָרגן איינגערוימט דעם טאַטן אַ סוד... און דער טאַטע איז דערפון געוואָרן זייער אויפגעלייגט, ווייל אויך ער האָט זיך געריכט אויף דער מאַמעס גרינג האָבן פון זיין דריטן קינד און איז געווען זיכער, אַז עס וועט זיין אַ טעכטערל. צו די געשעפטן איז ער טאַקע אַוועק, אָבער ער האָט אָנגעזאָגט וווּ ער וועט זיין, אַז שליחים זאָלן אים קענען אין אַ רגע דערגרייכן.

אַלע טירן זענען צעעפנט געוואָרן און די מאַמע האָט אָנגעהויבן נער־וועז צו שפּאַנען שוועל־אויס און שוועל־איין. אומעטום אין די צימערן האָט מען געשטעלט גרייטע בענקלעך, אַז די מאַמע זאָל זיך קענען יעדע רגע אַוועקזעצן. אָבער די הייבאַם פון שטעטל, די „באָבע שיינדל" האָט מען נאָך אַלץ נישט גערופן. זי איז שוין דעמאָלט געווען אַזוי אַלט, אפשר הונדערט יאָר, און קליין ווי אַן אַלטער גזשיב. דאָרע הענט האָט זי געהאַט ווי די פיסלעך פון אַ רויבפויגל, און אַ פּנים און אַ נאָז פון אַ יאַסטריב, און איר קול איז געווען אויך דאָס קול פון אַ פויגל — פון אַזאַ פויגל, וואָס איז נאָר דאָ איינער אויף דער וועלט, און ער הייסט טאַקע — באָ־בע־שיינדל. נישט געווען קיין ייִד אין שטאָט — האָט ער געמעגט זיין ווי אַלט — אַז די באָבע־שיינדל זאָל אויף אים נישט זאָגן, אַז זי האָט אים די ערשטע געהאַלטן אויף די הענט ווען ער איז געבוירן געוואָרן. פון די ייִנגערע מענטשן — ווי מיין מאַמע — און אַלע מיינע מומעס און פעטערס — איז דאָך שוין אָפּגערעדט. אָט אַזוי ווי זי, האָב איך מיר אין מיין קינדהייט פאָרגעשטעלט די הייבאַמען אין מצרים, וואָס פלעגן באַהאַלטן די ייִנגלעך פאַר די שוטרים פון פרעהן... אַזוי ווי איך האָב דאָך קיין אַנדערע הייבאַם קיינמאָל אין לעבן נישט געזען — איז שיינדל די באָבע געווען אין מיינע אויגן די הייבאַם פון דער גאַנצער מענטשהייט. און אויך די מאַמע האָט עפּעס מורא געהאַט פאַר שיינדלען און זי איז דערווייל נישט גערופן געוואָרן.

און אַז דאָס גיין פון צימער צו צימער האָט נישט געהאָלפן, און די

מאַמע האָט זיך קוים געשלעפּט גייענדיק פון איין בענקל צום אַנעדרן, און זי איז צוגעקומען צו איר צימער און צום בעט און זיך שוין ווייטער נישט געקענט רירן — איז שוין געוועזן אויף צו מאָרגנס און דער צווייטער טאָג פון די ווייען. אין ערשטן טאָג איז נאָך דער טאַטע אַוועק צו די געשעפטן — איצט איז ער שוין געבליבן אין שטוב. און די שטוב איז שוין געוועזן אויס שטוב. זי איז שוין געוועזן עפּעס אַזאַ מין שיף מיט ווייטיק, וואָס טרעשטשעט אין אַלע געהעפטן און שווימט ערגעץ פון אייביק ביז איי־ביק. טויט און געבוירן אויסגעמישט.

און — ווי אַזוי די באָבע שיינדל האָט זיך דאָ פּלוצלינג אַהער גענומען האָט קיינער נישט געוווסט און קיינער האָט אויך מער נישט געפרעגט. אין אַ ווינקל זיצט זי שוין איצט, ווי אַ יאַסטריב אין זיין נעסט, און קוקט נאָך מיט טיפן חשד יעדן קער און ווענד מון די צוויי דאָקטוירים פון שטעטל — איינער אַ גוי און איינער אַ ייִ־ — מאַליק און שמיידלער; איינער אַ הויכער און איינער אַ קליינער. און זיי ביידע זענען זייער העפלעך איינער צום אַנדערן — און נאָר זיי זאָגן זיך: פּאַניע דאָקטאָזשע און פּאַניע דאָקטאָזשע, און קוקן אויך מיט טיפן חשד איינער אויפן אַנדערן...

אין דער שלאָפשטוב וואָג איך נישט מער אַריינצוגיין צו זען די מאַמען. און מען לאָזט אויך נישט. מען לאָזט בכלל מער דאָרט נישט אַריין, נאָר דעם טאַטן, די דאָקטוירים און אויך די הייבאַם — ווייל אַזוי האָט די מאַמע איצט געפאָדערט, אַזוי גיך זי האָט דערהערט פון דער צווייטער שטוב איר פויגל־קול. אירע ביינערדיקע הענט ווערן צו דער געווינעריין נישט צוגעלאָזט און נייערט ביים צוקאָפּנס פון בעט שטייט זי און זי זאָגט מיט פאַרגלייזטע אויגן — גאַנץ מענה־לשון פון אויסנווייניק... און פּלוצלינג רופט די מאַמע מיך אַריין. און איך האָב זי אינגאַנצן נישט דערקענט. אירע האָר צעפלאָשעט; איר אַלעמאַל אַזוי איידל געפורעמט מויל — ברייט פון שרייען; אירע אויגן — אויפגעריסן און שוויס גיסט זיך פון איר פּנים, ווי זי וואָלט זיך שוין טעג־לאַנג געשלאָגן מיט עפּעס אַן אומזעבאַרן שונא, און נישט ער זי און נישט זי אים קען בייקומען — און די מאַמע גיט מיך אַ כאַפּ אין די אָרעמס און זי זאָגט מיר שטיל און שאַרף אין אויער אַריין: עס וועט נישט זיין קיין מיידל! און זי שטופּט מיך אָפּ פון זיך מיט אַזאַ פּלוצלינגן געשריי, אַז די ווענט פון דער גרויסער

שטוב האָבן זיך אַ בייג־געטאָן, און באַלד איז דאָס געשריי אַריבער אין אַ שטומען כריפּ —

דערווייל איז נאָך אַ טאָג אַוועק, און נאָך אַ נאַכט און באַלד נאָך אַ טאָג. צו פּאַרנאַכט צו האָט מען שוין אַרויסגערופן אַ ספּעציאַליסט, אַ דאָקטער פון דער נאָענטער שטאָט. אַ האַלב שטעטל איז שוין איצט אויפגעוועקט מיט אונדזער שטוב און מען איז כסדר אַנטקעגן געלאָפן אויפן אָסטראָווער שטראָז צו הערן צי דער גרויסער דאָקטער קומט שוין אָן מיט דער ספּעציעלער קאַלעס, וואָס מען האָט נאָך אים אַרויסגעשיקט. און אָט איז ער דאָ, עס איז שוין נאָך האַלבער נאַכט. און אַז ער איז אַריין אין שטוב איז געוואָרן זייער שטיל און אַפילו די געוויינערין איז אַנטשוויגן געוואָרן אין דערוואַרטונג פון דעם נס. אַלע ספּיריטוס־מאַשינקעס האָבן באַלד גענומען זידן און אין דער קיך האָט סיי־ווי אַ פייער געברענט אַלע די טעג און נעכט, אָן אויפהער. דער נייער גרויסער דאָקטער איז געווען זייער לאַנגזאַם און זייער שווייגנדיק. ער האָט זיך זיבן מאָל געוואַשן און געוואַשן די הענט און זיך אָנגעטאָן אַ ווייסן כאַלאַט און גערעדט עפּעס מיט זיינע חברים פון שטעטל וואָס ער האָט באַלד דעגראַדירט צו זיינע געהילפן. די באָבע שיינדל איז געוואָרן נאָך קלענער און דאַרער. און עפּעס אַזוי ווי אַ רואה ואינו נראה. זי האָט איינגעצויגן אירע פויגל־דינע שאַרפע הענט און האָט אין איר ווינקל איצט אויסגעזען ווי אַ יאַסטריב, וואָס האָט זיך פאַר־שטעלט אין אַן איינגעדרימלטער טויב... קיין פּיפּס נישט מער פון איר מויל. אָבער זי האָט ווייטער יעדן קער און ווענד דאָ גוט געזען און געהערט. קיינער האָט אָבער זי מער נישט באַמערקט און נאָר איך האָב זי אַלץ נאָך געזען און זיך עפּעס געטרייסט מיט איר דאָ זיין. פון צייט צו צייט פלעגט זי אויפמאַכן איין אויג און אַ בלינצל טאָן מיט דעם און עס האָט זיך ווידער פון זיך אַליין פאַרמאַכט, ווי דאָס אויג פון אַ סאָווע — פאַרמאַכטערהייט נאָך שאַרפער צו וואַכן.

און איצט האָב איך דערזען ווי מען לייגט אַריין אין אַ זידנדיקן טאָפּ אַ שטאָלענעם מכשיר — ווי אַ גרויסע צוואַנג, און נאָך און נאָך מכשירים, און אין מיינע אויגן האָט זיך די גאַנצע וועלט גענומען מישן — איך בין געוואָרן אויג און אויער — אויג צו די מכשירים און אויער צו די געשרייען,

וואָס פלעגן פון מאָל צו מאָל ווידער אויפרייסן די וועגט און אויפהייבן די סטעליע אין דערבייזיקן צימער.

פון שלאָפן איז קיין רייד נישט געווען. אַלע האָבן געוואַכט און אַזוי אויך איך. מען האָט אַפילו נישט אויפגעבעטן די בעטן. זיי זענען געווען פאַרוואַלגערט מיט מאַנטלען און מיט זיצערס אויף זיי.

און אָט זע איך ווי אינמיטן פון דעם אויסקאָכן די צוואַנגען, גיט די באָבע שיינדל פלוצלינג, אַזוי שנעל ווי אַ שפּין כאַפּט אַ פליג, אַ כאַפּ מיין טאַטן אין פאַרבייגיין ביי אַן אַרבל און אַ רוים איין עפּעס אין זיין אויער. און דער טאַטע — וואָס האָט בדרך־כּלל געגלייבט אין דאָקטוירים ווי אין געטער — און אין חסידישע רבים גאַנץ ווייניק — הערט זיך אָבער דאָסמאָל גוט צו. זיין צער איז געווען גרויס און די שרעק האָט צע־בראָכן זיין געמיט. דער טאַטע גייט אַריין צו דער מאַמען און ער פרעגט זי — ווייזט אויס — עפּעס, און ער קומט אַרויס מיט אַ „יאָ" צו דער באָבע שיינדל. און דער טאַטע גייט איצט צו צום גרויסן דאָקטער און ער בעט אים, אַז ער זאָל דערוויילּ איצט גיין שלאָפן צו אונדזערער אַ מומע — אַ גוט געלעגער איז פאַר אים גרייט, און דאָ ביי דער געווינערין וועלן בלייבן די שטעטלדיקע דאָקטוירים — און די מאַמע האָט געבעטן, אַז מען זאָל דערוויילּ נישט צולייגן די צוואַנגען; זי ווייסט זיין גוט, האָט זי געזאָגט, און זי פילט אַז זי וועט געבוירן אַליין. און אַזוי ווי די גאַנצע שטוב איז פלוצלינג געוואָרן אַזוי שטיל — אַזוי שטיל — האָבן אַלע מסכים געווען.

און עס איז שוין דערוויילּ געווען פאַרטאָג.

דער טאַטע האָט זיך אָנעקגעזעצט און מיט זיין שטענדיק אַביסל ציטערדיקער, און איצט ממש זיך טרייסלענדיקער האַנט, געגומען שרייבן אַ טעלעגראַמע צום רבין קיין בעלז; און געשריבן האָט ער מיט לאַטייניִשע אותיות: הינדע בת בלימע געווינט — בעט רחמים — אפרים בן רצה — פון רעדים ביי דער ראַדע. די טעלעגראַמע דאַרף איך טראָגן אויף דער פּאָסט.

און די באָבע שיינדל האָט זיך איצט אינגאַנצן איינגעשלאָסן אין זיך — אַזוי גיך מען האָט איר פאַרגעלייענט די טעלעגראַמע, און איז געוואָרן נאָך קלענער און נאָר די דינע, בלויע, צעלעכצטע ליפּן האָבן זיך איצט גיך גיך געטרייסלט.

מיט עטלעכע קראָנען מטבעות אין דער רעכטער האַנט, און מיט דעם ווייסן פּאַפּירל אין דער לינקער, בין איך אַרויסגעלאָפן צו דער פּאָסט. שטיל און פול מיט די ריחות פון ערשטן פאַרפרילינג־טאָג איז געווען די וועלט, און אַ גרויסער שטערן איז געשטאַנען אין מזרח, איינער אַליין אין בלוילעך־העלן הימל. איך האָב נאָך קיינמאָל אַזאַ שטערן אַזוי איינזאַם נישט געזען; און כאָטש איך בין איצט געווען איינער אַליין אין גאַנצן מאַרק, און הינט האָבן מיך אַרומגערינגלט און אַרומגעשמעקט און מיר נאָכגעלאָפן — בין איך ווי אַ פייל אויסן בויגן געפלויגן אָן שום שרעק צו דער פּאָסט; אויפגעוועקט דאָרט דעם דיזשורירנדיקן טעלעגראַף־באַאַמטן און באַלד האָבן זיך דערהערט די מאָרזע־קלעפּ: טאַק־טאַק, טאַק־טאַק־טאַק, טאַק, טאַק, טאַק — און איך האָב געהערט גענוי ווי די קלעפּ קלאַפּן אות נאָך אות — הינדע בת בלימע געווינט — בעט רחמים — אפריש בן רצה — פון רעדים ביי דער ראַדע.

און איך בין אַהיים געלאָפן.

אַז די טעלעגראַמע איז אַוועקגעשיקט האָט די מאַמע געוווּסט און עפּעס אַ שטילע דערוואַרטונג האָט זי אָנגעפילט און זי האָט שוין מער קיין איין מאָל נישט געשריגן.

און אַ שעה איז אַוועק און נאָך איינע און טריט האָבן זיך דערהערט אויף די טרעפּ צו אונדזער דירה. מען האָט געבראַנגט אַ טעלעגראַמע און מען האָט זי אַ ריס אויף געטאָן און געלייענט:

הינדע בת בלימע וועט זוכה זיין רחמים.

און דעמאָלט האָט זיך דערהערט אַ שטאַרקער שריי פון דער גרויסער שטוב און אַזוי ווי קיין איינער פון די דאָקטוירים איז איצט אין דער נאָענט נישט געווען, האָט די באָבע שיינדל זיך אַ ריס־געטאָן ווי אַן איינגעשלאָפענער פויגל פון אַ פּלוצלינגן שטיין, וואָס מען האָט אויף אים אַ וואָרף־געטאָן, און זי איז אַריין אין דער גרויסער שלאָפשטוב און אַלע זענען שטום געוואָרן.

און אַ מינוט שפּעטער איז זי אַרויסגעקומען און האָט מיט איר פויגלישן קול אָנגעזאָגט:

— מזל־טוב, אַ יינגל!

און דער טאַטע האָט באַלד געענטפערט.

— מזל־טוב! ער וועט הייסן הערץ, -- נאָך זיין באָבע רצה — זאָל זיך מ׳ען.

און אַ שכן, אַ גרויסער בן־תורה, וואָס איז שוין געהאַט פּאַרטאָג אַריינגעקומען אין שטוב געוואָר ווערן און צו דאַוועגען אין דער נאָענט פון דער געווינערין פאַר אַ סגולה, האָט צוגעגעבן:

— ער וועט הייסן נפתלי־הערץ — ווייל הערץ גייט צוזאַמען מיט נפתלי.

אַזוי איז מיר געבוירן געוואָרן מיין יינגערער ברודער, דרייצן און אַ האַלב יאָר יינגער פון מיר, דער דריטער און לעצטער פון מיין מאַמען — דער דערציילער הערץ בערגנער.

# דער באַלקאַן

זינט איך געדענק ווערטער — געדענק איך דאָס דאָזיקע מאָדנע, קלינגעוודיקע וואָרט „דער באַלקאַן". עס איז געקומען אין מיינע אויערן דורך די ליפּן פון מיינע טאַטע־מאַמע, פון מיינע פעטערס, די פּאָליטי־קערס, און דערצו ממש פון דער גאַליצישער לופט אַליין. דאָס וואָרט איז געהאנגען איבער גאַליציע, ווייל עס איז געהאָנגען איבער גאַנץ עסטרייך, ניין, עס איז געהאנגען איבער גאַנץ אייראָפּע, און דורך אייראָפּע איבער דער גאַנצער וועלט. אויב די גאַנצע וועלט־קאָנסטעלאַציע, איר גלייכגע־וויכט, הענגט־אָפּ פון אַ מין וואָג, וואָס איינע פון די וואָגשאָלן הייסט מזרח און די אַנדערע הייסט מערב, איז דאָס צינגל פון אָט־אָ דער וואָג לאַנג־לאַנג געווען: דער באַלקאַן...

זאָלן מיר לערנען אַ ביסל געאָגראַפיע? יאָ, אַ האַלבע מינוט: דער באַלקאַן, דאָס איז דער צעפּלאָנטערטער און מיט כלערליי גרענעצן צע־שניטענער האַלב־אינדזל אין דרום־מזרח פון אייראָפּע, דריי ימען שווענ־קען זיינע ברעגעס — דער אַדריאַטישער, דער שוואַרצער און דער עגעי־שער; דריי אימפּעריעס זענען יאָרהונדערטער לאַנג געלעגן ווי די לייבן מיט אָפענע פּיסקעס אַרום זיין מזרח, מערב און דרום — גרייט צו שלינ־גען און זיי האָבן טאַקע כסדר געשלונגען און צוריקגעגעבן. דאָס זענען געווען: טערקיי, רוסלאַנד און עסטרייך, מיין פאָטערלאַנד ביז דעם יאָר 1918, דאָס פאָטערלאַנד, וואָס אין זיין אַרמיי האָב איך דריי יאָר פון מיין לעבן אָפּגעשקלאָפט. אָבער דאָ בין איך שוין פון דער געאָגראַפיע אַריבער אויף געשיכטע — איז לאָמיר טאַקע בעסער אַריבער צוריק אויפן געביט פון מעשה און אַ מעשה דערצייל איך דאָך.

יאָר־איין און יאָר־אויס איז אין עסטרייך געווען אַ פּאָליטישער קרי־זיס, און נאָכן פּאָליטישן קריזיס האָט זיך נאָכגעשלעפּט אַן עקאָנאָמישער קריזיס און אַלץ האָט זיך כסדר געדרייט אַרום איין וואָרט: דער באַלקאַן. דער באַלקאַן, דאָס איז געווען דער קראַנקער מאָגן פון אייראָפּע. וואָס פאַר

אַ פּאָליטישע קאָמבינאַציע די דיפּלאָמאַטן פון דער מערב־וועלט און דער מזרח־וועלט האָבן פּאַר אָט דעם מאָגן צונויפגעמישט און אים דערלאַנגט צום פאַרדייען — האָט עס אים פאַרשאַדט. און געקאָכט און קאָמבינירט רעצעפּטן האָט מען כסדר, ווייל קינד און קייט האָט שוין געוווּסט, אַז פון אָט דעם באַלקאַן וועט סוף־כל־סוף קומען דאָס גרויסע אומגליק. און עס איז טאַקע געקומען: צוערשט די באַלקאַנישע מלחמה צווישן די דאָרטיקע פעלקער און דער טערקיי אין יאָר 1912, און אַ יאָר שפּעטער אַ מלחמה צווישן די זיגער אַליין און אַ יאָר שפּעטער די ערשטע וועלט־מלחמה, וואָס פון איר פאַרשאָלטענער טראַכט איז געבוירן געוואָרן די צווייטע מלחמה — און איך בין שוין ווידער אַרויף אויף די סטעזשקעס פון געשיכטע און פּאָליטיק.

אָבער צוריק צו דער מעשה.

געווען איז דאָס אין יאָר 1906 — דעם חודש געדענק איך נישט. האָט ווידער אַ קלונג־געטאָן אונדזער באַקאַנט וואָרט „באַלקאַן", אָבער מיט אַזאַ אָפּהילך, אַז די באַלקאַן־בערג טאַקע, און די קאַרפּאַטן־בערג און אַפילו די אַלפּן־בערג האָבן צוריקגעקלונגען מיט אַ מוראדיקן בת־קול: באַל־קאַן, באַל־קאַן. און אַז אַלע בערג און בערגלעך האָבן געהילכט אין אַלע גרויסע מעטראָפּאָליעס פון אייראָפּע אויך, האָט עס אויך אין אונדזער שטעטל רעדים אַ קלונג־געטאָן: באַל־קאַן. און אַז באַלקאַן — איז קריזיס. און אַ קריזיס גייט דאָך אַריבער. אָבער אָט דער קריזיס האָט נישט גע־וואָלט אַריבער. נישט פון אָרט. האָבן זיך יידן אין אונדזער שטעטל מיישב געווען — אויב מלוכות שרייען, אַז זיי האַלטן ביים אָנזעצן, ביים באַנ־קראָט, איז וואָס־זשע דאַרפן זיי זיך שעמען? וועלן זיי ש ו י ן אָנזעצן, ש ו י ן באַנקראָטירן. פלעגט מען טאַקע אויפשטיין אין דער פרי און צו־לויפן ביי אונדז אין דער גרויסער פּראָנט־שטוב צו די פענצטער אויפן ערשטן שטאָק, פון וועלכע מען האָט געקענט זען דעם גאַנצן מאַרק און זען וועלכע קראָמען זענען געבליבן מיט פאַרמאַכטע טיר־לאָדנס און פאַר־לייגטע אייזן־פּרענטן. נישט עפענען אַ קראָם אין דער פרי איז געווען דער סימן פון אָנזעץ.

אָבער אין אונדזער גרויסער משפחה איז קיינמאָל ביז איצט קיין אָנ־

זעץ נישט געווען. קריזיס־שמיזיס, באַלקאַן יאָ, אָדער באַלקאַן נישט, קיין באַנקראָט ביי די ראָזענבלאַטס טאָר נישט זיין.

מיין טאַטע איז אַרומגעגאַנגען שוואַרץ ווי די ערד. אַזוי אויך עט־לעכע פון די פעטערס. דער איינציקער אין דער משפחה, וועמען עס האָט קיין באַנקראָט נישט געדראָעט, איז געווען דער זיידע. ער איז טאַקע דורך זיינע קינדער געווען פאַרוויקלט אין געשעפטן, אָבער ער האָט נאָר אַלע־מאָל אַ קליינעם טייל פון זיין פאַרמעגן אַנגאַזשירט. וועקסלען האָט ער נישט געשריבן און פון קיין טשעקן האָט מען נאָך דעמאָלט נישט געוווּסט. און קיין וועקסלען האָט ער נישט געשריבן, ווייל, ערשטנס, איז ער געווען אַ געלינקטער, צווייטנס, האָט ער נישט געקענט דעם גוייִשן אלף־בית, חוץ טאַקע דעם אייגענעם נאָמען צו שרייבן אַמאָל אויף אַ קאָנטראַקט, און דריטנס, האָט ער סתם מורא געהאַט פאַר וועקסלען, ער וואָלט ביז צום טערמין פון וועקסל פשוט נישט געקענט אַפילו אויף אַ רגע אַנטשלאָפן ווערן... אָבער די זין און די איידעמס ועגען שוין געווען היינטוועלטיקע מענטשן. חוץ אַלערליי געשעפטן געהאַט אַפילו בענק אין בענק שרייבט מען, זשירירט מען וועקסלען אָן אַ שיעור. און פראָטעסטן האָבן זיך היינ־טיקס יאָר געמערט און באו מים עד נפש — מען וועט זיך מוזן לאָזן שווי־מען מיטן אַלגעמיינעם שטראָם — באַנקראָטירן — אַן אויסרייסעניש און אַ פאַרזינקעניש זאָל קומען אויף די באַלקאַנען, אַ ווו זיי שטעקן דאָרטן ערגעץ הינטער די הרי־חושך... אַזוי האָט מען אין פאַרצווייפלונג גע־טראַכט, אָבער טראַכטן איז אייך זאַך און טאָן איז אַן אַנדערע זאַך. אָנ־זעצעריי איז אַ גליטשיקער וועג. פאַלן איז גרינג — אויפהייבן איז שוין שווער.

מער ווי אַלע זין און איידעמס איז געווען פאַרצווייפלט דער טאַטע. ער — וואָס איז געווען אַזוי אָפגעהיט אין די געשעפטן, אַז ער האָט אַפילו קיינמאָל אין געריכט נישט געגעבן קיין שבועה — בעסער פאַרלוירן אַ קלאָגע פון אַ סוחר, איידער געשווּוירן — ער וועט אָנזעצן?... ער וועט זיך אַ מעשה אָנטאָן! און ער האָט ערנסט וועגן דעם געטראַכט. אָט דאָס וואָרט „זיך אַ מעשה אָנטאָן" האָב איך אין יענעם יאָר, אין יענער צייט נישט איינמאָל אונטערגעהערט אין מיין טאַטנס אויפגערעגטע שמועסן מיט דער מאַמען — צוזאַמען מיט דעם וואָרט: באַלקאַן...

געבליבן איז נאָר איין איינציקע רעטונג: דער זיידע — דער מאַמעס טאַטע. אָבער מיטן זיידן קען מען קיינמאָל נישט רעדן אָן עדות. זיין סעקרעטאַרשע און בוכהאַלטערין, די מומע לייטשע איז כסדר דאָ אַרום אים, און ביי איר מאַן איז אויך קריזיס, אים האָבן די באַלקאַנען אויך נישט אויסגעמיטן. און — אַזוי גיך דער זיידע וועט איינעם פון זיינע זין, אָדער אידעמס אַנטלייען אַ פּאָר טויזנט גולדן זיך צו ראַטעווען פון באַלקאַן־קריזיס, עד יעבור זעם, וועט דאָך דאָס ווערן אַ מעשה אָן אַ סוף. אַלע וועלן פאָדערן. און אַז לייטשע און דער זיידע טראַכטן אַזוי, האָבן אַלע געוווּסט. אָבער דער קריזיס וויל פון דעם אַלעמען נישט וויסן.

און אין איין שיינעם טאָג זענען די אויפגערעגטע שמועסן צווישן מיין טאַטן און מאַמען שטיל געוואָרן און דעם גאַנצן טאָג איז געהאנגען אַ מוראדיקע שווייגנדיקע שפּאַנונג איבער דער שטוב. עפּעס אַזוי ווי זיי וואָלטןביידע עפּעס שרעקלעכס באַשלאָסן. אָבער וואָס? טאַקע דאָס ערגסטע? און אפשר דאָס סאַמע, סאַמע ערגסטע? ווער ווייסט? מען האָט געגעסן מיטיק און געשוויגן, געגעסן וועטשערע און געשוויגן, געלייגט זיך שלאָפן און געשוויגן, געשוויגן און נישט געשלאָפן. אויסגעלאָשן דעם גרויסן בליץ־לאָמפּ, געלאָזט ברענען דאָס קליינע בלויע לעמפּל, געלעגן און געקוקט אויף דעם בלוילעכן ליכט. איך — אין דער צווייטער שטוב — האָב געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז איך שלאָף, געכראָפּעט אַביסל, אָבער פון קיין שלאָף איז קיין רייד נישט געווען.

און געהערט האָב איך ווי טאַטע־מאַמע טוען זיך, נאָך האַלבער נאַכט, שווייגנדיק אָן, גייען אויף די שפּיץ־פינגער אַרום — עס האָט שוין געמוזט זיין אַרום איינס. קיין באַזונדער ליכט האָט מען נישט געדאַרפט אָנצינדן — די בלויע אַמפּעל האָט שוואַך באַלויכטן ביידע שטובן.

און דאָ האָב איך פּלוצלינג שטיל אָנגעהויבן צו וויינען. די מאַמע איז צוגעלאָפן צו מיר און האָט מיך באַרויִקט:

— עס איז גאָרנישט, גאָרנישט, קינד, מיר דאַרפן עפּעס צוגיין צום זיידן...

— איצט? אַזוי אָ? וואָס איז געשען?

— עס איז גאָרנישט געשען. אַז דו ווילסט קענסטו מיטגיין.

בליצשנעל האָב איך מיך אָנגעטאָן. מען האָט אָנגעזאָגט די דינסטן,

אַז מען גייט אַוועק צום זיידן, ווייל די באָבע איז שטאַרק קראַנק געוואָרן. מען וועט באַלד זיין צוריק.

עס איז געווען אַ שטילע, האַרבסט׳יקע נאַכט. פינצטער ווי געדיכטע סמאָלע. די קליינע נאָפּטלאָמטערנעס אין די פיר ווינקלען פון רינגפּלאַץ האָבן זיך ווי געטראָנקען אין דער פינצטערניש, ווי גערופן הילף. אַ נאַכט־פּאָליציאַנט מיט אַ לאָמטערן און מיט אַ לאַנגער פּיקע איז צוגעקומען, דערקענט דעם טאַטן, אויך אים האָט מען געזאָגט, אַז מען גייט צו אַ קראַנקן. און אָט איז שוין די גרויסע פּאָדשעניע, דעם זיידנס הויז, מען קלאַפּט לייכט אין די קליינע פענצטער־שויבן. אַ הייזעריקלעכער, פאַר־שלאָפענער: — ווער איז? וואָס איז? און דער מאַמעס שטילער ענטפער: — עס איז גאָרנישט, גאָרנישט, טאַטע, שרעק זיך נישט, מאַך אויף די טיר. מען הערט שטעקשיך אויף דער בויק פון לאַנגן פּעדערהויז, ריגלען ריגלען זיך אויף, דער זיידע לאָזט אונדז אַריין.

מיט זיין אַלטער לעבנס־דערפאַרונג און מענטשלעכער חכמה האָט דער זיידע תיכף אַלץ פאַרשטאַנען. ער האָט שוין אייגנטלעך גאָרנישט געדאַרפט פרעגן. אין זיין קאָפּ האָט ער שוין איצט אָנגעשטרענגט גע־טראַכט וויאַזוי זיך דאָ אַרויסצודרייען און וואָס צו ענטפערן, כאָטש מען האָט אים נאָך נישט געפרעגט. מען איז אַריין אין „קליינעם שטיבל״, אויסגעזעצט זיך אויף בענק און בענקלעך און — געשוויגן. איך האָב אין גאַנצן געציטערט.

דער זיידע האָט אַליין אָנגעהויבן: — קינדער, איך ווייס — — —

און נאָך איידער ער האָט געענדיקט די פּאָר ווערטער, האָט שוין נאָך אַ האַנט שטיל געקלאַפּט אין דער קליינער שויב...

און אַזוי גיך נאָטע, דער זון איז אַריינגעקומען מיט זיין ווייב און אַזש אַ ציטער־געטאָן זעענדיק, אַז עמעץ האָט זיך שוין געפעדערט פאַר אים — און נאָך איידער ער האָט זיך אַוועקגעזעצט, האָט עס ווידער אַ שטילן קלאַפּ־געטאָן אין קליינעם שייבל — און דער זון מרדכי איז אַריינ־געקומען מיט זיין ווייב... עס איז שוין קיין אָרט נישט געווען מער אויף די בענק און בענקלעך אינעם קליינעם ווייטיקן שטיבל וווּ אַלע זענען זיך צונויפגעקומען און געזעסן פאַרשעמטע און פאַרלוירענע און פאַרצווייפל־טע, ווייל זיי האָבן אַלע געוווּסט, אַז איצט איז שוין אַלץ פאַרביי. יעדער

האָט געוואָלט איבערקליגן דעם אַנדערן און איצט האָבן זיך אַלע באַנאַ־רישט.

אין גרויסן אַלטן האָלצערנעם הויז פון זיידן זענען פּאָרט נישט געשטאַנען קיין ליידיקע שטיבלעך סתם און אויך דאָס קליינע שטיבל איז געווען פּאַרנומען. דאָ איז געשלאָפן אין אַ שווער באַנק־בעטל האַנקאַ, די שיקסע צו די קי. אין שטיבל האָט געשמעקט מיט איר וואַרעמען, דאַרפישן שלאָף און זי האָט כסדר געכראָפּעט ווי אַ זעג אין האָלץ — אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ — אין איר געזונטן שלאָף, וואָס דער אָנגעלאָף אין איר שלאָף־שטיבל האָט נישט געקענט איבערוועקן.

זיצן אַזוי אַלע אַכט — דער זיידע, צוויי זין, צוויי שנורן, איין טאָכטער, איין איידעם, איין אייניקל — איך, הייסט עס — און קוקן און הערן זיך צו ווי האַנקאַ שלאָפט און נאָר דאָס פלעמל פון אַ קליין ליכט אין אַ מעשן נאַכטלייכטערל איז פריילעך און טענצל׳ט אונטער און שפּיל׳ט זיך מיט די שאָטנס אויף די נידעריקע געקאַלכטע ווענט.

און ווער וואָלט דאָס געגלייבט אין יענער רגע, אַז הינטער דעם אַלעמען שטייען ערגעץ דריי אימפּעריעס מיט צוויי קייסאָרים און איין טערקישן סולטאַן און עס וואָרפן זיך און שוימען דריי ימים.

דער פעטער נאָטע, וואָס האָט געשעפּט זיין חכמה בכלל און זיין פּאָליטיש וויסן בפרט סיי פון דער ווינער „בייער פריייער פּרעסע” און סיי פון דעם לעמבערגער פּוילישן „סלאָוואָ פּאָלסקיע”, רייסט ענדלעך איבער דאָס אומהיימלעכע, פאַרשעמטע, נאַרישע שווייגן:

— דער באַלקאַן; אין אַלץ איז שולדיק דער באַלקאַן!

דערהערט דאָס וואָרט „דער באַלקאַן”, האָבן זיך אַלע צונגען אויף אַמאָל אויפגעבונדן: טאַטע אַהין און טאַטע אַהער, שווער אַהין און שווער אַהער, טאַטע — איך וועל מוזן אָנזעצן, און טאַטע — מען וועט מיך פאַרזעצן אין קרימינאַל, און שווער — איך וועל מיר אַ מעשה אָנטאָן, און טאַטע — פאַרוואָס ווילסטו נישט ראַטעווען? און טאַטע — צו וואָס דאַרפסטו דיין געלט?

פּלוצלינג זענען אַלע אַנטשוויגן געוואָרן, דער זיידע האָט אַראָפּגעלאָזט די הענט, די באָרד איז געפאַלן זייטיק אויף דער ברוסט, די פּאָלעס פון דער בעקעשע זענען זיך צעפאַלן און מען האָט געזען דעם לאַנגן לייב־

צודעק אויף דעם לייבל און אויף די שלאָף־פּלודערן פון ווייסן באַרכנט, די ציצית האָבן זיך אַ וואַלגער־געטאָן אויף דער פּאָדלאָגע — עס האָט זיך אַ רגע געדאַכט, אַז דער זיידע האָט געחלשט. אָבער ער האָט ניט געחלשט, ער האָט זיך נאָר שטיל צעוויינט, און דאָס וויינען איז געווען מוראדיק ענלעך צום וויינען פון אַ קינד און אַלע האָבן עס באַמערקט.

און ערשט פון דעם שטילן געוויין פון איר באַלעבאָס האָט זיך האַנקאַ אַ ריס־געטאָן אויף איר געלעגער מיט דעם זגרעבנעם, רויען לייַלעך און זגרעבנעם קישן מיט שטרוי אָנגעפּילט: — צאָ יעסט, צאָ יעסט? וואָס איז?

— שלאָף ווייטער, עס איז גאָרניִשט געשען. — און זי איז תיכף צוריק אַנטשלאָפן געוואָרן, נאָך מער שטיינערן ווי ביז איצט.

אין יענעם יאָר איז אָבער יאָ עפּעס געשען, אין יענעם יאָר האָט זיך געגומען קרישלען די עסטרייכישע אימפּעריע און אין יענער נאַכט האָט זיך גענומען קרישלען דאָס עשירות פון מיין זיידן, וואָס ער האָט מיט אַזויפיל מי און מאַטערניש און מיט אַזויפיל לעבנס־חכמה צונויפגעקליבן אין פאַרלויף פון זעכציק יאָר. עפּעס האָט ער מסתמא געטאָן, דער זיידע, אויף צו ראַטעווען זיינע קינדער פון באַנקראָטן אין יענעם שווערן קריזיס־יאָר. והא־ראיה — קיין איינציקער האָט נישט אָנגעזעצט.

אַז מען איז שוין ווידער געווען אין דרויסן און דער זיידע האָט שוין פאַרריגלט די טיר, איז מען נאָך אַ רגע געבליבן שטיין אויף דער פּאָדשענע. די טשיאָטשיע סאַבינע, וואָס האָט כסדר גערעדט פּויליש און וואָס מיר האָבן קיינמאָל נישט געוווסט איר יידישן נאָמען, האָט אָבער געהאַט אַ טבע צו שעלטן אויף יידיש און אָט אַזוי האָט זי איצט אַריינגעשאָלטן אין דער נאַכט אַריין:

— הלוואי וואָלט ער קיינמאָל נישט געבוירן געוואָרן, אָט דער פינצטערער באַלקאַן!

— הלוואי, גאָטעניו, — ענטפערט אָפּ דער מעשה־דערציילער פינף און פופציק יאָר נאָך יענער נאַכט און נאָך דעם אַלעמען, וואָס אָט דער באַלקאַן האָט אָנגעטאָן דער וועלט.

# יעווקאַ, קאַראַלאַ און מאַלאַ

עס דערמאָנט זיך אַ בילד. די צייט איז קינדהייט. דאָס אָרט איז אַ דאָרף, אַ גוט־באַזיץ פון מײַנעם אַ פעטער. זומער. פרימאָרגן. זוניק און קאַלט־פייכלעך נאָך פון דער ראָסע. מיט אַ פּאַראָבעק פון די פערד גיי איך — און מיר טראָגןביידע בינטלעך פרישן היי. אָט איז די שטאַל פון די פערד. די טיר פון דער שטאַל איז פאַרלייגט מיט אַ דראַנג ווי מיט אַ שלאַבאַן. די פערד דערהערן די שריט פון דעם פּאַראָבעק און זײַנע צורופן; זייערע נערוועזע שיינע קעפּ און די לייַדנשאַפטלעכע נעז גיזוכען פון דער ווייטן דאָס פרימאָרגן־פרישע היי, דעם קילן פרימאָרגן־טרונק ביי דער קאָ־רעטע, צו וועלכער מען וועט זיי באַלד פירן. אַלע זעקס שטופּן זיי די קעפּ אין דער עפענעונג פון דער טיר. עס ווערט אַ פולע טיר מיט שיינע פער־דישע קעפּ און אַלע הירזשען זיי צום פרימאָרגן.

אַזוי שטופּן זיך אין דער טיר פון מיין זכרון אַלע נאָך נישט אויפ־געשריבענע מעשיות מיינע — אַזוי גיך איך באַוויז מיך נאָר מיט דעם ווילן מיינעם אַרויסצורייטן אויף איינער פון זיי, אַרויס פון מיין היינט און אַריין אין ווייטן, וויטן נעכטן און אַמאָל.

אָבער מוז איך דען אויף אַלע, אַלע מעשיות רייטן. אַלע, אַלע וואָס זענען דאָרט רעגעץ דאָ אין דער טונקעלער שטאַל פון מיין זכרון?

„שטאַל פון זכרון" האָב איך געזאָגט? יאָ — שטאַל פון זכרון. און אפשר גאָר אַ גאַנצער זאָאָלאָגישער גאָרטן פון זכרון. מאָדנע באַשעפענישן זענען דאָרט! יעדע איינע וווּנדערלעכער פון דער אַנדערער. זענען זיי דאָ בלויז אין מיין זכרון? זיי זענען דאָ אין דיין זכרון און אין זיין זכרון און אין אונדזער אַלעמענס זכרון. זיי זענען דאָ און זיי לעבן אַפילו. לעבן כסדר — נישט נאָר אין יענעם מאָמענט, ווען מען נעמט זיי אָן ביים ציימל, פירט זיי אַרויס פון שטאַל אין רייט אויף זיי אַרויס פון היינט אין נעכטן אַריין.

**
*

דאָס איז געווען אין יאָר 1907. אין יענעם יאָר איז מיר געבוירן געוואָרן מיין — מיט כמעט פערצן יאָר ייִנגערער — ברודער הערץ. ער איז געווען אַ שיינער, זייער אַ בלאָנדער און זייער אַן אומרויִקער. דער מאַמען האָט מען באַלד פאַרבאָטן אים צו זויגן אַליין און קיין אַם האָט מען אים נישט געקענט צופאַסן. ער האָט גענומען קרענקען, געווען כמעט פאַרביי. אַלע דריי דאָקטוירים פון שטאָט האָבן אָפגעהאַלטן קאָנסיליומס און אַלע האָבן באַשלאָסן, אַז הערצן קען נאָר ראַטעווען צוגעפּאַסטע מילך פון אַ זייער געזונטער אַם. מען האָט זי געבראַכט פון דערפער און פון אַרומיקע שטעט, אָבער מער ווי עטלעכע טעג האָט זיי דער ניי־געבוירענער נישט געקענט פאַרטראָגן. איך געדענק — איינע אַזאַ אַם, זייער אַן אָרעמע. זי איז צוגעפאַלן צום קינד מיט אַ געטריישאַפט פון אַ מאַמען; איר אייגן קינד איז נאָר־וואָס געהאַט געשטאָרבן. אָבער באַלד האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי איז טובערקולאָז קראַנק אַליין. און אַז מען האָט איר אָנגעזאָגט, אַז מען באַצאָלט איר פאַר אַ חודש און מען שיקט זי אַוועק, האָט זי זיך אַוועקגעלייגט אויף דער בריק און גענומען קישן די רעדער פון דעם קינדער־וועגעלע מיט אַזאַ היסטערישער יללה, אַז די גאַנצע שטוב האָט מיר איר מיטגעוויינט. אָבער העלפן איר האָט מען נישט געקענט — זי איז געווען שווער־קראַנק. איר מילך איז געווען סם.

***

אין שפּעטן אָוונט, נאָך דעם טאָג פון דעם אַוועקשיקן די טובערקולאָז־קראַנקע אַם איז פּלוצלינג געשען ממש אַ נס. שווערע פויערישע שטיוול־טריט האָבן זיך דערהערט אויף די טרעפּ. קלעפּ אין דער טיר. עס איז אַריינגעקומען אַ באַקאַנטער פויער פון אַ נישט־וויטן דאָרף און הינטער אים איז נאָכגעגאַנגען אַ באָרוועסע, בלאָנדע, דאָרפישע שיינקייט, געזונט און פריש און שטאַלטנע. אַ זגרעבנע און שווער העמד, אַ פאַרביק קליידל און אַ דינע שאַל. דאָס אַלץ וואָס זי האָט געטראָגן אויף זיך — איז אויך געווען אַלץ, וואָס זי האָט פאַרמאָגט. און חוץ דעם נאָר נאָך איר נאָמען: יעווקאַ. דער אוקראַיִניש־פאַרצויגענער נאָמען פון דער מוטער חוה. דער פויער, וואָס האָט די אַם געבראַכט, איז איר פעטער. און ער דערציילט באַלד די געשיכטע פון זיין פלימעניצע. זי איז אַ יתומה און האָט

אַ בייזע שטיף־מאַמע. מען האָט זי געשיקט קיין דייטשלאַנד אויף זומער־אַרבעט, האָט זי זיך דאָרט פאַרשפּילט מיט ז'עם יונגן גוט־באַזיצער, איז זי אָבער אַ קלוגע — יעווקאַ — און האָט זיך אַזוי לאַנג געהאַלטן אַרום יענעם גוט ביז דאָס' קינד איז געבוירן געוואָרן, און אַז עס איז געבוירן געוואָרן — האָט זי עס אונטערגעוואָרפן ווו עס באַלאַנגט — הינטער דער טיר פון זיין טאַטן — און אַליין איז זי אַנטלאָפן — און זי איז ערשט נעכטן געקומען פון דאָרט און זי קען נאָך זיין אַן אַם — און זאָל מען זי' אויס־פּריוון.

מען האָט אַריינגערופן דעם דאָקטער, וואָס האָט געוווינט אַ טיר ביי אַ טיר מיט אונדז — און יעווקאַ האָט אויף איר אַ גלאַנץ־געטאַן מיט אירע בלויע אויגן און אַ שפּיל מיט אירע חן־גריבלעך און אַן בושה צע־שפּילעט איר זגרעבנע העמד און גענומען דאָס קינד אויף די קני און אויך צום קרענקלעכן קינד, מיין ברודערל, האָט זי אַ גלאַנץ־געטאָן מיט אירע בלויע אויגן און אַ שפּיל מיט אירע חן־גריבלעך און דאָס קינד האָט זיך צשעמייכלט צו איר און גענומען זויגן ווי אַ קליין שיכורל און אַ ניי לעבן איז אין קינד אַריין. דאָס קינד איז געזונט געוואָרן. און אַלע האָבן גענומען טענהן, אַז עס איז נישט קיין אַם, עס איז אַ נס געשען.

אָבער צוזאַמען מיט דעם נס איז אַריין עפּעס אַ מאָדנע אומרו אין שטוב אַריין, יעווקאַס גרויסע, העל־ווייסע ציין, אירע צעשמייכלטע בלוי־גרויע אויגן, אירע חן־גריבלעך איןביידע באַקן און אויך אין דער גאָמבע, איר אַרויסרופנדיקער געלעכטער צו אַלץ און צו אַלעמען, דער עיקר צו מענער. יי'ד און גוי, אַלט און יונג, שיין און מיאוס, איר איז קיין חילוק נישט געווען, אַבי אַ מאַן. דערביי האָט זי גוט אין זינען געהאַט דאָס קינד, אין זינען געהאַט גוט צו עסן, דאָס קינד זאָל זיין געזונט, שלאָפן גוט אין די נעכט. אַרבעטן אין שטוב האָט זי נישט געדאַרפט, ווייל די אַרבעט האָט געטאָן די דינסט — מאַלאַ, אַ יידישע. יעווקאַ האָט זיך נאָך אָפּגע־זוכט אַ חברטע, אַ דינסט ביי אונדזערע קרובים, יונג און גרויס ווי די כלה פון עוג מלך הבשן — קאַראַלאַ.

גאָר באַלד זענען אַלע דריי — יעווקאַ, מאַלאַ און קאַראַלאַ — גע־וואָרן אַ דריי־בונד, אַ חברישער. זיי האָבן זיך כסדר געסודעט, געכיכי־קעט אין די ווינקעלעך, זיך געביטן מיט קליידער, געשריבן בריוו, גע־

לייענט בריוו — און די געלערנטע צווישן די דריי איז געווען קאַראָלאַ, ווייל יעווקאַ און אַפילו מאַלאַ — די ייִדישע, וואָס דאָס איז געווען שוין זעלטן אין יענער צייט — האָבן נישט געקענט אַליין שרייבן.

***

די אומרו, וואָס דער דריי־בונד — מיט יעווקאַן בראָש — האָט גע־זייעט אַרום זיך, האָט נישט נאָר אונדזער שטוב אַרומגעכאַפּט, נאָר אויך שוין עטלעכע שטובן פון אונדזער משפּחה, ווו נאָר עס זענען געווען יונגע מענער; און ווו זענען דען דמעאָלט נישט געווען קיין יונגע מענער אין משפּחות? די אומרו האָט זיך שוין אַפילו אַריינגעכאַפּט אין בית־המדרש — צוליב חשד אויף איינעם אַ שוואַרצן חסידישן בחור, מיט אויגן ווי גלי׳ענדיקע קוילן, וואָס יעווקאַ האָט אויף אים געוואָרפן אירע בלויע־ברוין־גרוי־גרינע אויגן און ער — זיינע שוואַרצע, גלי׳ענדיקע קוילן. יעווקאַס אויגן, וואָס זענען אין אַנהייב, ווי נאָר זי איז געקומען פון דאָרף, געווען הימל־בלוי — האָבן וואָס אַ וואָך ווייטער באַקומען אַלערליי קאָלירן, וואָס מען האָט ערשט איצט באַמערקט — וואָס מער מען האָט אַריינגעקוקט אין אירע אויגן און מען האָט אין זיי געגומען אַריינקוקן אַלץ מער און זי האָט אויך אירע בליקן קיינעם נישט געקאַרגט. אַלט און יונג, ייִד און גוי, שיין און מיאוס — אַבי אַ מאַן. אַז די אומרו האָט זיך אויך אַריינגעכאַפּט אין די מיליטערישע קאַזאַרמעס — איז דאָך קלאָר.

קודם איז עס געווען אַ שפּיל אַזאַ. אָבער ווי לאַנג קען אַ שפּיל בלייבן אַ שפּיל, אויב דערוואַקסענע מענטשן זענען אַריינגעמישט און דערצו ערן און זינען...

מומעס פלעגן אַריינקומען צו דער מאַמען און געבן עצות, אַז מען מוז יעווקאַן וואָס גיכער צוריקשיקן אין דאָרף אַריין פון וואַנעט זי איז געקומען. אָבער די פעטערס האָבן געהאַט אַן אַנדערע מיינונג. עס קען חלילה שאַדטן דעם קינד, וואָס יעווקאַ האָט דאָך געזויגט געמאַכט כמעט ווי מיט אַ כישוף. און די פעטערס האָבן צוגעגעבן, אַז יעווקאַ איז ממש אַ כישופמאַכערין. און אויך דער פעטער בעננאַ, מיט דעם שפּיציקן פראַנ־צויזישן בערדל און מיט די אייביק לאַכנדיקע אויגן האָט עס צוגעגעבן. און פונקט אין הויז פון דעם פעטער בעננאַ האָט געדינט איינע פון דעם

דרייבונד — דער ריז קאַראַלאַ. און דאָ האָבן זיך די מענער גאָר צערעדט ווער עס איז שענער פון די דריי — די מיינונג פון די פעטערס איז געווען געטיילט. און עס איז אַזוי געווען — (און איך האָב עס געוווּסט שוין פון מיין פריִער קינדהייט. יאָ, איך האָב עס געוווּסט; קינדער ווייסן מער וועגן די טאַטע־מאַמע, ווי די טאַטע־מאַמע וועגן זיי..). אַז מיין מאַמעלע האָט ליב געהאַט אַ שמועסל ביי אַ גלעזל טיי, אויג אין אויג, מיט דעם פעטער בעננאָ, און מיין טאַטעלע האָט ווידער ליב געהאַט אַ צופעליק שמועסל, ביי אַ גלעזל טיי, אויג אין אויג, מיט דער מומע בינגאַ, בעננאָס ווייבל.

און עפּעס ווי פון זיך אַליין איז פון דעם אַלעמען אַרום און אַרום געוואָרן אַ פּלאָנטער און ער האָט זיך אַלעמאָל מער און מער געפּלאָנ־טערט: יעוּוקאַ און קאַראַלאַ און מאַלאַ און דער פעטער בעננאַ און די מומע בינגאַ און מיין מאַמע און מיין טאַטע און דער דאָקטער, אונדזער שכן, און אַ פּאָר זייטיקע יונגעלייט, ייִדן און קריסטן און יונגע אָפּיצירן און דער עיקר, האָט מען געוווּסט, איז יעוּוקאַ. יעוּוקאַ מיט די בלוי־ברוין־גרוי־גרינע אויגן, וואָס איז שוין איצט, נאָך עטלעכע חדשים ניאַנטשען און זויגן מיין קליין ברודערל הערצעלע, געווען אַ גאַנצע שטאָטישע פּאַ־ניע. און מער ווי אַלע מענער אין דער משפּחה, אין די קאַזאַרמעס און אַפילו אין פּאַליש פון בית־מדרש, איז אין יעוּוקאַן געווען פאַרליבט דאָס קליינע ייִנגעלע, אַזוי ווי אַ מלאך וואָלט אים אונטערגעזאָגט, אַז איר און נאָר איר האָט ער צו פאַרדאַנקען זיין לעבן־בלייבן.

און אין איינעם שיינעם פרייטיק־אויף־דער־נאַכט, ווען דער טאַטע איז אַוועק אויף אַ שלום־זכר און האָט דאָרט צו זיך גענומען אַן איבעריק גלעזל מעד — האָט יעוּוקאַן דער דיבוק אונטערגעזאָגט אָנצואַרבעטן אַן אַ פּאַרוואָס אַ מוראדיקע פליאַטקע און אָנדערציילן דער מאַמען, וואָס איז פרי געגאַנגען שלאָפן, אַליין זיצנדיק אויף דער בריק נעבן דעם צוקאָפּנס פון דער מאַמעס בעט — אַ מעשה נישט־געשטויגן און נישט־געפלויגן און אַריינצומישן אירע צוויי חברטעס און זיך אַליין, וויאַזוי עטלעכע מענער פון דער משפּחה — מיט דעם פעטער בעננאָ און מיט דעם טאַטן — האָבן זיי אַלע דריי געוואָלט פאַרנאַרן אויף אַן אָוונט אין אַ קרעטשמע אויף אַ הוליאַנקע, און דער דיבוק ווייסט וואָס.

אין יענער נאַכט — און אַזוי גיך דער טאַטע איז אַהיים געקומען גאָט־

די־נשמה־שולדיק אָ גוט־אויפגעלייגטער — האָט זיך באַלד אַ צינד־געטאָן אין אונדזער היים אַ שטיל פייער ווי ברענענדיקער סם — און האָט זיך שוין נישט אויסגעלאָשן ביז אין דער פרי, ווען דער טאַטע האָט זיך אַ מי־דער געגרייט אין שיל אַריין, אַז די וועלט זאָל גאַרנישט מערקן, אַז מורא־דיקע חשדים האָבן געברענט אין אונדזער שטוב. נישט טאָרנדיק זיך אַריי־מישן מיט אַ וואָרט — בין אויך איך אין יענעם פרייטיק־אויף־דער־נאַכט וואַך געווען ביז אין דער פרי. אונדזער שטוב האָט זיך אין מיין דמיון עפּעס צונויפגעמישט מיט אַלערליי מעשיות פון חומש און נ״ך, וואָס איך האָב — לויט דעם טאַטנס באַפעל — געלערנט אָן שום אויסלאָזונגען. ערשט איצט איז מיר קלאָר געוואָרן — און איך בין שוין דעמאָלט געווען כמעט 14 יאָר אַלט — אַז עס גייט ערגעץ איין קייט פון מאַן און פון פרוי, פון אייביק ביז אייביק, פון חוהן און חוהס שלאַנג, ביז יעווקאַן, קאַראַלאַן און מאַלאַן. און די אומרו, וואָס יעווקא האָט אַריינגעבראַכט אין אונדזער שטוב, די אומרו וואָס איז ביז איצט געווען אויסער מיר און אַרום מיר — איז איצט אַריין אין מיר און האָט מיך צערודערט ביזן גרונט.

***

דער טאַטע האָט קוים אויסגעפּועלט ביי דער מאַמען, אַז מען זאָל אים, נאָכן דאַווענען, קאָנפראָנטירן מיט... יעווקאַן אין אַ באַזונדערער שטוב אין דער מאַמעס ביייזיין. און אַזוי גיך דער טאַטע איז געקומען פון שיל האָבן זיך אַלע דריי אָפּגעשלאָסן און מיר האָט מען געגעבן מיין קליין ברודערל צו פאַרשפּילן, דערווייל אָבער זענען אַלע מיינע חושים געווען אויף יענער זייט פון דער פאַרמאַכטער טיר, ווו דער משפט איז פאָרגע־קומען. אַלע דריי האָבן אויפגערעגט גערעדט דאָרט און אַלע דריי האָבן געוויינט. אויף די העכסטע קולות האָט געוויינט יעווקא אַליין. און מיר דאָ — מיין קליין ברודערל און איך — פון דער זייט טיר, ביים שבתדיק־געדעקטן, און נישט־אָנגערירטן, טיש מיט די חלות אונטער די קאַראַפקעס און די וואַזעס און דעם זילבער־גערעט — זענען געזעסן אין איין צי־טערניש. איך — ווייל איך האָב געאַנט, אַז פון דעם אויסקום פון דעם משפט איז אָפּהענגיק שלום־בית פון טאַטן און מאַמען און מיין קליין ברו־דערל, ווייל ער האָט, ווי בחוש, געפילט, אַז פון דעם אויסקום פון דעם

משפט איז אָפּהענגיק זיין געזונט און אָפּשר זיין לעבן. קוים אַרום אַכט חדשים איז ער דעמאָלט אַלט געווען. און אויך מאלא — די ייִדישע דינסט — אין קיך האָט געציטערט, ווייל פון אַ שלעכטן משפט וואָלט אויך זי נישט אַרויסגעקומען ריין און וואָלט געמוזט צוריק אין דאָרף אַריין מיט אַ בייזן נאָמען צו איר שטיף־פּאָטער, וואָס זי האָט פאַר אים מורא געהאַט ווי פאַר אַ גזלן.

***

און אָט איז דער משפט געענדיקט. אַלע דריי קומען אַרויס. דער מאַמעס ווערדיקט איז געווען, אַז דער טאַטע איז אומשולדיק און יעוו־קאַן מוז מען מוחל זיין, ווייל זי האָט פּשוט נישט געוווּסט, וואָס זי טוט. עפּעס אַ שד פון אַן אייביקן נקמה־ווילן צו אַלע מענער פאַר דער גרויסער עוולה אין איר אייגן לעבן — האָט זי געצוווּנגען צו טאָן, וואָס זי האָט געטאָן. די מאַמע האָט ערגעץ־ווו וועגן אַזעלכע זאַכן געלייענט אין די ראָ־מאַנען און אין די דראַמעס. ערשט אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָ האָט זיך אַריינגעמישט דער מאַמעס באַלעזנקייט און אַז נישט נאָר מישט זיך דאָס לעבן אַריין אין דער ליטעראַטור, נאָר אויך די ליטעראַטור קען זיך אַמאָל אַריינמישן צום גוטן אין לעבן אַריין.

דער מאַמעס שלמה־המלך־ווערדיקט האָט אויך צעריסן דעם דרייבונד יעווקאַ־קאַראַלאַ־מאלא. יעווקא איז געוואָרן שטילער ווי גראָז און נידע־ריקער ווי וואַסער און אירע אויגן זענען ווידער געוואָרן אַזוי בלוי ווי זיי זענען געווען אין יענעם אויף דער נאַכט, ווען איר פעטער האָט זי גע־בראַכט פון דאָרף צו זיין אַן אַם ביי אונדזער הערצעלען.

מיט יאָרן שפּעטער בין איך געוואָר געוואָרן, אַז זי האָט חתונה גע־האַט און געוואָרן אַ שטילע פויערטע אין אַ פאַרוואָרפענעם דאָרף. גענו־מען האָט זי אַן אַלטן, שטילן אלמן — און מסתמא שטיל אויסגעלעבט אירע יאָרן.

זי, וואָס האָט געראַטעוועט דאָס לעבן פון מיין ברודערל און שיר־נישט אונטערגעצונדן דעם שלום־בית פון מיינע טייערע טאַטע־מאַמע אין דעם 41סטן לעבנסיאָר פון מיין טאַטן און דעם 37סטן לעבנסיאָר פון מיין מאַמען.

## דער זיידע רב יאָסל וויל ווערן אַ חתן צו 78

פונקט ווי די זיידעס פון אונדזער גרויסער מסורה — זענען אויך מיינע זיידעס פונעם קליינעם קרייז פון מיין אייגן לעבן — געווען נאָר מענטשן. און וויל איז מיר — זייער אייניקל — וואָס זיי זענען געווען מענטשלעכע מענטשן. און די מעשה, וואָס איך גיי דאָ דערציילן איז נישט אויסן אויפצוהייבן און אַוודאי נישט אויסן אַראָפּצולאָזן דעם גוטן שם פון מיין מאַמעס טאַטן, דעם זיידן רב יאָסעלע ראָזענבלאַט פון רעדים. אויסן בין איך נאָר צו דערציילן אַ מעשה, וואָס איך האָב שטאַרק, שטאַרק איבערגעלעבט. און אַלט געווען בין איך דעמאָלט אין יאָר 1908 — פערצן יאָר, און מיין זיידע אַכט און זיבעציק.

נאָר איידער איך וועל די מעשה דערציילן, וועל איך ציטירן פונעם מעשה־בוך פונעם לעבן פון מיין מוטער, הינדע בערגנער „אין די לאַנגע ווינטער־נעכט״. האָט דאָרט די מאַמע אַזוי געשריבן: די מאַמע מיינע האָט געלעבט דריי און זיבעציק יאָר. איבער צוואַנציק יאָר איז זי געווען קראַנק. דער טאַטע האָט זיך געפילט באַעוולהט דאַדורך... איך געדענק ווי ער פלעגט אַ סך מאָל זיין פאַרקלערט און אומעטיק, און זיך שטילערהייט זינגען אַ פאַרבענקטן ניגון. און אַפילו אַמאָל ליב געהאַט איינצוטענהן מיט אַ שכנה און האַלטן איר האַנט. נאָך דער מאַמעס אָפּשטאַרבן איז דער טאַטע אַלט געווען עטלעכע און זיבעציק יאָר. ער האָט געהאַט קינדער ביי זיך, וואָס האָבן אַלץ באַזאָרגט, אויך דינסטן. און דאָך האָט ער זיך נאָך פאַר־מאַסטן חתונה צו האָבן און אַפילו מיט אַ סך אַ יינגערער פון אים. און אַפילו געהאַט „באַשוי״, אָבער וואָס דער אמת: די קינדער האָבן אים גע־שטערט.

און איצט וועט מיין מאַמעס זון דערציילן די מעשה פון דעם „באַ־שוי״:

אַז די באָבע בלימע איז געשטאָרבן און די טעג און די חדשים נאָך איר פּטירה האָבן זיך געמערט, האָט זיך גענומען שטאַרקן אין מיין זיידנס

נשמה דער „פאַרבענקטער ניגון" און איז געוואָרן אַ הויך געזאַנג אין זיין אַלט האַרץ. קיין גרויסער בן־תורה איז ער קיינמאָל נישט געווען, אָבער אין אַ חומשל, אין פרקי־אָבות און אין צאינה־וראינה האָט ער געקענט אַריינקוקן. האָט ער דאָרט געזוכט טרייסט און שטאַרקונג און באַרעכטי־קונג פאַר דעם, וואָס ער האָט זיך איצט געגרייט צו טאָן. מיט אַ סך התלה־בות האָט ער געלייענט אין דער סדרה חיי־שרה: ויסף אברהם ויקח אשה ושמה קטורה: ותלד לו... ער, דער זיידע אזי טאָקע געגאַנגען צום חומש. אָבער דער חומש איז אויך געקומען צו אים. די מעשה פון זיין אייגענעם טאַטן משה, וואָס האָט באַלד נאָך זיין מאַמעס פטירה חתונה געהאַט מיט אַ יונגער שיינער פרוי, וואָס ער האָט זי אַפילו געקענט, און גוט געקענט, נאָך איידער סימע, זיין קראַנק ווייב, וואָס האָט אים אַ סך קינדער גע־בוירן, איז געשטאָרבן. וואָס דאַרף ער זוכן אין חומש, אַז ער האָט דאָך געקענט זאָגן אַ פסוק פון זיין אייגענעם טאַטנס לעבן: ויסף משה ויקח אשה ושמה מלכהלע, ותלד לו פיר טעכטער און איין זון.

און כאָטש מיין עלטער־זיידע משה איז שוין אין יאָר 1892 גע־שטאָרבן, האָט נאָך מלכהלע, זיין צווייט ווייב אין יאָר 1908 געלעבט.

מלכהלע, מיין זיידנס שטיף־מאַמע, איז געווען יינגער פון מיין זיידן, איר שטיף־זון, און אין דער משפחה איז זי געווען פאַרשטויסן צוליב אַן אַלטער ירושה־מחלוקת, מחמת משה, איר צווייטער מאַן, מיין זיידנס פאָ־טער, האָט אין דער צוואה זיין גאַנץ פאַרמעגן פאַרשריבן מלכהלעס יונגע קינדער; און זיינע דערוואַקסענע קינדער פון זיין ערשטן ווייב, וואָס זע־נען אַלע שוין געווען באַלעבאַטים ביי זיין פטירה — האָט ער גאָרנישט איבערגעלאָזן. אָבער איצט איז שוין די אַלטע מחלוקה געווען פאַרגעסן און יאָסל, מלכהלעס 78־יעריקער שטיף־זון, האָט איצט אין זיין פאַרבענקט־קייט אַנגעקלאַפּט אין איר טיר און האָט פאַר איר אויסגעגאָסן זיין פאַר־בענקט האַרץ. אפשר האָט זי אַן עצה. און מלכהלע האָט געהאַט אַ גרייטע עצה פון איר אייגן לעבן — און טאָקע אָט־די עצה האָט מיין זיידע גע־זוכט. ער האָט נאָר נישט געהאַט דעם מוט עס צו ברענגען איבער די ליפּן. אָבער מלכהלע האָט געהאַט דעם מוט: — טו, יאָסל, וואָס דיין טאַטע האָט געטאָן, האָב נאָכאַמאָל חתונה.

און נישט נאָר האָט זי איר שטיף־זון די עצה געגעבן, נאָר זי האָט

זיך אויך אונטערגענומען די שווערע זאַך דורכצופירן. אַביסל פּראַקטיק אין שדכנות האָט זי געהאַט. דערצו האָט זי געהאַט אַ סך משפּחה — ייִדן בעלי־מלאכה אין אַנדערע שטעטלעך און אויך ייִדן ישובניקעס אין אַרו־מיקע דערפער. אָט־אָ די ייִדן האָבן זיך אַלעמאָל זייער געאײַלט מיט חתונה־מאַכן די טעכטער, אַז די דאָרפישע יונגען זאָלן זיי קיין שלעבּטס נישט אָנטאָן. אָפט האָבן אויך דאָרפישע מיידלעך גאַנץ פּשוט זיך געשמדט און חתונה געהאַט מיט שקצים. און פּונקט ווי די דאָרפישע ייִדן האָבן זיך געאײַלט חתונה צו מאַכן זייערע טעכטער, אַזוי האָבן זיך די שטעטל־דיקע יונגעלייט נישט געאײַלט מיט זיי חתונה צו האָבן. אַ בעל־מום איז פאַר אַזאַ דאָרפס־ייִד אויך געווען אַ קרן ווי אַ חתן, אַן אַלמן אַוודאי און ווער שמועסט אַ רייכער אַלמן, גאָר אַ מציאה. און דאָס וואָס אַ רייכער אַלמן איז שוין לרוב נישט קיין יונגערמאַנטשיק — מיט אַלע מעלות קען מען דאָך נישט אַלץ האָבן.

מלכהלע האָט קודם־כּל דורכגעזיפּט אין שמועס מיט איר פאַרבענקטן שטיף־זון אַלע אַלמנות פון שטעטל און אויף יעדער געהאַט אַן אַנדער בייז וואָרט צו זאָגן און קלאָר צו מאַכן, אַז פאַר אַ שידוך טויג זי נישט. און אַגב — צוואַנציק יאָר האָט אים בלימעשי, זיין ווייב — און דעם מעשה־דערציילערס באָבע — אָפּגעקרענקט און קיין אשה נישט געווען און איצט וועט ער ווידער האָבן דאָס זעלבע, אויב ער וועט חתונה־האָבן מיט אַן אַל־טער אַלמנה. און דאָ איז מלכהלע אַרויסגעקומען מיט איר אמתן פּלאַן. זי האָט אַ וויטע קרובה אין דאָרף סאָסניצע, בלוט און מילעך, אַכצן יאָר, אַ דאָרפיש קעלבל, זי וועט אַלץ פאַר ליב נעמען און איר פאָטער, דאָס „טערפקע באַרל" פון דאָרף אַוודאי און אַוודאי. זי — מלכהלע — וועט צונויפשטעלן אַ „באַשוי", אַז קיינער זאָל נישט וויסן, מען וועט זיך צו־נויפרעדן מיטן קומענדיקן שווער און „חתן־כלה" וועלן זיך אָנקוקן און מען וועט רופן דעם שמש און מאַכן אַ הרי את און „דו וועסט ווערן צוריק אַ מענטש — יאָסל".

אין די שטילע וואַסערן פון מיין זיידנס אָפּגעהיטענער נשמה איז דאָס וואָרט אַריינגעפאַלן ווי אַ קויל פון אייביקן גהינום־פייער און האָט גענומען זידן און אָנהיצן די — אין צענדליקער יאָרן צוריקגעשטויסענע בענקשאַפטן. דער זיידע האָט פאַרלוירן זיין רו און באַדאַכטקייט. אָבער

נאָר ערגעץ טיף אינעווייניק. פון אויבן־אויף האָט ער מיט קיינעם וועגן דעם אַלעמען נישט גערעדט און געווען שאַ־שטיל און קיינעם אין דעם גרויסן סוד נישט אַריינגעצויגן.

אויף מלכהלען האָט מען זיך געקענט פאַרלאָזן. כאָטש שוין האַלב־בלינד — אויף אַזאַ טאָג האָט זי געוואַרט. די משפחה האָט זי דאָס לעבן לאַנג פאַרשטויסן דורך דער טיר — איצט וועט זי אַריין דורך אַ פּאַראַד־נעם פענצטער. און עס איז געבליבן, אַז אין דעם און דעם מיטוואָך, אין האַלבן חודש אָב, ביי אַ פולער לבנה וועט איר קרוב פון סאָסניצע, צוזאַ־מען מיט זיין ווייב און דער כלה, פונקט צו חצות אַריינפאָרן אין שטעטל אַריין, ער וועט צוגיין צום זיידנס הויז, אַ שטילן קלאַפּ טאָן אין פענצ־טער און דעמאָלט וועט דער זיידע אויפשטיין און צוגיין צו איר, צו מלכה־לען, און עס וועט זיין אַ באַשוי און מען וועט אָפּרעדן וועגן אַכצן און דרייצן און זי וועט שוין זאָרגן דערפאַר — טאָמער איז אַלץ כשורה — אַז עס זאָל אַ שמש מיט די פיר דרענגלעך אויך זיין דערביי. קיין גרויסע זיבן זאַכן מאַכט מען נישט אין אַזאַ עלטער.

עס זענען אַוועק אַ פּאָר וואָכן און מלכהלע האָט אַלץ צוגעגרייט און אַלץ האָט געשטימט. דער מיטוואָך איז געקומען אין זיין צייט, און די פולע לבנה האָט געשיינט און דער זיידע, וואָס פלעגט גיין שלאָפן אַלעמאָל „מיט די הינער" האָט געוואַרט און איז שוין געווען היפּשלעך אויסגעשלאָפן. איינס פון זיינע פענצטער פון עק־הויז אין רינגפלאַץ איז אַרויס־געגאַנגען צו דער גאַס, ווו מלכהלע האָט געוווינט און טאַקע אין דעם פענצטער האָט דער „שוועער" געדאַרפט אַ שטילן קלאַפּ טאָן. און אויך דאָס האָט געשטימט. דער קלאַפּ איז געקומען אין צייט באַלד נאָך חצות. אָבער עפּעס האָט פאָרט נישט געשטימט. כאָטש עס איז געווען חצות און על־פּי־שכל האָבן אַלע אין שטאָט געדאַרפט שלאָפן ווי די שטיינער — איז אָבער געווען אַ הייסע נאַכט און אַנטקעגנאיבער דעם זיידנס הויז, אויף דער אַנדערער זייט פון פירעקעכדיקן רינגפלאַץ, טאַקע אין זיידנס איי־גענער גרויסער קאַמעניצע, דעם גרעסטן הויז אין שטעטל, ווו עס האָבן דעמאָלט געוווינט צוויי טעכטער און אַ זון זיינער — מיט די משפחות — איז געווען לעבעדיק און פריילעך. עס איז געווען וואַקאַציע־צייט און יונג־וואַרג פון די גימנאַזיעס און שקאָלעס אין דער היים און מען איז געזעסן

אויף די שטיינערנע טרעפּ פֿאַרן טויער פֿון דער קאַמעניצע און דערציילט מעשיות. און די טאַטע־מאַמעס, וואָס געוויינלעך שלאָפֿן זיי צו חצות, האָבן זיך איינגעהערט און געשעפּט נחת. און צווישן אַט די טאַטעס און מאַמעס זענען געווען צוויי טעכטער און איין זון דעם זיידנס, און די גאַנ־צע משפּחה האָט שוין לאַנג עפּעס חושד געווען, אַז דער זיידע האָט אַ סוד אין האַרצן...

טאַקע אַט־אָ דאָס זיצן אין דרויסן ביז נאָך חצות האָט מלכהלע אין איר פּערפֿעקטן סטראַטעגישן פּלאַן נישט פֿאַרויסגעזען.

די לבנה שיינט, דאָס שטעטל שלאָפֿט און פּלוצלינג טור־טור־טור — אַ דראַביניאַסטער וואָגן פֿאַרפֿאָרט אין מיטן מאַרק אַריין און שטעלט זיך אָפּ. דער פֿריילעכער שמועס אויף די שטיינערנע טרעפּ איז אַנטשוויגן גע־וואָרן — ווער קען דאָס זיין אין מיטן דער נאַכט? מסתמא אַ קראַנקן צו אַ דאָקטאָר געבראַכט — — און מען שמועסט ווייטער, אָבער שוין מיט איין אויג צום דראַביניאַסטן וואָגן, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט היפּשלעך ווייט פֿון דער קאַמעניצע.

דער באַלעגאָלע פֿון דראַביניאַסטן וואָגן שפּרינגט גיך אַראָפּ, שפּרייט אויס אַ בינטל היי פֿאַר די פֿערד, בינדט זיי צו מיט די לייצעס צו אַ סלופּ פֿון דעם שטאָטישן ברונעם מיטן גרויסן ראָד. נאָך אים גייען אַראָפּ פֿון וואָגן צוויי פֿרויען — אַלע דריי זענען הויכע פֿאַרשוינען און זיי לאָזן זיך אין דער ריכטונג פֿון דעם זיידנס הויז, זיי גייען אָבער נישט אַריין, נאָר גייען ווייטער מיט דער שקאָלע־גאַס, ווו דעם זיידנס זייטיקע פֿענצ־טער גייען אַרויס. אויף דער שקאָלע־גאַס — דאָס ווייסן אַלע — וווינט מלכהלע... אַלע זענען איצט אַנטשוויגן געוואָרן, ווי טויט, אויף די שטיי־נערנע טרעפּ פֿאַר דער קאַמעניצע. מען הערט יעדן שאָרך פֿון דער ווייטס־טער ווייט. מען הערט ווי די דריי האָבן זיך אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט, מען הערט אַ קלאַפּן אין אַ פֿענצטער, מען הערט אַ שטיל רופֿן „רב יאָסל, רב יאָסל!“ — מען הערט אַפֿילו אַ הייזעריקן ענטפֿער פֿון דעם זיידנס שטוב אַרויס. און עס געדויערט נישט לאַנג און אויף דער שוועל פֿון זיידנס הויז, וואָס גייט אַרויס אויף אַ גרויסער שיינער פּאַטשענע, באַווייזט זיך טאַקע דער זיידע. זיין באָרד זילבערט אין לבנה־ליכט אויף זיין שיינער, לאַנגער בעקעשע, אין דער רעכטער האַנט זיין גרויסער שטעקן, אין דער לינקער

אַ לאַמטערן — ווייל אָן אַ לאַמטערן איז דער זיידע קיינמאָל ביינאַכט פון שטוב נישט אַרויס. נאָר געוויינלעך האָט דעם לאַמטערן פאַר אים געטראָגן אַן אייניקל, אַ דינסט, אַ משרת און היינט טראָגט ער דעם לאַמטערן אַליין. דעם לאַמטערן פון זיין בענקשאַפט, דאָס לעצטע ליכטל פון זיין נישט אויסגעלעבט לעבן אין פאַרלויף פון יאָרצענדליקער וואָס די באָבע האָט פאַרקרענקט. דער זיידע פאַרשליסט די טיר פון הויז, פרוווט צי ער האָט גוט פאַרשלאָסן און ער לאָזט זיך גיין גלייך, אַרום דעם ראָג פון הויז, צו דער שקאָלע־גאַס. דאָרט ווו די דריי פון דראַביניאַסטן וואָגן זענען אַוועק, דאָרט ווו מלכהלע וווינט.

נאָך היינט פיל איך אין מיינע גלידער אַ רעפלעקס פון יענעם מורא־דיקן ציטער פון פאַר מער ווי אַ האַלבן יאָרהונדערט, וואָס האָט מיך — מער ווי אַלע אַרומגעכאַפּט, ווען איך האָב דאָס אַלץ אַזוי דייטלעך געזען, וואָס איך האָב נאָר וואָס באַשריבן מיט ווערטער.

וואָס ווייטער איז געשען — טוט מיר נאָך ביז היינט אַזוי וויי, אַז די ווערטער פּלאָנטערן זיך איצט צווישן מיינע פינגער און ווילן עס נישט אַרויסברענגען אויפן פּאַפּיר, אָבער איך וועל פאָרט דערפירן די דאָזיקע מעשה צו אַ טאָלק. און געשען איז אָט וואָס:

אַלע, וואָס זענען געזעסן אויף די שטיינערנע טרעפּ — און אויך איך בתוכם — האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו דער שקאָלע־גאַס. ווער עס האָט געשפּאַנט גיך, ווער עס האָט לאַנגזאַמער געשפּאַנט און ווער עס איז גע־פלויגן ווי אַ פייל אויסן בויגן — און איך דווקא צווישן אָט די. אפשר פון אַ שרעק, וואָס האָט מיך אַרומגענומען — אָדער וועלנדיק אַנטלויפן פון פייער, בין איך אין פייער אַריינגעלאָפן. איך בין פאַרבייגעלאָפן דעם זיידן מיטן לאַמטערן און האָב אָנגעיאָגט די דריי פון דראַביניאַסטן וואָגן. און איך האָב געזען די דאָרפישע טאַטע־מאַמע און די הויכע, צעוואַקסע־נע כלה מיטן דאָרפישן פנים, וואָס אַפילו אין ליכט פון דער לבנה האָט עס געהאַט קאָלירן — בלוט און מילך.

עס האָט געדויערט רגעס. איך האָב מיך אומגעקוקט און געזען: אַז אַרום זיידן מיט דעם לאַמטערן איז שוין אַ גאַנץ רעדל און קורצע אָפּגע־האַקטע געשרייען און איך זע ווי דער זיידע לאָזט זיך לויפן — אָבער ממש לויפן — אויף צוריק און אַלע נאָך אים. חוץ אַביסל יונגוואַרג, וואָס

האָט זיך נאָך געלאָזט אין דער ריכטונג פון מלכהלעס הויז ווו די כלה מיט אירע טאַטע־מאַמע זענען גיך און גיכער אַוועק.

אין רינגפלאַץ און אין די געסלעך פון שטעטל איז באַלד ווידער שטיל געוואָרן און מען האָט נאָר געהערט דאָס געשמאַקע היי־קייען פון די דאָרפישע פערד און אַלעמאָל אַ קלאַנג פון די קייטלעך פון זייער גע־שפאַן, וואָס האָט זיך פאַרטשעפּעט אין די לייצעס. אַלע, וואָס זענען גע־זעסן אויף די טרעפּלעך פון דער קאָמעניצע, זענען איצט געווען אין זיי־דנס גרויסער שלאָפשטוב. דער באָבעס פאַרלאָזן בעט איז געשטאַנען הויך־פאַרבעט און דעם זיידנס איז געווען נאָר צוגעוואָרפן. דער זיידע איז — אַ דערשראָקענער — געזעסן אויפן הויכן פיסנבענקעלע נעבן זיין גרויסער שטול און פאַר אים דער אויסגעלאָשענער לאָמטערן. דער לעצטער ליכט־שיין פון זיין לעצטער בענקשאַפט.

אַלעמאָל האָט ווער פון די זין און טעכטער, אָדער איידעמס און שניר אָנגעהויבן הויך און מיט אַ געוויין צו רעדן און אַנדערע האָבן אים תיכף איינגעשטילט, געוואָלט אַליין אַריינוואָרפן עפּעס אַ וואָרט, וואָס זאָל דעם זיידן ווייטאָן פאַר דעם וואָס ער האָט אָנגעאַרבעט.

מיר זענען אַלע געשטאַנען אין אַ האַלבן ראָד אַרום דעם זיידן, ווי אַ פאָלקס־געריכט, און דער זיידע — דער באַשולדיקטער, און מיט אים אַלע האַרץ־ווייען פון פאַרשעמטער אַלטער מענלעכקייט, זיין זילבערנע באָרד אויף זיין אָנגעבויגן האַרץ — אויף אַ הויך פיסנבענקעלע פאַר אונדז אַלע.

און עס איז געווען ווי אַ משפט, ווי אַ משפט איבער אַן אומשולדיקן.

איז אַרויסגעטרעטן דער ייִנגסטער זון מרדכי, וואָס האָט אַלעמאָל ליב געהאַט צו ברענגען אַ פּסוק און מער ווי אַלע אַנדערע מורא געהאַט פאַר דער איינגעשטעלטער ירושה, און האָט געזאָגט:

— טאַטע, טאַטע — אַפילו דוד המלך איז דאָך ייִנגער געווען פון דיר מיט אַכט יאָר, ווען מען האָט אים געברענגט אבישג השונמית...

דערהערט, אַז מען מישט שוין דאָ אַריין דוד המלך — האָט זיך דער זיידע צעוויינט ווי אַ קינד, פאַרדעקט דאָס פּנים מיט די הענט און אַרויס־געהעשעט: — קינדער, איך ווייס נישט וואָס איך האָב געטאָן, איך ווייס

נישט וואָס איך האָב געטאָן, דאָס איז אַלץ זי, אַלץ זי — — — און דער זיידע האָט געוויזן מיט דער האַנט אין דער ריכטונג פון דער שקאָלע־גאַס.

איז אַרויסגעטרעטן אַברהם־הערש, דער עלטסטער איידעם, אַ טאַטע פון צוואַנציק קינדער, וואָס צוועלף האָבן זיך אויפגעכאָוועט, אַליין שוין אַ זקן, און האָט געזאָגט:

— פון היינט אָן וועל איך יעדע נאַכט נעכטיקן ביי אייך, שווער; איר וועט נישט מורא האָבן און איר — האָט ער זיך געווענדט צום האַלבן ראָד אַרום — דאַרפט אויך מער נישט מורא האָבן. איך בלייב דאָ — גייט שלאָפן!

און אַברהם־הערש האָט פון יענער נאַכט אָן גענעכטיקט ביים זיידן אַכט יאָר צייט.

מיין מאַמע האָט אין אירע זכרונות פאַרשריבן בלויז עטלעכע ווער־טער: „אָבער וואָס אַן אמת — די קינדער האָבן נישט דערלאָזט"... און איך האָב דאָ דערציילט די גאַנצע מעשה, אַט אַזוי ווי איך האָב זי געזען און איבערגעלעבט צו מיינע פערצן יאָר. און לאָמיר פאַרענדיקן מיט די ווערטער, מיט וועלכע איך האָב אָנגעהויבן: פונקט ווי די זיידעס פון אונדזער גרויסער מסורה — זענען אויך מיינע זיידעס פונעם קליינעם קרייז פון מיין אייגן לעבן — געווען נאָר מענטשן. און ווייל איז מיר — זייער אייניקל — וואָס זיי זענען געווען מענטשלעכע מענטשן.

## „דו וועסט זיין אַ באַנק־דירעקטאָר!"...

נאָך דעם גרויסן קריזיס־יאָר אין 1907 האָט זיך אין אונדזער קליי־נער משפּחה אָנגעהויבן אַ קריזיס און ער האָט זיך שוין קיינמאָל נישט געענדיקט. ער איז אַפילו היינט נאָך נישט געענדיקט, כאָטש כמעט פון אַלץ האָט זיך שוין אויסגעלאָזט אַ מעשׂה... און פון די מעשׂיות אַ מעשׂה־בוך.

אין אונדזער משפּחה איז נאָך 14 יאָר פּלוצלינג צוגעקומען נאָך אַ ברו־דער און מיר זענען געוואָרן דריי: מוניאַ, געבוירן אין 1892, זוזיאַ, גע־בוירן אין 1893 — דער מעשׂה־דערציילער — און הערץ, געבוירן אין 1907.

און אַז קריזיס — האָט מען אָנגעהויבן שטאַרק צו טראַכטן וועגן תּכלית פאַר די דערוואַקסענע צוויי זין. מוניאַ האָט געלערנט אין גימנאַזיע. אין יאָר 1908 איז ער שוין געווען אין זיבעטן קלאַס — אין צוויי יאָר מאַטורע. זוזיאַ, אָדער זיגמונט איז אָבער געווען נישט אַהין און נישט אַהער. און דאָס בין טאַקע איך. כאָטש נעם און ווער אַ פּאָעט... וואָס איך האָב שוין ביז דעמאָלט אין מיין איינזאַמקייט צעטאָן און צעלערנט — האָט קיין שיעור נישט.

איך האָב געלערנט גימנאַזיע אַלס עקסטערן, אָבער נישט רעגולער געמאַכט מיינע עקזאַמענס. איך האָב געלערנט אַ סך העברעיִש ביי פּרי־וואַטע לערערס, געהאַט שוין דורכגעגאַנגען גאַנץ תּנ"ך מיט דייטשער אי־בערזעצונג. איך האָב אָנגעהויבן צו לערנען פידל־שפּילן, אָבער זיך עפּעס גאָרנישט אויסגעלערנט. איך האָב געלערנט צייכענען און מאָלן, אָבער אַרויסגעוויזן בלויז אַביסל גראַפישן טאַלענט. איך האָב געהאָלפן אין דער בוכהאַלטעריע פון דעם טאַטנס קליינער באַנק. איך האָב אויסגעלעזן אַ וועלט אין פּויליש און אין דייטש. איך בין שוין געווען אפשר צען מאָל שטילערהייט פאַרליבט. איך האָב געשריבן סאַטירישע לידער אויף העב־

רעיִש. און אין דער אמתן האָב איך געלעבט אין אַ כאַאָס אָן אַ קלאָרן באַגריף פון אַ מאָרגן.

און אין איין שיינעם אָוונט אין די ערשטע טעג פון יולי פון יאָר 1908, אַזוי גיך מוניאַ, מיין עלטערער ברודער, איז געקומען אויף וואַקאַציע אַהיים, האָט דער טאַטע, וואָס האָט אַלץ ליב געהאַט דורכצופירן מיט אַביסל צערעמאָניע, געבעטן די מאַמע צוצוגרייטן אַ קליינע סעודה אויף נאָך דער וועטשערע אין דעם גרויסן סאַלאָן. וואָס די סעודה באַטייט האָט קיינער קלאָר נישט געוווּסט. מען האָט געוווּסט, אַז עס קען נישט זיין קיין באַזונדער שלעכטס, ווייל דער טאַטע איז נישט באַזונדערס אויפמעטיק. מען האָט אָבער אויך געוווּסט, אַז קיין באַזונדער גוטס איז עס אויך נישט. זינט דעם יאָר 1907 האָבן בכלל אויפגעהערט אין דער משפּחה די גוטע איבערראַשונגען.

מיר האָבן טועם געווען פון דער קליינער סעודה און דער טאַטע האָט אָנגעהויבן: — קינדער, וואָס וועט זיין דער תּכלית? דו, מוניאַ, ביסט שוין איבער פופצן יאָר אַלט און דו, זוזיאַ, ביזט שוין איבער פערצן יאָר אַלט. סתם אַזוי קען עס ווייטער נישט גיין. מען מוז האָבן אַ קלאָרן און אַ דייטלעכן ציל פאַר די אויגן. אַזוי האָט מיך מיין טאַטע געלערנט. (און מיר האָבן געוווּסט פון דערפאַרונג אַז ווי נאָר דער טאַטע פאַררופט זיך אויף זיין טאַטן — איז די זאַך שטאַרק ערנסט, מחמת אונדזער טאַטע האָט רעספּעקטירט זיינע עלטערן און ליב געהאַט זיינע ברידער און שוועסטערס, וואָס ער האָט גערופן מיט דעם כוללדיקן נאָמען „געשוויסטער", ממש אָן אַ גרענעץ). און דער טאַטע האָט דעקרעטירט:

— דו, מוניאַ, וועסט זיין אַ דאָקטער־מעדיצין. דו האַלטסט שוין באַלד ביי מאַטורע און דו מוזט האָבן אַ דייטלעכן ציל פאַר די אויגן. און דו, זוזיאַ, וועסט זיין אַ באַנק־דירעקטאָר, אָבער נישט פון אַזאַ קליינער באַנק, ווי דיין טאַטעס, נאָר אַ דירעקטאָר פון אַ גרויסער באַנק אין לעמבערג, אָדער אין ווין. דו, מוניאַ, וועסט ווייטער לערנען גימנאַזיע אין דעמביץ און דו, זוזיאַ, וועסט פאָרן לערנען אין דער האַנדלס־שולע אין סטאַניסלע. דאָרט וווינט דיין זיידע זעליג בערגנער אין אַ קליינעם גוט אין דער פּערשטאָט פון סטאַניסלע. ער וווינט דאָרט מיט מיין שוועסטער און מיין שוואָגער, וואָס היטן אים אָפּ און פירן זיין באַלעבאַטישקייט. דו ביסט אַ

שטיל יינגל — ווערסטו דאָרט ווינען און לערנען צוויי יאָר אין דער האַנדלס־שולע. דאָס וועט זיין דער ערשטער שריט צו דיין גרויסער קאַריערע — דו וועסט זיין אַ באַנק־דירעקטאָר.

מיר זענען אַלע אַנטשוויגן געוואָרן. קעגן דעם טאַטנס רייד האָט מען אין שטוב קיינמאָל נישט גערעדט און עס איז טאַקע אויך נישט געווען וואָס צו ענטפערן. אַלץ איז שוין געווען גרייט פון פריער. דער טאַטע פלעגט אָרגאַניזירן אַלץ פּאָרזיכטיק און מיט אַ לאַנגער האַנט פאָרויס. ער האָט געהאַט גרייטע ענטפערס אויף אַלע שאלות. ער האָט אויך גע־וווּסט, אַז איך וועל מוזן באַלייגן אַן עקזאַמען אין דער שולע כדי צו גע־ווינען אַ יאָר. אויסמיידן דאָס דורכגיין דעם צוגרייטונגס־קלאַס אין דער שולע. דער עקזאַמען פאָדערט דאָס וויסן פון פיר גימנאַזיע־קלאַסן.

— און דו, מוניאָ, וועסט זיין זוזיאָס לערער, דו וועסט אים אין דער צייט פון דער וואַקאַציע צוגרייטן צום עקזאַמען.

מיט אָט די ווערטער האָט זיך פאַר אונדז אָנגעהויבן און געענדיקט די וואַקאַציע. מוניאָ האָט אַלץ גענומען מוראדיק ערנסט. ער האָט שוין אַ קוק געטאָן מיט זיינע שוואַרצע דימענטן אויף מיר ווי אַ שטרענגער לערער אויף אַ תלמיד. ער האָט באַלד פונאַנדערגעלייגט אַלע מיינע און זיינע שול־ביכער, כדי צו מאַכן אַ פּלאַן. ער איז געווען סיסטעמאַטיש ביז שגעון. און פונקט ווי סיסטעמאַטיש ער איז געווען, אַזוי האָט ער געקענט אַלע סיסטעמען אין איין רגע אַ שליידער טאָן אין אַ פייער אַריין, אָדער אין אַ וואַסער אַריין. אין יענער נאַכט זענען מיר קוים אַ פּאָר שעה גע־שלאָפן אין אונדזער אָפּגעזונדערטן צימער, וואָס כאָטש ער איז געווען גאַנץ גרויס, אַ משפחה האָט אין אים געקענט וווינען, האָט עס געהאַט אַ נאָמען „פּאָקאָיִק״, אָדער דאָס שטיבעלע. אפשר דערפאַר, ווייל עס איז געווען אַ קינדער־צימער. אין עטלעכע שעה אַרום איז פּאַרטיק געווען דער גאַנצער לערנפּלאַן. געוויינטלעך — אויף אַלע זיבן טעג אין וואָך, וואָ־רעם שבת האָט מען ביי אונדז נישט געהיטן שטרענג, דער עיקר נישט אין אונדזער „פּאָקאָיִק״.

צופיל לערנען האָב איך אייגנטלעך נישט געדאַרפט, ווייל איך האָב דאָך נישט אָנגעהויבן פון אַלף. איך בין דאָך אין אַ גרויסער מאָס דעם קורס דורכגעגאַנגען, נאָר מוניאָס גרינטלעכקייט און דער ווילן צו זיין

אַבסאָלוט זיכער האָט אונדז ביידן געפּייניקט ווי אַ קאָשמאַר. צוויי מאָל אַ טאָג האָט מיר מיין לערער און ברודער געגעבן לעקציעס און אַ גאַנצן טאָג האָב איך געמוזט לערנען און איך האָב טאַקע געלערנט. איך בין געווען פון דער נאַטור אַ מתמיד. ליב געהאַט דאָס לערנען, ליב געהאַט אַפילו דאָס לערנען פון אויסנווייניק די מאָדנע נעמען פון שטעט און טייכן פון דעם כדור הארץ, כאָטש קיין גרעסערן טייך ווי דעם היימישן סאַן האָב איך ביז דעמאָלט מיט די לעבעדיקע אויגן נישט געזען. און מוניאָ האָט געהאַט אַ סאַטיספּאַקציע מיך צו עקזאַמענירן — באַזונדערס פון די נעמען פון די גרויסע טייכן־סיסטעמען פון דער וועלט.

אין אונדזער צוויי־חדשימדיקער לערן־צייט — מוניא, מיין לערער און איך זיין תלמיד — זענען פאָרגעקומען אַ סך מאָדנע זאַכן. מיר האָבן זיך ליב געהאַט מיט עפּעס אַן איבערנאַטירלעכער ליבע. מיר וואָלטן אַן אַ רגע פאַרטראַכטן זיך איינער פאַרן אַנדערן דאָס לעבן אַוועקגעגעבן. אָבער מיר זענען געווען צוויי אינגאַנצן באַזונדערע מענטשן. כרחוק מזרח ממערב. מיר האָבן קיינמאָל, קיינמאָל, קיינמאָל, אַפילו נישט אין דער פריסטער קינדהייט, איינער דעם אַנדערן אָנגערירט אין אַ געשלעג. קיינמאָל זיך נישט געדראָפּעט דאָס פּנים, נישט געפּאַטשט און נישט געקניפּט, אויך זיך נישט געקריגט און נישט באַליידיקט. און נאָר דיסקוטירן פלעגן מיר — אַז מיר זענען אַביסל עלטער געוואָרן — ממש עד לב השמים. טאַקע אַזוי ווי מזרח מיט מערב קענען זיך מתווכח זיין... מיט אונדזער קיינמאָל נישט שלאָגן זיך — האָט אונדז דער טאַטע, וואָס אַ גוט וואָרט אויף אַ קינד בפרהסיא איז ביי אים געווען טייערער ווי צען גאָלדענע גריכישע אָבאָלן (אַ זעקל מיט אַזעלכע מטבעות איז געלעגן אין קאַסע־קאָסטן פון אונדזער זיידן, דערפאַר איז מיר אַזאַ מאָדנער משל געקומען אין זינען), פּאָרט כסדר געמוזט רימען. אונדז אָבער האָט אפשר דווקא געפעלט דאָס ביסל דורכשלאָגן זיך פון צייט צו צייט. אפשר. ווער ווייסט.

און איינמאָל איז געשען — און דער פאַל איז געבליבן טיף אין מיין געמיט, ווי אַ שטאָך פון אַ לאַנגן דאָרן — און דאָס איז שוין געווען ביים סוף פון דער וואַקאַציע און אויך פון אונדזער לערנען; האָט מיין ברודער

מוניאַ מיר עקזאַמענירט אין געאָגראַפיע, וואָס דאָס איז גראָד געווען מיין שטאַרקער פונקט.

מוניאַ האָט געשטעלט אַ גאַנץ איינפאַכע פראַגע: ווי הייסן די פינף גרויסע טייכן פון פירענעיִשן האַלב־אינדזל, די טייכן, וואָס גייען טייל־וייז דורך שפּאַניע און דורך פּאָרטוגאַל און פאַלן אַריין אין אַטלאַנטיק?

אַלץ האָב איך געוווּסט, נאָר דאָס האָב איך נישט געוווּסט, אַפילו דעם נאָמען פון איינעם פון די פינף גרויסע טייכן האָב איך נישט גע־קענט.

מוניאַ איז אַריינגעפאַלן אין אַ מוראדיקער פאַרצווייפלונג — אַט אַזוי ווי פון די פינף טייכן איז אָפּהענגיק מיין עקזאַמען, וואָרעם פונקט דאָס וואָלט מען מיך אפשר געפרעגט, און נישט נאָר מיין עקזאַמען, נאָר אויך מוניאָס רעפּוטאַציע אַלס לערער, און דעם טאַטנס מיפּול אויפגע־בויטער פּלאַן פון שיקן מיך לערנען קיין סטאַניסלע, און אויך מיין קאַריע־רע ווי אַ באַנק־דירעקטאָר און בכלל דאָס גליק פון דער גאַנצער וועלט.

אָ, וואָלט מיך מוניאַ דעמאָלט געקענט אַנשלאָגן, אויספּאַטשן! אָבער עס איז געווען צווישן אונדז עפּעס אַ מאַגישע מוראדיקע וואַנט פון נישט אָנרירן אין אַ געשלעג איינער דעם אַנדערן.

מוניאַ איז בלאַס געוואָרן און איז רויט געוואָרן און האָט אָנגעהויבן מיט זיין רעכטער פויסט — און ער איז געווען שטאַרק ווי אייזן — זעצן ווי מיט אַ האַמער אין זיין אייגענעם האַרץ, אַזש עס האָט אָפּגעקלונגען ווי אַ גלאָק, וואָס איז אַרומגעלייגט מיט קלעצער. און מוניאַ האָט גע־שריגן עד לב השמים: מינאָ, דאָעראָ, טאַיאָ, גוואַדיאַנאַ, גוואַדאַלקוויווער — הייסן די טייכן — ווי קען מען עס נישט וויסן, ווי קען מען עס נישט וויסן!

דערזעענדיק וואָס מוניאַ טוט — האָב איך שוין מיטביידע פויסטן, וויפל כוח איך האָב נאָר געהאַט, אָנגעהויבן צו זעצן אין מיין אייגן האַרץ.

ווי לאַנג אַט די ווילדע סצענע פון צוויי ברידער, וואָס האָבן זיך ליב דאָס לעבן און קלאַפּן זיך ביידע מיט אַלע כוחות אין די אייגענע הערצער — האָט געדויערט, ווייס איך נישט. איך ווייס נאָר, אַז זי האָט געדויערט גענוג לאַנג, אַז איך זאָל מיך אויסלערנען די פינף מאָדנע נע־מען אַזוי גוט פון אויסנווייניק, אַז אַפילו היינט נאָך, אַפילו אין מיטן

חלום, קען איך זיי אָפּזינגען ווי אַ מזמור: מינאַ, דאַעראַ, טאַיאַ, גוואַדיאַנאַ, גוואַדאַלקוויוויר.

זעענדיק, אַז אויך איך טו דאָס זעלבע וואָס ער — און נאָך שטאַר־קער, כאָטש מיט שוואַכערע פּויסטן — האָט זיך מוניאַ פּאַר זיך אַליין דערשראָקן, ער איז צוגעלאָפן צו מיר און האָט מיר לאַנג און מיט טרערן געקושט און נאָך אַלץ געשעפּטשעט: מינאַ, דאַעראַ, טאַיאַ — — — — דו נאַרעלע. אַזוי הייסן זיי, די טייכן.

כדי איר זאָלט אַ שמייכל טאָן, לייענערס פון דער מעשה, וועל איך אייך דערציילן, אַז מיט יאָרן, יאָרן שפּעטער, אין אויסטראַליע, זענען מיר אַמאָל געזעסן אין אַ געזעלשאַפט און געהערט ראַדיאָ פון שפּאַניע. עס איז געווען די צייט פון דאָרטיקן בירגער־קריג. האָט מען אין ראַדיאָ דערמאָנט די טייכן, די באַרימטע טייכן. האָט מען געוואָלט גיין נאָכקוקן אין אַן אַטלאַס, אויף געגנטער זיך צו אָריענטירן. האָב איך געזאָגט: נישט נויטיק — איך געדענק געגנטי. און איך האָב אויסדעקלאַמירט: מינאַ, דאַ־עראַ, טאַיאַ — — — האָט מען געשטוינט: אַזאַ זכרון. האָב איך דע־מאָלט דערציילט די דאָזיקע מעשה מיט לעבעדיקן וואָרט און דאָ האָב איך זי דערציילט אין שריפט.

דעם עקזאַמען אין דער האַנדלס־שולע האָב איך באַלייגט הונדערט פּראָצענט „פּאָרציגליך”. אַזוי האָט דאָס וואָרט אָפּיציעל געהייסן. מען האָט מיר געפרעגט אַלע נאַרישקייטן, אָבער נישט די נעמען פון די טייכן פון פּירענעיִשן האַלבאינדזל. דער דירעקטאָר פון דער שולע איז געווען מיט מיר אַזוי אַנטציקט, אַז ער האָט באַלד — פּונקט ווי מײַן טאַטע — באַשלאָסן: — דו וועסט זײַן אַ באַנק־דירעקטאָר! — אָבער פריִער וועסטו זײַן דער בעסטער תלמיד אין מײַן שולע.

סוף אויגוסט איז מוניאַ אַוועק קיין דעמביץ און איך מיט דער מאַ־מען קיין סטאַניסלע. אַוועק פון דער קינדהייט, אַוועק פון דער היים. און כאָטש איך בין אומצאָליקע מאָל זינט דעמאָלט ווידער געקומען קיין רע־דים, דאָס שטעטל פון מײַן געבוירן — געוווינט דאָרט האָב איך קיינמאָל נישט מער.

## פון זעלבן מחבר:

אויף דער שוועל... /יוגנט־פּאָעזיעס/ — — — — — לעמבערג 1912
ראָזינענגראָז /לידער/ — — — — — — — — — — — — ווין 1917
שפּינאָזאַ /פּאָעמע/ — — — — — — — — — — — — ווין 1919
צוויטע, פאַרענדערטע אויסגאַבע — — — ווין 1921
נאַקעטע לידער — — — — — — — — — — — — — — ווין 1921
דער קרן פון אַלע מיינע לידער /אויטאָ־אַנטאָלאָגיע/ — — וואַרשע 1922
פּרעהיסטאָרישע לאַנדשאַפטן /פּאָעמעס און באַלאַדן/ — — וואַרשע 1924
צו דער יידישער יוגנט /עסיי/ — — — — — — — — — וואַרשע 1924
בלוט אויף דער פאָן /סאָציאַלע דראַמע/ — — — — — — — ווילנע 1929
די פיר זייטן פון מיין וועלט /פיר גנוזאַנגען/ — — — — ווילנע 1929
ווייב און מאַן /דריי דראַמעס/ — — — — — — — — — וואַרשע 1931
קאָנטינענטן און אָקעאַנען /לידער, באַלאַדן, פּאָעמעס/ — וואַרשע 1937
איבער אויסטראַליע /רייזע־באַשרייבונגען/ — — — — — וואַרשע 1937
לידער און באַלאַדן פון די לעצטע דריי־פיר יאָר — — מעקסיקע 1940
מיין לעקסיקאָן /יידישע בעלעטריסטן אין פוילן/ — — מאָנטרעאָל 1945
67 לידער — — — — — — — — — — — — — — בוענאָס־איירעס 1946
מיין לעקסיקאָן /יידישע פובליציסטן אין פוילן/ — — מאָנטרעאָל 1947
איינעמס יידישע מחשבות /עסייען/ — — — — — בוענאָס־איירעס 1949
די קרוינונג פון אַ יונגן יידישן דיכטער אין אַמעריקע /פּאָעמע/
ניו־יאָרק 1953
די לידער פון מיינע לידער /אַ כינוס פון דרייצן זאַמלונגען/
מאָנטרעאָל 1954
מ. ראַוויטש ־ ביבליאָגראַפיע /צונויפגעשטעלט פון יעפים ישורין
דערגענצט פון וו. אָסטרעגער/ — מאָנטרעאָל 1954
מיין לעקסיקאָן /יידישע און העברעישע שרייבערס אין ישראל/
מאָנטרעאָל 1958

## פון דעם מחברס מאַמען:

הינדע בערגנער — אין די לאַנגע ווינטערנעכט /משפּחה־זכרונות/
אַרויסגעגעבן פון די דריי זין:
משה הררי — 1892־1921,
הערץ בערגנער,
מ. ראַוויטש — — מאָנטרעאָל 1946

# דאס פוילישע יידנטום

ביכער-סעריע פון דעם צענטראַל-פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין ארגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַג־לייטער: אברהם מיטלבערג

## ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו — מלכה אָוושיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג — י. ל. פרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן־וויערניק — טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פרץ גראַנאַטשטיין — מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט — חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל — באַרג חורבן (אויספאַרקויפט)
7) אלחנן צייטלין — אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד״ר ח. שאָשקעס — פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש — טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. נודעלמאַן — געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן — די יידן־שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) ישראל אפרת — היימלאָזע יידן (אויספאַרקויפט)
13) ד״ר יעקב שאַצקי — אין שאָטן פון עבר (אויספאַרקויפט)
14) דוד פלינקער — אַ הויז אויף גזשיבאָוו (אויספאַרקויפט)
15) ד״ר הלל זיידמאַן — טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ (אויספאַרקויפט)
16) זאַמלונג פון דאָקומענטן — קינדער־מאַרטיראָלאָגיע (אויספאַרקויפט)
17) חיים גראַדע — פּליטים (אויספאַרקויפט)
18) ש. קאַטשערגינסקי — פּאַרטיזאַנער גייען!... (אויספאַרקויפט)
19) פרידע זרובבל — נע ונד (אויספאַרקויפט)
20) מרדכי שטריגלער — מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי — אויפן ראַנד פון אָפּגרונט (אויספאַרקויפט)
22) ז. סעגאַלאָוויטש — געברענטע טריט (אויספאַרקויפט)
23) אברהם טייטלבוים — וואַרשעווער הייף
24) טאַניאַ פוקס — אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן!
25) ש. ל. שניידערמאַן — צווישן שרעק און האָפענונג (אויספאַרקויפט)
26) לעאָ פינקלשטיין — מגילת פוילן (אויספאַרקויפט)
27) יאַנאַס טורקאָוו — אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן — „אומלעגאַלע״ יידן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פאַט — הענעך
30) ד״ר י. קערמיש — דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) **שמחה פאַליאַקיעוויטש** — א טאָג אין טרעבלינקע
32) **מרדכי שטריגלער** — אין די פאַבריקן פון טויט **(אויספאַרקויפט)**
33) **אברהם נחתומי** — אין שאָטן פון דורות
34) **יחיאל לערער** — מיין היים **(אויספאַרקויפט)**
35) **יוסף וואָלף** — לייענענדיק פרצן...
36) **צפורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו** — יצחק קאַצענעלסאָן
37) **י. הירשהויט** — פינצטערע נעכט אין פאָוויאַק
38) **נחום סאָקאָלאָוו** — פערזענלעכקייטן
39) **רחל קאָרן** — היים און היימלאָזיקייט (לידער)
40) **א. אלמי** — מאָמענטן פון אַ לעבן
41) **מנשה אונגער** — פשיסכע און קאָצק **(אויספאַרקויפט)**
42) **מ. בורשטין** — איבער די חורבות פון פלוינע
43) **מ. קיפּניס** — הונדערט פאָלקס־לידער **(אויספאַרקויפט)**
44) **ז. סעגאַלאָוויטש** — מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב **(אויספאַרקויפט)**
45) **ד״ר ה. שאָשקעס** — אַ וועלט וואָס איז פאַרביי... **(אויספאַרקויפט)**
46) **שלמה וואַגאַ** — חורבן טשענסטאָכאָוו
47) **אברהם זאַק** — יאָרן אין וואַנדער **(לידער)**
49־48) **ש. איזבאַן** — פאַמיליע קאַרפ **(אויספאַרקויפט)**
(פּרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1950)
50) **ד״ר א. מוקדוני** — מיינע באַגעגעניש **(זכרונות)**
51) **ר. שושנה־קאַהאַן** — אין פייער און פלאַמען **(אויספאַרקויפט)**
52) **י. י. טרונק** — די יידישע פּראָזע אין פוילן
53) **יאָנאַס טורקאָוו** — אין קאַמף פאַרן לעבן **(אויספאַרקויפט)**
54) **יצחק פערלאָוו** — די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947״ **(ראָמאַן)**
55) **פנחס ביזבערג** — שבת־יום־טובדיקע יידן
58־57־56) **שלום אַש** — **פעטערבורג — וואַרשע — מאָסקווע**
59) **ד״ר פיליפּ פרידמאַן** — אָשוויענטשים
60) **ב. ראָזען** — טלאָמאַצקע 13
62־61) **דוד פלינקער** — **אין שטורעם** **(ראָמאַן)**
63) **יאַנוש קאָרטשאַק** — משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך **(אויספאַרקויפט)**
65־64) **מרדכי שטריגלער** — **„ווערק צע״** **(אויספאַרקויפט)**
(פרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פאָנד ביים
יידישן קולטור־קאָנגרעס, בוענאָס־איירעס, 1951)
66) **חיים גראַדע** — שיין פון פאַרלאָשענע שטערן
67) **רבקה קוויאַטקאָווסקאַ** — פון לאַגער אין לאַגער
68) **יואל מאַסטבוים** — מיינע שטורמישע יאָרן **(זכרונות)**
69) **אליהו טראַצקי** — גלות דייטשלאַנד
70) **ד״ר י. שאַצקי** — קולטור־געשיכטע פון דער השכלה **(אויספאַרקויפט)**
71) **נחמן מייזיל** — געווען אַמאָל אַ לעבן... **(אויספאַרקויפט)**
72) **י. י. טרונק** — סימכע פלאַכטע פון נאַרעקאָווע **(אויספאַרקויפט)**
**(פרעמירט דורכן צבי־קעסעל־פאָנד, מעקסיקע, 1951)**

73) **יהודה עלבערג** — אונטער קופערנע הימלען (אויספארקויפט)
(פרעמירט דורכן ליטעראַטור־פאַנד אין סאַו־פאולא, בראזיל, 1951)

74) **ד״ר א. מוקדוני** — אויסלאַנד

75) **זיגמונט טורקאָוו** — פראַגמענטן פון מיין לעבן

76) **יהושע פערלע** — יידן פון אַ גאַנץ יאָר
(פרעמירט מיט דער פרץ־פרעמיע פון יידישן פען־קלוב אין פוילן און ליטעראַטור־פרעמיע פון „בונד״ אין פוילן, וואַרשע, 1937

77) **יעקב לעשצינסקי** — ערב חורבן

78) **דניאל טשאַרני** — ווילנע

79) **ז. סעגאַלאָוויטש** — דער לעצטער לאַדזשער ראָמאַן (אויספארקויפט)

80) **יזכור־בוך** — בעלכאַטאָוו (אויספארקויפט)

81) **מ. י. שעליובסקי** — אויף אַ פולער וואָך

82—83) **יצחק פערלאָוו** — דער צוריקגעקומענער (ראָמאַן)

84) **יוסף אַקרוטני** — דאָס בוך פון די עלנטע

85—86) **מרדכי שטריגלער** — גורלות (אויספארקויפט)

87) **ד״ר יוסף טענענבוים** — גאַליציע — מיין אַלטע היים

88) **זלמן שזר** — שטערן פאַרטאָג (זכרונות)

89) **משה דוד גיסער** — דאָס געזאַנג פון אַ לעבן (אויספארקויפט)

90) **ז. י. אנכי** — ר׳ אבא און אַנדערע כתבים

91—92) **עמנואל רינגעלבלום** — קאַפּיטלען געשיכטע

93) **שמעון האָראָנטשיק** — אין גערויש פון מאַשינען (ראָמאַן)

94) **גרשם באַדער** — מיינע זכרונות (קראָקע)

95—96) **יאָנאָס טורקאָוו** — פאַרלאָשענע שטערן (אויספארקויפט)
(פרעמירט דורכן צבי קעסעל ליטעראַטור־פאַנד, מעקסיקע 1954).

97—98) **אַלטער קאַציזנע** — שטאַרקע און שוואַכע (ראָמאַן)

99) **פועה ראַקאָווסקי** — זכרונות פון אַ יידישער רעוואָלוציאָנערין

100) **מאַרק טורקאָוו** — די לעצטע פון אַ גרויסן דור (אויספארקויפט)

101) **י. הירשהויט** — יידישע נאָפט־מאַגנאַטן
(פרעמירט דורכן מרדכי־סטאַליאַר־ליטעראַטור־פאַנד, ביי „די אידישע צייטונג״, בוענאָס־איירעס, 1955).

102) **משה זאַנשיין** — יידיש וואַרשע

103) **פּ. מינץ** (אַלעקסאַנדער) — די געשיכטע פון אַ פאַלשער אילוזיע

104) **י. י. טרונק** — די וועלט איז פול מיט נסים (ראָמאַן)

105־106־107) **מיכאל באַרוויטש** — אַרישע פּאַפּירן
(פרעמירט דורכן ניימאַן־פאַנד, פאַריז, 1958).

108—109) **מרדכי שטריגלער** — געאָרעמט מיטן ווינט (ראָמאַן)

110—111) **ד״ר א. מוקדוני** — וואַרשע און לאָדזש
(פרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פאַנד, ניו־יאָרק, 1956).

112) **ברוך האַגער** — מלכות חסידות
(פרעמירט דורכן מרדכי־סטאַליאַר־ליטעראַטור־פאַנד, בוענאָס־איירעס, 1956).

113) **ב. שעפנער** — נאָוואַליפּיע 7 (אויספארקויפט)

114) פנחס שטיינוואַקס — ייִדן צום געדענקען
115) ק. צעטניק — דאָס הויז פון ליאַלקעס (אויספאַרקויפט)
116) מאַקס וויינרייך — פון ביידע זייטן פלויט
117) אליעזר וויזל — און די וועלט האָט געשוויגן
118) ש. בערלינסקי — ירושה
(פרעמירט דורכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק, 1957)
119) ד״ר יוסף טענענבוים — צווישן מלחמה און שלום
120) יוסף אַקרוטני — סוף קאַפּיטל
121) זיגמונט טורקאָוו — טעאַטער־זכרונות פון אַ שטורמישער צייט
122) בער י. ראָזען — פּאַרטרעטן
123) אברהם טענענבוים־ארזי — לאָדזש און אירע ייִדן
124—125) משה קאַגאַנאָוויטש — די מלחמה פון ייִדישע פּאַרטיזאַנען
126—127) אברהם זאַק — קנעכט זענען מיר געווען
(פרעמירט דורך דער באָריס סוראָוויטש־פּרעמיע, ניו־יאָרק, 1957)
128) יעקב גלאַטשטיין — ווען יאָש איז געפֿאָרן
129—130) דוד פלינקער — נייע צייטן (ראָמאַן)
(פּרעמירט דורך דער מרדכי סטאָליאַר־פּרעמיע, בוענאָס־איירעס, 1958)
131) משה יודל שעליובסקי — אין דער וועלט אַריין
(פרעמירט דורך דער האָפּער־לייב־פּרעמיע, ניו־יאָרק, 1958)
132) ד״ר יצחק שוואַרצבאַרט — צווישן ביידע וועלט־מלחמות
133) לעאָן לענעמאַן — דער חשבון בלייבט אָפן
134) שלמה פראַנק — טאָג־בוך פון לאָדזשער געטאָ
135) מ. באַקאַלטשוק — זכרונות פון אַ ייִדישן פּאַרטיזאַן
136) פּנחס וועלנער — אין יענע טעג
137) אלימלך ראַק — זכרונות פון אַ ייִדישן האַנטווערקער־טוער
138) הירש אַבראַמאָוויטש — פאַרשווּנדענע געשטאַלטן
(פרעמירט דורכן צבי־קעסעל־פאָנד, מעקסיקע 1959)
139) ב. טערקעל — צווישן שאָקאַלן
140) י. ל. וואַלמאַן — פּוילישע ייִדן (ראָמאַן)
141—142) נ. שמן — דאָס געזאַנג פון חסידות (אויספאַרקויפט)
143—144) צבי כהן — שטורמישע דורות (ראָמאַן)
145) יאָנאַס טורקאָוו — נאָך דער באַפרייאונג
146) העלענאַ שערעשעווסקאַ — צווישן צלם און מזוזה (אויספאַרקויפט)
147) פּנחס שטיינוואַקס — ייִדישע מאַמעס צום געדענקען
148) וואָלף מערקור — די וועלט איז כּעלעם (אויספאַרקויפט)
149) ראובן בן־שם — פּוילן ברענט...
150) יצחק טורקאָוו־גרודבערג — פּנימער און מאַסקעס
151) שלמה פריזאַמענט — בראָדער זינגער
152) דוד לעדערמאַן — פון יענער זייט פּאַרהאַנג (אויספאַרקויפט)

153) שיינע־מרים בראָדערזאָן — מײַן ליידנס־וועג מיט משה בראָדערזאָן
154) פּאָלאַ אַפּענשלאַק — יאַנוש קאָרטשאַק
155) שלמה ברײנסקי — מענטשן פון זשעלעכאָוו
156) זיגמונט טורקאָוו — די איבערגעריסענע תקופה
157־158) אינזש׳ דוד דאַווידאָוויטש — קונסט־געשיכטע פון שולן אין פּוילן
159) א. אַלמי — זאַמלבוך
160) ד״ר יצחק לעווין — יידן אין אַלטן פּוילן
161) מלך ראַוויטש — דאָס מעשה־בוך פון מײַן לעבן

## עס גרייט זיך צום דרוק:

ישראל עמיאָט — פאַרדעקטע שפּיגלען
ישעיהו טרונק — געשטאַלטן און געשעענישן
מענדל עלקין — זכרונות
אברהם זאַק — אין אָנהייב פון אַ פרילינג
ד״ר ל. וולמאַן — יידישע דאָקטוירים אין פּוילן
יעקב צינעמאַן — די שטאָט ביים טײַך סאַן
ב. טערקעל — די זון פאַרגייט ביים אמור

## פּרעסע־שטימען וועגן דער ביכער־סעריע

# דאָס פּוילישע ייִדנטום

**חיים לייב פוקס** שרייבט וועגן דעם בוך פון יאָנאַס טורקאָוו „נאָך דער באַפרייונג", אין זיין אַרטיקל א"נ „אַ טראַגישע, פאַרפייניקטע און אַנטוישטע „באַפרייונג", („פאָלק און וועלט", ניו־יאָרק, אויגוסט 1961):

פון די הונדערטער ביכער וועגן יידישן
חורבן, זינט היטלערס מלחמה־מאַרש קעגן
יידישן פאָלק, וואָס זענען דערשינען און
דערשיינען עד־היום אין אַלע יידישע תפר־
צות די לעצטע 15 יאָר, איז דאָס בוך פון י.
טורקאָוו „נאָך דער באַפרייאונג" פון גאָר
אַ באַזונדערן ווערט.

און הגם דער מחבר באַצייכנט זיין ווערק
מיטן פשוטן באַשיידענעם נאָמען „זכרונות",
וואָס דאָס קען פאַרטייטשט און אויפגענומען
ווערן, ווי אַ בוך פון יחידיש־פערזענלעכן
כאַראַקטער, גייען אָבער טורקאָווס „זכרו־
נות" אַרויס פון אָנגענומענעם נוסח און
דערהייבן זיך צו אַ ספעציעלן באַטייט.

יאָנאַס טורקאָוו, דער באַרימטער יידישער
קינסטלער און טעאַטראַל, וואָס האָט אין זיין
לאַנגיאָריקער געזעלשאַפטלעכער פּראַקטיק
גוט געקענט סיי דאָס יידישע און סיי דאָס
אַלגעמיינע לעבן אין פוילן, האָט אין די
חורבן־יאָרן (ווען יידיש לעבן האָט זיך גע־
טרונקען אין אַ ים פון בלוט) אויסגעטוישט
זיין קינסטלעריש־טעאַטראַלן באַרוף, אויף אַ
שרייבעריש־היסטאָרישן. ער האָט דורך דעם
באַוויזן זיין גרויסע אחריות, זיין איבערגע־
געבנקייט צום יידישן כלל און דורך דעם צו
ווערן דער טרייער כראָניקער און שילדערער
פון יידישן לעבן אין דער חורבן־תקופה,
וועגן וועלכער דער גרויסער דובנאָוו ע"ה האָט
אָנגעזאָגט אין זיין צוואה צו פאַרשרייבן וואָס
מערער. דערמיט האָט זיך יאָנאַס טורקאָוו
גלייכצייטיק אויפגעהויבן איבער זיין באַרוף,
צו דער מדרגה פון אַ פאַראייביקער אין אונ־
דזער שווער־געפרווטקייט, ווען דאָס גאַנצע
פאָלק האָט איבערגעלעבט יאָרן פון קידוש־
השם, ווען די ווירקלעכקייט האָט איבערגע־
שטיגן אַלע פאָרשטעלונגען.

טורקאָווס בוך איז נישט בלויז אַ בוך אויף
דער חורבן־טעמאַטיק, נאָר אַ בלוט־טריפנ־
דיקער אויטענטישער דאָקומענט פון דער
איצטיקער יידישער געשיכטע, וואָס קען באַ־
צייכנט ווערן, ווי נייע בלעטער פון אַ היינט־
צייטיקן „יוון־מצולה", וועלכע דער קומענ־
דיקער געשיכטע־שרייבער (נישט בלויז דער
יידישער, נאָר אויך דער אָביקעטיוו־אַלגעמיי־
נער), וועט נישט קענען אויסלאָזן, ווען ער
וועט וועלן געבן דאָס ריכטיקע בילד ביים
באַשרייבן די צייטן זינט 1939, און אַפילו
ביז סוף 1948, דריי יאָר נאָכן היטלער־
חורבן...

און פונקט ווי אין זיינע פריערדיקע פיר
ביכער פון חורבן, די ווערק: „אַזוי איז גע־
ווען", וואָס נעמט אַרום די עפּאָכע פון אָנ־
הייב מלחמה אין סעפּטעמבער 1939, ביז צום
וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד; „אין קאַמף
פאַרן לעבן", אין וועלכן ער שילדערט די
צייט פון אָנהייב געטאָ־אויפשטאַנד אין וואַר־
שע, ביז צו דער באַפרייונג פון פוילן, און
אין די צוויי גרויסע ביכער „פאַרלאָשענע

שטערן״, וואָס קענען מיט רעכט אָנגערופן ווערן די ווירדיקסטע מצבה אויפן רוב אומ־באַקאַנטע קברים פון די אומגעבראַכטע יידי־שע טעאַטער־מענטשן, צו וועלכע טורקאָוו האָט געטאָן דעם אמתן חסד של אמת, וואָס גלייכצייטיק איז עס אויך אַ וויכטיק קאַפּיטל פון יידישן טעאַטער און קולטור־געשיכטע אין יידישן פּוילן; אַזוי אויך מיטן איצטיקן בוך האָט טורקאָוו געדינט דעם יידישן כלל ווי אַ כראָניקער און היסטאָריקער.

אין דעם נייעם בוך ווערן אַרויסגעבראַכט זייער וויכטיקע מאַטעריאַלן און פאַקטן. הגם עס זענען שוין אַריבער 15 יאָר נאָכן חורבן, זענען זיי דאָס רוב ניי און כמעט ווי נישט באַרירט געוואָרן, און עד־היום נישט באַאַר־בעט געוואָרן דורך די יידישע געשיכטע־שריי־בער און פאָרשער, מיטן אויסנאָם פון גאָר קליינע פאַרצייכענונגען אין די אויסגאַבעס פון קיבוץ לוחמי הגיטאות אין זייערע „דפים״ און אַנד.

דאָס בוך דערציילט וועגן דעם טרויעריקן אויסנאַם־צושטאַנד און דעם מצב פון יידישן מענטש אין פּוילן, שוין נאָך דער כלומרשטער „באַפרייונג״, ווי אויפן אָרט פון דייטשן נאַצישן רוצח, האָט אויף יעדן ייד ממש און אויף יעדן מיט ניסים־אָפּגעראַטעוועטן יידישן קינד, געלויערט דער טויט, דורך די „באַ־פרייטע״ פּאָליאַקן און אַנדערע מערדער, וואָס האָבן זיך ווי ווילדע חיות אַרויסגעלאָזט צו פאַרצוקן, צו פאַרטיליקן די געציילטע רעשטלעך פון די ניצול־געוואָרענע, די צוריק־געקומענע, טויט־דערשראָקענע, פאַרפּייניקטע יידישע יחידים פון די וועלדער און גריבער, פון די באַהעלטענישן און על־פּי צופאַל נישט אַנטדעקטע דורך די „טרייע שכנים״, וואָס האָבן פון זיי צוערשט צוגענומען דאָס לעצטע העמד און שפּעטער פאַר אַ פונט צוקער אי־בערגעגעבן זיי צום טויט, צום אומקום...

פון די בלעטער אַרויס, פון די ווערטער אָנגעגליטע מיט צער און צאָרן, הערן מיר נאָך די פאַרשטיקטע געוויינען און געשרייען, דער אָפּהילך אין ליידיקן חלל אַריין פון דעם לעצטן קרעכץ פון דעם שארית־ישראל, דער איבערבלייב פון די דייטשע קאַצעטן און טויט־לאַגערן, אָדער פון די אַנטרונענע, וואָס זענען קוים מיט צרות צוריקגעקומען פון די סאָוועטישע טורמעס און פּייניקונג־לאַגערן. מיר זעען זיי פון בוך אַרויס און מיר מאָנען זייערע לעבנס, וואָס זענען פאַרשניטן גע־וואָרן, דורך פאַרברעכערישע „באַפרייטע״ היימישע פּוילישע מערדער, בלויז צוליב דעם וואָס זיי זענען געווען יידן...

יאָנאַס טורקאָוו, וואָס האָט אויפן אייגענעם לייב אויסגעטראָגן די דייטשע און פּוילישע אכזריותן אין וואַרשעווער געטאָ, אויף דער אַרישער זייט, ווערט אַרומגענומען מיט פּיין און וויי, ווען ער זעט צו, ווי די פּוילישע באַ־פעלקערונג האָט גאָרנישט געלערנט דורך זיי־ער באַפרייט ווערן פון אָקופּאַנט, נישט מיט־געפילט מיט זייערע שכנים, נאָר מיט דער גאַנצער שנאה דערשלאָגן די רעשטלעך „נישט דערהרגעטע״ (זייער אויסדרוק)...

אָבער נישט בלויז וועגן די בלוטיקע מעשים פון די פּאָליאַקן (אויך אַ ביסל וועגן די סאָ־וועטישע באַפרייער אַליין) דערציילט טור־קאָוו אין זיין בוך. ער גייט נאָך ווי אַ גע־טרייער שומר נאָך די רעשטלעך יידן, איז מיט זיי צוזאַמען און אויפן הינטערגרונט פון דער טרויעריקער ווירקלעכקייט, מיט אַ געניט אויג און געהער און מיט גרויס פאַר־זיכטיקייט, פאַרצייכנט ער לדורות די אַלע געשעענישן פון יידישן און אַלגעמיינעם לעבן אין פּוילן, זינט זומער 1944; פון באַלד נאָך דער באַפרייונג פון לובלין, ביז די טעג ווען עס האָבן שוין געברענט די טריט אונטער זיינע פיס, ווי אונטער די טריט פון רוב יידן אין פּוילן.

אין בוך קומען אויך בולט אַרויס די אי־

נערלעכע איבערלעבענישן פון רוב געזעל־שאַפטלעכע טוערס, ווען עס ווערט אויסגע־רונען די לעצטע האָפענונג אויף אַ יידישן ישוב אין פוילן אונטער דער קאָמוניסטישער ממשלה, און מיר ווערן אַרומגענומען מיט גרויס מיטגעפיל צו די עסקנים, וואָס האָבן מער ווי איינמאָל איינגעשטעלט זייער לעבן, פונקט ווי דאָס לעבן פון די לעבנגעבליבענע. עס קען זיין, אַז טורקאָווס לאַנגן בלייבן אין נאָך־מלחמהדיקן פוילן האָט דאָמינירט דער היסטאָרישער אינטערעס, וואָס ער האָט געזען ווי דער אמת ווערט פאַרקריפּלט דורך די קאָ־מוניסטישע היסטאָריקער, לויטן ביישפּיל פון דער ערשטער אויסגאַבע וועגן אויפ־שטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, אָבער בעת מיר לייענען דאָס בוך, זעט מען אויך קלאָר טורקאָווס יידיש געמיט און געוויסן, וואָס האָט אים נישט געלאָזט באַלד אַנטלויפן פון עמק הבכה, נאָר מיטליידן מיטן גאַנצן יידישן ציבור דאָרטן און אפשר קענען עפּעס טאָן צו לינדערן די פּיין.

אין טייל קאַפּיטלעך זעט מען דעם געראַנגל צווישן דעם געזעלשאַפטלעכן עסקן און הייסן ייד, ווען ער ווערט באַהערשט פון צווייפל־דיקע מחשבות פון איינעם וואָס האָט אַליין אַדורכגעלעבט די היטלער־יאָרן; ווי דער גע־פיל פון נצח ישראל אָדער יידישן בטחון האָט זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט די פאַקטן פון אַרום און אַוועקגעשטעלט אויפן סדר־היום די פראַגע פון ווייטערדיקן יידישן קיום בכלל.

מען האָט געקענט האָפענונגסלאָז פאַר־צווייפלט ווערן, בעת מען האָט אַליין איבער־געלעבט פון דער נאָענט דעם פּאָגראָם אין קראָקע פון 11טן אויגוסט, 1945, און נאָך האָבן דעם כוח עס צו שילדערן, ווי מיר לייענען אויף די זייטן 133, 134 און 135 — פאַקטן וואָס זענען כמעט נישט באַקאַנט דער יידישער און נאָך ווייניקער דער נישט־יידי־שער עפנטלעכקייט.

אָט ווי אַזוי טורקאָוו באַשרייבט עס אין זיין בוך:

שבת, דעם 11טן אויגוסט 1945, איז אין קראָקע אויסגעבראָכן אַ פּאָגראָם אויף יידן. ווען די שול אויף מיאָדאָווע גאַס 26 איז געווען איבערפולט מיט יידן, וועלכע זענען געקומען צום שבתדיקן דאַווענען, האָבן זיך פאַרן טויער פון דער שול אָנגעהויבן צו פאַרזאַמלען גרופּקעס כוליגאַנעס און פאַרשפּרייטן קלאַנגען, אַז יידן האָבן דערהרגעט קריסטלעכע קינדער. און ווידער האָט ווי אַ העץ־מיטל געדינט די אַלט־באַקאַנטע עלילת־דם גע־שיכטע...

דער המון פּאָליאַקן האָט זיך אַריינגע־ריסן אין שול אַריין, אָנגעהויבן זי צו דעמאָלירן און באַוואַרפן די יידן מיט שטיינער. די ספרי־תורות האָבן זיי צע־ריסן, אַרויסגעשלעפּט אויפן הויף און געמאַכט פון זיי אַן אויטאָ־דאַ־פע. די שול גופא האָבן זיי אונטערגעצונדן פון אי־נעווייניק. אין דער זעלבער צייט האָט אַ צעיושעטער המון כוליגאַנעס זיך גע־וואָרפן אויף די פאַרבייגייענדיקע יידן און זיי מערדערלעך געשלאָגן. זיי זענען אויך אָנגעפאַלן אויף יידישע וווינונגען און אינסטיטוציעס, שלאָגנדיק און רויבנדיק אַלץ וואָס עס איז זיי געקומען אונטער דער האַנט. אַפילו יידן אין פּוילישע מי־ליטער־מונדירן זענען באַפאַלן געוואָרן. אויך זיי האָט מען נישט געשוינט... ביי דער שטאָטישער עלעקטרישער סטאַנציע האָבן כוליגאַנעס צעפּלעטן דעם קאָפּ פון אַ פאַרבייגייענדיקער עלטערער יידישער פרוי... די אַדרעסן פון יידישע וווינונגען, אַפילו פון יידן וואָס האָבן געלעבט אונ־טער קריסטלעכע נעמען האָבן די כולי־

**גאַנעס געהאַט אויף אַ ספּעציעל־צוגע־**גרייטער רשימה, וואָס זיי האָבן געטראָגן מיט זיך... עס זענען געווען פיל יידישע קרבנות, טויטע און פאַרוונדעטע...

אין די אָנפאַלן אויף יידן האָבן זיך אויך באַטייליקט דער פּוילישער אָפיציר פון „אובע״ (זיכערקייט־אַמט) און אַ סאָוועטיש־רוסישער קאַפּיטאַן פון דער 17־טער געפּאַנצערטער דיוויזיע וואָס האָט סטאַציאָנירט אין קראָקע...

ערשט מאָנטיק (אין צוויי טעג אַרום) האָבן זי באַוויזן אויף די גאַסן רוסיש מיליטער, וואָס האָט אָפּגעשטעלט דעם פּאָגראָם.

עס מוז אָבער פעסטגעשטעלט ווערן אַז די סאָוועטישע אָפּטיילונגען, וואָס זענען אַרויס אין גאַס צו מאַכן אַ סוף צו די פּאָגראָמען, זענען באַשטאַנען לרוב פון יידן.

די אויטענטיש באַשריבענע שורות וועגן קראָקעווער פּאָגראָם כאַראַקטעריזירן און מאַכן קלאָר די אמתע לאַגע פון די יידן אין פּוילן. זיי ווייזן דעם הינטערגרונט פון אַלע אַנדערע געשעענישן, וואָס טורקאָוו שילדערט אין זיין וויכטיקן בוך. עס ווערן דעריבער פאַרשטענדלעך די אַלע מעשים, וואָס האָבן קודם־כל געהאַט דעם צוועק צו ראַטעווען דאָס נאַקעטע לעבן פון דער שארית הפליטה. עס וואָלט צופיל פּלאַץ פאַרנומען צו אילוסטרירן מיט אויסצוגן פון דעם בוך די אַלע געשעענישן, וואָס זענען שוין אַביסל אָפּגעמעקט, סיי אין זכרון פון יחידים און סיי פון פאָלקס־זכרון. דאָס בוך פאַרצייכנט לדורות און די אַלע ווערטער ווערן די עדות אין דער דראַמע, וואָס הייסט: יידיש לעבן אין פּוילן נאָך דער באַפרייונג.

איך קאָן אָבער נישט אויסמיידן צו דערמאָנען די טרויעריקע איינצלהייטן וועגן די אָפּגעראַטעוועטע יידישע קינדער און זייער **מצב פון דער ערשטער צייט ביז זייער גע־**ראַטעוועט ווערן, דורך דער בריחה און דורך דער קינדער־עליה. עס מוז אויך דערמאָנט ווערן דער וויכטיקער פאַקט, וואָס טורקאָוו דערציילט, וועגן דעם פאָרשלאַג פון פּאַרטיזאַן טוביה ביעלסקי, אַז עס זאָל געשאַפן ווערן אַ יידישע זעלבסטשוץ, וואָס האָט געזאָלט איבערנעמען דעם שוץ איבער די רעשטלעך יידישע לעבנס. ליידער, ווייסן מיר נישט ווער עס האָט דערצו נישט דערלאָזט.

די צייט פון קעלצער פּאָגראָם, ווען אַלע פּאָלאַקן האָבן כמעט געהאַט מעסערס אין די אויגן און וואָס הונדערטער יידישע משפּחות דערמאָנען מיט צער און טרויער (מיין אייגענע משפּחה האָט עד־היום נאָכווייעניש...), וואַרט ליידער נאָך אויף איר היסטאָריקער. איין זאַך קען מען אָבער פעסטשטעלן: נאָך קעלץ, האָט זיך אַפילו אין די רייען פון די פאַרטיידיקער פון אַ יידישן ישוב אין פּוילן אָנגעהויבן דער צווייפל פון אַ נייער באַזעצונג פון יידן, און אַפילו פּשוטע יידן האָבן שוין נישט אַזוי מורא געהאַט אַרויסצוקומען מיט זייערע גערעכטע טענות, אַז דער יידישער ישוב אין פּוילן איז געבויט אויף זאַמד.

אַז די אַלע וואָס האָבן נאָך געהאַט אילוזיעס זענען אָפּגענאַרט געוואָרן, ווערט קלאָר בעת מיר לייענען די בלעטער פון טורקאָווס בוך „נאָך דער באַפרייונג״, וואָס דעקט אויף פאַר אונדז נישט בלויז דעם פּראָבלעם, נאָר אויך אַנדערע פראַגן וועגן יידישן קיום און דייער. עס גיט אונדז אויך צו פאַרשטיין, פאַרוואָס היטלער האָט דווקא אויסגעקליבן די פּוילישע ערד פאַרן מאַסן־קבר פון יידישע זעקס מיליאָן קרבנות.

די בלעטלעך, וואָס דערציילן וועגן נאָכן חורבן, דעקן גלייכצייטיק אויף דאָס בילד אויך פון דער חורבן־צייט. זיי לערנען אונדז אויך צו פאַרשטיין, אַז דאָס יידישע פאָלק מוז האָבן זיינע אייגענע רעטער און קאָן זיך

ניׂשט פֿאַרלאָזן אויף פֿרעמדע, ווי זיי האָבן זיך נישט געקאָנט פֿאַרלאָזן אין יענע יאָרן נאָך דער „באַפֿרייונג״ אין פּוילן, און ווי זיי קענען בכלל זיך נישט פֿאַרלאָזן אויף אין אַ סך אַנדערע לענדער פֿון אַלגעמיינער פֿרייהייט.

---

וועגן אַלע ענינים וואָס האָבן אַ שייכות צו דער ביכער־סעריע

„דאָס פּוילישע ייִדנטום״

זיך ווענדן:

**UNION ISRAELITA POLACA**

**Pueyrredón 667** **Buenos Aires**

---

Este libro se terminó de imprimir en el mes de febrero de 1962, en los Tall. Gráf. JULIO KAUFMAN S.R.L., Corrientes 1976, Buenos Aires.

COLECCION
"EL JUDAISMO POLACO"
DIRECTOR:
MARC TURKOW
DIRECCION ADMINISTRATIVA:
ABRAHAM MITELBERG
Volumen 161

Copyright by
MELECH RAVITCH, Montreal, Canadá

Hecho el depósito que marca la Ley

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINA

MELECH RAVITCH

# Dos Ma'aseh - Buch fun main Lebn

1893 — 1908

(THE MA'ASEH-BOOK OF MY LIFE)

Editado por la

**Unión Central Israelita Polaca en la Argentina**

Buenos Aires, 1962